STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10773

SHPRAKH-KULTUR

Elye Spivak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאָלקסקאָמיסאַריִאַט פֿאַר בילדונג פֿון או. ס. ר. ר.

א. ספּיוואַק

שפּראַכ-קולטור

(טעאָריע און פּראַקטיק)

צענטרפֿאַרלאַג
אַלוקראַיִנישע אָפּטיילונג
כאַרקאָוו 1931 קיִעוו

די ביבליִאָגראַפישע פאַרצייכעָנונג
פונעם בוך און די שיפערן פאַר
ביבליִאָטעק-קאַטאַלאָגן זײַנען אָפּ-
געדרוקט אין „צײַטשריפט פון דרוק״
און אין דעם „קאַרטן-רעפּערטואַר״
פון דער אוקראִינישער ביכער-
פּאַלאַטע.

אלוקר. פּאָליגראַפ. פאַרייניקונג
אינטערנאַציִאָנאַלע דרוקערײַ
קיִעוו, רויטער פּלאַץ № 3.
באַש. 20—3000. 15 דר.בויגן
אוקרהויפּטליט 5384(2949).

פונעם אווטער

„ש פ ר א כ - ק ו ל ט ו ר" איז א צווייטער טייל נאָך „שפּראַך און ליטעראטור און שול" ערשטער טייל (איוורע). די ראמענ פונ אָט דער איצטיקער ארבעט זײַנע אָבער פיל ברייטער, דער אינהאלט — פארנעמיקער און פארשיידנארטיקער. מיט דערדאָזיקער ארבעט האָב איך בעדייע געהאט:

1) צו שטעלנ גענוי און שארפ אנ אקטועלסטע פּראָבלעמ פאר אונדזער „שול און לעבנ" — קולטור פונ מינדלעכע און שריפטלעכע רייד און

2) אופשטעלנ ווי מעגלעכ א ס י ס ט ע מ פ ו נ ו ו אָ ר ט - ק ו ל ט ו ר, וואָס פּראקטיש האָב איכ עס שוינ אָנגעהויבנ צו טאָנ פאר דער שול מיט „אונדזער וואָרט" 1—2.

סע פעלט נאָכ אונדז אָפּטמאָל אויס דער סאמע עלעמענטארער וויסנשאפטלעכער מאטעריאל, דעפיניציע און סיסטעמאטיזאציע, אפ וואָס ס'זאָל זיכ האלטנ א מעטאָדיק-קורס. האָב איך זיך דאָ אינ א היפּשער מאָס פארנומענ מיט אלגעמיינ-טעאָרעטישע באהויפּטונגענ און מיט סיסטעמאטיזאציע. אפ וויפל דאָס איז נאָר מעגלעכ געווענ אינ אזא ספּעציעלער ארבעט, האָב איכ, דוכט זיכ, נאטירלעכ צונויפגעשלאָסנ די „טעאָריע" און „פּראקטיק".

„שפּראכ-קולטור" דארפ זײַנ א הילפבוכ פארנ לערער אפ דער נידעריקער און העכערער שול-שטופע, פאר דער סטודענטשאפט פונ פּעדאנשטאלט, בא דער ארבעט און זעלבסטארבעט אפ וואָרט-קולטור ביכלאל.

דער בוכ באשטייט פונ אזוינע גרונט-טיילנ:

א) א ר ײַ נ פ י ר. כ'מערק דאָ אָפּ וואָרט-קולטור אלס סיסטעמ פונ ארבעט לויט אונדזער נײַעמ באנעמ.

ב) צ ו ד ע ר פּ ר אָ ב ל ע מ פ ו נ מ י נ ד ל ע כ ע ר י י ד. אייניקע וויכטיקערע אָפּשניטנ פונ מינדלעכער וואָרט-פאָרמ: ערשטע קינדערשע רייד-אָנזאמלונג, שמועס, דערציילנ, טעכניק פונ מינדלעכע רייד.

ג) ס ע מ א נ ט י ק א ו נ ס ט י ל י ס ט י ק. איכ פּרוּוו זיכ צו געבנ א סיסטעמ פונ ארבעט אפ סטיליסטיש-אָנגעמאָסטענעמ יידישנ וואָרט און ריידארט. איך באריר דאָ צווישנ איבעריקנ, מער-ווייניק גענוי די פּראָבלעמענ פונ אנאָנימיע, פּאָליסעמיע, אלטוואָרט, נײַוואָרט, אייגנטלעכנ און פיגוראלנ אינ רייד (אײַנגעשלאָסנ א פּאָר ספּעציעלע קאפּיטלענ מעקויעכ פארגלײַכונג און עפּיטעט), מאסנדיק-פאָלקלאָרישע עלעמענטנ און א פּאָר וויכטיקערע אָפּשניטנ פונ סטיליסטישער גראמאטיק.

ד) א ו פ ז א צ א ו נ ל י ט ע ר א ר י ש ע ש א פ ו נ ג. איכ באהאנדל דידאָזיקע טעמע ווײַט-מעגלעכ פּראקטיש. איכ ברענג לעבעדיקע מוסטערנ פונ אייגענער און ניט-אייגענער פּראקטיק.

געבונדנ צווישנ זיכ זײַנענ די קאפּיטלענ „קינדערשע מינדלעכע רייד-אָנזאמלונג" אינ אָנהייב און „מעקויעכ דיסקאָנטירנ און זאמלענ דעמ קינדערשנ אופזאצ" צו לעצט, — איכ מערק דאָ אויכ אָנ אינ קורצנ א פּלאנ אפ זאמלענ און דיסקאָנטירנ דאָס קינדערשע מינדלעכע און שריפטלעכע וואָרט.

בא דער איצטיקער ארבעט זײַנענ מיר געקומענ צו הילפ מיט קינדערשע ארבעטנ און מאטעריאלנ א ריי כאווײרימ לערער. וויל איכ דאָ הארציק באדאנקענ — דעמ גרעסטנ טייל אָדעסער שולנ, די שול פונ בערעזאָווקע (אָדעסער קרײַז), סאווראנ (פּערוואָמײַסקער קרײַז), ניקאָפּאָל, מאלאָפּאָדאָלסק א. א.

אָדעס, יולי 1930.

א. ספּיוואק.

אַרײַנפֿיר

אָרט פֿון שפּראַך אין שול

אנומלטנ נאָכ, ווענ ס'איז אָקאָרשט אופגעקומענ דער ערשטער „גוס"-"ווארנאנט, האָט דער פּעדאגאָגישער גדאנק געפּלײַסט זיכ אויסצוקלאָרנ די פראגע מעקויעכנ „אָרט" פונ שפּראכ אינ שול. די האנאָכע ווענג „באדינערישקײַט" האָט עפּעס ניט גאָר צופרידנ געשטעלט דאנ דעמ לערערשנ אויף־לעמ, איבערהויפּט די שפּראכלער. צי האָט טאקע די שפּראכ אינ שול ניט מער ווי א „באדי.ערישע", באהילפיקע פונקציע לעגאבע די אנדערע לימודימ? אונ צי זײַנע: שוינ די „א.דערע לימודימ" ניט „אונטערגעוואָרפנ" צו קיינ אנדערע לערנ־אונ דער־ציִונג־צילנ? לויט דערזעלבער האנאָכע האָט דאָכ דאנ ליטעראטור אויכ געזאָלט זײַנ בלויז איליוסטראטיוו־„באדינעריש" לעגאבע געזעלשאפטקענטעניש.

לעגאבע שפּראכ איז ניט אזוי שלעכט געווענ די עצעמ שטעלונג צו דער ראָל פונ שפּראכ־לימעד אונ זײַנ אָרט אינ דער נײַער שול, ווי די פאָרמורלירונג פונ אָט דער שטעלונג. אינ שפּראכ־לימעד האָט זיכ, ליידער, בוילעט פאר־קערפּערט די קלאָלע פונ דער אלטער לערנ־סיסטעמ, ווענ אינ שול האָט איבערהויפּט געוועלטיקט דאָס „וואָרט", „רייד" (אונ וויפל פוסטע רייד),—דאָס ווערבאלע. אונ האגאמ די פאָרמולירונג איז ניט גענוג קלאָר אונ עטוואָס צעשוומענ געווענ, האָט זי פאָרט אפּ א געוויסנ שטייגער פארקערפּערט אָט די געזונטע רעאקציע קעגנ אלטנ ווערבאלנ שול־נוסעכ. אונ געזאָלט האָט עס מינערנ די שליטע פונ וואָרט אינ שול, אפילע פונ שיינעמ, אָבער אינ טאָכ ריטאָרישנ וואָרט, ווי מיר געפינענ עס טיילמאָל בא עמעצנ פונ די פריִערדיקע בעסערע מעטאָדאָלאָגנ אונ מעטאָדיסטנ.

איז וואָס שייַעכ צו דער פריִערדיקער פאָרמולירונג ווענג דער „באדינערישער" ראָל פונ שפּראכ אינ שול, דארפ מענ שוינ איצט באטאָנענ, אז „באדינעריש" איז אינ טאָכ ארײַנ דער גאנצער סכומ לערנ־מאָמענטנ. די שול, דער שול־קאָמפּלעקס אינגאנצנ גענומענ אונ מיט די באזונדערע מאָמענטנ, דינט דעמ איינציקנ גרויסנ ציל,—אויסצופאָרמירנ אקטיוו־קעמפערישע אונ בויעריש־שעפערישע גלידער פונעמ סאָציאליסטישנ ארבעט־קאָלעקטיוו, וואָס קומט אופ אונ שאפט זיכ פאר אונדזערע אויגנ.

דער ווערבאליזמ פונ דער אלטער שול האָט געשטעקט ניט נאָר אינ די וואָרט־דיסציפּלינעס, ער האָט געשטאמט אונ פעט גענערט זיכ פונ דער גאנצער לערנ־סיסטעמ, פונ דער טראדיציאָנעלער מאָנאָפּאָל פונ וואָרט אונ בוכ, ניט פונ טאט אונ מוסקול—דורכ ארבעט. אינ דער נײַער שול דארפ די שפּראכ פאָרמירנ אינ וואָרט דעמ פעדפראָצעס אונ מיטבערענגענ דעמ געבוו. אונ די קולטור פונ בייטיקנ לעבנ־וואָרט, אלס „ווערקצײַג פונ גדאנק", ווי „פּינקטלעכקײַט אונ

ריכטיקײַט פונ שפראכ זײַנענ אומבאדינגט נײטיק צוליב פינקטלעכקײַט אונ ריכטיקײַט
פונ עצעמ געדאנק".

אונ נאָכ אָט וואָס. די אײגנטלעכע ארבעט אפ וואָרט, דער שפראכ־לימעד פאר
זיכ גענומענ, קענ זיכ גאנצ גוט באגײנ בא לעבעדיקער שול־טעטיקײַט מיט יענע
ארבעט־מאָמענטנ אונ אקטיווע פרינציפנ פונ אוכנעמענ אונ פארײגענענ, וואָס דארפנ
בילטנ אינ דער ג א נ צ ע ר לערנ־ארבעט.

מע וואָלט געקענט אויספאָרמולירנ אזא האנאָכע לעגאבע דעמ אָרט פונ שפראכ
אינ שול: שפראכ איז ניט „איבער אלעס" אונ ניט דער צענטער פונ אלצ*), שפראכ
איז אויכ ניט קײנ „דינסט", קײנ וואָסער־ניט־איז טעכניש־באהילפיק מיטל פונ צווייטנ
גראד, — שפראכ איז א העכסט־וויכטיקער אונ אָרגאנישער ב א ש ט א נ ד ־ ט ײ ל פונ
דער ג א נ צ ע ר לעבעדיקער ארבעט. דער פעדפראָצעס, ביכלאל, פאָרמירט אינ טאט
אונ ארבעט, דארפ אויכ דורכגענומענ ווערנ אינ וואָרט, אלס קאָמפליצירטע באדינג־
רעפלעקטאָרישע טעטיקײַט, אלס פאקט אונ פאקטער פונ עכטנ וויסנ, פונ דער
„ווערבאליסטישער" סאָציאל־קלאסעווער לעבנ־דערפארונג.

אינ דער נײַער שול פונ ארבעט, קאָמפלעקס, פראָעקט קענ די שפראכ באקומענ איר
עכטע אונ נאטירלעכע אנטפלעקונג. באמ פארשײדנארטיקנ אונ פילארטיקנ אָנווענדנ
אונ געברויכנ ברענגט דאָ די שפראכ ניט סטאמ צו „רײד־אנטוויקלונג" (לויטנ פריִ־
ערדיקנ טערמינ), ווי ס'פלעג טײלמאָל זײַנ מערער „רײד" (אונ סטאמ רײד, ריטאָ־
ריק) אײדער „אנטוויקלונג", נאָר בעפײרעשע אונ עכטע קולטור פונ מ י נ ד ל ע כ ע אונ
ש ר י פ ט ל ע כ ע רײד, אלס אויסדרוק פונ סאָציאל־באדערפטיקער קולטור ביכלאל**)

פריִערדיקע אונ איצטיקע שטעלונג

טײלמאָל האָט מענ זיכ אויכ פריִער גאנצ ערנסט פארנומענ
מיט שפראכ־ארבעט. דער צענטער איז דאָ אָבער קײנמאָל פאָרט
ניט געווענ (אונ ניט געקענט זײַנ) די עכטע קולטור פונ וואָרט לויט אונדזער
איצטיקנ באנעמ ***). אינ בעסטנ פאל — א לימעד, וואָס שטײט „איבער אלעס" אונ

*) באָכ פריִער הערנ מיר עס: „שפראכ איז אײנער פונ די גאָר־וויכטיקע לימודימ אינ שול. ש'ינ
צײַט, אָבער, זיכ אָפצוזאָגנ פונ דער פרעטענזיע אפ הערשאפט, אפ פכוירע אונ אפ ספעציעלער אלנוצלעכ־
קײַט, — א פרעטענזיע, וואָס שטאמט פונ דער הומאניטארער שול" (Алферов. Родной яз. в средней школе)

**) אָנשטאָט דער פריִערדיקער „רײד ־ אנטוויקלונג" ברויכט מענ איצט איבערהויפט דעמ טערמינ
„רײד־קולטור". ס'איז ניט בלויז געענדערטער נאָמענ: ס'איז אינ טאָכ אנ אנדער באגריפ, ווי אנדערש
ס'איז דער עצעמ צוגאנג צומ שפראכ־לימעד אינ אונדזער מאָדערנער סאָוועטישער שול.

צוגעבנ דארפ מענ, אז דער אײגנטלעכער פארנעמ פונ אָט דעמ שפראכ־אָפשניט איז נאָכ ניט גאָר
באשטימט. דערדאָזיקער אָפשניט האָט געוויס א גרויסע שײַכעס צו א ל ע שפראכ־מאָמענטנ, האגאמ, פאר־
שטײט זיכ, ניט אלצ איז ער אינ זיכ קוילעל. אויב, אשטײגער, געוויסע פאָעטיש־סטיליסטישע אונ גרא־
מאטיש־סטיליסטישע מאָמענטנ ווערנ אײַנגעשלאָסנ אינ „רײד־קולטור"., הײסט עס נאָכ ניט, אז פאָעטיק
(ווי ליטעראטור־קענטעניש ביכלאל) אָדער גראמאטיק האָבנ ניט זײער ספעציפיקומ, וואָס מע זאָל זײ ניט
מוזנ באזונדער אונ ספעציעל באהאנדלענ אונ דורכארבעטנ.

***) ס'גײט דאָ א רײד איבערהויפט וועגנ פ א ר ש פ ר ײ ט ס ט נ ארט ארבעט אפ שפראכ אונ וועגנ
זײער א ו מ ע ט ו מ י ק ע ר פ ר א ק ט י ש ע ר שול־פראקטיק. קלאָר איז אָבער, אז מע פלעג שוינ פריִער
טײלווײַז פרווונ ענדערנ די לאגע אונ שטעלנ די ארבעט אפ נײַע אויפאנימ.

וואָס איז שוין מעמיילע „אָפּגעשיידט" פון אָט דעם „אַלעס": פיל ספּעציעל־צוגעטראַכטע שפּראַך־טרעניִרונגען און רייד־ריטאָריק, וואָס איז אין זיך איינגעשלאָסן. און אין ערגסטן פאַל — איז אין צענטער געווען בלויז אויסלייג און אויסלייג־איוורע־דיקייט, און צוליב דעם שוין גראַמאַטיק מיט אויסגעשפּראָכענעם אָפּנייג צו לאָגיזאַציע*). געקענט האָט עס גיכער פאַרטעמפּן דעם שפּראַך־כוש, אָפּטויטן דעם כיישעק צום לימעד. כוץ אָט דער אַלגעמיינער שלעכטער איינשטעלונג האָט מען נאָך דאָ פאַרזען אייניקע ביז גאָר וויכטיקע מאָמענטן, וואָס אָן דעם שטעלן מיר זיך ניט פאָר אונדזער איצטיקע אַרבעט אַף שפּראַך:

1) מע האָט אַזוי ווי קיין אַכט ניט געלייגט אַפן לעבעדיקן קינדערשן לאָשן.

2) דעריבער האָט מען ניט קולטיווירט דאָס מינדלעכע וואָרט. שפּראַך האָט, אייגנטלעך, געהייסן בוך־שפּראַך, דאָס געדרוקטע וואָרט, אָפטמאָל דער אויסגעשפּראָכענער פאַרליטעראַרישטער סטערעאָטיפּ מיט טראַפאַרעטע טרעניִרונגען דערצו, און דאָס האָט, ריישיסקאָל, געוואָלט פאַרווישן די אייגענע קינדערשע רייד, רעפלעקטאָרישע סאָציאַלע דערפאַרונג, זייער אייגנאַרטיקע שפּראַך־פּאָטענץ.

3) סע האָט אָפטמאָל לאַכלוטן אויסגעפעלט דאָס לעבן־דעטערמינירנדיקע, דאָס סאָציאַל־און רעאַל־באַדערפטיקע (און שוין מעמילע די קלאַסנדיק־פּראָלעטאַרישע אָנגעווענדטקייט). פלעג מען קימאַט אינגאַנצן פאַרבייגן דאָס פּראַקטישע געשעפטלעכע וואָרט, וואָס מע האָט דערמיט ניט ווייניק צו טאָן און צו זאָגן אין לעבעדיקער טעטיקייט אין שול און אויסער שול. און די ליטעראַרישע אויפזאַץ־אַרבעט איז זיך אָפּט געגאַנגען לויט אויסערסט־אַבסטראַקטע סטאַם־טעמעס, כאַנאַנדערגעאַרבעט לויט דער סקרופּולעזער אויפזאַץ־„טעאָריע".

4) דער שפּראַך־לימעד איז געווען אַ לימעד „פאַר זיך" אפילע דאַן, ווען ניט בלויז אויסלייג און גראַמאַטישע לאָגיזאַציע צוליבן אויסלייג זיינען דאָ געווען דער איקער. ס'האָט געפעלט די אייניקייט פון פּעד־פּראָצעס ביכלאַל, האָט מעמיילע געפעלט דער לעבעדיקער אָרגאַנישער „סינקרעטיזם" צווישן די באַזונדערע שפּראַך־אָפּשניטן.

אונדזער פּעדאַגאָגיש־מעטאָדישער געדאַנק אַרבעט איצט געטריי אַף קאָנקרעטירן אין קאָמפּלעקסישן און פּראָיעקטיר־קאָמפּלעקסישן אַספּעקט דאָס, וואָס ס'האָט אויסגעפעלט אין דער פריערדיקער שטעלונג און אין דער שול־פּראַקטיק.

מיר לייגן און וועלן לייגן די גרעסטע אַכט אַפן קינדערשן לאָשן, אַף זיינע אייגנקייטן און מעגלעכקייטן. ס'איז פאַר אונדז אַן אויצער אָט די נאַטירלעכע סטיכיע פון קינדערשן לאָשן, מעמיילע שוין פון קינדערשן מאַמע־לאָשן. מיר ווילן אויפריכטן דאָס מינדלעכע וואָרט. אין באַדינגונגען פון יוירנדיקן עכטן מאַסן־לעבן, פון אויפגעקומענער פּיאָנערישער קינדער־געזעלשאַפטלעכקייט האָט עס גאָר אַ באַזונדער באַטייט.

*) שוין מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָט דער באַוווסטער אַקאַדעמיקער שאַכמאַטאָוו געשטעלט די פראַגע, צי ס'איז צוועקמעסיק צו לערנען די מוטערשפּראַך אין שול: „אָט די מאָדנע קאַשע קומט אויף פון זיך שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער שפּראַכלימעד, ווי ער איז איצט אין אונדזערע שולן, ברענגט צום געדאַנק, אַז לערנען די שפּראַך איז אַן איבעריקע זאַך".

מיר פארנעמענ זיכ ערנסט מיטנ פראקטישנ, פראָזאישנ וואָרט. ניט נאָר די הויכ קולטיווירטע אויסדריקלעכע שפּראכ איז וויכטיק פארנ קינד „אפנ וועג‟ צו העכערער וואָרט־מײַסטערשאפט. העכסט וויכטיק איז אויכ דאָס פראָזאישע וואָרט, דער פראקטישער אויסדריק, די דײַטלעכע פיקסירונג, די וויסנשאפטלעכע פאָרמולירונג, דער טרעפיקער פאָליטעכנישער טערמינ, די פילארטיקע פראָזאישע אונ האלב־פראָזאישע רייד פונ אונדזער קאָלעקטיוו־געזעלשאפטלעכער פראָלעטארישער אויסקומעניש באַם צונויפשליסנ וואָס טרײַער די שול מיט דער פאבריק, מיטנ קאָלווירט.

אויספירנ קענ מענ עס נאָר דאנ, ווענ די שפראכ וועט זײַנ א נאטירלעכער גליד פונ דער גאנצער שול־ארבעט אונ ווענ די פארשיידענע שפראכ־אָפשניטנ וועלנ צווישנ זיכ קאָמפּלעקסירט ווערנ.

אָט די לעצטע האנאָכע איז נאָכ מעכאיעוו דערצו, אז די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער קינדערשער רייד־קולטור זאָל כאל זײַנ אפ דער גאנצער שול. צו הײַנטיקנ טאָג איז דאָ נאָכ ניט אלצ קעשורע, איבערהויפּט אפ דער עלטערער שול־שטופע (אונ אינ אונדזער העכערנ טיפ שול ביכלאל). נאָר אנ „אלגעמיינער פראָנט‟ (ווי דער שפראכלער האָט די ערשטע האנט) קענ ברענגענ צו די נייטיקע רעזולטאטנ פונ וויסנ אונ קענענ די שפראכ, אונ שוינ מעמיילע פונ וויסנ אונ קענענ ביכלאל. ווײַל „רייד־אופציִונג איז ניט קיינ לערנ־קעגנשטאנד*), נאָר א לערנ־פרינציפ‟ לויט דיסטערוועגס**) אויסדרוק, („Nicht Lehrfach, sondern Lehrgrundsatz‟).

מעקויעכ דער קולטור פונ ידישנ וואָרט אינ שול

אינ דער אלגעמיינער מעטאָדישער ליטעראטור איז איינ צײַט געוועזנ א גרויסער גוואלד וועגנ דער ניט־איוורעדיקײַט פונ די קינדער (אונ דערוואקסענע אינ די העכערע טיפנ שולנ).

עמעס, ניט שטענדיק האָט מענ דאָ בעדייע געהאט די אייגנטלעכע רייד־קולטור, טיילמאָל האָט זיכ דאָ אָפגעשלוקערצט אלטע זאָרג פאר אָרטאָגראפישער איווררעדיקײַט אינ דער ערשטער ריי (ווי וויכטיק אָרטאָגראפיע איז ניט, איז עס פאָרט ניט דער איקער). גרויס איז אויכ דער ווייגעשריי, וואָס לאָזט זיכ איצט הערנ באַ אונדז מעקויעכ דעמ צושטאנד פונ דער ידישער רייד־קולטור אינ שול.

צו די שוועריקײַטנ, וואָס זײַנענ שײַעכ צומ שפראכ־לימעד ביכלאל, קומענ אונדז נאָכ צו א פאָר אייגענע הארבע מעניִעס:

1. די פילשפראכיקײַט פונ אונדזער סוויווע אונ שול. דאָס איז געוויס איינע פונ די שטארקסטע שטערונגענ באַם ערשטנ פאָרמירנ די רייד־קולטור אפ דער אייגענער שפראכ. פונדאנענ נעמט זיכ דער קינדערשער (אונ ניט בלויז קינדערשער) שפראכ־„מאקאראָניזמ‟ אונ זשארגאָניזאציע.

2. די פראָבלעמ פונ ערנסטנ ידיש־קענענ איז נאָכ ניי אונ שטייט נאָכ אָקאָרשט פאר א היפשנ כייל פונ אונדזער מאסנ־לערערשאפט. מע האָט דאָכ א צײַט געהאלטנ פונ אמעראצישנ פאָרורטייל, אז דערלערנענ קענ מענ וואָסער שפראכ ס'זאָל ניט זײַנ, נאָר צו ידיש איז דאָס ניט שײַעכ. זײַנענ מיר דעריבער רײַכ מיט אנעקדאָטישע

*) ריכטיקער וואָלט געווענ „ניט בלויז קיינ..., נאָר אויכ א... (א. ס.)

**) V. M. Diesterweg. Sprecherziehung. Die Pflege des gesprochenen Vortes in der Schule. 1926.

שפּראַך־לאַפּסוסנ, װעגנ װאָס מע האָט שױנ באַ אונדז גערעדט אונ געשריבנ, אונ אָרעמ מיט נײטיקער זאָרגעװודיקײַט פאַרנ קלאָרנ אונ ריכטיקנ װאָרט.

3. גאָר יונג איז אונדזער שפּראַך־פאָרשונג. ס׳עס פעלנ אױס די עלעמענטאַרע הילפמאַטעריאַלנ צומ ייִדיש־לימעד. א סיסטעמ פונ אַרבעט אפ װאָרט־קולטור אינ שול װערט ע ר ש ט א י צ ט געשאַפנ.

אינ העסקעמ מיט דעמ אַלגעמײנעמ קולטור־רעװאָליוציאָנערנ „אופברויז״ שטײט פאַר דער ייִדישער שול די דרינגענדיקע אופגאַבע צו נאָרמאַליזירנ דעמ ייִדיש־לימעד, צו אופציִענ די עכטע קולטור פונ װאָרט באַמ ייִדיש־רעדנדיקנ קינד.

נאַטירלעכ געבױכנ דעמ אײגענעמ לאָשנ, פאַרמאָגנ א געזונטנ שפּראַך־כוש אונ אָרגאַניש באַהערשנ דאָס יאָדערדיקע מאַסנדיק־פּראָלעטאַרישע װאָרט, װאָס האָט אצינד שעפעדיק א פּלײצ געטונ—אָט דאָס דאַרפ מאַכנ אַנ עק מיט דעמ קױדערװעלש אונ מיט דער שפּראַכלאָזיקײַט, װאָס איז באַ אונדז ניט זעלטנ א „שטײגער־דערשײַנונג״.

קולטור פונ װאָרט איז איצט צװישנ די אַקטועלסטע „סאָציאַלע באַשטעלונגענ״ פאַר אונדזער שול. מיט געמײנזאַמע קױכעס װעלנ מיר עס אױספּילנ מיט דער צײַט.

צו דער פּראָבלעמ פונ מינדלעכע רייד

I. ערשטע קינדערשע רייד־אָנזאמלונג

די פסיכאָלאָגיע, איבערהויפּט די פסיכאָלאָגיע פונ פרייִקנ עלטער (פסיכאָגענעזיס לויט פרייערנ), פארנעמט זיכ שוינ פונ לאנגאָנ מיט דער שפּראכ־אנטוויקלונג באמ קינד, מיט דער קינדערשער רייד־טעטיקייט (די פּראָבלעמ האָט מענ געשטעלט אינ לעצטנ פערטל XIX י״ה). בא היינטיקנ טאָג טוט מענ א גרויסע ארבעט אפּ אכטגעבנ, פאָרשנ אונ דערלערנענ קינדערשע רייד. דאָס דארפ געבנ אונ סע גיט א שטארק נייטיקנ אונ עכט־אינטערעסאנטנ שטאָפּ פארנ פסיכאָלאָג, פעדאָלאָג, פּעדאגאָג־פּראקטיקער, פארנ לינגוויסט, פארנ קינדער־קינסטלער, שוינ אָפּגערעדט וועגנ דעמ גרויסנ עטנאָגראפישנ ווערט פונ אזא מאטעריִאל. די קינדערשע שפּראכקענטעניש, אלס א טייל פונעמ אלגעמיינעמ שפּראכוויסנ, איז שוינ איצט אינ מיירעוו־אייראָפּע אונ אמעריקע א גאנצ פארצווייגטער וויסנשאפטלעכער געביט. דאָסזעלבע מערקנ מיר אויכ איצט בא אונדז אינ פארבאנד. באטייטיקע דערזולטאטנ אונ א היפּשע ליטעראטור האָבנ מיר דאָ לעסאטע וועגנ דעמ קינד פונ פרייִקנ עלטער (ביזפאָרשול, פאָרשול). פאר דעמ שפּראכוויסנ פונ שול־קינד שטייט נאָכ פאָר א גרויסע ארבעט פונ זאמלענ אונ פאָרשנ, פונ דערלערנענ דידאָזיקע העכסט וויכטיקע פּראָבלעמ.

מיר האָבנ בא היינטיקנ טאָג אנ אלגעמיינע מיינונג, אז קינדער זיינענ איבערהויפּט אויסגעצייכנטע מייסטערס אונ שעפּערס פונ וואָרט. מע שיידט דאָ אונטער צווישנ פרייִקנ עלטער, וואָס איז באזונדערס רייכ אונ ספּעציפיש אינ דעמ פראט, אונ צווישנ שפּעטערדיקנ עלטער, דעמ שול־עלטער, ווענ די אייגנארטיקע קינדערשע שפּראכ־ארויסבאווייזונג הייבּט זיכ שוינ אָנ דערנעענטערנ צו דער אלגעמיינ־געברויכלעכער נאָרמע, צומ ליטערארישנ טראפּאַרעטיזמ, אונ פארלירט דערמיט די אייגענע פארביקע וואָרט־פאָרמירונג, דעמ „העלנ ווונדער״ פונ קינדערשער אונ קינדערטימלעכער רייד־ניואנסירונג.

נאָר איידער מיר וועלנ מער־ווייניק אָנמערקנ די עטאפּנ פונ קינדערשער שפּראכבאהערשונג, איז קעדיי זיכ אינקורצנ צו דערמאָנענ וועגנ דער פראגע, וואָס מע האָט זיכ מיט איר פארנומענ די גאנצע צייט: צי פארמאָגט דאָס קינד א געוויסע אייגענע שפּראכ מיט באזונדערע עלעמענטנ, וואָס זיינענ קלאָר ניט פאראנ אינ דער ארומיקער שפּראכ, אָדער דער קינדערשער לאָשנ איז אלעמאָל ניט מער ווי א דירעקט־אופגענומענער אונ איבערגענומענער „דיִאלעקט״ פונ דער ארומיקער שפּראכ, וואָס דאָס קינד „פורעמט״ נאָר אויס לויט זיינ קינדערשנ „געשטאלט״ נאָכ, צוגעפאסט צו זיינ באנעמ אונ צו זיינע „אָנפאנגלעכע״ רייד־מעגלעכקייטנ.

די נאַטיוויסטישע שיטע האָט געהאַלטן, אַז דאָס קינד פאַרמאָגט בעפיירעש אַ ספּעציפישן „אימאַנענטן”, קינדערשן שפּראַכ־אַרט, אייגענעם רייד־איינפאַל. ס'איז אַ מין אייגנאַרטיקע ספּעציעל קינדערשע ריידעניש מיט אייגענע פּאָטענציעלקייט און געזעצמעסיקייט, וואָס איז אָפּטמאָל קלאָל ניט באַווירקט פונעם אַרום שוין דערפאַר אַליין, וואָס די שפּראַכ פונעם אַרום פאַרמאָגט אַזוינס ניט.

זאָל דערפאַר טאַקע דאָס קינד גענויגט זיין צו אָנבאַטייטיקן קלאַנגענשפּיל און גראַם־געפלעכט, צום „אויסערסייכל” (заум) אין זיינע שפּיל־לידלעכ און קלאַנגלעכן שאַפן, צום אייגנאַרטיקן „קונדעס־לאָשן” ביכלאַל? אָט לעבט, אַשטייגער, דער 6־יאָריקער שורע אין דער וועלט פון „מיכונעס” (בערן), וואָס ער האָט זיכ אין זיין פאַנטאַזיע געשאַפן. רעדן באַ אים די „מיכונעס” עפּעס אַפּ אַן אייגענעם לאָשן, און דאָס קינד שאַפט דאָ פאַר זיי אַ היפּש ביסל אייגענע ווערטער: „סאָטאָ־פּע”, „דאָרדאָנ־סאַנאָ”, „כאָרבער” א. אז. וו.*) שטומפּפס זון האָט פאַר זיכ איינגעשטעלט אַ לעקסיקאָן, וואָס איז קלאָל ניט ענלעכ געווען אַפּ דער שפּראַכ פונעם אַרום, און וועגן אַ טייל ווערטער איז ניט מעגלעכ געווען צו פעסטשטעלן, פונוואַנען נעמען זיי זיכ, — פון 4־טן יאָר אָן האָט דאָס קינד איינגעשפּאַרטערהייט גערעדט אַפּ זיין אייגנאַרטיקער ריידעניש, און ס'האָט קיין זאַכ ניט געהאָלפן אַפּ אים אָפּצולערנען דערפון. אַזוי לאַנג ביז ער האָט איינמאָל פּלוצים גאָר ריכטיק אָפּגעזאָגט אַ קליינע קינדערשע טפילע, און פון דאַן אָן און ווייטער האָט ער פאַר עטלעכע וואָכן פאַרייגנט די אַרומיקע שפּראַכ און פּלעגט זיכ שפּעטער אַפילע שעמען פאַרן פריערדיקן לאָשן, ווען מע האָט אים וועגן דעם דערמאָנט **).

ס'איז אָבער קלאָר, און סע ווערט אַלץ מער אויפגעוויזן, אַז די קינדער־שפּראַכ אַפילע דאַן, ווען זי איז אינגאַנצן „פאַרקינדערישט” נעמט זיכ פּאָרט פון די אַרומיקע רייד, און אַזוי אַרום ווערט זי דערנאָכ קינדעריש מאָדיפיצירט, ווי באַ אַן ערשט אופקומענדיקן און וואַקסנדיקן „מענטשישן טיפּ”. די סוויווע ניט נאָר זי ציט אופ און העלפט מיט דער קינדערישער רייד־טעטיקייט, נאָר זי וועקט אופ און רופט אַרויס פון טכילעס אָן אָט די טעטיקייט. אָן דער קאָנקרעטער רייד־אַרומרינגלונג וואָלט דאָס קינד, אייגנטלעכ, „צום וואָרט” ניט געקומען, וואָלט פאַרבליבן „אָן לאָשן”. דאָס האָט שוין פריער באַהויפּט די עמפּירישע שיטע (וווּנדט א. א.). אַזוי קומט אויס לויט די האַנאָכעס פון גענעטיש־סינטעטישן צוגאַנג פון שטערנ, וואָס שטרעבט צו פאַרבינדן, „קאָנווערגירן” דאָס ספּאָנטאַנישע פון זיכ אופקומענדיקע אין דער קינדערשער רייד־טעטיקייט און די אויסנדיקע, אַרומיקע אופווירקונג, דאָס געבאָרענע און דאָס געוואָרענע (ניט באַלייכטנדיק, ליידער, וויאַזוי סע ווירקט פאַרשיידענער סאָציאַלער אַרום אַפּ דער קינדער־שפּראַכ).

די ראָל פון קלאַנג און וואָרט באַם קינד, וואָס האַלט באַ זיין „אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג”, איז אומגעהייער גרויס און וויכטיק. ס'גייט אין גויווער זיין די ערשטע

*) אין דער פּעדאָלאָגישער זאַמלונג „Детство и юность” רעד. קאָרנילאָוו־ריבניקאָוו, י. 1922 (אַרטיקל פון גרעטשניקאָווע).

**) שטומפּפ ברענגט דעמדאָזיקן פאַל אין זיין אַרבעט: Eigenartige sprachliche Entvicklung eines Kindes

„ווייענ“ פונ א „ווערבאליסטישער אופירונג“ באמ צופאסנ צומ ארומ דעמ רייד־אפאראט, וואָס פאָרמירט זיכ אָקאָרשט.

קינדערשע רייד אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט קומענ אופ דאנ, ווענ פונ די קינדערשע ערשטכאדאָשימדיקע קלאנג־אונ פלאפל־גאמעס (Lallsilben) הייבנ זיכ שוינ אָנ ארויסשיידנ גענויסע פיל ניט איז באטײַטיקע פאר אונדז ווערטער־צייכנס („Lallvörter“). אונ דעמדאָזיקנ ערשטנ קינדערשנ וואָרט־פארמעג באדינגט רייד־שיסקאָל דער שפראכ־ארומ אונ די ספעציפישע קינדערשע אינטערפרעטאציע פונ די אופגענומענע ארומיקע רייד, וואָס ווערנ אָפטמאָל אינגאנצנ איבערגעאנדערשט אינ פארגלײַכ מיטנ „מאָקער“.

נאָר אָפטמאָל אומקלאָר נאָכ, פאָנעטיש ניט אויסגעפורעמט, האָט שוינ דאנ אפילע דאָס קינדערשע וואָרט א בעפיירעשנ שײַכעס צו די קלאנגענ אונ וואָרט־באצייכענונגענ פונעמ ארומ, וואָס דאָס קינד קאָנסטרוירט עס נאָכ, ווי ס׳גיט זיכ אימ אײַנ דער־ווײַל, אונ אסימילירט עס אפ אנ אייגענעמ אופנ.

בא א רוסיש קינד האָט מילכ געהײַסנ „мо“ בא א צווייטנ קינד „ф-сь“. אײַנ דײַטשיש קינד האָט אפ עסנ געזאָגט „papp“ בא אנ אדער קינד — „f-ch“. דאָס קינד וואָס האָט „מילכ“ באצייכנט מיט די קלאנגענ „ф-сь“, האָט דאָס איבערגענומענ בא די עלטערנ פונ דער פראגע „вся?“ („דאָס גאנצע פלעשעלע“ „вся бутылочка“ „אויס־געטרונקענ ?“) *); אונ דאָס דײַטשישע קינד, באצייכענענדיק „עסנ“ מיט די קלאנגענ fsch (אָנשטאָט דעמ געוויינלעכנ „מורמל־וואָרט“ — „papp“) האָט געוויס פארשפרייט דאָס וואָרט „פיש“ („fisch“), וואָס ער האָט אר׳ומ געהערט, אפ יעדער מינ עסנווארג**). דאָס שליסט ניט אויס די אייגנטלעכע נײַגונג פונ קינד צו געוויסער שפיל מיט קלאנג אינ גאָר פרייקנ עלטער, ווענ ער טרענירט קלאנגלעכ־שפילעוודיק זײַנ רייד־אפאראט, אָט ווי ער געניט די הענטלעכ אונ פיסלעכ, אונ די קינדערשע פארכאפטקײַט מיט די „אויסערסייכלדיקע“ שפיל־לידלעכ אונ צ יי ל ע ר ל ע כ. אונ האגאמ די פראגע איז נאָכ ניט גענוג אויסגעפאָרשט, אָבער עס איז קלאָר, אז די־דאָזיקע קלאנגענ־שפיל קומט אופ אפנ פ אָ נ פונ די ארומיקע רייד***) אָט ווי עס נעמט זיכ דערפונ דאָס גאנצע פארשפרייטע צווישנ קינדער „קונדעס־לאָשנ“, וואָס באצייכנט ניט נאָר די נײַגונג צו אייגענער וואָרטשאפונג, נאָר צו ווארײַרנ, איבעראנדערשנ די רייד, ווי אײַנזעענדיק דעריננ פאר זיכ עפעס א באזונדער מינ נײַקײַט, אויסדריקלעכקײַט, ווי באַ־פרידיקנדיק דערמיט א קינדערשע באדערפעניש צו א באזונדער מינ וואָרט־אייגנארט****).

---

*) אונ עפשער גאָר פונ בלאָזנ אפ דער מילכ?

**) זעט וועגנ דעמ בא ר. ש אָ ר אינ „Язык и общество“ (M. 1926).

***) דאָס „אויסערסייכלדיקע“ אונ פאָנעטיש־שפילעוודיקע איז, אייגנטלעכ, שטארק פארטראָטנ נאָר אינ די קינדערשע צ יי ל ע ר ל ע כ (считалки Auszählreime), ווענ מע ציילט אויס ווער סע דארפ ארויס. ס׳איז, עמעס, זייער א פארשפרייטער מינ קינדער־פאָלקלאָר (זעט, אשטייגער, די ציילערלעכ באמ „בלענדנ“ (זשמורקעס) — אנ — סקי געזאמלטע שריפטנ 15־טער באנד, „פאָלקלאָר אונ עטנאָגראפיע“, צי אינ „בא אונדז יידנ“), אָבער די הוילע ריטמיזירונג שפילט דאָ די הויפטראָל שוינ דערמיט אליינ, וואָס פונ איר ווענדט זיכ די ריכטיקײַט באמ ציילנ.

****) דער קונדעס - לאָשנ, וואָס מענדעלע מויכער ספאָרימ ברענגט, אשטייגער, אינ „ווינטשפינגערל“. — סויסע סאָסי, סו סילסט, סײַנ סראנק (מוישע יאָסי, דו ווילסט זײַנ קראנק).

אין פאלן פון דעם מין, וואָס שטרומפּף באשרייבט, איז בעפּיירעש אן אויסנאם, עפּשער א פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, א גאנצ „אייגנארטיקע שפּראכלעכע אנטוויקלונג", ווי שטרומפּף זאָגט, וואָס קיין אלגעמיינע אויספירן איז דאָ ניט שייעך צו מאכן *).

שטערן האָט אנאליזירט די קינדערשע רייד פון דער פריִקער עפּאָכע. צווישן אזעלכע „ווערטער" אין ביז פאַרשול-עלטער האָט ער געפונען נאָר איינע פאָרמירונג, וואָס ער האָט ניט געקענט פעסטשטעלן איר „מקור".

דער אָפּשטאם פון די „קינדער-רייד" אין פאַרשול-עלטער איז מייסטנס שוין גענוג קלאָר, האגאם די ווערטער גופא זיינען נאָך אויך אָפטמאָל קינדערש-אייגנארטיק כאַראַקטעריזירט. ביכלאל גענומען באטראכטן מיר איצט די שפּראך פון קינד, זיין „ווערבאַליסטישע אופירונג" אלס א באדינגלעך-רעפלעקטאָרישן פּראָצעס, וואָס די וואָרצלען זיינען, ווי די וואָרצלען פון מענטשלעכע רייד ביכלאל „זיינען ניט ערגעץ אין די הימלען אָדער אונטער די ערדן, אויך ניט ארום דער ארומיקער נאטור, נאָר אינעם מענטשן גופא, ניט אָבער אין זיין אינדיווידועלער פיזישער נאטור... ניט אין זיין אינדיווידועלן זיין, נאָר אינעם קאָלעקטיוו, אין דער ווירטשאפטלעכער צוזאמענגעשלאָסנקייט **) פון מענטשלעכע מאסן, אין דער מי אפ צו באשאפן די געזעלשאפטלעכע***) מאטעריעלע לאגע" (מאר). די אָנפאנגלעכע קינדערשע רייד-אָנזאמלונג מאכט דורכן א גאנצע ריי עטאפּן און פּאָרעטאפּן, און די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען אזעלכע:

1) סטאדיע פון פּרימיטיווע, אפעקטיווע שטים-רעפלעקטן. זי הייבט זיך אָן פון ערשטן קינדערשן געשריי, ווי נאָר ער דערזעט די ליכטיקע שיין און רעאגירט אפ דער אופּרייצונג פון דער לופט, וואָס קומט צו אים אריין דורך די אָטעם-צענטרען אין די לונגען. דידאָזיקע געשריי-רעאקציע איז באם קינד אפ דער ערשטער צייט פון זיין קיִעם א מיטל זיך צו „לאָזן הערן", צו וויסן געבן וועגן זיך, צו סיגנאליזירן וועגן צושטאנד פון זיין אָרגאניזם, וועגן פיזיאָלאָגישע שפּירונגען, וועגן אינערלעכע און אויסערלעכע צערייצונגען.

2) מורמל-סטאדיע, — ניט פריִער פון סאָף ערשטן כוידעש און ביז א כאָדאָשים זיבן. ס'איז דער פעריאָד פון שעפעדיקער קלאנגען „אָרנאמענטיק", וואָס קומט אלס איינגעבוירענער, אומבאדינגט-רעפלעקטאָרישער פּראָצעס

— סייג! — סאָל סאָט היטן (ניין! זאָל גאָט היטן) א. אז. וו.

אָדער די פאַרשיידנערליי „קונדעס" - לעשוינעס, וואָס יעדער פון אונדז געדענקט פון די קינדער-יאָרן — דער „אטבאש" אָדער דער „טאשראק" (פאַרקערט - לאָשן), וואָס סע דערציילט אונדז שאָלעם - אליכעם אין „פונעם יאריד": „טאָ וטס — פאכ א טשאפּ" — הייסט דאָס „אָט כאפּסטו א פּאטש, „אנ ריד א גייפ" — בין דיר א פייג". מיט צוגעמאכטע אויגן האָט שאָלעם געקענט אוועקרעדן אפ דעם לאָשן א שאָ קעסיידער. „ז'איז דאָך א מעכאיע בעפּאָשעס — מע קען אזוי אוועקרעדן פון וועמען איר ווילט יענעם אין די אויגן, און יענער זאָל ניט וויסן ווער ס'האָט אים געשלייערט".

*) אייגנטלעך, איז אויך די שפּראך פון שטומפּפן זון באשטאנען טיילווייז פון פאַרקריפּלטע ווערטער פון ארום און פון נאָכמאך-קלאנגען.

**) און אויך אָפּגעשלאָסנקייט אין קאמף (א. ס.)

***) קלאסנדיק-געזעלשאפטלעכע (א. ס.)

(ביִערושע„אָרגאניזירטער” רעפלעקס) אדאנק דער פיזיאָלאָגיש־אָפּגעיארשנטער אָנגעשטעלטקייט פונ אָטעמ־, שפּײַז־ אונ רייד־אפּאראט צו ארויסברענגענ, צו מורמלענ, אלס „פאָרשפּיל” פאר די קומענדיקע רייד.

3) אייגנטלעכע רייד־סטאדיע, וואָס פאלט אויס אונ הייבט זיכ אָנ צווישנ לעצטנ פערטל פונעמ ערשטנ יאָר אונ ערשטנ פערטל פונעמ צווייטנ יאָר. ס'איז באמ קינד א באדינג־רעפלעקטאָרישער אקט, וואָס קומט אופ אינ פּראָצעס פונ אופנעמענ די שפּראכלעכ־סימוואָלישע אופרייצונגענ פונעמ ארומ אונ פונ דער ווײַטערדיקער צופּאסונג אונ אנטוויקלונג פונ גאנצנ קינדערשנ רייד־אפּאראט צומ סאָציאַלנ ארומ.

די ערשטע קינדערשע ווערטער זײַנענ „דיפוזע”, אזוי צו זאָגנ. ס'איז די קינדערש־„גענעראליזירטע”, נאָכ ניט דיפערענצירטע באצייכענונג פונ ברייטע באגריפנ, פארלאנגענ אונ פאָרשטעלונגענ. איינ „וואָרט” באצייכנט דאָ די גאנצע סיטואציע פונעמ אָביעקט אונ באטײַט אָפטמאָל א גאנצע פראזע, אונ ניט נאָר איינ פראזע. פיל ווענדט זיכ דאָ פונ די אינטאָניר־ניואנסנ *). „מא” (מאמע) קענ אינ פארשיידענע פאלנ באטײַטנ—„אָט איז די מאמע”, „נעמ מיכ, מאמע”, „ווייז מיכ אָנ, מאמע” א. אז. וו. „טו” (שטול) קענ הייסנ — „איכ זע דעמ שטול”, „צעבראָכנ דעמ שטול”, כ'וויל זיכ זעצנ אפנ שטול א. אז. וו.”. א יִידיש מיידעלע **) האָט מיטנ נאָמענ פונ דער ציג „גאליא” גערופנ אלע ציגנ, וואָס איז איר אויסגעקומענ צו זענ. דאָס ערשטע בילד, וואָס דאָס קינד האָט געזענ, איז געווענ א ציג, האָט זי געמעלנ ביכלאל גערופנ „גאליא”. אנומלט האָט דאָס קינד געטראָפנ א ציג באמ טורעמ, האָט עס שוינ אפ ווײַטער דעמ טורעמ אויכ גערופנ „גאליא”. באמ טורעמ האָט דער פאָטער איינמאָל אָפּגעשיילט דעמ קינד אנ עפּל, פלעגט זיכ עס אפ ווײַטער ווענדנ צומ פאָטער מיט „גאליא”, ער זאָל איר דעמ עפּל אָפּשיילנ.

„מײַנ קליינ יִנגעלע (פונ $1^{1}/_{2}$ יאָר) פלעגט מענ אָפּט באווײַזנ דעמ זייגער, צולייגנ אימ צו זײַנ אויער אונ אימ לאָזנ זיכ שפּילנ דערמיט, אזוי אז דאָס וואָרט „זייגער” איז געווענ איינע פונ זײַנע אופגעצויגענע ווערטער.

דאָס וואָרט זייגער איז אפ אזא אויפנ שוינ בא אימ געווענ פארבונדנ מיטנ זעאײַנדרוק פונעמ זייגער, אונ מיר אלע זײַנענ שוינ געווענ זיכער, אז ער ווייסט, וואָס איז אזוינס א זייגער. איינמאָל האָט ער דערזעענ אינ א שטיק צײַטונג, וואָס האָט זיכ געוואלגערט אפנ דיל, צווישנ די רעקלאמעס דעמ געמעל פונ א ראָד, — האָט ער זיכ אָנגערופנ: „אָט איז א זייגער” — טײַטלענדיק אפ דער ראָד.

אינ עטלעכע טעג ארומ האָט מענ געקויפט דעמ עלטערנ ברודערל זײַנעמ א קינדערשע יאָגראָד, וואָס מע טרײַבט מיט א שטעקעלע, לויפנדיק איבער דער גאס. ווענ דער קליינער האָט דערזעענ די ראָד, האָט ער גלײַכ געפּאָדערט: גיב (מיר דעמ) זייגער (די ראָד)! ***)

---

*) שטערנ האלט, אז קינדער אקצענטירנ איבערהויפּט אונ צעציִענ אָפּטערס אזוינע ווערטער, וואָס האָבנ פאר זיי א באזונדער מינ אינטערעס, אָדער וואָס צייכענענ זיכ אויס מיט דער קאָנקרעטער אָנשוילעכקײַט פארנ קינד.

**) מיטגעטיילט פונ כ' י. רעזניק

***) יאָנ, אונדזער נעשאָמע.

פרייער רעכנט אָן עלף באַטייטן פארן דײַטשישן atta (אוועק, פארפאלן) בא זײַנ זונ אינ די ערשטע צוויי יאָר, אונ דאָס שעפּט נאָך אפּילע בעערעכ ניט אויס אלע באַטייטן פונ אָט דעמ וואָרט באמ קינד.

ס'איז דער אָנפאנגלעכער דערקענטעניש-עלטער. דער קרײַז באגריפן אונ פּאר־שיידנארטיקע באגריפן פונעמ ארומ שטײַגט שטארק אריבער דעמ קינדערשנ וואָרט־פארגרייט, זײַנע רייד־מעגלעכקײַטן. נעמט דאָס קינד ארומ מיט א קלענערער צאָל ווערטער א גרעסערנ סכומ באגריפן.

אונ די קינדערשע ווערטער גופע מאכנ נאָך דערבײַ דורכ זייער ערשטנ פּאָר־מירונג־פּעריאָד, אונ צו זייער פּאָנעטישער קלאָרקײַט אונ פארגאנצונג פעלט דאָ נאָך זייער אסאך. ס'פעלנ נאָך אויס קלאנגענ אונ גאנצע טראפנ (ביי—ברויט, מי—מילכ) — ע ל י ז י ע*), קלאנגענ ווערנ איבערגעשטעלט, ס'גילט פאלנ פונ אסימיליאציע, פונ פארענלעכונג צווישנ קלאנג אונ קלאנג, טראפ אונ טראפ (פּעפּע־לעפל, שינע־מאשינע) — מעטאָטעזע **), פונ ווערטער־צונויפגוס (ק אָ נ ט א מ י נ א צ י ע) אונ נאָך פארשידנערליי ספּעציפישע קלאנגענ־מאָדיפיקאציעס, וואָס מיר האָבנ שוינ דערפונ א ריי באשרײַבונגענ אינ די אלגעמיינע ווערק פונ קינדער־לינגוויסטיק.

דידאָזיקע אייגנארטיקע קינדערשע רייד־מאָדיפיצירונג נעמט זיכ, פארשטייט זיכ, אויכ פונ סיבעס ע נ ד אָ ג ע נ י ש ע, אינערלעכ פיזיאָלאָגישע (שוואכ קאָאָרדינירט די רייד־באוועגונג, דער רעגוליאטיווער מעכאניזמ ביכלאל), דעריקער גייט עס אָבער פונ ע ק ז אָ ג ע נ י ש ע, אויסערלעכ־סאָציאלע סיבעס,—פונ דעמ, וואָס דאָס קינד הערט ארומ זיכ, וויאזוי מענ רעדט צו אימ ***).

„אפנ וועג" צו באהערשנ מער־וויניק פולקאָמ די שפּראכ מאכט דורכ דאָס קינד אייניקערליי רייד־עטאפּנ ****).

---

*) ביכלאל דארפ מענ דאָ אונטערשיידנ:

א) ארויסלאָזנ קאָנסאָנאנטנ (אזע—כאזער, אנא — האנטעכ), איבערהויפּט בא קאָנסאָנאנטנ־קאָמפּלעקס: פּי (שפּיל), פּיי (פלייש), טע (שטעקל) א. אז. וו.

ב) ארויסלאָזנ טראפנ: טאָ (ניטאָ), בי (אווטאָמאָביל) א. אז. וו. אונ אויכ אינ פאָרשול־פּעריאָד: פּאכאָד— (פּאראָכאָד) טאָמאָביל (אווטאָמאָביל) א. א.

**) אונ אפּילע שפּעטער שוינ. יאדעגע (יאגעדע) א. א.

***) ס'איז, אשטייגער, באוווּסט די גאנצע פארשפּרייטע שעדלעכע טעווע צו רעדנ מיטנ קינד וועגנ זאכנ, וואָס ער וויכט, ניט מיט קיינ „קלאָרע דיבורימ", נאָר ענדערנ די אייגענע רייד אפ א „פארקינדערשטנ" נוסעכ, ווי פארשווערנדיק דערמיט דעמ קינד צו אופנעמענ ריכטיק־אקוסטיש די לעבעדיקע רייד.

****) קלאָר, אז אינ פּראט פונ בוי אונ פאָרמירונג אונ אינ פּראט פונ סכומ קענ דער ערשטער וואָרט־מאטעריאל האָבנ א ריי אינדיווידועלע אָפּנייגנ. ס'וועגדט זיכ דאָ אסאכ פונ סוויווע, נאטור־באדינגונגענ א. א. מיר מערקנ נאָך ניט, אגעוו, קיינ געוויסע סטאנדארטיזאציע באמ אָפּשאצנ דעמ קינדערשנ שפּראכלעכנ פארמעג אונ באמ דיסקאָנטירנ די קינדערשע רייד־עטאפּנ. מיר האָבנ דאָ נאָך ביכלאל מער אינדיווידועלע אכטגעבונגענ אונ קאָנסטאטירונגענ. אפ סטאנדארטיזירנ עס דארפ מענ נאָך מאכנ היפּשע מ א ס נ ־ א כ ט ג ע ב ו נ ג ע נ א ו נ א ו י ס פ אָ ר ש ו נ ג ע נ אינ די באדינגונגענ פונ אונדזער קאָלעקטיוויסטישער דערציִונג.

II. וואָרטבילדונג

דאָס קינד שאַפט ביכלאל „אייגענע“ ווערטער, ווען סע פעלט א באַצייכענונג, וואָס זאָל פאַר אים בוילעט און כאַראַקטעריסטיש זײַן.

1) סובסטאַנטיוון און אינטעריעקציע־געגנשטענדלעכקײַט:

א) אָנאָמאַטאָפּעיִשע, קלאַנגען־נאָכמאַכיקע ווערטער, וואָס באַצייכענען וועזנס, זאַכן: קיצ־קיצ, טיוטיו, האַוו־האַוו, בול־בול־באָם, טר (ניי־מאַשין), טו־טו (פײַפּעלע, באַן) טפּרו, ניאָ, (פערד) א. אז. וו.

ב) אַזויגערופענע נאַטירלעכ־סימוואָלישע באַצייכענונגען: האַם־האַם, ניאַם־ניאַם פּאַפּע (ברויט), מאָניע (מילך) א. אז. וו.

ג) אייגנטלעכע סובסטאַנטיוון (קאָנווענציאָנעלע ווערטער): ביי (ברויט) מי (מילך) א. אז. וו.

אָט איז א צעטל אזא פריִערדיקע „אינפאַנטיליא“ (קינדער־לאָשן) אינ ערשטנ רייד־פּעריִאָד:

האַם־האַם, האַמעניו (עסנ), פּאַפּע (ברויט, עסנ), מאָני(ע) (מילך), מאָקעניו (מילך, טרונק) מלי־מלי (אינ פּוילנ—מילך), באַיענקע (שלאָפנ), ליולענקע (אײַנוויגנ, אײַנשלעפערנ), הײַטע (שפּאַצירנ אינ גאַס) דיודי (קאַלט), זיזי, זשיזשי (שײַנ), טיו־טיו (הינדעלעכ, טרונק), קיצי (ע) (קעצעלע), צוצי, האַוו־האַוו הינטעלע), טפּרו (פערדעלע) ניאָ קאָסי (ע) (פאָרנ, אָנטרײַבנ א פערד), האָפּײַ, (שפּרינגעג, אַראָפּ), ציאַציע, צאַצע (שפּיל־געצײַג), קוקע (ווונד), וואַווע (דאָסזעלבע), בובע(לע) (דאָסזעלבע—פּאָדאָליע, רומעניע), ניוניע (וויינער), בערעם־בערע־בוצ (אָנשטויסנ שטערנ אינ שטערנ), באָדזי־באָדזי (דאָסזעלבע— פּוילנ), ציצי (ברוסט, זייגנ), ציאָם (קוש), טו (פײַפעלע) א־א (בוכ, לייענענ), באָם (זייגער), בול־בול (באָדנ זיכ) א. אז. וו. *)

אגעפּ, צוליב אָפּשאַצנ אפ וויפיל דאָס קינד פאַרשטײט, וואָס מע רעדט צו אים אינ דעמדאָזיקנ ערשטנ רייד־פּעריִאָד גיט דעקיאָדר Descoeudres אַזוינע טעסטנ: **)

ז. אויספילנ 10 גרינגע באַפעלנ ***) 1) שטיי אויפ. 2) זעצ זיכ. 3) גיי צו. 4) שטיי. 5) עפנ, פאַרמאַכ (די טיר, דעמ פענצטער). 6) הייב אופ די הענט. 7) ציִ אויס די הענט אפ א זײַט. 8) ציִ אויס די הענט פאָרויס. 9) טופּע מיט דער פוס. 10) עפנ דאָס מויל, פאַרמאַכ די אויגנ.

---

*) זעט אויכ ווײַטער אינ דעמזעלבנ קאַפּיטל. צ׳ם געגעבענעמ מאַטעריאַל האָבנ מיר אויכ אויסגענוצט יודאָ א. יאָפּעס צעטל אינ זײַנ אַרטיקל „דער סלאַווישער עלעמענט אינ יִדיש“ („פּינקעס“. באַנד I, העפט 4, ניויאָרק- 1928). יאָפע באַצייכנט דאָרט דעמ סלאַווישנ אָפּשטאַם פונ אסאַכ אַזוינע ווערטער, וואָס די ניט־יִדישע ניאַנקעס און דינסטנ האָבנ אַרײַנגעבראַכט „אינ דעמ אינטימסטנ ווינקעלע פונ קינדער־צימער“ פאַר די לאַנגע יאָרהונדערטער, וואָס די יִדנ וווינען אינ די סלאַווישע לענדער“.

פאַראַנ שוינ געוויס נײַע „אינפאַנטיליא“ און די אינפאַנטיליא גופע איז, געוויינטלעכ, פאַרשיידנ באַמ אַר־בעטער־קינד, באַמ פויערשנ קינד א. א. דעמ איצטיקנ צעטל ברענגענ מיר בלויז אפ איליוסטרירנ אונדזער אַלגעמיינע האַנאָכע.

**) Декедр. Развитие ребенка от 2 до 7 лет.

***) די באַפעל־פאָרמע ווערט פרי פאַרייגנט.

די נאָרמע פאר א צווייאָריק קינד—7 אויספילונגען. די שווערסטע: 1) צי אויס די הענט, 2) שטעל זיך אָפּ.

וו ווייַזן 10 זאכן. ווייַז מיר: 1) בלייַער, 2) טינט, 3) פענצטער, 4) דיל, 5) סטעליע, 6) נאָז, 7) אויגן, 8) עלנבויגן, 9) קני, 10) פּלייצע.

נאָרמע פאר א צווייאָריק קינד—7.

ביכלאַל שטעלט דעקיאָדר אייַן דעם באגריף פון קינדערשן „רייד־ניוואָ" לויטן עלטער. זי שטרעבט עס צו באשטימען לויט טעסטן אַפּ געוויסע פּראָפעסיעס, מאַטעריאַלן, קאָלירן, ווערבן, אדיעקטיוון א. א. ס'איז אָבער קלאָר, אז קיין אלגעמיינע טעסטן קענען דאָ ניט זייַן פאר אלערליי סאָציאַלע גרופּעס. דער קרייַז פאָרשטעלונגען איז אנדערש בא קינדער פון פארשיידענעם סאָציאַל־קלאסעווון ארום, דאָס באדינגט אויך דעם קינדערשן ווערטערבוך.

2) די „נאָמענקלאטור"־סטאדיע טרעט ביסלעכווייַז אָפּ דאָס אָרט אויך פאר ווערבן (לויט די מאטעריאַלן פון שטערן, דעקיאָדר א. א). אָט זייַנען, אשטייגער, אייניקע אָנגאבן אזוינע: די „צאָל־שייַכעס צווישן די טיילן אין דער שפּראַך פון 4־יעריקע איז אזא: סובסטאנטיוון—52%, ווערבן—27%, 21% דאָס איבעריקע. ס'איז דורכשניט־ציפערן. פיל האָט דאָ צו זאָגן דער פּסיכישער לעבן פון פארשיידענע קינדער. מיר האָבן באקומען פאר איינעם א ייִנגל, וואָס איז זייער לעבעדיק, 56% סובסטאנטיוון און 27% ווערבן און פארן אנדערן, וואָס איז ווייניק אקטיוו,—60% סובסטאנטיוון און 23% ווערבן" *).

3) צו דער דריטער רייד־סטאדיע זייַנען שייַך אדיעקטיוון. דאָס קינד הייבט שוין דאן אָן אונטערשיידן זאכן פונעם ארום, זייער שייַכעס צווישן זיך. ברויכן אדיעקטיוון פאָדערט א געוויסע רייַפקייַט: ס'א פעיִקייַט צו אונטערשיידן די אייגנשאפטן פון זאכן און צו אָפּטיילן אין געדאנק דידאָזיקע אייגנשאפטן פון די זאכן („אבסטראהירן").

4) פאריגענע פּראָנאָמען גיט זיך דעם קינד ניט מיטאמאָל. צוערשט ברויכט ער דעם אייגענעם נאָמען אנשטאָט „איך" **). צו די ערשטע פּראָנאָמען, וואָס דאָס קינד נעמט אוף, געהערן די פּערזענלעכע („איך", „דו" ...) און די קער־פּראָנאָמען („מייַן, דייַן...") ***), אָבער דאָס קינד פארבייַט דאָ אָפטמאָל די יאָצרעס, רעדנדיק לויט דעם ווי מע ווענדעט זיך צו אים. לינדנערס זון רעדט וועגן זייַנע אייגענע זאכן: „dein Kleid, deine Strümfe", דאָסזעלבע בא גילדע שטערנס („dein" אין באטייַט פון „מייַן„). פּרייער טיילט מיט, אז זייַן זון האָט צו 4, 8, 2 יאָר באצייכנט מיט „ich" — „דו" און מיט „du" — זיך אליין).

*) ל. שאבאד פון דער מאָסקווער פּרוור־סטאנציע (די קינדער־שפּראַך. פּעדאגאָגישער ביולעטען נומער־6, קיעוו 1923).

**) דאָרטן, ווו דאָס קינד האָט אן עלטערן ברודערל, שוועסטערל, איז ער מער נויטע צו אופנעמען פון זייַן זייער קינדערש־עמאָציאָנעלן, זיך ארויסשטעלנדיקן און פאָדערנדיקן „איך". באם קינד, וואָס האָט אן עלטערס פון זיך, קומט דער „איך" אוף אפילע פריִער פון אָנרופן דעם אייגענעם נאָמען.

***) מיימאן האלט, אז דאָס קינד ברויכט דעם קער־פּראָנאָם („מייַן") פריִער איידער דעם פּערזענלעכן פּראָנאָם. געאָרגאָוו—פארקערט (אין „Ein Beitrag zur grammatischen Entvicklung der Kindersprache.").

5) צאָלווערטער קומענ אופ באמ קינד אנגערעכ פרי. צוערשט איז עס, געווינטלעכ, ניט קיינ באצייכענונג פונ צאָל־באגריפ, נאָר א מעכאניש איבערכאזערנ אונ נאָכמאכנ די אופגענומענע צאָלנעמענ. כאר פילצאָל גילט נאָכ לעסאטע „אסאכ". דאָס סאמע עלעמענטארע „צוויי" איז איבערהויפט פונ די ערשטע צאָלנעמענ, וואָס דאָס קינד ברויכט פאר אלצייגע זאכנ, וואָס ציִענ אימ צו, אונ ער הייבט זיי אָנ אונטערשיידנ אינעמ ארומ (אזוינע פאלנ קומענ פאָר צו 2—3 יאָר). ווענ דאָס קינד באקומט אנ אלגעמיינע פאָרשטעלונג פאר צאָל, ווענ ער הייבט אָנ אונטערשיידנ לויט דער צאָל פארשיידענע זאכנ (צו 4—5 יאָר אנגערעכ), ווײַזט ער אָפטמאָל ארויס א גרויסע נייגונג צו ציילנ, ציילנדיק טאקע מער, איידער רעכענענדיק אונ צונויפרעכנענדיק: איינ קינד, נאָכ איינ קינד א. אז. וו. בא בערטאָלד אָטאָ דערציילט א קינד פונ 5 אייולענ—איינ אייזל, אונ נאָכ איינ אייזל, אונ נאָכ איינ אייזל, אונ נאָכ איינ אייזל...

6) צו דער לעצטער רייד־סטאדיע זײַנענ שײַעכ די באציִונג־ווערטער (בינד־ווערטער, פרעפאָזיציעס), וואָס קומענ אָפטמאָל אופ גאנצ שפעט אינ דער קינדער־שפראכ *).

7) די וואָרטקלאסנ קומענ אופ טכילעס אינ זייער גרונט־פאָרמ, זיי זײַנענ נאָכ איבערהויפט אגראמאטיש, אזוי צו זאָגנ. דעמ קינד זײַנענ אינ אָנהייב נאָכ פרעמד א ריי פאָרמעס אונ פאָרמעלע סימאָנימ, וואָס אָדער ער האָט עס נאָכ קלאָל ניט, אָדער ער פלאָנטערט עס. פאראנ פאָרמעס, וואָס קומענ אופ בא די קינדער פריִער, פאראנ פאָרמעס, וואָס קומענ אופ בא זיי שפעטער. די הילפווערבנ, אשטייגער, פעלנ לעבאטכילע א לענגערע צײַט אינגאנצנ אויס, דערנאָכ מישנ זיי די קינדער אפילע אינ שול־עלטער: זיי בילדנ אויכ פאָרמעס אָנ זיי („ער שלאָפט"—איז שלאָפ). די קינדער זײַנענ נויטע אָנצווענדנ די פארשפרייטסטע פאָרמעס אויכ דאָרטנ, וווּ סע גילטנ אנדערע פאָרמעס,—זיי ברויכנ, אשטייגער, נאָר דעמ הילפווערב „האָב" (ביט „בינ"). זיי בילדנ אויס — האָבסט, האָבט, אָדער זיי ברויכנ מערצאָלנ לויטנ טיפ—, דאכנ, שטובנ א. א. **). דער אָנהייב פונ באהערשנ אונ אָנווענדנ וואָרט־פאָרמעס ביכלאל, האלט מענ, פאלט אנערעכ צונויפ מיטנ אזויגערופענעמ „פרעג"־פעריִאָד אינ דער קינדערשער רייד־אנטוויקלונג סאָפ צווייטנ יאָר, ווענ דאָס קינד ווערט אלצ נײַגיריקער אָנגערעגט פארנ ארומ אונ פאר דער וואָרט־סימוואָליק, וואָס באצייכנט אָט דעמ ארומ, ווענ די קינדערשע שפראכ טוט ביכלאל א וואקס, אונ דאָס קינד הייבט שוינ אָנ מער דײַטלעכ צו באהערשנ אונ צו ברויכנ אויכ די קלאנגענ, וואָס זײַנענ פאר אימ פריִער שווער געוועג.

*) האגאמ אינ די פפ. 1—6 גייט א רייד וועגנ באשטימטע וואָרט־קלאסנ, אָבער מענ דארפ ניט פארגעסנ, אז קיינ סטאבילנ גראמאטישנ באטײַט האָבנ נאָכ ניט דידאָזיקע ווערטער בא די קינדער פונ דעמ יינגסטנ עלטער, וואָס ארבעטנ ערשט אפ זייער טכילעסדיקנ שפראכ־פאָרמענ. די וואָרט־קלאסנ הערנ דאָ נאָכ איבערגעמישט אונ פארברייטערט, ווי מיר האָבנ דאָס שוינ פריִער אָנגעוויזנ: א ווערב ווי א סובסטאנטיוו, א סובסטאנטיוו ווי אנ אייגנשאפטוואָרט—עמע—קעמעלע, פאורקעמענ, שטו—שטול, זעצנ א. א.

**) מיר טרעפנ אזוינע פאָרמעס אינ דער מאסנ־שאפונג („אונ די פערדנ גייענ ניט" „... ווי די ביימענ באמ ברעג טײַכ" אונ אינ דער קינדערטימלעכער דיכטונג — „אזעלכע פייגלענ מיט אזעלכע נאָזנ" (קוויטקאָ)

8) אינ פּראָצעס פון שפּראַכלעכנ וואַקסנ אונ באַהערשנ די גרונטיקערע רייד־פאָרמעס ווערט דער קינדערשער אויער שטאַרק אָנגעשפּיצט פאַר וואָרט־אַסאָציאַציע אונ פאָנעטישע שפּראַך־איינצלענ. דער קינדערשער דימיענ ווערט דאַנ שעפעריש גערעגט פאַר אייגענער קלאַנגענ־קאָנסטרוקציע אונ דעפאָרמירטער וואָרט־האַמצאָע, וואָס נעענטערט די קינדער, אָט די „פּאָעטנ פונ אונטערנ טיש", מיט דער מאַסנדי־קער וואָרט־שאַפונג אונ מיט עכט־דיכטערישער קלאַנגענ־בילדלעכקייַט. „ביכלאַל, דוכט זיך מיר, אַז פונ צוויי יאָר אָנ ווערט יעדער קינד אַפ אַ קורצער צייַט אַ געניאַלער פילאָלאָג, אונ דערנאָך צו 5—6 יאָר גייט עס באַ אים לעיבעד" *).

אָט זייַנענ נאָך אַ פּאָר אַזוינע פּראָטימ פונ קינדערשער וואָרט־בילדונג:

א) ריטמישע מאָמענטנ. נאָך אינ מורמל־פּעריאָד איז בוילעט די נעטיע פונ קינד צו ריטמ אונ צו גראַמאַרטיקייַט, אַזוי צו זאָגנ. דערופ זאָגנ איידעס אויך די ערשטע „פּיזאָנימענ", ווערטער ווי פונ דער נאַטור אַרויס—מאַמע, טאַטע, באַבע, פּאַפּע, ניאַניע א. א. לויט דעמדאָזיקנ פּרינציפּ זייַנענ ביכלאַל געבויט אַ היפּשע צאָל „אינפאַנטיליא": א־א, האַמ־האַמ, וואַווע (וויי), ליאַליע, צאַצאַ, האַור־האַור, ציפּ־ציפּ א. א.

מירנ פאַרצייכענענ אַ צעטל אַזוינע יידיש־קינדערשע וואָרט־פאָרמירונגענ:

טעטע (שטיינדעלעך)	סיסי (פּאַסאָליס)
פּאַפּא (פּאַרטעך)	פּעפּע (טעפּעלע, וויקעלע)
פּעפּע (פערד, לעפעלע)	בעבע (רובע)
פּיפּע (פליג)	מאָמע (לעוואָנע)
פּיפּי (פליגעלע פונ אָפ, די פיסלעך)	נענע (דיניע)
שישא (שיך, זאָקנ, קאַלאָשנ)	

אַהער זייַנענ געוויס שייַך די פאַרשיידענערליי ע כ אָ ל א ל י ש ע וואַריירונגענ, זיך־איבערכאַזערנדיקע קלאַנג־אונ וואָרט־מאָמענטנ, ווענ דאָס קינד זאָל ווי זיך אַליינ נאָכמאַכנ, בעשאַס ער פּרוּווט אונ שטעלט אָנ צוליב אייגנטלעכער געניטונג זייַנ שטימ, זייַנ רייד־אַפּאַראַטור, ווי די טעטיקייַט פונ גאַנצנ קערפּער ביכלאַל.

דידאָזיקע עכאָלאַלישע ניגונגענ פאַרמאָגט דאָס קינד אויך אינ שול־עלטער, ווי ס׳איז צו זענ אַפ די באַליבטע קינדערשע ציילערלעך **) אונ אַפ אַנדערע קינדערש־פאָלקלאָרישע אונ קינדערטימלעך־דיכטערישע ווערק פונ דעמ מינ. מיר מערקנ דאָ סייַ גאַנצע ריטמיזירטע איבערכאַזערונג, סייַ טיילווייַזע, אינעווייניק־סטע גראַמ־מאָמענטנ, טיילמאָל מיט אַ קאַדאַנס (אויסלאָז)־סטרוקטור אַפנ שטייגער:

ענגע בענגע	איינס, צוויי, דרייַ	ענגעלע בענגעלע
סטופּע צענגע	לידער לאָדער לייַ	שטיפּ אַ סטענגעלע
אַרצע באַרצע א. אז. וו.	אָקנ— באָקנ	פּ י פּ-פּ א פּ ***)
איימעלע ריימעלע	ביינער גלאָקנ	
פייגעלע בייגעלע	שערל־פּערל	
ה אָ פּ!	פּ ו י!	

*) К. Чуковский. Маленькие дети.

**) דערצו זייַנענ אויך שייַך די אַמאָליקע אַלעפבייז - לידלעך (א־אורעמעלע) א. אז. וו., אונ די פינגער־נעמענ: פונ קליינעמ פינגער—אידעלע, שפּיל־פידעלע, קנאַק־ניסעלע, פּוטער־שיסעלע א. אז. וו.

***) אַגעפּ. פיל פונ אָט די לידעלעך באַשטייענ פונ אַנדערשפּראַכיקע עלעמענטנ, ווענ די קינדער קאָמפּאַנירנ נאָך אייגנאַרטיק דעמ קלאַנגענ־שטייגער פונ דער ניט־אייגענער שפּראַך.

און ס'וואַרטן נאָך אַפּ זייער אויספאָרשער אָט די ריטמיזירטע עכאָלאַליע־וואַריאַציעס, ווי די אַנדערע קינדערטימלעכע עלעמענטן בא שאָלעמ־אַלייכעמ *) פּערעצ **), קוויטקאָ ***), קיפּניס ***) א. א.

ב) אָנאָמאַטאָפּעיִשע מאָמענטן. דאָס קינד פון פריסטן עלטער איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באַזונדערס לאָהוט נאָך קלאַנגען־נאָכמאַכונג, וואָס זאָל אָנשטאָט דעמ אָנרופ געבן די מער כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דער זאַך: קיצ,־קיצ, ציפּ־ציפּ, טיו־טיו, טו־טו, טוק־טוק, טיק־טאַק, דינ-דינ, א. א. און נאָענט זײַנען פאַר אים די אויסבילדונגען לויטן אַרט: „ב ו ל ב ע נ זיכ די קאַטשקעלעכ און ג ו ל ג ע נ זיכ אַסאַכ״ (קוויטקאָ) ****).

ג) ליבע צו באַשטימטע וואָרט־פאָרמעס, צו פאַרקלענער־און צערטל־סופיקסן, אַשטייגער, וואָס מיט זיי זײַנען פול די קינדער־פאָלקלאָרישע ווערק און וואָס זײַנען אויכ אייגן דעמ פאָלקסטימלעכן נוסעכ. דאָס קינד באַפאַרבט דערמיט עמאָציאָנעל דאָסזעלבע וואָרט, קומט וויניקער צוּ צום נײַוואָרט, צו אַנ אַדיעקטיוו, ווען ס'איז אים נאָך שווער.

ד) קינדערשע לעקסיק און סעמאַנטיק:

דעמ זיידנ האָט מען ניט ב א ש פ י ל ט, ווײַל ער איז ניט געווען קיין פירער (בא א קינד, וואָס ס'איז בא אים געשטאָרבן דער זיידע,—אַפּ זײַן לעווײַע, הייסט עס, איז קיין מוזיק ניט געווען).

1. גרוזאָוויק ג ר ו ז ע ו ע ט (פאָרט)
ר אָ י א ל נ (שפּילן אַפּן ראָיאַל)
ד י נ ד י ל (גלעקל)
א ר אָ פּ ה ע נ ג ע נ דעמ האַמאַק (אַראָפּנעמען)
וואָס גייסטו אַזוי אָ פּ ט י ק (גיכ), כ'קען זיכ ניט
ספּראַווען מיט דײַן ג יי ע נ י ש.
דער זייגער ט י ק ט ע ט
א ו נ ט ע ר ל יי ג ע נ י ש (אַפּ קאָפּיר־פּאַפּיר).
ד א ר ע ל ע כ (אַפּ סקאָרינקעס ברויט)
א גוטער מעלאָכער (קען מאַכן, מײַסטרעווען)
דער סאַמאָוואַר וו יי נ ט,

דער לאָמפּ ז י צ ט.
דער ווינט איז ב יי ז.
דער לאָדקעס פּ י ס (אַפּ ווערסלעס)
דער גומ (מעלוכע־מאַגאַזינ) וו ו י נ ט אַפּ... גאַס.
2. דאָס ביכל איז ג ע ש ל אָ פ נ אַפּ דער וועראַנדע
(געלעגן די נאַכט)
דער זייגער קאָכט (וועגן גאַנג פון וואַנט־זייגער)
נ ע ז ע ל ע (שאָלעכטס פון נוס)
נ ע ז ע ל ע (פרוכט פון האָרנבוימ—טוט זיכ אָן
אַפּן נאָז)
ש ט י ב ע ל ע מ י ט ר ו י כ (צוג)*****)

אינ דער קינדערשער לעקסיק און וואָרטבוי מערקן מיר ביכלאַל מעטאַפאָרישקייט און אַסאָציִאַטיווע פאַרגלײַכאַרטיקײַט. מיר האָבן דאָ אויכ דעמ אייגנאַרטיק־קינדערשן אימפּרעסיִאָניזמ — דאָס קינד דערקענט אַקאָרשט דעמ אַרומ, כאַפּט ער אויפ א פראַט,

*) „איציק־שפּיציק, נאָרל־ טעשל, גיי אינ קלייט, כאַפּ א פּ'עשל״, „יאַנקעלע־באַנקעלע פּלעשעלע בול־בול״, „אָוו־פּאָטער, קאָלמענ־טאָטער, טאָטער־קאָלמענ, שנייער זאָלמענ, זאָלמענ שנייער, שלאָפּ אינ שלייער״ (לאַגבוימער) א. אז. וו., א. אז. וו.

**) אינ די קינדער־לידלעכ.

***) אינ זייערע קינדערטימלעכע שאַפונגען. אינ דער פריִערדיקער מאַסנדיכטונג, ווי בא די אָנגעמערקטע קינסטלער, האָבן מיר עס איבערהויפּט אַפּן „סקאַרבאָווע״ אַרט, סע פאַרקערפּערט אָבער אינ זיכ די אַלגעמיינ-קינדערשע עכאָלאַליע און קלאַנגענשפּיל.

****) דערדאָזיקער עלעמענט איז, פאַרשטייט זיכ, אויכ ברייט פאַרטראָטן בא אונדזערע קינדער־קינסטלער. זעט, אַשטייגער, אינ קוויטקאָס „רינג אינ רינג״ „ריטשקעלע״, „סאָפּ זומער״ א. אז. וו.

*****) אַגעפּ, דאָס שאָלעמ־אַלייכעמישע „וואַטערשטוב״.

א דעטאל, וואָס ווירקט אפ אימ באזונדערס, אונ ער באצייכנט עס אינ וואָרט אפ זײַנ שטייגער. דאָס קינד באפארבט דערמיט עקספּרעסיוו דאָס זעלבע וואָרט, קומט אזוי ארומ ווייניקער אָנ צו א נײַ וואָרט, צו אנ אדיעקטיוו, ווענ ס'איז אימ נאָכ שווער.

III. וואָרטבאהעפט

איבּ אינ דער אלגעמיינער ליטעראטור זײַנעו שוינ פאראנ געוויסע מאטעריאלנ צו דער פּראָבלעמ פונ קינדערשער פאָנעטיק אונ וואָרטבילדונג, פעלנ נאָכ אויס מער־ווייניק גענויע אונ זיכערע אָנגאבנ וועגנ דעמ קינדערשנ סינטאקס. מענ דארפ דאָ פארצייכענענ אַט וואָס:

1) אינ ערשטנ פעריאָד פונ פריסטנ עלטער ($2—2^{1}/_{2}$ יאָר) האָבנ מיר איבּערהויפּט צו טונ מיט פּאראטאקס,— פאָרמ פונ „איינפאכנ" זאצ.

2) די ערשטע קינדערשע זאצנ זײַנעו אויסרופיקע אונ איבּערהויפּט פרעגיקע. שטערנ דופּט דעמדאָזיקנ עלטער „צווייטער פרעג־פעריאָד", וואָס קומט נאָכנ ערשטנ פרעג־פעריאָד ($1^{1}/_{2}—2$) אונ פאלט דאנ אפ דער „געגנשטאנד־סטאדיע" (זעט כריער), ווענ ס'גילט דאָס סטערעאָטיפּישע „וואָס איז דאָס" וועגנ ארומ. „בעשאס א שפּאציר־גאנג האָבנ מיר בא איינ קינד אויסגעציילט 40 פראגעס אינ מעשעכ פונ א האלבע שאָ"*)

אינ א טאָגיקנ פארצייכענענ די רייד פונ א דרײַיעריק שטאָטיש קינד, האָבנ מיר פונ 400 זאצנ אָנגערעכנט 209 פרעגזאצנ אָדער אויסרופ־פאָרמעס **).

די ראָל פונ פרעג־פעריאָד אונ פונ די זיכ־פאָרמירנדיקע פרעגזאצנ באצייכענענ די באליבטע קינדער־מאטעריאלנ, וואָס זײַנעו געבויט דיאלאָגיש־פּאראלעל אונ קאָמוליאטיוו־אָנוואקסנדיק לויטנ ארט.

א)—פייגעלע, פייגעלע!
—פּי, פּי, פּי!
—ווו איז דער טאטע?
—ניטאָ הי (דאָ ניט הי).
—ווו איז ער געפאָרנ?
—נאָכ ליאדי (סטרי־איסאקי).
—וואָס ס'טער ברענגענ?
—א פּאָר קי (א קעלבעלע מיט א קו) א. אז. וו.

ב)—צו וואָס שטייט זי אונטער א ביימעלע?
—בלעטעלעכ צו רײַסנ.
—צו וואָס טויג איר בלעטעלעכ?
—קיעלעכ צו שמײַסנ.
—צו וואָס טויגנ איר קיעלעכ?
—מילכ צו מעלקנ.
—צו וואָס טויג איר מילכ?
—קינדערלעכ צו געבנ! א. אז. וו.

3) בא $2^{1}/_{2}—3$ יאָר קומענ אופ די היפּאָטאקסישע מאָמענטנ, די קינדערישע פראזע־קאָמבינירונג — זאצ+זאצ, בײַזאצ. טכילעס פרעוואלירנ די „זאצ־קייטנ", זאצנ־סכומענ, ניט פארבונדנ מיט קיינ באציונג־ווערטער אונ אָנ פאראלגעמיינערטער

*) ל. שאבאד. קינדער־שפּראכ. פּעדאגאָגישער ביולעטענ 1923,6, קיעוו.

**) Живое слово и книжка для дошкольника

קאָאָרדינירונג פונ די גלײַכארטיקע סינטאַגמעס — „אופגעבונדענע קינדערשע רייד" (אואטסאָנ):

יאנקעלע עסנ, מאמע עסנ, טאטע עסנ...
גיב א בלײַפענ, גיב פאפיר, איכ מאָלנ...
א שטוב שטייט, שטוב גרויס...

שפּעטער אונ מײנכסטנס גאנצ לאנגזאמ קומענ אופ זאצנ־פארבינדונגענ, בײַזאצנ:

עסט יאנקעלע אונ דער טאטע אונ די מאמע...
מאמע קומענ, ברענגענ עפּל...

4) די צאָל ווערטער אונ פראזעס איז פארשיידנ לויטנ עלטער. אינ גאָר יינגסטנ פעריָאָד — איינוואָרט־זאצנ (זעט פריער וועגנ „גענעראליזירטנ" וואָרט—זאצ), צוויי וואָרטיקע, דרײַוואָרטיקע זאצנ. אינ די רייד פונ א 3־יאָריקנ האָט ל. שאבאד פאר־צייכנט פארנ טאָג 80% צוויי־אונ דרײַוואָרט—זאצנ. צו 4—3 יאָר, ווי אויכ צו 6—5 יאָר קומענ אופ פילוואָרטיקע זאצנ, אָפּטמאָל גאנצ לאנגע מיט איבערכאזערונגענ, מיט ניט געוויינלעכע פארבינד־פאָרמעס אונ מיט גאנצ אייגנארטיקער וואָרטשטעלונג.

אינ יידיש פארמאָגנ מיר נאָכ, לײדער, ניט קיינ איינ זאמלונג פונ קינדערש ווערטערבוכ. שטעלט זיכ פאר אונדז די גאנצע צײַט די וויכטיקסטע פּראָבלעמ פונ זאמלענ אונ אכטגעבנ קינדערשנ וואָרט־מאטעריאל (אלס אויסגאנג־סכעמע קענענ דאָ צונוצ קומענ די אויבנאָנגעמערקטע עטאפּנ אונ בײַשפּילנ). אונ שײַעכ איז עס ניט נאָר צו די יינגסטע רייד־סטאדיעס, נאָר אויכ צומ שול־פעריָאָד, ווענ דאָס קינד פארמאָגט שוינ א היפּשנ פארגרייט קינדערשנ וואָרט־מאטעריאל אונ קינדערשע וואָרטשאפונג.

מיט דעמ אזויגערופענעמ „קינדער־פאָלקלאָר" *) פארנעמט מענ זיכ איצט זייער ערנסט אינ דער אלגעמיינער ליטעראטור. די פארשיידענערליי פּראָדוקטנ פונ קינדערשער אונ פארקינדערשטער שאפונג—צייל־לידלעכ, רייצ־לידלעכ, שטייגער־אונ וויג־לידלעכ, שפּילנ, שפּאסלעכ, גיכ־ווערטלעכ, קינדערשע מיטיילונג, קינדערשער וואָרט־מאטעריאל ביכלאל,—דאָס אלצ ווערט דאָ געטרײַ געזאמלט, אנאליזירט אונ באלויכטנ. מע באציט זיכ דאָ ביז גאָר ערנסט צו דערדאָזיקער פּראָבלעמ, ווײַל מע ווייסט אונ מע שפּירט דעמ גרויסנ ווערט דערפונ. אזא מאטעריאל קומט ניט נאָר צו כאראקטעריזירנ די ערשטע רייד־פעריָאָדנ אונ דענק־פּראָצעסנ פונ קינד, נאָר עס איז אויכ זייער א גרויסע הילפ אפ בויענ די מעטאָדיק פונ ארבעט אפנ וואָרט, טיילמאָל אויכ א צושטײַער באמ שאפנ דאָס צוגעטראָפענע קינדער־ביכל.

אינ יידיש האָבנ מיר אייניקע ערגעצ־ווו צעוואָרפענע זאמלונגענ פונ קינדער־פאָלקלאָר **), נאָר דידאָזיקע צופעליקע אונ ניטפולע מאטעריאלנ זײַנענ איבערהויפּט

*) מע מיינט דערמיט ניט נאָר די אייגנטלעכע קינדער־שאפונג, נאָר אויכ די שאפונג פונ גרויסע פאר קינדער, דאָס אלצ, מיט וואָס מע פלעגט פארנעמענ דאָס קינד אונ וואָס האָט בא אימ באזונדערס אויסגענומענ, צוגעטראָפנ זײַנ קינדער־פסיכיק אונ דערפאר זיכ אָפּגעזעצט אונ פארבליבנ אינ אויצער פונ קינדערטימלעכנ מאסנ־שאפנ.

**) זעט, אשטייגער, די אנטשפּרעכיקע אָפּשניטנ אינ „פּינקעס" (ווילנע תרע״ג), אנ־סקי (ווארשע, XV באנד) „בא אונדז יידנ" (ווארשע 1923), „באמ קוואל" (ווילנע, באָסטאָמסקי) א. א.

שייַעכ צומ אמאָליקנ שטייגער לעבנ, צומ כיידער אונ אלט־אויסקומעניש. די קינדער האָבנ זיכ דערמיט מעהאַנ‌גע געוועזנ אפ דער פרייַ, אויסער די שווערע היימ־אונ כיידער־דאלעדאמעס, „אפנ הויכנ בארג אונ אפנ גרינעמ גראָז‟. אינ די אומעגלעכע באדינגונגענ פונ אמאָל קער דערציִונג האָבנ אָט די מאטעריאלנ אינ א געוויסער מאָס געפרישט אונ פיל־וויניק פארהיט דאָס קינדערשע וועזנ, אונטערגעהאלטנ די קינדערשע שפּיל־נייגונגענ, געגערט זייַנע שאפונג־מעגלעכקייַטנ.

פאר דער רעוואָליוציע־צייַט האָבנ מיר ניט קיינ פארעפנטלעכטע פארצייכענישנ פונ קינדער־פאָלקלאָר *). צי האָבנ דעריג געשטערט די קאטאקליזמענ פונ די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרנ, צי האָט דעמדאָזיקנ פראָצעס פארהאלטנ דער איבערוואנדער־פּראָצעס אונ די נייַ־געזעסנקייַט, וואָס ריכט אופ אונ בויט איבער דאָס יִדישע מאסנ־לעבנ, צי איז אזא מאטעריאל פאראנ אונ ער ווארט אפנ זאמלער אונ דערקלערער **),— צוזאמענ מיט דעמ נייַעמ פאָלקלאָר ביכלאל, וואָס יוירט, וואָס ווערט אויסגעטראָגנ אינ די טיפעניש פונ נייַעמ ארבעטערשנ אונ האָרעפּאשנעמ לעבנ. צוזאמענ דערמיט ווארט אויכ אפ אופגעריכט אונ אופגעהיט צו ווערנ דאָס קינדערשע וואָרט, דער קינדערש־פאָלקלאָרישער מאטעריאל, וואָס שאפט זיכ געוויס אפסנייַ אונ וואָס קענ האָבנ א גרויסנ ווערט פאר דער פסיכאָלאָגיע פונ אונדזער קינד, פארנ מינדלעכנ אונ שריפטלעכנ קינדערשנ וואָרט, פאר אונדזער קינדער־קינסטלער, וואָס איז שוינ ניט איינמאָל אָנגעקומענ צו אָט דעמ פרישנ קוואל, אונ פונדאנענ שטאָפ אונ „באפור־צונג‟ געהאט פארנ קינדער־ליד, פאר דער קינדערטימלעכער שאפונג.

דאָס שריפטלעכע קינדערשע וואָרט, דאָס ליטעראַרישע קינדער־שאפנ איז ניט שייַעכ צו פאָלקלאָר, — פאָלקלאָר קער צומ מינדלעכנ לאָשנ. דאָס קינדערשע ליטעראַרישע שאפנ איז נאָכ גאנצ וויניק דערלערנט אויכ אינ דער אלגעמיינער ליטעראטור. אָקערשט איצט ווערט ערנסט געשטעלט די פראָבלעמ מעקויעכ דער מעטאָדאָלאָגיע אונ מעטאָדיק פונ זאמלענ אונ פאָרשנ דאָס קינדערשע ליטעראַרישע שאפנ. אָבער וועגנ דעמ רעדנ מיר שוינ צומ סאָפ פונ אָפשניט „אופזאצ‟ אינ דעמ קאפיטל „מעקויעכ זאמלענ אונ דיסקאָנטירנ דעמ קינדערשנ אופזאצ‟.

---

*) א רייִ פארעפנטלעכטע מאטעריאלנ, ווי, אשטייגער, ל. קאָהאנס (אינ דער נייַער זאמלונג „יִדישע פאָלקס־לידער‟, ניויאָרקער „פינקעס‟ 1־טער באנד, 4־טע העפט) גיבנ קיינ סאכ ניט צו צומ שוינ פאראנע־נעמ מאטעריאל פונ אלטנ נוסעכ.

**) אָט דערציילנ לערער: „אונדז איז באוווסט אזא פרווו, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ אנ ערשטער גרופּע פונ א שול. די לערערנ האָט זיכ געפרווווט ניט אָנבינדנ די קינדער די „קאזיאָנע‟ שפּילנ אונ לידלעכ. זי האָט ברייט אויסגענוצט דעמ באגאזש, וואָס די קינדער האָבנ מיט זיכ געבראכט. איז זי דעמאָלט אָפגעשאָטנ געוואָרנ מיט א מאבל שפּילנ אונ באגלייט־לידער צו זיי. צומ באדויערנ, איז אָט דער גאנצער מאטעריאל ניט פארשריבנ געוואָרנ‟. „ראטנבילדונג‟ 8,1928, („פאָלקלאָר אינ שול‟).

IV. שמועס ביכלאל און ארבעט־שמועס

1

דער שמועס איז נאָך בא אונדז אין שול דער סאמע פארשפרייטסטער אופֿן אָנצווענדן דאָס מינדלעכע וואָרט אין פּעדאגאָגישן פּראָצעס, די אוניווערסאַלע, אַזוי צו זאָגן, פאָרמע פון עפּעס דורכאַרבעטן ביכלאַל. דער שמועס איז נאָך אָפטמאָל, ליידער, דער איינציקער קוואַל, דער אויסגאַנג, צעוויקלונג און אויסלאָז פון דער גאַנצער שול־אַרבעט. מיט שמועסן און מיט געשפּרעכן, וואָס ווערן ניט אַלעמאָל, געוויינטלעך, ווי געהעריק דורכגעפירט, מוז נאָך דער לערער פאַרשטעקן לעכער און פאַרשטופּן בלויזן, וואָס נעמען זיך פון דער איבערגעלאָדנקייט מיט קינדער און מיט אַל, פון דער אָרעמער שול־אויסשטאַטונג, פון דעם, וואָס מאַכשירים און הילפס־מאַטעריאַלן פעלן נאָך אויס.

נאָר אָפט נעמט זיך עס פון אַליין ניט קענען אַרבעטן און ניט קענען שטיסן די קינדער אַף לעבעדיקער מוסקול־געניטונג, אַף אַריינדרינגענע אַקטיוו אין דער אַרום־מיקער נאַטור, פאַבריק און שטייגער לעבן. די „זיצ״־און שמועס־קאָמפּלעקסן דאָמי־נירן נאָך, ליידער, איבער שעפערישער זעלבשטענדיקער אַכטגעבונג און אויספאָרשונג, איבער פאַרשיידענערליי עכטע אַרבעט־פּראָצעסן און פּאָליטעכנישע געוויינהייטן.

דער שמועס, וואָס איז אין אַרבעט איינגעשלאָסן און מיט טאַט באַהעפט, איז אַמאָל אַ העכסט וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער גאַנצער אַרבעט גופא. אין אונדזער שול־פּראַקטיק אָבער האָבן מיר נאָך דערפון מער שלעכטע איידער גוטע מוסטערן. ס'איז נאָך מיינסטנס ניט דער שמועס, וואָס קומט אין וואָרט־טעטיקייט צו פאָרמירן דעם פּעד־פּראָצעס דאָרטן, ווו מע דאַרף עס. ס'איז נאָך אָפטמאָל אַזאַ שמועס, וואָס ציט דעם אַלטן אויסגעטריפּעטן ווערבאַליסטישן פאָדעם, ווו דער אַקטיווסטער אָנ־טיילנעמער איז דער לערער אָדער די עטלעכע מער באַרעדעוודיקע קינדער. דעם לערערס וואָרט דריקט נאָך דאָ ביכלאַל אַף דער מערהייט קינדער מיט שפּראַך־שטאַמפּ פון אַ דערוואַקסענעם און „ווייל־קענעוודיקן״, וואָס צאַמט דאָס אייגענע קינדערשע וואָרט.

ווי וויכטיק ס'איז ניט פאַר אונדז זיך צונויפשמועסן מיטן קינד און דערביי אים מיטהעלפן צו אויספאָרמירן ביכלאַל זיין וואָרט און צו קרעפטיקן זיין שטים און זיינע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, איז אין אַלגעמיינעם פּעד־פּראָצעס פאָרט ווערטיק נאָר אַזאַ שמועס, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט לעבעדיקער טעטיקייט, און ווו דער שמועס גופא פלעכט זיך אָרגאַניש איבער און פאַרגאַנצט אָט די טעטיקייט.

2

וואָס־זשע דאַרפן מיר וועלן פונעם שמועס אין פּראַט פון וואָרט־קולטור?

אָבער ס'איז פריער קעדיי צו דערמאָנען אַ פּאָר וויכטיקערע אַלגעמיין־דידאַקטישע האַנאָכעס, וואָס באַשטימען דעם עצעם שמועס ביכלאַל און האָבן שוין מעמיילע אַ קאָנטיקע פולע אויך אַפן וואָרט־פּראָצעס און אויסדרוק, וואָס לויט אים פאָרמירט זיך און ס'קומט פאָר דער שמועס. איז

1) דארפ דער שמועס נייטיק זײַנ און האָבנ א באשטימטנ צילווענד אינ העסקעמ מיט דער גאנצער ארבעט—ניט קיינ „שמועס צוליב שמועס”, צוליב „רייד־אנטוויקלונג”, ווי מע פלעג עס אמאָל פּראַקטיקירנ. באַ זעלבשטענדיקער קינדערשער ארבעט, באַ אָרגאניזאציע, באַ באשטימטע פארגעבונגענ און דורכארבעטונגענ איז פאַראנ גענוג אָרט און מעגלעכקײַט און, דעריקער, נייטיקײַט זיכ צונויפצורעדנ און זיכ צונויפצושמועסנ און צו מיטיילנ איינער דעמ אנדערנ, און ניט סטאמ „לופטערנ די שפּראכ”.

2) דער לערער דארפ אלעמאָל וויסנ, וועגנ וואָס אייגנטלעכ ער דארפ זיכ צונויפשמועסנ. ער דארפ אויכ, ניט שטיקנדיק און ניט דריקנדיק די קינדערשע באדערפעניש אינ וואָרט, פּאָרזיכטיק און מיט נייטיקנ טאקט ניט דערלאָזנ קיינ סטאמ ריידערײַענ און גלאט אָפּווענדונגענ. קינדער האָבנ דאָכ דאפקע א טעווע זיכ „אוועק־צולאָזנ” אינ א זײַט. „כאַאָטיש” זײַנענ נאָכ אָפט זייערע ארויסבאווײַזונגענ אינ רייד.

לערער, איבערהויפּט יונגע לערער, שטויסנ אָפּטמאָל אַלײנ דערצו מיט זייערע פראגעס און שלאָגנ אראָפּ פונ פראָפּ מיטנ ארט פירנ דעמ שמועס. א יונגע פּראקטיקאנטקע פירט אפּ א פּרווו־לימעד א שמועס וועגנ „צוג”:

— מיט וואָס נאָכ, קינדער, קענ מענ אריבערפירנ מאסאָעס?
— מיט אנ אווטאָמאָביל, מיט א פערד, מיט גרוזאָוויקעס, מיט אנ אעראָפּלאַנ אויכ.
— מיט וואָס נאָכ?
— מיט א דאמפּער.
— אָבער מיט וואָס נאָכ? (די פּראקטיקאנטקע ווערט אומגעדולדיק, — גיכאָ דער ענטפער „צוג”).
— אפּ א דאמפּער פּאָרט מענ קיינ אמעריקע . . .
— יאָ, מײַנ מומעס האָט מענ באטראכט די אויגנ אינ אמעריקע באַ דער שיפּ . . .
— טאקע, אז מע שטארבט אפּנ דאמפּער, ווארפט מענ אינ יאמ ארײַנ? . . .
— אינ אמעריקע קאָסט א קאָסטיומ . . .

און אז. וו., ביז די פּראקטיקאנטקע רײַסט סאָפקאָלסאָפ איבער:

— נו, קינדער, אָבער וועגנ א צוג ווייסט איר? . .

אנ אנדער יונגער אָנפירער דארפ באַ די קינדער ארויסקריגנ דאָס וואָרט „יאמ” (וואָס דורכ אימ פירט מענ ארײַנ די נייטיקע סכוירעס). הייבט ער זיכ אָנ צו דערפרעגנ מיט אָנשטויס־פראגעס און באקומט גלײַכ די רעכטע ענטפערס:

— קינדער, ווו באָדט איר זיכ?
— אינ א שיסל.
— ווו נאָכ?
— אינ א באַליע.
— ווו נאָכ?
— אינ א מולטער.
— און ווו איז אײַכ דאָס וואסער אריבער דעמ קאָפּ?
— אינ א דייזשקע א. אז. וו.

מע דארפ, הייסט עס, ניט שטויסנ אפּ קיינ ענטפערס און מיטיילונגענ סטאמ, וואָס זײַנענ קלאָר ניט שײַעכ צומ איניענ און וואָס זײַנענ אויכ פאר זיכ ניט וויכטיק אינ געגעבענעמ מאָמענט.

3) דאָס הייסט אָבער אינ קיינ פאל ניט, אז מע דארפ ביקלאָל אָפּשטעלנ דעמ לעבעדיקנ קינדערשנ קוואל פונ טיילנ זיכ און צוגעבנ צו דער זאכ, האגאמ דער

לערער באקומט ניט גלייך דעם קורץ געפּאַסטן נייטיקן אָפּענטפער אפ זיין ארויס־געשטעלטן אָנפרעג. א יונגע פּראקטיקאנטקע פירט א שמועס אפ דער טעמע „באוועגונג אפ אונדזער גאס”. אַז וויל זי באקומען אן ענטפער אפ דער פראגע „וויאַזוי צו פארהיטן זיך פון אן אומגליק־פאל בעשאס באוועגונג”. דעם ענטפער קלייבט זי זיך צו פיקסירן אפן טאָוול. די קינדער זיינען אריינגעצויגן אינם שמועס, דערציילן לעבעדיק און אינטערעסאנט וועגן פארשיידנערליי אומגליק־פאלן:

—... כ'האָב עס אליין געזען... געגאנגען איז מיטן גאס א קינד... אין דער האנט געהאלטן א פלאש קעראָסין, פּאמעלינקע זיך אזוי געגאנגען, געגאנגען... איז אָנגעלאָפן א טראמוויי... שווער איז אים געווען צו לויפן מיט דער פלאש... נאָר געלאָזט זיך... ט'ער זיך פארהאקט און איז אומגעפאלן אונטערן טראמוויי...

— א נאָר ער איז... און איך וואָלט א וואָרף געטאָן די פלאש—„פּאשאָ־ל־ל!.. און, לויף איך!..

— א שיקערער איז געגאנגען... און מיטאמאָל פון ביידע זייטן גאס—א מאָטאָציקלעט און אן אווטאָמאָביל... קוויטשען זיי ביידע: „היט זיך!” האָט ער ניט געוווּסט, וווהין צו לויפן, און שיקער איז ער... מיטאמאָל—א געשריי!... מענטשן לויפן זיך צונויף... ער ליגט אפ דער ערד און קרעכצט שטארק... אינגיכן איז געקומען די גיכע הילף...

און ווידער א העכסט אינטערעסאנטע מיטיילונג וועגן א טראמוויי־קאטאסטראָפע, א גרויסן שטורעם, און וויאַזוי א פארבייגייענדיקע גרופע פּיאָנערן האָט זיך געראַטעוועט. און אזוי א מיטיילונג נאָך א מיטיילונג פון „געשעענעם און געוועזענעם”, א גאנצן ביינטל קורצע קינדערשע נאָוועלן. און בעשאסן דערציילן גופא איז שוין, אגעפּ, אופגעקלערט און געלייזט געוואָרן די געשטעלטע פראגע. די פּראקטיקאנטקע שטייט אָבער עטוואָס פארלוירן און אומצופרידן און ווייסט נאָך ניט, וויאַזוי צו האַמעווען דעם לעבעדיקן קינדערשן אויסטויש־שמועס. זי מוז דאָך עפּעס פיקסירן דעם ענטפער אפ איר פראגע! . .

איז בעשאס שמועס און צונויפשמועס—אופמערקזאמען און מיטן געהעריקן איינגענעם אָנטייל, בעשאס לעבעדיקער קינדערשער ארויסזאָגונג און מיטיילונג, מיט פאקט, פּאסירונג, בילדל,—איז דאָס ביקלאָל, און פאר וואָרט־קולטור ביזראט, ניט אין אנערער וויכטיקער און ווערטיקער פון גלייך פארענטפערן עפּעס אן אָקאָרשט געשטעלטע פראגע, וואָס מע מוז ניט אנדערש ווי גלייך פיקסירן דעם ענטפער דערופ.

און דאָס אלץ—אין די ראמען פון דער טעמע. לאָזט די קינדער זעלבשטענדיק און שעפעריש זיך ארויסבאווייזן, נאָר פירנדיק זיי מיט טאקט נאָך זיך. לערנען דארפ מען זיך פון יענעם אמעריקאנער לערער, וואָס זאָגט וועגן זיך (אין „טאָגבוך פון יונגן אמעריקאנישן לערער”): „וועגן כ'קלער וועגן פאַרשטייענדיקן לימעד, זע איך ניט בלויז די זאך, וועס וועגן דעם וויל איך גופא רעדן אין קלאס, נאָר כ'זע מיין יונגע אודיטאָריע, כ'זע זי אקוראט. כ'שטעל זיך פאָר אזוי קלאָר דאָס כיטרע קינבערדל פאַרקערס, וואָס וועט ניט אנדערש ווי פלייסן זיך אראָפּצושלאָגן מיך, אָפּווענדן מיך אין א זייט פון דעם, וואָס כ'האָב אָנגעמערקט, כ'זע דעוועגטס ברעמען, אופגעהויבן פון פארגאפונג, וואָס יעדער פראגע טרעפט אים ווי אומגעריכט; כ'באמערק (און וויאַזוי קען מען ניט באמערקן?) אפ וואָרדס פּאָנעם די פרייד פון שעפערישער מי: זיין קאָפּ ארבעט אָנגעשטרענגט, אין די אויגן לייכט זיך דורך א געדאנק, פון די ליפן פליען די ווערטער פון זיך . . . כ'זע פאָרויס די פראגעס, אויסרופן, שפּאסן,

באָר יעדער מאָל, ווענ איכ גיי ארויס פונ קלאַס, בינ איכ זיכ אלײנ מודע, אז איכ האָב באקומענ אויכ עפּעס אנדערש, ווי איכ האָב דערוואַרט, מערערס אונ בעסערס: אפ מײַנע אויגנ קומט פאָר דער שטורמישער וווּקס פונ קינדערשנ פארשטאַנד, פונ קינדערשע אינטערעסנ, אונ איכ אײַל זיכ צו דערזאָגנ דעמ קלאַס. נאָר ס'איז נאָכ קיינ איינמאָל ניט געווענ, אז קומענדיק אינ קלאַס ארײַנ מיט „פרילינג” (ס'הייסט מיט דער טעמע — פרילינג), זאָל איכ ארויס מיט „הארבסט”: סײַ איכ, סײַ דער קלאַס האָבנ אָפטמאָל געמאכט אומגעריכטע „אנטדעקונגענ”, נאָר אלעמאָל אונ קעסיידער זײַנענ די „אנטדעקונגענ” געווענ אינ די רעמלעכ פונ דער באריכטער פראגע”.

3) פאראנ שווועריקײַטנ אינ פראַט פונ דער אלגעמיינער שמועס־טעכניק. מיר האָבנ דאָכ נאָכ צו טונ אינ אנדערע שולנ מיט היפּשע געפּאקטע קלאַסנ פונ קאָלער־לײַי קינדער־וועזנס, וואָס ניט אלעמענ קענ מענ אלציינס פארנעמענ אונ ארײַנציִענ אינ שמועס. פאראנ קינדער, וואָס קענענ בעטעווע ניט הערנ, וואָס סע ענטפערנ אונ דערציילנ די כאַווײרימ, וואָס סע טיילט מיט, וואָס סע פרעגט דער לערער. פאראנ אזוינע, וואָס זאָגנ זיכ קיינמאָל ניט ארויס, וואָס נעמענ קיינ אָנטייל ניט אינ שמועס — אמאָל זײַנענ דאָס אזוינע, וואָס קענענ ניט הערנ אונ אויסהערנ, אונ אמאָל איז עס גראָד דאפקע אזוינע, וואָס הערנ, נאָר בלײַבנ אלײנ שווײַגנ. מע דארפ דאָ אויס־קלאָרנ די זאַכ אונ לויט דער מעגלעכקײַט פירנעמענ א ריי ווירק־אונ אופצי־מיטלענ, וואָס זאָלנ שטויסנ צו אײַנהערנ זיכ אונ וואָס זאָלנ אנטוויקלענ די פעיִקײַט צו באַ־טייליקנ זיכ אינ שמועס. עפּשער פילט זיכ דאָס קינד ניט בעקויעכ צו ארויסזאָגנ זיכ, עס איז ניט זיכער בא זיכ, אז דאָס, וואָס עס וויל זאָגנ, דארפ מענ זאָגנ, אונ אז עס וועט זיכ ארויסזאָגנ ווי געהעריק. דארפ מענ אזא קינד סטימולירנ, אפּעלירנ צו זײַנ אינדיווידועלער דערפארונג, שטארקנ אינ אימ די זיכערקײַט אינ די אייגענע רייד־מעגלעכקײַטנ. אונ אויב עס גייט ניט, דארפ מענ ניט פאָרסירנ, ניט נויטנ מיט גוואַלט, אויסוואַרטנ עטוואָס אונ לייגנ דערווײַל מער אכט, וויאזוי ארבעט דאָס קינד אויסער א שמועס, נאָכשפּירנ אופמערקזאמער נאָכ זײַנע שריפטלעכע רייד־מעגלעכקײַטנ. מאכט זיכ אנ אנדער קינד, וואָס איז שוינ גאָרניט קיינ „קליינער שווײַגער”, וואָס איז שוינ דאפקע צו א „גרויסער דאברענ”, אזוי אז פונ גרויסנ רייד־אימפּעט אונ פונ שטארקנ כיישעק ארויסצוזאָגנ זיכ איז דאָס קינד אָפטמאָל ניט אימשטאנד צו הערנ אונ צו אויסהערנ יענעמ, זיצט ניט אײַנ, איז ניט ביכוילעס צו וואַרטנ אפ זײַנ ריי, רעדט זיכ איבער מיט די כאַווײרימ. דארפ מענ רעגולירנ בא אזא קינד זײַנ רייד־האסטיקײַט, דעמ שווינד פונ זײַנע רייד־רעאקציעס, ניט לאָזנ אימ שטערנ דעמ אלגעמיינעמ סיידער פונ שמועס, צוגעווינענ אימ געדולדיקער צו וואַרטנ אפ זײַנ ריי. קיינ גענויע רעצעפּטנ זײַנענ דאָ ניט שײַעכ. פילווענדט זיכ דאָ פונ דער ג א נ צ ע ר ארבעט אונ פונ די אומשטענדנ, וואָס בא זיי קומט די ארבעט פאָר, פונ לערערס וויסנ די קינדער, פונ זיינ פעיִקײַט צו אָרגאניזירנ די טעטיקײַט, רייד־טעטיקײַט בעסויכעמ, פונ פארשיידענע גרופּעס קינדער א. אז. וו.

דאָסזעלבע אויכ וועגנ דעמ אָנטייל אינ עצעמ שמועס מיצאַד דעמ לערער אונ קינדער. שווער איז דאָ צו אײַנשטעלנ באשטענדיקע נאָרמעס אונ דינימ. ווער הייבט אָנ דעמ שמועס? ווער פירט ארײַנ? ס'איז לאַוודאפקע, אז דאָס איז נאָר דעמ לע־

דערס אויודע (ווי סע מיינט קאָגאראָוו, אשטייגער). פארקניפּן און וויַטער שטויסן דעם שמועס קען און דארף דאפקע די קינדערשע פראגע, מיטיילונג. אמאָל וועט דעם לערער אויסקומען צו זיַין אקטיווער באם אָנהייב, באם אריַינפיר, אמאָל וועט זיַין אָנטייל, פארקערט, גרעסער זיַין באם סאָף, באם פארסאכאקלען, פאָרמולירן און באם פארנאָטירן.

3

און איצט וועגן דער וואָרטפאָרם פון שמועס, וועגן די אייגנטלעכע וואָרט־מאָמענטן באם שמועס. מע דארף דאָ אָנוויַיזן אָט אף וואָס:

1) דער שמועס דארף זיך ניט פארוואנדלען אין קיין אויספרעגענישן־אָפּפרעגענישן אין גייַסט פון אמאָליקע שול־קאטעכיזאטערס, ניט שטויסן אף „יאָ־ניין" אָדער „גאָרניט"־דעאקציעס און אף איבערקייַען א פארגעבן וואָרט אפן שאָלעם־אלייכעמישן שטייגער.

— געפּרעגלט שמאלץ?
— געפּרעגלט . . .
— געגעסן לאטקעס?
— געגעסן . . .
— ס׳מאכט דער טאטע?
— גאָרניט.
— ס׳מאכט די מאמע?
— גאָרניט. א. אז. וו., א. אז. וו.

ביקלאל, ניט מיסברויכן מיט קיין פראגעס און מיט קיין סכעמעס־ענטפערס, אויב ס׳קומט אוף א פרישע דערמאָנונג, א לעבעדיקער עפּיזאָד, ווי מיר האָבן דאָס שוין פריִער אָנגעוויזן. ניט אָנווענדן און ניט פארוואנדלען די פראגעס אין אזא „קאָרקע־גארטל, וואָס דער לערער שווימט מיט אים דרייסט (און אמאָל אפילע האָפּערדיק) אפן אויבערפלאך, ניט קענענדיק ניט שווימען, און שוין געוויס ניט אריַינדרינגען אין די טיפעניש, וואָס מיט א קאָרקע־גארטל איז עס ביקלאל קיין מעגלעכע זאך ניט" **)

2) זען ארופירן דעם שמועס אף א לעבעדיקן דיאלאָג צווישן קינד און קינד, לערער און קינד, ווו דער לערער איז נאָר איינער פון די אָנטיילנעמער און ווו יעדער קינד דארף געשטויסן ווערן צו מיטברענגען עפּעס־וואָס אין אלגעמיינעם שמועס — א רעפּליק, א וואָרט, אן אויסדרוק, א קאָרעקטיוו, טיילמאָל א גרעסערן אָדער א קלענערן מאָנאָלאָג, וואָס איז שיַיך אהער און וואָס שטויסט דעם באַוועגלעכן דיאלאָג. מיר מיינען א לעבעדיקן דיאלאָג, וואָס האלט זיך אף לערערשער און קינדערשער דערפארונג און קאָנקרעטער פאָרשטעלונג, ניט יענע אָנשוילעך־סקרופּולעזע שמועסן־דיאלאָגן צווישן לערער און קינד, ווו די קינדער מאכן אלץ נייַע „אנטדעקונגען", אז א „פערד עסט האָבער, ווי אויך היי און גראָז, טרינקט בלויז ריינע וואסער, אז מען שפּאנט אים איַין אין וואָגן, אף אָפּרו שטעלט מען אים

**) בא פעשקאָווסקין וועגן ספּעציִעל־גראמאטישע פראגעס אין ארטיקל Вопрос о вопросах (Сборник статей, 1925).

אינ שטאל ארײַנ א. אז. וו.", וואָס א מוסטער דערפונ ברענגט, אשטייגער, ה. שארעלמאנ *).

דעמ לימעד האָט געפירט אינ א קלענערער גרופּע א יונגער לערער מיט א דרײַ־יאָריקנ סטאזש אונ מיט אויסגעצייכנטע אטעסטאציעס. די טעמע—„פערד". אפ דער וואנט באווײַזט זיכ דער באריםטער „אָנשוילעכער מאטעריאל" — געמעל פונ א פערד. די קינדער באגעגענענ עס מיט אופגערעגטנ געהילכ, וואָס דער לערער רעאגירט דערופ מיט שטרענגנ „ש ש ש"... אז דער קלאס בארויִקט זיכ ווי־ס׳ניט־איז (ניט אויסגעמיטנ קיינ „באמערקונגענ" מיצאד דעמ לערער), הייבט זיכ אָנ דער דיאלאָג.

לערער: וואָס זעסטו אפנ געמעל?

שילער: א פערד.

לערער: זאָג מיט א פולער פראזע: אפנ געמעל זע איכ . . .

שילער: אפנ געמעל זע איכ א פערד.

לערער: וואָס פאר א מינ באלכײַ איז דאָס א פערד?

שילער: א גרויסער באלכײַ.

לערער: מיט א פולער פראזע.

שילער: א פערד איז א גרויסער באלכײַ.

לערער: וואָס נאָכ פאר א מינ באלכײַ איז דאָס א פערד?

נאָכ אייניקע אומגעלונגענע ענטפערס פאלט אײַנ איינעמ א שילער צו זאָגנ.

— א שיינער באלכײַ.

לערער: ריכטיק, נאָר זאָג עס מיט א פולער פראזע.

שילער: א פערד איז א שיינער באלכײַ.

לערער: צוערשט זײַנענ מיר דערגאנגענ (!), אז א פערד איז א גרויסער באלכײַ, איצט האָבנ מיר פעסטגעשטעלט (!), אז א פערד איז א שיינער באלכײַ. ווער וואָלט געקאָנט זאָגנ אי דאָס, אי יענץ מיט איינ פראזע? א. אז. וו. א. אז. וו.

אונ ווענ אלע וויכטיקע „אנטפלעקונגענ" זײַנענ שוינ געמאכט געוואָרנ, האָט דער לערער דערלויבט א שילער צו דערציילנ, וויאזוי ער איז אנומלט געפאָרנ ארויס דער שטאָט אפ א פורל, וואָס איז געווענ אײַנגעשפאנט מיט „עפּעס א ווילד" פערד (דער לערער האָט דא, מאשמאָעס, געוואָלט ווײַזנ, מיט וואָס פאר א מינ פּראָגרעסיווע גײַסט זײַנ לימעד איז דורכגעדרונגענ,—גיט שארעלמאנ צו). אונ דערבײַ האָט דער לערער געהאלטנ אינ איינ פאריכטנ דעמ דערציילערס גראמאטישע אונ סטיליסטישע אָפּווײַכונגענ.

3) די פראגע, וואָס מע שטעלט, דארפ זײַנ קלאָר, דײַטלעכ, זאכלעכ.

א) ניט שטעלנ קיינ פראגעס, וואָס פארמאָגנ שוינ דעמ ענטפער אונ וואָס דערמאָנענ אינ די באריםטע כיידערשע „וויאזוי האָט געהייסנ אָדעמ האָרישנ, קײַענס פאָטער, אונ וואָס האָט זיכ אָנגעקערט מיט קײַענס זײַנ ברודער העוול, וואָס כאווע האָט זיי געהאט" (שאָלעמ אליינעמ).

ב) ניט שטעלנ קיינ קאשעס, וואָס אפ זיי קענענ זײַנ עטלעכע אונ פארשיידענע ענטפערס:

— פארוואָס, קינדער, לערנענ מיר אינ שטוב, ניט אינדרויסנ?

*) Die Technik des Schiederns und der Erzählung. (פאראנ א רוסישע איבערזעצונג)

געווענ איז עס אינ א קאלטנ ווינטער־טאָג, געשמועסט האָט מענ וועגנ באַווע־גונגענ אפנ גאס, אונ דעמ אָנפירער האָט זיכ געגלוסט ארויסקריגנ דעמ ענטפער: „ווײַל אפ דער גאס איז א געדויש". קלאָר, אז די קינדער האָבנ געענטפערט אלצ, נאָר ניט דאָס, וואָס דעמ אָנפירער האָט זיכ געוואָלט.

א קלאַסישנ בײַשפּיל פונ דעמ מינ אפ א „שפראכ"־לימעד גראָד ברענגט נאָכ קאפטערעוו[1]).

אינ א ייִנגערער גרופּע וויל א לערער דערקלערנ די קינדער דעמ פּרעפיקס „про" בא ווערבנ. דער לערער וויל, געוויינטלעכ, אז די קינדער זאָלנ עס אליינ דערגייִנ, אליינ ארויסברענגענ די ווערבנ, וואָס ער האָט פארטראכט דערצו: протекать אינ протыкать. די פראגעס האָט ער פאנאנדערגעארבעט פריִער. אינ קלאַס קומענ איצט פּאָר אזוינע „שײַלעס־טשוווּעס" צווישנ לערער אונ קינדער:

— וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווענ בעשאס א רעגנ וואָלט פונויבנ געגאָסנ וואסער?

א ריי קינדערשע ענטפערס: מיר וואָלטנ געזאָגט, אז ס'איז שלעכט, אז ס'איז נאס, אז די סטעליע טויג ניט... דער לערער פּלײַסט זיכ ארויפירנ די קינדער אפ א וועג:

— טוט נאָר אָקאָרשט א טראכט, וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגנ דעמ וואסער גופע, וואָס וואָלט אהער געגאָסנ?

א פארלעגנהײַט. דערנאָכ:

— וועגנ אזא וואסער וואָלט מענ געקענט זאָגנ, אז ס'איז רעגנוואסער.

דער לערער איז שוינ אומרויִק אונ שטעלט א שפּאָגל־נײַע פראגע:

— אָבער מעקוייעכ דעמ וואסער, וואָס וואָלט איר געזאָגט, מעקוייעכ דעמ וואסער? נו, וואָס טוט דאָס וואסער?

— דאָס וואסער—קאפּעט, רינט, גיסט..

דער לערער איז אופגערעגט:

— אָבער—דורכ דער סטעליע וואָס טוט זי?

די קינדער שווײַגנ. זיי פילנ, אז דער לערער איז אויסער זיכ, ווילנ זיי אימ ניט דערצאָרנענ. אייניקע מורמלענ מיט א האלב מויל:

— וואָס טוט דאָס וואסער? וואָס זאָל עס טונ? עס גיסט!..

— גיסט... אונ וויאזוי קענ מענ עס זאָגנ אנדערש?

— רינט (течет).

— וויאזוי זאָגט מענ נאָכ אנדערש? ווענ ס'רינט אפ דורכ אונ דורכ, אשטייגער!.. ווי אזוי זאָגט מענ דאנ?.. וואָס פאר א טראפּ גיט מענ דאנ צו?..

קוים־קוימ זיכ דערשלאָגנ אנ ענטפער. א קינד שטעלט ארײַנ.

— Вода протекает.

דער לערער פארשרײַבט אפנ טאָוול דעמ ווערב протекать. איצט איז ער שוינ זיכער, אז מיטנ צווייטנ ווערב (протыкать) וועט עס שוינ גיינ גיכער. נעמט ער א שטיקל פּאפּיר אונ ווענדעט זיכ צו די שילער:

— קוקט זיכ צו, וואָס איכ וועל איצט טונ?

ער לעכערט דורכ מיט דער פּענ דאָס פּאפּיר אונ איז פּעסט בא זיכ, אז אָט־אָט באקומט ער גלײַכ דעמ נייטיקנ ענטפער.

---

1) אינ ארטיקל Немецкая педагогика на русской почве.

— וואָס האָב איכ עס געטונ, קינדער?

די קינדער איז שוינ לאַנג ניט גוט געווענ פונעמ גאַנצנ שמועס. אַצינד איז זיי גראָד פריילעכער געוואָרנ. אונ כעוורע האָבנ טאַקע גלײַכ אָפּגעענטפערט אַפ דער געשטעלטער פראַגע:

— א לעכל!

אונ ס'איז ווידער אוועק א סעדרע טשיקאַווע שײַלעס אונ קאַשעס...

ג) ניט שטעלנ קיינ קלאָץ־קאַשעס, וואָס דערמאָנענ אינ דער פראַגע — „וויאַזוי מאַכט מענ פונ שניי גאָמעלקעס, אַז זיי זאָלנ ניט צעגיינ", אָדער „פאַרוואָס איז די נאָז מיט די נאָזלעכער אַראָפּ".

— פאַרוואָס גייט ניט דער טראַמוויי אַפּ... גאַס?—

דאָס קינד האָט באַדאַרפט ענטפערנ, אַז אַפּ דערדאָזיקער גאַס זײַנענ קיינ רעלסנ ניטאָ.

ד) ניט מיסברויכנ אינ די פראַגעס מיטנ ווערב „טאָנ", וואָס זאָל האָבנ א מינ אוניווערסאַלנ באַטײַט אונ וואָס שטויסט ווידער צו פאַרשיידענע ענטפערס:

— וואָס טוט דאָס קינד, ווענ ס'איז מיד?

קומענ פאַרשיידנערליי ענטפערס:

— וויל ניט לערנענ, לייגט זיכ שלאָפּנ...

— וואָס טוט דער שאָפער, דער וואַטמאַנ?

ס'איז שוינ געווענ נאָכ א היפּש צעטל „וואָס טוט". איצט האָט דער אָנפירער באַדאַרפט, אַז די קינדער זאָלנ ענטפערנ: „קלינגט", „סיגנאַליזירט". נאָר די קינדער האָבנ געענטפערט פאַרשיידנערליי אונ וואָס זיי האָט זיכ געוואָלט.

איינע א פּעדפּראַקטיקאַנטקע האָט פאַר מיר אַזוי לאַנג געמונטערט די קינדער מיט „וואָס טוט", ביז א לוסטיק יאַטל האָט זיכ שקאָציש א שטעל געטונ אונ אַרויסגעבראַכט:

— גאָרניט טוט ער!.. שוינ!..

ה) ניט פאָדערנ קיינ מינדלעכע ענטפערס אַפּ פראַגעס דאַפּקע אינ גײַסט פונ שריפטלעכע רייד, ניט שטרעבנ צו אויסגלײַכנ דעמ מינדלעכנ ענטפער מיט דער שריפטלעכער פאַרנאָטירונג אינ גײַסט פונ די „פולע פראַזעס", וואָס שאַרעלמאַנס א מוסטער דערפונ האָבנ מיר פריִער געבראַכט. בא א שמועס, בא מינדלעכע רייד ביכלאַל דאַרפ מענ ניט פאַרגעסנ אינ דעמ, אַז מינדלעכע רייד זײַנענ לויט זייער טעווע מערער עליפּטיש.

4) לעסאָף—אַנ אַלגעמיינע פאָדערונג—ברויכנ אינ שמועס דאָס צוגענגלעכע וואָרט (מע דאַרפ ויסנ דעמ קינדערשנ לעקסיקאָנ), אַכט צומ אייגענעמ וואָרט־פאָרמירנ בעשאַסנ שמועס, צומ פּסיכאָלאָגיש־לאָגישנ באַטאָנענ דעמ נייטיקנ וואָרט־אונ וואָרט־באַהעפט,—וועט עס ניט ברענגענ צו קיינ צווייִדײַטיקײַט, צו פאַרבײַטנ באַגריפנ, צו זײַטיקע אַסאָציאַציעס א.א.

4

דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבנ ביז אַהער געזאָגט, איז איבערהויפּט שײַעכ צומ שמועס ביקלאַל. אונ דאָרט, ווו די אַרבעט קומט פאָר שמועסנדיק בלויז (אונ דאָס איז נאָכ, ליידער, דאָס פאַרשפּרייטסטע), האָבנ מיר טאַקע היפּשלעכ שטרויכ־

לונגען, וואָס פונ זיי האָבנ מיר פריִער גערעדט. די שטרויכלונגען און די סטאמרײדערײַען קענען אָבער לײַכט אויסגעמיטנ ווערנ, ווענ דער שמועס איז א נאטירלעכער *ארבעט־מאָמענט*, ווענ ער איז אנ אומבאדינגט נייטיקער, א פראקטישזאכלעכער *צונויפשמועס*. וואָרום ווי קענ מענ אָנ דעם אויסקומענ בא דער טאָג־טעגלעכער ארבעט, בא אנ אופגעבונג, אכטגעבונג און אויספאָרשונג, בא קאָלעקטיוו מיינונג־אויסטויש, בא א אינדיווידועלער מיטיילונג, בא א באריכט פונ וואָס ס'ניט־איז? ווענ דער קאָלעקטיוו *טוט און ארבעט*, ניט דער לערער „לעקצעוועט" און „שמועסט", ווענ די קינדער האָבנ אלעמאָל וואָס צו זאָגנ און זאכלעכ און לעבעדיק זיכ ארויסזאָגנ. וויניקער ווי אלצ וועלנ דאנ אויכ זײַנ פאסיווע אינ אזא *ארבעט־שמועס*.

דער ווײַטער געבראכטער אויסצוג איז שײַעכ צו א פלענום, וואָס איז „א רעזולטאט פונ א ריי דורכגעמאכטע רינגענ־ארבעטנ און אינדיווידועלע ארבעטנ". דער פלענום איז פאָרגעקומענ אינ דער 3־טער גרופע בא דער טעמע „פארקער־און פארבינדונג־מיטלענ*).

„דער פלענום האָט זיכ געצויגנ 8 שאָ אינ מעשעכ פונ פיר לערנ־טעג. וואָסזשע אזוינס האָט מענ אפנ פלענום געטאָנ? די קינדער רעכענענ זיכ אָפ נאָכ 6 ארבעט־טעג. איינ קינד דערציילט, וויאזוי זײַנ רינג האָט אויסגעפאָרשט די באנ־סטאנציע. דער באריכט איז א שריפטלעכער. דאָ איז באשריבנ נאָר דער אויסזענ פונ וואָקזאל אינעווייניק און אויסנווייניק, מיט אלע זײַנע טאגנ. דאָס צווייטע קינד פונעם זעלביקנ רינג אילוסטרירט די קאָלעקציע באנבילעטנ, פלאצקארטעס א.אז.וו. זײַנ באריכט איז שוינ א מינדלעכער. די בילעטנ מיט די פלאצקארטעס גייענ פונ האנט צו האנט, דער באריכטגעבער שטייט פארנ קלאס, ער גיט דערקלערונגענ און ענטפערט אפ פראגעס. דאָ רוקט זיכ ארויס די פראגע וועגנ האנאָכעס אפנ אײַזנבאנ, ווער עס באקומט א האלבנ בילעט אומזיסט, ווער עס פאָרט אינגאנצנ אָנ געלט, וואָס איז אזוינס א ליטער. דאָס קינד פארענטפערט דײַטלעכ אלע פראגעס.

דאָס דריטע קינד פונ דעמזעלבנ רינג לייענט א רײַזע־פלאנ פונ מינסק ביז מאָסקווע. דעמדאָזיקנ רײַזע־פלאנ האָט דער רינג אראָפגעשריבנ אפ דער סטאנציע, דורכגעטראכט און באארבעט אינ רינג צו קענענ לייענענ פארנ קלאס און געבנ ענטפערנ אפ די געשטעלטע פראגעס.

אינ דערזעלבער צײַט שטייט א צווייט קינד באם טאָוול, לייענט די קארטע און ווײַזט דעם מארשרוט און די ריכטונג אָט פונ דעם אײַזנבאנ־וועג אפ דער קארטע. דאָס זײַנענ געווענ באזונדערע איבונגענ אפ דער קארטע, אָנגעוויזנ אפ דער קארטע די וויכטיקערע באנ־פונקטנ און די גרעסערע סטאנציעס, וואָס ליגנ אפנ וועג פונ מינסק קיינ מאָסקווע. און ווענ עס גייט א שמועס וועגנ דער קארטע, שטעלנ מיר זיכ שוינ דאָ אָפ ניט נאָר אפנ אײַזנבאנ. מיר ווײַזנ שוינ אויכ אָנ, וואָסערע ערטער מע קענ דורכפאָרנ נאָכ מיט טײַכנ, שאָסייענ, טראקטנ א.אז.וו. און גלײַכ באווײַזט אונדז א צווייט קינד א טאבעלע „די שנעלקײַט פונ פארשיידענע פארקער־מיטלענ".

*) ש. ראווינ און וו. שאצ. פראקטיק פונ פראוושול. מינסק, 1928.

וויסנדיק ווי ווײַט עס איז פון מינסק קיין מאָסקווע, רעכענען מיר שוין אויס, וויפל עס דארף דויערן צו דורכמאכן אָט אזא וועג מיט יעדן פארקער־מיטל.

שמועסנדיק וועגן לאָקאָמאָטיוו, האָט איין קינד דעמאָנסטרירט פארן קלאס א מאָדעל פון א דאמפקעסל אין צעשניט. דער אוילעם האָט אָבער אפן פּלענום ארויסגערוקט זייער אפולע פראגעס וועגן דער ארבעט פון דאמף. איין קינד האָט דעמאָנסטרירט פארן קלאס א פּרווו וועגן דרוק פון דאמף, און גלײַך נאָכדעם האָט דער לערער דעמאָנסטרירט „פּאפּיענס קעסל". און אין קלאס ווערט לעבעדיק: דאָס וואסער האָט אָנגעהויבן זידן און ס'טגענומען שפּארן דער דאמף פון קעסל. דער דאמף האָט דערלאנגט ביזן באלקן. עס האָט „געסאפּעט" און געפּײַפט. דער אוילעם איז געווען שטארק פארכאפּט, צעשראָקן און צופרידן. די קינדער פון די ייִנגערע קלאסן זײַנען אָנגעלאָפן מיט א גוואלט פון קאָרידאָר: „ס'טײַטש, עס פּײַפט בא אײַך אין קלאס?" דער דריטער קלאס האָט זיך פאר זיי געפּײַנט און שטאָלצירט מיט זײַן פּײַפער... די קינדער האָבן אָט איצט ערשט באנומען דעם סאָד פון לאָקאָמאָטיווס פּײַפן און סאָפּען. דער אײַנדרוק איז אריבערגעגאנגען אין מײַסים. דער קלאס האָט זיך פארוואנדלט אין א לאבאָראטאָריע מיט פארשיידענע קיילים און פּײַפערס... מיר האָבן אָנגעהויבן צו זינגען אלע צוזאמען (גלײַך אפן אָרט האָט מען אָרגאניזירט א כאָר) דאָס באוווסטע פאָלק־לידל „אוי, האָט ער א פּײַפער"... דאָס לידל האָבן די קינדער פארשריבן אין די העפטן... אָפּגעזונגען, דערקלערט א האפּסאָקע און גענומען עס...

אָט דאָס האָט פארנומען דעם ערשטן טאָג ארבעט פון פּלענום פון צוויי ביז דרײַ שאָ.

יעדער קינד האָט געגעבן זײַנע פארשיידנפארביקע ארבעטן און וויכטיקע פּאקטישע יעדיִעס. דעם לערער קומט נאָר אויס צו רעגולירן, צוגעבן, אויסטײַטשן און פאָרמולירן אייניקע קינדערש ארויסגעזאָגטע געדאנקען וועגן דער אָדער יענער אָנגערירטער פראגע פון טאָג־אָרדענונג אפן פּלענום. ווען ס'איז גלײַך נאָכדעם פאָרגעקומען א לעקציע פון מאָלן, האָבן די קינדער מיט פארגעניגן גלײַך געמאָלן אָט דעם מאָדעל, וואָס זיי האָבן פריִער געלערנט. עס איז ניט געווען קיין אָפּגעריסענע לעקציע פון מאָלן, עס איז געווען די פאָרזעצונג פון פּלענום, נאָר אין אן אנדער פאָרמע. דער פריִערדיקער שמועס, קארטע, באריכט איז פארביטן געוואָרן מיט מאָלן.

אפן צווייטן טאָג גייט די פאָרזעצונג פונעם פּלענום. עס רעפערירט דער רינג, וואָס האָט אויסגעפאָרשט און באארבעט די „סכוירע־סטאנציע". דער קלאס רוקט ארויס פאר דעם רינג אפולע פראגעס, וואָס זײַנען שײַעך צום פּראָצעס פון אָפּשיקן און באקומען פארשיידנערליי סכוירעס מיטן אײַזנבאן, די באדײַטונג פון די אײַז־קאָמערן אפ די גרעסערע באן־סטאנציעס, די שטעט און די לענדער, וואָס דורך זיי קומט פאָר דער סכוירע־פארקער דורך מינסק, עקספּאָרט און אימפּאָרט מיט דער באן, וואָס פאר א ראָל עס שפּילט דער עקספּאָרט פאר א מעלוכע, א האפן און א באן־סטאנציע, וויפל סכוירע מעג מען פירן מיט זיך אין וואגאָן און וויפל מעג מען אָפּשיקן לויט א פראכט־דאָקומענט א.אז.וו. פארשטייט זיך, אז ניט אלע פראגעס זײַנען פארענטפערט געוואָרן דורך דעם רינג אליין. עס פלעגן זיך פּרוּוון ענטפערן אויך אנדערע קינדער, און דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאט דער לערער.

נאָכן צווייטן איבערײַס רעפערירט דער רינג, וואָס האָט באַארבעט דעם מאַ־טעריאַל פון דער „קאָנקע". דער מאַטעריאַל איז פאַרגלײַך מיט דעם פריִערדיקן איז געווען אין פּראַט פון יעדיִעס אַן אָרעמער, נאָר דערבײַ זײַנען געווען אינטערעסאַנטע מאָמענטן. דער רינג האָט געשאַפן און געלייענט אַפן פלענום אַ מײַסעלע, וואָס ער האָט אַליין צוגעטראַכט. „אַ קאַטאַסטראָפע מיט דער קאָנקע אום ווינטער־צײַט". דעם אוילעם איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווײַל עס איז זייער נאָענט צו דערווירקלעכקײַט, אַזאַ מײַסעלע... דער אוילעם זאָגט זיך אַרויס וועגן דער אַרבעט, שטעלט זיך אָפּ אַפן בוי פון זאַצ, אַפ די נײַע ווערטער, וואָס זײַנען אַרײַנגעפירט אין דעם „ווערק". איבערהויפּט אינטערעסירט זיי דער פינאַל פון דעם מײַסעלע און ווי מע וואָלט עס געקענט פאַרזעצן. אין אונדזערע אַרבעטן אַפ יידיש פלעגן מיר פּראַקטיקירן אַזוינע אויפגאַבעס: געבן דעם קינד אַ געוויסע קינסטלערישע דערציי־לונג, און דאָס קינד דאַרף די דערציילונג פאָרזעצן אָדער צוטראַכטן אַן אַנדער סאָף. דער רינג האָט פאַרענדיקט זײַן אַרויסטרעט מיט אַ כאָר־דעקלאַמאַציע „Вагоновожатый" מיר האָבן עס פריִער צוגעגרייט אין רינג, איבערגעשריבן און אײַנגעלייענט, גוט אײַנגערעפּעטירט און איצט אַפן פלענום האָט דער רינג קאָלעקטיוו דעקלאַמירט פאַרן קלאַס. ער האָט עס געלייענט אויסדריקלעך מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע, און עס האָט געמאַכט אַפ די קינדער דעם געהעריקן אײַנדרוק, איבערהויפּט דער ריטם מיט די קלאַנגען, וואָס גיבן איבער דעם גערויש און טעמפּ פון טראַמוויי אין גאַנג.

דאָ איז אויך אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אַפן פּראָעקט וועגן אַ טראַמוויי אין מינסק. צוליב דעם האָבן מיר שוין אויסגענוצט די פּרעסע. דער טראַמוויי באַוועגט זיך דאָרט מיט דער הילף פון עלעקטרע, איז שוין מעמיילע פאַר די קינדער קלאָר געוואָרן, אַז די עלעקטרע נוצן מיר אויס ניט נאָר צוליב באַלײַכטונג און באַהייצונג, נאָר אויך צוליב שאַפן נײַע מינים פאַרקער־מיטלען. ווי עס איז צו זען, האָבן מיר דעם מאַטעריאַל פון דער „בידנער־קאָנקע" זיך אויך באַמיט צו מאַכן אינטערעסאַנט, און אַדאַנק די אָנגעוויזענע מאָמענטן האָט זיך אונדז עס אײַנגעגעבן.

מיט דעם האָבן מיר פאַרענדיקט אַ העלפט פון אונדזער פלענום".

דאָ האָבן מיר אַ שמועס־אויסטויש באַם געוויינלעכן אַקטיוו דורכאַרבעטן אַ שול־טעמע (מיט אַ פּאָר יאָר צוריק). ס'איז קלאָר, וויאַזוי אַזאַ שמועס (ווי דאָס מינדלעכע וואָרט ביקלאַל) נעמט זיך אָן מיט בלוט און לעבן, ווען ער איז ענג און שטייף געבונדן מיט אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג, ווען ער איז פּאָליטעכניש אײַנגעשטעלט אַפ פאַבריק, אַפ קאָלווירט, אַפ שול־ווארשטאַט. פון וויפל פרישע לעבעדיקע אײַנדרוקן און פּראָטים פון בוי־ און אַרבעט־אַרום קומט דאָ אויס נאַטיר־לעך און רעאַל צו רעדן, צו שמועסן און זיך צונויפשמועסן!

V. דערציילנ

1

דערציילנ ווערט די לעצטע יאָרנ א גאנצ פארשפרייטער מעטאָד פונ ארבעט אפנ מינדלעכנ וואָרט, פונ ליטערארישֿ־קינסטלערישער דערציִונג.

דערציילנ אלס אופווירקמיטל, אלס פארשפרייטע קונסט פאר „קליינ אונ גרויס" איז שוינ, אייגנטלעכ, א לאנגאָניקע דערשיינונג, וואָס האָט נאָר אינ פארשיידענע צייטנ געהאט א פארשיידנארטיקע אינטערפרעטאציע. שוינ אפ די גאָר ערשטע אנטוויקלונג־שטופעס פורעמט אויס דער מענטש אינ זיינ אור־בילדלעכנ מינדלעכנ וואָרט די פרימיטיווע, אָקאָרשט־אָנוואקסנדיקע דערפארונג זיינע. אונ דידאָזיקע עלטערע דערצייל־מעסוירע איז טיילמאָל אזוי אויסדריקלעכ־שטייפ אונ קרעפטיק, אז זי בלייבט א לעדויערסדיקע „טוירע שעבאלפע". מיט דער צייט ווערט זי פארצייכנט אונ אָפּגעהיט אינ די אלטערטימלעכע ליטערארישע דענקמעלער.

דערציילנ איז אלעמאָל געווענ פונ די ווירקעוודיקסטע מיטלענ פאר קאָלערליי רעליגיעז־פאטריִאָטישע אונ „מאָראלישע" צילנ.

אונ ווי אפ א העכסט וויכטיק מיטל פונ „גייסטיקער" אונ קינסטלערישער דערציִונג האָבנ דערופ קעסיידער אָנגעוויזנ פארשיידנערליי פאָרשטייער פונעמ סאָציאל־געזעלשאפטלעכנ אונ פעדאגאָגישנ געדאנק.

פרעבעל בעשאטוי האָט דאָס דערציילנ ארייננגעבראכט אינ קינדער־גאָרטנ (1826) די וויטערדיקע פאָרשטייער פונ פרעבעליזמ האָבנ עס נאָכ מער באטאָנט אונ פארשפרייט. נאָר דערציילנ, אלס מעטאָד פונ ארבעט, האָט באזונדערס אופגעכאפט דער אמעריקאנישער פעדאגאָגישער געדאנק. דאָ איז דערציילנ פארפלאנצט געוואָרנ אלס א גאנצע סיסטעמ פונ קולטור־פעדאגאָגישער ארבעט מיטנ מינדלעכנ וואָרט. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ פונ די אזויגערופענע דערצייל־שאָענ (story hours), וואָס ס'האָט צוערשט ארייננגעבראכט די פיטסבורגער ביבליִאָטעק פונ די צאָפנ־אמער. פאריייניקטע שטאטנ (1899). פונדאנענ ווערט דאָס דערציילנ גאנצ גיכ פארשפרייט איבער גאנצ אמעריקע אונ מיידט איצט ניט אויס קיינ איינ ביבליִאָטעק, שול, קינדער־פלאצ אָדער יוגנט קלוב *). פונדאנענ ווערנ די „דערצייל־שאָענ" איבערגענומענ איבער גאָר דער וועלט.

אינ יאפאָניע, צ. ב., קולטיווירט מענ שטארק צו דערציילנ פאר גרויסע. דאָס דערציילנ איז שוינ דאָ ארייננ אינ שטייגער, אינ ספעציִעלע דערצייל־לאָקאלנ („יאָ־

*) די פיִאָנערנ פונ דערציילנ סארא קאָנ־בראיענט אונ פארטרידזש (מאנ אונ פרוי) האָבנ די ערשטע פארעפנטלעכט ארבעטנ אפ דעמ געביט: בראיענט—(„וויאזוי אינ וואָס צו דערציילנ קינדער־" צוערשט ארויס אינ ניויאָרק אינ 1905), פארטרידזש—„וויאזוי אונ וואָס צו דערציילנ אינ שול אונ אינדעהיימ" (צוערשט ארויס אינ 1913 י., בא אונדז אינ 1914 די לעצטע אויסגאבע (1923)—די דריטע— האָט איבערגעארבעט באכטינ אונ שטארק דערגאנצט מיט אסאכ רוסישער ביבליִאָגראפיע).

פונ די שפעטערדיקע טעאָרעטיקער אונ פראקטיקער פונ דערציילנ דארפ בענ דאָ דערמאָנענ די פאָפולערע אינ אמעריקע שערווינ־בעלי אונ די פאָפולערע אויכ בא אונדז ליוסי ספערעג טשעל.

העכסט אינטערעסאנט איז ה. שארעלמאנס ארבעט: „Die Technik", וואָס מיר האָבנ שוינ דערמאָנט דערפונ אינ פריִערדיקנ קאפיטל.

רוסישע דערציילערנס—פאָקראָווסקי, יאָרדאנסקי, גלאגאָלעווא, זעלענקא א.א.

סעמ") אפ הונדערטער מענטשנ פירנ דאָ זייערע דערציילונגענ נאכט אפ נאכט פראָפעסיאָנאלנ־דערציילער („האנאשקעס")—אָפטמאָל זײַנענ עס באוווסטע יאפּאָנישע מײַסטער פונ וואָרט, שרײַבער, וואָס דערציילנ פונ אייגנס אונ פרעמדס.

אינ די ענגלישע שולנ פאר קליינווארג (פונ 4—3 ביז 7—6 יאָר, (infant scools) איז פאראנ א מינעג אָפּצוגעבנ די לעצטע 20 מינוט פונ שול־טאָג אפ „שפּיל אינ דערציילנ". די קינדער דערציילנ דאנ סיסטעמאטיש איינס דעמ אנדערנ. אזא „שפּיל אינ דערציילנ" העלפט מיט די קינדער צו באהערשנ די לעבעדיקע רייד, צו אקטיווירנ זי ביכלאל. די לערער דערוויסנ זיכ אזוי ארומ אסאכ פונ היימישנ קינדערשנ לעבנ, פונ אופירונג, נייגונג פונ קינד, פונ זײַנ ארומ. דער קלאס האָט זיכ דאָ זײַנע ליבלינג־דערציילער. מע הערט אויס אזוינעמ זייער גערנ. נאָר איר קענט דאָ הערנ א גערעכטיקע טײַנע—„עמי צי טאָמי האָבנ שוינ נעכטנ דערציילט..." די אָנפירערנ איז א גלײַכער קאָלעקטיוו־מיטגליד, זי קענ, געוויינטלעכ, ראטנ צו געבנ א וואָרט ווענ ס'איז פונ די פרעטענדענטנ צו פארשאפנ פארגעניגנ די גאָר קליינע. אונ אָפטמאָל נאָכ א האָפערדיקנ לעבעדיקנ כעוורעמאנ גייט מיטנ אלגעמיינעמ העסקעמ ארויס זיכער אונ פעסט בא זיכ א וואָסער ניט איז ברעקל צו מיטיילנ זײַנ געשיכטעלע, אונ שטעלט צופרידנ די אודיטאָריע מיט דער מיטיילונג, אז „בא אונדז האָט מענ נעכטנ געקאָכט גרויסע ציבעלעס" (באליבט עסנ באמ ענגלישנ קליינווארג).

„אינ פיל אזוינע שולנ—דערציילט לאנדסבערג*)—האָט מיכ מאמעש באראשט, ווי אזוי דאָס אָפּגעריסענע קליינווארג פונ מיזרעכ־לאָנדאָנ (אָרעמע קווארטאלנ) פירט א געבונדענע דערציילונג (אייניקע זײַנענ א באלנ אָפּצורעדנ די גאנצע 20 מינוט), טיילט מיט פיל פראָטימ, גיט איבער זאכלעכ אונ אפ א גוטער שפּראכ, פארמאָגט א זיכערנ טאָנ אפ שילדערנ געפילנ אונ איבערלעבענישנ אונ ווײַזנ ארויס גרויס אינטערעס, זײַנענ פארכאפּט".

די פּראָבלעמ פונ דערציילנ קומט בא אונדז, עמעס, אופ נאָכ אינ פאר־רעוואָליוציאָנערנ רוסלאנד **), אָבער געלייזט ווערט דידאָזיקע פראגע, אונ דערציילנ הייבט אָנ פיל־ווייניק צו פארשפּרייט ווערנ ערשט אינ די רעוואָליוציע־יאָרנ, ווענ סע וואקסט אויס ביכלאל דער באטײַט פונ מינדלעכנ וואָרט אונ רייד פאר מאסע אונ ארבעטער. דאנ ווערט אויכ דערציילנ א וויכטיק פּאָליט־אופקלערערישער מיטל אונ א ווערטפולער פּעדאגאָגישער מעטאָד אינ שול אונ אויסער שול. דערציילנ פארנעמט שוינ בא אונדז איצט אנ אָרט אינ קינדער־גאָרטנ, קינדער־ביבליאָטעק, אינ שול, אינ קלוב, אפנ זאוואָד. מיר פארמאָגנ שוינ א געוויסע צאָל קרײַזלעכ פאר דערציילנ צווישנ קליינ אונ גרויס.

ארומ דערדאָזיקער פראגע האָט זיכ שוינ געשאפנ בא אונדז א היפּשע ליטעראטור פונ טעאָרעטישנ אונ פּראקטישנ כאראקטער.

אינ דער מאסנ־שול פארנעמט נאָכ, ליידער, ניט דאָס דערציילנ דאָס אָרט, וואָס סע וואָלט געקאָנט אונ באדארפט פארנעמענ. אויכ אינ מיינסטנס פּעד־שולנ אונדזערע פירט זיכ נאָכ ניט קיינ געהעריקע ארבעט אפ אָנשטעקנ אונ אויסלערנענ צו אָנווענדנ

*) Р. Ландсберг. Как учат малышей родному языку, Свободное воспитание № 1, 1913.

**) אזא אָנהייב איז געמאכט געוואָרנ אינ מאָסקווע נאָכ אינ 1911 יאָר.

אָט דעמ העכסט־פראָדוקטיוונ דערצייל־מעטאָד אָדער מעטאָד פונ „שילדערנדיקנ אונטעריכט" (ה. שארעלמאנ), וואָס וואָלט שטארק באפרוכפערט די אלגעמיינע שול־ארבעט. אינ דער ייִדישער שול (אויסערנ קינדער־גאָרטנ) האלט עס מיט דערציילנ נאָכ גאָר פונפאָרנט. ס'איז שווער אפילע צו אָנווײַזנ איינ מער אָדער ווייניקער ערנסטנ ארטיקל, וואָס זאָל זײַנ געווידמעט אָט דער פראָבלעמ.

אינ דער אלטער ייִדישער „דערציִונג", אינ כיידער אונ אינדערהיימ, פלעג „דערציילנ מײַסעס" פארנעמענ אנ אָרט. ווער געדענקט ניט די כיידערשע מײַסעס בײַנ מינכע־לעמײַרעוו, די פאטריארכאליש־פאנטאסטישע אונ „האגאָדע"־מיטיילונגענ פונ רעבנ אונ קינדער, וואָס האָבנ אפ אמאָליקנ שטייגער אינ א געוויסער מאָס אָפגעכײַעט פונ כיידערשער שטיקעניש אונ דריקעניש דאָס פארכאלעשטע קינדערשע געמיט? דערציילנ האָט זײַנ בוילעטסטנ אויסדרוק באקומענ, אשטייגער, אינ די מײַסעס פונ שמוליק דעמ יאָסעמ, צו וועלכנ ס'איז אזוי צוגעקלעפט געוואָרנ קינדווײַז שאָלעמ־נאָכעמ־וועוויקס, אונ וואָס האָט באמ קומענדיקנ „שאָלעמ־אלייכעמ"—„געמאכט רײַכער זײַנ פאנטאזיע, זײַנ האסאָגע ברייטער אונ שמוליקס כאלוימעס אונ שמוליקס טרוימענ וועגנ אויצרעס, ווונדער־שטיינער אונ נאָכ אזעלכע גוטע זאכנ, טראָגט ער בא זיכ ט"פ אינ הארצנ נאָכ אדאיעמ, עפשער אינ אנ אנדער פאָרמ, עפשער אינ אנדערע געשטאלטנ—נאָר ער טראָגט זיי ביז צו הײַנטיקנ טאָג" [1]. שמוליק דער אָרעמער יאָסעמ האָט ניט נאָר געהאט „אזויפיל מײַסעס צו דערציילנ", שמוליק האָט נאָכ דערצו געקענט דערציילנ מײַסעס „אזויווי קיינער ניט": „פארקליבנ זיכ פרײַטיק נאָכ האלבנ טאָג, אָדער שאבעס נאָכנ עסנ, אָדער יאָנטעוו פארנאכטלעכ אפנ הויכנ וואָראָנקאָווער בארג, וואָס „דער שפיצ זײַנער דערגרייכט ביז דער כמארע", האָבנ זיכ ביידע כאוויירימ אוועקגעלייגט מיטנ פאָנעמ אראָפ צומ גראָז, אָדער מיטנ פאָנעמ ארופ צומ הימל, אונ שמוליק האָט גענומענ דערציילנ א מײַסע נאָכ א מײַסע, אונ יעדע מײַסע האָט געהאט איר טאמ מיט איר רייעכ אונ א באזונדער קישעפ איז געווענ אויסגעגאָסנ אפ זיי אלע. דער כאווער, שאָלעמ־נאָכעמ־וועוויקס האָט געהאלטנ אָפנ מויל אונ אויערנ, קיינ אויג ניט אראָפגעלאָזט פונ דעמדאָזיקנ טשיקאווענ באָכערל מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די פארכאָלעמטע אויגנ" [1].

אָבער וואָס פאר א ציל קענ אונ דארפ דאָס דערציילנ האָבנ אינ דער מ אָ ד ע ר נ ע ר ס אָ װ ע ט י ש ע ר ש ו ל?

וואָס זאָל עס געבנ פאר וואָרט־קולטור?

די וויכטיקסטע הויפט־מאָמענטנ זײַנענ דאָ אזוינע.

1) דערציילנ, דאָס לעבעדיקע, בילדלעכע, „שילדערנדיקע" דערציילנ איז א ווערטפולער פעדאגאָגישער מיטל אפ מיטיילנ, איבערגעבנ נייטיקע יעדיִעס, פאקטנ אונ מײַסימ ניט סכעמאטיש פאראלגעמיינערט אונ אבסטראקט, ניט „לאָגיסטיש", מיט וואָס עס זינדיקט אזוי אונדזער שול־פראקטיק, נאָר אפ אנ אָנציִענדיק־פארינטערעסירנדיקנ אונ דערציילעריש־אָנרעגנדיקנ אויפנ. קינסטלעריש־פעדאגאָגיש דערציילנ איז טיילווײַז געגליכנ צו קינסטלעריש־אויסדריקלעכנ לייענענ אונ פאָרלייענענ.

---

[1]) שאָלעמ־אלייכעמ. פונעמ יאריד 1.

בא דערציילנ אָבער קענ אַלעמאָל זײַנ מער פונ „לעבנ”, ווי פונ „בוכ”. הײַנט די גרויסע ווירקונג פונ מינדלעכנ וואָרט, פונ דער שטימ אונ לעבעדיקנ אויסדרוק. דאָס דערציילנ קענ אַלעמאָל עפּיזאָדיש אײַנגעפלאָכטנ ווערנ אינ שמועס, ווי מיר האָבנ עס שוינ, אגעוו, פריִער אָנגעוויזנ, אָדער סע קומט פאָר פונ צײַט צו צײַט אונ צו דער צײַט אפ ספּעציִעלע דערצייל־שאָענ.

2) דאָס דערציילנ שטויסט דאָס קינד בילדלעכ צו רעפּראָדוצירנ וואָס געהערט אונ וואָס געזענ, וואָס דורכגעלעבט אונ וואָס דורכגעפילט. עס פאָרמירט אויס די פעיִקײַט צומ מינדלעכנ אופזאצ, צו ש ע פ ע ר י ש ק ײַ ט מיטנ מינדלעכנ וואָרט אונ בילד. באמ אכטגעבנ די אייגענע היימ, באמ פאָרשנ די נאטור, ארבעט אונ געזעלשאפט זײַנענ אַלעמאָל פאראנ סטימולנ פאר לעבעדיקע מיטיילונגענ אונ לעבנ־דערציילונגענ, פאר „מײַסעלעכ פונ לעבנ” („ס׳איז ניטאָ קיינ מײַסעלעכ שענער פונ די, וואָס דאָס לעבנ אליינ שאפט”). אזא מינדלעכע שעפערישקײַט („מינדלעכער אופזאצ”), אזא לעבעדיקע רעפּראָדוקציע אָדער אייגענע אימפּראָוויזאציע איז א העכסט־וויכטיקער פאָרבאַדינג פאר שריפטלעכער קענעוודיקײַט, פאר שריפטלעכנ אופזאצ (וועגנ אופזאצ ביכלאל—אינ ספּעציִעלנ אָפּשניט).

3) דערציילנ איז א סאָציִאַל־אָרגאניזירנדיקער פאקטער, וואָס איז באזונדערס אָנגעמאָסטנ פאר דער געזעלשאפטלעכ־מאסנדיקער אופקלער־ארבעט. עס פאַרייניקט דאָ רייִשיסקאָל דעמ אייגענעמ קינדערשנ קאָלעקטיוו צווישנ זיכ דורכ קאָלעקטיווער איבערלעבעניש, עס שטעלט אָנ דעמ קליינעמ אוילעמ פאר געזעלשאפטלעכער סאָלידארישקײַט, ווענ דער דערצייל־מאטעריִאל שטימט מיט דידאַקטיקע צילנ. דערציילנ העלפט מיט צו פארבינדנ דעמ קינדערשנ יאָכיד מיט עלטערע אונ מיטנ קינדערשנ קלאל כונ זײַנ גלײַכנ אונ פונ ניט זײַנ גלײַכנ. באזונדערס איז דאָס וויכטיק אונ ס׳דארפ אָפּטער אָנגעווענדט ווערנ אינ די באדינגונגענ פונ שטעטל אונ דאָרפ. דאָס קינד געוויינט זיכ צו צו דערציילנ פאר קלענערע קינדער, פאר די עלטערנ, פאר ניט אָרגאניזירטע קינדער. דאָס דערציילנ קענ דינענ אפ צונויפשליסנ מאכנע מיט מאכנע, דאָרפישע מיט שטעטלשע קינדער. קינדער־ארויסטרעטער, פיִאָנערנ, רעדנער,—ס׳איז אָפּטמאָל אנ אומנאטירלעכע דערשײַנונג, איבערהויפּט ווענ די קינדער קאָפּירנ איבער מעכאניש דעמ גאנצנ טראפּארעטישנ אגיטיר־נוסעכ פונ די גרויסע, וואָס איז ניט אָנגעמאָסטנ ניט פארנ קינד, וואָס טרעט ארויס, ניט פאר דער קינדערשער אודיטאָריע, וואָס מוז עס אופנעמענ. אָבער גאָר אנדערש וואָלטנ אויסגעזעענ פיִאָנערנ־דערציילער אונ גאָר אנדערש וואָלט אופגענומענ געוואָרנ אָט די אייגנארטיקע בילדלעכע קינדערשע אינטערפּרעטאציעס אָדער זייער אייגנ שעפעריש אימפּראָוויזירנ, וואָס בײַשפּילנ דערפונ האָבנ מיר אינ די פּאָפּולערע קינדער־דערציילער פונ די קרײַזנ „יונגע דערציילער” (וועגנ דעמ ווײַטער).

4) דערציילנ איז א וויכטיקער פאָרבאדינג פאר לייענענ, פאר אינטערעס צו א ביכל. דאָס דערציילנ באקאנט דאָס קינד מיט די וויכטיקערע ווערק פונ דער קינדערשער אונ אלגעמיינער ליטעראטור נאָכ דאנ, ווענ דאָס קינד איז נאָכ ניט אימשטאנד צו לייענענ ווי געהעריק *).

*) אונ דאָס איז דאָכ נאָכ פאקטיש אזוי ביז דער 3—4 גרופּע אונ אמאָל אויכ ווײַטער.

5) לעסאָפּ איז שוינ מעמיילע קלאָר, אז דאָס דערציילנ ברענגט צו קעסיידער־דיקנ אופמערקזאמ־קאָנצענטרירטנ איינזאפּנ מאטעריאַל פונ רייד־קולטור. עס אייגנט אָנ דאָס טרעפיקע וואָרט, דעמ שיינעמ אויסדרוק, דעמ געלונגענעמ רייד־ארט, די פּאסיקע בילדלעכקייט און פּארגעווינט צו באנוצנ זיך דערמיט. און קומענ קומט עס דאָ, ווי די גאנצע ארבעט אפּ שפּראך לויט אונדזער באנעמ, ניט ווי א ספּעציעלע טרענירונג, ווי א זאך פאר זיך, נאָר ווי נאטירלעכער און מעמיילעדיקער באשטאנד־טייל בעשאסנ דערציילנ דאָס נייטיקע און דאָס וויכטיקע, בעשאס דער גאנצער ארבעט.

קלאָר, אז וואָס יינגער דער עלטער, אלץ נייטיקער און אָנגעמאָסטענער איז פארנ קינד דאָס דערציילנ, אלס מעטאָד פונ ארבעט אינ שול. דאָס הייסט אָבער קלאָל ניט, אז פאר עלטערע קינדער (ווי פאר עלטערע ביכלאל) איז דאָס קיינ זאך ניט. בא עלטערע קינדער פארנעמט טאקע א גרעסער אָרט די אלגעמיינע מיטיי־לונג, דאָס לאָגיש־אבסטראקטע, דאָ שפּילט אסאך א גרעסערע ראָל דאָס ביכל און די יעדיעס, וואָס דאָס קינד אליינ שעפּט פונ ביכל, אָבער אויך דאָ בלייבט סיי דאָס לערערשע, סיי דאָס קינדערשע דערציילנ גאָר א וויכטיק מיטל פונ „שילדערנדיקנ אונטעריכט", פונ מינדלעכנ אופזאצ־פּראָצעס, פונ ליטעראריש־קינסטלערישער דער־ציונג. אנדערש איז דאָ נאָר דער טאָך און די פאָרמ פונ דער דערצייל־ארבעט.

2

עס דערציילט דער לערער, עס דערציילנ די קינדער. אָבער צו דערציילנ דארפ מענ זיך גרייטנ, ווייל סע פאָדערט געוויסע טעכניק. אָבער די טעכניק פונ דערציילנ, ווי דאָס דערציילנ גופע, פארנעמט נאָך ניט, ליידער, דאָס געהעריקע אָרט אינ אונדזערע אנשטאלטנ. עס נעמט זיך טיילווייז פונ נאָכלאָזיקער באציונג צומ גאנצנ אינ־יענ. טיילווייז שטאמט עס פונ דער איינבילדונג, אז ס'פאָדערט זיך פאר דערציי־לונג א ספּעציעלע באגאבונג, און אָנ אייגענע איינגעבוירענע פעיקייטנ וועט דאָ קיינ זאך ניט ארויס. איז וואָס איז שייך צו נאָכלאָזיקייט וועלנ מיר, פארשטייט זיך, קיינ סאך דאָ ניט פּויעל זיינ, קאָלזומאנ דידאָזיקע באציונג צומ גאנצנ אינ־יענ וועט ניט געענדערט ווערנ *). וואָס איז שייך דער מעגלעכקייט צו באהערשנ די דער־צייל־קונסט, דארפ מענ זאָגנ, אז סע פאָדערט זיך דאָ פונקט אזא צוגרייטונג, ווי בא יעדער אנדער פּעדאגאָגישער ארבעט ביכלאל, ווו מע קענ אלעמאָל באהערשנ טעכ־ניק און מעטאָדיק, אויב מע ארבעט אפּ זיך און מע דרינגט זיך דערמיט דורך. „יעדער לערער דארפ קענענ בילדלעך צו דערציילנ, דאָס הייסט ניט, אז יעדער לע־רער איז מעכוייעוו צו זיינ א פּאָעט. יעדער לערער וואָלט בלויז אפּ אזויפיל בא־דארפט דאָ אָנייגענענ די טעכניק, אז ער זאָל מיט זיכערקייט אָנווענדנ די גרונט־געזעצנ פונ שילדערנדיקע רייד אינ זיינ שול־פּראקטיק" (ה. שארעלמאנ).

*) מיר פארמאָגנ נאָך, ליידער, קימאט ניט קיינ „קורסנ" פונ דערציילנ, ווי פונ אויסדריקלעכער רייד ביכלאל. דאָס פארנעמט נאָך קיינ אָרט אינ אונדזערע פּעד־שולנ. מיר האָבנ זיך דאָ וואָס צו לערנענ פונ דער אמעריקאנער שול, אשטייגער, ווו אזא „קורס" איז אָבליגאטאָריש אומעטומ, ווו מע גרייט נאָר צו פּעדאגאָגישער ארבעט.

אינ פארשיידענערליי „דערציייל־קרײַזנ“ (איבערהויפּט אינ די צענטראלע שטעט) פירט מענ איצט בא אונדז א גרויסע ארבעט אפ דערצייילנ. מע לערנט זיכ די טעכניק אונ מעטאָדיק פונ דערצייילנ, מע געוויינט זיכ צו זוכנ אונ אויסגעפינענ אונ צו צופאסנ מאטעריאַל פאר דערצייילנ, צו מאָנטירנ גרייטע טעקסטנ אונ צו ארויסבאווײַזנ די אייגענע אימפּראָוויזיר־אונ שאפונג־מעגלעכקײַטנ. סע קומענ שוינ אויכ אופ קרײַזלעכ פונ „יונגע דערצייילער“. זיי באשטייענ ס'ראָוו פונ די עלטערע קינדער (אָנהייבנדיק פונ דער 4־טער גרופּע אנערעכ). אינ אזוינע קרײַזלעכ גרייטנ זיכ די קינדער צו ווערנ גוטע אונ נוצלעכע דערצייילער־געזעלשאפטלער,—פאר די קלענערע קינדער פונ דערזעלבער אָדער פונ אנ אנדער שול, פאר דער קינדער־ביבליאָטעק, פאר ארבעטער א.אז.וו. די קינדער־דערצייילער לערנענ זיכ צו אינטערפּרעטירנ דערציילונגענ וואָרט אינ וואָרט, פרײַ שאפנ אונ אימפּראָוויזירנ, געניטנ זייערע שטימ־ אונ אויסדרוק־מעגלעכקײַטנ א.א. פיל קינדער פארכאפּנ זיכ מיט דערצייילנ. ס'ווירקט אפ זיי צו גוטנ אונ הייבט זייער אינטערעס צו דער אלגעמיינער שול־ארבעט. די קינדער שעצנ דידאָזיקע ארבעטנ אונ פילנ אפ זיכ די נוצנ, וואָס זיי האָבנ דערפונ. זיי ווייסנ, אז די ארבעט אינ דערצייילער־קרײַז געוויינט זיי, ווי זיי באהויפּטנ אליינ, צו „א מער פרײַער שפּראכ“, צו „גלאטקײַט פונ רייד“, פארגרינגערט צו „צוגלײַכנ ווערטער אונ אויסדרוקנ בעשאסנ לימעד“, „באקענט מיטנ פּאָליטישנ לעבנ פונ אנדערע לענדער“ א.א.

„דער דערצייילער גייט, געוויינטלעכ, ארויס אינמיטנ קלאס (זעצט זיכ אָדער שטייט). די מיידלעכ פארכאפּנ דערהויפּט מיט עמאָציאָנעלנ שווונג, די יינגעלעכ—מיט דרייסטקײַט אונ הומאָר. גיט זיכ אײַנ די דערצייילונג, הערט מענ דאנ מיט גרויס אופמערקזאמקײַט. גלײַכ נאָכנ דערצייילנ הייבט זיכ אָנ די קריטיק, אייניקע פארשרײַבנ די אומריכטיקע ווערטער, ווײַזנ אָנ אפנ טאָנ, שפּראכ, מאניר צו האלטנ זיכ בעשאסנ דערצייילנ; מע קלײַבט פאנאנדער דעמ אינהאלט אונ וואָס פאר אנ אײַנדרוק ס'האָט געמאכט אפ דער אודיטאָריע *).

אינ די קרײַזלעכ ווײַזנ זיכ ארויס אייגנארטיקע דערצייילער מיט אינדיווידועלע אייגנקײַטנ אונ מאנירנ צו דערצייילנ. אָט זײַנענ א פּאָר פונ זיי.

דער 15־יאָריקער שורע איז פונ דער 6־ער גרופּע. מיט דער פּסיכאָלאָגיע—קינדעריש גיט לויט די יאָרנ נאָכ, פארכאפּט ער מיט זײַנע קינדערשע דערצייילונגענ פאר 8—9־יאָריקנ עלטער. ציט צו זיכ מיט זײַנ איינפאכקײַט, אופריכטיקנ טאָנ אונ געפיל, טוט אסאכ פאר די קלענערע גרופּעס. האָט ליב קינדער אונ ווערט עמעסדיק אונ גיכ מיט זיי כאווער. קליינוואַרג האָט אימ ליב, קוקט אפ אימ ארויס, בעט זיכ בא אימ: „א מײַסעלע“. ער נעמט די גרופּעס מיט רוסישע מײַסעלעכ, מיט זײַנ הומאָר. לעבעדיק אונ בילדעריש ברענגט ער ארויס דעמ פוקס, האָז, וואָלפ, טאָנירנדיק מיט יעדערנס שטימ. האלט זיכ פרײַ אינ גאָר גרויסע אודיטאָריעס פונ 80—100 מענטשנ, ווענ ס'קומט אימ אויס ארויסצוטרעטנ אינ קלוב, אינ אנ אנדער שול, אינ ביבליאָטעק, פארמאָגט אייגענע שעפערישע אונ הומאָריסטישע דערצייילונגענ. סאָפ יאָר האָט ער

*) פונ זשורנאל Искусство в школе, 1928, 11. פונדאָרטנ אויכ וועגנ די קינדער־דערצייילער, וואָס ס'ווערט דאָ געבראכט.

געהאלטנ א באריכט אינ קרײַזל וועגנ דערציילנ צווישנ קינדער, וועגנ באטײַט פונ דערציילנ אינדערהיימ, אינ וואלד, אינ פעלד. האָט גערעדט וועגנ באטײַט פונ אינטאָנאציע אונ אויסדריקלעכע רייד מיט אנטשפּרעכיקע בײַשפּילנ. האָט פארינטערעסירט אונ געשטויסנ אנדערע צו פארנעמענ זיכ מיט דערציילנ.

שורע איז עס דער ע פּ י ק ע ר פונעמ קרײַז. דער ל י ר י ק ע ר איז דאָ א מיידעלע פונ דער 5־טער גרופּע, די 14־יאָריקע ניורע. נעמט די 5־טע גרופּע מיט אירע נאטור־דערציילונגענ. איר קליינע שעפערישע דערציילונג „וויאזוי כ׳האָב זומער אינ וואלד פארבראכט״ האָט פארכאפּט מיט דער שילדערונג פונ יוני־פרימאָרגנ, וואלד־געדיכטעניש, בײַדל פונ וואלד־היטער...

3

צו דער מעטאָדיק פונ דערציילנ דארפ מענ זאָגנ אָט וואָס:

1) דערציילנ דארפ מענ וואָס נאטירלעכער אונ פּאשטעסדיקער, אָנ ארופגעצויגענעמ ארטיסטיזמ, אָנ סצעניזירטע האוואיעס, אָנ איבערגעטריבענער מימיק אונ זשעסטיקוליאציע, אָנ דעקלאמאטורישער אפעקטאציע אונ אָנ זיסלעכ־געשמאקלעכער איבערקרימעניש לויטנ קלוימערשט־קינדערשנ נוסעכ. ניט געשפּילט, נאָר דערציילט. אונ דערציילט מיט אופריכטיקנ געפיל אונ בארעכטיקטער לעבנ־אויסדריקלעכקײַט אונ טאָנירונג, מיט נאטירלעכער מימישער באוועגונג אונ שפּיל פונ געזיכט־שטריכנ.

2) ווי בעשאס א שמועס, אזוי דארפ מענ נאָכ מער בעשאסנ דערציילנ געהיט זײַנ מיט זײַטיקע פראגעס, מיט אלגעמיינע קאשעס, וואָס ווערנ שלעכט געשטעלט, נאָכ ערגער פארענטפערט אונ ציִענ אָפּ די קינדערשע אופמערקזאמקײַט פונ דער דערציילונג. א כאראקטעריסטישנ בײַשפּיל דערפונ האָט נאָכ אנומלט געבראכט די ענגלישע דערציילערנ שעלדאָנ. *)

א באזוכערנ פונ קינדער־גאָרטנ נעמט זיכ עפּעס צו דערציילנ א טומלדיקער קינדער־גרופּע.

— אָט, קינדער, גיי איכ נעכטנ ארויס אינ הויפ ארײַנ, אונ וואָס־זשע דערזע איכ?

פונ דער גרופּע קינדער, וואָס איז גראָד גרייט געווענ צו אופנעמענ, לאָזט זיכ הערנ:

— א העלפאנד?

— וואָס עפּעס אינמיטנ דערינענ א העלפאנד בא מיר אינ הויפ? דאָס, וואָס כ׳האָב דערזענ, איז געווענ אסאכ קלענער פונ א העלפאנד, ס׳איז גאָר־גאָר קליינ געווענ.

— א פיש! — האָט אויסגעשריגנ איינער פונ די ייִנגלעכ, וואָס האָט צופעליק א קוק געכאפּט אפנ אקוואריומ אינ ווינקל.

— נו, וויאזוי קומט א פיש, א לעבעדיקער פיש צו מיר אפנ הויפ?

— א געפייגערטער פיש! — שרײַט ווידער דאָסזעלבע ייִנגל, וואָס קענ זיכ ניט שיידנ מיט זײַנ פאָרשטעלונג.

*) דער ווײַטער געבראכטער בײַשפּיל קענ אויכ שײַעכ זײַנ צו די פארשפּרייטע סטאמ־אָנשטויסיקע פראגעס, וואָס דערפונ האָבנ מיר שוינ גערעדט אינ קאפּיטל „שמועס״.

— איי, ניט דאָס, כ'האָב דערזען א קליין קעצל. געשטאנען איז דאָס לעבן א ביט מיט וואסער. איז וואָס זשע מיינט איר האָב איך נאָך דערזען?

— נאָך א קעצל, — האָט ניט זיכער געזאָגט א מיידעלע.

— ניין, א גרויסן ניר־פאונדלענדישן הונט. דער הונט איז געשטאנען און געקוקט אפן קליינינקן קעצל באם וואסער. און קעץ, ווייסט איר דאָך, האלטן ניט פון קיין וואסער. פון וואָס זשע האלטן זיי יאָ?

— פון מייז!

— ריכטיק, פון מייז. נאָר קיין מייז איז אפן הויף ניט געווען. קיין וואסער האָבן די קעץ ניט ליב. וואָס זשע פאָרט האָבן זיי ליב?

— מילך! האָט א מיידעלע זיכער ארויסגעזאָגט.

— זיי האָבן ליב א טרוקן אָרט, — זאָגט די דערציילערן. — נו וואָס־זשע, אשטייגער, האָט דער הונט געטאָן?

קליינווארג שווייגט שוין.

— קיינער ווייסט ניט, וואָס דער הונט האָט געטאָן? — כאזוערט נאָכאמאָל איבער די דערציילערן. — נו וואָס וואָלסטו, אשטייגער, געטאָן, ווען די דערזעסט א קליין קעצל?

— כ'וואָלט עס א צי געטאָן פארן עק . . .

— נו, און דו וואָלסט אויך אזוי געטאָן? . .

— וואָס־זשע, כ'וואָלט אויך געצויגן פארן עק . . :

א. אז. וו. דאָס אלץ הייסט נאָך ניט, אז קינדערשע באמערקונגען בעשאסן דערציילן זיינען ·איבגאנצן אן איבעריקע זאך. אסאך, געוויינטלעך, ווענדט זיך דאָ דערפון, וויאזוי דער לערער רעאגירט אף אזוינע באמערקונגען און וויאזוי ער שליסט זיי אָן צום דערציילן.

3) באם דערציילן לויט גרייטן מאטעריאל ניט האלטן זיך וואָרט אין וואָרט באם טעקסט. ניט פארלערנען אף אויסנווייניק, ווייל דאָס צאמט, נעמט אָפּ די פרייקייט און נאטירלעכקייט, מעכאניזירט דעם דערצייל־פּראָצעס. „איינמאָל — דערציילט ל. קאהאן *) — האָב איך געפּרווט פון סאמע אָנהייב צו פארלערנען ניט קיין גרויסע דערציילונג אף אויסנווייניק. איז אויסגעקומען אסאך מער צו ארבעטן. פארגעדענקט האָב איך, נאָר אז עס איז געקומען צום דערציילן, האָב איך זיך געכאפּט, אז כ'טראכט פון ווערטער, ניט פון בילדער. דאָס דערציילן איז ארויס בלאס. באקומען האָט זיך א שוואכינקע פאָטאָגראפיע, ניט קיין העל־לעבעדיק בילד".

מ'דארף זיך געוויינען צו דורכנעמען און איינלעבן זיך מיט דער עצעם דערציילונג, רעפּראָדוצירנדיק זי אף אייגענעם שטייגער, אָנגעמאָסטן פאר דער באטרעפיקער קינדער־אודיטאָריע און פאר די געגעבענע אָרט־און צייט־באדינגונגען. צוליבן דערציילן וועט אויסקומען פארשיידענערליי צו מאָנטירן און רעקאָנסטרוירן דאָס ווערק: ווו קירצן און קאָנדענסירן (אין געציגענע שטעלן, אין באשרייבערישע ערטער, אין זייטיקע, ניט איקערדיקע מאָמענטן ביקלאל), ווו, פארקערט, דערגאנצן און צו־

*) Л. Каган. Из записок рассказчика.

געבן, ווען סע פעלט פּאַבולע, לעבעדיקע האַנדלונג, ווו ביקלאַל קאָמבינירן און גרור־פירן אייניקע זאַכן אַרום דער געגעבענער טעמע *), און ווו אפילע נעמען נאָר דעם קערן און צופּאַסן צוליב אַנדערע צילן**)

באַם דערציילן פריַי דאַרף מען, געווײנטלעך, פאַרהיטן כאַראַקטעריסטישע, קאָלאָ־ריטישע שטעלן, וואָס וועלן ניט אַרויסקומען באַם ענדערן דעם אָריגינאַל, ריטמיזירטע לידאַרטיקע מאָמענטן, אייגנאַרטיקע דיאַלאָגן א. אז. וו.

4) די טעכניק פון פאַרלערנען און פאַרגעדענקען צו דערציילן קען ניט זיַין אַלעמאָל און באַ אַלעמען אַן אַלציינע. פיל ווענדט זיך דאָ פונעם דערציילערס אייגנ־קייַטן און מעגלעכקייַטן. ביקלאַל אָבער פאָדערט זיך דאָ א געוויסע פּאָראַרבעט, געוויינהייַט, טרעני־רונג. טיילמאָל קען דאָ מיטהעלפן צו אויפשרייַבן א קאָנספּעקט, צו פיקסירן דעם סקעלעט פון דער פריַיער דערציילונג אָדער פון דער איבערגע־מאָנטירטער, צו אָנצייכענען פאַר זיך באַזונדערע איקער־טיילן, צו געניטן זיך „פאַר זיך" א. אז. וו. ל. קאַהאַן (זעט פריִער), אַשטייגער, דערציילט כּון זיך אַזוינס. ער קלייַבט אָפּ די זאַך און הייבט זיך אָן גרייטן צו דערציילן, זיך פאָרשטעלנדיק עס ווי א קינאָ־פילם. ער לייענט פאַר זיך דעם טעקסט, גלידערנדיק אים אָפּ קאַדרען. די קאַדרען נומערירט ער טיילמאָל אָפּ די ראַנדן. ער גייט ניט ווייַטער, ביז ער שטעלט זיך ניט פאָר דאָס איבערגעלעבטע אינגאַנצן קלאָר, אַזוי, אַז ער זאָל פאַרשפּאָרן אָנקומען צום ביכל. דערנאָך רעפּראָדוציר'ט ער דאָס איבערגעלייענטע און פאַרגלייַכט מיטן טעקסט. אַזוי אַרבעט ער דורך א קאַדר נאָך א קאַדר. אָפּ אויסנווייניק פאַרלערנט ער נעמען פון די פּערסאָנאַזשן, ווי אויך די מער כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן, איבערהויפּט אין שטייגער־דערציילונגען. ער גייט ניט ווייַטער, ביז ער שטעלט זיך ניט פאָר דעם פאָריקן טייל אינגאַנצן געניִמען און באַזונדערס די אַלע באַשטאַנד־קאַדרען. „גרייטנדיק זיך אַזוי צו דערציילן, שטעל איך אויף מיט א האַלבן מויל (כ'האָב באַמערקט, אַז ס'איז אַסאַך גרינגער זיך צו גרייטן און נאָך זיך נאָכשפּירן, ווען מע רעפּראָדוצירט די זאַך ניט אויפן קאָל) און טרעט צו אייַנצייַטיק צו אַרבעטן אָפּ די קלאַנגלעכע מאָמענטן. פון פאָרלייענען, — כ'קלייַב צו דעם טאָן פאַר יעדער פּערסאָנאַזש, מערק אָן דעם טעמפּ, שטעל אייַן פּויזעס א. אז. וו. געוויינטלעך איז מיר גענוג נאָך אַזאַ אַרבעט אַמאָל דריַי איבערצוכאַזערן מיט האַלבן מויל די גאַנצע דערציילונג אָפּ צו ווייַזן זיך דערמיט אין אודיטאָריע. באַ איבער־כאַזערן דערנאָך די דערציילונג, פאַרבלייַבט זי אין זיקאָרן, כאָטש כ'האָב זי אָפּ אויסנווייניק ניט פאַרלערנט".

דאָ איז איבערהויפּט גערעדט באַם דערציילן פאַר גרויסע מאַסן־אודיטאָריעס, ווו מע לייענט פאָר היפּשע זאַכן און אַמאָל אפילע גאַנצע ביכער (געקירצט, פאַרשטייט

*) מאָנטאַזש איז באַזונדערס שייַעך צו ווערק פון אונדזער און דער אַלגעמיינער קלאַסיק, ווייַל טיילמאָל קען מען נאָר אַזוי אַרום זיי אויסנוצן אָפּ צו דערציילן.

**) ה. שאַרעלמאַן, אַשטייגער, דערציילט, וויאַזוי ער האָט פון קיפּלינגס דזשאָנגל־בוך אויסגענוצט אַסאַך מאַטעריאַל אָפּ שילדערן די לאַנדשאַפט פון דער דעלטע פון טייַך גאַנג און וויאַזוי מאָלערישע דע־טאַלן פון די רייַזעס איבער דאָרעם־רוסישע סטעפּעס האָט ער גענומען אָפּ דערציילן וועגן די פּריריס פון צאָפן־אַמעריקע א. אז. וו.

זיך, און איבערגעמאַנטירט *). אין די שול־באַדינגונגען טוט מען עס, פאַרשטייט זיך, אסאך איינפאכער.

5) מע דאַרף שאַפן די געהעריקע אויסערלעכע באַדינגונגען פאַר דערציילן. אויסזעצן באַקוועם, אַז אַלע זאָלן זען דעם דערציילער, — געוווּנטשן אין האַלבקרײַז, דער דערציילער אין צענטער, מע דאַרף זען באַזײַטיקן די פאַרשיידענע אָפּווענדמאָמענטן א. א.

קלאָר איז, אַז דערציילן איז א מעטאָד צו אַרבעטן און אויפוויקן ניט בלויז אין קלאַס־באַדינגונגען. דאָס דערציילן קומט שטאַרק צונוץ בא פאַרשיידענערליי דורכאַרבעטונגען אין, אַרום און אויסער דער שול — בא א נאָכמערקונג אַפּ קאַנטקענטעניש, בא אַכטגעבונגען „אַפן שויס" פון דער נאַטור, בא א הומאַניטאַרער עקסקורסיע א. א.

6) וואָס איז שײַעך דעם דויער אַפּ דערציילן, איז שווער אײַנצושטעלן נאָרמעס איינמאָל אַפּ אַלעמאָל. סע ווענדט זיך דאָ אסאך פונעם מאַטעריאַל, פון די ביאָלאָגישע אייגנקײַטן פון דעם אָדער יענעם קינדער־עלטער. קלאָר איז נאָר, אַז וואָס קלענער די קינדער זײַנען, אַלץ ווייניקער קען מען האַלטן זייער אויפמערקזאַמקײַט (אין די ייִנגערע גרופּעס ניט מער ווי פון 20 ביז 40 מינוט).

4

דעם דערצייל־מאַטעריאַל, ווי דאָס דערציילן גופא, דאַרפן, פאַרשטייט זיך, באַדינגען די קאָנקרעטע און נאַטירלעכע שול־באַדינגונגען. צו אַלעם ערשטן דאַרף מען זיך דאָ סוימעך זײַן אַפּ דעם אומיטלבאַר־לעבעדיקן מאַטעריאַל, וואָס דער לערער פאַרמאָגט און וואָס די קינדער ברענגען מיט זיך, ווי ביקלאַל אַפּ מאַטעריאַל, וואָס האָט אַן „אָנהאַלט" אין דער קינדערשער דערפאַרונג.

סײַ דאָס שעפערישע דערציילן („אייגנס"), סײַ דאָס דערציילן לויט גרייטן מאַטעריאַל טאָר ניט האָבן צו טון מיט הימלשע און איבערערדישע באָבע־מײַסעס (און ניט אַפילע מיט ערדישן, ווו די „דיכטונג" האָט קיין „וואַרהײַט" ניט אין זיך קיין מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם). אין אַמעריקאַנישן קינדער־גאָרטן דערציילט מען נאָך אַדאַיעם אַפילע פאַר די פּיריאָריקע — מיפן, רעליגיעז־געשיכטלעכע „האַגאָדע"־מאָטיוון, „צויבער"־מײַסעס, און פון די סאַמע אָנגענומענסטע און פאַרשפּרייטסטע זאַכן זײַנען נאָך דאָ אַזוינע, ווי די „דרײַ בערן", „וואָלף און זיבן ציגעלעך" א. א קעגן דעם פּראָטעסטירן, עמעס, די פאָרגעשריטענע פּעדאַגאָגן, ווי די טאַלאַנטפולע ספּרעג מיטשעל, אַשטייגער, וואָס וואַרפט אָבער אויך ניט אָפּ און שליסט ניט אויס דאָס מײַסעלע ביקלאַל **), זי פּריידיקט נאָר צו האַלטן זיך איבערהויפּט בא „דאָ און איצט", וואָס זאָל שטאַפּלווײַז צופירן צו „דאָרט און דעמאָלט".

*) ל. קאַהאַן ברענגט א בײַשפּיל מיט דזשעק לאָנדאָנס „מעקסיקאַנער" (פאַראַן אַפּ ייִדיש), וואָס ער האַלט פאַר שטאַרק אָנגעמאָסטן צו אַן עלטערער מאַסן־אודיטאָריע. פאַרייגענען אָט די זאַך אַפּ דערציילן האָט בא אים פאַרנומען א וואָך צײַט, אַרבעטנדיק צו צוויי שאָ א טאָג.

אין אַרבעטערשע און רויטאַרמייִשע קלובן דערציילט מען אַפילע אַזוינע גרויסע זאַכן ווי הוגאָס „93־טע יאָר", זאָליאַס „פּאַריזש" א. א. (געוויינטלעך, שטאַרק געקירצט).

**) מיטשעל האַלט, אַז אויך דאָס „צויבער"־מײַסעלע קען מען געבן פאַרן 7 — 6 יאָריקן עלטער, ווען דאָס קינד אָריענטירט זיך שוין פיל־ווייניק אינעם אַרום און די געפאַר צו פאַרלירן דעם כוש פאַר רעאַלן, מיינט זי, איז שוין ניט גרויס.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין זאַך שטימט דאָ ניט מיט אונדזער הײַנטיקן צוגאַנג צו אָט דער פּראָבלעם, ווען מיר וואַרפן אַנטשיידן אַפּ דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס קישעפדיק־פאַנטאַסטישע.

איז פריִער פונ אלצ—דערציילונג לויט אייגענער דערפארונג, אכטגעבונג, אָדער רעפּראָדוצירט־ליטערארישע טעקסטנ, וואָס שטימענ אונ מאכנ העלער אָט די אייגענע דערפארונג אונ אכטגעבונג. אונ אָט אינ די ראמענ מוז דאָס דערציילנ פארמאָגנ אינ זיכ אלע עלעמענטנ פונ געזונטער, לעבנבאדינגטער אונ קלאסנדיק־פּראָלעטאַרישגעווענדטער פאנטאזיע־שפּיל, פונ פּאָעטיש־אויסדריקלעכער באדינגלעכקייַט *) אונ פונ אָנציִענדיקער קאָמפּאָזיציע־פּראָטים, וואָס מירנ זיי וויַיטער נאָכ דערמאָנענ.

מע דארפ, ווי געזאָגט, באזונדערס שעצנ דאָס אייגענע שעפערישע אונ פריַיע דערציילנ, וואָס איז ניט נאָר ביקלאל א העכערע פאָרמ פונ גייַסטיקער טעטיקייַט, נאָר וואָס דרינגט ארויס אונ קומט אופ אומיטלבאר אונ פארנעמט דערפאר מערער, פארכאפּט גיכער אונ דינט, אגעפ, אלס נאטירלעכער איבערגאנג אונ פּאָרבאדינג אפ רעפּראָדוצירנ דערציילונגענ לויט ליטערארישנ מאטעריאל. ווענמענ ס'איז נאָר אויס־געקומענ בייַצוזיַינ אפ ליטעראריש־קינסטלערישע דערציילונגענ אינ שול, איבערהויפּט אינ א יִינגערער גרופּע, ווער ס'האָט אליינ ווענ־עס־איז דערציילט אינ שול, דער ווייסט גוט, וואָס פאר א ווירקונג ס'האָט אפ די קינדער דאָס דערציילנ, געפאסט מיט דעמ קינדערשנ דערציילנ פונ געזעענעמ אונ געשעענעמ. אָט טיילט מיט א גער־ניטע דערציילערנ. ס'האָט זיכ איר געמאכט צו זיַינ אינ א קינדער־היימ, ווו זי איז מיט די קינדער זייער צונויפגעלעבט געווענ. יענעמ פרימאָרגנ האָט זי א גרופּע קליינ־ווארג באגעגנט מיט לעבעדיקע דערציילונגענ פונ א הונט, וואָס דער טראמווייַ האָט אָקרשט איבערגעפאָרנ פאר זייערע אויגנ. די קינדער האָבנ איינער נאָכנ אנדערנ געשילדערט דידאַזיקע פאסירונג. דער גאנצער קינדער־היימ איז געווענ אופגערעגט דערפונ. די דערציילערנ צעפרעגט זיכ בא די קינדער:

— ווער־זשע האָט געהאָלפנ ארויסשלעפנ דעמ הונט? אונ ווו איז געווענ דער באלעבאָס פונ הונט? אונ וואָס האָט איר אליינ געטאָנ, ווענ דער הונט האָט זיכ קאמ צוגעשלעפּט צו א גאנעק, ווי איר גיט איבער . . .

ס'האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ ענטפערס, ווו ס'איז געווענ מערער פאנטאזיע אונ אייַנפאלנ אפ טונ עפּעס, ווי דאָס ווירקלעכ געטאָנענע. מ'איז ארופ אפ פארשייַ־דענע ענלעכע לעבנפאלנ. די קינדער האָבנ א בעט געטאָנ, מע זאָל זיי עפּעס דער־ציילנ. „כ'האָב אויסגענוצט די געהעריקע שטימונג, דערציילט גארינס „Тема и жучка". ס'האָט געמאכט א אומגעהייַערנ אייַנדרוק. די קינדער האָבנ געהערט מיט פארכאפּטנ אָטעמ, אונ ווענ עמעצער האָט בעשאסנ דערציילנ ארויסבאווײַזנ זייַנ אומגעדולד, האָבנ אפ אימ די קינדער געשיקעט — „נו, נו!" **)

פאר שעפערישע פריַיענ, ווי פאר ליטעראריש־מאָנטירטנ דערציילנ איז דאָ גענוג נאטירלעכע געלעגנהייַטנ בא דער לויפיקער שול־ארבעט. קימאט אלע אונדזערע קאָמ־פּלעקס־טעמעס שאפנ אזא מעגלעכקייַט אונ אזא נייטיקייַט.

באזונדערס אָנגעמאָסטנ איז דער דערצייל־מעטאָד דאנ, ווענ ס'גייט א רייד וועגנ זאכנ, וואָס זייַנענ וויַיטער אונ דערוויַיטערט פארנ קינד, וועגנ א פאקט, טאט,

*) מיר שטעלנ זיכ דאָ ניט אָפּ אפ דער פראגע. דאָס וועלנ מיר טונ גענוי אונ ספּעציִעל אינ אונדזער וויַיטערדיקנ בוכ וועגנ לייענ־מאטעריאל אונ ליטעראטור אינ שול.

**) Е. Иорданская. Рассказывание в дошкольных учреждениях.

וואָס מע קען ניט אלעמאָל אומיטלבאר אכטגעבן און אויספאָרשן—באם דורכארבעטן, אשטייגער, „פארגאנגענהייט פון אונדזער ווינאָרט" *), „איבער פ. ס. ר. ר.", „איבער וויטן קאנט און לאנד", „לאגע און קאמף פון ארבעטער אין אויסלאנד", „טוער און דערפינדער" (מארקס, לענין, ליבקנעכט, ליוקסעמבורג, פולטאָן, סטעפענסאָן, עדיסאָן, וואט, פאסטער . . .) „רויטער קאלענדאר" (פאריזשער קאָמונע, מיי, אָקטיאבער...) „אמאָל"—געשיכטלעכע און פראָדוציר־געשיכטלעכע טעמעס **) א. אז. וו. א. אז. וו. בא אזוינע און ענלעכע טעמעס דארף מען, ווי געזאָגט, ניט אָנווענדן קיין אלגעמיינע אבסטראקטע אָפהאנדלונגען און טרוקענע מיטיילונגען, נאָר לעבעדיק־בילדלעכע און פראָדוציר־שעפערישע שילדערונגען און דערציילונגען, וואָס מאכן דאָס וויטע פאר נאָענט, דאָס פרעמדע פאר אייגנס און שטויסן צו אופנעמען ניט מעכאַניש־אקוסטיש און פאסיוו, נאָר לעבעדיק זיך פאָרשטעלן, בעעמעס איבערלעבן און פארייגענען אפ אן אקטיוו־אינערלעכן אויפן *).

פאר דערציילן איז .זיך דאָ גענוג שטאָף באם דורכארבעטן „דאָ און איצט", ניט נאָר „דאָרט און דעמאָלט". איבערצורעכענען דאָ די טעמעס איז איבעריק. וויפל מאטעריאל גיבן דאָ די נאטור־טעמעס, אשטייגער, ווו מיטן דערציילן קען מען ניט נאָר פארברייטערן די געניע יעדיעס, נאָר אויך פארטיפערן די שטימונג פארן „הויכן בארג" און „גרינעם גראָז"? וויפל שילדערנדיק־דערציילערישע „דיכטונג" איז פאראן אין אונדזער רעקאָנסטרוקטיווישער „ווארהייט" מיט איר סאָצפארמעסטונג, שלאָג־לעריי, ארבעט־העראָיזם, מיטן פאטאָס פון „נייעם זיין", ווו ס'איז בעעמעס „ניטאָ קיין מייסעלעך שענער פון די וואָס דאָס לעבן (אונדזער סאָוועטיש לעבן) שאפט"?

5

דערציילן קען אומעטום אויסגענוצט ווערן בא דער שול־ארבעט. נאָך אזא פראט, אשטייגער: דערציילן בא פיזגעניטונגען. מע דערציילט, און דאָס דערציילטע ווערט אין באוועגונג אינטערפרעטירט, געשפילט אימיטירט. אזא „אימיטאציע־שפיל לויט דערציילן" ווערט דורכגעפירט אין אייניקע מאָסקווער שולן.

קעדיי צו ברענגען א ביישפיל דערפון ***).

*) אינטערעסאנט און קעדיי איז דאָ אויך צוצוציען דערציילער פון דער זייט,—עלטערן, אָרטיקע טוער, וואָס וועלן מיט כוש פאר ווירקלעכ פאָרגעקומענעם און געשעענעם דערציילן פון בירגער־קריג, וועגן קאמף און ארבעט, פון פריערדיקן לעבן-שטייגער. אין אן אָדעסער שול איז אָקאָרשט אויסגעקומען צו אכטגעבן, וויאזוי א גרופע ארבעטער האָבן אין פארלויף פון עטלעכע שמועסן גענוי און לעבעדיק מיטגעטיילט די קינדער (II קאָנצענטער). — „די געשיכטע פון אונדזער שיך־פאבריק".

דאָס דערציילן איז דאָ אויך שייעך בא א הומאניטארער עקסקורסיע—אין מוזיי אריין, צו דענקמעלער, צו ברידער-קוואָרים א. אז. וו.

**) קלאָר, אז מיר באַרירן דאָ בלויז די ראָל פונעם וואָרט-מאטעריאל, ניט פון די אנדערע אקטיוויזירנדיקע ארבעט-מאָמענטן, וואָס קענען ארויסדרינגען פונעם דערצייל־פראָצעס גופע: מאָלן, קלעפן, געזאנג, פאָרשטעלונג א. אז. וו.

***) לויט В. Яковлев. Игра-имитация по рассказу руководителя (Урок физупражнений в I групах школы). Вестник просвещения 1928, 10.

דער טעקסט ווערט דאָ טיילווייז געקירצט, כ'איז אויסגעהאלטן בלויז די סכעמע און די אידיי פון לימעד.

אימיטאַציע־שפּיל לויט דערציילן

א שפּאַציר צום טײַכל *)

דער לימעד (פיזגעניטונגען) קומט פאָר אינ שול־געבײַדע (בא אָפענע פענצטער). דויערט 40-35 מינוט. אָקטיאבער. רעגנ־וועטער. איינ לימעד. פונ מאַכשירימ—בלויז א פוטבאָל־פּילקע.

ארט פונ געניטונגענ	דערציילונג אונ געהעריקע באוועגונג.
אָטעמ־געניטונג	„גאנצפרי זײַנען די קינדער אוועק צום טײַכל. זיי האָבנ מיט פארגעניגנ ארײַנגעאָטעמט די פרישע הארבסט-לופט“ (טיפע אָטעמונג דורכנ נאָז, אָנגעהויבנ פונ ארויסאָטעמענ).
געניטונג אפ גלײַכגעוויכט	„דאָס וואסער אינ טײַכל איז שוינ קאלט געווענ, נאָר די קינדער האָבנ זיכ אינ זומער דערמאנט, גענימענ אויסטונ די שיכ“ (אפ איינ פוס מאכנ די קינדער נאָכ די באוועגונג בעשאטנ אראָפּנעמענ די שיכ פונ איינ פוס, פונ א צווייטער). „זיי האָבנ פאמעלינקע געטראָטנ אפ די שטיינדלעכ, איבערנ ברעג געשפּאנט“ (שטעלנ זיכ אפ די שפּיצפינגער, די הענט אפ די לענדנ, באוועגנ זיכ לאנגזאמ אינ קרײַז, שטעלנדיק זיכ אינ פארשיידענע לאגעס: צענומענ די פיס, רעכטע, לינקע פוס פאָרויס, געקרייצט א פוס פאר א פוס א. אז. וו.)
צוגרייט־באוועגונג	„נימעס געוואָרנ צו גיינ, האָבנ זיי גענומענ זיכ ווארפנ מיט שטיינדלעכ: מיט דער רעכטער, מיט דער לינקער האנט צעלאָזט זיכ אונ — א וואָרפ!“ (אנטשפּרעכיקע באוועגונג). „איינ־יקע איז אויסגעקרמענ זיכ אָפּצודרייענ ס׳זאָל זיי קיינ שטיינדל ניט טרעפנ“ (אפ האלב זיכ צוגעזעצט, בייגנדיק דעמ קערפּער עטוואָס פאָרויס. אופגעשטעלט זיכ, אויסגעגלײַכט. אפהאלב זיכ צוגעזעצט, אָנבייגנדיק עטוואָס דעמ קערפּער אפ רעכטס, אפ לינקס. פרײַ די הענט) „דערנאָכ האָבנ זיי גענומענ זיכ שפּריצנ מיט וואסער אריבער דעמ קאָפּ“ (צענומענ די פיס, אָנגעבויגנ זיכ, אָנגענומענ הויפנווײַז וואסער מיטביידע הענט, אויסגעגלײַכט זיכ, די הענט ארופצו אונ באַ־

ארט פון געניטונגען	דערציילונג און געהעריקע באוועגונג
	גאָסן דעם וואָס פונהיינטן). „וואסער אָנגעשעפּט און באַגאָסן די שכיינים פון רעכטס און פון לינקס" (באוועגונג מיט ביידע הענט, צונויפגעלייגט ווי א הויפן, צוזאמען מיט קערפּער־באוועגונג).
געלויף, שפרינגען	„פון געטומל איז לעבן ברעג געוואָרן מוטנע דאָס וואסער. פרעש זיינען אפ ברעג ארויס, קוואָקען גענומען". (די קינדער מאכן נאָך די פרעש. שפרינגען אונטער צוגעזעצט, די הענט אפ די לענדן אָדער אָנגעלייגט זיך אפן דיל, אויב ער איז ניט ברודיק.) מיר שטעלן אויס די קינדער אין איין שערענגע. „אפ דאָרעם האָבן זיך געצויגן טשאַטעס פייגלען. ווער ווייסט, וויאזוי ס'פליען טשאטעסווייז זשוראוון, גענדז, ענטלעך"? (די קינדער שטעלן פּאָר נאָכאנאנד די אָנגערופענע פייגלען, מאכן טשאַטעס־פיגורן, און „פליען", לויפנדיק אזוי איבערן זאל און מאכנדיק מיט די הענט).
גאנג	„אָנגעקוקט זיך אפ די פייגלען, האָבן זיך די קינדער געלאָזט אהיים, שפּילנדיק זיך אין רויטארמייער. געשפּאנט גלייך טראָט אין טראָט: איינס, צוויי, די לינקע א. אז. וו." (אויסגעשטעלט זיך אפ גיין אין קרייז מיטן פּאָנעם צום צענטער פון קרייז).

6

לעסאָף נאָך וועגן א פּאָר פּאָרמעל־קאָמפּאָזיציאָנעלע מאָמענטן.

דערציילן דארף מען אפ א שפּראך, וואָס איז איינפאך און קלאָר, וואָס איז נאָענט דעם קינד, אָבער ניט „געקינדערשט". ניט איבערלאָדן מיט נייעם און שווערן לעקסיקאָן, וואָס די קינדער נעמען עס אָפּט גאנץ אנדערש אוף אָדער זיי נעמען עס קלאל ניט אוף.

און נאָך אָט וואָס.

סיי אין שעפערישן דערציילן, סיי בעייסן דערציילן לויט א גרייטן טעקסט דארף מען געדענקען אלעמאָל אין קאָמפּאָזיציאָנעלע מאָמענטן, וואָס ציען צו די קינדערשע אופמערקזאמקייט, רעגן זייער אינטערעס. דאָס איז באזונדער שייעך צו די יינגערע גרופּעס. די ענגלישע דערציילערן מיטשעל האלט שטארק פון דערנעענטערן זיך צום נוסעך פון דער „קליינווארג־ליטעראטור", פון שאפן פּאר

קינדער אינ קינדערשנ גוסט, זי זאמלט אונ דערלערנט קינדערשע שאפונגענ. אונ אימ־פּראָוויזאציעס, שאפט אינײנעמ מיט די קינדער א. אז. וו. דאָסזעלבע טוט אויכ שארעלמאנ, דער דערציילער, וואָס „דערלערנט די קינדערשע אויסדרוק־אויפאנימ, דעמ קינדערשנ אופנעמ אונ באנעמ, קעדיי צו האָבנ די מעגלעכקײַט צו ברויכנ עס בעשאסנ דערציילנ".

קינדער האלטנ, ווי באוווסט, פונ ריטמיש־קאָמוליאטיווע איבערכאזער־מאָטיוונ, פונ אנאפאָריש־עפּיפאָרישע עלעמענטנ ביכלאל. מיר טרעפנ עס אינ אזוינע זאכנ, ווי „ריבעלע", אונדזערע אמאָליקע „זיצנ, זיצנ זיבנ קינדער", א. א. עס ווייסנ דערפונ די מאָדערנע קינדער־קינסטלער—מיטשעלס „ליד פונ לאָקאָמאָטיוו" *), אשטייגער, מארשאקס „באגאזש" **), די כאדגאדישע פּאָרמ פונ קיפּניסעס „אנ עמעסע מײַסע" —„געווענ בא אוראָמענ צוויי טײַבעלעכ" ***), זײַנ „ט'ניט געהאט א ייִדעלע פונ וואָס צו לעבנ" א. א.

דאָס קינד, מעגלעכ, רוט דאָ אָפּ אפ דער באקאנטער איבערכאזערונג נאָכ א געוויסער פּסיכאָפיזישער אָנשטרענגונג. דאָס איז אויכ געוויס נייטיק פארנ קינדערשנ ריטמ־געפיל.

די קינדער איז נאָענט נאָכמאכ־מאָמענטנ, קלאנגענמאָלערישקײַט ביקלאל. ****)
די דיאלאָגישע רייד־פאָרמ איז דינאמישער אונ לעבעדיקער פאר זיי *****)
וויניקער באשרײַבונג אונ וואָס מערער האנדלונג.

קעדײַ אויכ צו אויספּרווונ אייניקע אינטראָדוקציע־מאָמענטנ, וואָס שטעלנ אָנ, רעגנ אָנ, ווי מיר טרעפנ עס, אשטייגער, בא מאני־לייבנ:

כ'האָב א מײַסעלע א שיינע
פאר די קינדער מײַנע קלײנע,
זײַט־זשע, קינדער, שטיל אונ שא—
ס'איז מײַנ מײַסעלע אזא.

———

זומער־לעב, זומער־לעב,ביימעלעכ גרינ,
ווינטער־לעב, ביימעלעכ ווײַסע . . .
אָט, קינדערלעכ, זעצט זיכ אוועק ארומ מיר.
כ'וועל אײַכ דערציילנ א מײַסע.

בא קוויטקאָנ:

ס'איז אנ עמעסע געשיכטע,
אונ דערציילנ איז קעדײַ,

*) פאראנ אפ ייִדיש אינ א באזונדער אויסגאבע, אינ זאמלונגענ.

**) פאראנ אפ ייִדיש אינ זאמלונג „וואָס דערציילנ פאר קינדער".

***) „מײַסעס אונ דערציילונגענ".

****) רײַכ אונ פארשיידנארטיק איז דערדאָזיקער מאָמענט אויסגענוצט בא מיטשעל, מארשאק, בא קוויטקאָ („רינג—אינ רינג"), קיפּניס (די אָקאָרשט דערמאנטע זאמלונג אונ אנדערע) א. א.

*****) זעט, אשטייגער, די ערשטע אינ די ווײַטערדיקע מײַסעלעכ פונ קיפּניסעס זאמלונג (אגעפ, מיר שאצנ דאָ ניט אָפּ די אָנגעוויזענע זאכנ אינ עצעמ, מיר מערקנ נאָר אָנ די געלונגענע קאָמפּאָזיציע־מאָמענטנ).

ווער ס'וויל נאָר — בלײַבט זי העונ;
ווער ס'וויל ניט — דער איז פרײַ („בערטשיק").

———

„קינדרע־קאפינדרע, איציק פיק,
כ'האָב א מײַסע גנ: נזיק."

בא פעפערנ:

יונגע, גרײַזע,
קליינ אונ גרויס,
הערט א מײַסע,
הערט מיכ אויס („צוויי טײַכלעכ").

VI. וועגנ טעכניק פונ מינדלעכע רייד

מיר ווילנ דאָ איצט בארירנ אייניקע פראגעס, וואָס זײַנענ שײַעכ צו טעכניק פונ מינדלעכע רייד אינ שול. אָפּשטעלנ וועלנ מיר זיכ אפ פאָנעטיש־אָרטאָעפּישע מאָמענטנ אונ אפ אייניקע וויכטיקערע פראָטימ פונ ארויסברענגענ אונ ארטיקולירנ.

---

1. פאָנעטיש־אָרטאָעפּישע מאָמענטנ אונ דיאלעקט

די פראגע פונ דיאלעקט אונ ארויסברענג פאר דער שול האָט מענ נאָכ בא אונדז ווייניק וואָס בארירט. אייגנטלעכ, האָט מענ די פראגע גענומענ בארירנ ערשט די גאָר לעצטע צײַט. אונ א פראָבלעמ איז דאָס גראָד זייער א וויכטיקע. זי פארנעמט שטארק די אלע, וואָס זיי קומט אויס פראקטיש האָבנ צו טאָנ מיט דער קולטור פונ וואָרט־ארויסברענג, זי אינטערעסירט די לערערשאפט צוליב א ריי וויכטיקע פעדאגאָגיש־מעטאָדישע מאָמענטנ. ס'קומט זיכ אויס אלעמאָל אָנצושטויסנ אפ דערדאָזיקער פראגע אפ לערער־קאָנפערענצנ, מעטאָד־סעמינארנ, אונ שטעלנ שטעלט מענ זי איבערהויפּט אינ שײַכעס מיט אנדערע מאָמענטנ: איוורע, אויסלייג, לייענענ אונ אנדערע. איז איצט קעדײַ צו קלאָר מאכנ דידאָזיקע פראגע, אפ וויפל דאָס איז שײַעכ צו דער שול.

אלגעמיינע שטעלונג „אָרטאָעפּיע" (רעכטארויסברענג) איז, אייגנטלעכ, א שפּאָגל־נײַער באגריפ אויכ פאר דער אלגעמיינער שול אונ פאר דער אלגעמיינער פראָגראמ־מעטאָדישער ליטעראטור. די אלטע שול, ווי באוווסט, האָט ביקלאל זיכ ניט שטארק אָפּגעגעבנ מיט די פראגעס פונ מינדלעכנ וואָרט, איז איר שוינ מעמיילע ניט אויסגעקומענ צו פארנעמענ זיכ ערנסט מיט דער פראגע פונ ארויסברענג, אויסשפראכ, דיאלעקט, — מיט אָרטאָעפּיע. די אלטע שול איז פארגלויבט געווענ אינ פיקסירטנ וואָרט, אי דאָס ניט אזוי אינ פראט פונ שריפטלעכער רייד־

אנטוויקלונג, ווי צוליב אויסלייג, צוליב סקרופולעזער גראפישער געניטקייט, וואָס האָט פאַריבנ די עמעסע שריפטלעכע, אונ איבערהויפט די מינדלעכע וואָרט־קולטור ביקלאל.

אינ דער נייסטער נאָכרעוואָליוציאָנערער פּראָגראם־מעטאָדישער ליטעראטור געפינענ מיר צום ערשטנ מאָל די אָנמערקונגענ וועגנ אָרטאָעפּיע אינ 1920 — 1921 יאָר אינ די פּראָגראמעס אפ שפּראַכ פאַר שולנ פאַר דער ערשטער שטופּע *).

בעייסנ שטעלנ די פּראגע פונ אָרטאָעפּיע לעגאבע רוסיש שטרעבט מענ אינ דער ערשטער ריי צוגעווינענ צום זיכערנ געדאנק, אז שריפט אונ רייד זיינענ בעיינ אויפנ ניט קיינ אדעקוואטישע דערשיינונגענ אונ אז ארויסברענגענ „ליטעראריש" הייסט קלאל ניט ארויסברענגענ אזוי, ווי סע שטייט געשריבנ אָדער געדרוקט. ארויסברענגענ לויט דער שריפט ברענגט דאָ, הייסט עס, זייער אָפט צו ארויסברענגענ אזוי, ווי קיינער ברענגט ניט ארויס אונ אזוי, ווי קיינער הערט ניט: кого (קאָגאָ), его (יעגאָ), чего (טשעגאָ) אונ פיל אנדערע ווערטער, וואָס מע ברענגט זיי ארויס קלאל ניט, ווי מע שרייבט זיי. מע שטרעבט דאָ אויכ אָפּצוגעווינענ פונ אייניקע ארויסברענג־מאָמענטנ, וואָס שטימענ ניט ניט מיט דער שריפט, ניט מיט די פּאר־שפּרייטסטע ארויסברענגענ, וואָס מיר האָבנ עס טיילווייז אינ אונדזער ליטוויש: דאָס צאָקענ (цоканье): цяс (час), דאָס טשאָקענ (чоканье): курича (курица) א. א., צי באטייט עס אָבער, אז מע דארפ פונ לעבאטכילע אָנ קעגנשטעלנ די „ליטעראַרישע" אויסשפּראַכ (די מאָסקווער—וועגנ דעם וויטער) דער לעבעדיקער קינדערשער ריידעניש? פארשטייט זיכ, אז ניינ. פּאָדערנ אזא זאכ, פארשטייט מענ דאָ גאנצ גוט, הייסט פּאָדערנ אזוינס, וואָס וועט סייווי ניט דערגרייכט ווערנ אינ ארומרינגלונג פונ לעבעדיקער מאסנ־ריידעניש, שוינ אָפּגערעדט דערפונ, וואָס ס'איז ביקלאל ניט קיינ „כיווו" צו פארדארבנ פונ אָנהייב אָנ א נאטירלעכע אויסשפּראַכ צוליב דער קלאל נאָכ ניט נאָרמירטער אונ סטאבילער „ליטעראַרישער" אויסשפּראַכ (ז. וויטער).

„. . . די שול וועט, פארשטייט זיכ, ניט שטעלנ זיכ די אופגאבע צו איבער־מאכנ דאָס „אָקענענ" אפ „אקענענ". אינ געגעבענעם פאל איז גענוג צו באגרענעצנ זיכ דערמיט, וואָס די קינדער זאָלנ וויסנ, אז ס'איז פאראנ אזא אונ אזא ריידעניש א. אז. וו." **).

„. . . אינ געגעבענעם פאל דארפ די שול באגרענעצנ איר אופגאבע אונ קעמפנ מיט פאלנ פונ גראָב פארדארבנ די פאָרמעס פונ ליטעראַרישנ לאָשנ, ווי цоканье, чоканье א. א. אָרטיקע דיאלעקטישע אייגנקייטנ פונ ארויסברענג. פארווישנ אָבער דידאָזיקע אייגנקייטנ פונ דער לעבעדיקער ריידעניש איז ניט נאָר ניט קיינ דאנקבארע, נאָר פאקטיש אויכ ניט קיינ מעגלעכע זאכ. אונ די אָרטאָעפּיע שטעלט זיכ קלאל ניט קיינ ציל צו ניוועלירנ די לעבעדיקע ריידענישנ פונ דער רוסישער שפּראַכ: זי האלט בלויז אונטער אונ פּראָפּאגאנדירט די לעבעדיקע טראדיציעס פונ דער הערשנדיקער ליטעראַרישער ריידעניש אינ העסקעם מיט פארשפּרייטנ איוורעדיקייט אונ ליטעראַרישע בילדונג" ***).

*) זעט, אשטייגער Программы семилетней единой трудовой школы. М. 1921. אָדער די פאָלקאָמבילדישע בראָשור Родной язык в школе I ст., М. 1920.

**) П. О. Афанасьев. Русский яз. в комплексной форме преподавания.

***) П. О. Афанасьев. Методика родного языка.

די געבראכטע ציטאטעס דריקנ אויס די הערשנדיקע מיינונג אינ דעמ פראט, האגאמ איר קענט זיכ אויכ אמאָל אָנשטויסנ אפ א פרווו צו שטעלנ די אָרטאָעפיע־פראָבלעמ אינ איר גאנצנ פארנעמ אויכ פאר דער שול *).

אויב קיינער שטרעבט ניט אזוי ארומ צו „גיוועלירנ די לעבעדיקע ריידענישנ" (ווײַל סײַווי איז עס ניט קיינ מעגלעכע אונ ניט קיינ נייטיקע זאכ), דערמאָנט מענ דאָ דאָכ פונדעסטוועגנ מעקויעכ „אונטערהאלטנ אונ פראָפאגאנדירנ די לעבעדיקע טראדיציעס פונ דער הערשנדיקער ליטעראַרישער ריידעניש". וואָס־זשע פּאָרט דארפ מענ דאָ צו הײַנטיקנ טאָג „אונטערהאלטנ אינ פראָפאגאנדירנ"? איז קעדײַ דאָ לעגאבע רוסיש אָנצווײַזנ אָט אפ וואָס:

1. די נאָרמירונג, „די ריינקײַט" פונ ארויסברענגענ לויט דער הערשנדיקער ריידעניש איז דאָ איבערהויפּט געווענ א פראגע פונ דער ראפינירטער וואָרט־קונסט, ניט פונעמ קולטור־אוילעמ ביקלאל. מיר האָבנ דאָ נישט געהאט קיינ דערשײַנונגענ אפנ פראנצויזישנ שטייגער, ווענ מע הערט טיילמאָל ניט אויס קיינ רעדנער, אויב זיי רעדנ ניט דאפקע לויט דער פאריזשער ריידעניש. אונ אויב אייניהײַטלעכקײַט פונ שריפט איז ניט נאָר העכסט וויכטיק צוליב ווײַטערער באציִונג אונ פארקער, נאָר אויכ מעגלעכ בא דער קליינער צאָל באדינגלעכע צייכנס, וואָס קענענ אופגענומענ ווערנ בא געוויסע אופציִונג־גאראנטיעס, אונ קיינ זאכ קומט דאָ ניט אויס צו ברעכנ אונ צו איבערמאכנ, — איז עס אינגאנצנ אנדערש באמ „קאָדעקסירנ" אונ אויסגלײַכנ די רײַכע מאסנדיקע אונ נאָענטע שאטירונגענ אונ ניואנסירונגענ פונ לעבעדיקע ריידענישנ פונ אוואָסער ניט איז איינ ריידעניש.

2. גאנצ קאָמפּליצירט איז דאָ אויכ די עצעמ־פראגע מעקויעכנ גרונט־דיאלעקט, וואָס פונ אימ דארפ מענ עס ארויסגיינ אונ וואָס אפ אימ דארפ מענ זיכ אָריִענטירנ. אָט איז שוינ, דוכט זיכ, מאָסקווער ריידעניש „געהייליקט" דורכ טראדיציע אונ דורכ טראדיציע טאקע פונ הערשנדיקנ קולטור־צענטער. נאָר קיינ ריידעניש איז דאָכ סאָפּ־קאָל־סאָפּ ניט קיינ איינמאָל פאר אלעמאָל אײַנגעשטעלטע אונ פארגליווערטע זאכ. הערנ מיר דאָ טאקע: „. . . אוואָסער ריידעניש זאָל מענ רעכענענ פאר ריכטיק? דער פארלאנג צו רעכענענ אלס אזעלכע די מאָסקווער ריידעניש איז ווײַט ניט קיינ באשטימטע זאכ, נאָכ מער דערפאר, וואָס פאר די לעצטע יאָרצענדליקער האָט זיכ די־דאָזיקע ריידעניש באטײַטנדיק געענדערט אונ זיכ ניט גענוג אויסגעפאָרמירט . . . " **) „די ריידשפראכ פונ א הײַנטצײַטיקנ מאָסקווער איז בונט אונ האָט א באטײַטיקנ אָפּנויג צו ארויסברענגענ לויט דער בוכ־שפראכ . . ." „. . . מיר דארפנ נאָכ שאפנ די נאָרמעס פונ ליטעראַרישער שפראכ אפנ שטייגער פונ דײַטשישנ Bühnendeutsch. אָנהייבנ דארפ מענ פונ פאָנעטיק. צו הײַנטיקנ טאָג האָבנ מיר נאָכ ניט קיינ אלגעמיינעמ העסקעמ: צו פארלאָזנ זיכ אפ מאָסקווער אויסשפראכ איז אינ אונדזערע

*) זעט וועגנ דעמ, אשטייגער, אינ ארטיקל פונ פראָפעסער אושאקאָוו Русская орфоэпия и ее задачи אינ זאמלונג Русская речь. דערזעלבער (מיט נאָכ צוויי אווטערס) האָט זיכ פארגונענ צו ברענגענ אָרטאָעפיע־קלאָלימ אונ אָרטאָעפּישנ וואָרט־מאטעריאל אינ א לערנביכל פאר די ערשטע צוויי גרופעס (Ушаков, Смирнова, Щепетова. Учебная книга по русск. яз. ч. I).

**) А. Ашенко: Живое слово. м. 1927. (Худож. отд. Главполитпр.)

טעג ניט איבערצײַגנדיק. די באַפעלקערונג אונ די שפראַכ פונ מאָסקווע האָבנ זיכ באַנײַט. אונ וואָס זאָל מענ פארשטיינ אונטער דער אלטער מאָסקווער אויסשפראַכ? ס'זײַנענ דאָ בײַ אונדז עטלעכע וויסנשאפטלעכע באַשרײַבונגענ פונ מאָסקווער („ליטעראַרישער") שפראַכ, שיידנ זיי זיכ היפּש אונטער אײנע פונ דער אנדערע", *) „. . . דער אווטער גופא מיינט ניט, אז די מאָסקווער אויסשפראַכ קענ אָנ שומ טײַנעס גערעכנט ווערנ פאר דער אלרוסישער אויסשפראַכ. Bühnendeutsch איז ניט עפּעס א וואָסער־ניט־איז אָרטיקער ארויסברענג, נאָר א געוויסע, עפּשער נעפּלדיקע נאָרמע, צו וועלכער עס שטרעבנ אלע דײַטשנ **). אויסגעפינענ דידאַקטישע נאָרמע פאר דער אלגעמיינער רוסישער שפראַכ — דאָס איז א וויכטיקע פראַקטישע, ווי אויכ א טיפ וויסנשאפטלעכע אויפגאַבע פאר דער רוסישער אָרטאָעפּיע . . ." ***)

פונ דעמ אלעמ איז קלאָר, ווי קאָמפּליצירט די פראַגע איז אפילע לעגאַבע רוסיש. דאָ איז נאָכ, אייגנטלעכ, די אָרטאָעפּיע־פראַגע ניט געלייזט אפילע פאר דער סצענע ****). הײַנט ווי פארוויקלט ווערט די פראַגע בענעגייע צו דער שול, ווענ מיר זאָלנ טאַקע האַלטנ, אז דאָס איז אנ אקטועלסטע פראָבלעמ פונ שול־לעבנ אונ אז מע מוז, הײַסט עס, גלײַכ זיכ פארנעמענ מיט אויפצײַענ דאָ א וואָסער־ניט־איז פראָעקטירטנ ארויס־ברענג, וואָס איז נאָכ אפילע פאר דער סצענע ניט אויסגעקלאָרט?

אוואָסערע געגעבענע האָבנ מיר נאָכ צו דערדאַזיקער פראַגע, אכוץ בײַ אונדז?

נאָכ דער באַקאנטער דײַטשישער פעדאַגאָג רודאָלף הילדעבראַנדט האָט בעשאַטווי אויפמערקזאַמ געמאַכט, אז „די דײַטשישע ליטעראַרישע שפראַכ טאָר ניט געלערנט ווערנ, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז דער הייפּעכ פונ דער פאָלק־שפראַכ, — מע דאַרפ זיכ פלײַסנ, אז פארנ טאַלמיד זאָל דאָס אויסוואַקסנ פונ די אָרטיקע רייד".

אונ זאַר די לעצטע יאָרנ מערקנ מיר אינ פארשיידענע לענדער די קלאָר־אויס־געשפּראָכענע טענדענצ אײַנצושטעלנ אינ שול, לעכאָלהאפּאָכעס אפּ דער אָנהייב־סטאַדיע, די שליטע פונעמ אָרטיקנ דיאַלעקט, פונ דער אייגענער קינדערשער ריידעניש. ס'גייט דאָ, כוץ אלעמענ, אינ קאַנטקענטעניש־מאָמענט, אונ די דײַטשישע פעדאַגאָגנ, אשטייגער, (הערד, קריג א. א.) האַלטנ דעמ אָרטיקנ דיאַלעקט פאר א וויכטיקנ אונ נאַטירלעכנ באַשטאַנד־טייל פונ דער גאַנצער ארבעט אפּ קאַנטקענטעניש, זענ גראָד אינ אימ אײַג די אייגנטלעכע שפּראַכלעכע פארקערפּערונג, וואָס פונ איר דאַרפ מענ ארויסגייג בײַ דער ארבעט אפּ קאַנטקענטעניש. די נײַסטע שול־פּראָגראַמעס אינ א ריי אייראָפּעישע לענדער רעקאָמענדירנ זיכ צו האַלטנ בײַמ אָרטיקנ דיאַלעקט. מיר טרעפנ שוינ דאָ אָנ טעקסטנ אונ פארשיידענערליי הילפמאַטעריאַלנ פאר דער שול אפּ דער אָרטיקער ריידעניש *****). עמעס, דער אונטערשייד צווישנ אָרטיקנ

---

*) проф. Миртов. Культура речи в школах взрослых.
(אינ זאמלונג Вопросы преподавания русск. яз. в школах взрослых).

**) אגעפּ, האָט ניט דײַטשלאַנד, ביקלאַל גענומענ, קיינ אייגהײַטלעכע אלגעמיינע „ליטעראַרישע" אויסשפראַכ (לויט דער גוויעס-איידעס פונ פראָפ. ברוינ א. א. וו.)

***) פונ דער רעדאַקציע־באַמערקונג צומ דערמאָנטנ ארטיקל אושאַקאָווס אינ זאמלונג Русская речь

****) לויט דער איניציאַטיוו פונ ד. נ. אושאַקאָוו איז בײַ דער מאָסקווער אקעדעמיע פונ קונסטוויסנ־שאַפטנ געפּלאַנט געוועג אנ אלרוסישע קאָנפערענצ אפּ אײַנצושטעלנ א סצענישנ ארויסברענג.

*****) זעט וועגנ דעמ, אשטייגער, בײַמ פראָפ. קאָגאַראָוו Современное педагогичеткое движение в Зап. Европ. и Америке. М. 1928 (דאָס קאַפיטל Родной язык)

דיאלעקט און ליטעראַרישער לשון איז דאָ אָפּטמאָל אַ גאַנץ גרויסער, אָבער פּרינצי־פּיעל גענומען איז עס קיין נאָפּקעמינע ניט אויך בענעגייע צו אַן אָרטיקער ריידעניש מיט ניט אַזוינע גרויסע אונטערשיידן.

די פּראָבלעם פון „ליטעראַרישן" דיאַלעקט אין יידיש

אַנומלט איז מיר שוין אויסגעקומען צו זאָגן וועגן דעם איינציקן ווערטער *). דעמאָלט נאָך איז אויסגעקומען ערנסט צו פאַרטראַכטן זיך ניט אַזוי אף דעם איינער־אָרטאָעפּיע אין זיין גאַנצן פאַרנעם, ווי אף דער דערשיינונג, וואָס „באַם לערנען יידיש פאַרגעוויינט מען אונדזערע ניט־ליטווישע קינדער צו דער ליטווישער אויססשפּראַך... און ווי מעשונעדיק און גאָכגעקרימט איז אַזאַ מין ליטוויש, משטיינס געזאָגט". באַ אַן אַנדער געלעגנהייט (מעקויעכ איוורע) **) איז מיר ניט לאַנג אויסגעקומען צו אָנווייזן דערויף, אַז „די קינדער, וואָס רעדן ניט קיין ליטוויש, קענען מיר ניט פאַרגרינגערן דערמיט, וואָס מיר וועלן זיי נויטן צו הערן אַזוי, ווי זיי הערן גיט און צו אַרויסברענגען אַזוי, ווי זיי ברענגען ניט אַרויס... עס איז אַ בעפּיירעשע „גע־זיירע" צו נויטן די קינדער און נאָך אף דער האַסכאָלע־סטאַדיע דערצו צו ברעכן זיך, אָנווענדנדיק אומנאַטירלעכע אָנשטרענגונגען צו אַרויסברענגען קינסטלעכע און ניט אף קיין געוויינלעכן אויפן..."

נאָר ווי ס'ווייזט אויס, וועט מען נאָך דאַרפן איבערכאַזערן אָט די פּאָשעטע עמעסן, ווייל אָט לייענען מיר דאָך אין אַן אָפיציעלער אויסגאַבע, אַז „ס'איז געווונטשן צו פאַר־בינדן דאָס אויסדרוקפולע לייענען מיט לייענען לויטן ליטעראַרישן אויסשפּראַך..." ***).

און אָט האַלט אויך דער כ. זאַרעצקי אפילע בענעגייע דעם יינגסטן שול־עלטער, אַז „יעדערער, וואָס מאַכט דורך אַ שול, דאַרף קענען לייענען און רעדן לויט דער שריפט ****), אַז „די קינדער דאַרפן לייענען לויט דער שריפט, בלייבנדיק אין ריידן באַם אייגענעם דיאַלעקט..." ****) נאָר פאַר אונדז איז קלאָר, אַז אַזאַ מין אַרט לייענען ניט ווי מע רעדט שטויסט צו אַ שרעקלעכן אַרויסברענג־מישמאַש, צו געקינצלטקייט און געבראָכנקייט פון וואָרט, וואָס קיין זאַך קען עס ניט באַרעכ־טיקן. און גאָרניט פאַרשטענדלעך איז עס נאָך דאַן, ווען מע האַלט בעפּירעש, אַז „אָרטאָעפּיע שפּילט אין שול אַ קנאַפּערע ראָל, ווי אָרטאָגראַפּיע, אי ווייל זי איז וויניקער נייטיק אין לעבן, אי ווייל זי איז נאָך פאַר יידיש וויניק אויסגעאַרבעט" ****).

איז וואָס איז שייעך צום גאַנצן איינער־אָרטאָעפּיע באַ אונדז, דאַרף מען צו היינ־טיקן טאָג איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטשטעלן אָט וואָס:

1) „ליטוויש" איז נאָך באַ אונדז ניט די איינציקע, די „עמעסע" אויס־שפּראַך, די „ליטעראַרישע" ריידעניש, וואָס מוז ניט אַנדערש ווי גילטיק זיין פאַר

---

*) שול און לעבן, 1919, 2 — 3, קיעוו, „עטוואָס וועגן אויסשפּראַך".

**) מיין „מעטאָדיק פון שפּראַך און ליטעראַטור אין שול" I טייל ז. 51.

***) פּראָגראַמעס פאַרן צווייטן קאָנצענטער, ז. 211. דידאַקטיק פּראָגראַם איז מיר אויסגעקומען בעשאַטוי אופצושטעלן, און די הויסאָפּע איז פאַר מיר דאַן געווען אַן אומגעריכט נייס.

****) א. זאַרעצקי. פּראָגראַם פון יידיש פאַר דער ערשטער שטופּע. „אף די וועגן צו דער נייער שול", 1, 1928.

אונדזער „גאַנצער קולטור־ארבעט" *). האלטנ אזוי — הייסט קולטיווירנ א זאכ, וואָס קיינער האָט נאָכ עס מיט דעמ נייטיקנ ערנסט און מיט דער געהעריקער פאראנטוואָרטלעכקייט ניט פעסטגעשטעלט און ניט באשטעטיקט, און אינ פּראקטישנ געברויכ, איבערהויפּט אינ שול, איז עס דאָסזעלבע, ווי אריינפירנ א צווייטע ריידשפּראכ אנקעגנ די אייגענע לעבעדיקע רייד און אראָפּזעצנ דעמ נאטירלעכנ אָרגאנישנ וואָרטארויסבערענג. שוינ אָפּגערעדט דערפונ, אז „ליטוויש" איז נאָכ אויכ ניט קיינ גענוג אויסגעקלאָרטע קאטעגאָריע, אז וועגנ די ווייַסרוסיש־ליטווישע ריידענישנ ביקלאל קענ מענ זאָגנ דאָסזעלבע, וואָס לאָזט זיכ פעסטשטעלנ וועגנ מינסקער אויסשפּראכ, אשטייגער: „די נאטירלעכע מינסקער אויסשפּראכ איז דאָ אויסגעמישט מיט די אויסשפּראכנ פונ אנדערע געגנטנ, — אדאנק דעמ ווערנ די שארפע ווינקלענ פונ דער אָרטיקער אויסשפּראכ אָפּגעריבנ" **).

2) די אָרטאָעפּיע־פּראגע, די פּראָבלעמ פונ אנ אייַנהייטלעכער יידישער אויסשפּראכ איז איבערהויפּט אקטועל פאר אונדזער בינע, פארנ ראפינירטנ קינסטלערישנ וואָרט, אָבער ניט פאר דער מאסנ־שול און פארנ מאסנדיקנ קולטור־לעבנ ביקלאל. ***) וועג די אָרטאָעפּיע וועט בא אונדז וועג עס איז אפילע געלייזט ווערנ (און מיר האָבנ דאָ גענוג נאָכ וואָס צו דערלערנעג און אויסקלאָרנ פאר אונדזער קומענדיק „בינע־יידיש", וואָס וועט זייַנ א סינטעז פונ אלע אונדזערע ריידענישנ), וועט אוממעגלעכ זייַנ צו „דערגרייכנ, אז אלע יידנ, אפילע בלויז אלע, וואָס ענדיקנ א שול, זאָלנ רעדנ אלציינס אינ דער נאָענטער צוקונפט" ****) (און אפילע ניט אינ דער נאָענטער צוקונפט. א. ס.).

דאָסזעלביקע אפילע בענעגייע שארפע פּראָווינציאליזמענ. מיר דארפנ זיכ דאָ נאָכ צונויפרעדנ, פיל זאכנ דערלערנענ, פעסטשטעלנ און ניט גלייַכ פאסקענענ, וואָס מע דארפ דאָ לאָזנ, וואָס מע דארפ דאָ באקעמפנ.

מיר האלטנ דאָכ פאר נייטיק צו פארצייכענענ דאָ די וויכטיקערע מאָמענטנ און האנאָכעס, וואָס מערקנ זיכ דאָ אָנ די לעצטע צייַט בענעגייע אָרטאָעפּיע ביקלאל און אינ א געוויסער מאָס אויכ פאר דער שול. בענעגייע צו דער שול איז דאָ צו זענ,

*) מ. רובינשטיינ, דראמקרייַז (קאפּיטל „אויסשפּראכ"): „בא אונדז אינ טעאטער (ווי אינ דער גאנצער קולטור־ארבעט) איז אָנגענומענ דער ליטווישער דיאלעקט".

**) מ. וועגנער. וועגנ יידישע דיאלעקטנ. צייַטשריפט 1.

***) אינ אנ ארטיקל „וועגנ יידישער אָרטאָעפּיע" („יידישע שפּראכ" 3 און 5 — 4, 1929) פרעגט כ. זארעצקי אָפּ: „וואָס טוט מענ אָבער, אז די שול וויל געבנ דעמ שילער „דאָס ראפינירטע קינסטלערישע וואָרט? (ספּיוואק אליינ איז, ווי ווייַט מיר איז באקאנט, א הייסער כאָסיד פונ וואָרטקונסט אינ שול). דאָ מוז שוינ די שול געבנ אזא שטרענגע, מאקסימאלע אָרטאָעפּיע, ווי דער טעאטער". מיט ראפינירטנ קינסטלערישנ וואָרט מיינ איכ דערהויפּט די פייַנע קינסטלערישע פּאָניק, די אייַנהייטלעכ־קאָלעקטיווע אנסאמבלישקייַט, די איידעלע שפּיל מיט וואָרט און קלאנג. מע קענ זייַנ א כאָסיד פונ וואָרטקונסט אינ שול און ניט האלטנ, אז די שול האָט שוינ מער ניט וואָס צו טאָנ און קענ עס אויכ אויספירנ צו פארמעסטנ זיכ ניט אנדערש ווי אפּנ טעאטראלנ קונסטוואָרט (וואָס איז נאָכ אינ טעאטער אויכ א פּראָבלעמ). „קונסטוואָרט" אינ שול קלינגט אויכ שיינ און נאטירלעכ אפּנ אייגענעמ דיאלעקט, אויב מע לייגט פיל ניט־איז אכט אפּ קלאָרע דיקציע, אפּ בוילעטנ ארטיקולירנ און אינטאָנירנ (זעט ווייַטער), וואָס אומזיסט מיינט כ. זארעצקי, אז ס'האָט מיט אָרטאָעפּיע ניט צו טאָנ.

****) אינ דער פריער אָנגעוויזענער פּראָגראמ פונ א. זארעצקי.

עמעס, א געוויסע פאָרזיכטיקייַט, אָבער די פאָרזיכטיקייַט איז ניט אויסגעהאלטנ אונ קענ ווייניק געבנ אינ פראקטישנ פראט.

אָט האלט כ. זארעצקי *), אז „מע דארפ אונטערשיידנ צוויי „גראדנ" אָרטאָעפּיע. אָרטאָעפּיע 1 גראד (מינימאלע) איז אָבליגאטאָריש אי פארנ לייענענ, אי פארנ רעדנ; אָרטאָעפּיע 2 גראד (מאקסימאלע) איז אָבליגאטאָריש פארנ לייענענ, דעקלאמירנ, דיקטירנ אדג., אָבער ניט פארנ טאָגטעגלעכנ ריידנ. אָרטאָעפּיע 1 גראד קומט צו נאָרמאליזירנ בלויז שארפערע (ענגערע) פראָווינציאליזמענ **), אָרטאָעפּיע 2 גראד פארנעמט זיכ מיט נאָרמאליזירנ ברייטערע דיאלעקטישע דערשייַנונגענ אויכ" ***).

דערווידערט דאָ כ' א. ר. צווייַג ****) אונ מיט רעכט — „צי איז דאָס פראקטיש", אונ בעעמעס, פארוואָס איז לייַכטער גיוועלי צו זייַנ אינ אָדעס, אשטייגער, די אויסשפראַכ אָ אָנשטאָט א (טאָטע, מאָמע, — לויט כ. זארעצקי — 1־טער גראד), ווי אינ וויטעפּסק יי (ej) אנשטאָט וי (oj) (לייפנ, קייפנ, לויט כ'זארעצקינ — 2־גראד)? כ' צווייַג ווייסט אויכ פונ דעמ, אז „מע דארפ ניט מישנ די אָרטאָעפּישע פּראָבלעמ ביקלאל מיט דער אָרטאָעפּישער פּראָבלעמ אינ שול", נאָר לאָזנ לאָזט ער אויס, אז „ווי מיר זאָלנ זיי (די מעטאָדיש־פעדאגאָגישע פראגעס אינ דעמ פראט בענעגייע דער שול. א. ס.) ניט פארענטפערנ, דארפ די לערערשאפט, אינ איר אייגענעמ געברויכ אונ פארקער, ווי אויכ אינ פארקער מיט די קינדער (מייַנ קורסיוו. א. ס.), אָנהייבנ צומ נוצנ די ליטערארישע אויסשפראכ".

איכ מיינ, אז ס'איז אינ קיינ פראט ניט אקטועל שוינ צו הייַנטיקנ טאָג צו אָריענטירנ די שול אפ „מאקסימאלע" צי „מינימאלע" האנאָכעס, וואָס ווערנ אָנגעגעבנ אינ די אויבנדערמאָנטע ארטיקלענ *****). מע דארפ זיכ נאָכ צונויפרעדנ, אונ ביז עפעס וואָס דערווייַל ניט פארגעסנ, אז אינ שול „דארפ דער לערער באקענט זייַנ מיט דער אָרטיקער ריידעניש, מיט אירע קלאנגלעכע אונ מאָרפאָלאָגישע אייגנקייַטנ, מיט די אָרטיקע ווערטער. בלויז אָט די אָרטיקע ריידעניש הערנ דאָכ די קינדער ביז זיי קומענ אָנ אינ שול אריַינ, בלויז אָט די ריידעניש וועלנ זיי הערנ ארומ זיכ אינדעהיימ, אינ שול־פעריאָד אונ אפנ גאנצנ ווייַטערדיקנ לעבנ, אויב זיי וועלנ בלייַבנ אינ זייער אָרט. מיט אָט דער ריידעניש אונ מיט איר ווירקונג דארפ זיכ דער לערער רעכענענ אינ מעשעכ פונ זייַנ גאנצער ארבעט אינ שול... מע דארפ צוגיינ צו אָט דעמ איניענ וויסנשאפטלעכ, מע מוז, הייסט עס, פריער פאר אלצ אָנערקענענ דעמ עצעמ פאקט פונ דער אָרטיקער ריידעניש מיט אלע אירע אייגנקייַטנ, ווי א נאטירלעכע דערשייַנונג, וואָס אנטשפרעכט די אנטוויקלונג־געזעצנ אונ לעבנ פונ דער שפראכ.

---

*) א. זארעצקי. וועגנ אָרטאָעפּיע אינ שול. „אפ די וועגנ צו דער נייַער שול", נומער — 2, 1928.

**) ניט פארבייַטנ א אפ אָ (טאָטע), יכ, ור אפ עכ, ער (לעכט, קערצ), ניט פלאָנטערנ די ציש־קלאנגענ (סוסטער, זשיבעטשיק) א. אז. וו.

***) לייענענ לויט דער שריפט אינ די פאלנ אָ — ו (זאָגנ), ו — י (קומ), וי — יי לויפנ א. אז. וו.

****) א. ר. צווייַג. מאטעריאלנ פאר א סיסטעמ יידישע אָרטאָעפּיע „די יידישע שפראכ" 2 (15), 1929.

*****) מע דארפ דאָ אויכ פארצייכענענ דעמ קאפיטל „אויסשפראכ" פונ מ. רובינשטיינס ביכל „דראמקרייַזנ", האגאמ דאָ ווערט בלויז געמיינט טעאטראלע פראקטיק.

„מע טאָר ניט דערלאָזן קיינע כויזעקן און קיינע פאַראַכט־אָפּרופן וועגן דער „גראָב־קייט", „אומגעלומפּערטקייט" אָדער „פאַרדאַרבונגענע" פון ריכטיקע רייד דורך דער אָרטיקער ריידעניש. יעדע ריידעניש איז ריכטיק און געזעצלעך, ניט מער זי שיידט זיך אונטער פון דער ריידעניש, וואָס איז צוליב די אָדער אַנדערע היסטאָרישע סיבעס געוואָרן די ריידעניש פון דעם מער קולטורעלן טייל פאָלק..." *) אָבער, ווי איך האָב שוין פריִער דערוויזן, איז דידאַזיקע „ריידעניש פון דעם מער קולטורעלן טייל פאָלק" נאָך א פּראָבלעם און ניט נאָר בענעגייע צו יידיש.

איך וויל דאָ איצט אופמערקזאַם מאַכן אפ א ריי אָרטאָעפּיש־פאָנעטישע מאָמענטן, וואָס אפ זיי מוז די שול אַכט לייגן.

1) דער דראַנג צו „ליטוויש" ברענגט אָפטמאָל אין דער שול, ווו מע רעדט ניט קיין ליטוויש, צו אומדערלאָזלעכע פאַרקריפּלונגען, און מע בעסערט דאָ ניט אויס (אָפטמאָל איז דער לערער אליין געכאַפּט דערופּ) אזוינע אַרויסברענגען ווי: געקונצלט, געוווקסן, (געוויקסן,) פאַרקורצן, פונקטלעך, יונגער (ייִנגער), טרוקעניש (טריקעניש), כ'גרוס (כ'גריס) און זייער פיל ענלעכע **). ווייסן דאָך אונדזערע פּראַקטיקער־לערער אויך וועגן דעם, אז „ס'טרעפט אָפּט, אז דער לערער פאָדערט ניט, דאָס קינד זאָל רעדן ליטוויש, הייבן אָן אייניקע קינדער צו סטאַרען זיך רעדן מיט דער דרוקשפּראַך, און מע דערהערט פּלוצים פון זיי מאמעש אומגעלומפּערטע פאַרקריפּלונגען: קינד — קונד, בינ — בונ, טיש — טוש. אויב דער לערער וועט נאָך דערצו פאָדערן, אז זיי זאָלן רעדן ליטעראַריש, דאַן וועט די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט ווערן — ס'וועט ברענגען צו אזא פלאָנטער, אז ס'וועט שווער זיין צו באַפרייען זיך פון אים" ***).

2) אָפּגעוווינען (אין געוויסע דאָרעם־פונקטן) צו אַרויסברענגען דעם „ה" אין אזוינע פאַלן, ווי („האַרבעט") אַרבעט, „היוורע" (איוורע), („פאַרהייניקן") פאַרייניקן „האָבער" (ווען „אָבער"), „האָפּגעגעבן" א. אז. וו.

3) אָפּגעוווינען אַרויסצוברענגען בוימער, פויגעלע, אויפ און אַנדערע קימאַט ניט־בענימצעדיקע אַרויסברענגען.

4) געוווינען צו דיפערענצירן גלויבן — גלייבן (פאַר די וואָס רעדן מיט „וי") בויגן — בייגן, הויך — הייך, גרויס — גרייס, ליידן — לײַדן א. א.

5) אָפּגעוווינען פון ניט־ייִדישע באַווירקונגען — גיגיענע, לאַהער (לאַגער), גאַרדי־זאָנט, אַבסטראַגירן, מאָמיענט א. א. ****)

*) Программы и метод. записки единой трудовой школы вып. II. Методич. зап. по русск. яз

**) די געבראַכטע ביישפּילן סײַ דאָ, סײַ ווײַטער זײַנען גענומען „פון לעבן".

***) וואָלדאַרסקי, „ראַטנבילדונג".

****) אין זײַן פריִער דערמאָנטן אַרטיקל „וועגן ייִדישער אָרטאָעפּיִע" דערווידערט כ' זאַרעצקי ...„ספּיוואַק פאָדערט מע זאָל געוויינען די שילער דיפערענצירן גלויבן־גלייבן, גרויס־גרייס א. א. מע זאָל אָפּגעוווינען די שילער פון די אויסשפּראַכן „אָפּהייניק, באַלטן, אינדרייִם (אָפּהענגיק, באַהאַלטן, אינ־דערהיים, — זעט ווײַטער), פון „קאָמפּליעצירט", „עקספּרעמענט" (זעט ווײַטער), פון „גיגיענע" „מאָ־מיענט" א. א. ד. ה. ער פאָדערט א מינימאַלע אָרטאָעפּיִע. וואָלט דער כ' זאַרעצקי ניט געהאַלטן, אז „ספּיוואַק איז ניט גערעכט, ווען ער וויל אין אָרטאָעפּיִע אײַנשליסן די פראַגע פון קלאָרע דיקציע, פון בוילעטן אַרטיקולירן", וואָלט פאַר אים קלאָר געווען, וואָס איך שליס אײַן א פאָר אַרויס־ברענג־מאָמענטן צוליב קלאָרקייט פון וואָרט־באַטײַט, צוליב נאַטירלעכע ייִדישן אַרטיקולירן ביקלאַל, אויב כ' זאַרעצקי וויל דאַפקע, אז דאָס זאָל אויך הייסן פאָדערן „א מינימאַלע אָרטאָעפּיִע", איז זאָל זײַן אזוי.

6) אָפּגעווויִנעג פונ אזוינע פּראָווינציאַליזמענ־ארויסברענגענ, וואָס זײַנענ שטארק דערווײַטערט פונ דער שריפט אונ וואָס פארטונקלענ אָפטמאָל דעמ עמעסנ באטײַט פונעמ וואָרט: קאריק (צוריק), סעמ (שוינ), א. א.

7) דערלאָזנ ארויסצוברענגענ פאראלעלע פאָרמעס: דערמאנענ — דערמאָנענ, אָטעמענ — עטעמענ, קענענ — קאָנענ, טונ — טאָנ, יאָ — יע, געבוירנ—געבאָרנ, געשריִענ — געשריגנ, שעלטנ, — שילטנ, קלאפּנ — קלאָפּנ, בלאָנדזענ — בלאָנדזשענ, לעבנ — לעמ, רינג — רונג א. א.

8) מאָמענטנ פונ אקצענט:

א) ווענ מע אקצענטירט ניט ריכטיק: אָבליגאַטאָריש, פאראנטוואָרטלעכ, לעקטאָרנ, באלאגערנ (אזוי האָט מיכ א לערערנ געפרעגט: „וואָס הייסט דאָס בא אײַכ אינ ביכל—באלאגערנ"?), שאָפער, פּאַרטער, קלימאַט, באראָמעטער, מאַרטי (זאוואָד), לאנדווירטשאפט, צוועקמעסיק, בוכשטעבלעכ, אויסלענדישע א. א.

ב) דער אקצענט בײַט דעמ באטײַט: פאַר זיכ (א מענטש פ א ר זיכ)—פאר זיכ (צוליב זיכ), פאַר אימ — פאר אימ, אָנ מיר — אָנ מיר (ווענדט זיכ עס), פאַר דעמ — פאר דעמ, נאָכ מער — נאָכ מער, אינטערעס, („גאָרניט" איז אויכ אנ אינטערעס) — אינטערעס, יעניקע — יעניקע, קאפּעלע — קאפּעלע.

ג) דערלאָזנ פאראלעל־אקצענטירונג אינ אזוינע פאלנ, ווי דאָקומענט — דאָקומענט, אינסטרומענט—אינסטרומענט, אגענט—אגענט, קאטאלאָג—קאטאלאָג, צעמענט—צעמענט, פּרינציפּ — פּרינציפּ, אדײַעמ — אדאיאָמ, אָנדערהאלבנ — אָנדערהאלבנ, דעסגלײַכנ — דעסגלײַכנ, פּאָדלאָגע — פּאָדלאָגע, הומאָר — הומאָר א. א.

אויסשפּראכ אונ אויסלייג

די פראגע פונ אויסלייג פאָדערט, געוויינטלעכ, א ספּעציִעלע אָפּהאנדלונג. דאָ באריר איכ עס נאָר אגעפּ, אינ העסקעמ מיט דער אָרטאָעפּיע־פּראָבלעמ.

בענגעייע צו רוסיש, ווייסנ מיר, שטייט די פראגע אזוי, אז ביקלאל גענומענ קענ מענ ניט לייענענ אזוי, ווי ס׳שטייט געשריבנ אָדער געדרוקט. דאָ ווערט קלאָר אויסגעדריקט די באקאנטע שפּראכ־וויסנשאפטלעכע האנאָכע, אז שריפט אונ רייד זײַנענ צווייערליי דערשײַנונגענ, אז ס׳איז פאראנ א בעפּיירעשער כילעק צווישנ קלאנגלעכ־אקוסטישנ אונ גראפיש־אָפּטישנ שפּראכ־אויסדרוק. אינ יִדיש, ווי אינ א מער פאָנעטישער שפּראכ, איז דער כילעק ניט אזוי בולעט אונ אויסגעשפּראָכנ. עמעס איז אויכ, אז „ליטוויש" פארשאפט ווײניקער שווערִיקײַטנ באמ פארייגענענ דעמ אויסלייג, האגאמ פארגרינגערנ פארגרינגערט עס, אייגנטלעכ, די ליטוויש־רעדנדיקע, פלאָנטערנדיק די יעניקע, וואָס רעדנ ניט קיינ ליטוויש. אויסלייג־שווערִיקײַטנ וועלנ אלעמאָל זײַנ, ווײַל קיינע ג ע צ י י ל ט ע באדינגלעכע צייכנס קענענ ניט איבערגעבנ די פ א ר ש י י ד ע נ ע ר ל י י קלאנגלעכע קאטעגאָריעס.

געוויינענ זיכ אויסצולייגנ ריכטיק איז א דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס דארפ זיכ האלטנ אפּ א ריכטיקער אונ בעהאדראָגיקער סיסטעמ פונ אופציִענ די אָרטאָגראפישע איוורעדיקײַט אלס באדינג־רעפלעקס. צי וועט זיכ דידאָזיקע סיסטעמ האלטנ בלויז אפּ די לײַ־ (בא אונדז—טאָמסאָנ־) האנאָכעס, אפּ מנעמאָ־אוטאָמאטישע מאָמענטנ,

צי וועט זי זיכ שטיצנ אפ דעמ ראציאָנעל־אָנשטויסנדיקנ לויט די האנאָכעס פונ דער פראנצויזישער עקספערימענטאלער שול (דר. סימאָנ *), אלעמאָל וועלנ מיר דאָ מוזנ האָבנ בעדייע א וויכטיק פארטראכטע אונ מעטאָדיש־געוואָרנטע סיסטעמ פונ דיי־צונגענ אונ געניטונגענ, וואָס מוזנ אינ אכט נעמענ די שײַכעסדיקײַט צווישנ די זע־אינ האנט־מאָטאָרישע מאָמענטנ אונ די געוויינשאפט צו שרײַבנ ניט אזוי, ווי מע ברענגט ארויס.

די פראקטיק צו פארלערנענ „ליטוויש” („לויט דער שריפט”, הייסט עס) הייבט מענ בא אונדז אָנ נאָכ אינ איוורע־פעריאָד. מע ווײַזט דאָ אלעמאָל ארויס דעמ אלטנ קלאנגענ־צוגאנג, האגאמ רעדנ רעדט מענ פונ וואָרט־מעטאָד. אָט דאָ, אינ סאמע אָנהייב נאָכ, הייבט מענ אָנ צו קריפלענ אונ פארדארבנ דאָס נאטירלעכע קינדערשע וואָרט צוליב דער שריפט, צוליבנ אָס, צוליבנ אויסלייג, אָט דעמ „מולך” (זשיטאָמירסקי) פונ דער אלטער שול.

ווענ עס קומט נאָר אויס צו אופמישנ די פראגע, דערווידערנ די לערער אונ „טרייסטנ” דערנאָכ פונדעסטוועגנ:

— לאָזנ זיכ די קינדער נאָר אויסלערנענ ווי ס'ניט אינ לייענענ,—גייענ זיי גלײַכ אריבער צו זייעריקנ.

אז די קינדער זײַנענ נויטע „גלײַכ אריבער צו זייעריקנ” (אויב די לערער שטערנ דאָ ניט צוליב די „העכערע” צילנ פונ אויסלייג אונ פאלש פארשטאנענער „ליטערארישער” אויסשפראכ לעגאבע דער שול) — דאָס אוואדע. ס'איז אָבער אויכ ניט דערלאָזלעכ צו פאטערנ אונ צו ברעכנ די קינדערשע רייד, אונ נאָכ אפ דער האסכאָלע־סטאדיע זיי נויטנ ארויסצוברענגענ קינסטלעכ, האגאמ מיר פארגעסנ ניט אינ די שוועריקײַטנ אונ מיר מערקנ אָנ דערצו א ריי מעטאָדיש־לינגוויסטישע וואָרענונג־מאָמענטנ **).

אונ וואָס איז שײַעכ צו דיאלעקט־דערלערנונגענ אינ שול ביקלאל, דארפ מענ דאָ צוגעבנ אָט וואָס. אכטגעבנ אפ דיאלעקט אונ אפ פאָנעטישע דער : נגענ קענ מענ, מיינ איכ, אָנהייבנדיק פונ דער דריטער גרופע אנערעכ. ס'פאסט ·׳כ דאָ מיט דער טעמע „אונדזער וויני־אָרט”, אונ מע גיט עס עלעמענטאר, צוגענגלעכ אפנ סמאכ פונ דער אייגענער ריידעניש. ס'איז אפ קיינ פאל ניט קיינ „קורס” פונ דיאלעקטאָלאָגיע, ס'איז נאָר א וויכטיקער קאנטקענטעניש־מאָמענט (זע ווײַטער), וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר די צוגענגלעכע מאָמענטנ פונ אָרטיקער (פארגלײַכנ אויכ מיט ניט אָרטיקער) לעקסיק אונ וואָרט־פאָרמ, ווי אויכ מעמיילע שוינ די פאָנעטיש־דיאלעקטישע דערשײַנונגענ פונ אָרטיקנ כאראקטער, פארגלײַכנ מיט דעמ ניט אָרטיקנ. די געניטונגענ וועלנ דאָ איבערהויפט באַשטיינ אינ דער ארבעט אפ קעגנשטעל־טעקסטנ, אינ אופשטעלנ פראזעס לויטנ פאראנענעמ וואָרט־מאטעריאל אונ ארויסשרײַבנ „לויט רובריקעס” די דיאלעקטישע ארויסברענגענ, ווי איכ האָב עס אנומלט געפרווט זיכ טונ אינ מײַנ „יידישער שפראכ”, 1 (3־טער אָפטייל) ·נ ווי מיר פירנ דאָס איצט ארײַנ

*) צו דערדאָזיקער פראגע וועלנ מיר זיכ נאָכ אומקערנ אינ א ספעציעלער ארבעט.

**) זע מײַנ „מעטאָדיק פונ שפראכ אונ ליטעראטור אינ שול” 1 ט.

אינ אונדזערע נייַע ארבעטביכער אפּ שפּראכ (זארעצקי — „שפּראכ”, מייַנ — „אונדזער וואָרט”).

אונ וועלנ מיר אייַנגעטראכט אונ סיסטעמאטיש פירנ אזא ארבעט, אונ וועלנ מיר נאָכ אויסמייַדנ מיט דער צייַט א ריי הארבע מעניעס אינ דעם פּראט (אויספּעל פונ אָרטאָגראפישע ווערטערביכלעכ, אלגעמיינע אונ מעטאָדישע ניט־צוגעגרייטקייַט פונ א טייל לערערשאפט) — וועלנ מיר פארשפּאָרנ צו זוכנ אלס א סיבע פונ אָרטאָגראפישער ניט־איוורעדיקייַט אויכ דעם דיאלעקט־מאָמענט, אונ דאָס זאָל אונדז שוינ ניט שטויסנ צו פארדארבנ די נאטירלעכע קינדערשע רייד.

2. אייניקע וויכטיקערע פּראָטימ פונ ארויסברענגענ אונ ארטיקולירנ

אָרטאָעפּיע איז ניט בלויז קיינ פראגע פונ דיאלעקט. אָרטאָעפּיע מיינט דעם ארויסברענג ביקלאל אינ ברייטערנ אונ פייַנערנ זינענ פונעמ וואָרט. אונ גראָד אָט די פּראגע וועגנ ארויסברענג ביקלאל, וועגנ העלנ, אויסדריקלעכנ ארויסברענג דאפקע אפּ א נאטירלעכער אייגענער ריידעניש דארפ אונדז מער פונ אלצ איצט פארנעמענ. אהער זייַנענ שייַכ די פראגעס פונ קלאָרער דיקציע, פונ בוילעטנ ארטיקולירנ, די מעטאָדיק פונ רייד, די פּראָבלעמ פונ נאָרמאלנ פרייַענ אָטעמענ, דער גאנצער סכומ פונ אינטאָניר־אונ אויסדרוק־מאָמענטנ ביקלאל, וואָס מאכנ בייגעוודיקער, פארביקער אונ קרעפטיקער דאָס וואָרט, וואָס פאָרמירנ אויס שטייַפער אונ העלער אונדזער גאנצע „רייד־אופירונג”. אויכ אינ דער אלגעמיינער שול איז ניט איינגאנצנ קעשורע מיט דערדאָזיקער העכסט־וויכטיקער פּראגע. בא אונדז האלטנ מיר נאָכ מער פונפאָרנט מיט אזוינע זאכנ. געוויס האָט דאָ נאָכ מיטגעווירקט די שטיק ביטערע ירושע פונ „יענע יאָרנ”, ווענ מע האָט מער „געטישקעוועט” אינ זיכ, ווי גערעדט. מענ איז אָפּגעקומענ מיט „טע” „בע” אונ „עט” אינ די ביעכידישע, אָפּגעזונדערטע באדינגונגענ אָדער „אָפּגעזופּט” אינ ארומרינגלונג פונ האנדל־וואנדלשנ הו־הא אונ האסטיקער פארדרייטקייַט. האָט עס, מאשמאָעס, געבראכט צו שלאבעריקנ, ווייניק אנטוויקלטנ רייד־אפּאראט, האָט עס מיסטאמע אויכ מיטגעבראכט דערצו, וואָס אינ אונדזערע יידיש־רייד פּילנ זיכ מער די הינטער־אָרגאנענ (ווייכער גומענ, ציינגל), דאָס גאָרגלדיקע אונ כאָרכלענדיקע, איידער די ארטיקולירונג פונ פאָרנדיקע אָרגאנענ (הארטער גומענ, שפּיצ צונג, ליפּנ א. א.). דארפנ מיר איצט דערופ לייגנ אכט, דארפנ מיר איצט באזונדערס זאָרגנ אפּ אופציענ דעמ רייד־עפעקטער (ארטיקוליר־אפּאראט).

לאָמיר איצט זיכ אָפּשטעלנ אפּ אייניקע וויכטיקערע מאָמענטנ פונ ארויסברענג אונ טעכניק פונ רייד *). מיר וועלנ דאָ באריר איבערהויפּט די אלגעמיינע עלעמענטנ, וואָס זייַנענ שייַכ צו דער שול.

*) מיר וועלנ זיכ נאָכ צו דעמ אומקערנ בעשאסנ באריר די פּראגע פונ אויסדריקלעכנ לייענענ (אינ דריטנ טייל פונ אונדזער ארבעט).

אויסברעגג ביקלאל

ריישיסקאָל — קלאָרקייַט און דייַטלעכקייַט פון אויסברעגג. צוליב דעם פאָדערט זיך:

א) געוווינען זיך צו רעדן געגוג הילכיק, — ס׳וועגדט זיך פון נאָרמאלן און ריכ־טיקן אָטעמען און פון א געוויסער קולטור פון שטימ־אפּאראט. אָבער ניט גערייסן זיך און ניט אָנגעצויגן אף דער „הויכער סטרונע״. רעדן מיט דער אייגענער שטים, באטירלעך *).

ב) אָפּגעווויִנען פון רייד־האסטיקייט, רעדן ניט געכאפּט, ניט „געזופּט קייג הייסע לאָקשן״. סע ברענגט טיילמאָל צו שטאמלעניש. דאָס איז איבערהויפּט שייַעך צו דער טיילמאָל נאָך נערוועזער אפּאראטור פון ייִדישן קינד.

ג) קלאָר און דייַטלעך ארויסברעגגען דאָס גאנצע וואָרט, אלע זייַנע טיילן **) ניט „שלינגען״ קייג ווערטער און קייג וואָרט־טיילן: אָפּהייניק (אָפּהענגיק), באלטן (באהאלטן), געזעלטשעטלעך (געזעלשאפטלעך), שטאנהאפּטיק (שטאנדהאפטיק), פאר־שיידערלייי (פארשיידענערליי), אומגעדול (אומגעדולד), אומבאדינג (אומבאדינגט), פאר־העלטמעסיק (פארהעלטניסמעסיק), פיטרירן (פילטרירן), באווזנדיק (באוווסטזיניק).

ד) ניט קריפּלען קייג ווערטער. דאָ מערקן מיר אזוינע פאלן: 1) דיסימיליאציע־מאָמענטן — קאָלידאָר, נאָכאטכילע, אנטיליערע, פאנטאָמינע, באָמבאנדירן (באָמבאר־דירן) א. א. 2) פאלשע ארויסברעגגען לויט אסאָציִאציע — ענגזאם (איינזאם), אלט־וועלטלעך, צוזאמענשלאָס, שפּרוכווערטער (שפּריכווערטער), קאָנטור (קאָנטר), איבער־זוכט (איבערזיכט), מוירעשכוירע, ענדלעך (ענלעך) אָדער גאָר — „שלוסבריגאדע״, אפן נאָמער (נאָמען), ווי ס׳איז מיר אויסגעקומען הערן פון קינדער. 3) איג אויסלענדישע ווערטער איבערהויפּט: קאָנסטאנטירן (קאָנסטאטירן), אינציגדענט (אינצידענט), קאָמפּא־סאציע (קאָמפּענסאציע), אינסטיקט (אינסטינקט), פּאָלוקליניק (פּאָליקליניק), אינטוקטועל (אינטעלעקטועל), קאָמפּאנימענט (אקאָמפּאנימענט), אנטירעס (אינטערעס), קוליפיצירן (קוואליפיצירן), קוליפיקאציע א. א. 4) העברעיִזמען — סאָראָפּאָלע (סאָריד אופּאָליט), מעשטאנד (מישטאדל), א. א.

ה) לייגן אכט אף ארטיקולירן נאָרמאל קלאנגען, וואָס האָבן בא אונדז פארלאָרן זייער פארב, זייער „נאטור״. דאָס איז, אשטייגער, שייַעך צו „ר״, וואָס איבערהויפּט כאָרכלט מען אים בא אונדז ארויס, ווי אן אָפּגעטויטן כ — דאָכט (דאָרט), מאכט (מארט) א. א., ווי דער צונג זאָל גאָר קייג אָנטייל ניט נעמען דערבייַ, זיך פארלאָזן איגגאנצן אפן ציגגל (באם ווייכן טייל היגטערגומען). ווענדיק זיך אָפּגעוויינען דערפון, הייבט מען אָן דאפקע ארויסרעדן ווי א שארפן רוסישן p („ר ר ר עבע״ —

*) מע דארף אָפּגעבן די מעגלעכע אופמערקזאמקייַט (אף די לימודים פון ריטמיק, בעשאס פיזקול־טור) דער קולטור פון שטימ־אפּאראט. געוווינען צו פרייַען אָטעמען און צום נאָרמאלן ארויסברעגגען, צו האלטן דעם קאָפּ און דעם גאנצן קערפּער גלייַך (באם האָרבען זיך אָטעמט זיך שוואכער און ניט רעגלמע־סיק), דאָס קינבערדל עטוואָס אף צוריק. ניט דערלאָזן באם רעדן קייג נאָז־קלאנגלעכקייַט (דער ווייכגומען ניט אופגעהויבן), קייג האלדז־קלאנגלעכקייַט (די קעל צוגויפגעדריקט), קייג ציין־קלאנגלעכקייט (ניט געגוג אראָפּגעלאָזט די אונטערשטע קינבאק). דורכמאכן צוליב דעם גענײטונגען אף באוועגן דעם אונטערשטן קינבאק אראָפּצו און ארופצו, ארויסברעגגען קלאנגען בא א פארמאכטער נאָז א. אז. וו.

***) ס׳איז ניט שייַעך צו קירצונגען לויטן ארט — דוסט (דו ווייסט), ר׳איז, (ער איז), איכ׳ל, מ׳עט א. א..

ווי בא שאָלעם־אלייכעמען). געווינען צו א נאַטירלעכן „ר", וואָס ניט מע גאָרגלט אים ארויס, אז סע דערמאָנט טיילוויַיז דאָס קראקען פון א וואָראָנע, און ניט מע רעדט אים ארויס אומנאַטירלעך שארף.

אף קלאָר ארויסברענגען דעם אָדער יענעם קלאַנג, דארף מען אָפּגעבן געוויס אכט אף אַנטוויקלען יענעם טייל רייד־אַפּאַראַט, וואָס דערפון ווענדט זיך דער קלאָרער ארויסברענג פון געגעבענעם קלאַנג (זעט וויַיטער).

דאָ קענען אויך צונוץ קומען גיכווערטלעך, וואָס מאכן באַוועגלעכער דעם צונג, העלפן מיט צו פאַרפינקטלעכן די אַרטיקוליר־אַרבעט און צו גויווער זייַן פאַרשיידער נערליי שוועריקייַטן באַם ארויסברענגען געוויסע קלאַנגען און קלאַנגען־קאָמפּלעקסן:

וויפל איז — איינס און אַנדערהאַלבן, צוויי און דריַי און דריטהאַלבן.
פולע פורן פאָרן, פירן קאָרן בארג אראָפּ, בארג ארויף.
פיר פאָר פאָרצעליַיענע פאַרפורקעס.
באַקן בלינעס? — באַק; ניט באַקן — ניט באַק (אף אן אָפּגעלאָזענעם מענטשן).
מיט באַקל מיקל פלעקל (מיט האַק און פאַק).
פערדס — פוס — פאָדקאָווע טשוועקל (וויַיטע קרויוועשאַפּט).
פון בריסק קיין טריסק לויפן א פּאָר פיקס מיט א ביקס אין פיסק.
האַק־האַק, העקעלע, זיגזאַג, זעגעלע.
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג!
פויקנקלאַפּער אַלטער, פויקנקלאַפּער אַלטער, שטאַרקער קלאַפּ (קיפּניס) א. אז. וו.

וועגן רייד־דעפעקטן

איצט נאָך וועגן אייניקע רייד־דעפעקטן, וואָס טרעפן זיך אין שול.

שטאַמלעניש. שטאַמלעניש, פאַרהיקעניש איז גענוג פאַרשפרייט צווישן די קינדער פון שול־עלטער (סע שטאַמלט בא 2% שילער). שטאַמלעניש, האַלט מען, איז ניט קיין קרענק פון רייד־אַפּאַראַט, נאָר א נערוון־כאַלאַס [1]. עס נעמט זיך באַם קינד פון פאַרשיידענערליי איבערלעבענישן: מוירע, אומזיכערקייַט, קראַנקייַט א. א. ס׳קומט אָפטמאָל אויף פון נאָכמאַכן יענעם: א קינד קרימט איבער דעם שטאַמלער און הייבט אומבאַמערקט אַליין אָן צו שטאַמלען. די מעניָע אין ריידן גלאַט נעמט זיך פון אומרעגולערער מוסקולן־קירצונג פון רייד־אַפּאַראַט אין אָטעם־טייל, שטים, אָדער אַרטיקוליר־טייל. עס פאַלט דערהויפּט אף אופריַיס־קלאַנגען (וויי־ביקער אף פריקאַטיווע), אף הילכיקע (מערער ווי אף דומפּע). שטאַמלעניש באַדאַרף מען היילן אף א מעדיצינישן אופן, און וואָס פריִער אַלץ בעסער. אין שול באַדאַרף מען זיך מיט א שטאַמלער באַגיין העכסט פאָרזיכטיק און טאַקטיש, קעדיי ניט ערגער צו מאכן. לייגן באַזונדער אכט דערויף, אז דער שטאַמלער זאָל לאַנגזאַם און רויִק רעדן און ענטפערן, וועקן בא אים זיכערקייַט אין זיך, — וועט ער גיכער פּאָטער ווערן פונעם שטאַמלען.

---

*) מערער פאַרשפרייט זייַנען די אָנוויַיזונגען אף דער פּסיכאָגענער נאַטור פון שטאַמלעניש. מע וויַיזט אויך אָן אף געוויסע דעפעקטן פון רייד־אַפּאַראַט. פרייד, אַגעוו, האַלט עס אַלס סימן פון אומבאַוווּסטזיניקער סעקסועלקייט, אַדלערס היפּאָטעזע זעט עס אין קינדערשן געפיל פון מינדערוווערטקייַט, וואָס מינערט אויך די אויסדרוק־מעגלעכקייַטן.

עס ווירקט דאָ שטאַרק אויך ליגאַפּאַטישע יערושע (עמעצער פון די עלטערן און אייגענע שטאַמלט).

פ א ר ב ײַ ע פ ו נ ק ל א נ ג ע נ אליא קאָפּל קוקוריקו, „וואָס האָט ניט געקענט אויסרעדן קיין קוף און קיין כאָף און קיין גימל (און ווי אפצעלאָכעס האָט דער טאַטע באַדאַרפט הייסן קאַלמען, די מאַמע—גיטל קאַלמענס, ער אַליין—קאָפּל גיטל קאַלמענס, און דער רעבע—גערשן גאָרגל פֿון גאַלעגאַנעווקע) אָדער אפֿן שטייגער פֿון פישקע דעם קרומען, וואָס האָט קיין „ר" און קיין „ל" ניט אַרויסגערעדט — „מיט מײַנע קיאַנקע פֿיס־עך פֿיעגן מי זעך שיעפּן זייע פֿאַמעיעך, קײַכן ווי די יאַקעס („פּישקע", ממ"ס).

אַזאַ פֿאַרבײַיט קען זײַן באַם קינד, ווי א רעשטל פֿון די ניט גענוג קאָאָרדינירטע און אַנטוויקלטע רייד־אָרגאַנען. עס קען אָבער אויך זײַן אַן אָרגאַנישער דעפֿעקט פֿון אַרטיקוליר־אַפּאַראַט (ניט אַרויסריידן קיין „ר" און קיין „ל", אַשטייגער, ווען דער צונג איז קורץ און דערגייט ניט צו די פֿאָדער־ציין).

אין שול לאָזט זיך דאָס, געוויינטלעך, פֿאַריכטן נאָך דאַן, ווען ס'איז ניט קיין אָרגאַנישער פֿעלער, ווען ס'איז א רעזולטאַט פֿון ניט אופמערקזאַמער דערציִונג, האָגאַם ס'איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן. מע דאַרף דאָ אָנקומען צו ספּעציִעלע געניטונגען אין יעדן באַזונדער פֿאַל. סע פֿאָדערט זיך דערצו פֿיל ווייניק באַקאַנט צו זײַן מיט ריידן־פֿיזיאָלאָגיע, קעדיי אימשטאַנד זײַן צו „אָנשטעלן" דאָס קינד, עס זאָל נאָרמאַל און ריכטיק אַרטיקולירן א געוויסן קלאַנג.

לעגאַבע „ר", אַשטייגער. דער „ר" ווערט ריכטיק אַרויס, ווען דער צונג, אופגעהויבן צו די אייבערשטע יאַסלעס (האַרטער טייל פֿון אונטערגומען), ווערט געבראַכט אין באַוועגונג אַראָפּצו, און דערבײַ ווערט לענגויס דעם צונג אַן אויסהוילונג, וואָס דורך איר גייט אַרויס די לופֿט און לאָזט וויברירן דעם צונג. אַפֿ אַרויסריידן דעם „ר" דאַרף מען, הייסט עס, געווינען דעם צונג וויברירן מיט די אייבערשטע און אונטערשטע ציין. וויאַזוי־זשע טרענירט מען דערין? מען טוט אָט וואָס. אַפֿ באַקומען דעם קלאַנג „ט" דאַרף דער שפּיץ צונג אָנרירן די פֿאָדערשטע און אויבערשטע ציין, און אַפֿ אַרויסברענגען „ד" — דאַרף דער צונג אָנרירן די פֿאָדערשטע און אונטערשטע ציין. איז אַפֿ אַרויסריידן קלאָר „ר", באַדאַרף מען אַפֿגיך און קלאָר אַרויסברענגען נאָכאַנאַנד „ט" און „ד" און דערנאָך מיט אַמאָל צוגעבן דעם „ר":

טע—דע, דע—טע, די—טע, טע—די—ררראַ!" *)

ט"ד, ט"ד, ט'די, די—טי—ררר!

אַזוינע געניטונגען געווינען ביסלעכווײַז צו דער אַרטיקוליאַציע פֿון „ר", דערנאָך דאַרף מען זיך געניטן אַרויסצוברענגען ווערטער אַפֿ „ר", צוערשט איינפֿאַכע דערנאָך מער קאָמפּליצירטע: ראָד, רינג, טראַט, נאָר, טראָט, טראַקטער א. אַז. וו.

פֿיר פֿורן פֿאָרן פֿירן קאָרן באַרג אַרופֿ באַרג אַראָפּ

דרײַ און דרײַסיק טראַקטערן פֿאָרן אַפֿן טראַקט א. א. (זעט אויך פֿריִער די גיכווערטלעך **)

*) בעשאַטוי האָט דאָס פֿאָרגעלייגט דער פֿראַנצויזישער אַקטיאָר טאַלמאַ.

**) צו די מינדלעכע געניטונגען דאַרף נאָך זײַן שריפֿטלעכע אַזוינע געניטונגען—פֿאַרשרײַבן ווערטער מיט די געהעריקע קלאַנגען.

אפּ ארויסברענגען „ק“ (ניט „ט“), געניטן צו האלטן דעם צונג באַם ראַנד אונטערשטע יאסלעס, ווײַל דאָ האָט דער צונג, ז. טעווע ארופּהייבן זיך צו די אויבערשטע פּאָדער־ציין *).

דאָס איז די טעווע צו רעדן אין נאָז אריַין, (דער הוניוואטעקײַט **). דאָס איז ניט רעגלמעסיק פּארטיילט צווישן מויל־אונ נאָז־כאָלעל), קלאנגלעכער שטראָם איז ניט רעגלמעסיק פּארטיילט צווישן מויל־אונ נאָז־כאָלעל; געפּאָנפּעט אפּן שטייגער פון שאָלעם־אלייכעמס נעכאָמע־מירל (דערפאר רופט מען זי „דעכאָבע־בוכל“) — „איר בעקט ביר גלייבן בעדעמאָנעס“ (איר מעגט מיר גלייבן בעדנאָמנעס). „די בעהיימע האָט זיך אופגעהערט צו בעלקן׳ (מעלקן) אונ גיט ניט נעמאָ עס). „די בעהיימע האָט זיך אופגעהערט צו בעלקן (מעלקן) אונ גיט ניט קיין בילכ (מילכ)“. איבערהויפּט איז דאָס א רעשטל פון אווצָסער ניט איז נאָז־קראנקײַט (אדענאָידן, מאנדלען), קראנקײַט אָדער שלאבעריקײַט פון שטים־בענדער, אָפּטמאָל אָבער איז עס פּאָשעט א שלעכטע רעגילעס.

מע געווינט אָפּ דערפון אפּ אזא אויפן (אויב ס'איז נאָר ניט קיין אָרגאנישער פעלער). מע לייגט פּאָר, ערשטנס, ארויסברענגען הילכיק מיט אן אָפענעם מויל אזוינע גרופּעס קלאנגען, ווי טיאטיאטיאטיא, טיטיטיטי, דיאדיאדיא, ניאניניאני, מאמאמאמא, אָנאָנאָנאָן, — ארויסזאָגן נאָכאנאנד, דערבײַ צום ערשטן פארשטעקן די נאָזלעכער מיט די פינגער, דערנאָך מיט אָפענע נאָזלעכער. דערנאָך נעמט מען אויך די ווערטער, וואָס דאָס קינד ברענגט ארויס הוניוואטע, אונ מע טרענירט צו ארויסברענגען זיי פריִער מיט א פארשטעקטער נאָז, דערנאָך מיט אן אָפענער נאָז.

---

*) אין שווערע פאלן קומען דאָקטוירים אויך אָן צו א מין „שפּרײַזהעלצל“. — האלטן צו דעם שפּיץ צונג מיט א שטעקעלע.

**) צווישן די צונעמענישן, וואָס דאָקטאָר ווײַסנבערג ברענגט (לאנדוי־בוך, ווילנע, 1926) „הוניוואטער — גערעדט אונטער דער נאָז. די ווערטער גייען בא אים ארויס אוניוואטע (הוניוואטע)“, „אונטער דער נאָז, ווי ער זאָל האָבן דעם קאטער“ („בירא־בידזשאן“, אלבערטאָן).

סעמאנטיק אונ סטיליסטיק

סיסטעמאטישע ארבעט אפ לעקסיק אונ סטיל־מאָמענטנ געווינט אונ ציט אופ די טעווע נאָכצושפירנ אונ אכטגעבנ אפ אייגענע אונ ארומיקע רייד, אפ ליטעראַרישנ לאָשנ, פלאנצט איינ כוש אונ קולטיווירט די פעיקייט צו באגיינ זיכ באוווסטזיניק, צו אָפּקלייבנ אונ אָנווענדנ ווי געהעריק דאָס נייטיקע וואָרט, דעמ טרעפיקנ אונ באטרעפיקנ אויסדרוק.

די ארבעט אפ לעקסיק אונ סטיליסטיק שטויסט צו אופאסנ סטיליסטיש דעמ וויכטיקסטנ אונ געברויכלעכסטנ וואָרט־אויצער, וואָס די שפראכ פארמאָגט לויט די פארשיידענערליי אָפּשניטנ אירע אונ מאָדיפיקאציעס. ס׳איז אהער שייעכ סיי דער דירעקטגענויער ווערבאלער מאטעריאל, וואָס האָט באשטימטע פונקציעס פאר באגריפ אונ באגרייפ, סיי דער עקספרעסיוו־עמאָציאָנעלער וואָרט־רעמאנענט, וואָס פארקערפערט דאָס אומדירעקט־אייגנארטיקע אונ דאָס בילדלעכ־שיינע.

ס׳איז קלאָר, אז סטיליסטיק איז פונ די צענטראלסטע אונ וויכטיקסטע קאַפּיטלענ בא דער ארבעט אפ וואָרט־קולטור. וויטער וועלנ מיר באַרירנ די וויכטיקערע סטיל־מאָמענטנ, אונ פארברייטערנ דעמדאָזיקנ אָפּשניט אינ ליטעראַריש־קינסטלערישנ אספעקט וועט נאָכ אויסקומענ אינ א וויטערדיקער ארבעט, וואָס זאָל באַרירנ די פּראָבלעמ פונ לייענענ אונ ליטעראטור אינ שול.

אינ דער ייִנגערער שול־שטופע (איבערהויפּט אינ די ייִנגערע פאָר גרופּעס) זיינענ די סטיל־ארבעטנ מיינסטנס „געלעגנהייטלעכע”, האגאמ דאָס שליסט, געווייגטלעכ, ניט אויס אויכ דאָ צו דורכארבעטנ דעמ אָדער יענעמ קאָנקרעטנ פאל אפ א צוגעגנגלעכ־סיסטעמאטישנ אויפנ. פונ דער 4־טער גרופּע אָנ אנגערעכ דארפ עס שוינ ביקלאל זיינ מער־ווייניקער א סיסטעמאטישע ארבעט, אונ מע פארגאנצט אָט דעמ קורס סטיליסטיק אינ דער עלטערער שטופע, ווו מע פארטיפערט אימ אויכ מיט די סטיל־פּראָבלעמענ פונ ליטעראטור אונ קינסטלער־שאפונג.

סיי אפ דער עלטערער שטופע, סיי נאָכ מער אפ דער ייִנגערער שטופע דארפ די ארבעט אפ לעקסיק אונ סטיל־מאָמענטנ זיינ אנ אָרגאנישער אונ נייטיק באַרעכטיקטער בא שטאנד־טייל פונ דער גאנצער שפראכ־ארבעט אונ שוינ מעמיילע פונ דעמ גאנצנ קאָמפּלעקסישנ אָפּשניט (פּראָדוקציע, קאנטעקסטעניש, נאטור א. אנד.). מע דארפ אופציִענ די סטיליסטישע אופאסונג איבערהויפּט אפ לעבנ־מאטעריאל, וואָס סטימולירט אונ באפרוכפּערט די גאנצע שול־ארבעט. דאָס טוט מענ נאָכ בא אונדז גאָר ווייניק אינ דער מאסנ־שול.

I. אייניקע אלגעמיינע האנאָכעס

מירנ אָנהייבנ פונ אייניקע אלגעמיינע האנאָכעס, וואָס ווערנ ווײַטמעגלעכ ווײַטער באלויכטנ אונ איליוסטרירט.

1. דער געגעבענער אָפּטייל באשטייט פונ לעקסיק, סעמאַנטיק אונ פראזועאָלאָגיע — ווי קאָנצענטרירט, ווי צעוואָרפנ איבער פארשיידענע קאפּיטלענ.

לעקסיק, סעמאנטיק אונ פּראזועאָלאָגיע באטראכט מענ געוויינלעכ ווי אָפּשניטנ פונ סטיליסטיק, אלס קלאל־באצייכענונג פאר פארשיידנערליי סטיליסטיש־סעמאנטישע אונ סטיליסטיש־קאָמפּאָזיציאָנעלע דערשײַנונגענ פונ שפּראכ אונ שפּראכוויסנ.

צי איז עס אָפּשניטנ פונ סטיליסטיק־קורס, צי איז עס באזונדערע זעלבשטענדיקע קאפּיטלענ פאר זיכ — אלציינס קערנ לעקסיק, סעמאנטיק אונ פראזועאָלאָגיע צו די וויכטיקסטע קאפּיטלענ שפּראכוויסנ. אונ ניט אומזיסט פארנעמט מענ זיכ איצט דערמיט אזוי ערנסט סײַ בא אונדז, סײַ אויסערנ פארבאנד.

2. לעקסיקאָלאָגיע קומט צו פארצייכענענ אונ סיסטעמאטיזירנ דעמ וואָרט־אינווענטאר (לעקסיק) פונ געוויסער שפּראכ, פונ געוויסנ שפּראכ־אָפּשניט. פראזועאָלאָגיע קענ מענ האלטנ פאר א טייל לעקסיקאָלאָגיע, ניט מער פראזועאָלאָגיע אָפּערירט מיט וואָרט־קאָמבינאציעס, וואָס זײַנענ דערצו באשטענדיק קאָנקרעט (אומצעלייגעוודיק) פאר יעדנ טעקסט.

לעקסיקאָלאָגיע דארפ מענ אָבער דורכארבעטנ באמ שײַנ פונ סאָציאל־קלאסעווונ אנאליז אונ קעגנשטעל, באמ שײַנ פונ סעמאנטיק, אלס לערע וועגנ רעאל־באדינגטנ וואָרטבאטײַט. אינ די פארשיידענע קאפּיטלענ, וואָס קומענ ווײַטער, ווײַזנ מיר ווײַטמעגלעכ אופ, וויאזוי וואָרט אונ וואָרטגעברויכ ווערט באדינגט פונ קלאס, אָפּשיכטונג, סוויווע, פונוואנענ סע קומט, אונ פונ צײַט, ווענ עס קומט אופ.

3. מע דארפ דערלערנענ דעמ וואָרטפאָנד פונ דער שפּראכ, זײַנ לעקסיש־סעמאנטישע נאטור באמ שײַנ פונ מארקסיסטיש־לעניניסטישנ שפּראכוויסנ. מע דארפ דאָ אלעמאָל אינ אכט נעמענ אזוינע גרונט־האנאָכעס:

א) דער לעקסיש־סעמאנטישער אונ סעמאנטיש־פראזועאָלאָגישער באשטאנד פונ א שפּראכ איז א איינהײַט פונ אינהאלט אונ פאָרמ.

ב) דער וואָרטפאָנד איז „פּראקטישער באוווסטזײַנ" פארנ „זײַנ" אפ וויפל „באוווסטזײַנ איז קיינמאָל קיינ אנדער זאכ ניט ווי באוווסטעס זײַנ" (מארקס). אינ לעצטנ סאכאקל באצייכנט דער וואָרטפאָנד דעמ צושטאנד פונ די פּראָדוציר־פארהעלטענישנ דאָרטנ, ווו „מענטשנ לעבנ אונ ארבעטנ אינײנעמ" אונ פירנ א קלאסנקאמפ צווישנ זיכ אפ דער באזע פונ אָט די פּראָדוציר־פארהעלטענישנ אינ באטרעפיקער היסטאָרישער עפּאָכע. דאָס הייסט ניט, אז דער וואָרטפאָנד פארקערפּערט שוינ אומיטלבאר דעמווירטשאפטלעכ־עקאָנאָמישנ פּראָצעס. ס'גילט דאָ נאָכ אלעמאָל

שפּראַך־ירושע פון אָפּגעגאַנגענער צײַט און אָפּגעגאַנגענעם קלאַס (אַפּ אַ געוויסן אויפן מאָדיפיצירט און אָנגעמאָסטן פאַר די נײַע סאָציאַל־קלאַסעווע באַדינגונגען), ס׳ווירקן דאָ נאָך די אַנדערע אידעאָלאָגישע קאַטעגאָריעס (פּאָליטיק אין ערשטער ריי).

ג) דעם וואָרטפאָנד פון אַ שפּראַך קען מען קלאַסיפיצירן און סעמאַנטיש אויסקלאָרן אויך אין סטאַטיק. אין טאָך אָבער איז עס אַ פליסיקער פּראָצעס, ווי אַלץ אַרום, וואָס האָט זײַן עוואָליוציע און דעריקער רעוואָליוציע. היפּשע שפּראַכאָפּשניטן קען מען „סעמאַנטיזירן״ בלויז אין דינאַמיק, אין דיאַלעקטיש־געשיכטלעכן גאַנג צו נײַער באַטײַט־אייניקײַט, צו נײַער שפּראַכלעכער קוואַליטעט. וואָרטמאַטעריאַל שטאַרבט אָפּ מאַסנווײַז, קומט אויף מאַסנווײַז, ווערט טיילמאָל אַפּסנײַ ווידער געבוירן און דעפאָרמירט אין פאַרשיידענער צײַט פאַר פאַרשיידענעם באַטײַט און געברויך. ס׳איז באַזונדער שײַעך צו רעוואָליוציע־צײַט ביקלאַל, נאָכמער צו אַזאַ בויעריש־רעקאָנסטרוקטיווישן „גרויסן איבערבראָך״, ווי אונדזער איצט אין לאַנד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

ד) די הערשנדיקע לעקסיק און פראַזעאָלאָגיע פאָרמירט זיך אויס לויט דעם שפּראַכגעברויך פונעם הערשנדיקן קלאַס (אַפּ דער באַזע פון פריערדיקער שפּראַך).

II. וואָרטגענויקײַט

ס׳איז איבעריק, מיין איך, אָנצוווײַזן, ווי וויכטיק ס׳איז פאַר אונדז צו וויסן, אַפּ וויפל ריכטיק, גענוי און קלאָר דאָס קינד ברויכט און נעמט אויף אַ וואָרט און אויסדרוק סײַ פון זײַן אייגענעם פאַראַנענעם וואָרט־אויצער, וואָס ער ברענגט און טראָגט שוין אין זיך, סײַ פון די פיל נײַע ווערטער, וואָס ער דאַרף נאָך אויפנעמען און פאַרדייען עס ווי געהעריק.

דער לערער דאַרף דאָ אַלעמאָל זײַן אַפּ דער וואַך, וויסנדיק דעם קינדס טעווע (און צי איז עס דען איצט נאָך אַ „קינדערשע זאַך״ בײַ אונדזער מאַסנדיקער קולטור־ און בילדונג־אַרבעט?) צו „פאַרווישן גרענעצן״ פון געדאַנק און באַגריף און שוין מעמיילע פון וואָרט און אויסדרוק. מע דאַרף זען, אַז כעוורע זאָלן פאַרשפּאָרן זוכן די געאָגראַפיע (ביאָגראַפיע) פון סטעפּענסאָן און דעם טײַך „לענגוויס״ (לענגויס דעם טײַך...), און אַפילע אין די עלטערע גרופּעס פון דער צווייטער שטופּע זאָל אַ שילער, ברענגענדיק אַ ציטאַט, ניט וועלן צושרײַבן „מײַן קורסיוו״, ווען ס׳איז קיין שום קורסיוו ניטאָ, און דאָס וואָרט „אימפּעריאַליזם״ זאָל ניט הייסן „באַצווינגונג״ (захватничество), און די מערהײַט זאָל אונטערשטרײַכן „רײַכקײַט״ צי אַפילע „פּאָלקסהערשאַפט״, אָדער דאָס וואָרט „שוואַרצמייעניק״ זאָל אין דער קינדערשער פאָרשטעלונג ניט זײַן „נעגער״, אָדער „שוואַרצאַרבעטער״, און גאָר ווייניק זאָלן אונטערשטרײַכן „קאָנטער־רעוואָליוציאָנער״ (פון טעסטיר־מאַטעריאַל אַפּ אויספּאָרשן דעם קינדערשן ווערטער־פאַרמאָג). מע דאַרף אויך צו דער זאַך און אַפּן געהעריקן אָרט „ציִען און אַראָפּציִען״ די ווערטער, וואָס „ליגן אַפּן צונג״, נאָר וואָס

מע ברויכט זיי נאָך ניט („פאסיווער” וואָרט־מאטעריאל) אָדער מע ברענגט זיי ארויס ניט קלאָר און ניט גאָר אפן אָרט. פראקטיש געגומען קען דאָ אלעמאָל זיין א רייִ סיסטעמאטיזיר־ און רעווידיר־ארבעטן, וואָס זאָלן אי „אקטיוויזירן” דעם קינדערשן וואָרט־געברויך, אי באשיימפערלעך פאר אים אויסקלאָרן דאָס, וואָס איז נאָך ניט גענוג קלאָר. מע דארף עס טון סיי אין יענע פאלן, ווען מיר האָבן צו טון מיט באצייכענענע קאָנקרעטע זאכן, סיי מיט אבסטראקטן וואָרט־מאטעריאל און מיט פאראלגעמיינערטע אויסדרוקן.

מירן ברענגען א רייִ ארבעטן און מוסטער־אופגעבונגען אף רעווידירן און אקטי־וויזירן דעם קינדערשן וואָרט־„פאסיוו”. די ביישפילן זיינען דאָ איבערהויפט שייעך צו דער ייִנגערער שטופע.

1. אויסקלאָרן דעם וואָרט־באטייט, סעמאנטיזירן[1]

א) שניידמאשין
דרעשמאשין
סאָרטיראָווקע
פוץ־מיל (ווייעלקע)

ב) אָפזיימען
פארזיימען
ליאמעווען
אָפליאמעווען
ניצעווען
סטריגעווען

ג) פלאכע
בערעמ
ראדיִאטער
יושקע

ד) סיטשקע
פוילע
מאסלינקע
סראָוועטקע
זויערמילך (פידסמעטענע)
שמאנט (סליווקעס)

ה) אויספלוס
אויסגוס
ביימייך
אינדזל
האלב-אינדזל
קוואל

ו) ברוטאָ
נעטאָ
טארא

ז) קאָמערד
געזערד
געזקולט

ט) שאכטע
שטאָלנע
ארצ
האָרנע

י) פאקהויז
פעראָם
טענדער
סעמאפאָר

יא) פ. ס. ר. ר.
אוּ. ס ר. ר.
וו. ס. ר. ר.
צ א. ק.

דערקלערן די אויבנגעבראכטע ווערטער מיט פראזעס, מיט געמעלן. די קירצונגען — אופשטעלן גאנצערהייט.

דיזעלבע „סעמאנטיזאציע” קען קומען אף אזא אופן — פארביי̆טן די פראזעס מיט איין וואָרט: דאָס אָרט, ווו מע ווייזט פאָרשטעלונגען, דאָס הויז, ווו ס'ליגן קראנקע א. אז. וו.

אזוי קלאָרט מען אויס מיטן וואָרט לויט דער פראזע אָדער מיט פראזע לויטן וואָרט באגריפן, וואָס זיינען נייַ פאר די קינדער, זאכן און טיילן פון זאכן, וואָס

---

[1]) סעמאנטיק (פון גריכישן סעמא—צייכן) דערלערנט די רעאלע וואָרט־באטייטן. סעמאנטישע איינצלען וועלן זיין סיי די פולע זעלבשטענדיקע ווערטער (קינד, שרייבן, יונגער, גוט), סיי די אזוי־גערופענע לעקסיקאליזירטע וואָרט־גרופעס, וואָס דריקן אויס א באשטימטן באגריף-איינצל; רויטע ארמיי, קאָמוניסטישע פארטיי.

צו סעמאנטיק קערן ניט קיין ווערטער, וואָס פארבינדן לעקסעמעס (באטייט־ווערטער) און פראַזעס צווישן זיך. אהער זיינען אויך ניט שייעך קיין אפיקסן, וואָס פון זיי ווענדט זיך אפילע דער באטייט פון וואָרט, אָבער קיין באטייט פאר זיך האָבן זיי ניט.

די קינדער האָבנ געהאט דערפונ נאָר אנ אלגעמיינע פאָרשטעלונג, פראָפעסיאָנא־ ליזמענ אונ פאכווערטער, טערמינאָלאָגיע, אברעוויִאטור־מאָמענטנ א. אז. וו. אהער איז אויכ שייַכ צו אופקלערנ געברויכלעכע אויסדרוקנ אונ פראזעאָלאָגיע:

א) האקנ אינ קרויט ארייַנ
האקנ א טשייַניק
ב) שטאָל אונ אייַזנ
שטארקער פונ אייַזנ
ג) זייַנ אינ אקערייַזנ
אקערנ מיטנ נאָז די ערד
ד) ארבעטנ אפ אלע קיילימ
ארבעטנ שייַסימ
אנ ארבעט פאר א נאכטוועכטער.

ענטפערנ, וואָס באטייַטנ די אויסדרוקנ. פארבייַטנ מיט אנדע־ רע אויסדרוקנ.

2. צוגעבנ, דערשרייַבנ לויט דער גאנצער פראזע אָדער אָנהייב־פראזע.

אזוינע ארבעטנ ווערנ ווייַטער געבראכט אונ וואריִרט פארשייד־ערליי. דאָ גיבנ מיר נאָר א פאָר אלגעמיינע בייַשפּילנ.

א) אינ קאָמונאָפּטייל פארנעמט מענ זיכ...
...בילד־אָפּטייל...
...געזונטאָפּטייל...
ב) גלאָז מאכט מענ אפ א...
צייַג...
לעדער...
ג) מיט אנ עקבער...
מיט א הובל...
מיט א סטאמעסקע...
ד) מיט א בוקער...
מיט א טראקטער...
מיט א פוצמיל...
ה) א קו מעקעט
א פערד...
א קאצ...
א הונט...
א טויב...
א ציג...
א שאָפ...
א כאזער...

אופשרייַבנ די פראזע מיטנ נייטיקנ וואָרט:

דער גרונט פונ אונדזער טייַכ איז (זאמדיק, ליימיק, שטייניק...)
דער ברעג (הויכ, נידעריק, באוואָקסנ...)
דאָס וואסער פונ טייַכ (ברודיק, דורכזיכטיק, זיס...)

3. קלאסיפיקאציעס.

איינע פונ די וויכטיקסטע ארבעטנ, וואָס אָריִענטירנ קלאָר אינעמ ארומ אונ אינ דער וואָרט־באצייכענונג, אינ דער נאָמענקלאטור פונ ארומ. אזא ארבעט פירט מענ איבערהויפּט אפ דער ייִנגסטער שול־שטופע, סייַ לויט געמעלנ, סייַ שרייַבנדיק גלייַכ נאָכנ פארייגענע איוורע [1].

[1] ס'איז אויכ א נוצלעכע ארבעט בעשאסנ „באזיניקטנ ארָאפשרייַבנ". אזא ארבעט קענ אויכ זייַנ פארבונדנ מיט אנ אנדער סטיליסטישנ אָדער גראמאטישנ מאָמענט: אויסבילדנ פראזעס, באמ איבער־ שרייַבנ צושטעלנ דעמ באשטימיקנ ארטיקל א. אנד.

א) היי, בוך, בלייער, פאפיר, קאָרן, ציץ, שוך, ברויט, קלייד, לייַנ, צוקער, האָניק, לערער, קנעפל, צאָדל, פענ, מעל.

ארויסשרייבנ (קלאסיפיצירנ) וואָס די שטאָט גיט דעם דאָרפ און וואָס גיט דאָס דאָרפ דער שטאָט.

ב) ניי-מאשינ, שער, אָל, פרעס, דראטווע, הובל, פאָדעם, עקבער, פלעקל, זעג, האק...

גרופירט דאָסדאָזיקע געצייַג לויט די מעלאָכעס נאָכ.

ג) ראָד, אקס, אָבאָד, שפיצעס, קעלניע, זיצ, דישעל, קלעצל (מיט פונ ראָד), האָלאָבליעס, מוטרע (אנ אייַזנרל אפ דער אקס—די ראָד זאָל ניט אראָפפאלנ).

ארויסשרייבנ באזונדער די טיילנ פונ וואָגנ און פונ דער ראָד.

4. לעקסישע ווערטערביכער.

א דאנקבארע ארבעט. זי באריַיכערט און פארשטיַיפט דעם לעקסיקאָנ פונ קינד, אקטיוויזירט זיַינ אייגענעם רייד־פארמאָג, וועקט שפראכ־אסאָציאציעס, ציט אופ וואָרט־שעפערישע מעגלעכקייט. זאָל נאָר די ארבעט אפנ ווערטערבוכ ניט פאר־וואנדלט ווערנ אינ א צופעליקער וואָרט־זוכעניש און וואָרט־קלייַבעניש, אינ דערקלערונגענ פונ סטאם ווערטער. טאָלסטאָי האָט נאָכ אנומלט אופמערקזאם גע־מאכט: „קימאט אלעמאָל איז ניט פארשטענדלעכ ניט דאָס וואָרט גופע, נאָר באם שילער איז גאָר נישטאָ דער באגריפ, וואָס דאָס וואָרט דריקט אויס. דאָס וואָרט איז קימאט אלעמאָל דאָ, ווענ דער באגריפ איז דאָ". בא דער העכסט־וויכטיקער ארבעט אפ לעקסישע ווערטערביכער צו באשטימטע לעבנ־טעמעס דארפ מענ געדענקענ אינ קלאל: Rem tene, verba sequentur (ווייס די זאכ, ווערטער וועלנ שוינ זיַינ).

אָט זיַינענ א פאָר בייַשפילנ פונ אלגעמיינעם כאראקטער (צו דערדאָזיקער פראגע קערנ מיר זיכ נאָכ ווייַטער אום בא פאכווערטער און טעכנישע טערמינעס, בא פאָלקלאָר־פארצייכענישנ א. אנד.).

א) **שאפט א ווערטערביכל** (לויטנ אלעפבייז) **פונ די קיילים און זאכנ, וואָס מע נוצט באם צוגרייטנ עסנ, באם קאָכנ און אפ האלטנ די פראָדוקטנ.**

ב) **שטעלט צונויפ א ווערטערביכל פונ** 1) דאָרפישע פראָדוקטנ, וואָס מע ברענגט אריַינ אינ איַיער שטאָט, שטעטל. 2) אָרטיקע אויסארבעטונגענ פארנ דאָרפ.

ג) **שאפט א ווערטערביכל פונ באהייצונג:**

1) באהייצונג־סיסטעם (הרובע, אויוועלע, דאמפ־באהייצונג...)
2) טיילנ פונ דער הייצ־סיסטעם (טרויבנ, ראדיאָטער, קאטוכ, יושקע...)
3) הייצ־מאטעריאל (האָלצ,—אוואָסערע, שטיינקויל...)
4) ארבעטנ (זעגנ, האקנ, אָנצינדנ, אונטערהייצנ, אָפשטעקנ (דעם קוימענ), פארשטעקנ...)
5) אלערליי ווערטער צו הייצונג (אש, סאזשע, רויכ, טשאד...)

ד) שטעלט צונויפ א ווערטערביכל „פארקער־אונ פארבינדונג־מיטלענ" לויט אזוינע אָפטיילנ: 1) אפ באלעכאימ. 2) אייַזנבאנ. 3) מיטנ וואסער. 4) אינדער־לופטנ. 5) טעלעגראפ. 6) טעלעפאָנ. 7) ראדיאָ.

ה) שטעלט צונויפ א ווערטערביכל פונ נייַע רעוואָליוציאָנערע אונ פאָליטישע ווערטער (אופשטעלנ עס ביסלעכווייַז בא דער ארבעט, אשטייגער, אפ „אָקטיאבער", „נייַנטער יאנוואר", „ערשטער מייַ", „פאריזשער קאָמונע" א. אנד.).

אויבנ רעדנ מיר דערהויפט פונ שול־קינדער. שייַעכ איז עס אָבער אויכ צו אונדזער לערנ־יוגנט, סטודענטשאפט, ווו ס'זייַנענ פארשפרייט גענוג שפראכקוריאָזנ מאכמעס פארטושקייַט פונ באגריפ אונ אומגענויקייַט פונ וואָרט. ס'איז, אייגנטלעכ, ביקלאל נאָכ א פארשפרייטע דערשייַנונג בא אונדז, ווו מאסנ האָבנ זיכ אָקאָרשט צום וואָרט אונ צום נייַעם וואָרט א צי געטונ. באמ הערנ אונ לייענענ ארבעטנ פונ טעכניקומצעס, טיילמאָל פונ סטודענטנ אינ הויכשול דערמאָנט זיכ מאיאקאָווסקיס ליד אפ דעמ בריוו פונ רויטארמייער, וואָס איז אופגעבראכט געוואָרנ מיטנ צייַטונג־ארטיקל מעקויעכ דעמ, וואָס אונדזערע סאָנימ אימפעריאליסטנ זייַנענ דערגאנגענ „ביז אפאָגיי":

Своих апогеев никому не отдадим, но и чужих апогеев нам не надо.

ס'קומט אויכ טיילמאָל אפנ געדאנק דעמ כאווער קאהאנאָוויטשעס בייַשפיל אפנ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ א כאווער, וואָס האָט געענטפערט אינ אנקעטע מעקויעכ דער פראגע „וואָס איז אזוינס טעאָריע"—„טעאָריע איז דאָס, וואָס ווערט ניט אָנגעווענדעט אינ דער פראקטיק".

אפ אומפינקטלעכקייַט אונ אומגענויקייַט פונ וואָרטבאנעמ אונ וואָרטגעברויכ מוז מענ גרויס אכט לייגנ סייַ בא דער ארבעט מיט קליינווארג, סייַ אויכ בא דער ארבעט מיט דערוואקסענע אינ די העכערע טיפנ שולנ.

פונוואנענ־זשע נעמט זיכ עס אָט די דערשייַנונג אויכ בא אונדזערע לערנ־יוגנטלעכע, וואָס זייַנענ, הייסט עס, „ניט קיינ קינדער"?

א) בא אונדזער לערנ־יוגנט איז טיילמאָל, ווי בא קינדווארג, דער וואָרט־פארגרייט מערער „פאסיוו", ווי „אקטיוו". דער וואָרטפארמאָג איז פאראנ, ער ליגט שוינ אפילע אפנ צונג, נאָר פונעמ צונג רייַסט ער זיכ ניט אלעמאָל ווי געהעריק אראָפ. פאראנ, דאכט זיכ, גוט באקאנטע ווערטער, וואָס זיי ליגנ נאָכ ערגעצ־ווו שווער אינ „אונטערבאוווסטזייַנ", אָנ נייטיקנ אונ געהעריקנ אָנווענד, ווייַל ס'זייַנענ נאָכ ווייניק „אויסגעטראָטנ" די אסאָציאטיווע פונקטנ.

ב) אונדזער בילדונג־אונ זעלבסטבילדונג־ארבעט אָפערירט נאָכ ניט אלעמאָל מיט קאָנקרעט־דעפינירנדיקע אונ באשטימענדיקע קאטעגאָריעס. בא דעמ מאסנ־כאראקטער פונ אונדזער בילדונג אונ זעלבסטבילדונג, בא דער אָפטמאָל קנאפער צוגעגרייטקייַט פונ יוגנטלעכנ, וואָס קומט אָקאָרשט אינ בילד־אנשטאלט צומ געניטעמ וויסנ, פאָדערט זיכ א באזונדערס געהיטער, מעטאָדיש־געוואָרנטער צוגאנג בא וואָרט־אָנווענד, אניט איז עס אנ איבעריקער שטויס צו אומגענויקייַט אונ אומפינקטלעכקייַט פונ וואָרט־אויסדרוק. מיר דערשאצנ נאָכ אלע קלאל ניט די ריכטיקע האנאָכע, אז „סייַ קינדער,

סײַ גרויסע זײַנען אַלצײַנס מעסוגל צו ברויכן אַפילע פּינקטלעכע וואָרט־פֿאָרמולעס אָפּן סאַמע מעטושטעשן און אומקלאָרן אויפן״.

ג) דאָס וואָרט אין אונדזער בילד־אַנשטאַלט איז נאָך גאַנץ אָפּט אַ וואָרט פֿאַר זיך און ניט דער רעאַלער אויסדרוק פֿון מאַמאָשעסדיקע זאַכן און פּראָצעסן, וואָס מיר האָבן מיט זיי צו טון, ניט צו זאָגן בלויז. דאָס ווערבאַליסטישע אין אונדזער בילד־אַנשטאַלט האָט נאָך ווײַט ניט אָפּגעגעבן די פּאָזיציעס, — ברענגט אַזוינס צו וואָרטנעפּל, צו פאַקטן, וואָס קלינגען אַנעקדאָטיש, ווען „קאָנווייער איז וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעט״ און „טראַנסמיסיע איז, ווײַזט אויס, טראַנספּאָרטנע קאָמיסיע״.

ד) סע פֿעלט נאָך דאָ אַדײַעם אויס אַ סיסטעם פֿון אַרבעט אַף עכטער שפּראַך־קולטור. ס׳הערשט נאָך דעריקער גראַמאַטיק אין אויסגעשפּראָכן־פֿאָרמאַליסטישן אַספּעקט.

קאָנקרעטע בײַשפּילן צו אָט די האַנאָכעס וועגן דער שפּראַך פֿון אונדזער לערן־יוגנט ברענגען מיר ווײַטער אין פֿאַרשיידענע קאַפּיטלען פֿון בוך („שפּראַכמיש״, „פֿאַראָנימען״ א. א. וו.).

אַזוי אַרום שטייט דאָ אויך שאַרף די פֿראַגע וועגן רעווידיר־אַרבעטן אַף סעמאַנטיזאַציע, לעקסישע ווערטערביכער פֿון קאָמפּליצירטערן שניט, צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט פֿון העכערן טיפּ. און העלפֿן וועט עס צו הייבן די סאָציאַלע גילטיקײַט פֿון וואָרט און באַגריף, וואָס ברענגט צו אָפֿנעמען ריכטיק און קלאָר די אידיי פֿון אונדזער גרויסער צײַט.

III. איבעריקע רייד

צוגעוווינען קלאָר און גענוי אָפֿנעמען דאָס וואָרט — הייסט אָפּגעוווינען פֿון איבעריקע רייד. איבעריק זײַנען סטאַם־איבערכאַזערונגען און ווערטער־פּאַראַזיטן, אָנשטאָט דעם געפּרעסטן און נייטיקן וואָרט. אָט רעדן שאָלעם־אַלייכעמישע פּאַרשוינען:

„די היסטאָריע פֿון דער געשיכטע איז אַזאַ מײַסע: אַליין בין איך אַ מעזורעצשער פֿון מעזורעטש. אַ נוילעד בין איך, דאָס הייסט, אַ געבאָרענער, ווי מע זאָגט, אַ מאַזעפּעווקער, אַ ניכטעוו, אַ צוגע־שריבענער הייסט עס, אַ וואָראָטילאָווקער, דאָס הייסט אַמאָל בין איך, נישט הײַנט געדאַכט, געזעסן אין וואָראָטילאָווקע, בין איך, נאָר הײַנט בין איך אין מעזורעטש...״ („פּרי זיוור״).

„פֿאַרגעס ניט, זינאָ, דאָס, אַז דו האָסט זיך פּאָפּאַדיעט צווישן מעיוכאָסים, איידעלע לײַט, וואָס דו ביסט ניט ווערט זייער דאָס... זייער פּאָדעשווע. צווישן איידעלע לײַט וועסטו זיך אויך אַמאָל אויסיידלען, מאַכמעס דו ביסט נאָך דערווײַל אַ דאָס... עס איז ניטאָ קיין ערגערס אַף דער וועלט פֿון אַ דאָס... און מעקויעך געלט, פֿאַרנאָסע, האָסטו ניט וואָס צו זאָרגן, מאַכמעס דו האָסט נאָך אַ דאָס... אַ געצונטן טאַטן...״ („קינדער־שפּיל״).

די טאַווטאַלאָגיזירטע באַרעדעוודיקײַט און פּאַראַזיטישער „דאָס״־לאָשן נעמען זיך באַם פּרימיטיוון ריידער (און באַם קינד) פֿון ניט האָבן דאָס נייטיקע וואָרט און די באַטרעפֿיקע אויסדרוק־מעגלעכקײַטן.

ס׳קלינגט אַנעקדאָטיש דער בײַשפּיל, וואָס אַ רוסישער לערער ברענגט וועגן אַ שול־פֿאַרזאַמלונג. אין אַ פּאָרטראַג וועגן דער אַרבעט פֿון שולקאָם איז אַף 1200

ווערטער געווען 500 באמערק־ווערטער. אינ די דעבאטנ וועגנ באריכט זאָגט זיכ איינער ארויס:

Тт. мы видели дескать, значит, например, насколько сложна работа учкома.

איינער א פּיאָנער גיט צו:

Учком вот чаво, не привлекает, вот чаво ребят, желающих работать в комиссиях, вот именно.

וויפל ארײַנשטעל־ווערטער („הייסט עס", „פארשטייט זיכ", „לאָמיר זאָגנ", „אזוי צו זאָגנ", „איז אָט", „נו", הם... אָ...), איבערכאזערונגענ און גלאט איבעריקע רייד וואָלטנ מיר געקענט אויסמײַדנ בא זיכ און בא די קינדער, וואָס ווערנ פונ אונדז באווירקט, ווענ מיר זאָלנ נאָר ווי געהעריק אכט לייגנ דערופ? שפּאָרעוודיקײַט (אָבער ניט קאמצאָנעס) פונ רייד און רייד־פארשפּאָרונג ווו מע דארפ ניט [1] איז דאָכ אָפּטמאָל אויכ מער אויסדריקלעכקײַט אינ רייד.

מע דארפ אכט לייגנ אפ פרעסנ די רייד דאָרט, ווו אזא שפּאָרעוודיקײַט איז נייטיק.

האָט זיכ דער סאנקאָמ פארנומענ מיט ד ע ר א ר ב ע ט א פ צ ו שאפנ אנ אייגנ אפּטייקל.

מיר האָבנ אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג אָנגענומענ א רעזאָליוציע, אינ וועלכער סע ווערט ג ע ז א ג ט, אז די פּיאָנערנ־מאכנע...

א העלפט פ ו נ די קינדער... [2]

באזונדערס דארפ מענ זיכ פארנעמענ מיט דער נייגונג פונ די קינדער צו איבערכאזערנ איינארטיק סינטאגמעס און רייד־שטיקער, וואָס פארקריפּלענ שוינ אײַנוועגס דעם געדאנקענ־אויסלייג אינגאנצנ:

האָבנ איצט די שכיינעס אָנגענומענ נאָכ וואסער, זיי האָבנ מוירע געהאט, טאָמער וועט מענ פארמאכנ די וואסער, וועלנ זיי ניט האָבנ קיינ וואסער, און די וואסער איז געגאנגענ א גאנצנ טאָג... (2 גר.).

סע געפעלט מיר דערפאר זײַנ אנ ארבעטער, דערפאר, וואָס זיי לעבנ ניט מיט דעם, וואָס יענער ארבעט אפ זיי, נאָר זיי לעבנ דערפונ, וואָס זיי מיט זייער ארבעטער־ענערגיע ארבעטנ מיט זייער קויעכ... (4 גר.).

א לערערנ געפעלט מיר זייער גוט צו זײַנ, דערפאר וויל איכ זײַנ א לערערנ, נאָר מע דארפ זיכ זייער אסאכ לערנענ צו זײַנ א לערערנ. נאָר כ'וויל זײַנ... (4 גר.).

ווילט איר, קענ ער אזוי שיינ זינגענ, מיט זײַנ זינגענ ווערט אײַער אופמערקזאמקײַט אָנגעשטרענגט אפ זײַנ זינגענ... (6 גר.).

איכ שטרעב צו וויסנ די ייִדישע שפראכ, און איכ מיינ, אז כ'וועל באהערשנ די ייִדישע שפראכ. כ'וועל ענדיקנ די שול, קענענ גוט די ייִדישע שפראכ, און זײַנ אמאָל אויכ א לערער, און קענענ גוט די ייִדישע שפראכ... (6 גר.) [3].

און אגעפ שוינ אָט־וואָס. מע דארפ זענ באקעמפנ סטאם איבערכאזערונגענ און טאווטאלאָגיזמענ אפנ ארט: „אפ זײַנ „אר" האָט א ווילדער עכאָ, ווי א ווידערקאָל אָפּגעקלונגענ", „מיר באמערקנ אינ מענדעלעס שרײַבערישער אנטוויקלונג אנ עוואָליוציע..." מע דארפ אָבער וויסנ, אז איבערכאזערונג אפנ אָרט און צו דער זאכ קומט אָפּטמאָל שטארקער צו באטאָנענ, ניואנסירנ.

---

[1] וואָס זאָל ברענגענ אשטייגער צו אזא „אומגעפּאסטע" צונויפּפּאסונג: „ס'זײַנענ געווענ באגריסונגענ פונ דער ארמיי, וואָס היט אָפּ דאָס לאנד פונ פּײַנט, פונ לערער און פונ סטודענטנ"...

[2] מע קענ זיכ באגיינ דאָ אָנעמ אונטערגעשטראָכענעמ.

[3] ס'איז בײַשפּילנ פונ שטאָטישע און שטעטלשע שול־ארבעטנ, וואָס כ'וואָלט זיי געקענט ברענגענ נאָכ אסאכ.

רעדנער, אונ מענטשנ קלאל ניט פונ פראזע אונ סטאמ־רייד, אזוינע מענטשנ ווי לעניג, אשטייגער, האָבנ ליב פאראלעליש צו אמפליפיצירנ זייערע רייד, איבערכאזורנדיק אָפטמאָל ניט נאָר אפ א פארשיידענעמ אויפנ, נאָר איבערכאזורנדיק איינס אונ דאָסזעלבע, ווענ עס איז נאָר וויכטיק באזונדערס עפעס צו באטאָנענ אונ וואָס ווירקעוודיקער מאכנ אָט די באטאָנונג.

„די פאָליטיק הייבט זיכ אָנ דאָרטנ, ווו מיליאָנענ זײַנענ, ניט ווו טויזנטער, נאָר ווו מיליאָנענ זײַנענ,—
דאָרט הייבט זיכ אָנ ערנסטע פאָליטיק...” (לעניג).

„ניטאָ קיינ מיט! די דערפארונג האָט באוויזנ, אז קיינ מיט איז ניטאָ. אָדער די גאנצע מאכט די
ראטנ, אָדער... ניטאָ קיינ מיט!..” (לעניג) [1].

בא דער ארבעט אפ ליטעראטור וועט אויכ אויסקומענ בעהאדראָגע אָפמערקנ די ליטעראריש־שילדערנדיקע איבערכאזערונג אונ געשטאלטלעכע ווארייִרונג: עקספרעסיווע ווענדונג [2]) ריטמישע פארלאנגזאמונג [3]), פארגיכערונג [4]), באפוצנדיקע אונ באטאָנענדיקע אנאפאָריש־עפיפאָרישע דערשײַנונגענ [5]), קאָמיזמ [6]) א. אנד.

אינ די ייִנגערע גרופעס דארפ די ארבעט אפ וואָרט־צימצעמ (אונ אפ וואָרט־פארברייטערונג צומ אָרט) פאָרקומענ, אגעפ, בא רייד, בעשאס סטיליסטיש־שריפטלעכער אויסבעסערונג. אינ די עלטערע גרופעס (ווי אפ מער העכערער שול־שטופע

---

[1]) אגעפ, טיילווײַזע אכטגעבונגענ אפ רעדנער־סטיל (אינ צווייטנ קאָנצענטער אונ ווײַטער) זײַנענ שטארק געוווּנטשנ. מיר ברענגענ עס פונ מאָל צו מאָל.

[2]) ... „קינדער, קינדער, טײַערע קונדייסימ...” „יוגנט, יוגנט, דורכזיכטיקע יוגנט...” (כאריק, „מיט לײַב אונ לעבנ”).

[3]) „וויאָרסטנ אונ וויאָרסטנ אונ וויאָרסטנ אונ ווידער”... (דאָרטנ), „עס שליאָפעט דאָס פערדל אינ בלאָטע אונ שליאָפעט, דער הימל האלט אונטער אונ קאפעט אונ קאפעט...” (פערעצ, „באלעגאָלע”).

[4]) „שפאנט, ברידער, שפאנט די פערד, לאָמיר גיכער פאָרנ, פאָרנ, דעריאָגנ די יוגנט יאָרנ”... (פאָלקליד). „א דײַגע אונדז, א דײַגע איצט,— מיר דארפנ איצטער לויפנ אונ ס'שלאָגט א האס, אונ ס'שלאָגט א היצ אינ הארצ אונ אינ די שלייפנ... (כאריק, „מיט לײַב אונ לעבנ”).

5) „רווישכוידעש עלול, אינ א דינסטיקדיקנ טאָג, דינסטיקדיקנ טאָג אפ שפיטאָלנע גאס איז א יאָמער מיט א קלאָג, מיט א קלאָג: מע האָט געהאנגענ צוויי ברידער פונ איינ מאמענ אינ איינ טאָג, ס'איז א יאָמער מיט א קלאָג”... (פאָלקליד). ביקלאל דער פאָלקלאָרישער געבײַ, ווו דעמ געזאנג הייבט אָנ איינער אונ דער כאָר כאפט אונטער, כאראקטעריסטיש פארנ מאָדערנעמ „פראָסטנ” ליד (פעפער א. א.).

„קעמפנ פאר קאָמוניזמ הייסט קעמפנ דערפאר, אז מע זאָל מיט געמיינזאמע אָנשטרענגונגענ ארויס קעגנ די פײַנטלעכע נאטור־קויכעס, בייטנדיק זיי צו דינענ דעמ מענטשנ. קעמפנ פאר קאָמוניזמ הייסט קעמפנ דערפאר, אז סע זאָלנ ניט זײַנ קיינ מענוואָלימ־גווירימ, וואָס האלטנ פארשקלאָפט הונדערטער מיליאָנענ קנעכט. קעמפנ פארנ קאָמוניזמ הייסט קעמפנ דערפאר, אז סע זאָלנ ניט זײַנ קיינ גרענעצנ צווישנ פעלקער, סע זאָל זײַנ איינ־איינ־קע מענטשהײַט, איינ אלמענטשלעכע פעלקער־פאמיליע—דער איינציקער באלעבאָס אפ דער ערד. קעמפנ פארנ קאָמוניזמ הייסט קעמפנ פאר דער גרויסער טעכניק, פאר קולטור, פאר שאָלעמ אונ ברידערלעכקײַט, פאר אויס מילכאָמע, פאר עמעסער פרײַהײַט. אָט וואָס סע הייסט קעמפנ פארנ קאָמוניזמ...” (בוכארינ).

6) „קאָלענקאָר אונ קנעפלעכ אונ העקלעכ אונ בערשטלעכ, אונ גאז, אונ נאָכאמאָל קאָלענקאָר אונ סטעקלארוסנ אונ פראָשוועס אונ טאשמעס אונ שפיצלעכ, אונ ווידער אמאָל קאָלענקאָר אונ סאמעט, זײַד אונ מארליע אונ שפילקעס, אונ ווײַטער אמאָל קאָלענקאָר אונ ריוש אונ פוליאר אונ פערדלעכ אונ מאנטשעסטער, אונ אָבער אמאָל קאָלענקאָר.. (שאָלעמ־אליײכעמ „ווארעמבעדער”. כײַע־עטלס מאנ מעקויעכ דער פרויס כעשבוינעס).

ביקלאַל) פירט מען שוין אַזאַ אַרבעט מערער סיסטעמאַטיש און מע פּראַקטיקירט אַ רײַ ספּעציִעלע אױפגעבונגען אַלגעמײן־סטיליסטישע און פּאָעטיש־סטיליסטישע: פעסטשטעלן פלעאָנאַזמען און טאַװטאָלאָגיע, אױסדריקן עס קירצער, אַכטגעבן קינסט־לערישע װאַריִרונג א. אַנד.

IV. שפּראַכמיש

זשאַרגאָניזאַציע

עס פעלט בא אונדז אָפטמאָל די געהעריקע יִדיש־שפּראַכלעכע סװיװע. האָט עס אַ שלעכטע פּולע אַף דער קולטור פון „אונדזער װאָרט", שטערט עס זײער אָפט צו פורעמען און פאַרפּײַנערן דאָס נאַטירלעכע יִדיש־רעדן.

זשאַרגאָניזירונג איז פאַרשפּרײט אין אונדזער אומגאַנג, אין שול. מע װײַזט בא אונדז אָן דערױף די גאַנצע צײַט, עס באַטאָנען עס אַלעמאָל אונדזערע קולט־ און בילדונג־קאָנפערענצן אַף אײן און דעמזעלבן שטײגער: „ניט געקוקט אַף דעם בעקאָװעדיקן אָרט, װאָס די מוטערשפּראַך פאַרנעמט בא אונדז אין שול, איז די שפּראַך־קענעװדיקײַט, באַזונדערס די שריפט־קענעװדיקײַט אין אונדזער שול זײער אַ קלײנע. די שפּראַך איז אָנגעזעטיקט מיט רוסיזמען און אוקראַיִניזמען, דער זאַץ־בױ איז אַן איבערגעזעצטער... דעם קינדס שפּראַך דאַרף אָפּגערײניקט װערן פון שפּראַכלעכע „װילדגראָזן", מע דאַרף אָנעמען אַ רײַ פּראָפילאַקטישע מיטלען, װאָס זאָלן פאַר־גרינגערן דעם קינד אױפצונעמען די שפּראַך..." [1]).

„די שפּראַכפראַגע דאַרף איצט אױעקגעשטעלט װערן שאַרף, װײַל אונדזער פּאַרעװע באַציִונג ברענגט צו שעדלעכע רעזולטאַטן: „כאָצי יִדיש פּאָלאָװינע רוסיש" איז אַ טאָגטעגלעכע דערשײַנונג אין אונדזער שול. ס'הערשט אַ גװאַלטיקע אומקולטור־רעלקײַט אין דעם זין [2]).

אָט האָט איר אײַך אַ קלענערן פאַרשפּרײטסטן צעטל פון אַ פּריש בינטל שילע־רישע און סטודענטישע העפטן (פון שטאָט, שטעטל, דאָרף), װאָס ליגן אָקאָרשט פאַר מיר:

1) זריװ (אױפרײַס). פּערעסעלענצעס. סעלסאָװעט. סיראָװאַרניע. מאַיאַק. װאָזשאַטי. מײַסטעריעס (אוקר.־װאַרשטאַטן). זאַװעדױשטשי. אוטשיטעלקע, קאַקראַז (פּונקט). פון אָדראַזע (פון לעכאַטכילע). אַלפּאַװיט. פּאַראַכאָד. קירפּיטש. זאַטשאָט. טשלען סאָיוז. אוטשאָט. איזאָברעטאַטעל. פּאָלוטשען זשאַלאָ־װאַניע. סלוזשאַשטשי. פּוטעשעסטװעניק א. אַ.

2) פאַרזאָגער (באַשטעלער). פּאַנאַנדערקוקן (באַטראַכטן). איבערשרײַבונג (צײלונג). איבערפירן (איבערזעצן). דערפּאַרונג (עקספּערימענט). פאַרהערן (заслушать). צעקלאַפּן (разбить) אַף קרײַזלעך. צונױפשטעלן זיך (באַשטײן). איבערגעבונג (преподавание). אין זײַן געזיכט (אין באַטײַט в его лице мы видим). געלאָזט אין כאָד. דאָס שװערסטע איז נאָך אַנקעגן (שטײט נאָך פאָר) א. אַ.

פיל און פול זײַנען דערמיט די אַרבעטן פון שטעטל, דאָרף, װער שמועסט שױן פון שטאָט און פון אַזאַ שטאָט װי אָדעס, װוּ די טיפּישסטע אַרבעט פון אַ מאָל־דאַװאַנקע אַפּילע (יִדיש באַפעלקערטע און יִדיש־רעדנדיקע אָדעסער פאָרשטאָט) איז אַזאַ (III גר.):

[1]) זע „קאַמענעצער קרײַזישע קולטור־קאָנפערענץ". „ראַטנבילדונג" 9, 1929.

[2]) ש. בריאַנסקי — שול־רעזשים אין דער פּראַקטיק. „ראַטנבילדונג" 11, 1929.

אפֿ באָלגאַרסקע (גאַס) האָב איך געזען, ווי מע האָט דערהאַרגעט א זשענשטשינע. איז מען געקומען פֿון גובראָזיסק מיט א אישטשייקע. די אישטשייקע האָט געגעבן א שמעק און זיך געלאָזט פּאָסלעדאַם. אין צוויי וואָכן אַרום האָט זיך אָקאַזעוועט, אַז דער פּאָטער האָט דערהאַרגעט די זשענשטשינע. געקומען צו פּאָרנ א פּורנאָנ און האָט צוגענומען די טולאָווישטשע.

דער פּאָלקאָמבילד פֿון אוקראַינע זוכט לעקטאָרנ פֿאַר ניי־פּאָלטאַווקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכנ טעכניקום, וואָס מע קען זיי „פֿאָרשטעלנ א וויגונג" (מעלדונג אין כאַרקאָווער שטערנ"), און דער טעכניקום גופֿע מאַכט אופֿמערקזאַם אין אַן אופֿנאַם־מעלדונג, אַז מע דאַרף צושטעלנ יעדיִעס וועגנ דער „באַציִונג" צו מיליטער־דינסט (מעלדונג אין „שטערנ" און „עמעס").

מיש־שפּראַך און זשאַרגאָנ הערשט זייער אָפֿט אין טערמינ, אין פֿאָרמולירונג פֿון לערער. די קינדער דאַרפֿנ מער ניט. „שפּראַכריינקייט", אייגנטימלעך־נאַטירלעך לאָשנ דאַרף ווערנ באַ אונדז אַנ אַקטועלע זאַך באַ דער אַרבעט אפֿנ וואָרט אין שול. שפּראַכריינקייט ניט צוליב אַרופֿגעצויגענעם און אָנגעצויגענעם פּוריזם, נאָר ריינקייט פֿון וואָרטיקנ מישמאַש, פֿון מיסטיקע ריידאַרטנ, וואָס שטימענ ניט מיט דער לעקסיקאָלאָגישער סטרוקטור, מיט דער סטיליסטישער נאַטור פֿון ייִדיש. מע דאַרף דערופֿ לייגנ אַכט באַזונדערס איצט, ווענ ייִדיש נעמט זיך אָנ מיט בלוט און פֿלייש פֿון נייער וואָרט־בילדונג, פֿון נייעם אויסדרוק. מע דאַרף אופֿציִענ כוש פֿאַרנ נאַטירלעכנ ריידאַרט, וואָס זאָל אופֿהייבנ די קולטור פֿון אייגענע רייד און שטויסנ צו אָט דער קולטור, — דאָס וועט ביקלאַל וועקנ די וואָרטשעפֿערישע און וואָרטבילדערישע מעגלעכקייטנ פֿון קליינוואַרג און יונגוואַרג.

קלאָר, אַז ניט פֿון וואָסער ניט איז פּוריזם רעדט זיך דאָ. ביקלאַל איז פּוריזם דער דראַנג צו „ריינהאַלטנ" די שפּראַך מיט וואָרט־מאַטעריאַל און וואָרטפֿאָרמעס, וואָס איז „אייגנטימלעך" בלויז פֿאַר איר, פֿאַר אָט דער שפּראַך. אָבער דאָ איז אַלעמאָל געווענ און ס'איז פֿאַראַנ געניג אָרט פֿאַר סוביעקטיוו־קלאַסעווער איינשטעלונג און „דערהויבענעם" געשמאַק פֿון א „העכערנ" (בורזשואַזנ, אשטייגער,) שיכט, וואָס וויל זיך אָפּצאַמענ פֿון „האַמוינישנ" צי פֿון „פֿרעמדנ" שפּראַך־עלעמענט. קלאָר, אַז מיר זיינענ וייט דערפֿונ. נאָר די סעמאַנטישע סטאַבילקייט און מעגלעכע פֿאַריינהייטלעכונג פֿון איינ זייט, ווי דאָס „באַרבאַריש" נייע פֿון דער אַנדערער זייט מוז דאָך פֿאָרט וויטמעגלעך שטימענ און צונויפֿאַלנ מיט דעם „גאַנג" פֿון דער שפּראַך „אינ אַלגעמיינ און אינגאַנצנ" גענומענ, ווייל עס מאַכט סאָציִאַל־גילטיקער די שפּראַך אַלס אויסדרוק־מיטל, אַלס געווער פֿאַרנ ברייטסטנ פֿאַרקער און אָנווענד.

אָט האָט מענ נאָך אינ 1924 יאָר ערגעצ־ווו געפּריידיקט צו אָנפּיקעווענ ייִדיש מיט „יאַטשייקע", „כאָזייסטוועניק" א. א. כ' ליטוואַקאָוו איז דאַנ שאַרף אַרויסגעטראָטנ קעגנ אַזאַ רוסיזאַציע־טעאָריע, אַלס קלוימערשטיקע אינטערנאַציִאָנאַליזאַציע אינ דער שפּראַך־פֿראַגע. „מיר פֿאַרמעסטנ זיך ניט בלויז אפֿ א צייטונג־קולטור — מיר האָבנ שוינ און וועלנ האָבנ א רייכע שפּראַך־קולטור: בעלעטריסטיק, דיכטונג, קונסט, וויסנשאַפֿטלעכע פּובליציסטיק. דידאָזיקע אַלע געביטנ זייַנענ צווישנ זיך אָרגאַניש פֿאַרבונדנ... אַז ניט, וועט צווישנ דער שפּראַך פֿון אונדזער לעבעדיקער געזעלשאַפֿטלעכקייט און דער שפּראַך פֿון אונדזער דיכטונג פֿאַרבלייבנ די אַלטע מעכיצע. ווי איז געווענ אַמאָל? דער אַרבעטער האָט געקעמפֿט, האָט אָנגעשטרענגט געשאַפֿנ נייע דערשיינונגענ און ווערטנ, וואָס פֿלעגנ באַלד איבערגעגאָסנ ווערנ

אין א נײַער פרישער שפּראַך, איז ער אָבער געקומען אַהיים — האָט ער זיך דערפילט פרײַ פון זײַנע קאמף־מאלבושים און פלעג זיך „אָפּרוען" אף זײַן אלטן „מאמע־לאָשן" און „טאטע־מאמע"־שטייגער... איז וואָס וועט שילדערן די ליטעראַטור, די דיכטונג — דעם „כאָזײַסטוועניק", די „יאטשייקע" א. א. וו. שוין־זשע קענען און דארפן דידאָ־זיקע און ענלעכע ווערטער ארײַנגיין אין א קינדער־כרעסטאָמאטיע, אין דער דיכטונג א. א. וו.? און אין טעאטער? שוין־זשע וועלן מיר רעסטאווירן די „מארקוס"־שפּראַך (לויט דער „קישעפמאכערן), נאָר שוין אין א רוסישער טראנסקריפּציע? און ווי קען א וואָרט בלײַבן אין דער שפּראַך איזאָלירט, אָפּגעריסן פון זײַן שוירעש, פון אלע דעקלינאציעס און פארצווײַגונגען? באנוצט מען דאָס וואָרט „כאָזײַסט־וועניק", מוז מען סאָפּקאָלסאָפּ קומען צום וואָרט „כאָזײַסטווע" א. א. וו. — ווי ווערט אויסזען אין לעצטן סאכאקל אונדזער שפּראַך"[1].

און איצט האָבן מיר א נײַעם גילגל פון יענער טעאָריע, אין לינגוויסטיש־וויסנשאפטלעכן שלייער געפּאסט, וואָס דער שפּיץ אירער איז, אז „מיר שטייען, קען זײַן, פאר אן אָנהייב פון א נײַער יידישער שפּראַך, יידיש־רוסישער, פּאראלעל מיט דער יידיש־דײַטשישער, וואָס האָט זיך געשאפן מיט עטלעכע יאָרהונדערטער צוריק"[2].

דער כ' זארעצקי ווײַזט, עמעס, אליין אוף אף א פּאָר „קלייניקײַטן", וואָס מאכן אביסל קאָשע זײַן נײַעם „פּראָגנאָז". „די פראגע ווערט נאָך פארקאָמפּליצירט דורך דעם, וואָס כוץ אָדער אָנשטאָט רוסיזמען זײַנען אין דער יידישער שפּראַך פון אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד פארשפּרייט אוקראַיניזמען און ווײַסרוסיזמען", און ווידער אזא „קלייני־קײַט", ווי פארהיטן די גילטיקײַט פון דער שפּראַך „פאר דער יידיש־לייענדיקער באפעל־קערונג אין פארשיידענע לענדער (אמעריקע, פּוילן א. א.)". קלאָר איז אים אויך, אז „די ליטעראַרישע שפּראַך מוז שטיין העכער, ווי די גערעדטע שפּראַך". און נאָך אָט־וואָס סע קלאָר און מע טאָר עס ניט פארזען: א) אדאנק די קולטור־באדערפענישן פון די יידישע מאסן וואקסט אלץ די בילדונג־נעץ, די צאָל אנשטאלטן אף יידיש, און אף יידיש גיט פון דעם שניט, ווי עס מאָלט זיך דעם כ' זארעצקי, נאָר אזא, וואָס קומט אוף פון אינערלעכער געזעצמעסיקײַט (מיט גערמאנישן מאָקער אין גרונט). ב) די שפּראַך פון יידישן ארבעטער, פּויער, האָרעפּאשניק, ארבעט־אינטעליגענץ, ארויסגעהויבן און אויסגעוואקסן אין רעוואָליוציע, ציט זיך איצט אלץ זיכערער צו קולטורעלער הייך, און קולטורעלע הייך פון א שפּראַך הייסט סעמאנטיש־פארייניקײַט־לעכע שפּראַך (לויט די ווײַטער אָנגעמערקטע גרונט־טענדענצן), ווײַל בלויז אזא שפּראַך איז גילטיק אלס סאָציאַל־קלאסעווער ווערקגעצײַג, איז ווירקעוודיק אלס מיטל פון פארקער, פון בויונג, פון קולטור־רעוואָליוציע.

ס'איז דאָ קעדײַ צו אופמישן א פּאָר בײַשפּילן „פון אמאָל".

1. א) א שטיין מיר אראָפּגעוואליעט פון הארצן. אראָפּ.
ב י ס ט ר ע טײַכן. פליצנדיקע.
ד אָ ס ט א וו ע ן. צושטעלן.
נ א ז נ א ט ש ע ט. באשטימט.
ס ט ר אָ ג ע. שטרענג.
א ו פ ר י א ז ש. געשפאן.

ב) פּ אָ ר אָ ד ע ס. מ י נ י ם.
פּ ר י ג ל א ש ע ן. אײַנלאדן.
אָ פּ א ס נ ע. געפערלעך.
אָ ס ט אָ ר אָ ז ש נ ע. פאָרזיכטיק.
ס אָ ס ל אָ וו י ע ס שטאנדן

[1] מ. ליטוואקאָוו. „אין אומרו" 2־טער ב.
[2] א. זארעצקי. לינגוואָטעכנישע פּראָבלעמען. „יידישע שפּראַך" 1, 1930.

א — איז לויט דרײַ אויסגאבעס פון מענדעלעס „קליאטשע" (1872, 1888, 1913). אין דער צווייטער אויסגאבע פון „קליאטשע" מיט 77 סלאוויזמען ווייניקער (אָדער אויסגעטײַטשט) ווי אין דער ערשטער, אין דער דריטער — נאָך ווייניקער[1]). ב — איז פון מענדעלעס „טאקסע": דאָס ערשטע פון אויסגאבע 1872, דאָס צווייטע — יובילײ־אויסגאבע.

פול מיט אזא זשארגאָניזאציע פון אומגאנג איז די עלטערע ליטעראטור צו יענער צײַט, ווען דער מאָדערנער יידיש האָט נאָך געהאלטן אין פורעמען זיך און ליטעראריש זיך אויסשיילן. און מיר מערקן דאן א „רייניקונג"־ארבעט פון אויסגאבע צו אויסגאבע, א בעהאדראָגיקן נאטירלעכן אָפּקלײַב פון דעם לעבנפעיקן אין דער שפּראך. אזוי האָט מענדעלע (ווי אייניקע אנדערע פון די עלטערע קינסטלער) פון אויסגאבע צו אויסגאבע „גערייניקט" זײַן ווערק פון „בארבאריזמען". מענדעלע האָט דאן געפורעמט די שפּראך, געשאפן זײַן ליטעראַרישן „נוסעך". צווישן איבעריקן האָט ער דאָ פאר זיך געהאט די גרויסע אופגאבע סטיליסטיש און סעמאנטיש צו פארייניהײַטלעכן און בארײַכערן די אלץ וואקסנדיקע ליטעראטור־שפּראך, זיך האלטנדיק ביקלאל בא דער לעקסיקאָלאָגישער נאטור און סטרוקטור פון דער עכטערער מאסן־שפּראך און איר וואָרט־פארמאָג, האגאם ער ציטערט קלאל ניט פאר קיין אײַנגעבירגערטע „פרעמדווערטער" און איז ניט קיין פוריסטישער מעטאפיזיקער.

2. דעם „בארבארישן" דײַטשמעריש־עלעמענט טרעפן מיר אלעמאָל אין דער מאסקילישער ליטעראטור. גערמאניזמען טרעפן מיר אויך אין דער לעקסיק פון דער עלטערער אגיטיר־ליטעראטור, בא די עלטערע יידישע ארבעטער־דיכטער (ווינטשעווסקי, באָווּשאָווער, עדעלשטאט), וואָס זײַנען פון האסקאָלע געקומען, נאָר וואָס האָבן דאָ דערהויפּט ארײַנגעבראכט פון באטרעפיקן מארקסיסטישן און רעוואָליוציאָנערן קוואל ביקלאל נײַע סאָציאַל־וועלטלעכע באגריפן אפן כעשבן פונעם העברעישן קאנאָן, וואָס איז געווען ווײַטער פאר די מאסן, איידער דער נעענטערער גערמאנישער קוואל. די אופגעקומענע ארבעטער־באוועגונג האָט די ערשטע גענומען ארײַנברענגען גאָר נײַע באגריפן און ווערטער פון פּראָלעטאַרישן באוווסטזײַן און קלאסנקאמף. און אין דער ערשטער אגיטיר־ליטעראטור טרעפן מיר דעם לעקסיקאָן פון אָט דעם גערמאנישן מאָקער (טיילווײַז אויך פון די ארומיקע סלאַווישע שפּראכן).

פּראָלעטאריער אלער לענדער פארייניגט אײַך.

צו אללע סמאָרגאָנער ארבעטער און ארבעטערינען.

גענאָססען! מיט דעם שטרײַק און מיט דיא דעמאָנסטראציאָן וואָס עס איז פּאָרגיקומען האָט דער סמאָרגאָנער פּראָלעטאריאַט ביוויזן דײַטלעך... ער האָט אָפן און דרייסט פּראָטעסטירט געגען די בלוטיגע ראספּראווע מיט דיא פּעטערסבורגער גענאָססען, ער האָט אָפן אביאווּעט... די קלאסנגעגנזעטצע אין דער... דער פּראָלעטאריאט מוז איבעראל און אימער אונטערשטרײַכן...

עס לעבע די סאָלידאריטעט! עס לעבע!..[2])

[1]) זעט וועגן דעם „סלאוויזמען בא מענדעלען" פון כ. קוויטבי אין יידישע שפּראך" 4 און 7 פאר 1927.

[2]) פון א העקטאָגראפירטער פּראָקלאמאציע, ארויסגעגעבן פון דער סמארגאָנער ר. ס. ד. א. פּ. נאָך די יאנוואר־טעג 1905. „רויטע בלעטער", מינסק 1929.

ווײַסנבערג דערצײלט, וויאַזוי

„מע שטײט איבער טיש און בענק, אײנער אַפנ אַנדערנ, אײנער איבערנ אַנדערנ, איבער די קעפּ און איבער די אַקסלענ, מע כאַפּט זיכ אינ דער לופטנ, און יעקל סטאָליער הײבט אופ די פּראָקלאַמאַציע צום לאָמפּ:

— גענאָססענ און גענאָססינענ!

— פּאַרטײַטש!— רופט איטשעלע.

— כאַווײרימ און כאַווערטעס...— ענטפערט יעקל[1]).

מיט דער צײַט האָט ייִדיש, געוויינטלעכ, אַסימילירט און פּאַר אײגענע געמאַכט פיל אַזוינע „פרעמדע" ווערטער, אָבער אויכ אָפּגעוואָרפנ די „גענאָססענ" מיט די „קאַמעראַדנ" (אַלע מאָל באַ עדעלשטאַטנ), פאַרביטנ פיל אַזוינע ווערטער (א מינ דעמאָלטיקער שפּראַכ־קאַנאָנ) מיט נעענטערנ און מער אָנגעמאָסטענעמ וואָרט־מאַטעריאַל, אַפּ וויפל ס'האָט זיכ אַנטוויקלט די אַרבעטער־באַוועגונג, ס'איז געוואַקסנ דער קולטור־צושטאַנד, מעמײלע אויכ די קולטור־שפּראַכ פונ ייִדישנ אַרבעטער און מאַסנ־מענטשנ, ס'איז אופגעקומענ די נײַע רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור אַפּ ייִדיש.

שפּראַכמיש—א נאָר־מאַלע און געזעצמע־סיקע דערשײַנונג.

פונ שפּראַכמיש אַלס זשאַרגאָניזירונג און קוידערוועלש דאַרפ מענ גוט אונטערשײדנ די נאַטירלעכ און געשיכטלעכ אופגעקומענע שפּראַכמישונג ביקלאַל. אינ יעדער שפּראַכ, אינ איר לעקסיק און פאָרמעלער סטרוקטור לעבט א נ אָ ר מ אַ ל ע, ג ע ז ע צ מ ע־ס י ק ע שפּראַכמישונג. די „נײַע" שפּראַכנ ווערנ באַווירקט פונ די קלאַסישע און ווירקנ אײנס אַפּס אַנדערע. אינ פּראָצעס פונ פּאָליטישע און סאָציאַל־קולטורעלע באַציִונגענ באַווירקנ שטאַרקערע שפּראַכנ די שוואַכערע און פאַרקערט,—פאַרנעמענדיק און צונעמענדיק קומט אויכ אויס איבערצונעמענ אַזוינע ווערטער ווי קאַוטשוק, קאַקאַאָ, קאַפע, אינדיגאָ א. אַז. וו. דאָס אַלצ קומט פאָר אַדאַנק דער הויפּט־פונקציע פונ דער שפּראַכ, דער קאָמוניקיר־פונקציע—פאַרקער, שכײנישע פאַרבינדונג, סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע באַציִונגענ.

קלאָר, אַז אויכ ייִדיש איז אופגעקומענ און האָט זיכ אַנטוויקלט אַדאַנק אַזאַ מיש־פּראָצעס.

מיר האַלטנ פאַר מעגלעכ און פאַר גאַנצ נוצלעכ אופמערקזאַמ צו מאַכנ אַפּ אָט דער שטאַרק פאַרשפּרײטער און געזעצמעסיקער שפּראַכ־דערשײַנונג. ס'איז קעדײַ צו קעגנשטעלנ און פאַרגלײַכנ די ענלעכע עלעמענטנ אינ דער אײגענער און אינ דער נאָענטער ניט־ייִדישער שפּראַכ, גוט איז עס צו טונ, ווענ די קינדער ווײסנ אָט־די ניט־ייִדישע שכײנישע שפּראַכ, בעשאַסנ דערלערנענ א צווײטע צי א דריטע שפּראַכ, וואָס סע הײבט זיכ באַ אונדז אָנ שוינ פונ די ייִנגערע גרופּעס.

מיר קענענ דאָ אונטערשײדנ אַזוינע מאָמענטנ.

1) ו ו ע ר ט ע ר־א נ אַ ל אָ ג נ.

ווערסטעט, וואַרשטאַט—אוקר. Верстат. רוס. Верстак[2]).

קאָוואַדלע—אוקר. Ковадло.

---

1) ווײַסנבערגס „א שטעטל".

2) פּויליש Varstaf.

האָרעווען—ווײַסרוסיש Гаравацъ.
רובע—אוקר. Груба, ווײַסר. Груба [1]
כמארע—אוקר. Хмара, ווײַסר. Хмара [2]
פּריקרע—אוקר. Прикро, ווײַסר. Прыкро [3]
זשוואווע—אוקר. Жвавий, ווײַסר. Жвавы [4]
פּריזבע—אוקר. Призьба.
לעוואדע—אוקר. Левада.
סטעליע—אוקר. Стеля.

אזא צעטל קען מען, פארשטייט זיך, שטארק פארגרעסערן: ייִדיש־רוסישע, ייִדיש־אוקר., ייִדיש־ווײַסרוסישע אנאלאָגן א. אז. וו.

מע נעמט די אנאלאָגן פון איין שכײנישער שפּראך, געגליכן צו דער ייִדישער. אי־בערהויפּט קען מען אזא צעטל פארמערן באם דערלערנען אין דער צווייטער שטופע דײַטש, ווו די שפּראכלעכע קרויוועשאפט איז באזונדערס אָנזיכטיק.

2) אנטלײַונגען. ס'איז ווערטער־אנטשפּרעכונגען לויט זייער גאנצער אָדער פאָרמעלער סטרוקטור, אשטייגער:

אונטער/נעמונג (Unter/nehmung)—אוקר. під/приємство
איבער/שלאָגן (די רייד)—רוסיש—Пере/бивать [5] —
אום/שטאנד (Um/stand)—רוסיש Об/стоятельство, אוקר. Об/ставини [6]
זעלבסט/שטענדיק (Selbst/ständig), רוסיש Само/стоятельный אוקר. Само/стійний
איבער/מאכן—אוקר.—Переробити [7]
פאר/זשאווערן—אוקר. Заржавити, רוסיש—За/ржаветь [8]
פאר/וויאנען—אוקר.—Завянути, רוסיש—За/вянуть [9]
וואנדערווען—אוקר.—Вандрувати, ווײַסרוסיש—Вандруваць [10]
ראָשטשינען—אוקר.—Розчинити, ווײַסר. Расчыніць

בּיקלאל איז זייער גרויס די צאָל פון אזוינע אנטלײַונגען־קאָפּירונגען (קאלקעס) [11] און ווערטער מיט אנטליִענער וואָרט־בּילדונג אין די שפּראכן. ס'איז אויך אומגעהייער גרויס די צאָל אנטליִענע רייד־ארטן, ווערטלעך, פראזעאָלאָגיע. דידאַקטיקע פּראָבּלעם איז נאָך ווייניק פאנאנדערגעארבעט [12], נאָר „אפילע באם אויבּנופיקן אכטגעבּן די נײַע שפּראכן מערקט מען אָן א שיר ענלעכקייטן, און אין זייער אָנופהערלעכער עוואָליוציע דערנעענטערן זיך אָט דידאַקטיקע שפּראכן מערער, איידער זיי דערווײַטערן זיך” (באלי).

וויפל אנאלאָגן און אנטלײַונגען זײַנען אופגעקומען אין די שפּראכן פון אונדזער לאנד (און פון אויסלאנד) אין העסקעם מיטן רעוואָליוציאָניזירן דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, אדמיניסטראטיוון, קולטורעלן שטייגער אונדזערן? בײַשפּילן קומען דאָ אליין צו דער האנט (זעט, אשטייגער, ווײַטער „אָקטיאבּער און דאָס נײַע וואָרט”). איז שטארק נייטיק אופמערקזאם צו מאכן אין שול אף אָט דעם „פּאראלעליזם פון אויסדרוק־מעגלעכקייטן, וואָס פארגרינגערט שטארק די אינטעלעקטועלע צווישנבאציִונגען און ניט געקוקט אף דער פארשיידנקײַט פון באזונדערע שפּראכן, באלעבּט עס דאָס ציר־קולירן פון אידייען און פארשטארקט דעם קאָנטאקט פון געמיינזאמען דענקען” (באלי).

---

[1]) פויליש Hruba. [2]) פויליש Chmura. [3]) פויליש Przykro. [4]) Zwawy. [5]) דײַטש—Unterbrechen.
[6]) פון דערזעלביקער קאָנסטרוקציע איז דאָס פראנצויזישע circon/stance, [7]) פויליש—przerabiac, דײַטש—umändern. [8]) ד.—verrosten. [9]) ד.—verwelken. [10]) פּ.—wendrowac. [11]) זעט אויך אין קאפיטל „ערשטע מינדלעכע רייד־אָנזאמלונג” די סלאווישע אינפאנטיליא (וואווע, זיזי—אוקר. ווײַסר. א. א.).
[12]) אין ייִדיש זעט, אשטייגער, וועגן דעם „די סלאווישע עלעמענטן און האשפּאָעס אין ייִדיש” פון ד״ר א. לאנדוי (פילאָלאָגישע שריפטן, II ב. ווילנע, 1928).

אפ אנאלאָגן, קאלקעס און אינטערנאציאָנאליזמען דארף מען לייגן גרויס אכט בא דער ארבעט אפן וואָרט. מע דארף נאָך באזונדערס אויסנוצן צוליב דעם טערמינאָלאָגיש־וויסנשאפטלעכע קאטעגאָריעס, פּאָליטעכנישע באגריפן, וואָס פארנעמען בא אונדז אלץ מערער און מערער אָרט אין דער שפּראך. א פּאָר ביישפּילן:

אנאלאָגן פון לערנגעביטן

1. באזע, באזיס, דיאמעטער, קאָעפיציענט וואטערפאס.
2. דיפוזיע, פּאָקוס, קאָנדוקטער,
3. אָקסיד, רעאקציע.
4. עלאָדייע, ליין.

קאלקעס פון לערנגעביטן:

1. איינגליד, פילגליד איבערבילדן, איבער — שנייד־פונקט.
2. אויסשטראלונג, אויסלאָדן, שווערפּונקט, איבערברעך־ווינקל.
3. באשטויבונג, בלומענפּיסל, האָרנבלאט, דורכאקער־קולטורן.
4. צעלאָזונג, פארבינדונג.

אנאלאָגן פּאָליטעכנישע:

1. מאשין, מייסטער, באָרמאשין, דרעל, בלאָק, פּאטראָן, שייבע, פרעזירן, קאָנווייער.
2. טראקטער, קאָמביין, טריער.

קאלקעס פּאָליטעכנישע:

דורכשלאָג (пробойник, пробоець)
טיפמעסטער (глубокомер, глибокомір)
שניטמעסטער (резьбомер)
הויכריידער.

א. א. וו. א. א. וו. אזא מאטעריאל, לאָזט זיך אָפּקלייבן און צוקלייבן אָן שיר. (זעט, אשטייגער, וויטער די טעכנישע לעקסיק אין קאפּיטל „פּאָלקלאָר־עלעמענטן“).

ס'איז פאראן א קלאָר אויסגעשפּראָכענע טענדעץ ניט מיסצובראוכן און ניט איבערצולאָדן די רייד מיט אנדערשפּראכיקע עלעמענטן. ס'נעמט זיך פון דער געזונטער קאוואָנע צו זיין וואָס איינפאכער און קלאָרער און וואָס ווירקעוודיקער פאר ברייטע פּראָלעטארישע און האָרעפּאשנע שיכטן, וואָס קומען אָקאָרשט צום איגענעם וואָרט.

כ' לענין האָט אײַן צײַט, ווי באוווסט, אזוי באשטריטן אָט־די אנדערשפּראכיקע עלעמענטן בענעגייע רוסיש (שייעך געווען צו דער שפּראך פון רעדע און צייטונג):

„די רוסישע שפּראך פארדארבן מיר, פרעמדווערטער באנוצן מיר אָן א נויט דערצו. מיר באנוצן זיי ניט ריכטיק. נאָך וואָס זאָגן дефекты (דעפעקטן), אז מע קען זאָגן недочеты (פעלערן) אָדער недостатки (כעסרוינעס), пробелы (בלויזן)?.. צי איז שוין ניט צייט צו דערקלערן קריג קעגן געברויכן פרעמדווערטער, ווען דאָס איז ניט נייטיק?.. צי איז ניט צייט צו דערקלערן קריג קעגן אזא ברעכן די רוסישע שפּראך?...“

דאָס הייסט אָבער ניט, אז אָנ פרעמדווערטער קענ מענ זיך באגיינ, אז אינ שול, אשטייגער, אינ נידעריקנ צי פונ העכערנ טיפ, באדארפ מענ אויסמײַדנ דאָס „פרעמדע" וואָרט. דאָס הייסט נאָר, אז אָנ פרעמדווערטער דארפ מענ זיך ווײַט מעגלעך באגיינ דאָרטנ, וווּ ס'איז דאָ אנ אייגנ באקאנט אונ עקוויוואלענט וואָרט. אונ דערבײַ ביסלעכווײַז אונ וווּ נייטיק איז ארײַנברענגענ אונ קולטיווירנ דאָס „פרעמדע", ווי דאָס נײַע וואָרט ביקלאל, אבי נאָר ווי געהעריק גאראנטירנ דעמ קלאָרנ באנעמ אונ אָנווענד (זעט פריִער „דאָס אקטיווע אופנעמענ וואָרט אונ אויסדרוק"). דאָס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַל עס ברענגט מיט פינקטלעכקײַט (טערמינאָלאָגיע), עס דערגאנצט אונ ניואנסירט דאָרטנ, וווּ סע פעלט דאָס אייגענע אונ עקוויוואלענטע, עס גיט געוויסע נייטיקע שפראך־אינטערנאציאָנאליזירונג (זעט פריִער—„שפראכמיש—א נאָרמאלע אונ געזעצמעסיקע דערשײַנונג"). אָבער, ווי געזאָגט, פאָרזיכטיק, שטאפּלווײַז אונ אויסגעקלאָרט, אניט ברענגט עס צומ פאלשנ פארשטיינ אונ צו פרעמדוואָרטישע מעליצע ניט אפנ אָרט אונ ניט צו דער זאך, וואָס מיר האָבנ איצט דערפונ גענוג מוסטערנ אומעטומ, אינ לעבנ, ווי אינ שול. דאָס נאָך פרעמדע וואָרט, די נײַע קלאנגענ באקומענ גראָד א באזונדערנ מינ רייצ פארנ קינד אינ שול, וואָס קענ אופכאפּנ אזא וואָרט ווי „геморроидальный" אונ עס צוגעבנ סטאמ אזוי צו... מאקאראָנעס [1]), פארנ ארבעטער אינ אָוונט־אוניווערסיטעט, פארנ סטודענט, וואָס מיינסטנס הייבט ער נאָך אָנ בא אונדז אינ הויכשול זײַנ קולטור־גאנג אונ אופשטײַג, פארנ מאסנ־מענטשנ ביקלאל, וואָס קענ נאָך אופנעמענ אָט־די ווערטער אפנ שטייגער פונ יענע פערסאָנאזשנ גאָרקיס, וואָס סע געפעלט זיי שטארק „טראנסצעדענטאל" אונ ענלעכע וואָרט־קאָמפּלעקסנ [2]) ניט ווײַל זיי פארשטייענ וואָס סע הייסט, נאָר ווײַל סע קלינגט פאר זיי נײַ אונ אומגעוויינלעך.

מיר האָבנ אויבנ געבראכט, וויאזוי שילער באנעמענ „אימפּעריאליזמ" א. אנד. ווערטער, אונ אָט „בראָקנ" מיר כעוורע (פּעדטעכניקומ) אינ שריפטלעכע ארבעטנ:

מענדעלע פּרעוואלירט (אָפּעריִרט ?) מיט אנ אָרעמער שטעטלדיקער עקאָנאָמיק. דאָס קינד ווערט א טראפּארעט (אווטאָמאט).

דאָס אנטשפּרעכט דער קאָנצעפּציע (נייגונג ?) פונ קינד א. אז. וו. א. אז. וו.

אדאנק אזא קאָנצעפּציע פונ סיבעס.

צווישנ ארבפאקאָוועצעס פונ ערשטנ קורס אָוונט־ארבפאק האָט מענ אנומלט דורכגעפירט א מינדלעכע אנקעטע אפּ צו דערוויסנ זיך, וויאזוי פארשטייענ זיי די סאמע גאנגבארע אויסלענדישע ווערטער. די אנקעטע האָט געגעבנ אזא מאטעריאל:

קאָנסערוואטיווער. 5 האָבנ געענטפערט, אז זיי האָבנ קיינמאָל אזא וואָרט ניט געהערט, איינער האָט געזאָגט, אז קאָנסערוואטיווער הייסט א געענדיקטער קאָנסערוואטאָריע, 5—אנ אלטער, אייניקע—געזעלשאפטלעכער, הויכגעשטעלטער.

איגנאָרירנ — מיטיילנ, זאָגנ א ליגנ, אונטערהעצנ.

([1] Вересаев. Воспоминания.

([2] „Люблю непонятные, редкие слова!.."—органон... микробиотика... транс-сцедентальный!.. сарданапал... („На дне", Горький).

ראציאָנאליזאציע פון פּראָדוקציע — פארברייטערונג פון פּראָדוקציע, אַנ אנדערער—פארקירצונג פון שטאטנ.

רעקלאמע — א ליגנ (א רייע: ס׳א פאקט, ניט קיינ רעקלאמע).

פּרינציפּיעל ניט מאסקימ—ניט מאסקימ פון אייגנליבע.

אנטאגאָניזמ — האנאָכע, להאָטע.

אזוינע אנקעטעס (מאָדיפיצירט) איז מיר אויסגעקומענ דורכצופירנ ניט איינ מאָל. אזוינע ענטפערס, ווי די געבראכטע, זיינענ א גאָר אָפטע, און פארשפּרייטע דער־שיינונג אינ דער שול פאר קינד און דערוואָקסענעמ [1].

מירנ ברענגענ איינִיקע ארבעטנ אפ אָפּגעוויינענ פון זשארגאָניזמענ און אפ צוגעוויינענ צו אנדערשפּראכיקע ווערטער (די לעצטע פיר ארבעטנ זיינענ נאָר פאר דער צווייטער שול־שטופּע און פאר א העכערער שול־שטופּע בִיקלאל).

1) פּאריידישנ וואָרט און אויסדרוק.

דער לערער אליינ גיט צו, שטעלט ארײַנ גלייך און אומבאמערקט דאָס פּאסיקע יִדישע וואָרט, שטויסט דאָס קינד דערצו. ער טוט עס בעשאס רייד, בא א שריפטלעכער ארבעט. ס׳קומט פאָר בא א געלעגנהייט, מע פארנעמט זיך דערמיט אויך סיסטעמאטיש, שטויסנדיק די קינדער צו נאטירלעכער שפּראכלעכער שעפע־רישקייט און רייד־פארגלייך. מיר איז אויסגעקומענ צו בייזיינ אפ פּרווו־לימודימ פון מיינע פּראקטיקאנטנ אינ אנ אָדעסער שול (די יִדישע קינדער אינ אָדעס רעדנ נאָך קלאל ניט קיינ „געלייטערטנ" יִדיש) נאָך אנ עקסקורסיע אפ א אונטערנעמונג („מיל"). די קינדער האָבנ פארצייכנט און געבראכט מיט זיך פון דער עקסקורסיע זשארגאָניזירטנ און בִיקלאל ניט־יִדישנ וואָרט־מאטעריאל און טערמינאָלאָגיע. צוזאמענ מיט דער אָנפירערנ האָבנ זיי פלייסיק פאריידישט און שפּראכלעך אויס־געקלאָרט פאר זיך אָט־דעמ מאטעריאל. די עקסקורסיע האָט סטימולירט צו אייגענער ארבעט, צו לעבעדיק־קאָנקרעטער דורכארבעטונג, דאָ האָט אויך געגוי־באצייכענענ־דיקע אייגענע וואָרטבילדונג און וואָרט־שאפונג לעבנ באקומענ און פּראָדוקטיוו געמאכט די גאנצע ארבעט.

סע ווערנ אויך סיסטעמאטיש אָנגעגעבנ גרופּירטע זשארגאָניזמענ אינ קינדערשע רייד. מע דארפ זיי פארבייטנ מיטנ עקוויוואלענטנ יִדישנ וואָרט.

2) „סעמאנטיזירנ" אויסלענדישע ווערטער (זעט פריער — „וואָרט־געגויקייט").

3) אופזוכנ פון רייד, צייטונג, בוך, ווערטער און ריידארטנ געגליכנ צו יִדיש פון אנ אנדער שפּראך, וואָס איז אייך באקענט, וואָס איר דערלערנט איצט—פון רוסיש, אוקראִיניש, ווייסרוסיש, דייטש. פארגלייכט און גרופּירט.

---

[1] א ספּעציִעלע טעמע, וואָס מיר בארירנ זי דאָ, געוויינטלעך, ניט, איז די פראגע פון בעקיוונדיקנ שפּראכמיש (מאקאראָניק) אינ מאסנשאפנ (שפּריכוואָרט, פאָלקליד) און פון שילדערנדיקנ שפּראכמיש, וואָס מיר טרעפנ עס בוילעט, אשטייגער, בא די שאָלעמ-אלייכעמישע פּערסאָנאזשנ אינ „מענטשנ", „דאָס גרויסע געווינס", „זומער־לעבנ", „מאריענבאד" און ווו מיר האָבנ העכסט־קינסטלערישע צייט־דאָקומענטנ פון רעדנ און דענקענ אינ דער יִדישער באלעבאטישער סוויווע, ווי דאָס צעטל אינ „עס פידלט נישט" („באוואָרנט מיפּריזיוו", „רויצע געקאָנציטנ", „קענער בישפּראך אוקלאָר בעיערעדייע", „טראָגט היטל בעבאִיס", „שרייבט ניט בעשאבעס"...) א. אנד.

4) פאריידישנ די אונטערגעשטראָכענע ווערטער לויטנ פארטייטשטנ גרונט־טייל.
גע (ge, גריכיש)—ערד. גראפאָ (grapho)—כ׳שרייב. געאָגראפיע. גראפיט.
אקווא (aqua, לאטיינ) — וואסער. אקוואריום.
מעטראָנ (metron, גריכיש) — מאָס. געאָמעטריע.
טערמע (therme) — ווארעמקייט. באראָס (baros) — שווערקייט. טערמאָמעטער,
באראָמעטער.
ביאָס (bios) — לעבנ. ביאָגראפיע.
טעלע (tele) — וויט. טעלעגראפ.
אוטאָס (autos, גריכיש)—אליינ, זעלבסט, אוטאָביאָגראפיע. אוטאָגראפ.
מאָביל (mobill, פראנצ.)—באוועגלעכ. אוטאָמאָביל.
לאבאָר (labor, לאטיינ) — ארבעט. לאבאָראטאָריע. (laboratorium).
אגער (ager, לאט.)—פעלד. אגראָמינימום.
זאָאָ (נ)—גריכיש—באלכיי. זאָאָמינימום. זאָאָלאָגיע. זאָאָטעכניק.
5) באקאנטשאפט מיט אייניקע „עטראנזשיסטישע” ריידארטנ, וואָס טרעפנ זיכ
אינ ליטערארישע רייד, אינ צייטונג:
אלא (á la, פראנצ.) — לויט, אפנ שטייגער.
אפריאָרי (a priori, לאט.)—איידער נאָכ... (מיטנ געדאנק, איידער נאָכ... איז קלאָר)
סינע קווא נאָנ (sine qua non, לאט.)— א מוז־באדינג, אָנ דעמ קענ ניט זיינ.
פאָסטקריפטום (post scriptum, P. S., לאט.) — נאָכשריפט, צושרייב („איקער שאָכאכטי”).
סטאטוס קוואָ (status quo, לאט.) —ווי געווענ, לויט ביזאהעריקנ צושטאנד [1]

V. סינאָנימיע

1

סינאָנימיע, ווי באוווסט, שליסט איינ אינ זיכ ווערטער־גרופירונגען מיט אלצייבעמ צו מיט נאָענטנ גרונט־באטייט, האגאמ פארשיידנ לויטנ פאָנעטישנ באשטאנד. קלאָר, אז וויכטיק איז דאָ ניט בלויז אונ אָפטמאָל ניט אזוי די אלצייניקייט צו נאָענטקייט פונ באטייט, ווי גראָד די ספּעציִעלע שאטירונג, די אייגנארטיקע ניואנסירונג צווישנ סינאָנימ אונ סינאָנימ. ס׳גילט דאָ דער קלאל, אז פאָרט איז „אינ אונדזער שפראכ ניטאָ קיינ צוויי ווערטער, וואָס מע זאָל זיי קענענ האלטנ פאר סינאָנימענ אינ פולנ זינ פונ וואָרט, פאר אזוינע ווערטער, הייסט עס, וואָס מע זאָל זיי אינ אלע פאלנ קענענ פארבייטנ איינס מיט דאָס אנדערע, ניט צו ענדערנ דערביי דעמ באטייט פונ גאנצנ”.

יעדע שפראכ פארמאָגט היפשלעכ „סינאָנימישע רייענ”, האגאמ ניט אומעטומ איז עס אינ דערזעלבער צאָל אונ ארט. די שול דארפ דאָ מיטהעלפנ דעמ קינד,

[1] מע קענ עס אויכ פארבינדנ מיט דער ארבעט אפ פאָלקסטימלעכער מאקאראָניק (ווערטל, שפריכוואָרט, וויצ, פאָלקליד א. אנד.) אונ אפ שילדערנדיקנ שפראכמיש אינ ליטעראטור.

ס'זאָל שטאפלווײַז אָנהייבן אופצונעמען דאָס שוטפישע און נאָכמער—צו שפירן די סינאָנימישע פארשיידנקײַט און שאטירונג, וואָס ניט אלע מאָל איז דאָס אזוי גרינג נאָכצומערקן. דאָס איז איינע פון די סאמע גרונטיקע און שעפערישע ארבעטן אפ סעמאנטיק און סטיליסטיק אין שול. אפ א פארשיידענעם אופן קומט אויס דערמיט זיך פארנעמען סײַ אין דער ייִנגערער, סײַ אין דער עלטערער שטופע. אזא ארבעט און דורכארבעטונג ברענגט מיט ניט נאָר אופצונעמען, אז די נאָענט־ענלעכע ווערטער זײַנען אָפטמאָל פילבאטײַטיק און פארשיידנבאטײַטיק אין זייער איינגעמיינעם באטײַט. עס ציט אויך אופ דעם כוש פאר פײַנער דײַטלעכקײַט און דורכזיכטיקער גענויקײַט פון געדאנק און וואָרט. הײַנט ווײַזט עס נאָך אופ, וויאזוי דאָס סינאָנימישע איז אן אויסגעצייכנט מיטל אפ סטיליסטישע פרײַקײַט, בייגעוודיקײַט, אָנגעמאָסטנ־טרעפיקער, ניט איבערגעקײַטער און ניט אי־בערגעלאָדענער וואריִרונג.

לײדער איז נאָך אזוי ווי ניט באארבעט בא אונדז ניט די טעאָריע פון סינאָנימיק, ניט די שול־מעטאָדיק אין דעם פראט.

די מײַרעוו־אײראָפּעיִשע שול פארנעמט זיך ערנסט און פון לאנגאָן מיט דער־דאָזיקער פראָבלעם. מיר טרעפן דאָ פיל סינאָנימישע ווערטערביכער און אופגעבערס. די רוסישע שול הייבט איצט אויך אָן צו לייגן מער אכט דערופ. שווערער איז אין יידיש, ווו ניט נאָר ס'איז נאָך ניט אָנגעוואָקסן דער „גוטט" פאר ברייטערע און טיפערע סטיליסטישע דורכארבעטונגען, סינאָנימישע בעסויכעם, נאָר ווו ס'פעלט נאָך אינגאנצן אויס הילפ־מאטעריאל, ווו מיר האָבן נאָך קיין סימען נישט פון קיין סטיליסטישע ווערטערביכער, וואָס זאָלן סטימולירן אזא ארבעט, סינאָנימישע דערינגען.

אין דער אלגעמיינ־לינגוויסטישער און שפראכלעכ־מעטאָדישער ליטעראטור, וואָס גיט זיך אָפּ בא אונדז לעצטנס מיט אָט דער פראגע, ווי אויך אין דער אנטשפרע־כיקער אלגעמיינער לערנ־ליטעראטור, וואָס קומט איצט אוף,—אומעטום מערקט זיך דאָ א געוויסע ניט־אויסגעהאלטנקײַט און ניט־צונויפגערעדטקײַט סײַ באם באצייכענען סינאָנימיק, אלס שפראכלעכ־סטיליסטישע קאטעגאָריע, סײַ בעשאסן מעטאָדישן אינ־טערפרעטירן און דורכארבעטן די געהעריקע סינאָנימישע „נעסטן". ביקלאל גענומען איז „סינאָנימאָס"—איינבאטײַטיקײַט. איז אָדער מע פרעגט אָפּ דיאלעקטיש־פראָ־ווינציעלע סינאָנימיק[1], אָדער מע פאָרט און מע פאסט ווערטער, וואָס זײַנען גאנץ ווײַט איינער פון אנדערן לויט זייער באטײַט: מילכאָמע, וויקועכ; כאווער, מיטארבעטער, פרײַנט, קאָלעגע, לאנדסמאן; געמעל, קאריקאטור; צײַט, סעזאָן, רעגע; סאָד, פארק, בולוואר א. אז. וו.[2]).

ווי מע זאָל נאָך אָט די פראגע ניט פארענטפערן ענדגילטיק, איז קלאָר, אז פאר דער שול איז נייטיק אָט־וואָס:

[1]) „מע דארף ניט מישן קיין סינאָנימען מיט קיין אויסדרוקן, וואָס באטײַטן אין פארשיידענע ערטער איינס און דאָסזעלבע" (בארכין).

[2]) זעט, אשטייגער, א רײ אזוינע פאלן, אין קורצן סינאָנימישן ווערטערבוך, וואָס איז צוגעגעבן בא פאָולאָוו־שישקין און סטעפאנסקי: Сборник стилистических и синтаксических упражнений (צווייטע, דריטע אופלאגע).

ערשטנס, דאַרף מען קוידעמקאָל זיך פֿאַרהאַלטן און באַאַרבעטן איבערהויפּט די סינאָנימיק, וואָס איז קרויוישער און נעענטער צווישן זיך אין עצעם. אויסמײַדן דאָס ווײַטע און דערווײַטערטע, וואָס קען אָפּטמאָל מער אָפּוועדן און „פֿאַרפּירן", איידער אָנשטויסן און „אַרופֿירן". צווייטנס, דאַרף מען אויך אין אַכט נעמען די דיאַלעקט־סינאָנימיע, וואָס איז ניט אַלעמאָל אָן שאַטירונג, וואָס קלערט טיילמאָל אויף אַ ריי וויכטיקע מאָמענטן ביכלאַל, שפּראַכלעך־דיאַלעקטישע ביפּראַט, ווי „גופֿע שוין די פֿאַרשיידענע קלאַנגישקײַט, ווי אָפּט אויך דער עטימאָלאָגישער וואָרטבאַטײַט, וואָס קומט אומבאַמערקט אַפֿן געדאַנק, ברענגט אויך צו אַנדערע פֿאָרשטעלונגען".

2

ווי קען מען אײַנזען דעם אופֿקום פֿון סינאָנימיק?

די אוראַלטע שפּראַך איז געווען פּאָליסעמאַנטיש (זעט ווײַטער „פּאָליסעמיע"). סינאָנימיע איז אַ העכערער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער אוראַלטער שפּראַך: „אַפֿן וועג" צום מער דיפֿערענצירטן דענקען און גענויען סטאַנדאַרטיזירטן באַצייכענען סאָציאַלע דערשײַנונגען, אַרבעט־פּראָצעסן. בײַ אַזאַ „צופּעסטיקן" באַצייכעגונגען האָבן זיך דאָ געוויס אויסגעבילדעט נאָענטע און ענלעכע באַטײַטן. צווישן איבעריקן האָט דאָ פֿאַרצײַטן געקענט מיטווירקן דאָס „איבערקרייצן"[1] פֿאַרשיידענע רייד־עלעמענטן פֿון אַן אייגענער און אַן אַנדער שפּראַך לויט דיווירטשאַפֿטלעכע און פּראָדוצירישע פֿאַרהעלטענישן צווישן פֿאַרשיידענע סאָציאַלע „פֿאַרייניקונגען".

סינאָנימיק, מערקן מיר איצט, אַנטוויקלט זיך פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַל־קלאַסעווע קוואַלן. ס'ווירקט דאָ און ס'שאַפֿט דאָ אַלערליי גראַדאַציעס סינאָנימיק דער פֿאַרשיידנשפּראַכיקער עלעמענט אין אַ שפּראַך, ס'ברענגט דערצו דער דיאַלעקט, ס'גילט דאָ די־יענע קלאַסעווע סוויווע, אַרט טעטיקײַט, שפּראַכלעכע אַרומרינגלונג ביכלאַל. אַפֿ סינאָנימיק ליגט אָפּט דער שטעמפּל פֿון „צײַט און דורעס", נײַע ווי אַלטע, לויט סינאָנים קען מען אָפּט שפּירן געוויי נאָך שיכט, שטאַנד, פּראָפֿעסיע א. א. וו.

3

לאָמיר זיך אָפּשטעלן און אָנמערקן אייניקע וויכטיקערע אייגנקײַטן פֿון סינאָנימישע גרופּעס.

1) סינאָנימישע „נעסטן", ווו ס'איז קלאָר סײַ דאָס אַלצײַנע, סײַ דער ניואַנס אין באַטײַט.

אַ) אַן אײַנפֿאָר איז ניט קיין אַכסאַניע און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפֿינט זיך צווישן די דאָזיקע צוויי מינים, אָדער ביידע מינים אינאיינעם (ש"א.).

---

1) לויט אָט דער האַנאָכע איז אין אוראַלטן וואָרטשעפֿערישן פּראָצעס די אַנטוויקלונג פֿון שפּראַך דעטערמינירט געווען, צווישן איבעריקן, אויך דורך אָרגאַנישן באַהעפֿטן געוויסע שפּראַכלעכע גרונט־עלעמענטן, ווערטער פֿון איין באַטײַט, וואָס קערן צו פֿאַרשיידענע ווירטשאַפֿטלעכע און שפּראַכלעכע „פֿאַרייניקונגען". געוויסע סאָציאַלע גרופּעס מוזן צווישן זיך קומען אין נאָענטן באַריר, — העלפֿט דערצו מיט דאָס איבערקרייצן און איבערפֿלעכטן נאָענטע און אַלצייגע שפּראַך־עלעמענטן, וואָס באַזונדערס זײַנען זיי פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יעטווידע איינער אַ גרופּע, און דעם גאַנצן געקרייצטן וואָרט־קאָמפּלעקס באַנעמען שוין די קאָמוניקיר־גרופּעס ביכלאַל.

ב) אַ קאָל האָט ער דאפקע אַ געמבע, אַ באַסאָווע שטימע. אַלע וווּנדערן זיך: ווי קומט צו אַזאַ קליין ייִדעלע אַזאַ געדיכטע באַסאָווע שטימע (ש״א).

ג) מייער האָט געהאַט נאָך אַ כאַלאַס — שפּילן, פאַרשטעלן זיך, מאַכן קונצן (ש״א).

ד) אַ ציגנגל האָט לייזער געהאַט אַ געשליפענס, זייער אַ געלויפיקס (ממ״ס).

2) ווייניק־מערקלעכער ניואַנס.

„באַ אונדז אין אָרעמאַן האָט ייִסרעס נעמען: פאַראַן אַ געמיינער מאַן, און אַן אָרעמאַן, און נעבעך אַן אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן, אַ מעקאַבל, אַ קאַפּצן, אַ דאַלעס, אַ דאַלפן, אַן אָני, און אַן אָני־וועעווייען. איטלעכער פון די אויסגערעכנטע נעמען ווערט אויסגערעדט מיט אַן אַנדער ניגן... און פאַראַן נאָך אַ נאָמען: אַ קאַסריִעל אָדער אַ קאַסריליק. דערדאָזיקער נאָמען ווערט אַרויסגערעדט שוין מיט אַן אַנדער מין ניגן; לעמאָשל — אוי בין איך קיין אײַנהאָרע אַ קאַסריליק! קאַסריליק — דאָס איז שוין ניט גלאַט אַזוי אַ קאַפּצן, אַ שלימאַזל. דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרעמאַן, וואָס פאַלט ניט, כאַסוועשאָלעם, אַראָפּ באַ זיך מיט זײַן אָרעמקייַט (ש״א) [1],

באַן, צוג, אײַזנבאַן, ליניע, קאָליע [2]

שאַכטע, מינערײַ, גרובן, קוילנגרובן [2]

דאָמנע, שמעלצויווּן, גוסויווּן [2]

נעווועט, וועט, וועטקאַמף, פאַרמעסטונג [3]

מישמוירע, אומבײַט, איבערבײַט, שיכט [3]

סאָוועט, ראַט [4]

3) סינאָנימישע קעגנשטעלונג, ווו איין סינאָנים האָט אַ ספּעציִעלן ניואַנס: ביטלי פאַראַכטונג, פאַרגרעסערונג א. אַז. וו.

א) ער עסט ניט, נאָר ער פרעסט, ער טרינקט ניט, נאָר ער זויפט, ער שלאָפט ניט, נאָר ער פּאָפּט (פון אַ פאָלקס־אַנעקדאָט, — אַ שוויגער אָפּ אַן איידעם).

ער עסט ניט און טרינקט ניט און שלאָפט ניט, האָט ניט כאַסענע, האָט ניט קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין זון און קיין טעכטער, שטאַרבט ניט און איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן; וואָס איז דאָס?

אַ „קלוגער“ ייִדישלעכער אײַנפאַל־רעטעניש אָפּ אַ „גוי“, וואָס „פרעסט און זויפט און פּאָפּט, פאַרדרייט זיך אָדער האָט כאַסלירע, האָט אַ פאָטערלאָ, אַ מוטערלאָ, קינדרעס אָדער זאַסטרעס און פייגערט“) [5]

---

[1]) און אַנדער „טויכעכע“־סינאָנימיק, וואָס דערמיט איז פול די קלאַסיק: „ווו ערגעץ אַ מאַקע ווו ערגעץ אַ שלאַק, אַ פּוראָניעס, אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש, אַ בייז באַגעגעניש באַדאַרף עס זיי ניט אויספעלן...“, „ווען עס טרעפט זיך דאָ באַ אונדז עפּעס אַן אויסגוס, אַ צאָרע, אַ בראָך, אַן אומגליק“ א. א. (ש״א).

[2]) אַזוינע אַלצייביקע („פולע“) סינאָנימען זײַנען פאַראַן אַסאַך. אין ייִדיש, ווי אין יעדער אַנדער שפּראַך, נעמט זיך עס פון פאַרשיידנשפּראַכיקער באַווירקונג (אין ייִדיש, אַשטייגער, לויט די גרונט־עלעמענטן — גערמאַניש, העברעיִש, סלאַוויש).

[3]) ביקלאַל די נײַע אָדער באַנײַטע ווערטער, וואָס פון זיי דאַרף נאָך אָפּגעקליבן ווערן דאָס איינציקע וואָרט פאַרן באַגריף.

אהער זײַנען אויך שײַעך די פיל טערמינאָלאָגיע־מאָמענטן אין פאַרשיידענע געביטן, וואָס דאָס איינציק גילטיקע דאַרף זיך נאָך אָפּזעצן און אײַנבירגערן.

[4]) אַלצייַן־גילטיקע סינאָנימען, וואָס ווערן פאַראַלעל געברויכט.

[5]) ווי אויך די אַנדערע נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע נעמען פאַר „אונדז“ און פאַר „זיי“:

יינגל — שייגעץ

מיידל — שיקסע

שטאַרבן — פייגערן א. אַז. וו.

„איז אינעווייניק דאָ א הונט, נישט קיין הונט נאָר א וואָלף: אף א לאנגער שטריק שטייט ער צוגע־בונדן אָט דערדאָזיקער קעלעוו״ (ש״א) [1]).

ב) „אצינד וואָלט איך נאָך באדארפט פאָרשטעלן אייך מאלקינס דריי עלטערע באָנים. נאָר אז איך זאָג אייך „באָנים״, ניט זין, איז די מאשמאָעס, אז דאָס זיינען דריי הויכע געזונטע קלאָפּערס מיט הויכע ראגלאים, מיט געזונטע יאָדאים, וואָס קענען גוט ארבעטן און גוט אכלען״ (ש״א) [2]

פאָרט ארויס מיט א קארעטע מיט א פאָר ברענענדיקע סוסים, סוסים איינס און איינס! און ווער שמועסט ארענטשיק איז געזעסן אף א פערדל, זאָג איך אייך, א סוס, אן עמעסער מערין (ש״א) [3]).

4) מאסנדיק־סינאָנימישער טאָפּל־לאָשן („כפל הענין במלים שונות״). דידאָ־זיקע סינאָנימישע פּאראלעליזמען זיינען אָפטמאָל ריטמיש־קלינגעוודיק און גאנץ אויסדריקלעך.

א) בלאט־צייטונג [4])
ב) פוסנאָע [5])
ג) סאָסנ־וועסימכע, שעקער־ וועקיזעוו (קיזעוו וועשעקער)
סאָריד־אופּאָליט [6])
מוידע אומיסוואדע
ניוול־ווענישטוימעם
אָני־וועעוויע
ניסים וועניפלאָעס
בעדיל־האראָל
בעזיל־האזאָל
נימעס און מאָעס
א כארפּע א בושע [6])

ד) כיי־געלעבט
גראָוו און גרייז
הויל־נאקעט
קערנ זיך און וועגדן
געהויכט און געקרוינט
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
שווינבלט און גריבלט
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
געזונט און שטארק
פריש און געזונט
קרום און לאָם.

---

[1]) ווי אויך אנדערע העברעיזמען מיט ביטל־ניואנס: א נעפעש, א בריע, פּארצעף, טאכשיט, קנופיע א. א.

[2]) אשטייגער, ווי „גאָדלע״, לעפּישקייט. פאראן נאָך אנדערע פאלן פון אזוינע העברעיזמען־סינאָנימען.

[3]) קעגנשטעלונג, ווו דער העברעיזם־סינאָנים טיילט גראָד אויס, דיפערענצירט. דאָס קומט פאָר זעלטענער.

[4]) בלאט—אומדירעקט איבערגענומענ (בלאט פון בוים). די געגעבענע טאָפלונג, ווי די וויטערדיקע ביישפילן, קומען מיסטאמע אופ אינ פאָלק־רייד בעשאסן אָפּקלייבן דאָס סינאָנימישע, און דידאָזיקע פאָרלעכ־סינאָנימען ווערן אָפטמאָל גאָר צונויפגעפּאסט און פארבלייבן שוין אזוי. ס׳האָט טיילמאָל אן אויס־דריקלעכ־עקספּרעסיווע פונקציע.

[5]) אייגנטלעך, א דיאלעקטיזם אף אונטערשיידן פיש—פיס (דאָרט ווו מע פארבייט די צישעדיקע).

[6]) פאראן אסאך אזוינע טאָפּלונגען לויטן העברעישן קאָנסטרויִרט. נאָענט דערצו איז אויך אזא טאָפּלונג, ווי יאוונע וועיאסנע א. א.

5) ליטעראריש־סינאָנימישע טאָפּלונג (אָפּן שטייגער פון פאָלקסטימלעכן טאָפּל־לאָשן).

„ל ע ב ע ד י ק ־ פ ר י י ל ע כ איז דאָרט צײַטנווײַז געווען פון די פּויעלים בעשאַס דער אַרבעט" (ממ״ס).
„די באַלעבאָסטע, די שנײַדערקע שטעלט אַנידער אַפן טיש אַ גרויסע פולע שיסל אָפּגעקאָכטע קאַר־טאָפל, ה י י ס ע ־ ז ו ד י ק ע" (ממ״ס).
„דאָס קעלבל לעקט דער מאַמעס האַנט א ז ו י ל י ב ל ע כ ־ פ ר ײַ נ ט ל ע כ" (ממ״ס).
„און ס'ברענט אין האַרץ בײַ איר אַ פ ײַ ע ר ־ ב ר א נ ד" (ד. האָפשטיין).

6) דיִאַלעקטישע סינאָנימען.

קעסעלע, עמער [1]), קאַן
בולבע [2]), קאַרטאָפל
ליב, האָלט

צוליב שילדערנדיקן ניואַנס, ווי אַשטייגער:

פֿון ליטע איז ער, און איך בין פון וואָלין,
זיך הײַנט באַגעגנט צופעליק און שפּאַנען סטאַם . . . .
. . . .
פון ביימער שמועסן מיר, פון זייער וווּנדערלעכן רויש,
פון אַלץ, וואָס איך האָב ל י ב און ער האָט ה אָ ל ט... (האָפשטיין).

7) פראַזעאָלאָגיש־מאַסנדיקע סינאָנימיק (זעט ווײַטער וועגן פראַזעאָלאָגיע ביקלאַל אין קאַפּיטל „פאָלקלאָר־עלעמענטן").

ס'איז פ ו ל, מ אָ ל ע וו ע נ אָ ד ע ש, און אַ מויל—איי ש ל ע ה אָ ו ע, ש ו ע ב ל און פ ע ך (ש״אַ.)
כ אַ ל ו י מ ע ס, ג ע כ ט י ק ע ט ע ג, א פ ן ה י מ ל א י א ר י ד, א ק ו א י ז ג ע פ ל ו י ג ן א י ב ע ר ן ד אַ ך (ש״אַ).

8) סינטאַקסישע סינאָנימיק (פּאַראַלעלע סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס).

מיר האָבן דאָ זייער פיל פאַלן פון אויסלייגן דעם געדאַנק אַף פאַרשיידענעם סינטאַקסיש־סטיליסטישן אופן. איז אַ העכסט וויכטיקע פּראָבלעם — געוויינען צו אָפּקלײַבן און אָנווענדן דאָס מער אָנגעמאָסטענע און מער ווירקעוודיקע לויט אייג־פאַכקײַט, נאַטירלעכקײַט, קורצקײַט, ניט־איינאַרטיקן פראַזעבוי א. א. מיר מיינען דאָ, אַשטייגער, אַזוינע פאַלן:

א) סובסטאַנטיוויש אוּן ווערבישע קאָנסטרוקציע, ווען מע נעמט דאָס ווערבישע, וואָס איז מאַסנדיקער, נאַטירלעכער, באַוועגלעכער (זעט וועגן דעם ווײַטער אין „עלעמענטן פון סטיליסטישע גראַמאַטיק").

ב) מאָלערישע פערזאָנפאָרמע, ווען פון צוויי פאַראַלעלע ווערבישע קאָנסטרוק־ציעס (אין צײַט, מאָדוס) נעמט מען יענע, וואָס איז פאַרן געגעבענעם פאַל מאָלעריש־אָנשוילעכער, סטיליסטיש־ווירקעוודיקער (זעט אויך וועגן דעם ווײַטער אין „עלעמענטן סטיליסטישע גראַמאַטיק").

[1]) אַף וואָלין — קעסעלע — אַ בלעכנס, עמער — אַ הילצערנער.
[2]) פון פּויליש (bulby). פאַראַן אין ליטוויש־יידיש, אין פּויליש־יידיש—גראַד ניטאָ.
אַגעפּ, דיִאַלעקטישע סינאָנימיע האָט כוץ אַלעמען אַ שפּראַכלעך־עטימאָלאָגישן און שפּראַכלעך־גע־שיכטלעכן ווערט. פיל דערשײַנונגען אַזוינע דאַרף מען בײַ אונדז ערשט דערלערנען.

ג) אקטיווע און פאסיווע קאָנסטרוקציע:

דורכן שולקאָמ ווערן איבערגעקוקט די באשלוסן.
דער שולקאָמ קוקט איבער די באשלוסן.

די פאסיווע קאָנסטרוקציע ברענגט אָפט צו קאָמפּליצירטן און אומנאטירלעכן זאצבוי[1], באדארף מען געוויינען צו אקטיווער קאָנסטרוקציע, ווו ס'איז נאָר מער־נאטירלעך און איינפאך.

ד) קאָנסטרוקציע פון בייזאץ און גערונדיום־קירצונג.

ווען איך בין געגאנגען אין גאס, האָב איך אים דערזען.
גייענדיק אין גאס, האָב איך אים דערזען.

די שפּאָרעוודיקע פאָרמע איז, געוויינטלעך, בעסער, אויב דער געדאנק איז דער־זעלבער. ניט אַלעמאָל גילט עס.

דערזען האָ׳ איך אים, גייענדיק אין גאס.

דאָ ברענגט די קירצונג צו צווייטייטיקייט (ניט קלאָר ווער ס'איז געגאנגען אין גאס). איז גלייכער צו האָבן די בייזאצפאָרמע[2].

ה) פולע און ניטפולע קאָנסטרוקציע פון פראזע.

דערלאנג! דערלאנג אהער!
וווהין גייסטו? וווהין איז? וווהין?

די ניטפולע (אָפענע) קאָנסטרוקציע דינט אָפט צוליב שילדערונג־צילן: אָנשטרענג, האסט, ריטמיזירונג:

נאכט. פארמאטערט. שווער. שטיל.	מ'גייט און מ'לויפט און מ'פליט.
ליגן מידע מענטשן אפן דיל. (כאריק).	מענטשן, גוואלדן, טריט. (פעפער).

מיר מאכן דאָ ניט קיין ווערט פון איניקע רעשטן סינאָנימישע מאָדיפיקאציעס, פאר־בייט־סינאָנימיק, אשטייגער: א) טאבו — מע רופט ניט אָן מיטן געהעריקן נאָמען קיין „הייליקע" זאכן און קיין „ניטגוטע" דערשייַנונגען — באשעפער, אייבערשטער א. א. אָנשטאָט „גאָט", „גיין פון דער וועלט" א. א. און פאר „איידלגעבוירענע" — „ניפטער ווערן" א. א. אָנשטאָט „שטארבן", עס „נעצט" אָנשטאָט „עס ברענט" א. א. ב) אנטי־פראזעס — אפּ ניט צו וועקן קיין נעגאטיוו־עמאָציאָנעלע שפּירונג: צו אַלדי גוטע יאָר — ניט שווארצע יאָר, גוט אויג — ניט בייז אויג. ג) אייפעמיזם („לשון נקיה") — בימקוים־ווערטער פאר גראָבע זאכן, שארפע אויסדרוקן און אקטן, ס'ראָוו

---

[1]) זעט וועגן דעם, „יידישע שפּראך" 2, 4—3 (1927).

[2]) די געקירצטע פאָרמע איז ביקלאל גילטיק נאָר דאן, ווען די ווערבן אין ביידע טיילן קאָמבי־נירטע פראזע זיינען שייַך צו איין סוביעקט:

ווען איך בין געקומען אין שול, האָב איך שוין געטראָפן די כאוויירים (קומענדיק אין שול, האָב איך...)

אָבער ס'איז ניט מעגלעך אָנצווענדן די געקירצטע קאָנסטרוקציעס אין אזא פאַל, ווי:

ווען איך בין געקומען אין שול, האָט זיך נאָך דער לימעד ניט אָנגעהויבן (פארשיידן די סוביעקטן).

אנעפּ, בא דער גערונדיום־קאָנסטרוקציע האָבן מיר צו טון מיט איין סוביעקט. גילט דאָ ניט דער צווי־סוביעקטיקער ארט, וואָס מיר טרעפן עס אָפט אין שילערישע ארבעטן:

מוישע, קומענדיק אהיים, האָט ער דאָרט געטראָפן די כאוויירים.
(קומענדיק אהיים, האָט מוישע...)

מיט העברעיִשע פאַרטרעטווערטער — טאַכטונים, בייסאַקיסע, נעקיִעס א. א.—„וואָס מע שעמט זיך צו זאָגן אַף ייִדיש, זאָגט מען אַף העברעיִש"—אָדער אומגעשריבן — „א זייגער אויסגעמאָלט אַף די הויזן אַף דעם סאַמע „זייט מיר מויכל" (אש).
ד) ליטאָטעס — אָפּשוואַך־אויסדרוקן, מייסטנס מיט „ניט": ניט שלעכט (ניט אַזוי גוט), ניט גוט (גאַנץ שלעכט), ניט יונג (טאַקע אַלט) א. א.

4

מיר גייען איצט אַריבער צו די וויכטיקסטע אופגעבונגען אַף סינאָנימיק לויט דעם, וואָס מיר האָבן פריִער באַרירט.

1) פעסטשטעלן, צי די געבראַכטע ווערטער האָבן נאָענטע גרונט־באַטייטן, קלאָר מאַכן די שאַטירונג אַף צונויפגעשטעלטע פראַזעס (געווונטשן נאָך, אַז די טעקסטן זאָלן זײַן געבונדן צווישן זיך).

א) קינד, ברעקל, כעוורעמאַן, קונדעס, יאַטל.
ב) טוונג, טועכץ, אַרבעט, מי, טעטיקייט, טאַט, האָרעוואַניע, פּראַצע, באַשעפטיקונג, גענײטונג.
טון, אַרבעטן, פאָרען זיך, האָרעווען, שוויצן, מיִען זיך, בייגן דעם רוקן, באַשעפטיקן זיך, פאַר־נעמען זיך, אײַסעקן זיך, זיך אַרויסשלאָגן פון די קוויכעס.
ג) רעדן, פלאַפלען, זאָגן, דאַבערן, פּלעשטשען, מורמלען, באַלאַמוטשען, באָלבען, לוימערן, בעבען, טײַנען, מעליען („מאָלן" מיטן צונג).
ד) קוילנגרעבער, שאַכטיאָר, באַרג־אַרבעטער.
ה) מאַסע, פּראַכט, באַגאַזש.
ו) אַלטער, גרויער, סיווער, גרײַזער, זאָקן, עלטערער, פאַרעלטערטער.
פריילעך, לעבעדיק, לוסטיק, מונטער, מוטיק, אופגעלייגט.
ז) אַקוראַט, פּונקט, פּינקטלעך, גענוי, ריכטיק, רעגולייער.

2) א) דירע... עטאַזש... דיל...
ב) מאַלבעש... מאַטעריע... פּרעס...
ג) קאַפּאָטע... אָפּצאַס... דרײַפוס...
ד) פּור... באַלעגאָלע... רײַזע... וועג...
ה) קאָוואַל... שמידרײַזן...

וויאַזוי זאָגט מען נאָך אַף דעמזעלביקן? גיט צו (באַלעגאָלע, פורמאַן, אָנ־טרײַבער, פורשטשיק, שמײַסער...).

3) אַרײַנשטעלן דאָס פּאַסיקע וואָרט לויטן קאָנטעקסט נאָך:

אין 1492, האָט קאָלומבוס... אַמעריקע . . . . דערפונדרן, אויסגעפונען.
אין 1878, האָט קאַרטראַיִט... א מעכאַנישן וועב־שול . . אַנטדעקט.

איך האָב אויך א... צוגייב אהין	}	פאַרלאַנג, ווילן [1]
ער איז א מענטש מיט א שטאַרקן...		

4) צוגעבן סובסטאַנטיוון צו די סינאָנימען־אַדיעקטיוון:

קלאָרער, העלער, לויטערער, ליכטיקער, לויכטנדיקער, שעמערירנדיקער.

5) דאָסזעלבע לעגאַבע ווערבן.

---

[1]) פאַרשפּרייט אין רײַבן — „איך האָב א ווילן" אין זין פון „פאַרלאַנג".

6) זוכט צו סינאָנימען לויט שטײַגונג פון אייגנשאפט און טוונג. שטעלן עס אין פראזעס, צוגעפאסט צו געוויסע דערשײַנונגען, פערזאָנען[1]:

גרויס, היפש, אומגעהייער, גוואלדיק, גוואלדאָווע, גראנדיעז, קאָלאָסאל...

קריכן, פלאָנטערן זיך, שלעפן זיך, גיין, שפאנען, טראָגן זיך, אײַלן, לויפן, שוועבן, פליִען...

7) דאָסזעלביקע לויט מינערונג פון אייגנשאפט אָדער טוונג.

8)

א) עקספאָרט	ב) רוישעם
אימפאָרט	מוידאָע
אוואנס	רעוועכ
דאָקומענטן	היסכײַוועס
קאָנטראסט	בעקיווג
אנאָנס	טאלמיד
דעפעקטן	לאכאָדים
עכאָ.	ראָשעטייוועס.

באם רעוודירן דעם אנשטאלט האָט מען געפונען גענוג דעפעקטן (בלויז, כעסרוינעס, פעלערן).

שטעלן אין פראזעס, און אין קלאמערן א צווייטן סינאָנים:

9)

סיגנאל—צייכן	אוואנס—אופגאָב
עמיגראנט—איבערוואנדערער	ענערגיע—קראפט
פליכט—כויוו	געדולע—פרייד
אינפאָרמאציע—מיטיילונג	טייל—כיילעק
דיאלאָג—שמועס	

שטעלן אין פראזעס, וואָס גיבן איבער די שאטירונג פון יעדן וואָרט. געוווּנטשן: די פראזעס זאָלן זײַן געבונדן צווישן זיך.

10) א) א טאָג איז געווען א (לויטערער, קלאָרער, שיינער, געשענקטער), ווי סע גיט זיך אויס אמאָל סאָפ זומער. נאָכ גאנצפרי האָט פון טיפן הימל (זיך באוויזן, ארויסגעקוקט, ארויסגעשײַנט) די זון מיט איר (ליכטיק, העל, שײַנענדיק) פּאָנעם. צעטרײַבנדיק ביסלעכווײַז דעם קילבלעכן נעפל, האָט די זון (זיך געשפיגלט, אָפגעגלאנצט) אין טוי־טראָפּנס, וואָס האָבן (געפינקלט, געשפילט, אָפגעשײַנט) אין אלערליי קאָלירן.

די בלעטער אף די ווערבעס זײַנען שוין מייסטנס געווען (אָפגעגרינט, פארגעלט), נאָר אף די טאָפּאָלן זײַנען נאָכ (פרישע, גרינע, צעוואָקסענע) בלעטער געווען ווי אין מיט זומער.

אומעטום (האָבן זיך געצויגן, זײַנען אָנגעפלויגן, האָבן זיך געטראָגן) שפינוועב־פעדעם, צעריסן זיך אף דינינקע פאסמעלעכ און אף דער ערד (זיך אראָפּגעלאָזט, געזעצט, געניִדערט).

ב) (א פרישער, אופגעריכטער, פרילינגדיקער) טאָג. די (ווארעמע, מילדע) זון האָט באם (אופגיין, אופשײַנען) (צעטריבן, צעיאָגט, צעריסן, צעשפרייט) די גרויע וואָלקנס.

באשעפענישן פון גרויס ביז קלייִן האָבן זיך פון לאנגן שלאָף אופגעכאפּט (פריש, מונטער, צאפלדיק, נײַגעבוירן) און זיך גענומען איטלעכער צו זײַן זאך. פייגעלעך (פלאטערן, טראָגן זיך, פליִען אום, שוועבן), שטארק (פארטראָגן, פארטוּבן, פארנומען) אין דעם בויען, פאריכטן אלטע און נײַע נעסטן.

---

1) אפן שטייגער—„שטייט זיך אָט די שטאָט עפּעס ווי פארטיפט און פארכאָלעמט אין זיך זעלבסט, גלײַכ ווי מיט איר געהער זיך גאָרניט אָן אָט דער גאנצער טארעראם מיטן הארמידער, מיטן לויפעניש, יאָגעניש, העצעניש, פּרעסעניש איינס דאָס אנדערע" (ש״א).

א גאנצע וואָכ וועלן זיי אײַכ ארבעטן, מיטן בלוטיקן שווייס האָרעווען, פארשווארצט ווערן, קײַען דיערד" (ש״א).

ג) אַ וואַלד, ביימער—סאָסנעס (הויכע, געוויקסיקע, שטאַלטנע) ציִען זיך, ווי אַ סטרונע גלײַך, הויך. אונטן גלאַט־נאַקעט, און אויף די קעפּ (היטלען, צודעקן) אַ יאַם, צווישן וועלכע (עס ברעכן זיך דורך, קוקן אַרויס, שפּאַרן זיך דורך) שטראַלן ליכטיקע פֿון דער זון און באַלייגן דאָס גראָז זיי בײַ די פֿיס מיט (ליכטיקע, העלע, שײַנענדיקע, פֿינקלענדיקע) פּאַסן גינגאָלדענע.

בײַ דער זײַט לאָזט זיך די גאַנצע געגנט אַראָפּ אין טאָל, וווּ (עס שפּרודלט, פּליסט, ריזלט, קוועלט), (ריין, קלאָר, זויבער, ציכטיק, פֿריש) אַ וואַסערל, לעבעדיק שפּילנדיק ווי אַ קינד, דאָ באַהאַלטנדיק זיך ערגעץ צווישן (געדיכטע, פֿאַרצווײַגטע) ווערבעס דאָרט, דאָ אַ ווײַז געבנדיק ווידער לויפֿנדיק־שפּרינגענדיק באַרג־אַראָפּ פֿון שטיינדלעך אױף שטיינדלעך, האַלטנדיק אין מאַכן (בול־בול־בול, גול־גול־גול, מור־מור, זש־זש...)

באַם איבערשרײַבן אָפּקלײַבן איין וואָרט פֿון די קלאַמערן.

11) א) עס ראַשט דאָ ניט, עס קאָכט ניט, ווי אין שטעט, דערפֿאַר שווירבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּן און פֿעלדער אַלערליי באַשעפֿענישן, כײַעס און אויפֿעס. דערפֿאַר לאָזט זיך דאָ הערן אַ געזאַנג פֿון פֿויגל, אַ קראַקען, אַ קוואָקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצן זומער, אַ וואָיען, אַ הײַלן פֿון הונגעריקע וועלף ווינטער, און אַמאָל אַ ברומען פֿון אַ פֿאַרבלאָנזשעטן בער אויך. און אין דעמדאָזיקן קאָנצערט פֿאַרטראָגט זיך אַ רוישן פֿון וואַסער באַם פֿאַלן אויף די רעדער, אַ קלאַפּן, אַ מאָלן פֿון דער מיל (ממו״ס).

ב) די באַרימטע שטאָט קיִעוו—אַהין האָט ער געשטרעבט און אַהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער, אייגנטלעך, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? דאָס לאָזט זיך ניט זאָגן פֿאַר קלאָר, וואָרעם קאָנקרעט האָט ער נאָך אַליין ניט געוווּסט, נאָך וואָס עס לעכצט זײַן נשמה. עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אַרײַן, ווי ס׳ציט אַ קינד צו דער שײַן פֿון דער לעװאָנע (ש״א. „פֿונעם יאריד״).

ג) וואָס גלאַנצט דאָס עפּעס דאָרטן פֿונדערווײַטן? וואָס בלישטשעט עס אַזוי, ווי גלאָז, און שײַנט אויף אין דער זון מיט אַ זילבערנעם קאָליר, און שפּילט און שמערירט אין די אויגן? אָט דאָ זאָל זײַן דער דניעפּר? (ש״א) [1]

ד) וויפֿל צײַגן, וויפֿל שטאָפּן,
פּונקט אַזויפֿיל געגנג און סטראָפֿן.
יעדער גליד און יעדער שיכט
האָט זײַן ליד, האָט זײַן געדיכט („אין וואַלד״. ד. האָפּשטיין).

הײַנט פֿון שײַן נאָר וויל איך שפּינען,   ווו איך פֿאָר דאָ, איז ער הי.
ס׳איז דאָך דאָ אַ וואָרט: באַגינען!   ס׳איז באַגינען און ס׳איז פֿרי (דאָרטן) [2].

אָנווײַזן די שאַטירונגען און וואַריִאַציעס פֿון סינאָנימען. ווו און וויאַזוי איז דאָ אויסגעמיטן איבערכאַזערונג? זוכט צו נאָך אַזוינע בײַשפּילן. שאַפֿט אייגענע.

12) אויסמײַדן איבערצוכאַזערן אַלעמאָל דיזעלביקע ווערטער און איינאַרטיק־איינטאָניקע רייד ביקלאַל (פֿאַרבײַטן מיט סינאָנימישע ווערטער און אַנדערע פֿאַרטרעטווערטער.

מענדעלע איז געבוירן געוואָרן אין קאַ־פּוליע, מינסקער גובערניע.

מענדעלע איז געבוירן געוואָרן אין קאַפּו־ליע, מינסקער גוב.

---

[1]) ס׳איז עמאָציאָנעל־סינאָנימישע וואַריִאַציע. דער וואַריִיר־מאַטעריאַל בילדעט אַן אַלגעמיינעם פֿאָן, וואָס מאַכט פֿולער, דעטאַלער דעם שילדערנדיקן געדאַנק. כּוצדעם ריטמיזירט עס און פֿאַרגאַנצט אויף אַ געוויסן אויפֿן דעם בוי פֿון וואָרט און פּראָזע.

[2]) צײַגן—שטאָפּן, געדיכט—ליד, באַגינען—פֿרי. די ערשטע ווערטער זײַנען שמעלער, ווי טײלן פֿון ברייטערע באַגריפֿן. שמעלערע סינאָנימיק איז קאָנקרעטער, דײַטלעכער, ברייטערע סינאָנימיק—פֿאַרנעמיקער, אויסגעשפּרייטער. אַזוינע פּאָרלעך-סינאָנימען פֿאַרגאַנצן די בילדלעכקײַט.

מענדעלעס פאָטער איז געווען איינער פון
די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל.

דער פאָטער האָט געגעבן מענדעלען אַן
אַלט־ייִדישע דערציִונג.

צו 14 יאָר איז בא מענדעלען געשטאָרבן
דער פאָטער...

. . . .

זײַן פאָטער איז געווען איינער פון די אָנ-
געזעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל.

דער פאָטער האָט געגעבן דעם זון זײַנעם
אַן אַלט־ייִדישע דערציִונג.

צו 14 יאָר איז באַם גראָטעסקעם ייִנגל אָפּ-
געשטאָרבן דער פאָטער... [1]

. . . .

13) צוזוכן בײַשפּילן אַפּ סינאָנימישער קעגנשטעלונג.

14) צוזוכן בײַשפּילן און גרופּירן דעם מאַסנדיק־סינאָנימישן טאָפּל־לאַשן.

15) צוזוכן דיאַלעקטישע סינאָנימיק.

16) זוכט־צו פראַזעאָלאָגיש־סינאָנימישע אויסדרוקן פון רייד, פון ליטעראַטור.

17) שטעלט אויף צעטלען פּאַראַלעל־סינטאַקסישע קאָנסטרוקציעס, ווײַזט אָן אין אַ ריי פאַלן, וואָסער קאָנסטרוקציע איז בעסער און פאַרוואָס (זעט אויך אַזוינע אופגעבונגען אין אָפּשניט „סטיליסטישע גראַמאַטיק").

VI. וועגן אַנטאָנימען

די אַרבעט אַפּ אַנטאָנימען קומט פאַר פּאַראַלעל מיט דער אַרבעט אַפּ סינאָנימיע און דערגאַנצט אָט די אַרבעט. דאָס אַנטאָנימישע, דאָס פאַרקערטע שטויסט נאָכ קאָנקרעטער צו דערשפּירן און אופנעמען די אייגנקײַט און אָפּטמאָל אייגנאַרטיקײַט, די שאַטירונג פון סינאָנים. אָנשוילעכ און פּראָדוקטיוו איז די קעגנשטעלונג, דאָס אופּאַסן גרופּעס סינאָנימען מיט זייערע אַנטאָנימען, וואָס זײַנען סינאָנימען צווישן זיכ.

אַ פּאָר אַרבעטן דערופּ.

1. צוגעבן דאָס פאַרקערטע (אַנטאָנימע) וואָרט. שטעלן עס אין אַ פּראָזע.

א) גרויס —	וואָלוול —	
לאַנג —	ווינטעריק —	(„קליידונג")
שמאָל —	גאַנץ —	
ב) וואַרעם —	זוניק —	
טרוקן —	גערעטעניש —	(„האַרבסט")
גרין —	בליִען —	
לויטער —		

1) דידאַקטיקע אופגאַבע קען מען וואַריִרן פאַרשיידנערליי. ס'איז וויכטיק, ווײַל די קינדער האָבן אַ טעווע צו איבערכאַזערן אייגנאַרטיקע סינטאַגמעס און רייד־שטיקער (זעט פריִער, „איבעריקע רייד"). איר טרעפט עס, אַגעפ, ניט בלויז אין קינדערשע אַרבעטן: „מיט צוויי וואָכן צוריק, ווען די אַ ר ב ע ט ע ר פון דער צווייטער וואַכטע, ווו עס אַ ר ב ע ט ן אַ מאַן 20—15, זײַנען געקומען צו דער אַ ר ב ע ט, האָט זיכ אַרויסגעוויזן, אַז מע האָט זיי איבערגעלאָזט ווינציק אַ ר ב ע ט. עס האָט זיכ געענדיקט זייער אַ ר ב ע ט, האָבן זיי ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַן אַ ר ב ע ט צו טון. זײַנען זיי אַרומגעלאָפן אין אַלע אָפּ-טיילונגען פרעגן, עפּשער איז דאָ אַ ר ב ע ט פאַר זיי, נאָר קיין אַ ר ב ע ט איז ניט געווען דאָ א. א. („עמעס", ציטירט לויט כ' פאַלקאָוויטשעס אַן אַרטיקל אין „ראַטנבילדונג").

ג) קויפן —
פארבינדן —
אָנשיטן —
פארוויקלען —
פארדינען — („האנדל און קאָאָפעראציע")
ד) אויסגראָבן —
אראָפּלאָזן זיך —
אָנלאָדן — („אויסגראָבונגען")

2. סינאָנימיש־אַנטאָנימישע גרופּעס:

א) פרייל‏עך, לוסטיק, לעבעדיק, מוטיק, מונטער...
ב) ליכטער, ליכטיק, לויכטנדיק, שײַנענדיק...
ג) לויפן, טראָגן זיך, אײַלן, שוועבן, פליען...

צוגעבן אַנטשפּרעכיקע אַנטאָנימישע „נעסטן" (גרופּעס, רייען).

דערמיט איז געבונדן די ארבעט אפ אַנטיטעטישן ביקלאַל, וואָס סע קומט איצט אויס צו אָפּערירן דערמיט:

„...בא זיי, בא די קאפּיטאליסטן איז עקאָנאָמישער קריזיס און יערידע סײַ אין דער פּראָדוקציע, סײַ אין דער לאנדווירטשאפט. בא אונדז אין ס.ס.ר.ר. איז עקאָנאָמישער אופשטײַג און וווּקס פון פּראָדוקציע אין אלע צווײַגן פון פאָלקווירטשאפט א. א. וו." אין גאנצן אָפּשניט (8) פונעם כ' סטאלינס רעדע אפן XVI פארטיי־צוזאמענפאָר.

אפ אזוינע פראגמענטן איז גוט צו אכטגעבן די פונקציאָנעלע ראָל פון אנטיטעטישן (און אנטאָנימישן) און זיך לערנען צו אָפּערירן דערמיט בא—„מיר און זיי", „פריער און איצט" א. א. עקאָנאָמיש־פּאָליטישע און קולטור־רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, וואָס זײַנען איצט אזוי בולעט אין לעבן און אין רייד פון אונדזער „פינפיאָר אין פיר און אין דרײַ און אין צוויי א האלבן".

VII. פּאָליסעמיע

1

אין סינאָנים שפּילט די שפּראך מיט ניואנס, שאטירונג און קארגט ניט קיין וואָרט צוליב טרעפיקן און גענויען אויסדרוק. דורך פּאָליסעמיע (מערדײַטיקײַט, פילבאטײַט) און האָמאָנים, אלס בוילעטסטן ארט פּאָליסעמיע, ציט זיך די שפּראך צו שפּאָרעוודיקײַט. זייער אָפט קומט עס פאָר אפ דעם אויפן, וואָס איז ביקלאל פאר־שפּרייט אין דער שפּראך — דורך איבערנעמען, אריבערטראָגן, אָנרופן לויט אסאָ־ציאציע (זעט ווײַטער „אייגנטלעכע און עקספּרעסיווע רייד").

און אויב סינאָנימישע רייען באקומען זייער גענויקײַט און פינקטלעכקײַט אין קאָנטעקסט, איז עס באזונדערס שײַעך צו פּאָליסעמיע און האָמאָנים, וואָס איז אָפּטמאָל קלאָר ניט אנדערש, ווי נאָר אין געוויסן האפט פון וואָרט.

א) א נאר וואַרפט א שטיין אין גאָרטן, קענען אים קיין צען קלוגע ניט ארויסנעמען.
ער וואַרפט זיך אפ אים ארופ.
עס וואַרפט זיך אין די אויגן.
עס וואַרפט אים דאָס קאָראָכעס.

ער װ א ר פ ט אים אויס.
עס װ א ר פ ט זיך דורך גרײַזן.
ער װ א ר פ ט אן אויג אָפּ...

ב) בלאַט (פֿון אַ בוים, בוך, לאָקשן, קרויט), בלאַט (־צײַטונג), בלאַט (פֿון טיש—„סטאָלער הובלט פֿײַן און גלאַט, מאַכט שוין פּאַרטיק באַלד די ב ל א ט"), שלאָגן ב ל א ט (יאַראַכעס, אָפּרעדן [1]).

בלעטל (אַ קליינע בלאַט־צײַטונג), פֿלוג־ב ל ע ט ל, בלעטל (באַ אַ שוך אָפּן אָפּצאַס—„לייגן אַ בלעטל"), בלעטל (אַ פּאַטענט", „נעמען אַ בלעטל").

2

וויאַזוי האָט געקענט אויפֿקומען האָמאָנימיק אַלס שפּראַך־דערשײַנונג? אין קורצן קען מען דאָ אָנגעבן אָנווײַזן אָט אָף וואָס.

אין ווײַטן אוראַלט האָבן פֿיל זאַכן און דערשײַנונגען געהאַט אייניקע באַצייכענונג. גאַנצע סכומען נאָענטע זאַכן און זייערע טיילן, נאָענטע אַסאָציאַציעס זײַנען אַלציינס נאָמינירט געוואָרן. ס'איז געווען, הייסט עס, פּאָליסעמאַנטישער לעקסיקאָן. גענומען האָט זיך עס פֿון קנאַפּער אַנטוויקלונג פֿון אַרבעט און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט, מעמיילע שוין פֿון אומדיפֿערענצירטן דענקען און נאָמירן פּראָצעסן. דאָס איז איין מאָל. ווידער האָבן מיר אַלעמאָל אין דער שפּראַך גילגולים פֿון א ל צ יי נ ע ווערטער, וואָס האָבן אין פֿאַרשיידענער צײַט באַצייכנט פ א ר ש יי ד ע נ ע סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכע באַגריפֿן. דערנאָך שוין איז אָט דער פּאָליסעמאַנטישער וואָרט־מאַטעריאַל פֿאַרבליבן אין דער שפּראַך, „צוגעפּעסטיקט" צו געוויסע באַגריפֿן און דערשײַנונגען, וואָס האָבן אָפּטמאָל א י צ ט קיינשום לאָגישע שײַכעס ניט צווישן זיך.

מירן נעמען אַ פּאָר איינפֿאַכערע בײַשפּילן אָפּ זיך עס פֿאָרשטעלן.

א) ש ט ע ר ן. וויאַזוי וואָלט מען געקענט דערקלערן די שײַכעס, וואָס האָט פֿאַרצײַטן מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרצייכענען אַלציינס שטערן אין הימל און שטערן באַם באַלכײַ?

אָפּ באַצייכענען דעם שטערן פֿון באַלכײַ האָט מען זיך געקענט באַנוצן מיט דעמזעלביקן קלאַנג־קאָמפּלעקס, וואָס באַצייכנט די גאַנצע קאָפּ (דאָסזעלבע, לאָמיר זאָגן, פֿאַר—נאָז, נאַקן, שאַרבן א. א.). דערצו ברענגט דער אַנאַליז פֿון וואָרט אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

באָלגאַריש — лоб שאַרבן

סערבאָכאָרוואַטיש лобанa שאַרבן

גריכיש lophos נאַקן

פּויליש leb קאָפּ (פֿון אַ פֿיש, אַ פֿערד, אַ כאַזער) א. א. וו.

אָפּ דעמזעלבן אויפֿן ברענגט „שטערן" צו—„הימל". אָפּ הימל און הימלקערפּער איז געוויס געווען איינס און דאָסזעלביקע וואָרט. אָפּן אייבערשטן טייל וועלט (הימל) האָט געקענט גילטן דאָסזעלביקע וואָרט, וואָס אָפּן אייבערשטן טייל מענטשן, באַלכײַ (קאָפּ).

אַזוי אַרום האָט ווען עס איז אין ווײַטן אַמאָל „שטערן" געהאַט מיסטאַמע אַ באַצייכענען צווייערליי ג ע נ ע ר א ל י ז י ר ט ע דערשײַנונגען, וואָס איצט זײַנען זיי

[1]) blatny (פּויליש), блатной — גאַנאָווים־לשון: „סטאַש קאָנעקראַד, ווי האָסטו די קו געפּאַקט?— שווײַגט, זי איז בלאַט" („שלוימע נאָגיד", אַש).

שוין פאר אונדז אזוי דיפערענצירט, אז מיר הייבן ניט אָן צו פילן די שייכעס צווישן זיי.

ב) דאָס גריכישע nomos (דערפון—נאָמאַד) האָט אַמאָל געהאַט אַ רייַ באַטייַטן, וואָס טכ״לעס קומט אויס, אַז זיי האָבן קיין שום שייַכעס ניט צווישן זיך. מע האָט צוערשט געברויכט אָט דאָס וואָרט ווי „פיטערפּלאַץ“, דערנאָך „וווינאָרט“, „צעטיילונג“, לעסאָף אויך „געוויינהייט“, „מינעג“ און „געזעץ“. ווייַזן דאָ די פאַרשיידענע באַטייַטן פונעם וואָרט nomos אָפּ די פאַרשיידענע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע עטאַפּן,— פון פּאַסטעכערייַ צו אייַנגעזעסנקייַט, פון מינעג צו געזעץ.

ג) באַנק (אָפּ זיצן, געלט־באַנק). אַמאָל האָבן כאַלפּאָנים אין מאַרק אָפּ אַן אייַנפאַכער באַנק זיך פאַרנומען מיט אויסבייַטן מאַטבייעס און היטן באַ זיך פרעמדע פרייַע געלטן. מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם זייַנען די בענק איבערגעגאַנגען צו אַלץ מער קאָמפּליצירטע קרעדיט־אָפּעראַציעס (אופגעקומען איז דאָס וואָרט צוערשט אין צאָפן־איטאַליע, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָרטן אויספאָרמירן דער האַנדל־קאַפּיטאַל,— אין 13—12־טן יאָרהונדערט).

3

מירן אָפּמערקן אייניקע אַרטן מערדייַטיקייַט.

נאַטורעלע האָמאָנימיע. באַם פאַרגלייַכן אַזעלכע האָמאָנימישע באַציִונגען צווישן זיך מערקן מיר ניט קיין ענלעכקייַט לויט אַסאָציִאַציע:

געריכט (суд, блюдо), באָדן (почва, וואַשן זיך 1), גראָב—גראָב (גראָבן 1) זאָקן—זאָקן 1) נעמען (נאָמען)—נעמען 1), שטיין, בעטן...1).

2) פיגורעלע האָמאָנימיע. אופגעקומענע לויט איבערנעמען, לויט אַסאָציִאַציע:

א) קעפּל (קרויט, קנאָבל, באַ אַ שטעקל, באַ אַ צייַטונג א. א.), העלדזל, פּיסקל, וואָרצל...

ב) אַ שאַרף קלינגל, אַ שאַרף קעפּל; ברענט אַ פייַער, ברענט אַפּן האַרצן, ברענט דאָס פּאָנעם א. אַז. וו.

ער מיר—קוסטאַר, עלעמענט—מעג יאָ, און איך אים—טשאַנזאָלינ—טאָר ניט (הירשל שאַמייַ).

3) גראַמאַטישע האָמאָנימיע:

א) פון איין מאָרפאָלאָגישער קאַטעגאָריע:

קום (איך קום, קום!), גייט (ער גייט, איר גייט, גייט!)

ב) פון פאַרשיידענער מאָרפאָלאָגישער קאַטעגאָריע:

(די) אַרבעט, אַרבעט (איך), אַרבעט!

גרינג (אַ גרינג ביימל, גרינג פעלצל)

קרעפּטיקן (ווערב), קרעפּטיקן (דעם קרעפּטיקן)

ג) איין פאָרמע, פאַרשיידענער באַטייַט:

דו גיסט (גיסן, געבן), פליסט (פליסן, פליִען), נייט (נייען, נייטן),

ד) דער אַרטיקל ניואַנסירט:

(דער) עלטער (возраст), די עלטער (старость)

(די) שנור (דעם זונס ווייַב), (דער) שנור—(שטריקל)

(די) גלאָז (קיילע), (דאָס) גלאָז (שטאָף)—אין דאָרעם־ייִדיש.

---

1) דער ניט־ליטווישער ייִדיש דיפערענצירט אין פיל אַזעלע פאַלן די אויסשפּראַך: באָדן (budn, bodn), גראָב (grob, grub), זאָקן (sokn, sukn), נעמען (nemen, neimen), בעטן (betn, beitn) א.א.וו.

ה) האָמאָנימיע אין פארקלענער־פאָרם:

זעקעלע, זעקל (זאק, זאָק).

בעקל, בעקעלע (באק, באָק)

רעגעלע (רעגנ, רעגע)

קערבל (קארב, קאָרב)

4) האָמאָנימיע לויט ארויסברענג:

א) ליַדט—ליַט, זיצסט—זידסט, שפּיַסט—שפּיַזט, גרינקיַט—גרינגקיַט.

5) האָמאָנימיש־דיאַלעקטישע מאָמענטנ:

בויט ברעכט איַזנ. ווענ בייט א שניַדער אומזיסט?

ליטוויש:

אז מע קאָכט מיט שטרוי, בליַבט דאָס עסנ רוי. קינדער, קינדער אינ דער ריי.
די מאמע בריַט, די טאָכטער רויט (אויווג, פיַער). עסנ קינדער פרישנ ברויט.

דאָרעמ־יִדיש:

ער לאכט, וויַל דער נאר שטופּט אימ. נאָר עס דאכט זיכ, אז בא יענעמ ליַכט זיכ.
אז מע זייט, וואקסט. אז מע זעט ניט מיט די אויגנ, פארזיכערט מענ ניט מיטנ מויל.
זונ—זינ, ווי—ווּ, פיל—פול, א הונ—א הינ, אָט—האָט, עלפ—העלפ.

4

אפ פאָליסעמיע אונ האָמאָנימיע האלט זיכ ווערטער־שפּיל אונ קאלאמבור, גליַכ־וואָרט, קלאנג־עפעקט אונ שפּאסיקיַט,—ביקלאל שפּראכלעכער qui pro quo („איינס אָנשטאָט דעמ צווייטנ”). מיר האָבנ פיל מוסטערנ דערפונ אינ מאסנלאָשנ, אונ ניט נאָר אינ מאסנלאָשנ.

„ווייסט איר ווו דאָס בעסטע פאָרעכצ איז? — דאָס בעסטע, דאָס שטילסטע, דאָס רוּקסטע?—מיטנ „ליידיקגייער”. — אזוי האָבנ די באָהאָפאָלער יִדנ א נאָמענ געגעבנ די שמאָלע איַזנבאנ, וואָס שניַדט דורכ א גאנצע ריי שטעטלעכ: באָהאָפּאָליע, היַסינ, טעפליק, נעמיראָוו, כאשטשעוואטע אונ נאָכ אזעלכע געבענטשטע מעקוימעס, ווו אָדעמ הארישנס פוס האָט קיינמאָל ניט געטראָטנ.

די באָהאָפאָלער יִדנ, וואָס האָבנ א שעמ אפ דער וועלט פאר ווערטלזאָגערס, דערציילנ זיכ אָנ פונעמ „ליידיקגייער” מיַלעס מיט מיַלעס.

ערשטנס, האָט איר ניט קיינ מוירע, זאָגנ זיי, פאר פארשפּעטיקנ. ווענ איר זאָלט ניט קומענ, כאפּט איר אימ. היַנט וואָס איז ווערט, זאָגנ זיי, דאָס, וואָס איר דארפט איַכ ניט שלאָגנ פאר אנ אָרט? איר קענט אָפּפאָרנ, זאָגנ זיי, א גאנצע שטרעקע איינ מענטש אליינ, ליגנ אויסגעצויגנ ווי א סראָרע אונ אויסשלאָפנ זיכ אפ אלע זיַטנ”. (ש״א. „איַזנבאנ־געשיכטעס”).

א פאָר ביַשפּילנ פונ פאָלקסטימלעכער קאלאמבוריק.

1) שפּראכלעכער פאראלעליזמ.

א) מע „טיַטשט איַנ” שפּיצעכיק א העברעיִש וואָרט אָדער באהעפט:

„האוחז בידו” איז די בעסטע טפילע (אז מע האלט א זאכ אינ דער האנט, איז מענ זיכער). ברענגענ א „מתנת יד” (א שטארקנ קלאפּ).

ב) שפּיל מיט צווייַשפּראכיקיַט.

מאכ—כויוו איז איינ ווייטיק, מאכ—כויוועס איז אסאכ ווייטיקנ (מאכ־כויוו—„מכאוב” מאכ־כויוועס—„מאכאובות”).

א בראט פונ די ברעטער (א מענטש מיט ווּעמענ מע קענ אויסקומענ),

דער דיַטש אונ דער רוס טיַנעננביידע אינ איינ קאָל: „מיר!” (שאָלעמ), דער דיַטש טיַנעט: „פּוילנ—מיר! רומעניע — מיר! בעלגיע—מיר!” דער רוס טיַנעט: „ווּי איז מיר! [illegible] איז מיר! א בראָכ צו מיר!”

ג) מע שפעט אָפ פונ אמעראצישע „פיירעש האמילעס״:

„אָגיל ואשמח״—קײַלעכדיק אונ שפיצעכדיק (אמעראצעס—„אגיל—עגול״—קײַלעכדיק).

אזא וואָרטשפיל אונ קאלאמבוריק (א, ב, ג) שטאמט געוויס פונ דער לאָמדישער סוויווע. פונדאנענ קומט ביקלאל די פאראלעלישע טעקסטנ אונ טיילווײַז די מאקאראָניק לויטנ ארט:

„קאטערינע מאלאדיציא פאָדי סיודא״—„כת רינה מלא דיצה פדית שדי״ א. א.

2) וואָרטשפיל לויט ארויסברענג.

גאנצ גוט,—קאטשקע נאָכ בעסער („גאנדז״—„גאנצ״).

אז דו וועסט דארפנ אופשטיינ פונ שלאָפ, וועל איכ דיר אוועקגעבנ (א וועק געבנ).

— בא אונדז אינ שכיינעס וווינט אויכ א מאנזבל עסטער.

— ס׳איז ניט מעגלעכ? א ייִד א מאנזבל עסטער?

— איר זעט דאָכ! איכ האָב אליינ געזעענ: אזוי ווי מע דערלאנגט אימ נאָר עפּעס צומ טיש—עסט ער.

— וואָס איז דער כילעק פונ א האנטעכ ביז א נאָז?

— א האנטעכ איז צו ווישנ דעמ פּאָנעמ, אונ א נאָז איז צווישנ די אויגנ.

3) וואָרט אונ וואָרט־טייל:

אז מע נעמט זיכ פיר, לויפט דאָס פינפטע אליינ נאָכ (וואָרטשפיל צווישנ פיר—צאָל אונ פירנעמענ. אזוי זאָגנ באלעגאָלעס, ווענ זיי שפאנענ אײַנ פיר פערד אינ וואָגנ אונ א קליינ לאָשעקל לויפט נאָכ).

5

וואָס פאר אנ ארבעט אפ פאָליסעמיע אונ האָמאָנימיע קענ מענ געבנ אינ שול? אָט זײַנענ אייניקע אופגעבונגענ.

1) צונויפפאסנ די געגעבענע ווערטער מיט אנדערע. שאפנ עטלעכע פראזעס צו יעדער האָמאָנימ.

שטערנ, זונ, קעמל, מער, מאָלנ, אכט, וועגנ, נעצ, פיר, לאנד (פעלד...)

שטערנ

1. שטערנ פונ א מענטשנ.	ער האָט א הויכנ שטערנ.
2. שטערנ אינ הימל.	ס׳צינדנ זיכ שוינ שטערנ אינ הימל.

2) צונויפשטעלנ פראזעס מיט די האָמאָנימענ: שפיל, עק, לײַב, בער, אויגל, הענטל, פיסל, קעפל, רעשטל (רעשטל־סכוירע, רעשטל צו די צאָרעס, רעשטל פונ דער אלטער אָרדענונג), היטל.

3) זיי הענגענ אופ די מאנטלענ. שניי־וואָלקנס...
מע לאָזט אונדז שוינ אהיימ פונ שול. דער פראָסט...
ער פײַפט מיט זײַנ פײַפעלע. דער ווינט...
ער מאָלט מיט פארבנ. אינ מיל... אפ די שויבנ דער פראָסט...

אויסבילדנ א צווייטע פראזע מיט די אונטערגעשטראָכענע ווערטער פונ דער ערשטער פראזע. צוטראכטנ אייגענע אזוינע פאָרלעכ־פראזעס.

באַם דורכארבעטנ די געבראכטע אופגעבונגענ דארפ מענ אָפערירנ אויכ מיט וויסנשאפטלעכ־טעכנישנ מאטעריאל: א) קערפער (אויכ געאָמעטרישער, פיזישער),

ברוך (ברוכצאָל, אײַזנברוּך, שווארצברוך). ב) קאָנדוקטער (אויך אין פיזיק), שטראָם (וואסער, עלעקטרע). ג) קעמערל (צעל א. א.), שטענגל (стержень, корешок). ד) נאָרמע (אויך ארבעט־נאָרמע), דעטאל (אויך טעכנישער טייל), פאָרמע (בא זעצער א. א).

קעפּל אלס האָמאָנים



4) אופקלערנ די האָמאָנימישע וואָרט־שפּיל.

מירנ קומענ אהיימ, וועל איכ דיר ווײַזנ א הײ אינ סידער (טעוויע דער מילכיקער צום פערדל). בא מיר איז א „מענטש״ פארעכנט פאר א מענטשנ. ווייסט איר פארוואָס, ווײַל איכ בינ אמאָל אליינ געווענ א „מענטש״ (ש. א. „דער מענטש פונ בוענאָס־איירעס״).

א שרײַבער[1]) פרעגט א מינסקער יידנ:

— ווו געפינט מענ דאָ בא אײַכ דעמ יידישנ געריכט?

[1]) מ. טײַטש. „עמעס״.

— אויב איר מיינט קוגל, וועט איר עס אין צעראבקאָפּ ניט קריגן, סײַדן פּריוואט.
ער איז א דימענט, מע קען מיט אים שנײַדן גלאָז.
אָפּלייגן איז גאָר גוט קעז (אף איינעם, וואָס האָט ליב אָפּצולייגן פון טאָג אף טאָג).
— די יויך לויפט!
— טאָ מאכט צו די טיר!
אז ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו פארבײַסן, פארבײַסט מען מיט די ליפּן.
וואָס מאכט איר?—פון א לעבל א קרײַטשיק.
פונוואנען זײַט איר?—פון פלעשל.
זײַן קאָפּ האלט זיך אף אײַנפאלן.
אז סע גייט, לויפט עס.
עלעקטרע קאָסט טײַער
און וואסער ברענט ווי פײַער,
און אָפטמאָל איז קיין וואסער גאָר ניטאָ
(פון א פעליעטאָן וועגן קאָמונאלער באדינונג [1]).
וואָס הערט זיך? — וואָס סע הערט זיך, ווארפט מען ארויס [2]

VIII. וועגן פאראָנימען

מיר האָבן נאָך די דערשײַנונג ניט פון פאָנעטישער אידענטישקײַט, נאָר פון פאָנעטישער נאָענטקײַט בא פארשיידענעם באטײַט. ס'איז איצט פון די הארבערע שטרויכלונגען אין די באדינגונגען פון אונדזער מאסן־לעבן, וואָס נעמט זיך אָקאָרשט אָן מיטן נײַעם באגריף און וואָרט, אין אונדזער שול פאר קליינע און גרויס.

„...פון דער קופּע, ווו מע רעדט יידיש, האָט אוורעמל, וואָס איז .געשטאנען מיט איין אויער אהינצו, געכאפּט ווערטער, ארויסגעכאפּט פון באהאנדלען דעם סטאטוט.

... — נו, און וואָס הייסט אשטייגער: „אנטשפּרעכיקע"?

דאָס ווייסט זעליק. דאָס הייסט א מין שפּרעכן, וואָס מע שפּרעכט. לעמאָשל, מע זאָגט, צוויי ארטיסטן וועלן קיין מאָל ניט ריידן, נאָר שפּרעכן.

— ס'א מאָשל, וואָס זשע קער זיך אָן ארטיסטן מיט וואסער־קוואלן און מיט מעליאָראציע־ארבעט?

זעליק דערשטוינט. קוקט מיט זײַנע גרינע אויגן גלײַך אפן פרעגער.

דערוף איז דאָך עס בערעזידזשאן.

... אָט אינטערעסאנט איז, וואָס צו אלע ארטיקלען גייען נאָך צו „אָבליגאטאָרישע". דאָס הייסט פון אָבליגאציעס, דאָ קען מען מיטאמאָל טון א געווין עטלעכע טויזנט קערבלעך, און דער קאָלעקטיוו שטעלט זיך אף די פיס..." (מ. אלבערטאָן. „ביראָבידזשאן").

און אין מײַנע מאטעריאלן פאר דער שול פאר יינגערע און עלטערע טרעף איך אזוינע פארשפּרייטע געמיש־מאָמענטן:

ענדלעך — ענלעך
קינצלעך — קינסטלעריש
אלפאבעטן — אנאלפאבעטן
וואָכעדיק — וואָכנטלעך
לעכערדיק — לעכערלעך
איינהײַטלעכקײַט — אייניקײַט
ליידנשאפטלעך — ליידנדיק
אלס — אלץ
באזונדער — באזונדערס

נייגונג—אָפּנויג („כ'האָב אן אָפּנויג צו לערערײַ")
שטרעבונג — שטרעמונג („מײַן שטרעמונג איז צו לערנען זיך")
איינארטיק — אייגנארטיק
פארצײַטיק — פאר דער צײַט
קעגנזײַטיק — קעגנזעצלעך
אקטועל — אקטיוו
רירנדיק — רירעוודיק
אָנזיכטיק — אָנגעזעען

1) ציטירט לויט זארעצקי. „שפּאס אין שפּראכלימעד", ראטנבילדונג", 10, 1929.
2) זעט אויך ווײַטער „רעטעניש".

וווּנדערלעך — פאַרוווּנדערט („ער האָט אים וווּנדערלעך באַטראַכט").

מע וואָלט דעמדאָזיקן צעטל געקענט פאָרזעצן ווײַטער און ווײַטער.

קלאָר, אַז מע דאַרף לייגן אַכט אַף ניט מישן קיין „מיטקלינגעוודיקע" ווערטער־פּאָרן, וואָס האָבן טיילמאָל אַ ווײַטע שײַכעס צווישן זיך אָדער גאָר קיין שײַכעס ניט איינס צום אַנדערן. דיפערענצירן אַזוינע פאָנעטיש־נאָענטע פּאַראָנימישע קאַטעגאָריעס פאָדערט געוויסן שפּראַך־כוש.

א פּאָר אַרבעטן אַף פּאַראָנים:

1) שטעלט געגעבענע פּאַראָנימען אין אַנטשפּרעכיקע קאָנטעקסן.

2) אויסבילדן פּאַראָנימישע רייען פון אַ געגעבן וואָרט.

3) צעשטעלן אין פראַזעס:

א) געקריגן — געקריגט
געבעטן — געבעט
געמאָלן — געמאָלט
געשאַפן — געשאַפט

ב) וועלגערן — וואַלגערן (זיך)
שאַצן — שעצן

ג) קאָכעדיק — קאָכנדיק
שפּאָרנדיק — שפּאָרעוודיק

ד) זין — זונען, שטערן — שטערנס, מאַנען,—מענער.
שווערקײַט — שווערוקײַט
אָרעמקײַט — אָרעמשאַפט

4) אַכטגעבן אַף פּאַראָנימען אין רייד, אין ליטעראַטור.

IX. אָקטיאַבער און דאָס נײַע וואָרט

מיר פלײַסן זיך צו געוויינען קינד און יוגנט פון ערשטן שול־טאָג אָן צו קלאָרקײַט, גענויקײַט און אין דערזועלביקער צײַט צו פײַנקײַט און בייגעוודיקײַט פון רייד. שײַעך איז דאָס צום לעקסיקאָן, וואָס יונגוואַרג ברענגט מיט זיך און האָט עס שוין אין אייגענעם „אַקטיוון" פאַרמעג, נאָך מער קער זיך עס אָן מיט פרישן שטראָם פון וואָרט און וואָרט־בילדונג, וואָס טוט „וואַקסן און פאַרפלייצן", מיט די פיל נײַע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וואָס זיי דאַרפן נאָר אופנעמען און אײַנזאַפן. אין יידיש, ווי אין די אַנדערע פריִער געדריקטע און אָקאָרשט אופגעריכטע שפּראַכן פון אונדזער לאַנד, איז דער שטראָם פון נײַעם וואָרט ניט אין אַן ערעך שעפעדיקער, ווי אין אַן עלטערער ברייט־געברויכלעכער שפּראַך. נײַ ווערט דאָ נאָך אָפטמאָל זײַן דאָס גאָר עלעמענטאַרע און געוויינלעכע, וואָס קומט אוף איינוועגס שוין מיטן טערמין, וויסנשאַפטלעכן רייד־אַרט, מעלוכיש־אַדמיניסטראַטיוון אויסדרוק, מיט דער פײַנסטער שעפעריש־ליטעראַרישער אויסבילדונג. דאָס נײַע וואָרט וואַקסט שטורמיש אָן אין אונדזער פּאָעטיש־ליטעראַריש שאַפן, ווו מע עקספּערימענטירט און מע ציט זיך צו פרישער און אַלץ פרישערער לעקסישער דערהויבנקײַט, אַף די בלעטער פון אונדזערע צײַטונגען, ווו מע מוז שאַפן גלײַך און אַף דער רעגע, אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין פּראָפּאַריין, אין מיליציע־באַצירק, אין געריכט, אין קאָאָפּעראַטיוו, אַפן פאַבריק, אין נײַעם יידישן דאָרף, אין דער פאַרצווײַגטער יידישער שול, וואָס האָט אָקאָרשט מיט דער רעוואָליוציע צו לעבן אָנגעהויבן. „מע זיצט בא אונדז אין די רעדאַקציעס און מע מאַטערט זיך צו אַנטפּלעקן פאָלקווערטער און בויען לויט זייער שניט נײַע ווערטער. מע זוכט ווערטער און טער־

מינעס אינ די שולנ, אינ אלע אנדערע אנשטאלטנ, די מאסנ אליינ זוכנ ווערטער פאר די אָנגעוואָקסענע באגריפנ, פאר די נויטנ פונ דער שפּראכ־עקספּאנסיע" (ליטוואקאָוו).

וואָס פאר א שלאל נעאָלאָגישנ וואָרט־מאטעריאל עס פארמאָגט איצט בא אונדז א פּאָשעטער בירגער פונ א גאנצ־יאָר, יעדער ארבעטער, יעדער דורכשניט־לעכער פּאָליט-טוער אינ וויַטנ שטעטל אונ אינ דאָרפ? וויפל ווערטער אונ וואָרט־בילדונגענ רעוואָליוציאָנערע אונ לעמ־רעוואָליוציאָנערע זיַינענ שוינ בא אונדז אריַינ אינ טאָגטעגלעכנ געברויכ אונ שטייגער, אונ אינ אוילעמ האָט מענ זיכ שוינ מיט זיי איַינגעלעבט, ווי מיט אייגענע אונ פארייגנטע צי, פארקערט, בעיינ אויפנ ניט פארדייעט, ווי „טרייפענע" באצייכענונגענ, וואָס וועקנ באהאלטענעמ אונ אָפענעמ האס? אונ דעמ לעבעדיקנ קוואל פונ נייַער וואָרטשאפונג, פונ אונדזער נייַעמ „זיַינ אונ באוווסטזיַינ" שפּירנ מיר באזונדערס, ווענ מיר פארגליַיכנ אמאָל אונדזער אנ אויסגאבע, א צייַטונג אונ אנ אויסגאבע אָדער א צייַטונג אנ אויסלענדישע. אונ ניט אומזיסט געפעלט דאָרט אָפּט ניט, ווענ מענ קענ ניט געפעלנ, דער „סאָוועטישער לאָשנ" אונ ניט אומזיסט טרייַבט מענ דאָרטנ שפּאס פונ אזא, אשטייגער, יונג אונ צאפּלדיק וואָרט, ווי „צונויפלי" (слет) פונ פּיאָנערנ, וויַל „אינ יידישנ וואָרט, וואָס איז אָקאָרשט ארויס פונ די צוואנגענ", איז נאָר בא אונדז „פאראנ אזא רופ צו באנייַונג" (האָפּשטיינ).

לאָמיר אָנווארפנ אייניקע נעאָלאָגישע קאטעגאָריעס פונ דעמ, וואָס קומט גליַיכ אפנ געדאנק (פונ אומגאנג, פונ פּרעסע, פונ דיכטונג) אונ וואָס קענ דורכגענומענ ווערנ אינ שול.

1. אלטע ווערטער מיט נייַעמ ניואנס אונ מיט ספּעציעלנ באטייַט.

אָקטיאבער (רעוואָליוציע), כאוער, פּיאָנער, ראט (ראטנ), רינג (רונג), עלטסטער (פּיאָנערנ־), מאכנע (פּיאָנערנ־), (די) רויטע, (די) וויַסע, (די) גרויסע, געוועט (פאר־מעסטונג), פּארטיי (קאָמוניסטישע), „שער", רייניקנ (רייניקונג), פארשרייַבנ זיכ (אינ „זאגס"), אָנלאָדנ (אָנלאָדונג, אָנלאָד), לייַכטע קאוואלעריע, ארויסרוקנ, פאר־קירצנ, יאט, יאטנ (אָנ פאראכטלעכנ ניואנס), איוורע (פריער העברעישע איוורע, איצט—גראמאָטע, פּאָליטאיוורע), אלעפבייז (אויכ אלעפבייז־ביכל), אמעראצעס (פריער אומוויסנ — невежество, איצט—ניטאיוורעדיקייַט — безграмотность), באלעגופ (א באשטימטע סאָציאלע קאטעגאָריע), ייִשעוו (поселок), פארהער, פארהערנ (допрос) („פארהערנ א טאלמיד" פריער), פארשלעפעניש (волокита), פּוסטעפּאסעוועס (прогулы), בריגאדע, דרייַעק.

„אינ רייד זייַנע הער איכ דעמ פּאָדער פונ פּאָנ, דערלאנג[1] אונדז סיביר אונ דערלאנג אונדז דעמ דאָנ (פינינבערג).

2. נייַבילדונג לויט אלטע ווערטער.

a) סובסטאנטיווישע אויסבילדונגענ.

1) даешь.

א) מיט די סופיקסן ער—לער (פאר טוער, פונקציאָנער, מיטגלידער פון געוויסן קאָלעקטיוו):

שפּראכלער, פּארטייער, שטיבלער, בערגער, וויסנשאפטלער, ווירטשאפטלער, טעקסטילער, טראנספּאָרטלער, שפּײַזלער, שלאָגלער.

ב) מיט דעם סופיקס ניק (איבערהויפּט פאר קאָמפּאניעס; מיטגלידער פון קאָלעקטיוו, אָנטיילנעמער און טוער).

שאבעסניק, זונטיקניק, כוידעשניק, צווייוואָכעניק, דרײַטאָגניק, נולעוויק, מײַרעווניק (סטודענט פון מײַרעוו־אוניווערסיטעט), לעדערניק (לעדער־ארבעטער), „סאָיוזניק“ („פון סאָיוז“), טויזנטניק, פּשאָרעניק, סאבאָטאזשניק, אָלרײַטניק, שלאָג־בריגאדניק (שלאָג־בריגאדע), קולטמארשניק, „זײַגרייטניק“, קאָלווירטניק, איווּרעניק, קינדערהויזניק, ליקפּונקטניק, אורלויבניק, געזעלשאפטניק[1].

ערגעץ נאָך באנדורניקעס רוקן זיך פּאוואָליע און העגגען די בונטארניקעס און העגגען די קראנמאָלע (מארקיש).

ג) מיטן סופיקס טום (איבערהויפּט קערפּערשאפטן; אויך „זאך דורך א סימענ“): (רויט) קאזאקנטום, באלעגופנטום, קוסטארנטום, נעפּמאנטום, באטראקנטום, אינזשענערנטום, שלאָגבריגאדנטום, באלעבעסלטום.

ד) מיטן סופיקס ערײַ (טוונג; פּראָפעסיאָנעלע קאטעגאָריע; „זאך דורך א סימענ“): קוסטארערײַ, פאבריק־שילערײַ, דעזערטירערײַ, געשעפטלערײַ (делячество), טאָלעראנטלערײַ, שעדיקערײַ, מיטלויפערײַ, ליקווידאטערײַ, דערפינדערײַ.

ה) מיט שאפט (קערפּערשאפט, אייגנשאפט).

אָרעמשאפט (אָפּגעשיידט פון אָרעמקײַט), קולטורטוערשאפט, אָנהענגערשאפט, פירערשאפט, קאפּיטוליאנטשאפט.

איך קען זי שוין פון לאנג די אומעטיקע לײדיקגייערשאפט אף דײַנע וויסטיקע וואָקזאלן (האָפשטיין).

די יונגשאפט פון מײַן פּאָנעם (קוויטקאָ).

ו) מיטן סופיקס יזם: (לערע; שטעלונג צו עפּעס; כאראקטער־שטריכ) עקיזם, לינקיזם, לעניניזם.

ז) מיט סופיקס אציע (שטרעמונג; גענעצמעסיקע דערשײַנונג): יידישיזאציע, אוקראַיניזאציע, אדיעקטיוויזאציע, העברעיזאציע.

ט) טענדענץ צו פארבײַטן די סופיקסן (פרעמדערע אף מער אײַנגעבירגערטע): אקטיווקײַט (אקטיוויטעט), סאָלידארישקײַט (סאָלידאריטעט), פּאָפּולערקײַט (פּאָפּוליאַריטעט) באנאלקײַט (באנאליטעט).

אָרגאניזיר־קאָמיסיע, קאָלאָניזיר־ארבעט אָנשטאָט אָרגאניזאציאָנס־קאָמיסיע, קאָלאָניזאציאָנס־ארבעט (אָדער אָרגאניזאציע־קאָמיסיע, קאָלאָניזאציע־ארבעט). דאָ ווערט אָנגעווענדעט די פארשפרייטע און געוויינטלעכע ווערבישע סופיציר ונג (באם באצייכענען א פּראָצעס), אָנשטאָט דעם אמאָליקן טײַטשמערישן „יאָנס“־סופיקס און דער סובסטאנטיוויש־סטאטישער און שווערער פאָרמע מיט „אציע“.

1) די סופיקסן „ער“ און „ניק“ קאָנקורירן טיילמאָל מיט טענדענץ צו דיפערענצירן: קאָלווירטלער (טוער אין קאָלווירט־באוועגונג), קאָלווירטניק (מיטגליד פון קאָלווירט) א. א.

י) דעסופּיצירונג פונ סובסטאנטיוונ (פונ קורצקײַט וועגנ. עס גילט נאָר טײלווײַז). אָנ ונג: אָנפיר (אָנפירונג), אָנווענד (אָנווענדונג), אָפּטײל (אָפּטײלונג), באַדינג (באַדינגונג), אָנשטרענג (אָנשטרענגונג),

אָנ קײַט:

מײַנ גלײַכגילט מײַנ גרויסער (האָפשטײנ).

שווער ווערט דעם זאמדיקנ לאנגווײַל פארטראָגנ (כאריק).

י״א) פּרעפיצירטע נײַבילדונג: דערמוטיקנ, אנטמוטיקנ, פאַרזעונג, פאַרגעפיל, פאַרהאנאָכע, פאַרורטײל, פאַרארבעט, בײַשטעטלדיקע (קאָלאָניזאַציע), אופמארש.

און צווישנ וועג און אָנוועג
באָר א שמאָלער גראָבנ (האָפשטײנ)
אורירונגע פרײד, אורירונגע
יאָר ״
אינ טרוימ אינ אנדער אורגע-
שטאלט ״
איכ האָב דעמ טאָג געזעענ
ערדישע אָפּבילדנ ״

רײַכ און איבערײַכ באַהאנגענ מיט... ״
מיט ווײַסע אויסוועלטנ זיכ העפטנ (האָפשטײנ)
א באַפעל פונ קײסער, א באַפעל פונ בלײַ —
דער אלגעוועלטיקער קײסער ניקאָלײַ
(מארקיש)
פונ אָנוועגנ דער אָל (האָפשטײנ)
אפ וועלט און אויסוועלטנ
מײַנ צאר״ (שווארצמאַנ).

י״ב) סובסטאנטיוויזאציע.

ארומרינגלונג, ארויסלאָז, אָנזאָג, איבערקוק, פארבײַט, איבערבײַט, איבערבראָכ, צונויפלי, אָפּזיפּ, אָנפלי, אומפליער („קאלקעס״)

איכ האָב מיר מײַנ זײונג אפ אקסל דערטראָגנ
פונ וועגנ פונ ווײַטע, פונ וואנדער, פונ וואָגל (האָפשטײנ)
אָטאָ ערשט אינ א הויז   מ׳איז ארײַנ, מ׳איז ארויס
אינ א קעלער אצינד   מיט געבערענ, מיט געצינד (מארקיש).
טריפּט די נאכט איר בלוילעכנ טריפּ (כאריק).

י״ג) סובסטאנטיווירונג. (דערהויפּט דאָס סובסטאנטיווירנ אינוואריאנטנ, וואָס איז אזוי פארשפּרײט און באַליבט אינ דער נײַער דיכטונג).

פונ אומגערנס טויזנטער שטײַגט מײַנ קלאָרער אומיסטנ (האָפשטײנ)
און יעדער שפּאנ וואַרפט אָפּ   און יעדער שפּאנ וועקט אופ
דעמ שווינדיקנ אראָפּ,   דער שטײַגנדנ ארופ (האָפּשט.)
ווער וואַרפט מיכ אריבער דעמ שלונג
פונ הונדערטער אָפענע נײַנענ? (האָפּשט.)
פונ עפּעסנ אוועק, אינערגעצ ניט דערפלויגנ (פעפער)

b) אדיעקטיווישע אויסבילדונגענ.

א) טענדענצ צו פארבײַטנ דעמ סופיקס (פרעמדערע אפ מער אײַנגעבירגערטע).

אָנווענדבאר—אָנווענדלעכ   לויזבאר—לוינעוודיק
אומדערקלערבאר — אומדערקלערלעכ   שיטבאר—שיטעוודיק
דערגרײכבאר — דערגרײכלעכ   אויסשעפּבאר—אויסשעפּלעכ

סע קומט דאָ נאָך פּאָר א קאָנקורענץ צווישן אָט די צוויי מינים סופיקסן. ניט שײַעך איז עס צו אזוינע שוין אײַנגעבירגערטע—געהאָרכזאַם, זאָרגזאַם א. א. וו. [1])

א ד י ע ק ט י װ י ז א צ י ע.

יידיש איז אַלעמאָל אויסגעקומען מיט קאָמפּאָזיטן (דײַטשישער שטייגער) דאָרטן, ווו אין רוסיש, אוקראַיִניש ווענדעט מען אָן דעם אדיעקטיווישן גאנג. דער ערשטער גליד פון קאָמפּאָזיט האָט דאָ געהאט די אדיעקטיווישע פונקציע (וואנט־זייגער, וואנט־צײַטונג). דאָס איז געוואָרן שטארק ניט באקוועם בא עטלעכע אזוינע קאָמפּאָזיט־גלידער (ארבעטער־קולטור־הויז, אָוונט־לערן־אנשטאלט), באם קאָאָרדינירן גלײַכארטיקע סינטאגמעס (שטעטל־און דאָרף־דעלעגאטן, פון סאָוועט־, קרעדיט־און אנדערע אָרגאניזאציעס). אונטער דער ווירקונג פון רוסיש האָט די יידישע פּרעסע, די דיכטונג זיך ברייט פארנומען מיט אָנווענדן די יידישע אדיעקטיווישע סופיקסן. מיר האָבן שוין איצט ניט נאָר לאָקאָמאָטיווישער בוי־זאוואָד (לאָקאָמאָטיוו־בוי־זאוואָד), ברויטישע פארגרייט־קאָמפּאניע (ברויט־פארגרייט־קאָמפּאניע), נאָר אויך קלובישע דראמקרײַזן, ראטנפארבאנדישער פּראָלעטאריאט, זײַגרייטישער גערוס, קאנטישע מאכט, בארגיקע פּראָדוקציע, ברויטיקער קאנט, הינטערוויגיקע בילדונג, אומעטומיקע קראפט, עלטערלעכער באשטאנד, טראנספּאָרטלעכע אונטערנעמונגען א. אנד. פּראָדוקטיוו איז אָט די אדיעקטיוויזיר־נײַבילדונג אויך אין אונדזער דיכטונג:

האָט וועוריק דערזעען אויך דעם י א מ י ש ן גלאנץ,
דער גלאנץ, וואָס איז גרייט שוין צום כ ו א ל י ש ן טאנץ (האָפשטיין).
דער ל י י ב י ש ע ר ביוסט—מארקס (האָפשטיין).
אף זוניקע כוואליעס מיט י א ט י ש ע טריט (פּעפער).
דאָרטן אין ווײַסלעכן ש ט ע ר נ י ש ן שטויב.
וויגט זיך א לופטיקער לייטער (כאריק).
פאראן נאָך מוט, פאראנען.
אין וועלט, אין א ײַ ז י ק ־ ר אָ ס ט י ק ע ר (האָפשטיין [1]).
צי שפּילן ערגעץ־ווו פ ו נ ד א נ ע נ ד י ק ע קויכעס (האָפשטיין).
לאנגע נעכט פון ו י י ט י ק ד י ק נ דויער (האָפשטיין).
די ליד פון א ו פ ג א נ ג ד י ק ע יאָרן (מארקיש).
ס׳זאָל אָדעס אליין, ווי א דאמפער ווי א ריזיקער,
זיך אָפּלאָזן אין יאם מיט א ו פ ר ו פ נ ד י ק ע פּאָנען (מארקיש).
און וועווריק קאם אָטעמט פון ו א ס ע ר נ ע ר מיט (האָפשטיין).

c) ו ע ר ב י ז א צ י ע.

א) יידישיזירן, אוקראַיִניזירן, צעמענטירן, סאָוועטיזירן, שעפירן, ארטעליזירן, פארסאכאקלען, פארארבעטן (орабочить), פארגעזעלשאפטלעכן, פארגעשטאלטן, פארגעזונטערן, פארפּראָלעטארישן, אנטבאלעגופן (אויסבאלעגופעווען) און אנדערע.

---

[1]) זעט וועגן דעם כ׳ שטיפס ארטיקלען — „יידישע שפּראך" 5—4, 3; 28 י.

[2]) דערפון אויך די א ד ו ע ר ב י ז א צ י ע.
האָבן זיך די אָדערן אָנגעטרונקען ס א מ י ק (מארקיש).
ז אָ ט ל ד י ק און ז א ק י ק „
ס׳איז קאלט און ז א ו ו ע ר ו כ י ק „

קאָמיסארעווענ („קאָמאנדעווענ”), כאלטורעווענ, קוסטארעווענ, ביוראָקראטעווענ, פוסטעפאסעווענ, דראמאטעווענ, אײַנדריקעווענ (שרײַבנ אײַנדרוקנ, ניט קיינ פאקטנ), זיכרוינעווענ (אונ נאָכ — מיט פאראכטלעכנ ניואנס).

ב) ווער וועט אונדז באוווסטיקנ (קושניראָוו)
ניט קיינ ווינטנ רעדערנ,
וויכערנ אפ לענדער (״)
ניט קיינ קלעזמער קלעזמערנ אונ לידלענ
אינעם ליידיקנ גרויסנ ארומ (פעפער).
סע פרילינגט יעדע שאָ (פעפער)
עס וועלנ כאדאָשימ זיכ צוועלפנ,
זיכ קייטלענ אינ יאָרנ,
דײַנ נאָמענ וועט העלנ
דײַנ נאָמענ וועט קלאָרנ (האָפשטיינ).
מײַנ אָטעמ מײַנ שטילנ
צונויפגעהויכט האָב איכ מיט אָטעמס פונ מענגענ,
דער גלי פונ מײַנ ווילנ
צונויפגעפלאמט האָב איכ מיט פלאקערס פונ ערדנ (האָפשטיינ).

ג) פארטיציפישע נײַבילדונג:

צעשלײַדערט די אָרעמס,
געהויפנט, געגאָרנט,
צעקעסטלט, צעצימערט,
אינ גרונטנ פארשווארצט אונ אינ הייכנ באשימערט,
מיט קוימענס פארשפיצט אונ מיט שארפנ פארטורעמט (האָפשטיינ).
אונ די רוקנס געשטאָלט אונ געפעלדזיקט אונ הארט (מארקיש).
טעג אונ יאָרנ צוגעצווענגעוועט צו ביטנ (מארקיש).

3. „אלט אפ נײַ”. מיר פארבײַטנ אלטע ווערטער אונ באצייכונגענ אפ נײַע, וואָס זאָלנ זײַנ נעענטער צו אונדזער איצטיקנ באנעמ.

כאווער, בירגער („הער”)	פויער („קאָלאָניסט”)
ראטנ־אָנגעשטעלטער („באאמטער”)	פריוואטניק („קרעמער, הענדלער”)
דינסט, ארבעטערנ, הויז־ארבעטערנ	דעקלאסירטער („לופטמענטש”)
רויטארמייער (סאָלדאט”)	

4. נײַע ווערטער.

צונויפשלוס (צוזאמענשלוס), לעניניזמ, שעפטומ, נעפמאנ, נעפ, קערנקאָסט, אָפּנייג (אָפנייגלער), פאשיזמ, איליטשאָווקע, קעסיידערוואָכ, פילטיראזשקע א. א.

5. קאָמפאָזיטנ.

א) עקאָנאָמיע־רעזשימ, פיאָנערנ־עלטסטער, פיאָנערנ־צונויפלי, ווייניק־איוורעדיקע, שלאָג־בריגאדע, שלאָג־פאכ, וואנט־צײַטונג, טראקטער־קאָלאָנע, פראָדוציר־באראטונג.

ב) רויטארמייער, זויגהיימ, אָרעמפויער, מיטלפויער, ראטנמאכט, ראטנבוי (ראטנבויונג), דניעפערבוי, יונגוואלד, הויכריידער.

ג) פּאָעטישע קאָמפּאָזיטן:

אזוי שטומענדיק־טיף, אזוי גליוועריק־גרײַז...
אזוי טויטנדיק־פרעמד, אזוי פרירנדיק־שטום...
כ׳פאנג רייניסטע פון זאנגעג פון נעפּל־געראנגל,
אומפאלן היזל איך דאָ שטויביק־אָנזיניק...
וויי־שטאָלץ. מירמל־היים. פריי־שײַן. טאָל־רינג.
זײַלן־לויף און בײמער־נייג און פעלדער־שווינדל...

— פיניבערג

אַפּ פעלדער — אַפּ וועלדער־באַראָט...
לעבנסטיר און וועלטנסטויער...
שנייען־טוכן. וואָלקן־בלײַען.
קישעף־ווײַנען. וואסער־יאָכ.
גיבען־געוועב. וועלט־געררוים.
זונען־האפּן. וועלטן־שטאָפּ.
וואסער־אָדערן. שנייען־פלאכן.

— האָפּשטיין

אונדזער נײַע דיכטונג איז שטארק רײַך מיט פארשיידענע עמאָציאָנעל־גע־שטאלטלעכע און עקספּרעסיוו־אויסדריקלעכע צונויפזאצן. דאָס דיכטערישע נײַוואָרט פאסט דאָ און פּאַרט דאָ אזוי ארום די נײַאנטפּלעקטע זעונג אירע. די עלטערע יידישע דיכטונג (און קונסט ביכלאַל) האָט געזונקען אין אָפּגעגרענעצטער דאלעד־אמעסדיקײַט, אין אָרעמקײַט פון קלאַנג און פארב. די נײַ־אויפגעריכטע ווירקלעכקײַט האָט באַהויכט מיט שעפערישע נײַבילדונג ביכלאַל, מיט דיכטעריש־עקספּרעסיוון נײַוואָרט, דערין אויך מיט פארביק־קאָנדענסירטע קאָמפּאָזיטן, וואָס שפּילן מיט נײַ־סינטעזירטער דיכטערישער שפּירונג. נ. אויסלענדער מיינט אפילו לעגאבע אָשער שווארצמאנס צונויפזאצ, אשטייגער, „אז אלע באגריפן, וואָס דארפן ווערן טעטיק אין גאנג פון זײַן ליד, די שטימונגען, וואָס דארפן דאָ דאָמינירן, די פארבן, וואָס דארפן אומפארגעסלעך ווערן — דאָס אלעס פארטרויט אָשער שווארצמאנ נאָר דעם טאָפּלוואָרט. „דאָס טריבע „מענטשנלאנד״, דאָס צארטע „מענטשנלײַב״, דעם ברודערס ליפּן „בלוי־לעכגעל״, די „זײַד־בלויע הימלען״ פון גאָלדענע ווײַטן, די „צווייענדיק־ליכטיקע זעל״, „די בלוי־האָריזאָנטן״ פון סאמבאטיען, דער „וואָלקן־געררוס״ פון יאם, דער „פײַכט־שווארצער״ בויך פון דער ערד, דער „נידער־ברעג״ פון הימל, דער „אומריין־ריין פון פרילינג״, די „ערנסט־שטילע גרויקײַט״ פון פארנאכט, די „גלוילעך־ווײַסע״ קאלע פון דער זעונג, — וואָס פאר א רײַכע און קאָמפּליצירטע גאמע פון פארבן עס בויט אויף א. שווארצמאנ אַפּ זײַן טאָפּלוואָרט״ [1]).

אָבער, ווי געזאָגט, כאראקטעריסטיש איז עס ניט בלויז פאר דיכטונג, נאָר פאר אונדזער נײַשעפערישער סאָוועטישער וואָרט־עקספּאנסיע ביכלאַל. און פריִער טרעפן מיר עס אויך בא אזא ארבעטער־דיכטער, ווי באָוושאָווער, אין די סאָציאַל־פּאָעטישע לידער זײַנע: פּאָלק־פארלאנג, שקלאפן־צוואנג, וועלטן־רויבער, ליגנ־שמידער, בראנד־וואָרט, אָפּפער־רײַכע א. א. וו., א. א. וו.

6. אבר עוויִאטור.

א) אוטאָ, קינאָ, טראַם; ספּעצ, „פּראָפּ״ (פּראָפּבאפּולמעכטיקטער, פאָרשטייער פון סטודענטישן „פּראָפּקאָם״), לייט (א לייט, א לייטארטיקל), „קאָר״, „קאָרן״ („מיר לייגנ פאָר אונדזערע „קאָרנ״ — די טויער אַפּ די ערטער א. א. וו.״ „עמעס״).

[1]) נ. אויסלענדער. וועג־אויס, וועג־אײַנ.

ב) אויספירקאָם, ראטפּאָלקאָם (צווייטע, דריטע העלפט אבסאָרבירט, אָפּ־געהאקט).

ג) פּראָפּאריינ, געזוערד, קאָלאָפּמאכ, רעדקאָלעגיע, סאָצפּארמעסטונג (אבסאָר־בירט דאָס ערשטע וואָרט).

ד) קאָמיוג, דאָנבאס, קאָלווירט, צעראבקאָאָפּ, ארבפּאק, פּראָפּטעכשול, פּאבזאווקאָם, פּיקאָר, ארבקאָר, נאצמינד, קאָמבריג (פולע אבסאָרבירונג).

ה) ראָשעטייוועס (איניציאַל־באצייכענונג) „צ״ק״, א. צ. א. ק., פּ. ס. ר. ר.

מיר מערקנ דאָ א קאָנקורענצ צווישנ ייִדישער אונ ניט־ייִדישער אברעוויִאטור: ליקנעפּ (אוקר.), ליקבעז — ליקאמ, איספּאָלקאָם — אויספירקאָם, קאָמיוג—קאָמסאָמאָל, קאָמיוגיסט, קאָמסאָמאָלעצ אונ אנדערע. עס בירגערנ זיכ אויכ איַינ אינ ייִדיש די רוסישע אברעוויִאציעס: סטאָ, געפּעו, ריק, ערקאַי, אפילע „גאָסעט״ א. א.

וועגנ אברעוויִאטור ביקלאָל דארפ מענ צוגעבנ אָט־וואָס:

די נייַע סאָציִאַל־פּאָליטישע סיטואציע האָט ארויסגעשטעלט א דרינגענדיקע „סאָציִאַלע באשטעלונג״ אפ נייַע ווערטער אונ וואָרט־אויסדרוקנ, אפ „באפליגלטער״ וואָרט־שאפונג, וואָס דארפ שפּאָרעוודיק געפּרעסט זיַינ אפ ארויסברענגענ אונ גע־ברויכנ אינ העסקעמ מיט דעמ האסטיקנ גאנג אונ טעמפּ פונ אונדזער פּארטאָנעמ רעוואָליוציִאָנערנ היַינטציַיט. דאָס האָט, צווישנ איבעריקנ, מיטגעבראכט, סע זאָל זיכ שטארק פארשפּרייטנ די פארשיידנערליי אברעוויִאטור. פּרעצעדענטנ דערפונ האָבנ מיר שוינ בא אונדז פונ פריִער (צ״ק., ס״ד, ס״ר, ס״ס), מיר טרעפנ עס אינ אייניקע טעכנישע טערמינאָלאָגיעס, אינ טעלעגראפישנ קאָד, אשטייגער, אונ אינ אנדערע באדינג־אָנרופנ, טיילוויַיז שוינ אינ אלגעמיינ אייראָפּעיִשנ מאסשטאב.

אגעפּ, אזא דערשיַינונג האָבנ מיר אינ די אלט־ייִדישע „נוטריקנ״ אונ ראָשע־טייוועס („כש״ת״, „הנ״ל״, מוכ״ז״—מויסערקסאווזע, „חז״ל״, ״תנ״ך, עכו״ם, יקנה״ז א. א.), וואָס זיַינענ כאראקטעריסטיש פאר דער אלט־העברעיִשער ליטעראטור אונ פאר דער טאלמודיש־ראבאָנישער טראדיציע. אזא נייגונג צו קיצער אפ גרינגער צו ארויס־ברענגענ אונ אפ גיכער צו געדענקענ מערקנ מיר אויכ אינ אלט־ייִדישע צונעמענישנ אונ פאמיליעס: מענאל—ראָשעטייוועס פונ „מיַינ נארישער לאָשעק״, פּאכעד (אפ א גרויסנ נאר—פּאָלנאיא כאטא דורניע), שו״ב (שויכעט אובוידעק), שאצ (שאָליִעכ־ציבער), זאק (זערא־קידעש), קאצ (קויהענ־צעדעק א. א.). [1]

אופגעבונגענ אפ נעאָלאָגיזמענ.

1) זאמלענ אלע ווערטער מיט נייַעמ ניואנס אונ מיט ספּעציִעלנ באטיַיט. שטעלנ זיי אינ צווייערליי פראזעס (אָקטיאבער, כאוועד, פּיִאָנער)...

2) אכטגעבנ נייַבילדונג לויט אלטע ווערטער:

---

[1]) זעט וועגנ דעמ 1) ש. וויַיסנבערג. די ייִדישע פאמיליעס אינ אוקראיִנע. פילאָלאָגישע שריפטנ, 3, ווילנע 29 .2) ש. ראבינאָוויטש. וועגנ העברעיִשע פאמיליענ־נעמענ. „רשומות״.

בא בערנשטיינ — ער איז א גוטער ב. צ. ד. ק. (ביז צו דער קעשענע).

בא ש. א. פאראָדירט דער שאדכנ „א כאָסנ א ענ־כא״ (א נאָגיד א כאזער) אינ „מאבל״.

א) סובסטאַנטיווישע — מיט די פונקציאָנערישע סופיקסן „ער—לער” „ניק” א. א. דעסופיצירונג. סובסטאַנטיווירונג א. א. וו.

ב) אַדיעקטיווישע אויסבילדונגען. ג) ווערבאַליזאַציע.

3) אַדיעקטיוויזירן:

מאַשין־בוי־טרעסט, קוסטאַר־געווערב־געזעלשאַפט, קרייז־געזונט־אָפּטייל, ברויט־פּאַרגרייט־אָרגאַן, קולטור־און פּראָדוציר־אַנשטאַלטן.

4) שטעלט צונויף אַ צעטל נעאָלאָגיזמען, וואָס איר האָט אין שול אַרום און אין פּיאָנערן־מאַכנע. נעמט אַהער אַריין אייערע אייגענע ווערטער, טערמינען פון נאַטור־דערשיינונגען, שפּראַך־טערמינען א. א. (זעט פריער וועגן „קינדער־נעאָלאָגיזמען אין קאַפּיטל „ערשטע מינדלעכע רייד־אָנזאַמלונג”).

5) קלייבט צונויף נייע סאָוועטישע ווערטער — בעשאַס דער אַרבעט אין רעוואָלוציאָנערע יאָנטויוים, פּינפּיאָר, שטייגער־מאָמענטן א. א. וו.

6) ברענגט ביישפּילן אין קאָמפּאָזיטן און אַבּרעוויאַציעס: א) איין וואָרט געקירצט, ב) ביידע געקירצט, ג) ראָשעטייוועס (אַנשטאַלטן, איינריכטונגען).

7) מוסטערן פון פּאָעטישער ניי־בילדונג.

X. דאָס אַלטע וואָרט

1

די לעבעדיקע שפּראַך נערט זיך און וואַקסט פון נייעם און באַנייטן וואָרט־מאַטעריאַל אין העסקעם מיטן ענדערן די פּראָדוצירישע און קלאַסעווע לעבן־פּאָרמעס. און ניט נאָר סע קומט צו אין דער שפּראַך, סע קומט אויך אָפּ, לעבנסאָפּאָכעס פּאַרן טאָגטעגלעכן, פאַרשפּרייטן אַקטועלן געברויך. היפּשלעכע ווערטער פון „אַלטן ריבוינעשעלוילעם” ווערן אָפּגעלעבט, „פאַרקאָנסערווירט”. מע קומט נאָך טיילמאָל אָן צו זיי צוליב שילדערונג־צילן, אָדער בעשאַסן באַקעמפן די דערשיינונגען, וואָס האָבן אָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט.

אַ היפּשע צאָל, די גרעסטע צאָל, אייגנטלעך, אַזוינע אַרכאַיזמען זיינען פון העברעיִשן יִיכעס. מיט דעמדאָזיקן פאַרעלטערט־העברעיִשן און העברעיִזירטן עלעמענט איז ענג פאַרבונדן אויך דער אַלט־לעקסישער מאַטעריאַל פון גערמאַנישן שניט, וואָס איז אויפגעקומען אין די אַלט־יידישע באַדינגונגען אונטער דער ווירקונג פון דער פאַרצייטיקער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ליטעראַטור און פון דעם דראַנג צוצוגעבן אויסטערלישעס, פייערלעכס, ניט וואָכעדיקס די פאַריידישטע רעליגיעז־געשיכטלעכע טעקסטן: געאַכפּערט, לאָגל, פייעראָפּער, לייטזעליקייט, זאָרגפעלטיק, פוטערפאַס, גרונדפעסטיקן א. א. וו.

מיט דעמדאָזיקן העברעיִש־גערמאַנישן וואָרטשטאָף, וואָס איז שוין אַצינד אַרכאַיִש און האַלב־טויט פאַר אונדז, איז פול און פול אונדזער קלאַסיק. זי האָט סטיליזירט און קינסטלעריש אויטיליזירט אָט דעם מאַטעריאַל. דערמיט האָט די קלאַסיק אויך פאַרבאַדינגט אין אַ געוויסער מאָס, אַז אַזאַ מאַטעריאַל זאָל טיילווייז אַפּסניי פּאַרדייט ווערן און צונויצקומען אויך אין ווייטער, אויך פאַר אונדז איצט.

2

עס קומען איצט אָנראַכמאָנעסדיק אום ווערטער און נאָמינירונגען פון אַלט־יידישן קאָד, און די נײַע רעוואָליוציאָנערע אויסקומעניש פאָרסירט עס אַלץ מער און אַלץ שטארקער: קידעש, האָדעס, קעסערטוירע, אייצכאים, ציצ, יאד, אטאָרע, מאָך־עסכיטן, טאַלעס און טפילן, קאמייע, כאנעקע־לעמפל, גאבע, עסרעג, לולעוו, ליוויאָסן, שוירהאבאָר, אוילעמהאבע, לעהאוודל, אָלעווהאשאָלעם, קלייקוידעש, טומע, דויר־האפלאָגע, קיער (האנטפאס), מופלעג, ליכווויד, כש״ת, נ״י, מוהר״ר, איירעוו, כיידער, יעשיווע א. א. וו. א. א. וו. אין בעסטן פאל איז עס, ווי געזאָגט, מאַטעריאל, וואָס קומט אויס צו נוצן איצט באם אויסראָטן אָט־דאָס אַלטווארג.

מיר מערקן אויך אין דער ליטעראטור, אין דער פרעסע א קלאָר אויסגע־שפראָכענעם דעהעבּרעיִזיר־פראָצעס, וואָס שטרעבט צו גויווער זײַן די סעמיטישע עלעמענטן און צו פארבײַטן זיי מיט צוגענגלעכע און פרישע נײַע עלעמענטן. טייל ווערטער אָבער פון אַלט־העברעיִשן און עלטערן גערמאנישן קוואל האָבן זיך שוין אײַנגעבירגערט אָדער בירגערן זיך אײַן פאר איצטיקן געברויך (טיילווײַז צוליב עקספרעסיוו־שילדערנדיקע צילן). אין פראָצעס פון „איבערײַסן די בעהאדראָגיקײַט”, פון „באוועגן און זעלבסטבאוועגן זיך” האָט אָט־דער טייל באַ־נײַטער און מאָדיפיצירטער וואָרטשטאָף מיטגעבראכט אויך נײַע שפּראכלעכע קוואלי־טעט, וואָס איז (דער וואָרטשטאָף), געוויינטלעך, אויך באדינגט פון צײַט און איז רעלאטיוו. מע קען דאָ אונטערשיידן אנערעך אזוינע גרופעס.

1) פון לאנג אָן אײַנגעוואָרצלטער העברעיִשער עלעמענט:

עמעס, פאָנעם, סאָף, כאווער, מזלוכע, סימכע, איידעס, טוווע, בעהיימע, כאזער, קלאל א. אז. וו.

2) העברעיִזמען מיט ספּעציעלן איצטיקן באטײַט:

מאכשירים (לערן־מאכשירים), אלעפבייז (אלעפבייז־ביכל), איווריע („גראמאָטע”), אמעראצעס („ניט־איוורעדיקײַט”), באלעגופּ (באשטימטע סאָציאלע קאטעגאָריע), יישעוו (поселок), „אמכאָ” (אנ אמכאָ, „שער און אײַזן אמכאָ”), טאקאָנעס, א. א. אהער זײַנען שײַעך אזוינע ספעציאליזירטע אָדער ווידערגע־בוירענע ווערטער, אשטייגער, ווי איניען (дело), האכלאָטע (решение), קנאס (неустойка), קאבאָלע (расписка) א. אז. וו.

3) העברעיִזמען, וואָס בירגערן זיך אײַן (דערהויפּט אבסטראקטע באגריפן און אזוינע ווערטער, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיי פונקט צו פארבײַטן):

האשאָרע, טמימעס, ביטל, בעקיווּן (מיט א קיוון), פניעס, האקכאָשע, הישטאדלעס, בעכוש, יערידע (שטימונג), מעליצע, האכנאָע, שליכעס, אויוועך (זײַן), כאל (זײַן), שיעס א. א.

4) ליטעראריש־פארהאלטענע העברעיִזמען:

יעכידע־סגולע, בראָכע-לעוואטאָלע, שעאָריעראָקעס, סמיכעס־האפארשע, (וואָס פאר א...), לאָשנ־סאגענאָער, סיפער־האמײַסע, בעשאטע, סימען מוּוועק, יאשער־קויעך, בימקעם, אגעוורכע, פאָנעמעלפאָנעם, שעמדאָוער, בעפּויעלמאמעש, בעדערעך־קלאל, מוסערהאסקל, גוויעסיידעס א. אנד.

5) פאָלקסטימלעכע העברעיִזמען:

קאכאווע, מעהײַטאמע, קאבאָלעס פאָנעם (מעקאבל פאָנעם זײַן), קעהײַלישנע (בעזע האלאָשן), מע־זעקטאָוו, אויוורבאָטל, אוילעם האטויהו, טשוקע, טאקיפ, וואטרען א. א.

6) העברעיִזמען מיט עקספּרעסיע־ניואנס.

א) ביטל:

היספּײַלעס, לױיזלעך, פּארצעפּ, יויצער-מעשאָרסים, נעוויָעס, רווידעפ־שאָלעם, כאווריַע, שיראַים, סירכע, יעפייפיע, מיקאָלהאמינים, באטלאָנעס, יעשוּע, ניסים, פּערעאָדעם, בריָע, גוילעם.

זעט נאָר א פּאָר יאָדאַים, זאָגט זי, און דערלאנגט מיר א פּאטש איבער די הענט... באמ פּעטער הערצ באמ טיש אז דו וועסט זיצנ, זאָלסטו מיר די יאָדאַים האלטנ אונטנ... און מיט די אייַנאַים זאָלסטו מיר ניט גלאָצנ (ש״א) [1]

ב) קאָמיש־פּאראָדירטע שאטירונג און טײַטשונג:

(מאכנ א) וואיָוורעכ, (אופהייבנ א) וואיָצאקו, קאָליאָכל, בעהיימע בעצוראס (פּערד), נאָקי, מאָלע (אפּ א שיקער), שיָע־פּיָע (טאלמודיש, אָפּקומענ מיט שיָע־פּיָע—מיט גאָרנישט), אויוועראָטל, ווערצידקאָסכאָ א. א.

די קאָמיש-פּאראָדירטע ווערטלעך פונ די פּראָסטע „כײַ־ווען־קאיעמס״:

לב יודע מרת גיטל.

בנפשו יבוא לחמו, מיר עסנ ווערעמ [2].

אדם יסודו מעפר וסודו לעפר — א מענטש איז שוואכער פונ א פליג און שטארקער פונ אײַזנ.

א בעפיירעשער פּאָסעק — בכל לבבך ובכל נפשך — עסטו ברויט דארפסטו וויסנ פארוואָס [3].

דער קאָמיש־פּאראָדירטער ניואנס איז דאָ באזונדערס שטארק, ווענ מע דערמאָנט זיכ, אז בא טעוויען, אשטייגער, איז „אנ אמאָרעצ ערגער טויזנט מאָל פונ א הולטײַ, איר מעגט גיינ אָנ א היטל און אפילע מיטנ קאָפּ אראָפּ, און מיט די פיס ארופּ, אבי איר ווייסט, וואָס ראשע מאכט, זײַט איר שוינ פונ מײַנע לײַט״ [3].

„אינ אָטאָ די טוירעס פונ מענדעלעס באלמעלאָכעס אָדער פונ ש. א. טעוויע דעמ מילכיקנ זעענ מיר א מינ פּאראָדיע אפ די העברעיָסטישע גלײַכווערטלעכ, ציטאטעס און טײַטשנ. עס איז דורכויס ניט נייטיק צו באווײַזנ, אז דאָס איז געווײנלעכ געווענ דער באוווּסטזיניקער מיינ פונ מעכאבער. דער איראָניש־קריטישער ווילנ האָט, באוווּסטזיניק צי נישט, געפירט צומ אָפּלאכנ פונ אָטאָ דער גלײַכווערטלדיקײַט—און מעמיילע אויכ דערצו, אז די שפּראכ זאָל גויווער זײַנ אָט די ווילד־געוויקסנ [4].

גאָט איז גערעכט און זײַנ מישטאָפּ (מישפּעט) איז גערעכט.

ווענ מײַנ שוכ (מאָשיָעכ) וועט קומענ.

א גאנצער קאָלוועלאָכ (קאָלוועכאָל).

לאָשנ קוילעטש (לאָשנ קוידעש). אָלאָווהאשאָלעכצ (אָלאָווהאשאָלעם).

ג) פײַערלעכ־עקספּרעסיווער „הויכער גאנג״:

א גרויס בלוי שווײַגנ איז אצינד זײַנ הייכל (שווארצמאנ).

זיכ שלענגלענ שורעס מוירדים

דו פירסט דײַנ בליק און אלע פינפ שארפע כושימ דײַנע

און אלע רייש מעס כעס,

צוווייהונדערט פעדציק אכט נאָכ גלוסטנדיקע אייוורימ,

און אלע שינ סאמעכ הייגידימ

---

[1] זעט וועגנ דעמזעלביקנ און אנדערע העבר. עלעמענטנ פריָער אינ קאפּיטל „סינאָנימיע״ און ווײַטער אינ „אייגנטלעכע און פיגוראלע רייד״.

[2] ממו״ס. טאקסע.

[3] ש. א. טעוויע דער מילכיקער.

[4] מ. ווינער. די ראָל פונ שפּראכ־פאָלקלאָר, שריפטנ 1. קיָעוו, 28.

(דרײַהונדערט פינף און זעכציק אָדערן, וואָס בינדן פעסט די גלידער),
און פאָרסט אין ריינעם ציכטיקן וואגאָן,
און אלץ אהין, אין זעלבן וואסילקאָוו (האָפשטיין „א רײַזע״).

און אף שפירן, און אף זוכן,
עפשער טויגן אלטע שפרוכן.
אויך א שפריכוואָרט האָב איך מיר,
אלטע, אלטע ווערטער פיר.
כ׳האָב געווענדעט זיך צו ביימער:
י ו י מ ל ע י ו י מ י א ב י ע א ו י מ ע ר ! (האָפשטיין „אין וואלד״).

ברייטער בלויער דניעפּער ציט זיך מ י מ א מ א ק י מ,
הײַ, ווו גייט איר, כוואליעס,—בלויע הײַדאמאקים ?
איז אף דניעפּער בלוטיק, איז אף דניעפּער ש ק י ע א. אז. וו. [1] (מארקיש).
איבער פוסטע זומפּן פונעם י אָ ש י ש - דניעפּער (פיניגבערג).
שטייען ה א מ ו י נ י מ אין יאָנטעוו געקליידט [2] (קושניראָוו).

ד) פאריידישט - עקספּרעסיווער „הויכער גאנג״ (ביבליזמען). מיט דעם איז פול אונדזער דיכטונג, איבערהויפּט פון ערשטן רעוואָליוציע־פּעריאָד — שווארצמאן, האָפשטיין, א. א., וואָס אין זייער דיכטעריש - רעפלעקטאָרישער דערפארונג האָבן זיך נאָך שטײַף אָפּגעזעצט יערושעדיק־טראדיציאָנעלע רעשטלעך [3]. ניט נאָר דאָס איינצלנע העברעיש־יידישע וואָרט האָט דאָ אן אָרט, נאָר דער דיכטערישער זיקאָרן ברענגט ארויס דאָס גאנצע בילד, די גאנצע קאָנסטרוקציע.

שטייט אופּ א כאיל גרויס מיט לויב און מיט געזאנג —
און ווער מיט טרערן האָט געזייט דאָס פעלד פון טויט,
דער קערט מיט פרייד צום שניט צום בײַעם.
זיי גייען קיטעסווײַז, ווי רייען פון מאלאָכים... (שווארצמאן).
דאָרט באַם שײַן פון טאָגן קאָם געטראָגן
אף דעם וועג פון לאנד פון קנעכט, אייניינציק הענגל
האָבן ערשטע פיגצטערע מעראגלים אף א שטאנג (האָפשטיין).

7) אלט-יידישער לעקסיקאָן.

א) איראָניש־פאריידישטע סטיליזאציע. מיר טרעפן עס איבערהויפּט אין דער קלאסיק.

די אקושאָרקע האָט געוואָלט אויסזען אלע אירע יאָרן, ווי א כאכאָמע און א געפרוווטע, איז א פ א י ר א ר ו פ ג ע ש פ ר ו נ ג ע נ ד ע ר צ אָ ר נ פון איר באהאלטענער ליבע צו אָט דעם באָכער („באָכ אלעמען״, בערגעלסאָן).

אף עמעצן האָט מען זיך באַ ר׳ גדאליע הורוויצן אין שטוב געריכט... די גאנצע שטוב האָט שוין פ ו ן כ ו י ל אף ק ו י ד ע ש ע פ ע ס מ ו י ס ע פ ג ע ו ו ע נ (דאָרטן) [4].

---

[1] א פארשפרייטער העברעיזם אין דער נײַער יידישער דיכטונג.

[2] וועגן דורכויס העברעיזירטן נוסעך און העברעיזירטער סטיליזאציע רעדן מיר דאָ ניט. ס׳איז א ספּעציעלע טעמע.

[3] פון די יינגערע האָבן מיר עס, אשטייגער, באַ אזא דיכטער, ווי האלקין.

[4] אין דער יידישער קלאסיק טרעפן מיר אָפט אָט די העברעישע קאָנסטרוקציע און בילדלעכקײַט מיט סאטיריש־איראָנישן מיין (ז. אין קאפּ. „פארגלײַכונג״).

„דער, וואָס לעבט אייביק, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס איך בעט ווערט זיין נאָמען צו דער־מאָנען—הייבט זי אָן אַפּ טכינע־לאָשן, צונויפשנירנדיק די ליפּעלעך און קנייטשנדיק אַ פרום פּענעמל — דער אַלמעכטיקער, וואָס איז געאַכפּערט, געגרויסט צווישן די הערשאַפטן מאַלאָכים, די דאָ הייסן כייעס האַקוידעש, ער איז גערעכט און זיין מישפּעט איז גערעכט, כי מפני הרעה, פאַר די זינד, זאָגן די כאַכאָ־מים, פייגערט אַמאָל אַ בעהיימע. לאָז די בעהיימע זיין אַ קאָרבן־אוילע, מעכאַפּער זיין, רייניקן ווי די פּאַראָ־אַדומאָ, אייך און קאָל יִיסראָעל, פון אַלע אומרייניקייט און פון אַלע אומווירדיקייט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: אויב די זינד זיינען ווי פּורפּל רויט, וועלן זיי וויַיס ווערן ווי אַ שניי. און אויב אַזוי, אַז דורך אַ פיך, די בעהיימע מיינט מען, האָט זיך באַשיַימפּערלעך זיך געטון אַנטפּלעקן אַזאַ גרויס ווונדער, וואָלט מיַין ראַט, אייצע־טויווע געווען, דאָס קעלבל, די פּרוכט פון איר מוטערלייב, זאָל בליַיבן די ווידערשפּענעדיקע קינדער צום אָנדענקען...״ [1]).

ב) „אַמאָליקע״ ווערטער, וואָס בירגערן זיך איצט איַין, טיילמאָל מיט איראָנישן ביוּאַנס.

באַרעמהערציק, באַרעמהאַרציקע (שוועסטער), דערבאַרעמען זיך [2]), ווידערשפּעניקן [3]), הויערן [4]), לאָקערן (לאָקער) [5]), ניִדערן (נידעריש), פאַרשוועכנד, טראָפּ („ציִען טראָפּ״), אַלטגעזעסענער, ביַי־שטידל, לאָגל, טראָפּ (אַקצענט), פּרוכפּערן זיך, רעכטפאַרטיקן, אַנגורטן (לענדן), וואָרהאַפטיק [6]), ערעפּורכט, טון טאָן, באַשיַימפּערלעך, אַלמעכטיקער [7]), גרימצאָרן, לעסטערן, פאַרטיליקן, פאַרהערן [8]), זאַלבן, באַוויליקן, געגענען [9]).

3

מע דאַרף דאָך זאָגן, אַז מיר דערשאַצן טיילמאָל ניט דעם עלטערן און טיילוויַיז באַניַיטן אָפּשניט פון אונדזער וואָרט־אַרכאַיִק. אַפּ אַ העכערער שטופּע וואָלט קעדיַי געווען געוויינען צו אופנעמען געוויסע פּראָדוקטיווע פּראַטים פון אָט דעם עלטערן וואָרט־מאָקער סיַי צוליב צילן פון געוויינלעכער וואָרט־ניואַנסירונג, סיַי צוליבן וויַיטערדיקן באַנעמען די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון אונדזער שפּראַך. אין הויכ־שול מוז מען נאָך אַזוי אַרום לאָזן שפּירן דעם סטיליזיר־און אַרכאַיִזיר־נוסעך פון אונדזער קלאַסיק, וואָס געוויסע ווערק (ניט אַלץ איז דאָ מעגלעך און ניט אַלץ איז דאָ נייטיק) איז דאָך קעדיי צו דערלערנען.

לעסאָף — אַ פּאָר אַרבעטן אַפּ אַרכאַיִזמען.

1) אופזאַמלען באַצייכענונגען און נעמען פון זאַכן און דערשיַינונגען, וואָס מיר באַגעגענען זיי שוין איצט ניט, אָדער מיר טרעפן זיי שוין זעלטן—פון שטייגער, רעליגיע א. א.

---

[1]) מ״מוס. דאָס טויספעס־יאָנטעוו־קעלבל. שפּראַכלעך־הומאָריסטיש ווערט דאָ אינטערפּרעטירט די „וווילקענעוודיקייט״ פון דער ייִדענע.

[2]) טיילמאָל מיט ביטל־ניואַנס.

[3]) „אין גרויסער ווידערשפּעניקייט אַ קנעכט״ (האָפּשטיין).
ס׳פלאַקערן אין פרייד דאָרט יונגע ווידערשפּעניקע״ (מאַרקיש).

[4]) „אַפּ פלאַקער־יעסוידעס דאָרט הויערן בלויען״ (האָפּשטיין).

[5]) „איך לאָקער נאָך דעם סוינע״ (שוואַרצמאַן). „ס׳זאָל היַינט קיינער אינדערהיים ניט געפינען זיך, ווייַל מע לאָקערט אַפּ שריט און אַפּ טריט״ (מאַרקיש).

[6]) וואָרהאַפטע טרוימען־געוועבן.

[7]) „באַטאָג וועט עס האַלט נאָך די זון איר אַלמעכטיקע „שליטע״ (האָפּשטיין).
„איצט ליגט דיַין אַלמעכטיקער שטיינערנער קערפּער״ („)

[8]) פריִער — פאַרהערן אַ טאַלמיד אין אַלטן באַטיַיט — „ערגעץ דאָ ניט נאָענט און ניט וויַיט פאַרהערן זיך קאַנאָנען״ (האָפּשטיין).

[9]) „געגענען וועט דער טויט און איַינשלאָפן מיט דיר״ (שוואַרצמאַן).

2) זאמלט ווערטער, וואָס כאראקטעריזירנ די אלטע אָרדענונג.

3) נאָכמערקנ די פארשיידנקײַט אינ רייד באמ עלטערנ אונ ייִנגערנ דאָר. פארגלײַכנ, דערקלערנ.

4) געוויסע ארבעט אפ עלטערנ וואָרט־מאטעריאל פונ רייד אונ ליטעראטור (לויט דעמ פריִער אָנגעוויזענעמ. פאר דער העכערער שטופע).

XI. דאָס אייגנטלעכע אונ פיגוראלע אינ רייד[1]

1

סײַ דאָס געוויינלעכ־דירעקטע, דאָס אייגנטלעכע אינ רייד, סײַ דאָס פיגוראל־אומדירעקטע (אריבערגענומענע, אריבערגעטראָגענע), איז פאר אונדז וויכטיק בא דער ארבעט אפנ וואָרט אינ שול.

אפ דער ייִנגסטער שול־שטופע איז קלאר ניט שײַעכ נאָכ צו דיפערענצירנ אזוי דאָס אייגנטלעכע אונ פיגוראלע אינ רייד. אונ אויב יאָ עס דיפערענצירנ, דארפ דאָ מיינסטנס די פכוירע האָבנ גראָד דאָס אויסדריקלעכ־עמאָציאָנעלע, דאָס קאָנקרעט־שפּילעוודיקע אונ באכיינטע וואָרט. פאר דער עלטערער שטופע אונ ווײַטער שיידנ מיר אונטער א געוויסנ סכומ ארבעטנ, וואָס געוויינענ צומ פראָזאיִש־גענויענ אונ מאקסימאל־פינקטלעכנ וואָרט, אלס גרונט־פונקציע פונ רייד, אונ א סיִסטעמ פונ עסטעטיש־עקספרעסיווע דערשײַנונגענ, וואָס מע דארפ פארייגענענ סײַ בא דער אלגעמיינער ארבעט אפ וואָרט־קולטור, סײַ באמ פראָפעדעווטישנ ליטעראטור־קורס, וואָס די שול מאכט דורכ.

אינ א היפשער מאָס „דיפונדירט” דאָכ דאָס דירעקטע אונ אומדירעקטע אינ רייד. דאָס וואָרט אונ אויסדרוק האָבנ אָפטמאָל ניט נאָר זייער סטאבילנ, קעסיידערדיקנ אָנווענד־באטײַט (קאָמוניקאטיווע פונקציע), זיי נאָמינירנ נאָכ איינוועגס פראָצעסנ אונ דערשײַנונגענ אפ אנ אייגנארטיק־אסאָציאטיוונ אויפנ, לויט „באדינגלעכער” אָנרעגלעכקײַט (עקספרעסיווע פונקציע). אונ די אסאָציאציע גופע אונ די עצעמ אָנרעגלעכקײַט זײַנענ ניט זעלטנ פארשיידנארטיק אונ אינדיווידועל, — עס ווענדט זיכ אינ אָרט, צײַט, סאָציאלנ ארומ, שטאנד, קלאס, עלטער א. א. אונ דאָס, וואָס ס'איז פאר אונדז איצט „דירעקט” אינ רייד, איז ווענ עס איז געווענ „אומדירעקט”, ס'איז אריבערגעטראָגנ, אריבערגענומענ געוואָרנ באמ באצייכענענ דעמ ארומ אפנ סמאכ פונ פריִערדיקער שפּירונג אונ דערקענטעניש. דאָס, וואָס איז פאר אונדז אָקאָרשט „אומדירעקט”, ווערט שפּעטער „דירעקט” אונ געוויינלעכ, אונ מיר הייבנ ניט אָנ צו פילנ אפילע דעמ פריִערדיקנ „אינערלעכנ וועזנ” פונ וואָרט אונ אויסדרוק.

ניט נאָר סע שטארבנ אָפּ אונ סע בלײַבנ לעבנ אונ לעבנ אופ ווערטער אונ אויסדרוקנ אינ רייד, נאָר דער וואָרט־מאטעריאל ווערט מאָדיפיצירט אונ ניואנסירט

[1]) פאר אונדז איז איצט גענוג אזא אלגעמיינע פארצייכענונג. ס'איז פאראנ דאָ פארשיידנערליי דיפערענצירטע באצייכענונגענ—דערקענטעניש־קאָמוניקאטיווע פונקציע אונ קינסטלעריש־עקספרעסיווע, אשטייגער, אָדער ווי באלי (Bally) שיידט נאָכ אונטער צווישנ קאָמוניקאטיוונ אונ דערקענטענישדיקנ, צווישנ קינסטלערישנ אינ עקספרעסיוונ.

דירעקט און פיגוראַל בעשאַסנ פראַקטישנ, סוביעקטיווע קעגנשטעלנ שײַכעסנ אינ פּראָצעס „פונ אריבערפירנ און איבערארבעטנ אינ קאָפּ דאָס מאַטעריִעלע ארומ”.

אָט דערציילט אונדז אפ זײַנ שטייגער מאָטל פּייסי דעמ כאזנס:

„אנו טרעפט, ווו איז דער גאנײדנ? „איר וועט ניט טרעפנ. ווייסט איר פארוואָס? ווײַל בא איטלעכנ איז ער אפ אנ אנדער אָרט. לעמאָשל, די מאַמע זאָגט, אז דער גאנײדנ איז דאָרטנ, ווו מײַנ טאַטע, פּייסי דער כאזנ, געפינט זיכ. דאָרטנ, זאָגט זי, געפינענ זיכ אַלע ערלעכע נעשאָמעס, וואָס זײַנענ נעבעכ אָפּגעקומענ אפ דער וועלט; דערפאַר, וואָס זיי האָבנ ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאָס איז דאָכ קלאָר ווי דער טאָג, דער בעסטער באוויַיז איז טאַקע דער טאַטע מײַנער. וואָרעמ ווו דענ זאָל ער זײַנ, אז ניט אינ גאנײדנ? קארג האָט ער זיכ אָנגעמוטשעט אפ דער וועלט?... אזוי זאָגט די מאַמע מײַנע און ווישט זיכ בעשאַס מײַסע די אויגנ, ווי איר שטייגער איז, אז זי רעדט פונ טאַטנ. פרעגט־זשע אָבער בא מײַנע כאוויירימ, וועלנ זיי אײַכ דערציילנ מײַסעס, אז דער גאנײדנ געפינט זיכ ערגעצ אפ א בארג פונ סאַמע קרישטאָל, הויכ ביזנ הימל. ייִנגלעכ לויפנ דאָרט ארומ פראַנק און פרײַ, לערנענ לערנט מענ ניט, נאָר מע באָדט זיכ גאַנצע טעג אינ מילכ און מע עסט האָניק מיט פולע הויפנס. זײַט איר שוינ פאַרטיק? קומט צו גיינ א ייִד אנ אײַנבינדער און טוט זיכ א זאָג, אז „דער עמעסער גאנײדנ איז נאָר פרײַטיק אינ באָד”. איכ האָב עס אליינ געהערט פונ אונדזער שכיינעס מאַנ מוישע דעמ אײַנבינדער, איכ זאָל אזוי הערנ אלדעס גוטס! הײַנט גייט דערגייט אנ עק! מע זאָל, אשטייגער, פרעגנ מיכ, וואָלט איכ געזאָגט, אז דער גאנײדנ—דאָס איז מענאַשע דעמ רויפעס גאָרטנ. זינט איר לעבט, האָט איר נאָכ אזא גאָרטנ ניט געזענ...”

2

עקספּרעסיע האָבנ מיר ניט נאָר אינ פּאָעזיע. עקספּרעסיע איז שײַכ אויכ צו געוויינטלעכע פּראַקטישע רייד, ווו דאָס עקספּרעסיווע איז נאָר טיילמאָל שטאַרק פּאַרטונקלט, קאָמ אָנזיכטיק.

קאָמוניקאַציע איז ווידער אויכ די פונקציע פונ פיגוראַל־עקספּרעסיווע, האָגאָמ ניט אַלעמאָל איז דאָס אזוי.

אינ רייד מערקנ מיר א קעסיידערדיקנ געבוירנ און ווידערגעבוירנ פונ עקספּרעסיווע פאָרמעס, וואָס ווערנ מיט דער צײַט פאַרווישט, ניט עקספּרעסיוו. אזא פּראָצעס באַשטייט, ווי באַלי מיינט, אינ דעמ, וואָס די עקספּרעסיווע טענדענצ באַרײַכערט די רייד מיט עלעמענטנ קאָנקרעטע, זי שאַפט נײַע ווערטער און אויסדרוקנ, און די דירעקטע אינטעלעקטועל־אַנאַליטישע עלעמענטנ בילדנ אויס פאָרמעלע טיילנ; — די עקספּרעסיווע טענדענצ אַרבעט אזוי ארומ פאַרנ ווערטערבוכ, די אַנאַליטיש־אינטעלעקטועלע—פאַר דער גראַמאַטיק. אָט די האַנאָכע באַליס קענ מענ נעמענ אינ אכט, אויב נאָר מע ווייסט דערבײַ, אז סײַ „ווערטערבוכ”, סײַ „גראַמאַטיק” זײַנענ ביידע אינײנעמ אויסדרוקנ פונ פאָרמ אפ באַצייכענענ דעמ אינהאַלט, דעמ סאָציִאַלנ עקוויוואַלענט פונ דער דערשײַנונג.

ביידע סיסטעמעס, ווי געזאָגט, זײַנענ געבונדנ צווישנ זיכ אפ א געוויסנ אויפנ.

אינ איקער זײַנענ זיי אָבער פאָרט פאַרשיידנ צווישנ זיכ. און דידאָזיקע איקער־אָפּשניטנ פונ אונדזערע רייד באַשטייענ פונ פאַרשיידענע וואָרט־אויספאָרמירונגענ, זשאַנרענ און נוסכאָעס לויט זייער ציל־ווענד, לויט דער סאָציִאַלער פונקציע, וואָס זיי פּילנ אויס.

צו די ד י ר ע ק ט ע (פּראָזאִישע) זשאַנרענ געהערנ (צווישנ אנדערע):

א) ר ע ד ע, אַלס סיסטעמ פונ אָ ר ג א נ י ז י ר ט נ מינדלעכנ ווענד־וואָרט.

קלאָר, אז אינ דעמדאָזיקנ זשאנר, וואָס דארפ אופווירקנ, איבערצייגנ, פארכאפנ, איז שטארק פארטראָטנ די עקספרעסיווע סיסטעמ. מיר מערקנ עס בא רעדנערס פונ פארשיידענע „צייטנ און דוירעס".

א פאָר ביישפילנ בלויז פונ אויסדריקלעכע פארגלייכונגענ, האגאמ דאָס רעדנערישע וואָרט ווענדעט אָנ ברייט פארשיידענע מיטלענ עקספרעסיע: עפּיטעט, ריטאָרישע פראגע, פאראלעליזמ א. א. וו.

„דאָס גרויסע פאָלק איז אינ רעוואָליוציע געגליכנ צו זודיקנ מעטאל אינ שמעלצ־אויוונ: די פרייהייט-סטאטוע איז נאָכ ניט אָפּגעגאָסנ, דער מעטאל שמעלצט זיכ אָקאָרשט, קענט איר זיכ ניט באגייג מיט קיינ שמעלצ-אויוונ, וועט איר אלע אומקומענ אינ פייער־פלאמ" (דאנטאָנ).

וועגנ לענינס רעדעס דריקט זיכ אויס זינאָוויעוו:[1]

געדענקט איר מיט וואָס פאר א דאָרשט מיר פלעגנ אלעמאָל אויסהערנ אָט די רעדע, — סע דערמאָנט אינ דאָרשט פונ א מענטשנ, וואָס פאלט צו צו אָנטרינקענ זיכ אינ א זומער־היצ פונ א טיפנ לויטערנ קוואל. מיט א מעכטיקנ פראָזשעקטער האָט וולאדימיר איליטש באלויכטנ דעמ וועג, וואָס שפּרייט זיכ פאר דער פארטיי".

הייַנט די לענינישע איינפאכע ווי דערהויבענע קעגנשטעלונג און פארגלייכ:

„מיר גייענ א געשלאָסנ הייפל איבער אנ אָפּריסיקנ (обрывистый) שווערנ וועג, גענומענ זיכ שטייפ פאר די הענט. מיר זייַנענ ארומגערינגלט פונ אלע זייטנ מיט סאָנימ, און ס'קומט אונדז אויס קימאט אלעמאָל גיינ אונטער זייער פייער. פארבונדנ האָבנ מיר זיכ לויט א פריי אָנגענומענעמ באשלוס, טאקע צוליב דעמ, מיר זאָלנ קעמפנ מיט די סאָנימ און ניט אראָפּ אינ שכייניש זומפּ, וואָס די באוווי־נער זייַנע האָבנ אונדז פונ סאמע אָנהייב אופגעוואָרפנ, לעמיי מיר האָבנ זיכ אויסגעטיילט אינ א באזונ־דער גרופּע און האָבנ אויסגעקליבנ דעמ וועג פונ קאמפּ, ניט פונ פּשאָרע. איז אָט נעמענ זיכ אייניקע צווישנ אונדז צו שרייענ: לאָמיר גיינ אינ אָט־דעמ זומפ!.."

„מע דארפ קענענ געפינענ צו יעדער מאָמענט יענעמ באזונדערנ רינג פונ קייט, וואָס מע דארפ זיכ פאר אימ אָנכאפּנ מיט אלע קויכעס, קעדיי אייַנהאלטנ די גאנצע קייט און זיכער צוגרייטנ דעמ אריבער־גאנג צומ פאָלגנדיקנ רינג, און דער סיידער פונ די רינגענ, די פאָרמע זייערע, די פארבינדונג און דער כילעק צווישנ זיי אינ דער היסטאָרישער קייט פונ געשעענישנ, — ס'איז ניט אזוי איינפאכ און ניט אזוי נאריש, ווי אינ געוויינלעכער קייט, וואָס דער שמיד האָט געמאכט..."

ב) פובליציסטיק. די שאטירונגענ זייַנענ פארשיידנארטיק, — פונ ערנסט־זאכלעכנ ארטיקל און קריטישער אָפּהאנדלונג ביז האלב־בעלעטריסטישנ צייטונג־פעליעטאָנ (אויכ אינ פערזנ) און קינסטלערישנ רעפּאָרטאזש.

ג) וויסנשאפטלעכער זשאנר (אָדער אינטעלעקטועלער, ווי אנדערע באַ־צייכענענ אימ). דאָ איז שארפ די טענדענצ וואָס מער צו אָביעקטיווירנ דעמ באטייַט, ווי גענויער צו דערפירנ און טעאָרעטיש ריכטיק צו פאָרמולירנ — עס זאָל ניט קומענ צו קיינ שומ צווײדייַטיקייט.

ד) אדמיניסטראטיווער זשאנר. דאָס זייַנענ די שפּראַכ־פאקטנ, וואָס דריקנ אויס די היסכייַוועסנ פונ סאָציאלנ לעבנ פונ פארשיידנערליי פאָרמעס — פונ מיטיילונגענ און אָרדענונג־קלאָלימ ביז די ארטיקלענ פונ קאָדעקס־פאָרמולירונגענ. נאָענט צו וויסנשאפטלעכנ שניט, שטרעבט אָט דער זשאנר צו באשטענדיקנ אָנקער מיטנ טאָגטעגלעכנ לעבנ.

[1]) פונ פאָרטראג אפנ 12-טנ פארטיי־צוזאמענפאָר (פאָליטישער באריכט פונ צ. ק.)

קלאָר, אז אויך די לעצטע צוויי שטרענג־פּראָזאַישע זשאַנרען איז ניט פרעמד דער עלעמענט פון עקספּרעסיע.

פאַרשיידנאַרטיק זײַנען די עקספּרעסיווע זשאַנרען און איבער־רײַך זײַנען די עקספּרעסיווע אויסדרוק־מיטלען. די עקספּרעסיווע רייד זײַנען אפעקטיוו, עמאָציאָנעל, זיי פאַרמאָגן פאַרביקע ריטמיק און מעלאָדיק, זיי האָבן די טענדענץ צו זײַן וואָס קאָלאָריטישער, ווײַל זיי דאַרפן פאָרשטעלן, געדאַנקלעך שילדערן, ברענגען צו וואָס פולערער זעעוודיקײַט און שפּירעוודיקײַט פון אידיי.

און יעדער קינסטלער־דאָר האָט זײַן עקספּרעסיווע סיסטעם, ווי יעדער שיכט און קלאַס האָט זײַן פאַרשטעלונג־וועלט, מיט זײַן סאָציִאַל־קולטורעלן באַנעם און אידיי, וואָס קומט דורכן קינסטלער־וואָרט צום אויסדרוק.

בײַשפּילן איז דאָ ניט אזוי שווער צו קריגן, האגאם די פּראָבלעם איז נאָך, אייגנטלעך, ניט־גענוג באַארבעט. מע דאַרף א בלעטער טון ווערק פון פאַרשיידענע קינסטלער אין פאַרשיידענע צײַטן, קעדיי צו דערפילן די פאַרשיידנקײַט פון עסטעטיש־פיגוראַלן באַנעם זייערן. מע קען עס דערשפּירן, אשטייגער, אין דער עקספּרעסיווער סיסטעם פון ליטעראַרישער קלאַסיק און בא דעם ליטעראַריש־מאָדערנעם אפילע לויט אַלציינע טעמאַטישע איינצלען, וואָס זײַנען אינטערפּרעטירט געוואָרן ניט נאָר אין פאַרשיידענער צײַט, נאָר פון קינסטלער מיט פאַרשיידענער קלאַסן־אָנגעהעריקײַט און דעריקער מיט פאַרשיידענער קלאַסן־אָריענטירונג און אידייען־וועלט: שטעטל, באַלמעלאָכע, ארבעט, א. א., לאָמיר זאָגן, בא מענדעלע, אש, ווײַסנבערג, כאַריק, פעפער א. א.

מיר קענען זיך דאָ איצט ניט אַרײַנלאָזן אין סטיליסטיש־פיגוראַלע אויסזוכונגען און קאָנסטאַטירונגען. אפ קלאָר מאַכן אונדזער געדאַנק וועט גענוג זײַן נאָר א פּאָר קלענערע בײַשפּילן פון „פריִער און איצט".

א) א פריש־געשמאַק ווינטעלע האָט פאַמעלעך געבלאָזן, און פון די וואָלקנס, פונעם שטורמווינט איז ניט געוועזן אפילע קיין זייכער. דער אָפּגעטויוולטער, אויסגעצוואָגענער וואַלד איז געשטאַנען, ווי א כאָסן־באָכער, אָנגעטון אין א נײַער זשופּיצע, ערשט פון דער נאָדל, געשײַנט און געלויכטן, ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן, וואָס האָט ערשט טאַקע געבראַכט די פריילעכע פסורע, אז אָט־אָט באַלד קומט צו פאָרן די זון די טײַערע גאָלדענע מעכוטענעסטע, און די כאַסענע וועט זיך אָנהייבן. אַלצדינג האָט אויסגעזען, ווי יאָנטעוודיק און אומעטום האָט געשמעקט, געווירצט זיסע ליבע רייכעס פון פסאָמים. שיין איז דער אָנברוך אפ טאָג וועסנע צײַט אין דעם וואַלד. שיין, זייער שיין! דער באַרימטער קלעזמער, דער סאָלאָוויי, האָט אָנגעשטעלט זײַן פידל, אָפּצושפּילן א שיינעם, א פײַנעם „דאָברי דזיען".

ער האָט א שפּיל געטון, זײַן שפּילן האָט מיך צענומען! זײַן ניגנדל האָט אין מײַן האַרצן אופגערירט טויזנט סטרונעס, זיי האָבן געוויינט, געשריִען און אַרויסגעגעבן זייער א טרויעריקן ניגן. מײַנע געדאַנקען האָבן אַלע געטאַנצט אין א ראָד א שרעקלעכן פאַרמישטן טאַנץ!" (ממו"ס).

באַלד באַם וועג איז א קליינער געדיכטער וואַלד געשטאַנען, ביימער ווי זיי וואָלטן אין איין גאַרטל געוועזן פאַרפלאָכטן. דער רעבע פאָרויס, דער אוילעם נאָכן רעבן זײַנען אין די ביימער אַרײַן.

עס איז שוין פאַרנאַכט געוואָרן. דער קליינער וואַלד איז שטיל געווען. ווי א שטילער סאָד וואָלט אין אים פאַרשטומט געוואָרן פון צײַטן, צײַטן לאַנג... די הימלען איבערן וואַלד אין רויט־בלויען פײַער האָבן צנועדיק זיך ווײַט אַראָפּגעלאָזט. טיף אין וואַלד האָט אַן איינזאַמער פויגל גערופן, גערופן נישט ווייסנדיק וואָס. דאָרט טיף אין וואַלד האָט ווער א בוים אונטערגעהאַקט, און דער בוים האָט זײַן ווידע הויך צווישן די ביימער אויסגערופן.

און אַרום וואַלד האָט די גאַנצע וועלט געוואַרט...

נאָך נישט פארטיק איז דאָס גרינס געווען, נאָר עס האָט ערשט אָנגעהויבן צו בליִען... אלץ ארום האָט ערשט אָנגעהויבן צו לעבן און האָט געוואַרט אַף אויסלייזונג, אַף א בראָכע, אַף טיקן.

און דער אוילעם איז פארוואָרפן אין וואלד, א ייִד אונטער א בוים, א ייִד אונטער א בוים. יונגע קינדער אונטער יונגע צווייַגעלעך, קוסטעס. אלע האָבן זיך טיף און ערנסט געשאָקלט. דעם רעבנס בראָכע האָט געקלונגען אין וואלד, און מיט דער האנט האָט ער צוגעשאָקלט און געוויזן:

ברוך עלי־נו ה׳ אל־ה־נו את הש־נה ה־זאת ואת כל מי־ני תבו־א־תה לטו־בה...— — —״

און בא יעדן בוים א נעשאָמע, און יעדע נעשאָמע, וואָס איז אונטער זייַן בוים געשטאנען, האָט פאר זייַן בוים געבעטן, און מיט דער בראָכע האָט מען דעם טיקן אַף דאָס גרינס געזען. און דיביימער האָבן זיך מיטגעשאָקלט, ווי געוואָלט עפּעס בעטן, זאָגן, נאָר ביימער זייַנען שטום, און די נעשאָמע וואָס שטייט אונטער דעם בוים, איז דעם בוימס שליִעך־ציבער, און דער בוים שאָקלט זיך מיט: אלץ ארום האָט געדאַוונט, געבעטן און געדאנקט גאָט, און דער הימל האָט זיך געגעגנטערט צו דער ערד, די ערד—צום הימל. אַן איידע ייִדן, אַן איידע ביימער. די ביימער האָבן זיך מיטגעשאָקלט, א צווייַג אין א צווייַג געקלאַפּט, די גרעזער אהין און אהער זיך באַוועגט, דער פויגל פון צווייַג צו צווייַג געשריִען, געקוויטשעט. און דער ווידערקאָל האָט טיף אין וואלד גערופן צווישן די ביימער, און דעם העקערס קאָל דאָרט טיף האָט אָפּגעקלאַפּט, און די קוילעס האָבן זיך אויסגעמישט, עס איז געוואָרן איינס. אלץ האָט זיך באַהאָפטן, און עס איז געוואָרן איין טפילע, איין הארץ, איין נעשאָמע. און דאָרט טיף אין וואלד איז די שכינע צווישן די ביימער אויסגעצויגן און דאַוונט מיט... א. אז. וו. א. אז. וו.

(אש. שטעטל).

———

גראָזן ווייסן דאָ אויך ניט קיין גרענעץ. זיי רייַסן זיך דורך צווישן דעם פון־אייביק־אָנגעוואלגערטן פוילעכץ, כורווע־ביימער, קלעטערן אַף די געקאָרטשעטע קאָרעס פון שווארצע בערעזעס און גליטשן זיך איבער שטאמען פון די סאמעטענע און קאָרעק־ביימער. גראָזן קריכן פון דער הויט ארויס אַף פארכאַפּן ערטער: צווישן די ביימער, לעבן די ביימער, אַף די ביימער.

— זאָל זייַן דורכויס גרין!

און דאָ פּלוצים צווישן דער פארגאנצטער שליימעס פון שפּראָצן, וואקסן, גרינקייַט—א פּגאַם: אַן אונטערגעשניטענער בוים! אלע ביימער שטייען, ווי גוילעמס, און קוקן. מע באַטראַכט. אזוינס האָבן זיי נאָך ניט געזען, זינט זיי לעבן. פון אזוינס ווייסט ניט דער וואלד זינט די וועלט שטייט. א בוים— ווייסט מען—קען ברענען. א בוים קען זיך הוידען, א בוים קען זיך אזוי הוידען, ער זאָל זיך אייַנברעכן. נאָר אָפּגעשניטן ווערן — דאָס ווייסט ניט דער וואלד. איך שטעל זיך פאָר, ווי די ביימער זייַנען נישטויִ־מעם געוואָרן, ווען זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערהערט:

— שרו־שרו! שרו־שרו!

— טרראַך! — און א גרויסער גראָבער בוים פאלט און ברעכט מיט זיך נאָך עטלעכע...

כ׳לעבן, איך בין מעקאַנע די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע ארייַנגעטראָגן אהער די קלאַנגען פון זעגן, אָטעמען, פון ארבעט.

דער אָפּגעשניטענער וואָרצל פילט זיך א האָר ניט באַליידיקט. ער ליובעט זיך מיט זייַן ווייַסן, פרישן קאָפּ. איך האָב אים אויך ליב. איך קען זיך אָנבויגן און אים ארומנעמען, נאָר מייַנע הענט זייַנען צו קליינע. אוך, איז ער א גראָבער! נא דיר א קוש. אַך, ווי ער שמעקט! די הייסע ביסן פון דער זעג האָבן זיך שוין אָפּגעקילט, נאָר עס שמעקט נאָך. מיט האָרעוואַניע שמעקט עס.

(מ. אלבּ.טאָן, בירָאָ־בידזשאַן).

ב) גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
אונדזער הילף ביסטו אליין.
נעמט צונויף די גארבן, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין.

גרויסער גאָט, די העלפסט דעם מענטשן,
אז ער רופט צו דיר אין נויט, —

זאָלסט אונדז טאַקע ווידער בענטשן
מיט האַצלאָכע און מיט ברויט!..

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן
פון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן
איז פון אונדזער אייגן פעלד. (מ. וואַרשאַווסקי).

העגט געהאָדעוועט צום בויען!
איז יעדע האַנט אַ קרעפּטיקער בריטאַן.
איז גוט מיט זיי צווישן ערד און טויען
אין ברוסט אַ זעט טון זיך: — פאַראַן!

פאַראַן אַן ערד, איז גוט אויף איר צו טרעטן...
און דאָס גראָז איז פעט אַזוי און גרין.
בײַ קיינעם דאַרפן מיר קיין ברויט ניט בעטן,
מיר רײַסן דאָס פון יעדער דעסיאַטין.

ערד געשמאַקע, פעטע גרונטן.
און זון, וואָס גיסט זיך אָן, וואָס צײַטיקט און וואָס ברענט.
מיר שטייען קעגן אײַך דאָ הויכע און געזונטע —
נאַט! — מיר שענקען אײַך פאַרהאָרעוועטע הענט.

מיר האָבן הענט, און הענט איז אונדזער אייגנס,
אַז וואָס פאַרמאָגן מיר נאָך דאָ אויף גאָרער וועלט! —
— — — — — — — — — — — —
אַזוי האָבן יישוווניקעס פאַרצויגן
אַ ליד אַ פּראָסטע איבער פעלד. (א. כאַריק „ברויט").

דרײַערליי אַרטן שילדערן וואַלד, האַגאַמ אין אַלע פאַלן איז שטאַרק פאַרטראָטן די פערזאָניפיציר־עקספּרעסיע. באַדינגט איז אָט די פאַרשיידנקײַט ניט בלויז פון צײַטמעשעכ און סיטואַציע, זי גייט פון פאַרשיידענעם אפעקטיוון צושטאַנד ביקלאַל, פון אַן אַנדער עצעם קינסטלערישע אידיי אין פאַרשיידענעם סאָציאַלן־קלאַסעווון אַרום,— אַלטשטעטלשע באַלעבאַטישע וויזיאָנערישקײַט, שטייגעריש־פערזאָניפיצירטע צי גוטיידיש־אידיליזירטע, און דאָס נײַ־בויערישע אונדזערס, וואָס מיט „האָרעוואַניע שמעקט עס". אָט ווי אַנדערש סע זינגט, זינגט צו גאָט וועגן „אייגן פעלד" וואַרשאַווסקיס אַמאָליקער קאָלאָניסט, ניט געגליכן צו אַ „ליד אַ פּראָסטע איבער פעלד" פון סאָוועטישע פויערים, וואָס „בײַ קיינעם דאַרפן מיר קיין ברויט ניט בעטן".
„מיר האָבן הענט, און הענט איז אונדזער אייגנס!"

3

ווי געזאָגט, דאַרף מען אין שול לייגן אַכט סײַ אויף דעם דירעקטן, סײַ אויף דעם פיגוראַלן אין רייד. מע דאַרף שטויסן צו באַנעמען אָט די דערשײַנונג ברייט און פאַרשיידנאַרטיק אין געוויינלעכן און פּראָזאַישן לאָשן, מע דאַרף אויפמערקזאַם מאַכן אויף די וויכטיקערע אַנטפלעקונגען פון פּאָעטישן וואָרט, פון פּאָעטישער סעמאַנטיק.

מירן זיך פארהאלטן א ווײַלע בלויז אף אייניקע קאָנקרעטע קאטעגאָריעס אזוינע.

א) קאטאכרעזע פון וואָרט און אויסדרוק. מע פארשפרייט א פריִערדיקע באצייכענונג אף א נײַער זאך און דערשײַנונג, און דידאָזיקע באצייכענונג בלײַבט שוין אף אלעמאָל און פארלירט אפילע פאר אונדז איר פריִערדיקן אינערלעכן טאָך.

פיסל, הענטל, העלדזל, פיסקל (ווען מעבל, קיילים זײַנען אופגעקומען).

פליגל פון ווינטמיל, ערעאָפּלאן (פליגל פון א פויגל).

קעפל (קרויט, קנאָבל).

מוטער־שטיפמוטער (мать - мачеха), — בא אָט דעם געוויקס איז די אייבערשטע זײַט בלעטלעך גלאט און קאלט, די אונטערשטע — פוכיק און ווארעם.

זונבלום (סאָנישניק), — דרייט זיך אום אין מעשעך פון טאָג צו דער זון; עס טוען עס אלע בלומען, בא דער זונבלום ווארפט זיך עס באזונדער אין די אויגן אדאנק איר גרייס.

די נעמען פוןביידע געוויקסן, ווי פיל אנדערע אופגעקומענע טערמינעס, זײַנען פיגוראל. קעדיי אויסמײַדן דאָס סוביעקטיווע ברויכט מען וויסנשאפטלעכע טערמינאָלאָגיע (מוטער־שטיפמוטערל — Tussilago farfora, זונבלום—Helianthus annuus).

לופטמענטש („דעקלאסירטער”). קאָכלעפל (פון א צונעמעניש — שטעקט אומעטום די נאָז).

איבערשלאָגן די רייד. אויסכאפן א וואָרט. ביטערע ווערטער. זיסע ריידלעך.

מיט דער פוטער אראָפּ. כאפן פליגן. נויעך מיט זיבן גרײַזן (אמעראציש שרײַבן, — אזא קליין וואָרט — נח אין העברעיִשער טראנסקריפציע — און גאנצע זיבן גרײַזן).

דעקן (שארף קריטיקירן), פארשיטן זיך (ארײַנפאלן, דורכפאלן), אָנגרײַפן, אָנגרײַפן (אפן נעפּמאן, באלעגופ,) פראָנט (קולטור־), מאָביליזירן (די מאסן) א.א.וו. (פון קריג־לאָשן).

ניט אלעמאָל לאָזן זיך אזוינע פאָרמולדיקע פיגוראלע אויסדרוקן דערקלערן. אשטייגער — „האקן א טשײַניק”. און ניט אומזיסט נעמט עס מאָטל פּייסיס אוף אזוי ווי עס איז (דאָס הומאָריסטישע שטעקט דאָ אין באנעמען אפן אייגנטלעכן אופן דאָס פיגוראלע):

„די מײַסע... איז פונקט אזוי עמעס, ווי די מײַסע, וואָס בערע דער שוסטער האָט אונדז אמאָל דערציילט, וויאזוי די מײַז האָבן בא אים אופגעגעסן א קאץ... דאָ, אז עמעצער דערציילט אזעלכע מײַסעס, זאָגט מען אף אים, אז „ער האקט א טשײַניק” אָדער ער „בלאָפט”. מיר געפעלט בעסער די ווערטער „ער האקט א טשײַניק”. עס איז מיר אזוי שטארק געפעלן, אז איך האָב עס ארופגעכאפט אף פאפיר. דאָס הייסט, איך האָב אויסגעמאָלט בערע דעם שוסטער, ווי ער האלט א האמער, אפן טיש שטייט א גרויסער טשײַניק, און ער האקט אים”...

ב) נעמען, צונעמענישן און פאמיליעס.

מאָטל פּייסיס גיט אונדז איבער צווישן די פיל פּראָטים זײַנע אזא פּראט:

„אלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמענס: „קלעצל”, „קאָטער”, „טשערנאָהוז”, „בופלאקס”, „פּעטעלעלע”, „גיב מיר נאָך”. האָט קיין יעסורים ניט, יעדער נאָמען האָט זיך זײַן שוירעש. פיני הייסט „קלעצל” דערפאר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק ווי א קלעצל. וועלוול איז א שווארצער, רופט מען אים „קאָטער”. כאַיִם איז א בופלאקס, הייסט ער „בופלאקס”. מענדל האָט א שפּיצעכיקע נאָז, איז ער א „טשערנאָהוז”. „פּעטעלעלע” האָט מען א נאָמען געגעבן פּײַטלען דערפאר, וואָס ער קען ניט רעדן. בערל איז א גרויסער נאשער, אז מען גיט אים ברויט מיט שמאלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך”.

...מיר האָבנ זיי א נאָמענ געגעבנ — טרעפט ווי אזוי? „מאָטל מיט די לעפּצנ". לעפּצנ איז א דייַטש־וואָרט. אפ אונדזער לאָשנ הייסט עס „ליפּנ". אפּאָנעמ זיי איז ניט געפעלנ מייַנע ליפּנ, זיי זאָגנ, אז איכ עס, מאַכ איכ מיט די ליפּנ. איכ וואָלט וועלנ זענ יענע מענטשנ, וואָס זאָלנ עסנ אונ ניט מאַכנ מיט די ליפּנ!.. פריִער האָב איכ בא זיי געהייסנ: „מאָטל מיט די לעפּצנ", נאָכדעמ גלאַט: „מיט די לעפּצנ", שפּעטער „די לעפּצנ", גאָר שפּעטער „לעפּצנ".

— „לעפּצנ", ווו זענט איר געוועג?

— לעפּצנ, ווישט אָפּ די נאָז!..." [1]).

און אפ אנ אנדער אַרט:

„אויב עס האָט א זינ דאָס, וואָס שמייַע אָדער פּישל קאָרעספּאָנדענט — דער וואָס שרייַבט קאָרעספּאָנדענציעס אינ אַלע בלעטער און מע דרוקט זיי ניט — זאָגט אפ דער קאַסרילאָוקער באָד, אז זי איז א גאַניידנ האַטאַכטנ, דאַרפ אייַכ ניט אויסווייַזנ אזוי ווילד דאָס, וואָס די קאַסרילאָווקער לייצאָנע האַדאָר האָבנ א נאָמענ געגעבנ בערקע דעמ בעדער אָדאָמ האָרישנ אונ כאַוועדי בעדערנ האָבנ זיי געקרוינט מיט א צונעמעניש די מוטער כאַווע. פונוואַנענ האָט זיכ גענומענ דערדאָזיקער נאָמענ — איז שווער צו זאָגנ. עפּשער דערפאַר, וואָס די בעדערנ האָט געהייסנ כאַווע, האָט דער מאַנ אירער שוינ בעמייַלע געפּאַסט צו הייסנ אָדאָמ? אונ עפּשער דערפאַר, ווייַל דאָס באַרימטע פּאָרל האָט זיכ געפונענ אינעמ דאָזיקנ גאַניידנ פונ קאַמע וועקאַמע יאָרנ, אָפּגעשיידט פונ דער גאַנצער וועלט אונ געלעבט ווי אינ גאַניידנ? צי עפּשער דערפאַר, ווייַל די קאַסרילאָווקער יידנ אונ ווייַבער האָבנ געהאַט מער פונ אַלעמענ די זכיִע צו זענ דאָסדאָזיקע פּאָרל אינ דעמזעלביקנ קאָסטיום, וואָס אָדאָמ מיט כאַווענ האָבנ געטראָגנ אינ גאַניידנ, איידער זיי האָבנ פאַרזוכט פונעמ אייצאַדאַאַס? אזוי צי אזוי דאָס מוזנ מיר מודע זייַנ, אז די קאַסרילאָווקער לייצימ זעצנ צו עמעצנ א נאָמענ, איז ער ווי געבאָרנ, ווי צוגעשניטנ, אופזייַנ געניִיט, אויסגעפּרעסט אונ אָנגעמאָסטנ אונ „פאַרניצט געזונט!"... עס האָט זיכ אויסגעוויזנ איטלעכנ באַזונדער, אז קיינ אנדער נאָמענ קענענ זיי גאָרניט האָבנ.

און דאָסזעלבע פאַר באַלעכאַימ:

„וואָס דאַרפט איר מער — די קאַצ, שוינ גאָר א שטומע צונג, שוינ געוויס גאָט די נעשאָמע שולדיק, הייסט זי בא זיי: „פייגע לייע די גאַבעטע", איר ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זי איז א גראָבע, אונ פייגע־לייע, נאָכמענ דעמ גאַבעס ווייַב איז אויכ א גראָבע. וויפל, מיינט איר, האָבנ זיי שוינ געכאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלנ ניט רופנ קיינ קאַצ מיט א מענטשלעכנ נאָמענ? ווי אנ אַרבעס אינ וואַנט! האָבנ זיי געגעבנ עמעצנ א צונעמעניש איז פאַרפאַלנ!" [2])

און אָט לייענענ מיר אַקאָרשט:

„איכ פאַרפיר א שמועס מיט די יידנ.

— איר זייַנט מיטגלידער פונ קאָלווירט?

— ניינ, מיר זייַנענ אינדוסנ.

— וואָס הייסט אינדוסנ?

— אינדיווידואַליסטנ, הייסט עס, זייַנענ מיר, א לאַנג וואָרט. שווער עס אויסצורעדנ, האָבנ מיר פאַרקירצט — — —

— — — אינדוסנ איז ניט בלויז פּאָשעט פאַרקירצט פונ באַקוועמקייַט וועגנ. אינ וואַנטצייַטונג פונ קאָמונע האָט זיכ באַוויזנ א בייזע קאַריקאַטור אפ א קאָמונאַר מיט פּריוואַטאייגנטימערישע נייגונגענ: א נאַקעטער אינדוס מיט פעדערנ אפנ קאָפּ, אונ אונטנ—אנ אונטערשריפט, ווי סע פּאַסט פאַר א פאָרשטייער פונ אנ אָפּגעשטאַנענעמ ווילדנ שייוועט.,

אָט דער צונאָמענ איז איצט שטאַרק פאַרשפּרייט. אונ באַצייכנט ווערט דאָ דער פאָרצוג פונ א קאָלווירטניק אינ פאַרגלייַכ מיטנ אינדיווידואַל. די אינדיווידואַלנ בעמענ אופ אָט דעמ צונאָמענ זייער קרענקלעכ ביז צומ שלאָגנ זיכ — — —

---

[1]) ש. א. „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס".

[2]) ש. א. „די גרויסע בעהאָלע פונ די קליינע מענטשעלעכ".

— — — אין לייענשטיבל האָב איך דערהערט א הייסן שמועס צווישן א פּאָר יונגע כאוויירים, א שמועס, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אויסגעשריי:

— פּאָשאָל טי קאָ וסיעמ אינדוסאמ !... (פון צייטונגען)

צונעמענישן זיינען, אַסוואָרע, אויפגעקומען פאר פּראַט־נעמען און פאַמיליע־נעמען. סיי פּראַט־נעמען, סיי צונעמען האָבן באַצייכנט געוויסע אייגנקייטן, סאָציאַלע, פיזישע, אַפּ אַרויסצוטיילן צווישן אַרום. אַסאַך צונעמען זיינען דערנאָך פאַר־פיקסירט געוואָרן אַלס פאַמיליע־נעמען, ווען מע האָט עס באַדאַרפט טון לויט מעלוכישער פאַראָרדענונג צוליב פיסקאַלע צילן.

וועלוול (וואָלף), בער (בערל, בעריש), לייב (לייבל, לייבעש), הערש —(הערשל)— לויט געוויסע אייגנקייטן פון דידאַזיקע באַלעכאַיִם.

אָט איז א צעטל צונעמענישן:

אגרעס (געהאט א קליינע נאָז, ווי א קייקעלע).
בימבאָם, גלעקל (א פּלאַפּלער)
וואַגאָן (א ייִד פון אַטלעטישן שטאַלט)
ווינטמיל (מאַכט שטאַרק מיט די הענט בעשאַסן רעדן)
זאַוועראָכע (אַן אומרויִקער)
כיריק (מיט א שפּרענקעלע, ווי א פּינטעלע אַפן נאָז)
כיריק מיט די גראַבעלקעס (פלעג עסן מיט די פינגער)
לעמעשקע (אוקר. קאַשע,—אַן כאַראַקטער [1])
צאַפּעקל (מיט א ציגן בערדל)
קרוזקא (אוקר.—א קליינגעוויקסיקער)
וואָלעכ (א מין שאָפּ. — געהאַט שעפּסענע אויגן) [2]

א ספּעציעלע קאַטעגאָריע זיינען די ביבליש־טאַלמודישע נעמען, וואָס זיינען טכילעס אויך אויפגעקומען לויט אַסאָציאַציע און לויט געוויסע כאַראַקטעריסטישע אייגנקייטן, אַשטייגער:

---

[1]) „רעב יאָסע לעמעשקע (אזא צונעמעניש האָט ער געהאט אין קאַסרילעווקע) איז געלעגן אַפּ דער קאַנאַפּע און האָט געכראָפּעט („צוויי שאַלאַכמאָנעסן", ש"א).

[2]) זעט ד"ר ש. ווייסנבערג. די צונעמענישן פון ייִדן אין יעליסאַוועטגראַדער קרייז, לאַנדוי־בוך, ווילנע, 1926.

אגעפּ שוין א פּאָר פּראָטים צו דער גענעטיק פון פאַמיליע־נעמען.

א) מ א ט ר אָ נ י מ י ק. — מאַטראָנימיק איז, אייגנטלעך, א ספּעציפיש־ייִדישע דערשיינונג פון דער צייט, ווען די ייִדישע פרוי איז געווען די פאַרנאָסע־געבערן אין דער פאַמיליע און אַלץ איז געגאַנגען אַפּ איר נאָמען. פונדאַנען—סאָסיס, ריווקין, כאַסין, ציטלין, דאָבין א. אז. וו. „מענדל ברײַנעס (קיין פאַמיליע־נאָמען איז נאָך דעמאָלט ניט געווען) איז געווען א יוישעוו־אויהעל... אין כיידער פלעג מען אים רופן מענדל שוויטע, אז ער האָט כאַסענע געהאַט, איז די אַפּיניע ווייכער געוואָרן און ער פלעג שוין הייסן: „מענדל טאַמ". ערשט דערנאָך, אז ער איז אַראָפּ פון קעסט, געוואָרן א באַלעבאָס פאַר זיך, און ברײַנע זיין ווייב האָט זיך געמאַכט א שפּײַז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד", האָט מען אים געקרוינט „מענדל ברײַנעס" (י. ל. פּערעצ. „מענדל ברײַנעס").

ב) באַשעפטיקונג. פאַמיליעס, וואָס זיינען געוויס אויפגעקומען לויט באַשעפטיקונג: גלעזער, פישער, ספּיוואַק (אוקר. זינגער), פאַרבער, קרופּניק (גריץ־מאַכער), שויכעט, שניידער, שאַמעס, רעזניק, קאַטליער, מילנער, שקליאַר (אוקר. גלעזער) א. א.

„מעסושעלעכ האָט מען אים א נאָמען געגעבן דערפאר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, ניט געהאט שוין קיין איין צאָן אין מויל, אכוץ צוויי־דריי פענקעס, וואָס מיט זיי פלעג ער קאם מיט צאָרעס קייען, אבי ס'איז נאָר געווען וואָס [1]).

אָדער אזא דיכטעריש־אָנגעקוואָלענע אסאָציאציע פאר „נעמען" (האָפשטיין):

ווי קליינע וועלפעלעכ זיכ שפילן מיינע קינדער,
ווי קליינע וועלפעלעכ נאָכביידע.
דער עלטסטער שאמיי הייסט, —
אזוי געהייסן האָט מיין זיידע
אין טויבן שטעטעלע א זאָקן א האלב בלינדער,
און הילעל הייסט דער צווייטער...
אָב אנדער נאָמען האָט געוואָרט
אף שטאפל נאָענטן פון שאָטנדיקן לייטער,
נאָר איכ פון מיט פון וועלט פון ברייטער,
פון זודיקן געווימל,
כ'האָב פלוצים דאָרט דערזען,
ווי ס'שוועבט דער הויכ פון צארטע יאָרן מיינע
דאָרט איבער אלטן נעסטן־שימל —
און שאמיי איינער הייסט,
און הילעל הייסט דער צווייטער...

און אָט לייענען מיר אקאָרשט:

אלט איז ער 90 יאָר, א קרעפּטיקער זאָקן מיט פארב אין די באקן, מיט אלע ציין אין מויל. אין קאָלאָניע רופט מען אים „אווראָם אָווינו". א האלבע קאָלאָניע אייניקלעכ, דריי ווייבער געהאט, פארמאָגט א מיזינקע א 20־יאָריקע און איצט רעדט מען אים נאָכ שידוכים. — איכ בין, כאווער, באליידיקט אפן קאָלווירט. צוויי מאָל דערלאנגט און צוויי מאָל מיר אָפגעזאָגט...[2])

ג) דאָס סימוואָליש־באצייכענענדיקע און כאראקטעריזירנדיקע לויט אָביעקטן פון ארום:

א שוועבעלע (צינדט זיכ גיכ אָן [3])) א דעמב (שטארק, פעסט), א סאָסנע (שטאלטנע), א בעהיימע, א לעמעלע, א שלאנג א. אז. וו.

ד) לאָשן סאגענאָער (איבערהויפּט מיט איראָניזירנדיקן ניואנס).

„איי ביסטו א כאָכעמ! איינ קלוגן האָט קריוועאָזער פארמאָגט, האָט זי אים אויכ אָפּגעשיקט" (מ. אלבערטאָן. בירא־בידזשאן).

באלטאכלעס (צונעמען פון א גרויסן אויסברענגער): באלטאכלעס מיינער! א קאָפּמענטש, א מע־לאמעד, א גאָלדשפינער.

ה) פיגוראלקייט אלס קינסטלערישע קאטעגאָריע אָדער אלס סיסטעם פון קינסטלערישע קאטעגאָריעס, וואָס בייט זיכ און באנייט זיכ.

אין די אויבנגעבראכטע ביישפּילן צום סטיליסטיש־פיגוראלן „פריער און איצט" האָבן מיר, אשטייגער:

א) פאָעטיש־מעטאפערישע באשטימונג (עפּיטעט, — מיר קערן זיכ אום דערצו ווייטער ספּעציעל) —

---

[1]) שאָלעם־אלייכעמ. „מעסושעלעכ".
[2]) די דורכויס קאָלעקטיוויזירטע גאָרקע. „שטערנ" 16/IV, 31.
[3]) „א קליין ווייבל מיט שווארצע אייגעלעכ, וואָס הייסן הייסט זי פערעלע, און רופן רופט מען זי שוועבעלע", דערפאר, וואָס זי צינדט זיכ גיכ אָן און ווערט באלד פארלאָשן — פונקט דער הייפעכ פון איר מאן, וואָס מע רופט אים „שוין איינמאָל מוישע" (ש"א).

דער „אָפּגעטויוולטער, אָפּגעצוואָגענער וואלד“, „די טײַערע, גילדענע מעכוטענעסטע“ א. אז. וו.

„ווײַסער, פרישער קאָפּ“, „הייסער ביסן“ א. א.

„זון, וואָס גיסט זיך אָן, וואָס צײַטיקט און וואָס ב[illegible]יענט“.

ב) פארגלײַכונג (מיר באטראכטן עס ווײַטער גענויער) —

דער וואלד איז געשטאנען, ווי א כאָסן-באָכער, אָנגעטון אין זײַן נײַער גרינער זשיפּעצע, ערשט פון דער נאָדל, געשײַנט און געלויכטן, ווי דער ליכטיקער מאָרגן־שטערן...“

„אלעביימער שטייען, ווי גוילעמס, און קוקן...“

ג) מעטאפערישקײַט ביקלאל. (דאָס אסאָציִאטיוו־פיגורעלע אריבערטראָגן וואָס־ניט־איז כאראקטעריסטישעס פון איין דערשײַנונג אף א צווייטער. קלאָר, אז סײַ דער עפּיטעט, סײַ די פארגלײַכונג זײַנען אין עצעם מעטאפעריש).

„גראָזן ווייסן דאָ אויך ניט קיין גרענעץ, זיי רײַסן זיך דורך צווישן דעם פון אייביק אײַנגעוואלגערטן פוילעכץ, כורווע־ביימער קלעטערן אף די געקאָרטשעטע קאָרעס פון שווארצע בערעזעס און גליטשן זיך איבער שטאמענע פון די סאמעטענע און קאָרעק־ביימער...“

„די הייסע ביסן פון דער זון האָבן זיך שוין אָפּגעקילט...“

א בוילעטן אויסדרוק באקומט די מעטאפער אין דער

ד) פּערזאָניפיצירונג. נאטור־דערשײַנונג און אומבאלעבטס נעמט מען אוף, ווי א לעבעדיק ווען.

דער גאנצער אויבנגעבראכטער פראגמענט מענדעלעס פון וואלד איז פּערזאָניפיצירונג. און אין דעם פראגמענס אלבערטאָנס —

„אזוינס האָבן זיי נאָך ניט געזעען (די ביימער), זינט זיי לעבן“.

„איך שטעל זיך פאָר, ווי די ביימער זײַנען נישטוימעם געוואָרן, ווען זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערהערט:

שרו־שרו! שרו־שרו!“

דאָס מעטאפערישע קען גאָר פארברייטערט און אנטוויקלט ווערן, קען ביטנײַ שילדערן א געוויסן מיין, אידיי, אלעגאָריזירן (אנדערש זאָגן און ווײַזן) עפּעס, קעדיי עס העלער, עקספּרעסיווער מאכן. ס'איז די דערשײַנונג פון

ה) אלעגאָריע. מיר האָבן עס באזונדערס ברייט פארטראָטן אין דער פריִערדיקער ליטעראטור (מאָשל, מײַסע).

„אָט, לעמאָשל, וואקסט א בוים, א דעמב אין וואלד, קומט צו גיין א נעפעש מיט א האק, נעמט אָפּ א צווײַג — וואָס איז דער בוים אָן די צווײַגן, משטיינס געזאָגט? נעם שוין בעסער, דו בענאָדעם, און האק אונטער דעם בוים אינגאנצן — און אן עק זאָל עס האָבן — צו וואָס זאָל סטארטשען א באקעטער דעמב אין וואלד?!“ [1]).

„ברענג איך איר א מאָשל מיט א הון א קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאטשקעלעך, די קאטשקעלעך האָבן זיך נאָר וואָס אופגעכאפּט אף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אפן וואסער, און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט... וואָס, זאָג איך, ווּעסטו זאָגן, זאָג איך, דערוף, טאָכטער־לעבן? — וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערוף זאָגן? ס'איז אוואדע א ראכמאָנעס, זאָגט זי, אף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלן די קאטשקעלעך ניט שווימען?..“ [2]).

---

[1]) ש. א. טעוויע דער מילכיקער. כאווע.

[2]) „ „ „ „ האָדל.

„אַף אַ פולן טײַך אַ פרילינגדיקן, וואָס דאָס אײַז איז פון אים נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען, זײַנען אַפן וואַסער, אַף זײַן אויבערפלאַך אַ פּאָר נאָך שטיקער געבליבן. איינע אַ גרויסע, די אַנדערע אַ קלענערע, זײַנען זיי איינס לעבן אַנדער געשוואומען, אַפן וואַסער און אַפן טײַך, אַפן אָפּגעריייניקטן און שוין איבערגעקומענעם...

...— אײַז־שטיק, לאָמיר זיך אין ווינטער דערמאָנען.

— נאָך וואָס, אײַז־שטיקעלע?

— באַלד ווערט אונדזער טײַך אין יאַם אַרײַנבערענגען, — אַ פולן און אַ פרײַען, אַף גרויסן און אַף גליקלעכן, אַף נײַעם און אַלץ באַנײַטן, לאָמיר־זשע כאָטש הײַנט און צום לעצט אין אײַז און אין אונדז, אין פאַרפרוירענעם און געוועזענעם, געדענקען.

— און? —

— דערצייל פון ווינטער.

... גראָב און ביזן גרונט אַראָפּ — האָט די גרויסע דערציילט — איז דאָס אײַז פון דעם אָרט, ווו איך בין געלעגן, געווען. געשמידט און ניט אונטערגעבראָכן, האָבן מיר אַ געוואַלטיקע גרייס און שעטעך פאַרנומען, אײַז און מעמשאָלע האָט אַם יענעם אָרט דאָרט געהערשט, און קיין ליפּטל פונויבן, קיין מילדס און קיין ליבס, קיין פרעמדס און קיין געבעטנס, קיין אייבערשטס און קיין ליכטיקס. זײַנען מיר אַזוי אַ לאַנגן ווינטער פעסט און געשלאָסן אין די קורצע טעג און אין די לאַנגע נעכט אָפּגעלעגן, קיינס, וואָס ניט קיין אײַזיקס, איז אין אונדזער גרענעץ ניט געקומען, פון קיינעם, אויב נישט פון אונדזערן, איז קיין זייכער ניט געווען, פרעסט און קעלטן האָבן אונדזערע אַרײַנגאַנגען געהיט, ווינטן און זאַווערוכעס האָבן אונדזערע באַפעלן געהערט.

... האָבן מיר אין אונדזער וואַסער־שטאַם און פונוואַנען מיר קומען אַרויס פאַרגעסן, האָבן מיר געדינט און געטרײַ געדינט...

... און נאָר די פיש און פישלעך האָבן אונדז פון צײַט צו צײַט אין וואַסער און אין לעבן דערמאָנט.

פלעגן זיי אַמאָל קומען צו אונדז, אָט די רירעוודיקע קליינע, פון דער ווײַט און אומשווימען, פון לעבן און באַוועגן זיך, פלעגן זיי דורכלויפן, אַמאָל זיך אַ שטעל טון, דאָ און דאָרט מיט די פיסקעלעך אונדזער אײַז אַ פּרוּוו טון, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן, האָבן זיי אונדז קאַלט און, ווי טאָמיד אײַזיק, און ווי אַלע מאָל געפונען, האָבן זיי זיך אין אונדז ווי מעיאַעש געווען, האָבן זיי אונדז פאַרלאָזט, און ווײַטער, און מיט די עקלעך אַף פּרוּוון און אַף גאָרנישט מאַכן אַוועקגעשווומען.

אַזוי איין מאָל און אַסאַך מאָל, ביזן לעצטן מאָל און צום לעצטן: איז צו אונדז דאַן אַ פישעלע צו שווימען געקומען און מיט אימפּעט, און אַף גיך, און בעסאָד און ווי ערגעץ ווײַטער אײַלנדיק, אַ זאָג געטון:

— אײַז־שטיקער, שטילער!

— וואָס אַזוינס, פישעלע?

— אַ פּסורע!

— זאָג, זאָג!

— דער ווינטער איז אויס!

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— פון אַ לאָך און אין טײַך אַן אויסגעהאַקטער — — —

(פון ניסטערס „אַף די וואַסערן״)

מיר מערקן דאָ ניט אָן אַלע פּראָטים פון פיגוראַל־עקספּרעסיוון. גענויער וועלן מיר עס נאָך טון באַם באַהאַנדלען אין אַ קומענדיקער אַרבעט די פּראָבלעם פון אַרבעט אַף ליטעראַטור. מיר האָבן איצט געוואָלט נאָר אין אַלגעמיין באַרירן אייניקע וויכטיקע דערשײַנונגען אַזוינע. אין די פאָלגנדיקע פּאָר קאַפּיטלען וועלן מיר זיך פאַרהאַלטן ספּעציעל אַף די דערשײַנונגען פון פאַרגלײַכונג און עפּיטעט.

4

מיר ברענגען איצט א רײ אלגעמײנע אופגעבונגען, װאָס דארפן אָנ־שטעלן אפ באנעמען, װאָס סע הײסט דירעקט און װאָס סע הײסט פיגוראל אין רײד.

1) אָנװײַזן קאטאכרעזע־דערשײַנונגען אין רײד.

2) צונויפשטעלן אויסדרוקן, װו די פאָלגנדע װערטער זאָלן קומען דירעקט און פיגוראל:

שמײכלען, שטײנערנער, הײס, נידעריק, װעג, פונק, קערן, קײט, װוקס, טיפער, ברענען, לויפן אופגאנג, שטראל.

3) קלאָר מאכן דאָס פיגוראלע אין פאָלגנדיקע װערטער און אויסדרוקן:

רעדלפירער, קאצנקאָפ, צונויפלי, „שער" (ריס צװישן פרײַזן אפ דאָרפישע און שטאָטישע פראָ־דוקטן), דרײַעק (אפ דער אונטערנעמונג), דעריאָגן און אריבעריאָגן, מיטן פאָנעם צום דאָרפ (שטעטל), פינגערהוט, עקהוט (наконечник), האמער און סערפ.

4) דערקלערן װערטער און רײדארטן מיט זײער דירעקטן און פיגוראלן באטײַט. אײַנשטעלן זײ לויט די לעבנ־אָפשניטן, פונװאנען זײ נעמען זיך.

בלײַערנער פויגל. א שארפער צונג. אופבלי פון שול. ניט פויגלדיק. בלײַערנע ארמײ. די צײַט פליט. אָפהאקן די פליגל. קעלבערנע היספײַלעס. א פרײַער פויגל. א גאָלדענע צײַט. האלטן הויך די פאָן. דרײען מיטן עק. זאלצן אפ די װונדן. בלוט מיט מילך. מיטן קאָפ אראָפ. די אויגן קריכן פון קאָפ. װו די אויגן טראָגן. איבערקערן בערג. א פינפטע ראָד צום װאָגן. זיך שניצן און מאָלן. סע מעג דונערן און בליצן. װערן ברײטער װי לענגער. אָנציִען די סטרונע. ארופירן אפן פײַער. ארײַנלײגן אין מויל. קײַען קלאָטשע. גײן אין שפאן. צװײ קעץ אין אײן זאק. אָן א גאל. זיצן אפ שפילקעס. טויט אָדער רויט. געקאָװעט אפ אלע פיר.

5) באטראכטן די שפריכװערטער לויט זײער באטײַט נאָך. ברענגען נאָך אזוינע מוסטערן.

נויט ברעכט אײַזן. א לעכעריקן זאק קען מען ניט אָנשטאָפן. געבראָטענע טויבן פליִען ניט אין מויל ארײַן. א קו איז איבערן דאך געפלויגן און האָט אן אײ פארלוירן. אז א קו װערט אין קאס, גיט זי א בריקע אין דיניצע. דער הונט איז װערט דעם שטעקן.

6) דערקלערן דאָס סימװאָליש־באצײכענענדיקע. ברענגען נאָך אזוינע בײַשפילן.

א דעמב. א טאָפאָל. יונגװאלד.

א גאָלד. אן אײַזן.

א דימענט. א שטײן.

א לײב. א פוקס. א מאלפע. א בער (א קער װי א בער). א בופלאָקס. א האָז. א שלאנג. א װעװע־ריק („א װעװעריקל א קלײנס, א פארזעעניש,—ש. א.). א װיזעלע (ласка, װי װעװעריק).

א כאזער. אן אײזל. א ציג. אן אָקס. א לעמעלע.

א טויב. א פערטל אָפ. אן אָדלער (א „בארג־אָדלער" — סטאלין װעגן לענינען).

א העכט. א שנעק. א פיאװוקע.

א װאנץ.

7) באטראכטן די בײַשפילן לויט זײער איראָניזירנדיקן ניואנס. ברענגען נאָך בײַשפילן.

א קװיט. א קנאקער. א היץ אין „פאראָװאָז" (אין טראקטער). קלאָץ. לאָקש. אויסגעקאָלנערט. דאמסקי מעבל־שנײַדער (אָן באשטימטער ארבעט, פארנעמט זיך ניט מיט זײַן פראָפעסיע [1]). א טראָגמעכ (א פאָרטפעל, אָנגעשטעלטער מיט א פאָרטפעל, אָפט איראָניש: „אָ, ער טראָגט שוין א טראָגמעכ" [2]).

---

[1]) בעלאָצערקווע. [2]) בערדיטשעװ.

8) ברענגט נײַע נעמען, וואָס די רעוואָלוציע האָט מיטגעבראַכט (נינעל, קימע, מאיא). דערקלערט זיי.

9) שטעלט זיך פֿאָר די אומשטענדן און אייגנקײַטן, וואָס האָבן אַמאָל געקענט מיטברענגען צו אַזוינע פֿאַמיליע־נעמען:

געלער, פֿיש [1], רויטער, פוקס, קאָזאַק [2], ווײַסער.

10) דאָס עקסל איז געווען אַ בורעס מיט אַ גרויסן קאָפּ און מיט אַ ברייטער מאָרדע. וואָוועס האָט גע־שריִען, אַז דעם אָקס מאָרדע איז ענלעך אפֿן פּאָרעצ דאָבראָוואָלסקיס מאָרדע, און האָט דעריבער געהייסן דאָס אָנרופֿן מיטן נאָמען:

„פּאַן וולאַדימיר כאַריטאָנאָוויטש דאָבראָוואָלסקי"

גיב נאָר אַ טאַנצ, פּאָרעצ! נו, גיב אַ הייב די פּיסלעך — האָט ער געשריִען. געכאַפּט אַרום האַלדז, אַוועקגעלייגט דאָס עקסל און געשריִען:

— האַ, איצט ליגסטו בײַ מיר אין די הענט, פּאָרעצל, דרייסט מיט דער מאָרדע (גאָרדאָן „ווילדגראָז").

ברענגט אויך אַזוינע בײַשפּילן פֿון אַרום:

11) „אַ גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופֿן די פֿראַגע וועגן אַ נײַעם נאָמען פֿאַרן יִשוב, עס האָט זיך געוואָלט אַ שיינעם און אַ אינהאַלטלעכן נאָמען. און עס ווערט פֿאָרגעלייגט אַ גאַנצע ריי נעמען. כאַפּט זיך אָן דער אוילעם פֿאַרן נאָמען „וואַלדהיים"—אָט דאָס איז גוט, אָט דאָס איז דאָס, וואָס מע דאַרף. זאָלן וויסן אונדזערע קינדער, און די קינדס־קינדער, וויאַזוי מיר זײַנען געקומען אין ווילדן וואַלד, וווּ מיר האָבן זיך געמאַטערט, דעם ווילדן וואַלד בײַגעקומען און אַ היים זיך דאָ געשאַפֿן.—„וואַלדהיים" זאָל זײַן דער נאָמען פֿון אונדזער נײַעם דאָרף. אַ היים אין וואַלד האָבן מיר זיך געבויט, און דעריבער זאָל זײַן דער נאָמען „וואַלדהיים". דער זײַן אַזוי דער נאָמען. אין בײַ אַלגעמיינער צושטימונג ווערט אָנגענומען דער נאָמען „וואַלדהיים". דער אוילעם איז צופֿרידן—אַ גוטער נאָמען, און צופֿרידענע הערט מען אויס די באַגריסונגען, וואָס דער נײַער דאָרפֿראַט האָט באַקומען..." [3]).

צי האָט איר געהערט פֿון אַזוינע יִדישע יִשוּווים ווי „פֿרײַלינג", „פֿרײַלאַנד" „ניט געדײַגעט"?

פֿאַרצייכנט נאָך אַזוינע.

12) פֿאַרצייכנט פֿיגוראַלע אָנרופֿן פֿון שטאָט־פּלעצער, שטאָט־טיילן, גאַסן.

13) גלײַך ווי עס הייבט אָן גיין אַ רייד וועגן בעהיימעס, מישט זיך אַרײַן נאָטע. ער איז אין קאָלאָניע פֿאַרוואַלטער פֿון דער שטאַל, און רופֿן רופֿט ער זיך דאָ טעוויע דער מילכיקער. ער וויל ניט אַנדערש נאָטע, אַז עמעצער פֿון אונדזערע שרײַבער זאָל וועגן אים אָנשרײַבן אַ בוך פּונקט ווי פֿון יענעם טעוויע דעם מילכיקן. יענער טעוויע—זאָגט ער,—האָט צוגעשטעלט מילך אָפּ דאַטשעס פֿאַר נגידים, פֿאַר בלוט־זויגערס, און ער, נאָטע, שטעלט צו יעדן טאָג באַקן מיט מילך פֿאַר דאָנבאַסער קוילנגרעבער, פֿאַר די אַרבעטער און שלאָגלער פֿונעם סטאַלינער זאַוואָד, און ער, נאָטע, איז אויך אַ שלאָגלער...

די אַרבעט זײַנע טוט ער, נאָטע, גיך און זינגעוודיק... קיין גאַנצע לידלעך געדענקט ער ניט, זאָגט ער שטיקלעך פֿון לאָזונגען, וואָס הענגען אָפּ די ווענט. אָט זאָגט ער אויס אַ לאָזונג אפֿן מאָטיוו פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל:

„ווילט איר האָבן אַ קו אַ שיינע
גיט די קעלבלעך מילך נאָר ריינע"

---

[1]) אַ כאַראַקטעריסטישער צונאָמען טולקאַ (אַ קליין פֿישל). אַזוי האָט מען גערופֿן דעם דאָרנס זון פֿון אַ גראָבן פּאָטער. (פֿאַמיליע־נאָמען — פֿיש).

[2]) „ריזיקאַנט" (ש. ווײַסנבערג).

[3]) מ. ביינפעסט. בירעפעלד און וואַלדהיים. „עמעס" 7. 1930

נאָטע ווייסט זייער גוט אלע בעהיימעס, ער לעבט מיט זיי גוט, האָט א באזונדער שפּראך פאר זיי, און זיי פארשטייען אים גוט [1]).

ברענגט נאָך ביישפּילן פון ליטעראריש־געשטאלטלעכער סימוואָליזירונג.

14) אופזוכן ביישפּילן פון פיגוראלקייט אין ליטעראטור (מעטאפערישקייט, פּערזאָניפיצירונג, אלעגאָריע א. א.).

15) ברענגען אייגענע ביישפּילן אף פיגוראלקייט.

XII. פארגלייכונג

1

פארגלייכונג איז פון די פארשפּרייטסטע און פּרוכפּערדיקסטע פיגוראלע שפּראך־מיטלען אין לעבן און אין ליטעראטור.

פארגלייכונג באנעמט מען ווי אן ארט מעטאפער. איןביידע פאלן קומט דאָס פיגוראלע אופ באם קעגנשטעלן פאראלעל א דערשיינונג מיט א כאראקטעריסטישער פאָרשטעלונג, וואָס אסאָציירט זיך מיט אָט־דער דערשיינונג אָדער וואָס ווידערשפּרעכט איר. ניט מער מעטאפער, האָט מען פון קעסיידער אָן געהאלטן, איז „איינגלידיקער פאראלעליזם" (וועסעלאָווסקי [2])), און פארגלייכונג איז „צווייגלידיקער פאראלעליזם" (קורצע פארגלייכונג) אָדער „מערגלידיקער „פאראלעליזם" (ברייטע פאנאנדערגעוויקלטע פארגלייכונג). אגעפ, איז אויך אָט דער פאָרמעלער מאָמענט טיילמאָל קיין סימען ניט דאן, ווען די פארגלייכונג האָט די טענדענץ צו קירצער ווערן, „איינגלידיק" און ריין־מעטאפעריש צו אויסגעדריקט ווערן, ווי מיר וועלן עס זען אף עייניקע וויטערדיקע ביישפּילן.

אין פריערדיקן קאפּיטל האָבן מיר אָנגעוויזן דערופ, אז רייד־ארט און ארט רייד, ווי עקספּרעסיע אין שפּראך, זיינען איבערהויפּט באדינגט ניט בלויז פון צייט־מעשעך און סיטואציע, נאָר פון דער עצעם אידיי און פון אויסדרוק אין דעם פארשיידענעם סאָציאל־קלאסעווען ארום, פונוואנען דאָס וואָרט קומט און קומט אופ. מע קען עס, געוויינלעך, זען אויך אף פארגלייכונג: „ס'איז ניטאָ עפּשער נאָך אזא רייד־ארט, ווו ס'זאָל קלאָרער זיך ארויסבאווייזן די שייכעס פון שפּראך מיט א באשטימטער סוויווע, ווי פארגלייכונג [3]")". עמעס, פיל דארפ מען דאָ נאָך פעסטשטעלן. איבערהויפּט איז עס ניט אלע מאָל אזוי בולעט לעגאבע יידיש, אשטייגער, ווו ס'האָט זיך פון פריער אָפּגערופן א וויניקער דיפערענצירטער „דאָזיין".

מירן איצט מיטיילן עייניקע אכטגעבונגען אף פארגלייכונג.

---

[1]) ע. גאָרדאָן, סאָציאליזם אין סטעפּ, „עמעס".

[2]) Веселовский. Собрание сочинений. т. I.

[3]) פארשטייט זיך, אז דאָ ווי ביקלאל איז „די אָפּשפּיגלונג (געזעלשאפטלעכער באוווסזיין—ס.) אנערעך א ריכטיקע קאָפּיע פונעם אָפּגעשפּיגלטן (געזעלשאפטלעך זיין—ס.), אָבער וועגן אידענטישקייט איז דאָ ווילד (нелепо) צו „רעדן". (לענין).

2

מיט פארגלייַכונג איז פול די געוויינלעכע טאָגטעגלעכע רייד. די פארגלייַכונג איז דאָ איבערהויפט איינפאכ, זעלטענער אויסדריקלעכ אונ פארביק, ווייַל ס׳קומט דאָ פאָר צו פארגלייַכנ דעמ גוט באקאנטנ, קעסיידערדיקנ, אומגאנג, אונ די פארגלייַכונג ווערט דערצו סראָוומאָל א באשטענדיקע, א סטאבילע. אָט זייַנע גרופעס אזוינע פארגלייַכונגענ.

1. גרינ ווי גראָז
דינ ווי א שטרוי
רויט ווי בורעק
גרויס ווי אנ ארבעס
געל ווי מער
האקט ווי אינ קרויט אריינ
ביטער ווי כריינ
טרייסלט זיכ ווי א בלאט.

2. גרוי ווי א טויב
געטריי ווי א הונט
גרויס ווי א הונט זיצנדיק
שפרינגט ווי א ציג
סאָפעט ווי א גאנדז
בלאָזט זיכ ווי אנ אינדיק
האָרעוועט ווי א פערד, ווי אנ אייזל.

3. שווארצ ווי קויל
שווארצ ווי א האָלעוועשקע
אָנצינדנ זיכ ווי א שוועבעלע
דאר ווי א שפענדל
ווארעמ ווי אינ אויער.

פיל פארגלייַכונגענ אזוינע זייַנענ טכילעס אופגעקומענ לויטנ קריטערי „דער שוסטער רעדט פונ דער קאָפּעטע, דער בעקער רעדט פונ דער לאָפּעטע", וואָס ווערט איליוסטרירט אינ אזא וויציקנ בילדל[1]:

אינ וואגאָנ איז לעבעדיק. מענטשנ זיצנ מיט פריילעכע פּענעמער. מע שמועסט, מע לאכט. דאָס פאָרנ ארבעטער צוריק אהיימ פונ קוראָרט.

— זייט איר, כאווער, עפּעס צופרידנ מיטנ קוראָרט?

— אָט ווי איר קוקט מיכ אָנ. פארנ אוועקפאָרנ בינ איכ געווענ דאר ווי א שפּאָנ, אונ איצט בינ איכ געוואָרנ ברייט ווי א קאָמאָד.

— איר זייט א סטאָליער? — האָט איינער געפרעגט.

— יע, פונוואנענ ווייסט איר?

— איכ בינ מעשאער.

— אונ איכ, — דערציילט א צווייטער, — האָב אויכ ניט שלעכט געמאכט. א גאנצנ יאָר האָב איכ, ביט פאר אייַכ גערעדט, געקרענקט, איכ בינ געוואָרנ דאר אונ שמאָל ווי א רייפ, אונ איצט — קוקט מיכ אָנ: געוואָרנ גראָב ווי א פאס.

— א באָנדער?

— ווי־זשע?

— אונ אז איר וואָלט מיכ אָנזענ פריִער, וואָלט איכ זיכ גאָר דערשראָקנ, — דערציילט א דריטער, — איכ האָב געליטנ, ביט פאר אייַכ גערעדט, אפנ מאָגנ. עס האָט מיכ קעסיידער געשאָבנ די קישקעס, בינ איכ געוואָרנ געל אונ גרינ, ווי זאָל איכ אייַכ זאָגנ, אָט פונקט ווי א „פּאָסאדקע", אונ איצט, אדאנק דעמ קוראָרט, בינ איכ געוואָרנ גראָב ווי אנ אויווג.

— א מולער?

— פונקט ווי איר זאָלט מיכ קענענ[2])

---

[1]) מינסקער צייַטונג „אָקטיאבער" 1927 נומ. 19. די פארגלייַכונגענ האָב איכ אונטערגעשטראָכנ.

[2]) ס׳א וויציק בילדל. מיר דערמאנענ נאָכאמאָל, אז אינ „אלגעמיינ מערקט מענ זעלטנ די אומיטל־בארע ווירקונג פונ דער עקאָנאָמיק אפ קונסט אונ אפ אנדערע אידעאָלאָגיעס. מייסטנס ווירקנ אנדערע

א באזונדער אכט זײַנען די קאָמיש־איראָנישע פארגלײַכונגען (זעט וועגנ דעם ווײַטער לעגאבע ליטערארישער פארגלײַכונג):

קלוג ווי דעמ ראָווס ציג.
גליקלעכ ווי די ראבע קאצ.
ער הערט אימ ווי דעמ קאָטער (טאָטער), ווי דעמ פאראיאָריקנ שניי.
עס פאסט אימ, ווי דעמ כאזער פאטשערקעס (א נאָזבאנד).
ס׳פאסט אימ, ווי א קו א זאָטל.
סע וועט אימ העלפנ ווי א טויטנ באנקעס.
ס׳וועט העלפנ ווי טילימ צו א געשווילעכצ.
א מייונ ווי א כאזער אפ הייונ.
א גלײַכעניש ווי א טאָרבע פלעקער.

3

אינ דער סיסטעמ ליטעראריש־קינסטלערישע פארגלײַכונגענ פונ פריִער רופט זיכ אָפ אלט־שטעטלשער אומגאנג, ייִדישלעכער, היימישלעכער פאָנ, וואָס דאָס באדינגט שוינ די געצאמטקײַט, באגרענעצטקײַט פונ דער פארגלײַכונג. אינ דעמ עלטערנ ליטעראטור־פעריִאָד איז עס טיילווײַז אָנשוילעכע פאקטישקײַט פונ דעמ מאסנ־פארגלײַכ.

איר ווילט אוואדע וויסנ וויאזוי זעט אויס קאסרילעווקע? שיינ אזוי ווי נאָלד און ווער שמועסט פונדערווײַטנ? פונדערווײַטנס כאפט דאָס דעמ אָנבליק פונ, וואָס זאָל איכ אײַכ אשטייגער, זאָגנ: פונ א סאָנישניק, וואָס איז געדיכט אָנגעזועצט מיט סעמעטשקעס אָדער פונ א לאָקשנ־ברעט מיט פארפל אסאכ. ווי אפ א טעלער ליגט פאר אײַכ די שטאָט, און איר קענט זי זעט פאר א מײַל מיט אלע אירע אנטיקלעכ. וואָרעמ די שטאָט גופע, פארשטייט איר מיכ, שטייט אפ א בארג, דאָס הייסט, אפ דער שטאָט האָט זיכ אָנגערוקט א בארג, און אונטערנ בארג שטייענ הײַזלעכ אסאכ, איינס אפ דאָס אנדערע, ווי קוואָרימ אפ אנ אלטנ בייסאלמעג, וויאלטע שווארצע אויסגעבויגענע מאצייוועס (שאָלעמ-אלייכעמ).

דידאָזיקע געוויינלעכ־שטייגערישע פארגלײַכארטיקײַט איז גאָר אָפט, פארשטייט זיכ, קאָנפעסיאָנעל און אבסטראקט־טראדיציאָנעל:

די שאָטנס פונ די ביימער ציִענ זיכ אויס לאנג, ווי דער ייִדישער גאָלעס (ש. א.).
פונ מויל האָט ער ארויסגעצויגנ אלערליי בענדער, לאנגע ווי דער גאָלעס (פערעצ).
ווארט ער מיסטאמ אפ דער כאסענע, ווי אפ מאָשיִעכנ (פערעצ).
דאָס פאָנעמ זײַנס שײַנט, גלײַכ די שכינע וואָלט דערופ גערוט (פערעצ).
א ברעקעלע ברויט ווי א קאזאיִס (מענדעלע).
דערדאָזיקער גײַסט זײַנער האָט אינעווייניק אינ אימ, ווי דער סאמבאטיענ, ניט גערוט (מענדעלע).
אפ א צווײַגל אינדערהייכ וויגט זיכ א סאָראָקע, אויסזעענדיק פונ דערווײַטנ, ווי אָנגעטונ אינ א ווײַס טאלעסל, מיט פאסנ טכיילעס פאָרנט (מענגרעלע).

„פאקטערנ״—פאָליטיק, פילאָסאפיע א. א.״, אָבער דערבײַ פארהיט דאָכ „דער עקאָנאָמישער פאקטער זײַנ פרעוואלירנדיקנ באטײַט... ער באשטימט די ווירקונג־מעגלעכקײַט און פארנעמ פונ אָט די אנדערע פאקטערנ״ (פלעכאנאָוו). שײַעכ איז עס דאָ אויכ צומ ווײַטערדיקנ מאטעריאל, וואָס מיר ברענגענ אפ פיגורעלקײַט.

מעשונע זיס שפּילן זיי, די פידל, ווי די טײַווע אליין, ווי דער יעצערהאָרע, ווען עס רינט אים האָניק פון מויל. (פּערעצ).

דער ניגון האָט זיך פּלוצים צעגאָסן, ווי א „נהר־די־נור‟ — א פײַער־פלאמענדיקער טײַך (פּערעצ).

„... און אפן וואסער האָבן געשווומען די ווײַסע גענדז, מיט די לאנגע ווײַסע העלדזער, וואָס וויגן זיך אפן וואסער אזוי רויק, אזוי שיין, ווי די נעשאָמעס אין גאן־איידן (פּערעצ).

אפ דעם שווארצן וועג צום בייסוילעם שטייען אלטע אָפּגעלעבטע טאָפּאָלן, ווי ווילדע לייצים, מיט אָפּגעהאקטע פיס און הענט, זיי שטייען, ווי גילגולים פון רוכעס.. (אש).

קלאָר, און סע פעלט דאָ אויך ניט אויס די פארגלײַך־האסאָגע מיט „מײלעך‟ אָדער „פרינצ‟:

שלאָפ איך אָפ קיין אײַנאָרע די נאכט, ווי א מײלעך, און אינדערפרי גיי איך מיר אין שול קיין אײַנאָרע, ווי א גראף (שאָלעמ־אליכעמ).

די וועלט ארום און האָט אויסגעזעען ווי א פרינצעסן, וואָס זיצט אין אירע יאָנטעוודיקע קליידער און טרויערט נאָך איר געליבטן, וואָס האָט זי פארלאָזט (אש).

צווישן פארגלײַך און בילד איז דאָ איבערהויפּט פאראן די אלט־שטייגערישע און היימישע אסאָציאַציע און האסאָגע, וואָס קומט אין געוויסער באשטענדיקער געזעצמעסיקײַט. דאָס היימיש־פאראלעלע איז דאָ אויך שײַעך אין פאל פון קאָמישער פארגלײַכונג, וואָס מיר טרעפן עס אָפט אין אונדזער קלאסיק. קאָמיזם פון פארגלײַכונג נעמט זיך ביקלאל פון פאָרן און פאסן ווײַטערע אסאָציאַציעס, פון צעשטערן דאָס געזעצמעסיק־פאראלעלע, פון אוטרירן צוליב קאָמישן עפעקט. אָבער מע נעמט דאָ ווידער איבערהויפּט די אומגאנג־דערשײַנונג, דאָס היימישלעך־שטעטלשע, דאָס שטוביקע און לעמ־שטוביקע:

א קאָל האָט ער געהאט ווי פון א פּאס, א קאָפּ איז אפ אים געזעסן, ווי א באקדײזשע, ער האָט א פּאָר לאנגע אויערן, א לאנגן האלדז, ווי א גאָנער (ש״א).

און די סאטיריש־איראָנישע מעליצע־פארגלײַכונג פורעמט מען דאָ לויט טאנאכיש־טאלמודישן נוסעך און אלטן טײַטש.

אָט שטייט דער גרויסער בינאָמין, וואָס ער איז ווי די זון ארויס פון זײַן געצעלט און פרייט זיך, ווי א גיבער, צו לויפן אין וועג מיט זײַן פּעקל אין האנט. ער איז שטארק ווי א לעמפערט, און גרינג, ווי אן אָדלער צו טון דעם ראָצן פון אונדזער פאָטער אין הימל (מענדעלע, „מאסאָעס‟).

ווי א אינד, וואָס גלוסט אף קוואלן וואסער, ווי א דורשטיקער אין דער מידבער, וואָס געפינט לעבעדיקע קוועלנדיקע וואסער, וואָס רינט אראָפּ פון שפּיץ סקאלע, אזוי האָט מײַן געלוסטיקע לײַב זיך געטון טון דערפרייען אפ סענדערלען, מײַן באשערטן, מײַן געטרײַען געזעלן (מענדעלע).

4

דאָס אלט־אומגאנגלעכע האלט נאָך אײַן אין זײַן גדעכעניש ווו־וועך אונדזער מאָדערנער קינסטלער. די אלטע פארגלײַכונג בליט דאָ פון ערגעץ־ווו ארויס, ווי א ווײַטער טעמפער אָפּהילך אין נײַעם באוווסטזײַן.

א דארער ייִד, א הויכער און א דינער, ווי א לולעוו.
גלײַכע ווײַסע בערעזעס, גלײַכע און אומעטיקע, ווי יאָרצײַט־ליכט.
זאָל די הויט פון איר לײַב ניט געווען זײַן אזוי צארט און טונקל,

וי מאַטער פאַרמעט פון אַ סייפער־טוירע. (אָרלאַנד. „הרעבליעס״)
אַפּן סטעפּ קען אַרויס אַ מעזיניק, וי באַם אַלטן טאַטן יִצחקן
ווענטלעך באַקן זיך וי מאַצע (מאַרקיש. „ניט געדייַגעט״).

פאַראַן פאַרגלייַכונגען, וואָס קומען מיט זייער אַלטן ייִכעס אין נייַסטן קונסט־וואָרט אַרייַן, וי אַפּ צו וויַזן, וי אייַנגעוואָזסן קען געוויסע „סקאַרבאָוועֿ״, נוסעכדיקע בילדלעכקייַט זייַן און וויאַזוי אַפּסנייַ קען דאָס אַלטע אין נייַעם מעגולגל ווערן, אין פאַרשיידנערליי ווערק.

בלויז אייניקע אַזוינע פאַרגלייַכונגען:

א) דער אָטעם איז רויק און שטיל און שמעקט, וי פ ר י ש ע ע פּ ל (פּערעצ).
וי אומ הארבסט א רייַפּער עפּל,
אַזוי שמעקט איר יונגער קערפּער (שוואַרצמאַן).

ווערטער שטייַפע און צאַרטע
פאַלן וי רייַפע עפּל (ש. ראָסינ).

ב) ער גייט אום, וי א פאַרדרייטע שעפּס (ווערטל)
אוי וויי צו מייַן לעבן,
אוי וויי צו מייַן וועלט.
עך בלאָנקע זיך אַרום,
וי אַ שעפּעלע אין פעלד.

אַפּ די ביידעמער זייַנען מיר געלעגן
אַזוי־וי די שאָפּ אין פעלד (פּ״ל).
א באַהעלפּער גייט און שלעפּט, וי א קאַצעוו אַפּ די פּלייצעס, צוויי יונגע שעפּעלעך, צוויי יונגע פּיצלעך קינדערלעך (מענדעלע).
פון קאַמע שאָנים שטיקט מען זיי צונויפּ אַלע אינייַנעמ אין אייַן אָרט, וי די שאָפּ (מענדעלע).

...דאָס איז טאַקע די קאַוואָנע פון „עשה לך רב״ צי „נתנה ראש״! אָרעמע שעפּעלעך, הייסט עס, זוכט אייַך אויס א פּאַסטעך, איר זאָלט ניט בלאָנדזען אַפּ טאָל און בערג און די כייַעס ראָעס זאָלן אייַך ניט אופּעסן: (פּערעצ „כסידיש״).
...„א נאַרישער דייַטש וועט אייַך זאָגן: כלם גנבים, אַלע גוטע ייִדן שפּילן קאָמעדיע און די כסידים זייַנען שאָפּ און רינדער, וואָס לאָזן זיך שערן, מעלקן און קוילען — ניט אייַנער זאָגט אַזוי״ (פּערעצ „כסידיש״).

און דער אייגענער ר׳ זישעלע האָט געפירט זייַן ראַבאָנעס — די קעהילע מיט דייַטשן, באַלעבאַטים, אַלערליי קיטעס כסידים, און באַלמעלאָכעס, טאַקע וי א גוטער פּאַסטעך פירט די שאָפּ. (פּערעצ).
א ייִדענע מיט אַג אַפּגעגאָלטן קאָפּ, וי א שעפּס (אש). טאַטעס מיט ייִנגלעך גייען צוריק פון שערער מיט אָפּגעגאָלטע קעפּלעך, וי די שעפּסן (אש).
נאַקעדיקע שפּיצן פון פאַרטריקנטע זומען קוקן פון וואַסער אַרויס, וי שטומע שעפּסענע קעפּלעך (ווייַסנבערג).

וי א שטילע שאָפּ צו רוען אַפּ באַנאַכט,
גענענען וועט דער טויט און אייַנשלאָפן מיט דיר (שוואַרצמאַן).
הייַזלעך נידעריקע, וי שעפּסן אונטער באַרג (כאַריק).
שטעטל, שטעטעלע...
און דייַנע הייַזלעך, וי אופגעוואַכטע שאָפּ
עפענען די קליַלעכדיקע אויגן
נאָך א שטילן זומערדיקן שלאָף (כאַריק).
גייען וואָלקנס אַפּ די בערג, וי שטענדיק,

שטילע וואָלקנס, ווי זאטע שאָפ (פעפער).
ערגעץ ליגט נאָך — א שאָפ א געבונדענע
אפ בראָך פון וועגן — מײַן הארץ (ש. ראָסין).

און די פוסגייער סאָלדאטן האָבן מיט אן אומעט אין די אויגן צום סאָלדאט אראָפּגעקוקט, מיט אן אומעט פון א סטאדע שאָפ, וואָס האָט אזוי לאנג געשלעפט זיך און איז מיד, מיד און וואָלט געוואָלט איצט די קני אונטערבויגן (גאָדינער, „מענטש מיט דער ביקס").

קליינע העלע וואָלקנדלעך, ווי טשערעדעס שאָפ (אָרלאנד).
שפינוועבס בלאָווער, ווי שאָפענע אָדערלעך (אָרלאנד).
אלע האָבן זיך אופגעכאפּט פון וואָגן ווי צעפּודעטע שאָפ
אויסגעצויגן די העלדזער („ווילדגראָז" גאָרדאָן).

הארבסטיקע ווינטן האָבן צונויפגעטריבן קלייניקע גרויע וואָלקנדלעך איניינעם,
ווי א פאסטעך טרײַבט צונויפּ זײַנע שאָפ, בעיס ער דארפ זיי טרײַבן צום טרינקען (גאָרדאָן).

ג) אלע זאנגען כאפּן זיך, ווי יונגע קינדער, אופ מיט א קאָל און צעקושן זיך גאָר פרײַנטלעך (מענדעלע).

א מיידל גיסט אויס איר הארץ, ציט זיך מיט דער נעשאָמע צו עפּעס א כאָסן, ווי א קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער שײַנענדיקער לעוואָנע (מענדעלע).

ער הייבט אופ די אויגן, דערלאנגט אפ מיר א בליק מיט אזא ראכמאָנעס פּענעמל, ווי א זייגנדיק קינד קוקט אפ דער מאמע בעשאס ער לעכצט נאָך דער ברוסט (מענדעלע).

ביימער און גראָז האָבן עפּעס זיס געשמייכלט איידער די גרויסע טרערן־טוי פון באנאכט זײַנען זיי נאָך נישט אויסגעטריקנט, אקוראט ווי קליינע קינדער צעלאכן זיך פּלוצים אין מיטן געוויין פון בלישטשענדיק צאצקעלע, בעשאס טרערן ווי די באָב שטייען זיי נאָך אין די אויגן (מענדעלע).

...עפּעס א קונדעס א פויגל שטיפט, פליט פון איין בוים צום צווייטן, מאכט „קוקו־קוקו", ווי ער שפילט זיך אין באהעלטעניש (מענדעלע).

עס שפּרודלט, ריזלט א ריין קלאָר וואסערל לעבעדיק שפּילנדיק ווי א קינד, דאָ באהאלטנדיק זיך ערגעץ צווישן געדיכט פארצווײַגטע ווערבעס דאָרט, דאָ א ווײַז געבנדיק זיך ווידער, האלטנדיק אין איין מאכן בול־בול־בול (מענדעלע).

אָט דער דאָדיז דער גוואר אז ער איז געשטאנען פארן אלטן לאָיעוו, איז אים געווען גיט צו דערקענען — קלענער פון א קינד, שטילער פון א שעפּעלע (ש"א).

דער הימל טריקנט די ערד מיט ליכטיקער ליבשאפט, ווי א מאמע ווישט אָפּ די בעקעלעך פון א פארוויינט קינד (אש) 1).

דער יונג האלט באם עק שטילעכל און קוקט מיט אזוינע אויגן, ווי א קינד, וואָס האָט זיך פארטראכט אין מיטן גאס מיטן בייגל אין דער האנט (ווײַסנבערג).

ווײַט־פארטראכטע וואָלקנדלעך קוקן אראָפּ מיט א שטילער אופמערקזאמקײַט, ווי קליינע באזונע קינדערלעך, וואָס גייען פארבײַ פאר עפּעס און פארטראכטן זיך (ווײַסנבערג).

אין די ראָוועס האָבן זיך דינע וואסערלעך געצויגן, און צינויפגעגאָסן זיך שטיל, מיט א פריילעך געשעפּטערײַ, און אונטערגעברומט האָט עס שטילערהייט, ווי מע שלעפּט קינדער אײַן.
(ווײַסנבערג).

גאָר אָט א לאָנקעלע — דעם אָטעם האלט ער אײַן,
ווי קליינע קינדער ארום א פולער מולטער (האָפשטיין).
באם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער (פעפער).

---

1) אגעפ. אש איז ביכלאל רײַך מיט פאמיליע־באלעבאטישער „טאטע־מאמעדיקער" פארגלײַכארטיקײַט, און גאָטס וועלטל איז בא אים „א ליבלעך הויזגעזינד, וואָס לעבט זיך אין שאָלעם, יעדער טוט דאָס זײַניקע". „דאָס שטעטל שלאָפט זיך געשמאק אונטער דער מאמעס פארטעך — די מענוכע פון שאבעס". „דער הימל קוקט מיט ליבשאפט, ווי א טאטע אפ זײַן הויזגעזינד" א. אז. וו.

אַף לוטשינקער בלאָטעס האָבן זיך ערשט צעפּיקעט די קראָן־קריגעלעך, ווײַסע, ציטעריקע קײַלעכלעך האָבן אַרויסגעקוקט פֿונעם געעפֿנטן גרינעם געבלעטער, ווי לײַנענע פּאָליעסישע קינדער וואָלטן אַהינצו אַרײַנגעלייגט זשמענעס ריינעם שניי (אָרלאַנד).

ער האָט מאַרקאָן דערזעען פֿאַר זײַנע פֿאַרמאַכטע אויגן — אַ נאַקעטע, אַ צאַפּלדיקע, איר ברוסטן־צווילינגל האָט זיך צעקוקט אין די זײַטן, ווי צוויי גאָלדענע קינדערשע קעפּלעך, וואָס זײַנען באַרויגעז געוואָרן אינמיטן זייער קינדערשער שפּיל („אָרלאַנד״).

די האַרמאָשקע איז אַ רויִקע געלעגן אויף פּעטראָס ברוסט, ווי ס'ליגט רויִק אַ שלאָפֿנדיק קינד. (גאָרדאָן „ווילדגראָז״).

5

אין פֿאָלקליד טרעפֿן מיר נאַטור־פֿאַרגלײַכונגען איבערהויפּט פֿון נאָענט־היימישן אַרום. באַדינגט איז עס פֿון שטעטלש־קנאַפּן „זע־פֿעלד״, פֿון נאַטור־מאַטעריעלער אָרעמקייט.

מירן לעבן ווי די פֿייגעלעך באַם וואַסער
און אַזוי ווי די ביימענן באַם ברעג טײַך.

און יעצט בין איך געבליבן אַ עלנטע יעסוימע,
עלנט ווי אַ פֿישעלע אין טײַך.

נאָר איך מיט מײַן ווײַבעלע
לעב איך, ווי די טײַבעלעך.

עלנט בין איך, ווי אַ ביימעלע,
ווי אַ בערגעלע בין איך קליין.

דײַנע אייגעלעך, ווי שוואַרצע קאַרשן,
דײַנע בעקעלעך ווי ראָזעווע בלומען,
און דײַנע הענטעלעך—קוילן שוואַרץ,
דײַנע הענטעלעך, ווי ווײַס־שניי געפֿאַלן—
אוי, ווי ס'ציט צו דיר מײַן האַרץ.

פֿיל עלטערע ליטעראַרישע פֿאַרגלײַכונגען דערמאָנען אָט די נאַטירלעך־אייגנפֿאַכע, אָבער מאַטעריעל־באַגרענעצטע פֿאָלקלידערשע פֿאַרגלײַכונגען. דער אומפֿאַנג־קרײַז איז דאָ, געוויינטלעך, פֿיל ברייטער, דאָס „זע־פֿעלד״—פֿאַרשיידנאַרטיקער. אַ פּאָר בײַשפּילן:

די סימכע האָט פֿון אים, זיכרוינע ליוראָכע, אַרויסגעשטראַלט ווי פֿון אַ זון און האָט באַשײַנט און באַגאָסן דעם גאַנצן אוילעם, ווי מיט אַ גאָלדן פֿײַערדיק ליכט (פּערעץ).

אָ, ווי מע האָט זיך געפֿרייט! עס האָט ווי פֿון אַ קוואַל געשלאָגן („).
אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד („).
און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט,
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען־ליפּן — רויזן צוויי,
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן (פּערעץ).
דאָס האַרץ וואַרפֿט זיך אין אים, ווי אַן איבערגעשראָקענער פֿויגל אין אַן ענגער שטײַג (פּערעץ).

איר געשטאַלט איז געגליכן צו אַ בוים פֿון דער ערד, און אַז זי האָט אַ ריר געטון מיט אירע הענט, זײַנען זיי געגליכן געווען, ווי די ליליען אין וואַסער, און אַז דער ווינט האָט אין אירע האָר געבלאָזן, זײַנען זיי געגליכן געווען צו די בלעטערדיקע צווײַגן פֿון דעם ווערבע־בוים (אש).

מע קען דעמדאָזיקן צעטל געוויינלעכע פֿאַרגרעסערן מיט די בײַשפּילן פֿון פֿאַרשיידענע עלטערע ליטעראַרישע מעקוירים.

אין דער ייִנגערער ליטעראַטור האָבן מיר אויך די אײנפאַכע נאַטור־פאַרגלײַכונג, זי איז דאָ אָבער מײסטנס אָנשוילעך־קאָנקרעט און „אימאַזשיניסטיש־קערנדיק"[1].

ווי קלײנע וועלפּעלעך זיך שפּילן מײַנע קינדער,
ווי קלײנע וועלפּעלעך נאָך בײדע (האָפשטײן).
בײמער, ווי בעהײמעס,
אײבן אויף די ברעמען
צו דעם בוהײַ, צו דער זון (קוויטקאָ).
אַך, געווען איז דער זון אַזאַ שטײַפער,
ווי לאָשעק, וואָס לויפט נאָכן וואָגן (כאַריק).
רעגנס, ווי פרײלעכע פּיקסעלעך,
שפּרינגען אַף שליאַכן פון טעג (פעפער).
שטערן, ווי זילבערנע בארן,
פאַלן אין קויש פון דער נאַכט (פעפער).

ביקלאַל אָבער איז אונדזער נײַ־ליטעראַרישער פאַרגלײַכיקער רײדאַרט העל און דרײסיק „ווי פרילינג אַף די הרעבליעס". אַנומלט האָט נאָך האַרצרײַסנדיק־עלעגיש ווידע געזאָגט דער באַזינגער פון „לעצטן באַלטפּילע" אײנהאָרן:

עס טוידען זיך ווערטער, ווי בלעטער, וואָס וועלקן און פאַלן פון בוים,
עס ציִען זיך פערזן נאָך פערזן, ווי בײטן מיט שפּעטיקע זאַנגען

. . . .

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן ווי עלנדע קינדער,
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף, ווי אַ שמײכל אַף גויסעסע ליפּן,
די טעג, וואָס דערשײַנען פאַרהילט, ווי זײ וואָלטן זיך שעמען צו זײַן.

באַהעפט זיך איצט די פרישע נאַטור־פאַרגלײַכונג ווי ביקלאַל די פאַרגלײַכונג[1]) פון דער מאָנטער־סאָוועטישער דיכטונג

... צום ליד,
וואָס טוט שוין שאַלן,
ווי טױזנט וואַסערפאַלן,
וואָס הימלען טרײסלען אויף (שוואַרצמאַן)[2].

קײן בײַשפּילן איז דאָ ניט שווער צו געפינען.

---

1) פריִער האָבן מיר עס געהאַט בײַ אַזאַ מאַסן־קינסטלער, ווי ווײַסנבערג, ווו דאָס הײמיש־אומגאַנג־לעכע פלעגן ניט זעלטן אַרויס באַזונדערס אָנשוילעך:
„יאָסעלע האָט אַ פּאָר גראָבע ליפּן אויסגעשטעלט, ווי אין הײסע קאַשע אַרײַנגצובלאָזן..."
„די מאַרק־געוועלבן זעען אויס, ווי פינצטערע אויסגעלאָשענע בעקערשע אויוונס..."
„הערשל מעלאַמעד לויפט מיטן דינן אויסגעצויגענעם העלדזל פאָרויס, מיטן אויסגעשטרעקטן קעפּל, די העבט אין די הינטערשטע קעשענעס, די דינע עלנבויגנס אויסגעשטעלט, ווי די פליגל בײַ אַ גאַנדז, וואָס גרײט זיך צום פליִען..."
2) די „פּאָנ"־פאַרגלײַכונג, אַשטײגער, וואָס איז שוין אַ „נוסעך" געוואָרן: מיט אָטענעס, ווי מיט פאָנען, און מיט פאָנען, ווי מיט פרילינג, און מיט פרילינג, ווי געראַנגל פאַר דער פרײַהײַט און פאַר ראַטן. (מאַרקיש).
עס רײַסט דאָס האַרץ און רעדט ווי טויזנט פאָנען,
ווי טויזנט פאָנען רירט זיך מײַן באַדאַרף (כאַריק).
ס'אַ פרישער הויך פון דער אַנומלטיקער בלוט־רויטער פאָנע אינעם עלטערן אַרבעט־ליד.
3) ס'ציט זיך דאָ דער „ליכטיקער פאָדעמ" פון דער באַוושאָווערישער אַשטײגער „נאַטור־סטיכישער" פאַרגלײַכונג:
איך קום, ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון
ווען עס הויבט אָן צו טאָגן,
איך קום, ווי אַ בײזער געוויטער פון בליץ און פון
דונער געטראָגן א. א. וו. א. א. וו.

6

די פארגלײַכונג פארוועבט, נעמט אָפּט דורכ די גאנצע שילדערונג, פאסט זיכ ארײַנ אינ איר גאנצנ קאָמפּאָזיציאָנעלנ געוועב, באדינגט די אייגנקײַטנ פונ געשילדערטע פּראָטימ און ווערט פונ זיי גופא באדינגט.

וועג פויערטעס געלאָדענע מיט מילכ־פולע קאנענ
פארלאָזנ ווינטער אינדערפרי די אָפּגעקילטע בעטנ
און לאָזנ זיכ אוועק צופוס אינ הויפּטשטאָט פונ אוקראינע.
דאמאָלט זעענ פויערישע שטיבלעכ אויס,
ווי לאדעשקעלעכ סמעטענע
פארגעסענע אינדרויסנ...
סע באגלייטנ קאניצנ
פונ נידעריקע פענצטערלעכ מיט אומעט,
סע באגלייט
דאָס דראָטיקע געזאנג פונ ווײַטע טעלעגראמענ,
און ס'ליגט דאָס דאָרפ אפ ליכטיקנ פאפּיר פונ שניי
צעלייגט אינגאנצנ,

ווי א פארקלערטער פּראָטאָקאָל מיט אונטערשריפטנ קרומע פונ א צעהיצטער פויערשער פארזאמלונג (מארקיש „כארקעוו“).

פונ קלוב פונ „דריטנ אינטערנאציאָנאל“,
פונ אָנגעגאָסענעמ מיט ליכט און ראש,
ווי א פארפלייצטער שטאָטישער וואָקזאל
מיט אלטע ווענט פארווייט אינ אש,
מיט פּאָנעמ הענגענדע, ווי רויטע אויערנ,—
פונ דאָרטנ לאָזנ זיכ יונגענ מיט פרייד אוועק
אפ צווייטער נאכטישער אשמורע
צומ „סערפ און האמער“ און צומ „וועק“.
טראָגנ זיכ די יונגענ איבער גאסנ, ווי טראנסמיסיעס,
און מישנ זיכ צונויפ מיט אנדערע מיט נאָכ,
און אלע בראָקנ זיכ ארײַנ אינ צעכנ פליסנדיק,
ווי שטיקער בראָכ,
אפ אויסשמעלצנ פונ לײַב און ביינ
א שטאָלענעמ, א נײַעמ דאָר (מארקיש „כארקעוו“).

טיילמאָל איז די פארגלײַכונג קלאל ניט קיינ איינצלנער פּאָעטישער פּראט, נאָר קעסיידערדיקער און די גאנצע צײַט נייטיקער שטאָפ און געוויסער שטאָפ פארנ געגעבענעמ ווערק און געגעבענעמ קינסטלער.

... רויק, ווי וואסער, וואָס פארטרינקט א קוילנגרוב, מיט די גראָבע ליפּנ געבולבעט...

...די עלעקטרישע פײַערלעכ האָבנ אויסגעזעענ, ווי שאכטיאָר־לעמפלעכ, וואָס פינקלענ אינ די הענט בא שאָכט־שאכטיאָרנ...

... טאָמיע, ווי זי זאָל זײַנ אָנגעמאגניטעוועט אפ א שטרעקע, איז אימ נאָכגעאנגענ.

... וועלכע איר ווילט באגײַסטערונג, פארשטאָפּטע מיט טעכנישער אָפּגעשטאנענקײַט, איז אקוראט ווי הויכע עלעקטרישע שפּאנונג, פארשטעלטע מיט א רעאָסטאט פונ גרויסנ ווידערשטאנד.

בא זשאָרזשענ זײַנענ צוויי ליפּנ גלאטע, ווי אָפּגעפּאָלירט פּאָרצעלײַ, און שטייענ צו ווי מאגניט.

(אלבערטאָנ, „שאכטעס“).

פלעגט אין דער שטיל וועבן זיך בא אים א געפיל, א געפיל א צארטס, א ציטעריקס, ווי די ערשטע וועב־פעדעמלעך בא א שפראצלינג.

די זון איז געגאנגען אפן פרילינגדיקן הימל און האָט אויסגעזעען, ווי א שטארק צעבליטע רויזנבלום.

דאָס גאָלד־שפּרינקלע פאלט ארויס פון אירע אויגן, ווי א טוי־טראָפנדל פאלט אראָפּ פון א בלעטל.

דער בלינדער פעטראָ האָט פאריסן די קאָפּ צום הימל, ווי ס'פארײַסט דעם קאָפּ אמאָל א פויער, ווען ער מאָנט שטארק פון הימל א רעגן.

אפ דער ערד האָבן זיך באוועגט קלײנינקע שווארצינקע פינטעלעך, ווי סע וואנדערן ארום שווארצע קראָען אין הארבסט אפ אופגעאקערטער ערד.

(ע. גאָרדאָן. „ווילדגראָז").

7

מע שײדט אונטער פרעפאָזיטיווע און פאָסטפאָזיטיווע פארגלײַכונג.

אין פרעפאָזיטיוון פאל קומט אפן ערשטן אָרט דער אומיטלבארער אײַנדרוק, די אײגנטלעכע פאָרשטעלונג־פארגלײַכונג, דערנאָך ערשט דער געגליכענער באטײַט, די דערשײַנונג גופא.

ווי זעגלשיפן שטײַפ פארצויגענע צו שטורעם —
אפ פלעצער שווימענ רויט ניטצענומענע טריבונעס (מארקיש).

אויב דער באטײַט, די עצעם דערשײַנונג גײט פריִער, דערנאָך ערשט קומט דאָס פארגלײַך־בילד, וואָס די דערשײַנונג ברענגט מיט, וועקט אופ און רופט ארויס, איז עס פאָסטפאָזיטיווע פארגלײַכונג.

אין דערהײך א פאָן, ווי אן אלטער דאמפער (מארקיש).

לעגאבע דעם בוי פון דער פארגלײַכונג שײדן מיר אונטער:

1) קורצע פארגלײַכונג, דאָס איז דער געוויינלעכער און פארשפרײטער ארט „צווײגלידיקער" פאראלעליזם:

יעדער וואָרט, ווי א שניט, יעדער קרעכץ, ווי א שווערד.

2) ברײטע פאנאנדערגעוויקלטע פארגלײַכונג — „מערגלידיקער פאראלעליזם":

א ייִדענע א ברײטבײַכיקע, א לאנגנאָזיקע, מיט א מויל אפ שרויפן, שטופט זיך אין טיר ארײַן, שטופנדיק פאָרויס פעקלעך מיט בעבעכעס, און באלד באם ארײַנשטופן זיך דערמיט, פאלט זי דערופ, אויסציִענדיק זיך ווי גרויס זי איז, סאָפּעט, מאכט מיט די זײַטן טאקע נאָר ווי א געפענטעטער אינדיק אפן מארק פאר פײסעך, ווי באלד מע בינדט אים אָפּ די פיסלעך, ארײַנטראָגנדיק אים אין שטוב, ציט ער זיך אויס, ליגנדיק אפ דער ערד מיט אויסגעשפרײטע פליגל, א פאריסן קעפל און אן אָפן פיסקל און פאָכט מיטן נעזל, ארומקוקנדיק זיך אפ אלע זײַטן (מענדעלע „פישקע").

די פארגלײַכונג איז דאָ אָפטמאָל א פארגאנצט זעלבשטענדיק בילדל פאר זיך.

ווי אין לויפנדיקן טײַכל
דורך דער לויטערקײַט פון וואסער
זעצט זיך אויס אפ יעדער זעמדל,
יעדער שטײנדל אפן גרונט, —
אזוי זע איך אויס אין אירע
קינדערש־אָפענע גרויע אויגן,
ווי דאָס לעבן פון איר הארצן
אין דער שטילקײַט ווערט געשפיגלט (א. שווארצמאן).

די פארגלײַכונגען קומען מיט די בינדווערטער — ווי, אזוי, אזויווי, גלײַך, גלײַך ווי, פונקט ווי, אקוראט ווי און אנדערע. דאָס פארשפרײטסטע — מיט „ווי" (זעט די אויבן־געבראכטע פארגלײַכונגען).

די פארגלײַכונגען קומען אויך אָן בינדווערטער. איבערהויפּט אין דער מאָדערנער דיכטונג. עס מאכט אי קירצער, אי אויסדריקלעך־ענערגישער די פֿארגלײַכ־קעגנשטעלונג:

א פלינקער פויגל — פליט און פאלט טאטנס האמער (כאריק).
קאראוואנען קעמלען — מאכנעס בערג
מיט ברעג פון יאם געלאָזט זיך גיין (ראָסין).

פּ א ר א ל ע ל י ז ם. אייגנטלעך, אן ארט פארגלײַכונג אָן בינדווערטער, אָן אויסערלעכע פארגלײַכ־סימאָנים ביקלאל. די קעגנשטעלונג איז דאָ איבערהויפּט ווי א זעלבשטענדיקער איינצל פאר זיך. מיר טרעפן עס אָפט אין יידישן (ווי אין ניט־יידישן) פאָלקליד:

וואָס טויג מיר דער שיינער ווײַנגאָרטן,
אז פלאנצן קען איך אים ניט?
וואָס טויג מיר א ליבע צו שפילן,
אז נעמען קענען מיר זיך ניט! (פ"ל)

שווארצע קארשן רײַסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין.
שיינע באָכערים נעמען מיר,
מיעסע לאָזן מיר גיין (פ"ל).

די בין, וואָס נאָגט זאפט פון גראָזן און בלומען, גיט האָניק; און איך, וואָס האָב מיך אין לעבן אסאך אָנגעזען — בין מעכויעוו צו דערציילן (פערעצ. „יויכאָנען מעלאמעדס מײַסעלעך").

באפרײַט? א נאר וואָלט איך געווען צו ווארטן,
זיי זאָלן קומען זאָגן מיר: ביסט פרײַ.
א גוטער פערד צערײַסט אליין די פענט,
א פוילער — ווארט, מע זאָל זי אים צעבינדן (א. קושניראָוו „לעקערט").

נעגאטיווע קעגנשטעלונג — מיט „ניט". די קאָנסטרוקציע מיט „ניט" ברענגט דאָ געוויינלעך אלעמאָל צו פרעפּאָזיטיווער פאָרם. — צוערשט נ י ט ד אָ ס, דערנאָך שוין— אָ ט ו ו אָ ס.

ניט געשרייען — לינדע ווינטן ווייען פריש (פיגינבערג)
ניט דער יאם האָט גערוישט און געשטורעמט,
ס'האָבן טאָטערן אן אופרוף געלייענט (פעפער).
ניט קיין כמארעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן...
היי, דאָס פלאמען אופ
און וויכערן אפ לענדער
פון דײַן שווארצן אָדלער אויסגעפליקטע פעדערן (קושניראָוו).

8

פארגלײַכונג קען און דארף ווערן פון די נייטיקסטע ארבעטן אין שול אפ וואָרט און ריידארט. אפ פארגלײַכונג קען מען אָנהייבן די ארבעט פון די יינגסטע גרופעס אָן (וויפל זעלטענע און טרעפיקע פארגלײַכונגען איז מיר אויסגעקומען צו אופנעמען בא קינדער פון דער ערשטער גרופע, דערהויפּט בא באקאנטע און באליבטע טעמעס: ארבעט, באלעכאימ א. א.)

מע הייבט אָן פון איינפאכער און אלגעמיינער פארגלײַכונג, פון פארשפרייטן מאסן־פארגלײַכ, מע פארטיפערט דידאַקטיקע ארבעט פון פערטן יאָר אנערעך — אפן אייגנארטיק־ליטערארישן און סאָציאל־באדינגטן קינסטלערישן פארגלײַכ. די פארשיי־דנערליי ארבעטן אין דעם פראט קענען דינען ווי אן אויסגעצייכנט מיטל פאר די

שילערישע אסאָציאַטיוו־שעפערישע מעגלעכקײַטן. צו ערשט קומט א געוויסע פאָר־ארבעט אפ קלאָר מאכן די עצעם פונקציע פון דעמדאָזיקן ריידאַרט,—אין די ייִנגערע גרופעס בעכוש און פאַשעט־אָנשוילעך, אין די עלטערע — גענויער און פאָרמולירט. דערנאָך קען מען געבן אזוינע ארבעטן אנערעך.

1) אופפאסן פארגלײַכונגען צו באשטימטע ווערטער (געבונדן מיט דער קאָמפּלעקס־טעמע אָדער מיט דער אייגנטלעכער שפּראַכלעך־ליטעראַרישער דורכאַרבעטונג): הארבסט, ארבעט, זאוואָד, פעלד, געצײַג, פראָסט, שניי, פּאָנעם, אויגן, צײַן א. אז. וו. אופמערקזאַם מאכן דערופ, אז די קעגנשטעלונג דארף אנטשפּרעכן און פּאסיק זײַן, מעג זי אפילע אומגעריכט און אייגנאַרטיק זײַן, אָבער ניט אָנטראַכטן קיין קינצלעכע פארגלײַכן. פארגלײַכן עס דערנאָך מיט צוגעקליבענע קינסטלערישע פארגלײַכונגען (עס קלײַבט צו דער לערער אָדער דער לערער מיט די שילער).

2) וואָס מיט וואָס קען מען גלײַכן, וואָס קען מען גלײַכן מיט ווינט, מיט שטורעם, מיט כּײַע און געוויקס, מיט אײַזן, שטאָל א. אז. וו.

3) אופזאמלען גרופּעס מאסן־פארגלײַכעניש (טעמאטיש). לייגן אכט אפ דער נײַער פּאסיקער פארגלײַכונג.

4) פּרווון אָפּפרישן און באנײַען געוויינלעך־באשטענדיקע מאסן־פארגלײַכענישן מיט אייגענע פרישע פארגלײַך־ארטן.

5) צוגעבן פארגלײַכענישן און פאָרזעצן.

א) די דיניעס זײַנען געל ווי... און שמעקן ווי... די קאווענעס זײַנען רויט אינעווייניק ווי... און זיס זײַנען ווי...

ב) גאָלדענע שטייען די ביימער ווי... פלאטערן און פאלן די בלעטער אפ דער ערד ווי... ס'איז זוייך צו טרעטן אפ זיי ווי אפ... הערט זיך זייער שורשען אונטער די פיס ווי...

ג) אפ דער ערד ליגט דער שניי ווי... די ביימער שטייען הויל און נאקעט ווי... וואָראָנעס דרייען זיך ערטערוויַיז ארום ווי... קראקען, רײַסן זיך די העלדזער ווי...

ד) אן אופגעריכטע זון האָט געלויכטן ווי... פייגעלעך אפ די שפּיצן דעכער טאנצן אום ווי... און זייער פריילעך געפישטשערײַ קלינגט אָפּ ווי... ריטשקעס פליסן מיט א פריילעך געשעפּטשערײַ ווי...

6) צוגעבן דאָס געגליכענע: ... ווי א בוים אין וואלד..., ווי אײַזן־ברוך,... ווי שווינדיקע מאשין,... ווי די לאנגע, ווײַטע גרינ באוואָקסענע פעלדער,... ווי שטאָל און אײַזן...

7) ארײַנשטעלן די פארגלײַכונגען אין א ליטעראַרישן פראגמעט (ווו זיי זײַנען דורכגעלאָזן).

8) פעסטשטעלן די פארגלײַכונגען אין געוויסע ליטעראַרישע פראגמענטן (און קינסטלער): אוואָסערע זײַנען זיי, לויט זייער עצעם, און מיט וואָס זײַנען זיי כאַראַקטעריסטיש פארן קינסטלער. אָנווײַזן די געוויינלעכע צווישן זיי, די אייגנאַרטיקפרישע און אומגעריכטע.

9) ברענגען בײַשפּילן צום אויסערלעכן בוי פון פארגלײַכונג (מיט און אָן בינדווערטער, נעגאטיווע פארגלײַכונג, פאראלעליזם).

10) אופשטעלן אן אייגענע פארגאנצטע ליטעראַרישע שאפונג מיט פארגלײַכונגען, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש לויט זייער עצעם און בוי.

XIII. עפּיטעט

1

באַם באַצייכענען מיט כאַראַקטעריסטישער אייגנקייט זאַך און דערשיינונג, קומען מיר אָן אי צו אייגנטלעכער, אי צו עקספּרעסיווער באַשטימונג. פון דער גרופּע ענלעכע זאַכן, פון דעם סכום אַלצייניע דערשיינונגען, וואָס זיינען באַצייכנט מיט וואָסער ס'איז נאָמען און טערמינן, טיילן מיר אַרויס דורך א געוויסן סימען איין זאַך, איין דערשיינונג: צווישטאָקיק הויז, גלעזערנע שאַפע, געווירעט פּאַפּיר. דאָס איז די געוויינלעכע, אייגנטלעכע באַשטימונג. מיט אייגנטלעכער באַשטימונג פאַרשמעלערן מיר דעם פאַרנעם פון דער געגעבענער אַלגעמיינער נאָמינירונג (הויז, שאַפע, פּאַפּיר) צוליבן פּראַט־אָביעקט: ניט קיין אַנדערע, נאָר א גלעזערנע שאַפע, ניט פּאַפּיר סטאַם, נאָר געווירעט פּאַפּיר א. א. די פיגוראַלע, עקספּרעסיווע באַשטימונג, דער עפּיטעט פאַרקערפּערט דעם איינדרוק, די פאָרשטעלונג פון זאַך און דערשיינונג לויט וואָסער ניט איז כאַראַקטעריסטישן סימען פון די פיל סימאָנים אַרום. דער עפּיטעט קומט צו באַצייכענען און צו באַשטימען דעם אַרום אַף א מאָלערישן אויפן, אָפּ־וואַרפנדיק א ריי סימאָנים, אַלס צופעליקע, אָפּטיילנדיק דאָס וועזנטלעכע פון פאַראַנענעם ביקלאַל און קעגנשטעלנדיק די דערשיינונגען.

„דער טאָג—א פאַרקאַטערטער, א גליטשיק־קויטיקער, א פאַרזשמורעטער ווי אַף א ביס צו געבן, דער וועג—א פאַרטאָגיק־ניטדערשלאָפענער“ (בערגעלסאָן).

„עס זיינען דאָ איבערגעמישט גראַציעזע זאַפּרענע סעדער־ביימער, יאָנטעוודיקע מאַיאָווע בערעזעס, הונדערטיאָריקע שאָטנדיקע דעמבעס און אייביק־גרינע נאָדלביימער“ (אַלבערטאָן).

2

אין מאַסנ־רייד און אין פאָלקס־פּאָעטיק גילט געוויינטלעך די דערשיינונג פון עפּיטעט, ווי באַשטימונג ביכלאַל. די באַשטימונגען און עפּיטעטן זיינען דאָ געוואָרן פּראַזעאָלאָגישע באַהעפטן (זעט ווייטער), וואָס ניט אַלע מאָל שוין פילט מען דאָ דאָס מאָלערישע.

א) אַן אייזערנע האַנט (א שטאַרקער)
אַן אָפענע האַנט (מילד)
א גרינגע האַנט (טוט לייכט)
א ברייטע האַנט
לאַנגע הענט
גאָלדענע הענט (קען אַלץ)
ליימענע הענט.

ב) א לאַנגער צונג
א גלאַטער צונג
א געשליפענער צונג
א צונג אַף שרויפן.

ג) ביטערער צאַר
ביטערע פּאַרנאָסע
ביטערער טראָפּן

ד) ביטערע מייסע
ביטער האַרץ
א ביטערע אַווירע
ביטערער אָרעמאַן
ביטערער ראַכמאָנעס

ה) קאַלטער מאַלעך
קאַלטע פאַרפל (לאָקשן)
קאַלטער לונג־און לעבער
קאַלטע פּריפּאַרקעס.

ו) בייז אויג
גוט אויג.
גרויסע אויגן
פאַרשטאָכענע אויגן.

ז) א פרייער פויגל.
א בלייענער פויגל.

עפיטעט־באצייכענונגען אין מאסנ־רייד (און פונדאנען אין ליטעראַרישן לשון) וועלן זיין צונעמעניש און פון זיי פיל פאמיליעס, וואָס וועגן זיי האָבן מיר שוין אויבן גערעדט („אייגנטלעכע און פיגוראַלע אין רייד"). נאָר א פאָר ביישפּילן צו דער זאַך.

„וואָרן זינגען האָט ער ליב געהאַט דאָס לעבן! עס האָט זיך אים טאָמיד געוואָלט זינגען, אַזוי זינגען ווי דאָס פייגעלע, וואָס פליט אין דער לופטן, און האָט איבער זיך קיין אויבערהאַר נישט! דעריי־בער האָט מען אים טאַקע גערופן מוישע פויגל: „מוישע" האָט ער געהייסן" (פּערעץ „נאַכמענ־קעס מייסעס").

זלאַטע ר' אייזיקס, א יידענע, וואָס האָט אַלע יאָר א קינד, און הערט ניט אויף צו דאָקטערן זיך, איז שוין געוואָרן אַזוי אויסגעמידט פונעם שלאַכמאָנעס אופנעמען און אַרויסגעבן, אַז זי האָט זיך געמוזט צוזעצן אַף א בענקל און קאָמאַנדעווען מיטן מאַן אייזיק באַלבריסניק (אַזוי האָט מען אים גערופן אונטער די אויגן, דערפאַר ווייל ער פאַרוועט אַלע יאָר א בריס). (ש"א. „צווי שלאַכמאָנעסן").

דער עפיטעט איז אויך פאַראַן אין פאָלקלאָרישן מאסנ־שאַפן, האָגאַם ער איז דאָ גאַנץ באַגרענעצט און ניט קאָלאָריטיש. דאָס יידישע פאָלקליד, אַשטייגער, איז אָרעם אין פאַרביקע עפיטעטן, סע קומט מיינסטנס אָן צו דער געוויינלעכער אומגאַנגלעכער באַשטימונג, סע האָט אויך קנאַפּע קאַנאָניש־טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן, מיט וואָס סע צייכנט זיך אויס, לעמאָשל, דאָס ניט־יידישע פאָלקליד. עפשער האָט דאָ געווירקט שטעטלש־גרויער פאָן, ווו די ליד איז איבערהויפּט אופגעקומען, צי אין געוויסע ווערק און אָפשניטן פון מאסנ־שאַפן זיינען ביקלאַל ניט קיין איקער די באַזונ־דערע און איינצלנע פיגוראַל־באַפוצנדיקע וואָרט־מיטלען, נאָר סע ווירקט דאָ דער גאַנצער געבוי, די עצעם קאָמפּאָזיציע, דער גאַנצער נוסעך פון מאסנדיק־קינסטלערישן געוועב. עס גילט דאָ, הייסט עס, די דערשיינונג, וואָס מע מערקט עס נאָך ערגעץ־ווו אין דעם פּראָט,—אי אין ביבל, אי אין אַזאַ זאַך ווי ניבעלונגען־ליד זיינען קנאַפּ עפּי־טעטן. „ס'קומען פאָר צענדליקער שורעס אָן וואָסער־ניט־איז עפיטעט" [1] „מע האָט גע־פּרוווט רעכענען ליוטערס עפיטעטן: איז ער אומגעהייער קאַרג; נאָר ס'אַרא קראַפט אין יעדער פראַזע. אַף צען זייטן פון א מאָדערנעם ראָמאַן וועלן מיר געפינען פונקט אַזויפיל עפיטעטן, וויפל ס'פאַראַן אַף די גאַנצע זעכציק פיירדיקע זייטן ליוטערס".

די פּראָבלעם פון אונדזער מאסנ־עפיטעט, ווי די פּראָבלעם פון דער פאָלקלאָ־רישער פּאָעטיק ביקלאַל, דאַרף מען נאָך דערלערנען. איז אָט זיינען בלויז א פאָר ביישפּילן פון אָפטע און באַשטענדיקע באַשטימונגען און „באַפוצנדיקע" עפיטעטן אין מאסנ־ליד:

אַפן הויכן באַרג און אַפן גרינעם גראָז. (אַלטע פ"ל)

אונטער יאַנקעלעס בעטעלע
וואַקסט א גריניונק בלעטעלע,
גריניונק בלעטעלע
אין גרינעם וואַלד,
יאַנקעלעס טאַטע וועט קומען באַלד. (אַלטע פ"ל).

גרין גראָז, איך ווייס ניט פאַרוואָס
מע האָט מיך אויסקליוטשעט פונעם סאָיוז. (נייע פ"ל).

---

[1]) Eduard Engel. Deutsche Stilkunst.

שנירעלע פּערעלע גאָלדענע פאָנ
קליפּ־קלאפּ אינ גאָלדנ טיר.
אונטערנ קינדס וויגעלע
שטייט א גאָלדנ ציגעלע [1])
געפלויגנ געפלויגנ, די גילדענע פאווע.
ניט אזוי די גאָלדענע פעדער,
ווי די פאווע אליינ.

פייגעלעכ זיסע,
עפנט מיר אופ די טפּיסע.

די פייגעלעכ שטייענ בא מייַנ פענצטער
זיי זינגענ מיט א זיסנ געזאנג.

ווערטער, ווערטער, זיסע ווערטער
פלעגנ מיר ביידע צו ריידנ.

זיסער גאָט, קענסט מיכ מיט אלעמ שטראָפנ,
אָבער מייַנ ליבע קאלע גיב מיר צוריק.

קליפּ־קלאפּ אינ גאָלדנ טיר,
מייַנ זיס לעבנ, עפנ מיר [2])

3

דער ליטעראריש־קינסטלערישער עפּיטעט איז פּונקט אזוי סאָציאל־קלאסעווער באדינגט, ווי דאָס עקספּרעסיווע וואָרט־בילד ביקלאל. די שילדערונג קומט אופ אינ געוויסער צייַט אונ סיטואציע, אינ באטרעפיקנ סאָציאלנ ארומ, ווענדט זיכ שוינ דערפונ אויכ דאָס באשטימענדיקע אונ עפּיטעטיש־כאראקטעריזירנדיקע. מיר האָבנ נאָכ, ליידער, ניט קיינ געהעריקע ארבעטנ אינ דעמ פראט. ווערנ מיר, ווי בא פאר־גלייַכונג, נאָר אָנווארפנ אייניקע אכטגעבונגענ אונ באמערקונגענ ניט אפ אויסצושעפּנ וואָס־ניט־איז, נאָר אפ צו איליוסטרירנ בלויז דעמ געבראכטנ באגריפ.

אינ עלטערנ ליטעראטור־פעריאָד, אינ דער קלאסיק אָפּערירט מענ צוערשט מיט טראפארעטיזירט־באשטענדיקנ מאסנ־עפּיטעט, וואָס מיר האָבנ אָקאָרשט געבראכט מוסטערנ דערפונ. דאָס זעצט זיכ נאָכ אָפּ ליטעראריש די מאסנ־באשטימונג, אונ סע מערקט זיכ ערשט אָנ די אנטשפּרעכיקע עפּיטעטישע אויסבילדונג.

ס'איז דאָ פארטראָטנ דער סאָציאל־שטייגערישער עפּיטעט, וואָס באַ־צייכנט די איידע „מילבנ" אינ פאָליטיש־עקאָנאָמישנ קלעמ, די באָדנלאָזיקייַט, די „נעבעכ"־ווירקלעכקייַט. אָט איז א פאָר כאראקטעריסטישע בייַשפּילנ פונ מענדע־לענ בלויז:

אָרעמעלייַט... אָרעמעלייַט מיט טאָרבעס, אָרעמעלייַט אָנ טאָרבעס... ייִדענעס מיט ספּאזמעס, ייִדנ געבראָכענע מיט מייכעשנ... מעקאבלימ אלט פּעטערישע, מע־

[1]) אינ פערעצעס א קינדער־לידער וואקסט אפ די גרינע צווייַגעלעכ א גאָלדנ עפּעלע.

[2]) אינ פערעצעס א קינדער־ליד — „קומענ, קומענ אָנצופליגנ מאלאָכימלעכ מיט זיסע אויגנ־...האָט א גוטע זיסע נאכט...

קאבלימ פונ הײַנטיקער וועלט מיט געגאָלטע בערד... עוויוּבימ אָפּגעפּײַנטע, אויסגעפּוצטע, ווי די נעגידימ, אזעלכע, וואָס האָבנ טאקע לאכלוטנ גאָרנישט, אונ אזעלכע, וואָס האָבנ דאכט זיכ, הײַזער, אונ דאָכ גרויסע דאלפאָנימ, מיִעסע קאפּצאָנימ („פישקע״).

די אלע מינע אָרעמעלײַט באַ אונדז טיילנ זיכ אײַנ אזוי: פּיִעשע אָדער פּוסאָרעמע לײַט, די, וואָס שלעפּנ זיכ צופוס, אונ קאָניצע אָדער בוידאָרעמע לײַט, וואָס שלעפּנ זיכ ארומ אינ בײַדלעכ.

אכוצ דעמ ווערנ זיי נאָכ אײַנגעטיילט אינ מינימ: שטאָט אָרעמעלײַט, אזעלכע, וואָס זײַנענ געבוירנ געוואָרנ אינ א שטאָט, געוויינטלעכ, ערגעצ אינ דער ליטע אונ פעלדאָרעמלײַט, די, וואָס ווערנ געבוירנ פּאָשעט אפ דעמ פעלד אינ א בויד. דידאָזיקע אָרעמעלײַט זײַנענ יידישע ציגײַנער...

צו דעמ טייל שטאָטאָרעמעלײַט געהערנ אלערליי שטאָטישע קאפּצאָנימ... קאפּצאָנימ פּאָשעטע, ייִדנ, יידענעס, מיידלעכ אונ באָכורימ, וואָס גייענ מיט די טאָרבעס אינ די הײַזער אלע רעשכוידעש, אויכ אינ מיטנ דער וואָכ...

קאפּצאָנימ קלייקוידעש... דאָס זײַנענ מעקאבלימ, באטלאָנימ אינ איטלעכנ קלײַזל, וואָס זופּנ מישנײַעס אונ זאָגנ קאדעש באַ א בארמענ אונ אפּנ הייליקנ אָרט צו א יאָרצײַט... טוירעאונ מיצווע־קאפּצאָנימ, ווי אשטייגעד, פּרושימ, וואָס ווארפנ אוועק ווײַבער אונ קינדער, באגראָבנ זיכ אינ א קלײַזל ערגעצ אינ דער פרעמד אונ לערנענ „בייצע״ אפ דעמ אוילעמס רעכענונג. יעשיווע־באָכורימ, וואָס גייענ ארומ שלינג־אונ שלאנג, קראצנ זיכ אונטערנ אויווג אונ עסנ טעג. יידנ מיט פּאטשיילעכנס אינ די הענט, אָדער מינע גאבאָיִמ משטיינס געזאָגט, וואָס זאמלענ נעדאָוועס קלאָמפערשט אפּ עפּעס א מיצווע־זאכ... באהאלטענע קאפּצאָנימ, פונ באַלעבאטימ, וואָס נעמענ קיצווע אונ נעדאָוועס שטילערהייט. האלבע קאפּצאָנימ, ווי אשטייגער, טאלמעטוירע־מעלאמדימ אינ פּיל שטעט, וואָס זײַנענ האלב מעלאמדימ, האלב בעטלער. אונ דאָסגלײַכנ אויכ שאמאָסימ, דאיאָנימ, ראבאָנימ, יאָנטעוודיקע קאפּצאָנימ, אזעלכע וואָס קאפּצענענ געוויינטלעכ פּורימ אָדער אמאָל אויכ אונטער א יאָנטעוו... גמילעס־כעסעד־קאפּצאָנימ, אזעלכע, וואָס נעמענ זייער גאנצ לעבנ נעדאָוועס אונטער אנ אויסרייד גמילעס־כעסעד קלאָמפּערשט... („פישקע״).

... דאָרט האָבנ זיכ געפונענ... אויכ אלערליי סאָרטנ ייִדנ: שיינע ייִדנ, קאָשערע ייִדנ, מיטנ־פּולנ־מויל ייִדנ, ברענענדיקע ייִדנ, צעבראָכענע ייִדנ, גילדענע אָדערס־ייִדנ, גלאט ייִדנ, אזוי זיכ ייִדנ, אונ אויכ מיר ייִדנ („ווינשפּינגערל״).

עס האָט זיכ א ווײַז געטונ אנ אויסמישעניש פונ אלערליי צורעס אונ געשטאלטנ; פּאָנפּעוואטע, צוגעפּלאטשטע אונ געשוואָלענע נעז, באפרישטשעטע, שוויסיק־גלאנצנדיקע שטערנס אונ שיינע, כיינעוודיקע פּענעמער, געעלטערט, געקנײטשט פאר דער צײַט; א קאשע פונ אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אונ פונ מעשונע־ווילדע מאָדניצעס, משטיינס געזאָגט: שמאטעס, לאטעס, צעהאקטע יופּעס, באקעטלײַב, הוילע פונ צעפּאלענע שיכ ארויסקוקנדיקע פינגער, איבײנעמ מיט אָפּגעבליאקעוועטע, אָפּגעפּאָרענע, קלוירמערשט נאָכ דער מאָדע געניײטע קליידלעכ, ווילדע קרינאָלינעס, מעגושעמדיקע שטיוועלעטלעכ אפ הויכע אויסגעקרימטע קנעפּלעכ, א דויר־האפּלאָגע פונ פּארמישטע לעשוינעס אונ געמבעס: גראָבע, דינע, קוויטשענדיקע, הייזעריקע, כאָרכלענדיקע אונ זינגענדיקע קוילעס. דאָס איז א גאנצע אָרעמינקע קאָמאנדע פונ מיידלעכ, ווײַבלעכ, יונגנטנ מיט ברעקעלעכ קינדער אונ שלימאזלדיקע אָפּגעקומענע באלעבאָסטעס, געטריבנ פונ דער ביטערער נויט אהער אפ דעמ יאריד צו פארהאנדלענ זיכ פאר קעכנעס, דינסטנ אונ ניאנקעס אונ אמענ אינ נעגידעשע, באלעבאטישע הײַזער. עס איז א גערעדערײַ, א געפּלוידערײַ. געשליפּענע צינגלעכ קלאפּנ, מײַלער אפ שרויפנ מאָלנ, ווערטלענ זיכ, שפּעטנ, בארעדנ, אָפּגעקומענע באלעבאָסטעס אָכנ, קרעכצנ, ווישנ די נאָז אונ רײַבנ די אויגנ... („ווינשפּינגערל״).

אנ אנדער ווערק — אשס שטעטל. אידעאליזאציע פונ געווירישבאלעבאטישער ייִדישלעכקײַט. דער פּאָנ פונ ווערק — יעכעזקל גאָמבינערס „שטוב״, דאָס „בעסמעדרעש פונ האנדל״, די „שטאָט־בערזע״. האָט איר אײַכ אזא צעטל „כסידיש־נעגידעשע״ אונ „טכינעדיק־צנועדיקע״ עפּיטעטנ, וואָס שטימענ ביקלאל מיט אשס בורזשואזרעאקציאָנערער פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע:

העל־זילבערנע, נעגידיש־כסידישע וואָלקנדלעכ.

די צוויי פלאמען פונ די ליכט ווארפנ עפעס א נעגידיש־כסידישנ גלאנצ, אָ כיינ פונ כסידיש־נעגידיש.

פונ געדיכטנ רויכ האָבנ די צוויי ליכט־פלאמענ ארויסגעשייַנט אונ דאָס האָט זייער באלעבאטיש אויסגעזעענ אונ באכיינט דעמ אוילעמ.

די הויכע קריג מיט פארשיידענע שנויצנ האָבנ באלעבאטיש כונ די ווענט אראָפּגעהאנגענ.

שאבעס־מאלכעסדיקער גלאנצ.

שכינעסדיקער שטערנ.

גאָטס וועלט—צנועדיקע קאלע. די הימלענ איבערנ וואלד האָבנ צנועדיק זיכ וויַיט אראָפּגעלאָזט.

א פרומער וואָלקנ. מיט א פרומער מינע האָט זיכ דאָס גרעזעלע געשאָקלט א. א. וו.

„נאָכ אלעמענ". דאָס בוכ וועגנ דער ייִכעסדיק־שטילער נעגידעשאפט, וואָס גייט נאָגנדיק אויס. נעמט דורכ דאָס גאנצע בוכ דער מאָרעשכוירעדיקער „אָפּגאנג"־עפּיטעט, וואָס באצייכנט אויכ די אינטעליגענטיש־קינסטלערישע אידיי אינ רעאקציע־צייַט:

מאָרעשכוירעדיקע הימלענ. פארמאָרעשכוירעטע הייַזער. מאָרעשכוירעדיק אונ שטיל האָט זיכ געשאָלטנ די געוועזענע קאלע.

די ברודיק־פארפרוירענע, אָפּגעדעקטע געגנט קוקט שוינ אינ מעשעכ פונ גאנצע גרויע טעג צו יענער מאָרעשכוירעדיק פארטונקלטער זייַט.

איז אזא פוסטער אונ מאָרעשכוירעדיק פּראָסטיקער דאָנערשטיק געקומענ.

אונ אונטער די דרויסנדיקע פארוואָלקנטע הימלענ האָט אריַינגעקוקט דער נייַער וויסטער זונטיק אונ דורכויס זייַנ איינציקע לאנגווייַליקע מאכשאָווע געשפּרייט: — א נייַע וואָכ... א וויסטע וואָכ... א פוסטע וואָכ.

די דרייַ לאנגע פּאסאזשיר־צוגנ פארשווינדנ אינ וויַיטנ נעפלדיקנ מייַרעוו אונ לאָזנ איבער דער ארומיקער פעלד־שטילקייַט א טרויעריקנ ווידערקאָל פונ פיל אָנגעהויבענע אונ ניט פארענדיקטע אומגליקלעכע מייַסעס... פּאמעלעכ אונ מאכטלאָז האָבנ זיכ אָט די ניט פארענדיקטע מייַסעלעכ ארומגעטראָגנ, פארבלאָנזשעט ערגעצ ווייַט־וויַיט אינ א שלאָפנדיקנ וואלד אונ דאָרטנ נאָגנדיק אויסגעגאנגענ...

האָבנ פיל הינט מיט א בילנ פונ כשאד די קומענדיקע נאכט באגעגנט אונ לעגענדאריש־פּכאָדעמדיקע מייַסעס וועגנ דער ארומיקער פוסטער פעלדער־ווייַטקייַט דערציילט...

בענקענדיקער טרויער. מעטושטעש־נאָגנדיקע בענקשאפט. אומעטיקע ביַיז־וונדער־יעלאָלע א. א. וו. א. א. וו.

לאָמיר לעסאָף, ווי בא פארגלייַכונג, פארצייכענענ א פּאָר כאראקטעריסטישע בייַשפּילנ פונ אונדזער לעצטער דיכטערישער „אופגאנג"־טקופע. בא „מוט־אונ־טאט"־שטימונג פונ רעוואָליוציאָנערנ ברויז אונ שעפערישער בויונג בליט דער מונטערפרישער עפּיטעט אינ די בעסטע לידער פונ אונדזער „ליכטיקער פּאלאנגע" רעוואָליוציאָנערע אונ פּראָלעטארישע דיכטער.

1) יוגנטלעכ. בא שווארצמאנענ איז יוגנט — „א שפּילנדיקע וועל", „א טרער פונ פרייד", בא האָפּשטיינענ — „רויטע בליטנ", „א יונגע צווייַג", וואָס האָט איינ באגער נאָר — „וואקסנ"! אונ „באמ ערשטנ בלי פונ זונ פארשיקערט קוקט מייַנ יונגע קרוינ אנטקעגנ זונ", „אפּ באזונטע ברייטע וויַיטנ שוועבט מייַנ יוגנט א פארשייַטע". בא קוויטקאָנ — „מיר, די יונגע קומענ שטייַפע, בלוט אזנ פייַער יונגע לייַט". בא קושניראָוונ — „יוגנט

פאַרשײַטע און דרײסטע, וואָס האָט אירע האַפנס אַפ שיפֿל פונ אומזינ פאַרביטנ", פעפערס „הײסער קאַמטאָמאָלעצ מיט יונגע זינגענדיקע טריט, דער הײסער מיטנ שווערד אינ יונגע שלאַכטנ, דער הײסער מיטנ האַמער אינ פאַבריק" א. א. וו. א. וו.

2) „פאָרנטיקע רײענ".

מיט שטאָלענע טריט, ווי מיט פּסוריקע גלאָקנ,
צו אײַך גײענ פרײדיקע מאַכנעס (מאַרקיש)
אָ, רוסלאַנד, אָנגעצונדענע אַפנ הויכנ, הויכנ באַרג (מאַרקיש)
איכ האָב אינ האַרצ אַרויטנ, ברענענדיקנ שטערנ
מײַנ מוירעדיקער דאָר —
עס האָט אַפ אימ אַ בלענדיקע טײַוועזיכ פאַראַנקערט
פונ האָגלענ שלאַקיקע אונ מאַבלענ,
אונ אויסגעשטיגנ האָט פונ מיר
דער צענמאָל בלענדיקער אָקטאָבער (מאַרקיש)
אונדזער לאַנד דאָס פרײדיקסטע,
אונדזער לאַנד דאָס ערשטע (קוויטקאָ)
לויפנ מיר, יאָגנ מיר
הינ אונ הער
לאַכנדיקע, שטראָמענדיקע,
שטראַלנדיקע
מער אונ מער (קוויטקאָ)
ליכטיקער אונ פאַרביקער פונ מענטשישע באַגערנ האָט אַפ ערדנ אופגעשײַנט
דײַנ פינפשפּיציקער,
דײַנ ניצאָכנדיקער פײַערדיקער שטערנ (קושנירעאָוו)
ס'איז דאָ אַ לאַנד פונ פעלדער אונ פונ אײַזנ,
אַ לעבינ־לאַנד פונ קאָרנ אונ פונ שטאָל (פעפער)

3) „פראָסטע רײד". דערהויפּט איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט פעפערס מאַסנדיק־זינגעוודיקע ליד:

אינ טעג פונ פראָסטנ וווּנדער...
אַזויפיל פראָסטע לעבינס וווּנדער א. א. וו.

4

וויאַזוי בויט מענ אונ מע צײכנט פאָרמעל דעמ עפּיטעט?

גאָר אָפט דריקט מענ אויס דעמ עפּיטעט מיט אַדיעקטיוו בא סובסטאַנטיוו אונ מיט אַדווערב אונ גערונדיומ בא ווערב.

גלאָקיק קלינגט אַפ דאָרפ אַ גאַנצנ
יעזועפ קאָוואַלס הילכיקע קאָוואַדלע (מאַרקיש)

סינטאַקסיש גענומענ האָבנ מיר אָפט די דערשײַנונג פונ עפּיטעט־סוביעקט, עפּיטעט־פּרעדיקאַט, פונ עפּיטעט־אַפּאָזיציע (קורצ אונ פאַרברײטערט), פונ עפּיטעט־ווענדונג אונ אַנדערע:

דורכ ווינט אונ שווינד מאַטראָסנ מיר
מיר — דער קאַפּיטאַנ (קוויטקאָ)
דער דעמב, מײַנ פרײַנט,
האָט מיר פאַרשמעקט מיט זײַנע וואָרצלענ (קוויסקאָ)

אכ כאווײרים, ברידער מײַנע, יאטנ (כאריק)
זײַנ אָרעמע פרײד אינ הארצנ פארבליבנ:
די פרײד פונ א בלינדנ, וואָס טאפּט מיטנ שטעקנ
אונ טרעפט אָנ די סטעזשקע, אפ וועלכער ער גײט (שווארצמאנ)
עס איז הײַנט יעדער, יעדער פּאָנעמ — א פּלאקאט,
אונ יעדער בליק — א פּסורעדיקער אָנזאָג (מארקיש)
מיר שטאמענ פונ פעלדזנ, צעמאָלטע
אפ מילשטײנ פונ צײַטנ (האָפּשטײנ)

מע פארשטארקט דעמ עפּיטעט אונ מע שטרײַכט אימ אונטער מיט איבער־כאזערונג אונ ווארײַרונג, מיט קעגנשטעלונג, מיט קלאנגענמאָלערישקײַט:

יוגנט איז מײַנ גרויסער, גרויסער אויצער (קוויטקאָ)
ס׳איז גרינער בארג, ס׳איז גרינער טאָל,
ס׳איז גרינ אפ לינקס, ס׳איז גרינ אפ רעכטס.
אונ ס׳איז א גרינער וועג געגאנגענ פונ שטאָט,
א וועג פונ גרינע צוועלף ווערסט
אונ בײמער גרינ, אונ גראָזנ גרינ,
אונ נאָר דער זײדע איז גרײַז אונ גרוי (מארקיש)
אוי, איר רויטע היטער, רײַטנדיקע ראָטעס (מארקיש)
רויטע ריטער רײַטנדיק — א רויטער קאוואליער
זײַנ וועט א גערײַטענער, זײַנ וועט שלוימע־בער (מארקיש)
פונ אלטנ שטאמ, פונ אלטנ ראָסט אנטקעגנ זונ
פארשיקערט קוקט מײַנ יונגע קרוינ (האָפּשטײנ)

5

אונ אָט זײַנענ אופגאבנ אונ ארבעטנ אפ עפּיטעט.

1) אונטערשײדנ צווישנ געווײנלעכער אונ פיגוראלער באשטימונג. רײנע וואסער, רײנע געדאנקענ. א לעבעדיקער באלעכײַ, א לעבעדיקער מענטש. א ברײטער מאלבעש, א ברײטער באנעמ.

2) צוגעבנ עפּיטעטנ. עס געווינט צו אכטגעבונג, צו גענויער אונ העלער באצײכענונג. די קינדער גיבנ צו א צוויי דרײַ עפּיטעטנ, מע באטראכט זײ, מע קלײַבט אָפּ.

הארבסט—גרויער, גאָלדענער...
הארבסט־טאָג — געשענקטער...

טײַכ...
וואלד...
פעלד...
לאָנקע...

אווטאָמאָביל...
לאָקאָמאָטיוו...

דאמפער...
אעראָפּלאנ...

3) גויטנ פונקט 2. אופשטעלנ באזונדערע פראזעס. אופשטעלנ געבונדענע פראג־מענטנ, שאפנ א גאנצערנ פראגמענט מיט די געהעריקע באשטימונגענ אונ עפּיטעטנ.

4) צו די פונקטנ 2 אונ 3, אופזוכנ אזוינע עפּיטעטנ אינ ליטעראטור. פארגלײַכנ זײ מיט די אײגענע.

5) אכטגעבנ אונ צוגעבנ די נײטיקע באשטימונגענ, עפּיטעטנ. איבערעוודירנ נאָכנ אופשרײַבנ.

בלױערל. פינ־פינ־פינ־טאַראַ־ראַכ; כ׳טו א קוק—אונטערן פענצטער שפּאַצירט אום א... בלױערל. דרייט מיטן... עקעלע, טרייסלט אופּ מיט די... פליגעלעכ. דאָס קעפּעלע... דאָס בײַכעלע... די בעקעלעכ... א רוקנדל...

שנײַערל. ציו־ציו־ציו־י! אפּנ... שנײַ רויטלט זיכ א... בריסטל פונ א פייגעלע... א קעפּעלע. ס׳נעזעלע... רוקנדל... פעדערלעכ... דאָס עקל...

6) גרופּירנ מאַסנ־עפּיטעטנ (צו געוויסע טעמעס).

א) צונג (לאַנגער, גלאַטער, געשליפענער...), הויט (נײַע, פונ דער העלער...).

ב) ווענדונגענ: זיס לעבנ, טײַער לעבנ, ליב לעבנ, קרוינ־לעבנ (פּ״ל).

7) צוגעבנ דורכגעלאָזענע עפּיטעטנ. פאַר די ייִנגערע קענ מענ טכ׳לעס ברענגענ די עפּיטעטנ (דעפּאָרמירט). מע דאַרפ אָנהייבנ פונ גרינגע טעקסטנ, באַזונדערס לידער, ווו מע דאַרפ צוגעבנ דעמ מעטריש אָנגעמאָסטענעמ עפּיטעט. פאַרגלײַכט דערנאָכ מיטנ אָריגינאַל.

אינ העמדעלעכ אינ... פונ הויפּנ פונ...
אינ נידער פונ שטאָט
איז געקומענ אינ רייענ אינ...
אינ העמדעלעכ אינ... מיט קווייטנ אפּ העמדעלעכ,
מיט... בליק,
זײַנענ געקומענ די מיידלעכ די...
פונ טאַבאַק פאַבריק... א. א. וו. (פיניגבערג)

(בלויע, שוואַרצע, שטאָלענע, מעטאַלנ ווײַסע, פריילעכע, יונגע).

8) לויט עטלעכע סינאָנימישע עפּיטעטנ אָפּקלײַבנ דעמ מער פּאַסיקנ עפּיטעט (זעט וועגנ דעמ אינ קאַפּיטל „סינאָנימיע").

9) אכטגעבנ און פאַרגלײַכנ דעמ עפּיטעט בא פאַרשיידענע שרײַבער.

10) אכטגעבנ אפּ עפּיטעטישער וואַרייִרונג, קעגנשטעלונג, קורצקײַט, פאַרברייטערטקײַט, אייפאָנישקײַט.

11) וויאַזוי דריקט מענ אויס דעמ עפּיטעט פאָרמעל (וואָרטקלאַסנ און סינטאַקסישע דערשײַנונגענ).

XIV. פאָלקלאָר־עלעמענטנ

דאָס אָרטיק־דיאַלעקטישע און די ליטעראַרישע רייד.

שוינ פריִער, רעדנדיק פונ פאָנעטיש־אָרטאָעפּישע מאָמענטנ, האָבנ מיר אָנגעוויזנ, ווי וויכטיק ס׳איז צו לייגנ אכט אפּ דער אָרטיקער ריידעניש מיט אירע אייגנקײַטנ. די אָרטיקע מאַסנ־ריידעניש מיט איר טיילווײַז אייגנאַרטיקער לעקסיק און בוי איז ניט עפּעס קיינ „איבעריקער" אייווער פונ שפּראַכ־אָרגאַניזמ, וואָס מע דאַרפ דערפונ וואָס גיכער פּאָטער ווערנ, קעדיי בעסער צו פאַרייגענענ דעמ ליטעראַרישנ לאָשנ. מיט דער אָרטיקער ריידעניש מוז מענ זיכ רעכענענ צוליב פאַרשיידנערליי שפּראַכלעכע דערציִונג־און בילדונג־צוועקנ. פאַראַנ דאָ וואָס צו טונ, און די אַרבעט קענ פרוכפּערדיק און אָנגעלייגט זײַנ. סע קומט אויס צו פאַרגלײַכנ דאָס אָרטיקע וואָרט מיט געוויסנ מאַטעריאַל פונ אנ אנדער אָרט. מע פאַרגלײַכט „פאָלק"־לאָשנ מיט ליטעראַ־

ריש־אופגעקומענעמ אונ אָנגענומענעמ נוסעכ, ווו סע ווערט קלאָר, וויאזוי סע פאָר־מירט זיכ דאָס *ליטעראריש־נאָרמאטיווע* לויטנ *מאסנ־לאָשנ*. מע מאכט אכטגעבונגענ, מע זאמלט, מע דערלערנט *פאכ־שפראכ*, מע נעמט זיכ אָנ מיט דער לעקסישער פרישקייט אונ יאָדערדיקייט פונ דעמ *סאָציאל־דיאלעקטישנ* באמ פיקסירנ די שפראכ פונ *ארבעטער* אפ דער *אונטערנעמונג* אונ *בא דער ארבעט*, פונ פויער אינ פעלד, פונ ארבעטנדיקנ מאסנ־מענטשנ ביקלאל. דער נײַער צי באנײַטער מאסנ־טערמינ לאָזט זיכ הערנ איצט טאָג־אײַנ, טאָג־אויס אינ *פארשיידענע* ערטער, ער גיט אונדז צו וואָס סע פעלט אונדז אינ אונדזער אופ־געקומענעמ מעלוכיש־אדמיניסטראטיווו לעבנ אונ קלערט אופ א ריי גאָר וויכטיקע שפראכלעכע אונ סאָוועטיש־געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגענ, — מוזנ מיר דערפונ געניסנ, אונ אונדזער שול דארפ דערפונ וויסנ. אָפגערעדט שוינ פונ דער קלאָרער האנאָכע, אז דאָס *אָרטיקע* אונ *קאנטישע*, וואָס רייד איז דאָ ניט פונ די לעצטע זאכנ, איז דער סאמע אָנגעמאָסטענער *אויסגאנג־פונקט* בא דער גאנצער שול־ארבעט ביקלאל. אונדזער נײַע שול־ארבעט, אונדזערע נײַע פראָגראמעס גיבנ אלע מעגלעכקייטנ פאר דעמ קאנט־קענטענישדיקנ נייג, פאר קאָנקרעטיזירנ אונ אָנווענדנ אָרטיקנ מאטעריאל, וואָס זאָל לאָזנ אונדזערע קינדער פאר „געבירטיקע דאָ", ניט „עפעס ווי ניט קיינ היגע, וואָס לעבנ ערגעצ דאָרט, דאָרט", — באדארפ מענ עס גוט געדענקענ אויכ בעשאסנ פאָרמירנ אינ וואָרט דעמ פעדפראָצעס.

אלזאָ, בא דער ארבעט אפנ וואָרט, אפ סטיל ניט אײַנלאָזנ קיינ געלעגנהייט צו וויסנ אונ קענענ דאָס מאסנ־וואָרט אונ צו אָנעמענ זיכ מיט געוויסע עלעמענטנ פונ *פאָלקסטימלעכנ* ריידארט. פאָלקסטימלעכקייט נוצנ מיר דאָ, ווי א וואָרט, וואָס מיר זײַנענ צו דעמ געוויינט, האגאמ ס'איז ניט קיינ גענויע אונ קיינ באשטימטע נאָמינירונג. מיט פאָלקסטימלעכקייט מיינענ מיר: 1) דעמ קערנדיקנ אונ איינפאכנ אויסדרוק אינ ריידארט ריישיסקאָל פונ *מאָדערנעמ* ארבעטער, פויער, מאסנ־טוער א. א. וו. 2) דורכזיכטיקע איינפאכע נאטירלעכקייט פונ וואָרטסבוי אונ זאצבוי, וואָס גילט אינ א *היפשער מאָס* אינ מאסנ־רייד אונ וואָס צו איר זײַנענ אָפט אָנגע־קומענ אונ קומענ אָנ די וואָרט־מײַסטער אונ וואָרט־אופטוער פונ אונדזער פראָזאישער אונ דיכטערישער שפראכ „אפנ וועג" צו נײַ־געפורעמטער אונ לעבנ־נייטיקער לעקסיק אונ פראזעאָלאָגיע.

פלעג דאָכ כ' לענינ גאנצ אָפט ארײַנקוקנ צו דאלנ אינ ווערטערבוכ סײַ אפ צו טרעפנ דאָרט דאָס *צוגענגלעכע* אונ *קלאָרע* מאסנ־וואָרט, סײַ אפ צו געפינענ דאָרט דאָס בעעמעס *טרעפיקע* וואָרט אונ דעמ פאסיקנ אויסדרוק, וואָס איז דערצו פאָשעט, ניט געמעלאָכעט אונ דערפאר אזוי ווירקעוודיק אונ איבערצײַגנדיק.

די רעוואָליוציע האָט שטארק א יאָג געטונ אונדזער יידיש, אָבער אינ האסטיקער אײַלעניש נעמענ מיר ניט אלעמאָל פונ פאָלקלאָריש־מאסנדיקנ וואָרט־אוצער דאָס, וואָס סע לאָזט זיכ נעמענ אָדער וואָס סע לאָזט זיכ אופשטעלנ דאָ נײַס לויט דעמ „פורעמ אונ געשטאלט" פונ א קערנדיקער שפראכ־דערשײַנונג. מיר מינערנ דערמיט טיילמאָל די נאטירלעכקייט, מעמיילע שוינ די קלאָרקייט פונ וואָרט אונ ריידארט פארנ מאסנ־געברויכ.

אָט ווײַזט אָן א פּאָליט־טוער און צײַטונג־מענטש: „באַם פאַנאַנדעראַרבעטן די אַנקעטע איז רעדאַקציע האָבן כאַוויירים מאַמעש באַדויערט, וואָס מע האָט ניט די געלעגנהײַט אָפּטער זיך אַזוי „אָפּצופרישן" אינעם לייענערס פּאָשעטן לאָשן מאַכמעס דעם היימישלעכן טאָן ביקלאַל און ווײַל די ענטפערס אַף דער אַנקעטע זײַנען פול מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „מיר האַלטן ניט דערפון", „אַף קאַפּאָרעס דאַרף מען עס", „מע קען זיך באַדרייען", „איר גיט זיך ניט אָפּ צו דערינען", „צו ווייניק וואַרפט זיך דורכ", „לייגט ניט אונטערן טישטעכ", „לאַכט זיך אויס פון אַזעלכע טײַנעס", „דאָס איז פון די לעצטע דײַגעס" א. דגל. דער צײַטונג־מענטש האָט שוין „גאָר פאַרגעסן", אַז מיר פאַרמאָגן אָן א שיר אַזעלכע פּאָשעטע פאַרשטענדלעכע אויסדרוק־פאָרמעס אין אונדזער רעשוס, אָנשטאָט די שווערע, פון רוסיש איבערגעזעצטע ווערטער און פראַזעס..."[1]

און, אַגעפּ, נאָך א זאַכ. די ווערק פון אונדזערע עלטערע און יינגערע קינסטלער זײַנען פול מיט פאָלקלאָריש־דיאַלעקטישן וואָרט־מאַטעריאַל. אין פאַרשיידענער צײַט זײַנען דאָ געווען נאַטירלעכע טענדענצן און באַוווסטזיניקע קאַוואָנעס באַ די עלטערע, ווי באַ די יונגע און יינגערע קינסטלער. אָרטיקער לעקסישער קאָלאָריט, וואָס איז קינסטלעריש באַרעכטיקט, פרישט אָפּ מיט וואָרט־אייגנאַרט דעם בוכ־ליטעראַרישן נוסעכ און דינט גאַנץ אָפט, ווי א נייטיקער שפּראַכלעכער צושטײַער פאַר נײַע סאָציאַל־קולטורעלע באַדערפעניש. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק איצט, ווען מאַסן זײַנען צום וואָרט געקומען און ווען דער ליטעראַרישער קאַנאָן לעבט איצט איבער א „נײַע יוגנט" און נייטיקט זיך שטאַרק אין פריש־לעקסישן בלוט־צופלוס פון אָרט, פון דיאַלעקט, פון נײַ־פאָלקלאָרישער אַנטוויקלונג, פון סטיליזיר־אינטערפּרעטאַציע (פראַזעאָלאָגיע, פאָלקליד, עפּיסטאָליאַרישער מאַסן־נוסעכ א. א.) אַף קאָלאָריטישער צו באַצייכענען צײַט, פּערזאָן, סיטואַציע, ווי מיר זעען עס אין אונדזער יונגער ליטעראַטור באַ קיפּניסן, אַלבערטאָנען, פעפערן, כאַריקן, מאַרקישן, אָרלאַנד א. א.

„די מאַסנדיקע ריידשפּראַכ ציט איר גאַנג, וואָס איז אינגאַנצן געזיכערט, ווײַל ער איז אונטערערדיש,— פליסט ווי קוועלנדיקע וואַסער אונטער גראָבן אײַן פון באַדינגלעכער בוכ־שפּראַכ, און אין א שיינעם טאָג ווערט דער אײַנ געבראָכן, און דער רוישיקער שטראָם פון מאַסן־לאָשן פאַרגיסט דעם אומבאַוועגלעכן אויבערפלאַכ, אומקערנדיק אים לעבן און באַוועגונג" (באַלי).

דאָס אַלץ מיינט אָבער ניט. קיין שום אידעאַליזאַציע פון „פאָלק"־לאָשן. „פאָלק"־לאָשן איז א נאַטור־קוואַל, וואָס מע קען און מע דאַרף פון אים שעפּן, ס'איז אָבער פאָרט א שמאָלער און געצאַמטער קוואַל, וואָס קען זיך ניט גלײַכן מיט דעם האַסטיקן און פלייצנדיקן שטראָם פון העכערער וואָרט־ליטעראַרישער פאָרמע און גאָרמע אין אונדזער בויעריש־רעקאָנסטרוקטיווישער צײַט.

[1]) פ. שפּראַכ. דער מאַסן־לייענער וועגן דער צײַטונג־שפּראַכ (לויט אַן אַנקעטע צווישן די לייענער פון כאַרקעווער „שטערן". „די יידישע שפּראַכ" 3, 1928.

אָט האָבנ מיר, אשטייגער, א „שיטע“, וואָס מיינט אינגאנצנ זיכ שטעלנ מיטנ פּאָנעם צום אומגאנג־לאָשנ,— „פּארמאסעווענ“ די שפּראכ, מער „פּאריידישנ“ זי, קעדיי דערמיט זי מאכנ צוגענגלעכער, פארשטענדלעכער פאר די מאסנ.

אינ קורצנ באשטייט אָט דער צוגאנג אָט אינ וואָס. אונדזער צייטונג, אונדזער בוכ איז פול מיט שווערערע ליטעראַרישע העברעיִזמענ אונ גערמאניזמענ. איז דאָס געדרוקטע וואָרט ווייניק צוגענגלעכ דעמ לייענער, דערהויפּט דעמ ווייניק־איווריק, דעמ אָקאָרשט איווריק געוואָרענעמ מאסנלייענער. ס׳קלינגענ האמעטנע אונ אומפארשטענדלעכ פארנ מאסנלייענער די אלערליי „קאמעס“, „אייכעס“, פּונקט ווי „קוואנטיטעט“, „קוואליטעט“; ניט בעסער זייַנעמ אויכ אזוינע ווערטער ווי קעגנווארט, אָנוועזנהייַט, אָפּוועזנהייַט, פאָרזעצונג, מאָקער [1])

איז וואָס־זשע איז דאָ די אייצע? איז די אייצע צו פארבייַטנ אָט די ווערטער אונ פארנעמענ זיכ מיט אויסבילדנ שפּאָגל־נייַע לעקסיק, וואָס מע קענ זיכ אויסמאָלנ, אז דעמ מאסנלייענער וועט זיי גרינג זייַנ צו באנעמענ. מע דארפ, אשטייגער, פאָטער ווערנ פונעמ העברעיִשנ „קאמעס“ (פונ קאמאָ — וויפל) אונ פונעמ דייַטשישנ „קוואנטיטעט“ אונ געברויכנ „וויפלקייַט“, עלעהיי ווי אינ רוסיש (сколько количество) צי אינ אוקראַיִניש (скільки, кількість); אָנשטאָט דעמ העברעיִשנ „אייכעס“ אָדער דעמ דייַטשישנ „קוואליטעט“ געברויכנ „וויאזויקייַט“, ניט ערגער, הייסט עס, ווי אינ רוסיש — качество (как), צי אוקראַיִניש — якість (як) א. א. וו. אונ מעמיילע שוינ — איצטיקייַט (אָנשטאָט „קעגנווארט“), דערבייַזייַנ („אָנוועזנהייַט“), ווייַטערפירונג (אפ „פאָרזעצונג“, „העמשעכ“), ווייַטערקומענדיקער („פאָלגנדיקער“) א. אזוי. אונ צי איז דענ ניט גלייַכער צו זאָגנ „בייזגעברויכ“ איידער „מיסברויכ“, „קוקפונקט“ אָנשטאָט „שטאנדפּונקט“ א. א. וו.

ספּעציעל שטייט דאָ אויכ די פראגע וועגנ פארבייַטנ די סופיקסנ „לאָז“ „טעט“, „באר“, „האפט“ מיט מער אייַנגעבירגערטע סופיקסנ, וואָס דערפונ רעדנ מיר אויכ פריער.

בכלל איז דאָ דער מיינ אינ עצעמ ניט אזוי שלעכט, מע פארגעסט שוינ טיילמאָל צו אָפט צו שרייַבנ (אונ צו רעדנ) איינפאכ, צוגענגלעכ אונ שוינ מעמיילע קלאָר פארנ ברייטנ סאָוועטישנ לייענער, פארנ ארבעטער־פויערשנ וואָרט־געניסער. האָט דאָכ כאָווער לעניג אנומלט געדארפט וואָרענענ ניט צו קריפּלענ אזוי מיט „פרעמדווערטער“ די רעדע אונ צייַטונג, ווענ ס׳איז פאראנ דאָס איינפאכע אונ מער באקאנטע וואָרט (זעט וועגנ דעמ אינ קאפּיטל „שפּראכמיש“). אָבער אָט די אינ עצעמ ריכטיקע האנאָכע מיקויעכ „פראָסטע רייד“ ברענגט אינ געגעבענעמ פאל צו א צווייטנ ארט קריפּלונג. מע קענ דאָכ ניט פארייַנפאכנ ביז כאלאָשעס. אינ דער סאָוועטישער שפּראכ גייט איצט דער פּראָצעס פונ נאטירלעכנ אָפּקלייַבנ וואָרטשטאָפּ פארנ ברייטערנ געברויכ, אינ דעמ טאקע שטעקט די האסטיקע דעהעברעיִזירונג, דערפונ טאקע נעמט זיכ די שעפעדיק־קאָנקרעטע וואָרט־שאפונג אונ וואָרט־בילדונג, ווי ווייַט מעגלעכ, אפ דער באזע פונ פּראָלעטארישער אונ מאסעווער שפּראכ־דערפארונג. צי הייסט

[1]) מ. קאמענשטיינ. וועגנ א קלאסנליניע אינ דער שפּראכ־פראגע. „שטערנ“ 29/8 1931.

עס אָבער, אז מע קענ דאָ און מע דארפ דאָ האמעווענ דעמ שטראָמ פונ נייַעמ וואָרט, פונ נייַער וואָרט־בילדונג און קערעווענ אימ אלעמאָל ניט אנדערש, ווי אינ דער ריכטונג בלויז פונ געיארשנטנ „פאָלקסטימלעכנ" (און קליינבירגערלעכ־בורזשואזנ) וואָרט־פארמאָג? און צי שטעקט דענ ביקלאל דאָ דער גאנצער אומגליק בלויז אינ דער ניט־איינפאכקייַט פונ וואָרט־מאטעריאל? מע קענ דאָכ אָנצייל אָנ א שיר עלעמענטארע באגריפנ, וואָס מיר באצייכענענ מיט געוויינלעכנ לאָשנ, און דאָכ זייַנענ זיי נאָכ ניט געניי באקענט געוויסע (אָפטמאָל אפילע היפשע) שיכטנ, וואָס דארפנ נאָכ אָנייגענענ אָט די באגריפנ און מעמיילע שוינ די באצייכענונג פונ אָט די באגריפנ. אָט הערנ מיר דאָכ:

„... אינ אסאכ אנקעטעס נוצט מענ אייניקע, דאכט זיכ, גאנצ פאָפולערע ווערטער אינ אזא קאָמישנ טייַטש אָדער אזוי פארדרייט, ווי עס פלעגט טרעפנ בא א טייל רוויטארמייער מיט די צענדליקער פאָליטישע טערמינעס, וואָס זיי האָבנ זיכ אָנגעהערט פונ רעדנער: „כ׳געפינ פאר גילטיק און דערפאָלג", „אומבאשטימט נייטיק" (אָנשטאָט אומבאדינגט)... אנ אייַנשטעלער (אָנגעשטעלטער)... אנדערע קרענקט עס זייער, ווענ זיי באגעגענענ „דאכט זיכ א יידיש וואָרט" און פארשטייענ עס דאָכ ניט. „שוינ באלד א יאָר, אז איכ לייענ דעמ „שטערנ" — שרייַבט א יונגער ארבעטער (22 יאָר) — און קענ שוינ טאקע איצט די שפראכ פיל בעסער ווי מיט א יאָר צוריק, נאָר ווענ איכ קענ זיכ בעשומויפנ ניט אָנשטויסנ דעמ זינ פונ אזעלכע ווערטער, ווי אָנשטענדיק, באקוועמ, בוילעט — פארדריסט מיכ זייער"... צווישנ די ווערטער, וואָס זייַנענ דאָ אָנגעגעבנ פאר ניט פארשטענדלעכע, זייַנענ פאראנ אזעלכע, ווי — באדייַטונג, אנטוויקלונג, אָפמאכ, אנטוואָפענונג, א. א. וו.[1]

און די גאנצע זאכ באשטייט דאָכ ניט בלויז אינ לעקסיק און וואָרט־בילדונג. פיל וויכטיקער איז נאָכ אינ דעמ פראזט זאצבוי, באהעפט־אויספאָרמירונג. דארפ מענ זיכ טאקע שטארק אייַנשטעלנ פאר איינפאכנ, דורכזיכטיקנ זאצבוי. געוויס דארפ מענ קלאָר און איינפאכ רעדנ און שרייַבנ פאר אלעמענ (און פאר זיכ אליינ), אָבער מע טאָר עס ניט ווענ דערגרייכנ מיט צאמענ זיכ אינ וואָרט, מיט קריפלענ באמ באצייכענענ אפנ אלטמאָדיש־פאָלקסטימלעכנ שטייגער דעמ שלאל נייַע באגריפנ און פראָצעסנ, וואָס קומענ פונ סאָציאַליסטישער בויונג און קולטור־רעוואָליוציע. מע דארפ ניט בלויז קענענ זייַנ צוגענגלעכ, מע דארפ נאָכ, זייַענדיק צוגענגלעכ, הייבנ אייַנצייַטיק אלצ העכער דעמ מאסנלייענער, שלייַפנ זייַנ באוווסטזייַנ און די שפראכ זייַנע, אלס „פראקטישנ באוווסטזייַנ", אניט קומט מענ צו ווולגאריזמ, וואָס שטימט קלאל ניט מיט „קלאסנליניע אינ דער שפראכ־פראגע".

דיאַלעקטיזמ (פּראָווינציאַליזמ)

דעמ דיאַלעקטיזמ הערט מענ נאָר אינ באשטימטנ געגנט, אָרט. ס׳איז שייַעכ צו לעקסיק, צו ריידארט ביכלאל. ס׳איז אָפטמאָל א נייטיקער צושטייַער צומ אלגעמיינ ליטערארישנ לאָשנ און א העכסט־וויכטיקע אָרטיק־קאָלאָריטישע באצייכענונג אינ קינסטלער־ווערק. בייַשפילנ דערצו זייַנענ דאָ גענוג אינ אונדזער פריערדיקער און נייַער ליטעראטור, בא שרייַ־

[1] אינ אויבנ־ציטירטנ ארטיקל פונ כ׳ שטיפ.

בער פֿינ פֿארשיידענע קאנטנ און דיִאלעקטנ. דאָס מאָל װעלנ מיר נאָר אופֿמערקזאם מאכנ, װי װיכטיק ס'איז צו אכטגעבנ אפֿ נײַ־פּראָװינציִעלנ, אפֿ סאָװעטישנ אָרטיקנ װאָרט־מאטעריאל אינ „פֿאָלקסמויל״ — באם אָרטיקנ ארבעטער, פּויער, קוסטאר, אָנ־געשטעלטנ, פּיִאָנער, קאָמיוגיסט:

ליפּצעטל (אפֿ צונויפֿרופֿנ א פֿארזאמלונג, װערט אָפּט גענוצט בא פּיִאָנערנ) [1]

ארויסשטעלנ (פֿונ א דירע־ארויסזעצנ).

א פֿארצייכנ, אָנװײַזונג (ספּראװקע).

קעסטמענטש (иждивенец) (קעסטניק, אָדעס).

עקהוט (אפֿנ בלײַער (наконечник) [2]).

פּילטיראזשקע (טיראזשקע).

אָדער די שמעלערע לאָקאלע דיִאלעקטיזמענ — װערטער און ריידארטנ, װאָס האלטנ זיך אופֿ נאָר אינ א געװיסער סאָציִאלער אומגעבונג, סװיװע, קאָלעקטיװ. ס'איז אהער שײַעכ דער לאָקאלער לעקסיקאָנ פֿונ װארשטאט,, צעכ, בראנזשע א. א. אָט איז, אשטייגער, אביסל לאָקאלער לאָשנ פֿונ איינער א גרויסער אָדעסער פֿראָפּשול [3].

עסצימער

1) מאכנ אנ אלעגאָריע—נעמענ א צװייטע פּאָרציע ברויט (אלעגאָריע — דער־קלערט מיר א יאט — הייסט דאָכ אויסדריקנ מיט איינע װערטער עפּעס אנדערש, ניט לאַנג געלערנט דערפֿונ. מע מיינט נאָכ א פּאָרציע ברויט, נאָר מע גייט צו מיט עפּעס אנ אנדער אויסרייד. פֿאראנ דאָ אפּילע א װערטל „מע גייט נאָכ א קרושקע און מע נעמט א האָרבושקע״ (קרײַעצ).

2) כאָמוטאָק — עסנ אינ בײדע עסצימערס, אויבנ און אונטנ (כאָמוטקי — העלפֿט־טיילנ אינ דרייבאנק, װאָס קלעמענ זיכ צונויפֿ).

3) מע נעמט פֿערעקאָפּ — מע שטופּט זיכ אינ עסצימער.

4) מאכנ א „סראָטשנע זאקאז״ אפֿנ „אינסטרומענט״ — פֿארזאָרגנ א שיסעלע מיט א לעפֿל, װענ יענער עסט נאָכ.

5) שטאטנע — אָפּטער דעזשורנע באם טיש (מע זאָגט דאָ נאָכ אָפּט — פֿונעם 6־טנ ראזריאד).

6) שטעקער (פּרעסער).

7) מאכנ א „כליעבאָזאגאָטאָװקע״—ארײַפּרוקנ א איבעריקע פּאָרציע ברויט אינ קעשענע.

8) פֿונ „סבערקאסע״ (שלעפּנ ברויט פֿונ די קעשענעס).

װארשטאט

1) רעשינענ־ברעכער (שאָדנברעגגער. רעשינע — מאכשיר אפֿ דורכפֿירנ פּארא־לעלע ליניעס).

---

[1]) בעלאָצערקאָװע. ז. „פֿונ פֿאָלקסמויל״, „ייִדישע שפּראכ״ 3, 1928.

[2]) טשערניכאָװ

[3]) יעװראבמאָל״.

2) רויִנירער (דאָסזעלבע).
3) געלאָזט דעמ „סאַמאָכאָד“ — איינגעשפּאַנט די בויער־מאַשינ.
4) „משערטיאָזשנע“ הויזנ (שטאַרק צעריסנ) — שוועראָנצייכענענ.
5) אַרײַנגעדילט — גוט געמאַכט („דיל אַרײַנ“ „מאַכ גוט!“).
6) פּרווו זיכ אופזעצנ — קײַקלסטו זיכ באַלד אַראָפּ (שלעכט אויסגעפּײַלט, מיט א באַרג אינ מיטנ — אינ „ציט“־קלאַס).

טעכנישע לעקסיק.

ס'איז שוינ איצט בא אונדז ניט נייטיק צו אופווײַזנ, אז מענטשישע טעטיקײַט דאַרפ זײַנ די גרונט־אַקס בא דער אַרבעט אינ שול. אונדזער יונגע ראַטנשול מאַכט איצט דורכ איר גרויסע אָנזאַמלונג צו אײַנשטעלנ זיכ אײַנגאַנצנ אַפנ פּראָדוצירישנ אויפנ. ניט אומעטומ איז שוינ פאַראַנ די נייטיקע פעסטע פאַרבינדונג פונ דער שול מיט דער אַרבעט אַפ דער פאַבריק און אַפנ פעלד. טיילמאָל פעלט נאָכ אויס דער עכטער אַרבעט־מאָמענט אינ דער שול גופא. סע גייט שוינ אָבער דערצו, אז אונדזער שול ווערט בעעמעס פאַראַרבעט און פּאָליטעכניזירט.

ווערט דער טעכנישער טערמינ א וויכטיקער אָפּשניט פונ דער אַרבעט אַפנ וואָרט אינ שול. די טעכנישע לעקסיק און ריידאַרט דאַרפ דורכנעמענ די גאַנצע שול־אַרבעט, דאַרפ דאָ העלפנ די קינדער גענוי צו באַצייכענענ די פּראָדוצירקטנ, די מאַשינ, די מעכאַניזיר־פּראָצעסנ, דאַרפ ביקלאַל פאַרברייטערנ דורכ אַכטגעבונג, עקסקורסיע און עקספּערימענט דעמ קינדערשנ לעקסיקאָנ, אַלס פּראָדוקט פונ אַלצ נײַעמ וויסנ און דערוויסנ זיכ.

ניט גלאַט איז נאָכ אַפ יידיש מיטנ טעכנישנ טערמינ, ווי מיט טערמינאָלאָגיע ביקלאַל. טיילמאָל פעלט דאָ נאָכ אויס דער יידישער טערמינ, טיילמאָל הערשט דאָ נאָכ אָפּט פאַראַלעליזמ און אומקלאָרקײַט.

אינ שול דאַרפ מענ אָנהייבנ פונ מאַסנדיקנ טעכנישנ טערמינ. דאָס וועט שוינ מעמיילע באַפרוכפּערנ די ווײַטערדיקע וואָרטשאַפונג אינ דעמ פּראַט.

אינ די ייִנגערע גרופּעס קומט מענ אָנ נאָר צו געוויסע ווערטער און ווערטער־גרופּעס פונ אָט דעמ לעקסיקאָנ. זאָל עס דאָ ווי מעגלעכ נאָר געבונדנ זײַנ מיט דער אַנטשפּרעכיקער שול־טעמע [1]. אינ די עלטערע גרופּעס פאַרברייטערט מענ ספּעציעל דידאַקטישע אַרבעט און מע פאַרטיפט זי. באַמ דערקלערנ פאַרשיידנערליי אָביעקטנ פונ אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט נאָמינירט מענ און מע באַשרײַבט געניער, מע אָרגאַמענטירט און מע גיט צו טרעפיקע אויסדרוקנ, ריידאַרטנ, ווערטלעכ, רעטענישנ, וואָס זײַנענ דערמיט פאַרבונדנ.

ווײַטער ברענגענ מיר אייניקע נייטיקע מוסטערנ טעכנישע טערמינאָלאָגיע. לויט די געבראַכטע בײַשפּילנ קענ מענ שוינ אַלײנ וואַריירנ, לאָקאַליזירנ, ווײַטער זאַמלענ און סיסטעמאַטיזירנ. מיר האָבנ דאָ, געוויינלעכ, אויסגענוצט אויכ געוויסע מאַטעריאַלנ,

[1] זעט, אשטייגער, אזא מאַטעריאַל אינ אָפּטייל „צו ווינטער“ און „אונדזער ווינאָרט“ אינ מײַנ „אונדזער וואָרט“ 2—1.

וואָס מיר האָבן זיי שוין אין א ריי וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן. מיר האָבן אָבער אויך אָט־די מאַטעריאַלן רעווידירט אַף דער פּראָדוקציע און אויסגעפּאַסט פאַר דער שול. אַזאַ מאַטעריאַל קען אויסגענוצט ווערן פאַרשיידנערליי. מע גיט, אַשטייגער, א טייל דערפון און דאָס איבעריקע דאַרף מען אַליין דערגאַנצן. מע נוצט עס אויס צוליב גראַמאַטישע (און עטימאָלאָגישע) אַכטגעבונגען. מע גיט א צעטל פאַכווערטער צו אַכטגעבן „אין לעבן", צו אויפקלערן עס, רעווידירן און פאַרגלײַכן, לאָמיר זאָגן, לויט אַזוינע ליטעראַרישע פראַגמענטן:

„... אין זאַוואָד גופא אַרבעטן צוויי ייִנגלעך, דער טאַטע — א דריטער. אָבער גאָרנישט שטייט נישט אַף איין אָרט. די ביטן טרײַבן זיך דרײַ מאָל א טאָג, די זאָלעס לייגן זיך איבער אַלע טאָג. דאָ פאַגעוועט מען אַף לאָזן אין דוב אַרײַן, דאָ בלאַקירט מען און מע קאָנטשעט אַרויס סכוירע... און מיט יעדער פעל באַזונדער לערנט מען אָפּ די סעדרע פון אָנהייב ביזן סאָף: מע פאַרפעלט ניט, מע פאַרגעסט ניט אַזוי פיל מאָל מיטן טופּאַק, אַזוי פיל מאָל מיט דער קאָסע, מיטן פאַלדיז, און ערשט אַפן טיש צענעמט מען זיי די ביינדלעך מיטן קעפּל און בלאַטיר־אײַזן" [1].

„שטעל איך אַף דיגינקער סטרוזשקע דעם שניצער. דערזעט עס דער מײַסטער און שטופּט מיר אַוועק:

— שנײַד אַרײַן אין דעטאַל! אָט אַזוי...

אַלע וואָגיקע טיילן—דער סופּאָרט, די שניצערס, די פּראָסטע פאַטראָנען — אַנערקענען ניט קיין ווייכע הענט" [2].

אַמאָל, ווען מיקאָלע האָט געאַרבעט באַם שטיינשלאַם [3], האָט ער גאָר געוואָלט וואָס גיכער אים פאַרבוטיען [4] צו אַוועקשיקן אַרופּ פונדאַנען די בורקע [5] אויפנעמען. אין שלאָגויוון [6], וואָס ער האָט ניט געטון—א קוילנהאַקער [7], א שליטלער [8] צי א דעקפּעסטיקער [9] — איז פאַר די אויגן און די הענט געשטאַנען אָט וואָס: מיטן צאָן פון דער „זשעלאָנגע" געשיקט און טיף טרעפן אין צווישנשיכט אַזוי, אַז די דעק זאָל זיך ניט לישטשען, די שליטנס אָנלאָדן מיט קוילן, גלײַ [3], וואָס מערער, און אָן אָפּרו זיי גיכער אַרויסשלעפּן צום גרונט־וועג; די רעמאָנטינע [10] אַזוי אַוועקשטעלן, אַז זי מיט דער אַבאַפּעל (ברעטער) זאָלן אונטערשפּאַרן דעם גרעסטן שעטעך סטעליע, און מער קיין געשיכטע [11].

מיר טרעפן איצט אַזאַ לעקסיק אין דער ליטעראַטור, וווּ טעכניק, פאַבריק ווערט אַלץ מער דער אָביעקט פון שילדערן. טאָג־אײַן, טאָג־אויס טרעפן מיר עס אין אונדזער פּרעסע, וואָס אָטעמט מיט אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג. אָט איז, אַשטייגער, אַן ערשטער, בעסטער פראַגמענט פון אַן אָרטיקער צײַטונג, וואָס ליגט אַקאָרשט פאַר מיר:

אָפּט פלעגן זײַן שטערונגען אין אויספילן דעם אינדפינפּלאַן באַם בייגער־צעך, דערפאַר וואָס עס איז ניט געווען קיין ענגער קאָנטאַקט און צונויפגערעדטקייט צווישן דער „פאַרילקע" פון פאַגיר־זאַוואָד מיט אונדזער צעך. די צוגעשיקטע דעטאַלן, אַשטייגער, צאַרגעס, פּיס, בייגל פלעגן ניט אַנטשפּרעכן די געהעריקע מאָסן. דאָס האָט געשאַפן אַסאַך בראַק. אַף דער לעצטער באַראַטונג פון די זאַוואָד־אָרגאַניזאַציעס איז באַשלאָסן געוואָרן רעאָרגאַניזירן דעם בייגער־צעך און אַריבערפירן אַפן פאַניר־זאַוואָד די מאַשין־אָפּטיילונג מיט אַלע דרייבענק, איבערלאָזנדיק אַף דעל מעבל־פאַבריק נאָר דעם זאַמלצעך מיט דער בייצאָווקע [12].

1) קיפּנים. כאַדאָשים און טעג.
2) קוויטקאָ. אין טראַקטער־צעך. 3) Порода, וואָס מע באַקומט אַרויס אָן אויסנוץ. 4) зарубить. פאַרטון דעם שטיינשלאַם אַפן אָרט פון די אַרויסגענומענע קוילן. 5) бурка. א קופּע אויפגעריסענער שטיינשלאַם. 6) „אויוון" — забой, печь — לאָך אַף קוילן־אַרויסבאַקום. 7) забойщик. 8) саночник, שלעפּט אַרויס מיט א שליטן די קוילן אין שטרעק (штрек)—האָריזאָנטאַלע אויסאַרבעטונג, וואָס פאַראייניקט זיך ניט דירעקט מיטן דרויסן. 9) крепильщик. 10) ремонтида —אונטערשפּאַר־קלעצל, 11) אַלבערטאָן „שאַכטעס". 12) אָדעסער אַרבעטער V/15, 31 (די דערקלערונג פון די טערמינען זע אין „סטאָלערײַ").

ניט מע קען און ניט מע דארף אין שול אויסשעפּן אָט דעם מאַטעריאַל. מיר גיבן דאָ אויך נאָר וויכטיקערע און איקערדיקע לעקסיק.

א) גלעזערײַ[1]

געצײַג: דימענט (אָפּ שנײַדן דאָס גלאָז). באַגלעטמעסער (צו באַגלעטן דעם קיט). אויסמאַכמעסער (אָפּ אויסצוקריצן פון דעם פענצטער־ראַם דעם פאַרטריקנטן קיט, קעדיי אַרײַנצושטעלן די נײַע שויב). באַשלאָג־מעסער (אָפּ אַרײַנצושלאָגן די טשוועקלעך, וואָס האַלטן צו די שויב צו דער ראַם).

פּראָצעסן פון אַרבעט: שנײַדן, קרײַזלען, אָפּקרײַזלען, אָפּקריצלען (אָפּברעכן די שויב פּיצלעכווײַז מיט דעם דימענט־הענטל), אַרײַנשטעלן, קיטעווען, אָנגלאָזן.

מאַטעריאַל: גלאָז, שויב, קיט (פון קרײַד און אייל), טשוועקלעך.

ב) סטאָלערײַ

געצײַג: זעג[2], הובל[3], בויער[4], דאָלעטע (טשעפּײַזע), ווינקל[5], צירקל, שטאַמײַזע (שניצדאָלעטע, אָפּ אויסצושטאַמען אַ קלענערע לאָך), שטרײַכמאָס (אָפּ אָנצושטרײַכן ברעטער לויט אַ באַשטימטער מאָס), שרויף, שרויפצוואַנג (הילצערנער פּירעק, ווו איין זײַט איז אַ שרויף).

פּראָצעסן פון אַרבעט: זעגן, הובלעווען, פּוצן (מיטן פּוצהובל), בויערן, שטעמפּן (מיט אַ דאָלעטע), שטאַמעווען (אויסהאַקן לעכער מיט אַ שטאַמײַזע), פוגעווען (אויסגלײַכן אַ קאַנט פון אַ ברעט באַם אופקלייען זי מיט אַ צווייטער), רונדיקן (רונד מאַכן דעם קאַנט פון ברעט), שליסן, פאַנירן (דעקן מיט פאַניר), בייצן (אָפּפאַרבן מיט בייץ), וועקסן (אָפּשמירן מיט וואַקס), לאַקירן, פּאָליטורן, פּאַקאָסטירן (זעט ווײַטער).

מאַטעריאַל: 1) ברעטער: פאַרשיידענע מינים ברעטער, פאַניר (דינע האָלצ־פּלאַטן אָפּ באַדעקן בעסערע סאָרטן מעבל), דיקט (דינע ברעטלעך פון צונויפגעקלעפּטע פאַנירן), זשילקע (פּאַסקעס פון אַנדער קאָליר אין פאַניר).

2) פאַרבן און אַנד.: בייץ (ברוינע פאַרב פון האָלצ—אויך רויטע), לאַם (ליים)—(סטאָליערשער קליי), לאַק—לאַקיר, שעלליאַק—טרוקענער פאַרבשטאָף (צעלאָזן אין ספּירט, גיט ער צו אַ גלאַנץ דעם געפאַרבטן האָלץ), פּאָליטור (דער שעלליאַק, צעלאָזן אין ספּירט), פּאַקאָסט (אייל פאַר אייל־פאַרבן).

---

[1]) פאַר אַ ייִנגערער גרופּע. אַן אײַנפאַכער מוסטער.

[2]) מינים זעגן: גראַט־זעג (אַ קורצע זעג מיט אַ הענטל), האַנטזעגל, טראַטש־זעג (אַ גרויסע זעג אָפּ שנײַדן קלעצער), פּוג־זעג (אַ ברייטע קורצע זעג מיט אַ הילצערן הענטל פון איין זײַט), שווייפזעג (האַנט־זעג מיט גאָר אַ שמאָלן אײַזן — אָפּ שווייפן) און אַנד.

[3]) מינים הובלס: פּוצהובל (אָפּ אויספּוצן די פאַרטיקע ברעטער), פעדערהובל (צו מאַכן אַ קאַנט אין ברעט), פוגאַנעק (לאַנגער הובל — באַם אויסגלײַכן אַ ברעט), רײַסהובל (מיט האַלב־קײַלעכדיקן שאַרף באַם אײַזן, באַם טיפן הובלען) און אַנד.

[4]) מינים בויערס: גרײַצער (גרויסער בויער צו בויערן לעכער), צענטער־בויער (קליינער גרײַצער), שפּיצבויער — דינער אײַזן צו שטרײַכן אַ ברעט און אַנד.

[5]) געראָנג־ווינקל פון 135°, שמורגע־ווינקל מיט אַ באַוועגלעכער זײַט, מיט אַ שרויף און אַנד.

מעבל און מעבלטיילן. בלאַט (דעק פון טיש), לײַסט, פּאָסטאַמענט (אונטערשטער טייל פון שאַפע), פּיליאַנג (אַ דין ברעטל, זעצט זיך אַרײַן אין ראַם ווי אַ שויב), צאַנלײַסט (אַ לײַסט מיט ציין אין ווינקל פון אַלמער אַף האַלטן די פּאָליצעס), צאַפּן (ברעג פון ברעט, וואָס זעצט זיך אַרײַן אין דער אויסגעשטאַמטער לאָך), צאַרגע (אַ ברעט אָדער אַ ברייטע לײַסט צווישן צוויי פיס — בא אַ ברעג, אַ טיש), קאָפּ—קראַנץ (אייבערשטער טייל שאַפע), ראַם, שפּאָנע (אַ לײַסט אַף צוזאַמענהאַלטן ברעטער אין אַ טיר, אַ טישבלאַט און אַנדערע), אינקרעסטאַציע (פאַרשיידנפאַרביקע געמעלן אין פאַניר), ראָזעטקע (רונדע בלומען־שניצערײַען אַף מעבל) א. א. וו.

ג) שוסטערײַ (געווײנלעכע און מעכאַנישע)

באַלמעלאָכע און אויספירער פון באַזונדערע אַרבעטן:

שוסטער, געגריוועטער שוסטער (בא מעכאַנישע אַרבעט — מיט אײַזערנע און מעשענע שטיפטן אַף אײַזערנע קאָפּעטעס), שפּילקאָווע שוסטער (אַרבעט אַף הילצערנע קאָפּעטעס [1]), פּאַסאָווע (אָדער גאַלאַנטער־) שוסטער (די זוילן ווערן גענײט מיט דראַטווע אָנשטאָט צו קלאַפּן טשוועקעס), שטיוולמאַכער, סאַנדאַלן־מאַכער (באָסאַקמאַכער, וואַרשע). לאַטוטניק, קלאַפּער (קלאַפּט צונויף דעם שוך ביזן פוצן, בא געגריוועטער אַרבעט), פוצער (ענדיקט אַרויס בא געגריוועטער אַרבעט). ריכטאָווער (צושנײַדער פון זוילן און אַנדערע צודאַטן, וואַרשע), קאָווער (קלאַפּט אַרײַן די שפּיילן (שטיפטן) בא שפּילקאָווע געגריוועטער אַרבעט, וואַרשע), טשוועקער (בא באָסאַקמאַכער, וואַרשע), נייער (בא באָסאַקמאַכער, וואַרשע) אָפּצאַסנמאַכער (שטיקעוועט צוזאַמען אָפּצאַסן, וואַרשע).

אויסשטאַטונג און געצײַג: שוסטער־וואַרשטאַטל, ווערקשטעל (נידעריק אַרבעט־טישל), שוסטער־בענקל, דרײַפוס (נידעריק בענקל, צומיינסט אַף דרײַ פיסלעך [2]), האַמערס [3]), שוסטער־מעסער (ראַנט־מעסער), שאַרפשטיין (אָסלע), גלעטשטיין (גלאַט צו מאַכן דעם אָנגעשאַרפטן מעסער), אָל (נאָל; אין וואַרשע—שטילעכל, — אַף מאַכן לעכער אין די זוילן צו שפּיילן [4]), צוואַנג [5]), שפּאַנרימען (לעדערנער רימען צו צוהאַלטן דעם שוך אַפן שויס), שנײַדברעט, קראַווניצע (ברעט אַף שנײַדן דעם לעדער און אַנדערע זאַכן), קלאַפּשטיין (פּליטקע), — אַ שטיק קיזלשטיין אַף אויסצוקלאַפּן דעם לעדער, פּײַל, ראַשפּול (אָפּפײַלן די זוילן מיט מעשענע צוועקעס), לעפל (אַ פּײַל אַף אויסצוקראַצן די שפּיילן), אַמבוס (אַף אויסצובערענען דעם אָפּצאַס), קאַנטאײַזן אָדער

[1] אויך שפּילקאָווע־געגריוועטע — דאָסזעלבע וואָס געגריוועטע, נאָר אָנשטאָט מעשענע קלאַפּט מען אין די זוילן הילצערנע שטיפטן.

[2] דרײַפוס — איז אויך אַן אײַזערנער געשטעל מיט אַ קאָפּעטע. אַף לייגן גיך אַ רובטשיק.

[3] מינים האַמערס: קלאַפּהאַמער (אַ גרעסערער האַמער אַף אויסצוקלאַפּן לעדער אַף דער פּליטקע), ריכטעווע־האַמער — אַף ריכטעווען — אויסגלײַכן די זויל אַף שוך.

[4] קרומע אָל, ענגלשע אָל, קראַנצאָווע (גראָבע).

[5] בײַסצוואַנג (אָפּצובײַסן די קעפּלעך פון די טשוועקעס), טשוועק־צוואַנג (צום טשוועקעווען), נאָגל־צוואַנג — אַרויסצורײַסן נעגל־טשוועקעס.

פומעל — אפ אויסצוברעגעג דעמ קאַנט, שטופער—קארבט דעמ קאַנט פונ זויל, פוצ־רעדל (זוילנרעדל, בלימרעדל), — מאכט א פוצ אפ דער פאָדעשווע אָדער אָפּצאַס, סטאָפּקע (פונ האָלצ, מאכט א גלאַנצ אפנ קאַנט אָדער אָפּצאַס), שטיצע (א גלײַכ שטיק אײַזנ אפ האלטנ די קאָפּעטע בא געגריוועטער ארבעט), פּראווידלע (א לאַנגע קאָ־פּעטע צו שטיוול־כאָלעוועס), קאָפּעטע (קאפול), קלינ—אייבערשטער טייל קאָפּעטע, אײַנקלאַפּמאשינ (אפ אויסגלײַכנ די זאדניקעס), ראַנטמאשינ (שטעפּנ די ראַנטנ), שטעפּמאשינ (שטעפּנ די פּאָדעשווע), בערשטל־מאשינ (באַארבעט די גרייטע פּאַברי־קאַטנ), שטאַמפּמאשינ (שטעמפּלט די שיכ).

פּראָצעסנ פונ ארבעט: ריכטעוועג (צושנײַדג די זוילנ אונ דאָס איבעריקע), פּארטשוועקנ — די כאָלעווע מיט טשוועקעס אפ דער קאָפּעטע, שנירנ—פּארשנירנ (ריגעוועג, מינסק), — ארומנייענ מיט דער דראַטווע דאָס פּארטשוועקטע, מאכנ א דראַטווע [1] (פּארנ שנירנ), לאַדעוועג (אויכ שיקעוועג), — ארופלייגנ די זויל, צו־העפטנ די זויל (דערווײַל צוקלאַפּנ מיט א פּאָר טשוועקעס), שפּיילנ (אויכ שפּילקעווענ, קאָוועג), — ארײַנקלעפּנ די הילצערנע שפּיילנ אינ די לעכלעכ, דובלעוועג (ארומנייענ די זויל — בא א גענייטער ארבעט), אויסגלעטעוועג — אויסרײַבנ דעמ טרעט מיט גלאַט פּאַפּיר), שטופערנ (מאכנ קארבנ מיטנ שטופער), אויספּאַפּנ קלעצער (צונויפּ־שטעלנ אָדער צונויפּקלעפּנ אָפּצאַסנ פונ שטיקלעכ לעדער אָדער קארטאָנ), פּומלענ (אײַנרײַבנ מיט פּומעל דעמ קאַנט אָדער אָפּצאַס סע זאָל גלאַנצנ).

מאַטעריאַל.

א) לעדער אונ ספּוד (אונטערנייעכצ).

כראָמ, שאַוורא, פּולעדער (גראָבער לעדער), קאָנינע (פערדלעדער), יוכט, לאַקיר (גלאַנציק לעדער), בלייז (א סאָרט ווייכ לעדער), ליצ (די רעכטע גלאַנציקע זײַט פונ לעדער), מיזדרע (די לינקע זײַט פונ לעדער), פּוטרע (אונטערשלאַק פונ שטיוול־כאָלעווע), בראַנד־זויל (א דינערער לעדער צו לייגנ אינעווייניק אינ דער גאַנצער לענג פונ שוכ), שפּיצ (אונטערשפּיצ, אונטערקאָפּקע — א שטיק לעדער, וואָס האלט אופ דעמ פּאַסאָנ פונ שוכ איבער די פינגער), קעדרע (א שמאָלער פּאַס לעדער — מאכט דיקער די זויל), רובטשיק (א שטיקל אפ דער זויל).

ב) בײַ־מאַטעריאַלנ.

דראַטווע (זעט פריער), בירליימ (שטאַרקער קליי), שפּיילנ (שטיפטנ, פלעקלעכ), פּוצוואַקס, ווערצע (טינט־שמירעכצ), גלאַזור (א פליסיקײַט אפ צוגעבנ דעמ לעדער א גלאַנצ).

מינימ שוכווארג אונ טיילנ.

א) שיכ, שטיוול, שטיוולעטנ (אמאָל מיט גומי אינ די כאָלעוועס), פּאַנטאָפל (האלבע שיכ), קאַמאשנ, שטעקשיכ (אײַנשטעקערס), באָטנ ווארעמע שיכ פונ לעדער אָדער פעלצ, סאַנדאַלנ.

ב) קעפּלעכ, פּאָדעשווע, אָפּצאַס (זויל, קנאַפּל), כאָליווע, ראַנט, קאַפּקע, אויערל.

[1]) ווערט אזוי צוגעגרייט: א) מע זייפט אײַנ (צוליב גליטשיקײַט) אונ מע וויקלט דרינ צונויפ די פאָדעמ. ב) מע מאכט רישפּעס. רישפּע — עק פונ דראַטווע, וואָס ווערט צוגעשפּיצט אפ אײַנצופלעכטנ די כאַזער־האָר. ג) מע שמירט אײַנ מיט סמאָלע, די דראַטווע זאָל זײַנ שטײַפ. ד) מע פלעכט אײַנ כאַזער־האָר אינ דער פאָדעמ. ה) מע ווערקסט אײַנ מיט ווײַסע וואַקס—די דראַטווע זאָל זיכ ניט קלעפּנ נאָכ דער סמאָלע.

ד) שניידערײַ

באַלמעלאָכע און אויספירער פון באַזונדערע אַרבעטן.

שניידער. מענער־שניידער, דאמען־שניידער, צושניידער, באַנייער (באַנייט דעם אונטערשלאַק), שטעפּער (שטעפּט אַף דער מאַשין די נאָט), פּרעסער, לעכלשלײַפער.

אויסשטאַטונג און געצייג.

װאַרשטאַט. נייטיש, צושניידטיש, פּרעסטיש, הענגער, שראַגע (שטעקן־הענגער, דראָטן־הענגער).

מאָס (סאַנטימעטער — געווײַנלעך 149 סאַנטימעטער), ווירע, צייכנברעטל (אַף אויסצוצייכענען לויט דער מאָס די שטיק סכוירע). קרײַדלעך (צום צייכענען), שטופּל (אַ רעדל מיט צײַנדלעך אַף אויסצייכענען דורך אַ ווי־קרויקע עטלעכע שטיקער שטאָף מיטאמאָל אָדער אָנמערקן צייכנס אָנשטאָט טון עס מיט פעדער־שטעכ—אין גרויסע ניי־פאַבריקן. שער[1] נאָדל[2] פינגערהוט, פּרעס[3], פּרעסקלאָצ.

פוסמאַשין, האַנטמאַשין, מאָטאָרמאַשין, לעכערמאַשין, פעטלמאַשין (אַף מאַכן לעכער, פעטלקעס).

באַוועג־טיילן[4]: עלעקטרישער מאָטאָר (בא דער מאָטאָרמאַשין), פוסברעטל, פעדאַל (בא דער פוסמאַשין), הענטל (בא דער האַנטמאַשין).

טראַנסמיסיע־טיילן[4] (איבערטראָג־מעכאַניזם — פון באַוועגער צום אַרבעט־מעכאַניזם).

אַרבעט־מעכאַניזם[4]: מאַטעריע־ציִער (טראַנספּאָרטער), לאַפּקע (מאַטעריע־ציִער איז אַ ברעטעלע מיט צײַנדלעך אין־מאַשין. די לאַפּקע דריקט צו די מאַטעריע צו די צײַנדלעך. באַוועגנדיק זיך, ציט דאָס ברעטעלע צו די מאַטעריע).—שיפל (челнок). קאַטשקע (захватка). שפּולקע. פאַראַן אַ דרײַערלייִקע סיסטעם מאַשינעס: מיט שיפעלעך (דאָס שיפעלע באַוועגט זיך און ציט דורך דורך דעם שלייף די פאָדעם, וואָס איז אָנגעוויקלט אַף דער שפּולקע), מיט קאַטשקעס (דאָס שיפעלע מיט דער שפּולקע אומבאַוועגלעך, און אַ קאַטשקע פאַרכאַפּט דעם שלייף און ציט אים אַריבער איבער דעם שיפעלע), מיט קאַטשקעס־שיפעלעך.

פאָדעם־ציִער (אַ הייבערל אין פעדערשטן זײַט קעפּל בא דער ניימאַשין, וואָס פאַרציט דעם פאָדעם־שלייף אונטער דער מאַטעריע, נאָכדעם ווי דאָס שיפל ציט דורכן שלייף די אונטערשטע פאָדעם).

---

[1] ענגלשע — מיט שפּיצן אַף שערן גראָבע שטאָפן, עלעקטרישע שער און אַנדערע.

[2] פוירשע, פאַר גראָבער אַרבעט און אַנדערע. מאַשין־נאָדל. אַ בריוול נאָדלען, אַ טעשל נאָדלען נאָדל־טעשל).

[3] פּרעסל, אײַזן — פאַראָוועס פּרעסן, וואַרעמט זיך אָן מיט קוילן, גאַז־פּרעסן, עלעקטרישע פּרעסן מאַסיוע).

[4] די דרײַ הויפּט־טיילן פון יעדער מאַשין ביקלאַל.

פראָצעסן פון ארבעט.

אראָפּנעמען א מאָס, אָנצייכענען (צום שנײַדן) שנײַדן, צושנײַדן[1], נייען, אונטער־נייען (אונטערשלאַק), שטעפּן[2], פּעדעמען (ארײַנציִען א פאָדעם), אָנבעטן (וואַט), אויסהאַקן (לעכער, קעשענעס), אויסשלײַפן (לעכער), פּארזיימען (בּרעגן — פארבייגן איין מאָל אָדער צוויי מאָל דעם ברעג און פארנייען אים מיט דער האַנט אָדער מאַשין), ליאַמעווען (ארומנייען דעם ברעג מיט א פּאַסיקן שטאָף), סטריגעווען (פארנייען אף דערווײַל מיט גרויסע שטעך, איבערהויפּט מיט ווײַסע בײַוול[3]), באַציִען (באַדעקן איין שטאָף מיט אן אנדערן), פּרעסן[4].

מאַטעריאַלן.

א) **שטאָפן.** וואָלענע: דראַפּ, טריקאָ, געוואַנט, שעוויאָט. לײַנענע: פלאַניעל, פאַרוסינע, פּיקיי. באַוולענע: מאַדעפּאַלאַם, ציץ און אנדערע.

ב) אונטערשלאַק, לײַוונט, וואַט (וואָלענע, באַוולענע, געמישטע — וואָל מיט באַוול), וואַטין (דינע וואָלענע וואַטע איבערגעפלאָכטן מיט פּעדעם), קלאָטשע (א גע־מיינער סאָרט וואַט), וועטעש (אף צו באַדעקן די וואַט אונטער דעם אונטערשלאַק).

ג) פאָדעם (פאָדעם־קלעצלעך), פאַסמע־באַוול, קנעפּ (ביינערנע, הילצערנע, פּע־כענע, — פון סמאָלע און צעמענט, באַציִגענע מיט שטאָף און אנדערע), העקלעך, פּראָשקעס, ספּראָנטשקעס.

קליידונג און טײַלן.

א) הויזן, פּידזשאַק, מאַנטל, זשילעט, פּעלץ, לײַבל א. א.

ב) קאַלאָשע (טייל הויזן, וואָס נעמט ארום די פוס), לוג (פאַר־פרעסטער בויג איבער דער לענג פון די הויזן), ראָספּער (דער שניט אונטן), פּאָלע, לײַסט, קאָלנער, ארבל, מאַנקעט, לאַץ, פּאַטקע, פאַלד, הענגער (הענג־בענדל) א. א.

ה) שלאָסערײַ

מעלאָכע.

שלאָסער, טאָקער, בלעכער, קופּערשמיד (קאָטלער медник).

געצײַג.

האַמער[5], שער (רונדשער), זעגל, צוג־אייוועלע[6]. האָרנע (שמעלצויווג), קאָוואַדלע (שמידאײַזן), שפּארעק (שפּיץ טייל פון קאָוואַדלע), דרעל, בויער, צוואַנגען (בײַס־צוואַנג, פלאַכצוואַנג א. א.), אָפּצווענגע (קליפּט), שרובשטיק (קלאַמער тиски), פּרעס (פּרעסמאַשין, באַלאַנס), באָרמאַשין, דרייבאַנק[7] (טאָקמאַשין), וואַלצמאַשין (וואַלץ), וואַלן (טיילן וואָס וואַלצעווען), קאָרבע, פריזער־מאַשין, הובלמאַשין (строгательный станок), ציבאַנק (אף ציִען דראָט), ציצוואַנג, שאָבער, שאָבער־פּליטע (אף גלאַטמאַכן), מייסטל

---

1) איבערשנײַדן — צושנײַדן א צווייט מאָל, דורכשנײַדן (קעשענעס, לעכער) פארשנײַדן א. א.

2) צושטעפּן (צונייען מיט דער מאַשין), אָפּשטעפּן (ברעגן, פּאָלעס) א. א.

3) אויסטריגעווען — נאָכן אויסנייען, איבערסטריגעווען—ארויסנעמען די פריִערדיקע פאַסטריגע און לייגן א נײַע א. א.

4) אײַנפּרעסן, פארפּרעסן, צופּרעסן א. א.

5) האַנטהאַמער, העמערל א. א.

6) גליאַריווג.

7) מיט סופּאָרט, פּאַטראָנעס, באַבקעס א. א. טילן, שניצער (резец).

(מײסל (зубило), שרויפּאײַזנ (שנײַדאײַזנ) (винтовальная доска), צירקל [1]), מוטער־שלאָס (ключ гаечный), דורכקלאַפּער, דורכשלאַק (пробойник, אפּ דורכהאַקנ א לאָכ), טיגל (אפּ גיסנ מעטאַל, שמעלצבעכער), פײַלנ (שליכט־, פלאַכ־, רײַס־, רונד־, דרײַ־קאַנטיקע), לייטאײַזנ, ניט, קוועטשער, ריכטאײַזנ.

פּראָצעסנ פונ אַרבעט.

שמעלצנ, גיסנ, האַרטעווענ, אָפּלאָזנ, שטאַמפּעווענ, ווײַסנ, לייטנ, פײַלנ, בויערנ, דרעלעווענ, הובלעווענ, פריזעווענ (פרעזירנ), שניצנ, אויסריכטעווענ, וואַרעמענ (ניט אָנגליִענדיק), גליִענ, אַרײַנשרויפנ, פּאָלירנ, ניטעווענ, (שליכטעווענ шлифовать), שלײַפנ (выправлять), ציִענ (דראָט), פּאָלירנ, שאַברעווענ (גלאַט מאַכנ), אָנגווינטעווענ, אָנשנײַדנ (א מוטערקע, א צאַפּנ).

מאַטעריאַל.

בלעכ, [2]) אײַזנ [3]), שטאָל, טשוהונ, (גוסאײַזנ), צינ, מעש, קופּער, צינק (שפּיאַלטער), דראָט, צײנקל (אנ אָפּגעגאָסנ שטיק מעטאַל), שײדוואַסער (соляная кислота), אָליעמ (серная кислота).

גרייטע זאַכנ און טײלנ.

הענגשלאָס. בלאַטשלאָס, ריגל, פּאַרוקער (задвижка), קליאַמקע, שליסל, מוטער־שרויפ, באָלצ (שוואָרענ болт), קלינגל, ניט—ניטיק (заклепка), מוטערקע (гайка), שרויפ (גווינט, винт), פעדער (פּרוזשינע), קײטל, קעסל, צאַפּנ (קראַנ), האַקנ (крюк), רער (טרויב), שפּינט (טרײַבל, воронка), הייבער (рычаг), הייבלקע (ליפשיצ), ריכווע (רתק, обойма), שטאַכעטנ (решетка), פאַרשיידענע מאַשינ־טײלנ א. א. [4]).

ו) דרוקערײַ

אַרבעטער: זעצער, מעטראַנפּאַזש, דרוקער, לייגער (накладчик), קאָרעקטער (פאַריכט די גרײַזנ לויט די אָפּצוגנ), אײַנבינדער, ברױשירער (נײט צונויפ די בויגנס).

אויסשטאַטונג און געצײַג.

קאַסע (מעשופע שופלאָדנ צוליבנ שריפט), שריפט, העקל (ווערסטאַטקע — פאַר־בויגענע מעטאַל־ברעטלעכ צוליבנ זאַצ), שפּאָנע (דינ מעטאַלנ ברעטל צווישנ די זאַצ־שורעס) שפּאַצנ (שפּאַציעס — טײלנ אָפּ וואָרט פונ וואָרט אינ זאַצ [5]), גראַנקע (אײנ־קאַנטיק ברעטל מיט ווענטלעכ בא בײדע זײַטנ — פאַר די שטיקער זאַצ), פרעס (אפּ מאַכנ אנ אָפּצוג צוליבנ קאָרעקטער), אָל (באַם פאַריכטנ די קאָרעקטור), פלאַטנ (אָפּגעגאָסענער זאַצ), מאַטריצנ (דיק פאַפּיר מיט אָפּגעקוועטשטנ זאַצ אפּ אָפּגיסנ פלאַטנ), דרוקמאַשינ, באַראַבאַנ (די טײל דרוקמאַשינ, וואָס נעמט אַרופ די דרוקבויגנס), טאַלער (די טײל מאַשינ מיטנ דרוקזאַצ, וואָס באַוועגט זיכ הינ און צוריק).

[1]) קראַנצירקל (אפּ אויסמעסטנ די גרעב), שפּיצ־צירקל, קרומצירקל, לאָכצירקל (אפּ מעסטנ דעמ דיִאַמעטער פונ לעכער).

[2]) ווײַסבלעכ, שוואַרצבלעכ א. א.

[3]) פלאַכ־(שינע־) אײַזנ, רונדאײַזנ א. א.

[4]) גענויער זע „טערמינאָלאָגיע פאַר מעטאַלורגיע“, ייִדישע שפּראַכ 3—2, 30 י.

[5]) סײַ די שפּאָנעס, סײַ די שפּאַצנ זײַנענ נידעריקער און עטוואָס טיפער פונ די אויסיעס, — זײ טײלנ אָפּ, נאָר דאַרפנ ניט אָפּגעדרוקט ווערנ.

אמעריקאנקע (קליינע דרוקמאשין), ראָטאַציאָנס־מאשין, זאצמאשין, פאלצמאשין (אפּ צונויפבייגן די אָפּגעדרוקטע בויגנס).

פּראָצעסן פון ארבעט.

זעצן, אָפּציִען, קאָריגירן, ווערסטעווען (ברעכן דעם זאצ), איינשליסן (דעם זאצ אין מאשין), דרוקן, פאלצעווען (בויגן די אָפּגעדרוקטע בויגנס), אָפּגיסן (פלאטן).

מאטעריאל.

אָריגינאל (קסאוויאדן), פאפיר, פארב, פאפּ, צין, קלישע .א. א.

ז) לאנדווירטשאפט

מאכשירים און רעמאנענט.

פלוג, אקער, פוקער (אן אקעראייזן מיט 3—4 לעמעשן), לעמעש (מעסער פון פוקער, אקער), באָראָנע (פירעקיקע), ראָלע (ענלעך צו א באָרענע, דרייעק מיט לענגערע ציין ווי בא א באָרענע), טראקטער, סאָרטיראָווקע, זייעלקע (ווארפ־זייעלקע, רייז־זייעלקע), זיימאשין, סאפּקע (האקער, האטשקע), סאפּאלניק, קולטיוואטער (מיט 5 לאָפּעטעס פונפאָרנט אפּ צוויי רעדלעך, ווערט איינגעשפּאנט צו איין פערד — אפּ ווייכער מאכן דעם אייבערשטן באָדנשיכט און אונטערשניידן די מיסטגראָזן; מיטן סאפּאלניק סאפּעוועט מען דורך צווישן די שורעס קוקורוזע, קאַרטאָפל און אנד.), סערפּ, קאָסע, קאָסאָווידלע (שטעקן פון דער קאָסע), שניידמאשין, (שניטמאשין), קאָסאהאָן (טייל פון שניטמאשין וואָס באוועגט די קאָרע), ציפּ (דרעש־שטעקן), סנאָפּ־בינדער, הארמאן־שטיין, דרעשמאשין, אליינאראָפּווארפער (косарка самокладка), פּוצ־מאשין, פּאָכטל (א קלענערע פּוצמאשין; רייניקט, פאָכט די טוווע נאָך דער פּוצמאשין), טריער (קאָמבינירטע פּוצמאשין, רייניקט ווייץ, קאָרן), קאָמבייַן (קאָמבינירטע מאשין אפּ שניידן, דרעשן און סאָרטירן צוזאמען), לאָפּעטע, גראָבאייזן (זאסטעפּ), הראבליע, הייגאָפּל, ווידלע (ווילע), סיטשקארניע (עקסל־מאשין, соломорезка) שאָבער, (קראצער, אפּ אָפּשאָבן דעם טויק).

דאָס פעלד, (סטעפּ, לאנד).

אקער־ערד, בראָך, בראָכפעלד (פּערעלאָ, — לאנד וואָס פּוסטעוועט א צייט), שווארץ־בראָך (פּאָפּאר, „שווארצער פּאר״), גרינער בראָך, אמעריקאנער בראָך, טאָלאָקע (א שטיק פעלד פאר פּאשע), וויהאָן (ווינ), לאָנקע (לעוואדע), סולעווע (גרענעצ צווישן צוויי קולטורן, וואָליג), מעזשע, וואגע (שמאָלע לאנגע בייט), סקיבע (א שטיק אָפּגע־שניטן פעלד), סטערניע (דאָס פעלד נאָכן שניט).

לעם פעלד.

קלוניע (פאר פּאשע, אויך פאר אינווענטאר), טויק (гумно), שייַער, שפּייַכלער (זאסיק), סילאָס־טורעם, שטאל.

מאטעריאלן: זוימען (זריִע), אש, מיסט (גנוי), קיזיק (קייִש מיסט), סופּער־פאָספאט, סעליטרע, וואפנע א. א.

פּראָצעסן פון ארבעט.

אקערן, פּוקערן ((פּוקארן — אקערן מיט פּוקער), בראָנעווען, פּארוואָלאָטשען (מיט דער באָרענע די צעאקערטע ערד), זייען, יעטן (פּאָלען, סאפּען), ארומשארן

1) מיר גיבן עס (אויך ווייטער) אפּ קעגנשטעלן „פריִער און איצט״, נידעריקע און העכערע טעכניק.

(окучивать), שנײַדן, דרעשן הארמאנעװען (אויסקלאפּן די קערנער פון די זאנגען מיט א זעקסקאנטיקן שטײן, װאָס א פערד שלעפּט אום), (מעלױצען מיט א ציפּ), פּוצן.

סעזאָן.

אָרענקע (צײַט פון אקער), קאָסעװיצע („זשניװא", שניטצײַט, שניט), פּריפּער (страда), װאָזעװיצע (װען מע פירט דאָס ברױט).

טװױע (און אירע פּראָדוקטן).

קאָרן, װינטער־קאָרן (װינטער־ברױט, אָזימע), יאריצע (זומער־קאָרן), װײץ, זומער־װײץ (יארע־װײץ, יאריצע, יארע, יארענע), סאָיע, האָבער, גערשטן, קוקורוזע (װעלטש־קאָרן), גריקע (רעטשקע), װיקע (װעקע), ליוצערנע, קלעװער, פּראָסע, הײ, פּירײ (בעסטער סאָרט הײ), לײַן, שטרוי, מעקענע, קאָנעשינע (конское сено).

מיסטגראָזן און שעדיקער.

1) קוקיל, בראנד, אװסיוג (א מיסטהאָבער אין גערשטן), פויגלמילך, אָטאװע, טימאָפּײעװקע, קוראי, ביטערגראָז (פּאָלין) א. א.

2) סוסליקעס (כאװראקעס), ברױט־זשוק, העסן־פליג א. א.

אידיאָמאטיק און עלעמענטארע פּאָלקלאָרישע זשאנרען.

מיר האָבן ביז אהער בארירט איבערהויפּט פּאָלקלאָרישע לעקסיק (אינדיװידועל־קאָנקרעטע באטײַטן). װעלן מיר איצט אָנמערקן אײניקע פּאָלקלאָריש־פּראזעאָלאָגישע דערשײַנונגען. אָבער איצט שוין אויך א פּאָר װערטער װעגן עצם באגריף „פּאָלקלאָר". ס'איז דאָסזעלביקע, װאָס „פּאָלקשאפונג". אין בײדע באצײכענונגען האָבן מיר דעם באשטאנד־טײל „פּאָלק", װי עפּעס אן אײנהײַטלעכע, אײנארטיקע, ניט קײן קלאסן־דיפערענצירטע קערפּערשאפט. האָט שוין מעמײלע געפעלט אין אָט דעם באגריף סאָציאָל־קלאסעװע באשטימטקײַט.

מערער פארשפּרײט און אָנגענומענע איז איצט די באצײכענונג „פּאָלקלאָר", — אן ענגלישער טערמין, װאָס האָט צוערשט ארײַנגעפירט דער ענגלישער געלערנטער װיליאם טאָמס אין 1864 יאָר (אנטשפּרעכט דער טערמין Volkwissen, װאָס מע ברױכט טײלװײַז אין דײַטשלאנד). מיר האלטן זיך אויך בא דעם טערמין (אויך פריער — „קינדער־פּאָלקלאָר"), װאָס האָט פאר אונדז בלױז א באדינגלעך־װיסנשאפטלעכן באטײַט.

פּאָלקלאָר איז, אײגנטלעך, א ברײטער באגריף פאר א גאנצער רײ דערשײַנונגען פון שטײגער און װאָרטשאפן. פּאָלקלאָר קען שײַעך זײַן אי צו עטנאָגראפיע, אי צו ליטעראטור־װיסן און צו אנדערע קונסט־געביטן (מוזיק א. א.). אָפטמאָל איז עס א סינקרעטישע דערשײַנונג פון „פּאָלקשאפן". אונדז אינטערעסירט דאָ װאָרט־פּאָלקלאָר, פריער לעקסיק און איצט די קלענערע און גאָר קלײנע עפּישע זשאנרען דערפון: פּראזעאָלאָגיע, װערטל, שפּריכװאָרט, רעטעניש [1].

---

1) לירישע (פּאָלקליד), דראמאטורגישע (פּאָלקשפּיל) און עפּישע (מײַסע, מאָשל). פּאָלקלאָרישע זשאנרען װעל איך באַרירן אין א קומענדיקער ארבעט.

פראזעאָלאָגיע (אידיאָמאַטיק)

דאָס איז אײַנגעשטעלט־באַהעפטע וואָרט־גרופּירונג אין גע־
וויינלעכע רייד, אין פּראָזישן, ווי אין קינסטלערישן לאָשן. מיר
ריידן איצט פון „פאָלקסטימלעכער" פראזעאָלאָגיע. דאָס איז באַ־
שטענדיקער סטאַבילער ריידארט און אויסדרוק מיט איינ אומצעלייגיקן באגריף, ווו
מע פילט ניט די באזונדערע לעקסישע עלעמענטן: דאָס אייבערשטע ׳פון שטייסל,
פון פויגל־מילך, אפּ הינערייַע פיסלעך, האקן א טשייניק, אפּ א רעפּוע, „נעכטיקע טעג,
אפּן הימל א יאריד, א קו איז געפלויגן איבערן דאך" (ש. א.) א. א. וו. דער
פראזעאָלאָגישער אויסדרוק איז אופגעקומען אפּן בילדלעכן אויפן אין באשטימטן
סאָציאַלן ארום (וואָס ניט אלץ איז דאָ מעגלעך גלייך צו פעסטשטעלן). פון שטענדיקן
געברויך פארלירט אָבער דערדאָזיקער אָפּטמאָל קאָלאָריטישער מאסנדיקער אויסדרוק
זיין פיגורעלקייט, ווערט אן אבסטראקטע גראמאטיקאליזירטע פאָרמול.

פיל יידישע (ווי ניט־יידישע) פראזעאָלאָגישע אויסדרוקן שטאמען אָפּ פון א טראַ־
דיציאָנעלער און אלשטייגערישער אויסקומעניש: ביבליש (פון שיישעס יעמיי בעריי־
שיס, שיקער לאָט, האָמאָנס מאפּאָלע א. א.), מיפּיש־רעליגיעז (גאָט באהיט, דער רוען
ווייסט וואָס א. א.), פון פאָלק־דערציילערישער סיוזשעטיק (א באָבע־מייסע א. א.),
געשיכטלעך (פון כמעלניצקיס צייטן א. א.) א. א. וו. פאראן דאָ מאָדנע קאָנ־
סטרוירטע אידיאָטיזמען, וואָס שפּיגלען שפּאסיק אָפּ די אלטע „מאָדנע" ווירק־
לעכקייט: „ווען עס זאָל מעגלעך זיין א סויכער אין דעם קאָפּ אריינצוקוקן, וואָלט
אזש אָנגעכאפּט א שווינדל, זעענדיק, ווי עס דרייט זיך דאָרט פאר דיר עפּעס בוידעמ־
פאָלעצע, קאָטשערע־לאָפּעטע, לאָקשנברעטל, אינדיקזוימען, קאטשקע־פוטער, סוקע־שער
אלע איניינעם" (ש. א. „סטעמפעניו").

מיט פראזעאָלאָגיש־אידיאָמאטישן אויסדרוק איז פול און פול די מאסנשפּראך
(ביקלאל איז עס נאָר „פאָלקסטימלעכער" אויסדרוק, דערהויפּט ספּעציפיש פאר דער גע־
געבענער שפּראך). פראזעאָלאָגישער אויסדרוק איז דער אָנהייב פון פאָלקפּאָעטישן
וואָרט־שטייגער ביקלאל, וואָס האָט די טענדע צו אנטוויקלען זיך אין גרעסערע און
מער פארגאנצטע פאָלקפּאָעטישע איינצלען. שוין פריער („דאָס אייגנטלעכע און
פיגוראלע", „פארגלייכונג", „עפּיטעט") האָבן מיר געבראכט ביישפּילן פון „פאָלקס־
טימלעכער" פראזעאָלאָגיע, מע דארף דאָ בעיקער לייגן אכט אפּ נייע פראזעאָלאָגיע.

ווערטל, שפּריכוואָרט. אידיאָמאטיק קומט צום אויסדרוק אין מער פארגאנצטע
פראזעאָלאָגישע איינצלען, וואָס פאָרמולירן אפאָריסטיש און
אויסדריקלעך סאָציאַל־שטייגערישע סענטענצן, פּראקטישע לעבנ־דערפארונג, פאראל־
געמיינערטע אכטגעבונג, וואָרטשפּילערישע וויציקייט און שפּיציקייט. מיר האָבן עס
אין ווערטל, אין שפּאס־ווערטל. מיר זעען עס אין שפּריכוואָרט. דאָס שפּריכוואָרט
איז מערער פארגאנצט לויט דער פאָרם ווי דאָס ווערטל (מייסטנס מיט סוביעקט און
פּרעדיקאט), און דאָ זעצט זיך אָפּ און קומט קאָנדענסירט און טרעפיק צום אויסדרוק
אָנשויונג, דערפארונג, געוויסע פּאקטישע דערשיינונגען. פּרימיטיווער וויסן בא געוויסע
גרופּן און שיכטן, אין געוויסער צייט, סיטואציע, קלאסן־פארהעלטעניש, פראזע־
לאָגיע אין אירע פארשיידענע מאָדיפיקאציעס (מערער און ווייניקער פארגאנצטע)

קומט אָפטמאָל, ווי געזאָגט, אלס קערנ און טאמציס פונ גרעסערע און גרויסע פאָלקלאָרישע פּראָדוקטנ — פונ ליד, מײַסע, מאָשל, פאראבל, אנעקדאָט א. א. עס איז נאָכ דאָ, ליידער, ווייניק וואָס באלויכטנ אָדער באלויכטנ פאָלקיסטיש, אָנ נייטיקער מארקסיסטישער באשטימטקײַט, סע פאָדערט זיכ ערשט א גאָר גרויסע ארבעט צו אויפדעקנ און ריכטיק באנעמענ אָט דעם וויכטיקנ אָפשניט פונ מאסנדיקנ ריידארט.

מע דארפ זײַנ פאָרזיכטיק און איבערקלײַבעריש באם אויסנוצנ ווערטל און שפּריכוואָרט אינ שול. פאראנ דאָ גאנצע פלאסטנ פונ ביבליש־טאלמודישנ אָפשטאם, פונ פארצײַטיש־רעליגיעזנ וועלט־באנעם, פונ באלעבאטיש־אייגנטימערישנ מוטער־האסקל, פונ בורזשואז־גווירישער מאָראל ביקלאל. מע דארפ דאָ איבערהויפּט נעמענ דאָס אלגעמיינ־דעסקריפּטיווע (נאטור, באלכײַ), דאָס סאָציאל־ווערטיקע (ארבעט), דאָס שטייגעריש־געשיכטלעכע (פּאָרעצ, קאָהאָל א. א.). לייגנ אכט אפנ נײַעם ווערטל און שפּריכוואָרט, וואָס קומט איצט אויפ בא נײַע לעבנ־פּראָצעסנ. אינ אנ עלטערער גרופּע קענ אזא מאטעריאל געגעבנ ווערנ מער סיסטעמאטיזירט, מע קענ דאָכ אויכ אָנווײַזנ אפ געוויסע „וואנדערנדיקע” מאָטיוונ, פארגלײַכנדיק יידישנ און ניט־יידישנ מאטעריאל אזא.

רעטעניש.

רעטעניש[1]) איז שוינ אנ אויסגעפּרוווט מיטל פונ ארבעט אפנ וואָרט אינ שול. האָט נאָכ אושינסקי בעשאטוי אָנגעוויזנ, אז „רעטעניש ברענגט צו אינטערעסאנטער און נוציקער קלאסנ־ארבעט, וואָס וועט זיכ פארפעסטיקנ אינ קינדערשנ קאָפּ טאקע דערפאר, וואָס זײַענדיק מאָלעריש און אינטערעסאנט פארנ קינד, וועט עס שטײַפ ארײַנ אינ קינדערישנ זיקאָרנ, ציענדיק נאָכ זיכ אויכ די אלע דערקלערונגענ, וואָס זײַנענ דערמיט פארבונדנ”. באנאנד מיט בעסערנ פּראזעאָלאָגישנ אויסדרוק קומט די רעטעניש צו באַרײַכערנ מיט איינפאכ־אויסדריקלעכנ און קאָנקרעט־אסאָציאטיוונ וואָרט.

אויכ פריער איז רעטעניש (ווי שפּריכוואָרט) געווענ אינ די לייענביכער פאר דער שול. אינ דער יידישער שול איז עס א לאנגע צײַט געווענ א „זעלטנ ארטיקל”. איצט טרעפנ מיר עס אויכ אינ אונדזערע ביכער פאר דער שול. ווייסט מענ שוינ אויכ בא אונדז דעם ווערט דערפונ. מיט באפרידיקונג לייענסטו: „די, וואָס האָבנ געפּרוווט דורכארבעטנ מיט א גרופּע ענלעכנ מאטעריאל, ווייסנ גאנצ גוט דעם באזונדערנ כיינ און רייצ, וואָס די רעטעניש האָט אינ דעם קינדס אויגנ. ס'איז שיינ צו קוקנ, ווי א גאנצער קלאס קינדער זיצט און שארפט די קעפּ, וואָס איז דאָס: „ווײַס ווי שניי, גלאטיק ווי אנ איי, אז מע קוקט אפ דעם איז עס שטענדיק צוויי (א שפּיגל)”. די קינדער פארשאפט עס דעם גרעסטנ פארגעניגנ, סע וועקט בא זיי דעם קויעכ־האדימיענ און סע שטויסט זיי אפילע צו שאפנ אליינ רעטענישנ. אזוי האָט איינער פונ אונדזערע טאלמידים נאָכ אזא לימעד אפ מאָרגנ געבראכט אינ קלאס א רעטעניש, וואָס ער אליינ האָט צוגעטראכט, און מע האָט באדארפט זענ די פרייד און שטאָלצ פונ קינד, וואָס האָט נאָכ דער דערלויבעניש פונ לערער

[1]) ס'איז, אגעפ, א פארצײַטישע שטארק באליבטע פאָרמ פונ פיגוראלנ ריידארט, פונ קעגנשטעלונג און פארגלײַכ.

א פרעג געטונ דעמ קלאס: „ס'איז ניט קיינ וואסער אונ ס'רינט, ס'איז ניט קיינ ליכט אונ ס'שיינט — וואָס איז דאָס? (עלעקטרע)“ [1].

די רעטעניש־דיקע פארגלייכארטיקייט דארפ איבערהויפּט געבונדנ זיינ מיט קאָנ־קרעטע ארומ־מאָמענטנ, דארפ שייעכ זיינ צו דער שול־טעמע. דעמאָלט שטעקט זי אָנ די קינדער מיט אָט דעמ שפּילעוודיק־שעפערישנ אופנאמ, מיט בילדלעכ־פארגלייכיקער וואָרט־פאָרמ. דאָס איז איינע פונ די אָנציענדיקסטע פרימיטיוו־שעפערישע זשאנרענ, וואָס רעגנ אָנ די קינדערשע ארויסבאווייז־מעגלעכקייטנ. איר האָט דאָ די דערשיינונג פונ וואָרטשפּיל ביקלאל, פונ וואָרטשפּיל אפ געדאכטנ אלאָגיזמ (אקסיומוראָנ: „כ'גיי אפנ קאָפּ אונ בינ אפ די פיס, כ'גיי באָרוועס אונ בינ אינ די שיכ“ — טשוועקל אינ אָפּצאס), מעטאפערישקייט, פארגלייכ, קעגנשטעלונג, ריטמישקייט אונ גראמ, קלאנגענמאָלערישקייט.

פאָלקלאָר־אופּגעבונגענ.

מיר וועלנ איצט אָנווייזנ א ריי ארבעטנ אפ פאָלקלאָר אונ מאסנ־וואָרט אינ שול. אופגעבונגענ קענענ דאָ זיינ אזוינע:

1) אופקלייבנ אָרטיקנ וואָרט־מאטעריאל (זעט וויטער „פּראָגראמ“)

2) קלאָר מאכנ דעמ באטייט פונ פראזעאָלאָגישע אויסדרוקנ (פארבייטנ מיט אנ אנדער פראזע).

א) קאָפּ אפ קאָפּ	אָנ א קאָפּ	
מיט קאָפּ	מיטנ קאָפּ אראָפּ	ב) ארבעט איבערנ קאָפּ (איבער תאלדז)
האלטנ קאָפּ	איבערנ קאָפּ	ארבעטנ אפ אלע קיילימ
א קאָפּ אפ די פּלייצעס	ברעכנ די קאָפּ	ארבעטנ מייסימ
קלאפנ אינ קאָפּ אריינ		ארבעטנ מיט די זייטנ

ג) יידישע פּאָטשט! (איראָניש. שטאמט פונ יענער צייט, ווענ מע פלעגט שיקנ בריוו דורכ די יידישע באלעגאָלעס, וואָס פלעגנ זיכ ניט איילנ צו איבערגעבנ).

3) זאמלענ אונ גרופירנ פראזעאָלאָגישע אויסדרוקנ (צו די טעמעס). לייגנ דעמ עיקער אכט אפ דעמ נייעמ מאטעריאל:

מיטנ פּאָנעמ צו..., נעמענ אפנ בוקסיר. אפ אלע הונדערט פּראָצענט. רויטער טאָוול, שווארצער טאָוול. אָקסענע טעמפּנ א. א.

4) קלאָר מאכנ דעמ באטייט פונ געוויסע שפּאסווערטלעכ. צוגעבנ ענלעכע.

א קו איז איבערנ דאכ געפלויגנ אונ האָט אנ איי פארלוירנ.

מיינ פערדס בייטש־שטעקעלע איז געווענ בא זיינ זיידנס וואָגנ א פלעקעלע (אפ א וויטנ קאָרעוו).

איז דענ דיינ טאטע א גלעזער? (ווענ מע פארשטעלט).

א טויבער האָט געהערט, ווי א שטומער האָט דערציילט, אז א בלינדער האָט אליינ געזענ, ווי א קרומער איז געלאָפנ (אפ אנ אומגלויבלעכער מייסע).

צווישנ אלע שוסטערס איז דער בעסטער שניידער יאָסל דער סטאָליער, ער מאכט א היטל, ליגט עס אפנ קאָפּ ווי א הענטשקע.

ווענ די לעוואָנע וועט זיכ אָפּקעלבנ, וועט איר מאכנ א מילכווירטשאפט (קאָלאָניע „קאָמזעטאָווקע“)

5) צונויפשטעלנ אייגענע שפּאסווערטלעכ, גלייכווערטלעכ ווענגנ אומריינקייט, אפ ניט־אויספּילנ קיינ ארבעט א. א.

6) זאמלענ אונ גרופירנ שפּריכווערטער (צו דער טעמע). לייגנ אכט אפ פּאסיקנ נייעמ מאטעריאל.

[1] „ראטנבילדונג“ 29, 8.

דער לערער קען דאָ אַפּ פריִער אופשרײַבן אַפּ קאַרטלעך אַ ריי שפּריכווערטער אַפּ יעדער דורכגעאַרבעטער טעמע. ער צעגיט די קינדער די קאַרטלעך איבער־געמישט, די קינדער דאַרפן זיי אופגרופירן. באַ די שילער קען, אַגעפּ, אופקומען אין געדאַנק פאַרשיידנערליי פאַלן און בײַשפּילן, וואָס פּאַסן זיך מיט די שפּריכווערטער. אַ פּאָר בײַשפּילן פון אופגרופירטע שפּריכווערטער.

א) די שווערסטע מעלאָכע איז ליידיק צו גיין.
אַז מע איז פויל האָט מען ניט אין מויל.
האָרעווע מיידעלע, וועסטו האָבן אַ קליידעלע.
אַרבעט גיט ברויט, פוילקייט — נויט.
לייג ניט אָפּ אַפּ מאָרגן, וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן!
אַז מע האָט אין דער האַנט אַ מעלאָכע, קומט אין
שטוב אַרײַן די בראָכע.
מעלאָכע איז מעלוכע.
אַן אָפּגעשיילט אייעלע קומט ניט גלײַך אין מויל אַרײַן.
אַ מעלאָכע איז אַ פּאַנצער פאַרן דאַלעס.
פיל הענט מאַכן מיט דער אַרבעט באַלד אַן ענד.
קיין געבראָטענע טויבן פליִען ניט אין מויל אַרײַן.
אַ מאַזאָלקע איז בעסער פון אַ פּראַנזאָלקע (באַ ע. גאָרדאָן).
ב) עס שפּאַרט שוין אָן אין דער שוסטער־גאַס.
ער איז אויך ניט קיין הינקענדיקער שנײַדער.
(געבן עס קעגנשטעלט צו „א״: די פּאַראַכטלעכע באַציִונג צו אַרבעט און באַלמעלאָכע מיצאַד־
דעם באַלעבאַטיש־סאָכרישן שיכט).
ג) אַזויווי די זריִע, אַזוי איז די טווּע.
אַז מע זייט וואַקסט.
אַפּ שוואַרצער ערד וואַקסט גוטע טווּע.
ד) דער פּרומאַק קלאַפּט אין וואַנט און מיינט אין האַנט.
פרום ווי אַ שטעקן און זוכט ווי צו לעקן.
ה) שמײַס דעם פערד מיט האָבער, ניט מיט דער בײַטש.
אַז מע וויל האָבן קי, מוז מען האָבן מי. ער גייט אים נאָך, ווי אַ קו אַ קאַלב.
אַז מע שערט די שאָף, ציטערן די לעמעלעך. איין פּאַרשיווע שאָף מאַכט אַלע שאָף פּאַרשיווע.

7) אַרבעט אַפּ רעטענישן. מאָלן דעם ענטפער. קלאָר מאַכן די פּאָעטישע מאָ־מענטן אין רעטעניש (פּאַרגלײַך, פּאַראַלעליזם, גראַם א. א.). גרופּירן לויט די טע־מעס נאָך, ווי אַשטייגער (מיר ברענגען דאָ ניט נאָר קיין פאָלק־רעטענישן).

א) ניט קיין קלייד און געגייט, ניט קיין בוים און פול מיט בלעטער (בוך).
פינף אָקסן אין איין אַקער, ווײַס געשפּרייט, שוואַרץ געזייט (האַנט, פּאַפּיר, טינט־און־פּען).
אַ לעבעדיקער שלאָגט אַ טויטן, דער טויטער שרײַט און סע הערט זיך ווײַט (גלעקל־קלונג).
ווער קומט צום ערשטן אין שול? (דער צווייטער).
ב) אַ געדיכטער וואַלד, אַ פּוסט פעלד, צוויי לאַמטערנס, איין גלאָק, צוויי הענט, צוויי
שנירלעך גרעט, דער באַלעבאָס באָדט זיך (האָר, שטערן, אויגן, נאָז,ביידע באַקן, ציין, צונג).
עס ליגט אַ באַלקן אין וואַסער און ווערט ניט נאַס — אַ צ ו נ ג, טרעפט וואָס איז דאָס
(פּרעגן גיך).
ג) פיר געצויגן, צען געבויגן, אַ קאָפּ אונטן, אַ קאָפּ אויבן (באַם מעלקן אַ קו)
איבער באַרג און איבער טאָל גייט אַ פּוטערל פון וואָל (שעפּס).
ווער האָט אַ קאַם און קען מיט אים ניט קעמען? (האָן).

א ווײַסער מויער און א געלער מויער, ווײל מען צוקומען צום געלן, מוז מען צעברעכן דעם ווײַסן (איי).

ד) גרין ווי גראָז, און נאָך ניט דאָס, רויט ווי בלוט און נאָך ניט גוט, שווארץ ווי קויל, — איז דאָך חויל (קארשן).

זומער טוט ער אָן דעם פעלץ, ווינטער טוט ער אויס דעם פעלץ (בוים).

זומער און ווינטער שטענדיק גרינט ער (טענע).

הויך ווי א מויער,
פעסט ווי א פויער,
ביטער ווי גאל,
זיס ווי צוקער (בוים
בלעטער, פײרעס).

דער קאָליר איז געל און רויט,
ווײַס דאָס פלייש אונטער דער הויט.
און אינעם פלייש — גריבעלעך,
פינף קליינע שטיבעלעך.

און אין די פינף קעמערלעך
וווינען פינף מענערלעך.
ווײַסע מענער זײַנען זיי,
שווארצע קליידער טראָגן זיי.
(עפל).

א לאטע אף א לאטע און קיין נאָט איז ניטאָ (קרויט).

שטייט אפן פעלד און וויקלט זיך און וויקלט זיך קיין מאָל ניט אום (קרויט).

ה) אלעמען באנייט עס, אלעמען באקליידט עס, און אליין גייט עס באקעט (נאָדל).

קליין, דין, שלעפט דאָס עקעלע דורכן לעכעלע (נאָדל־פאָדעם).

צוויי רינגען, צוויי עקן, אין מיטן א צוועקל (שער).

זיצט א צווייפוס
אף א דרײַפוס,
האלט אן איינפוס.
קומט א פירפוס,

כאפט דעם איינפוס,
לויפט דער צווייפוס,
יאָגט דעם פירפוס,
פאלט דער דרײַפוס. (שוסטער אפן בענקעלע האלט

א שוך, קומט א הונט, כאפט דעם שוך. דער שוסטער לאָזט זיך נאָך אים, פאלט אום דאָס בענקעלע).

וועג ניט א שנײַדער אומזיסט? (ווען ער פארגעסט צו מאכן א קניפל).

ו) עסט ניט קיין היי, קײַט ניט קיין שטרוי, ניט קיין אָקס, ניט קיין פערד—און אקערט די ערד (טראקטער)

ז) פליט אָן פליגל,
מויערט אָן ציגל,
לייגט זיך ווי א האר,
שטייט אוף ווי א נאר (שניי)

ח) ווער מאכט א בריק אָן א האק, אָן א זעג (פראָסט)

— קרומער געפרוירענער, וווהין גייסטו ?
— נאר דו געשוירענער, וואָס פרעגסטו ?
איך בין שענער ווינטער א געפרוירענער,
ווי דו זומער א געשוירענער (טײַך און פעלד אָנהייב ווינטער).

ט) בא דעם מויער, בא דעם טויער — א געל הײַזל. מיט אן אויער, מיט א שפעלטל—קליין אפילע פאר א מײַזל. קומט נאָר עמעצער אין הײַזל, שאָען עטלעכע דאָ ליגט, ווערט ער גלײַך צעיאָגט, צעשיקט. גיך און גיכער, און אף זיכער, דאָס אהער און דאָס אהין, ווייסט אליין ניט ווו, וווהין (פאָסטקעסטל).

8) שאפן אייגענע רעטענישן. אָט זײַנען, אשטייגער, אייניקע קינדערשע רע־טענישן (געשאפן באם דורכארבעטן פאָלקרעטענישן).

שטייט אין צימער בא א ווענטל
אָט אדאָ,
אָן א פעג און אָן א הענטל
שרײַבט און רעדט
טאָ־טאָ־טאָ־אָטאָ (שרײַב־מאשינקע)

א פאָדעם און בײַסט זיך (עלעקטרע)
אָן פיס און אָן הענט
קלינגט און שוועבט (טראמוויי)

דער ארבעטער דער פרייליכסטער
אין ווארשטאט.
קלאפט און שמידט —
טו־טו, טאט־טאט (האמער).

פראָגראַם אַף וואָרט־זאַמלונג אין שול.

אָרט.

1) וויאַזוי רופט מען דאָס אָרט. פריִער, איצטער. וואָס האָט דאָ די רעוואָליוציע געביטן? וואָס דערציילט מען וועגן אופקום פון אָרט?

2) נעמען פון גאַסן, הינטער־גאַסן, פלעצער, מערק. פריִער און איצטער [1]. פאַרקן. דענקמעלער.

3) נאָמען פון טײַך, ברעג, וואַלד. מאַסן־באַצייכונגען פון איבערפלאַך, טײַך (און זײַנע טיילן) א. א.

באַפעלקערונג.

1) פאַרשפרייטע פאַמיליעס, צונעמענישן (דערקלערן אייניקע פון זיי). נײַע נעמען, פאַמיליעס, וואָס די רעוואָליוציע האָט מיטגעבראַכט [2].

2) באַשעפטיקונג. פריִער און איצט. אַרבעט און אונטערנעמונג. איינע־צוויי וויכטיקע אונטערנעמונגען לויט אויסשטאַטונג, געצײַג, אַרבעט־פּראָצעסן, מאַטעריאַלן, אויסאַרבעטונג (לויטן פריִער געבראַכטן מוסטער).

3) קולטור און שטייגער (אָפּרו, פאַרוויַילונג, קלוב, דאָרף־הויז, לייענשטיבל). אַלטע יאָנטויוים (אָפּגייענדיקער שטייגער ביקלאַל). נײַער יאָנטעוו. וואָך און קעסיידער־וואָך, כוידעש פריִער און איצט.

4) רייד. אַלטע ווערטער, נײַע ווערטער, אָרטיקער וואָרט־מאַטעריאַל (אײַנגעגנט אין אין אײנצלנע פונקטן). ווערטל, שפּריכוואָרט, רעטעניש, פאַרגלײַך, עפּיטעט א. א.

5) קינדער־פאָלקלאָר. לידעלעך, שפּילן, גיכווערטלעך, קינדערשע ווערטער און אויסבילדונגען [3].

6) ווערטער פון יִדישן ראַט, געריכט, מיליציע־באַציִרק א. א.

הויז און אין הויז.

1) געבײַדע. פאַרשיידנערליי געבײַדעס — געזעלשאַפטלעכע, מעלוכישע, אַלטע, נײַע.

2) פאַרשיידענע טיילן געבײַדע. צימערן.

3) ווילאײַנאָרדענונג פון געבײַדע (אַף וואַסער, הייצונג א. א. וו.). דאָס גאַנצע און די טיילן.

4) מעבל. קיילים. באַצירונג.

נערונג.

1) מאַכאָלים. אָרט צוגרייטן. פריִער און איצטער.

---

[1]) די קינדער טרעפן זיך מיט אַזוינע מאָמענטן אין זייערע לייענביכלעך. „א גרויסער פּלאַץ אינמיטן שטאָט מינסק. אַמאָל האָט ער געהייסן קאַטעדראַל־פּלאַץ, איצט הייסט ער — פרײַהײַט־פּלאַץ“... „די פענצטער קוקן אַרויס אַף קאָנדזיאָווקע — א באַרגיק וואַלדיק אָרט אַזאַ, וווּהין — איך געדענק נאָך פון קינדהײַט אָן — עלטערע לײַט פלעגן גיין שפּאַצירן אין די זוניקע און ליכטיקע שאַבעס־נאָכוואַרמעסן, און יונגוואַרג — אין די טונקעלע אָוונטן... קעדיי אָנצוקומען אַהער פלעגן די אײַנוווינער פון דער שטאָט דאַרפן מאַכן א גרויסן אומוועג, דורך געסלעך און דורך גריבערדיקע ראָוון. דער קאָנדז, וועמען אָט די גאַנצע געגנט האָט געהערט, האָט קיינעם פון דער שטאָט־באַפעלקערונג ניט געלאָזט דורכגיין מיט דעם הויפּט־וועג, וואָס האָט געפירט דורכן קאָסצאָל־הויף. די צווייטע באַרגיקע פאָרשטאָט — אויך א געוווּנטשן אָרט פאַר זומערדיקע שפּאַציר־גענג — איז אויך געווען אין גאַלאַכישע הענט, אין די הענט פונעם פּאָפּ, און האָט טאַקע אַזוי געהייסן — פּאָפּאָווששטשינע... א פּאָפּ פון רעכטס, א קסיאָנדז פון לינקס, און אינמיטן — דאָס העקדעש־געסל... נאָר איצט, איצטער...“ (פון ב. גלאַזמאַנס א באַשרײַבונג). זעט וועגן דעם אויך אין די אויפגעבונגען צו קאַפּיטל „אייגנטלעכע און פיגוראַלע רייד“ („וואַלדהיים“ א. א.)

[2]) זעט פריִער „אייגנטלעכע און פיגוראַלע אין רייד“.

[3]) זעט פריִער „ערשטע קינדערשע רייד־אָנזאַמלונגען“.

2) געטראנקען.

אָ נ ט ו ן.

1) נעמען פאר פארשיידנערליי קליידונג (דאָס גאנצע אין טיילן). פריִער און איצטער.

2) שוכווארג (דאָסזעלבע).

3) פרויען־און מענער־אָנטון. קינדערשע קליידונג.

ב א ט ו ר ־ ד ע ר ש יַ נ ו נ ג ע ן.

1) צײַטן פון יאָר. טיילן פון טאָג. נאַכט. צושטאנד פון וועטער.

2) געוויסער, אָדליגע, זאווערוכע א. א. וו.

ב א ל ע כ א יִ ם.

1) אָרטיקע באצייכענונג פון פארשיידנערליי מינים באלעכאיִם, (היימישער באלעכײַ, כײַעס, פיש, פויגל, אינזעקטן).

2) וויאזוי רופט מען, וויאזוי טרײַבט מען, וויאזוי רעדט מען צום פערד, קו, כאזער א. א.

3) עסן פון באלעכאיִם.

ג ע װ י ק ס ן.

1) אָרטיקע אָנרופן פאר בוימער (און טיילן), גראָזן, קוסטעס ,פרוכט, בלומען (א טיילן), טוועס, טעכנישע געוויקסן, נוציקע און שעדלעכע געוויקסן.

2) וואלד און זײַנע טיילן.

דאָס איז אינקורצן. אָבער פאר דער שול איז עס איבערגענוג. באם זאמלען און פארשרײַבן געווײנען צו זײַן ווי מעגלעך פינקטלעך. פארצייכענען וואָס נעענטער צום ארויסברענג (אפּ א העכערער שטופע ארײַנפירן אויך געוויסע באדינגלעך־פאָ־נעטישע צייכנס). שטעלן דעם אקצענט. די ווערטער, וואָס זײַנען ווייניק באקאנט, דערקלערן גלײַך מיט א צווייט וואָרט, מיט א פראזע. אָנווײַזן דעם מין, די צאָל, בא ווערמען פארשריבן.

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן אפן שפראכלעכן און פעדאגאָגישן ווערט פון אזא ארבעט אין שול. זי האָט טיילמאָל אויך א גרויסן געזעלשאפטלעכן באטײַט. מע דארף, געווײנטלעך, ניט איבערשאצן דעם ו י ס נ ש א פ ט ל ע כ ן ווערט פון אזא ארבעט. דער שווערפונקט איז דאָ אינעם עצעם געווײנען צו אופזאמלען (אויס־נוצנדיק די קינדערשע נייגונג צו קאָלעקציאָנירן), צו אכטגעבן און דורכארבעטן שפראכלעכן וואָרט־מאטעריאל אין לעבעדיקער באריִרונג מיטן ארום, אין אָנייגענעם קולטורעלע געווינהײַטן, אין וועקן א געוויסן טעאָרעטישן אינטערעס. און אָנהייבן דארף מען פון אייגענער היים, פון נאָענטן ארום [1].

---

[1]) באנאנד מיט מאסנדיקן וואָרט און אויסדרוק פארמאָגט די שפראך גאנגבארע טרעפיקע פראזע־אָלאָגיע און „געפליגלטן״ ריידארט פון ליטערארישן־קאָמפליצירטן שניט (מעמיילע שוין פון קאָמפליצירטע טאָכ און באטײַט). עס קער אהער א פארביק־געפּרעסטע באצייכענונג, א שארף־אָנגעמאָסטענע פאָרמולירונג, וואָס מע הייבט עס אָן ברייטער און פארשפרייטער אָנווענדן (סע נעמט זיך נאָפ, געווייגלעך, דערפון, וואָס מע זאָגט עס און סע שרײַבט עס).

דארף מען דערופ אלעמאָל אופמערקזאם מאכן אין שול. אין אן עלטערער גרופּע פארנעמט מען זיך דערמיט ספעציִעל, מע זוכט אופ אזא מאטעריאל, מע סיסטעמאטיזירט מיט די געהעריקע אָפּמערקונגען. מע דארף דאָ דעריקער לייגן אכט אפ ב יַ ע „געפליגלטע״ ווערטער, ווי אשטייגער:

XV. וועגן אייניקע אַלגעמיינע טענדענצן אין אויפקום פון נײַעם וואָרט

נאָך די אויבנגעבראַכטע קאַפּיטלען איז קעדײַ אָנמערקן אייניקע אַלגעמיינע גרונט־טענדענצן, וואָס שײַכן צו נײַער מאַסנדיק־פּראָלעטאַרישער לעקסיק און וואָרט־שאַפונג.

א) פיל אַלטע ווערטער באַנײַען זיך סעמאַנטיש צוליב נײַעם געברויך און אָנווענדונג אָדער סע ספּעציאַליזירט זיך זייער באַטײַט. מיר האָבן דאָ אָפּטמאָל דעם דיאַלעקטישן גאַנג פון גאָר אַלטן טאָך צו גאָר נײַער וואָרט־קוואַליטאַציע באַטײַט (זע אין קאַפּיטל וועגן נײַעם און אַלטן וואָרט).

ב) דער שטורמישער שטראָם פון נײַעם וואָרט איז פול מיט עקספּרעסיע. דאָ קומט צום אויסדרוק די קאָנקרעטע נײַשעפערישע וואָרט־ענערגיע פונעם אַרבעט־מענטשן (צוגויפלי, אָנפלי, לײַכטע קאַוואַלעריע). ציען צוט זיך אָט דער שעפעדיקער קוואַל פון פאַרשיידענע זײַטן: פון „פראָנט“־באַגריפן (אָנגרײַפן — אָפּן באַלעגוף, מאָבילייזירן — די מיטלען), פון פּראָפעסיאָנעלן לשון — (דערלאַנג (даешь), נעמען אָפּן בוקסיר), פון אַרגאָ (דעקן, פאַרשיטן זיך) א. א. וו. (זעט וועגן דעם אין די קאַפּיטלען „דאָס אייגנטלעכע און פיגורעלע אין רייד“, „פּאָלקלאָר־עלעמענטן“ א. א.).

ג) אין נײַעם וואָרט־שטראָם איז באַזונדערס גרויס די ווירקונג פון סאָוועטישן רוסיש (ווי אויך אוקראַיניש, ווײַסרוסיש). דאָס איז צו מערקן סײַ אין לעקסיק (אַנאַלאָגן, קאַלקעס), סײַ אין וואָרט־בילדונג (סופיקסן, אַדיעקטיוויזאַציע א. א.). דידאָזיקע געזעצמעסיקײַט און .נאַטירלעכע באַווירקונג האָט, געוויינטלעך, ווייניק וואָס צו טון מיט דער אָנגעטראַכטער „רוסיזאַציע“־טעאָריע, וואָס מיר האָבן פריער אָפּגעמערקט.

ד) ס'קומט צו אָן אַן אויפהער און פון פאַרשיידענע קוואַלן נײַע וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטעכנישע טערמינאָלאָגיע און נאָמינאַציע אַף פאַרשיידענעם אויפן אויסגעפורעמט (לויט די גרונט־עלעמענטן פון ייִדיש און אין העסקעם מיט דער אוניפיציר־טענדענץ, וואָס מיר מערקן בִּיכלאַל אין שפּראַך).

ה) ס'גייט א האַסטיקער דעהעברעיִזיר־ און דעאַרכיִזיר־פּראָצעס (זעט דאָס קאַפּיטל „דאָס אַלטע וואָרט“), סטיכיש און אָרגאַניזירט קומט פאָר דער קאַמף מיט די רעשטלעך „אַלט־ייִדיש“ און מיט „רודימענטן“ פון רעליגיעז־שאָוויניסטישן און נאַציאָנאַליסטישן שניט. עס קומט, געוויינטלעך, אויך צונוץ אַלטער וואָרט־מאַטעריאַל (מיר רעדן דאָ ניט וועגן די אײַנגעבירגערטע בִּיכלאַל), אָבער דינען דינט עס שוין אַלס נײַע שפּראַכלעכע קוואַליטעט, וואָס האָט א ספּעציעלע סטיליסטישע אויפגאַבע מיט נײַעם געהעריקן עפעקט: איוורע, פּאָליטיוורע, אַמעראַצעס, מאַכשירים,

---

ערנסט און אַף לאַנג (לעניִן מעקויעך דער נײַער עקאָנאָמפּאָליטיק אין 1921 י. אין א פּאָרטראַג אַפּן XI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר),

ויער וועמען (פון לענינס א רעדע אַפּן צוזאַמענפאָר פון פּאָליטופקלערער, 1921 י.).

ווייניקער נאָר בעסער (פון לענינס אַן אַרטיקל, 1923).

קאָפּשווינדל פון דערפאָלג (ווערט פאַרשפּרייט די לעצטע צײַט. פון כ. סטאַלינס אַרטיקל מעקויעך די „איבערבויגן“ אין דער סאָציאַליסטישער אָנגריף־פּאָליטיק).

לערנ״) א. א. (וועגן איראָניזמען אזוינע א. א. זעט אין קאפיטל „דאָס אלטע וואָרט״). אין אונדזער נײַער ליטעראטור האָט מען נאָך ערשט ניט לאנג געקענט טרעפן היפשלעך אָט דעם ארכאַישן וואָרט־אינווענטאר (באזונדערס בא די שרײַבער מיט „זיידנס ירושע״). מע מײַדט עס איצט אויס אלץ מערער און מערער אָדער מע קומט דערצו טיילמאָל אָן, ווי צו א דעקאנאָניזיר־(און סטיליזיר־) מאָטיוו:

גענייוועס, געווינ און פארדראָסן
ווערן מיט שאלווע פארוועבט...
רויקער שאבעס ־ שאבאָסן
שפרייט זיך אפ ידישע קעפּ.
אטאָ בעכארטאָנו — מיר די אויסדערוויילטע
שטענדיק — אין די שולן, רוכניעסדיקער ווילטעק.
אז ווו איז נאָך א פאָלק אזא א הייליקע פאראנענ.
גאָטעניו, „אל קנא, אל רחום ואל חנון״.
שיק אונדז צו כעיונע אזויפיל און אזויפיל —
זונטיק וועלן גוים שיקערן און זויפן.
קענען זיי נאָך טרינקען, שלאָגן זיי און הוליען —
האלעל ־ האלעלויע, האלעל ־ האלעלויע
א. אז. וו.

(א. כ א ר י ק „קײַלעכדיקע וואָכן״).

ו) אין נײַעם „גאנג״ פון וואָרט פארנעמט אויך א געוויסן אָרט דאָס סעמאנטיש־פּאָשעטע, דאָס סטיליסטיש־„נידעריקע״. ווו עס גייט פון נאטירלעכקײַט, ווו פון געמיינ־זאמקײַט און ווו פון „ניט ציטערן״ פאר א וואָרט לויטן „איידל־געפּאטשקעטן״ נוסעך. דאָס פּאָשעטע וואָרט גיט אויך טיילמאָל געוויסן סטיליסטישן עפעקט. אָט האָט בא אונדז א נײַעם יונגן כיין באקומען דאָס אנומלט פאראכטלעכע וואָרט „יאט״, וועגן „אָפּגרעפּצן״ רעדן מיר קלאָר און שארפ, און אָט זינגט זיך אויס קושניראָוו וועגן די, וואָס „זיי געפּעלט אויך ווײַטער דאָס אלטווארג לויזן״:

אָט לייוויק וואלט דאָ שוין דערזען
געשפּענסט פון אסימיליאציע...
ער וואָלט זיך געזעצט
מיט נעגל און פּען
זײַן וווּנדיסיסטישע קראצן.
דאָס קראצן האָט איינמאָל געמאכט אים בארימט,
הערט ער ניט אוף שוין צו קראצן.
ער קראצט, און די נעגל וואקסן בא אים,
אלץ מער — אין פראָצעס פונעם קראצן.

(קושניראָוו — „גענעראלע ליניע״).

ז) ס׳מערקט זיך ביקלאל א קער צו מאסנוואָרט און רייד־אַרט (אפ וויפל עס באפרוכפּערט, ניט עס צאמט). דאָס איז אויך א שטארק שײַעך צו וואָרט־בילדונג און צו דעם קאמפּ, וואָס סע קומט דאָ פאָר צווישן ווײַטערע סופיקסן (טום, טעט, באר, לאָז) און מאסנדיק־נעענטערע סופיקסן (ונג, קייט, א א.).

דאָס זײַנען בלויז איינציקע וויכטיקערע טענדענצן, אַלס צוגאָב צו דער גענויער רובריקאַציע אין די געהעריקע אויבנגעבראַכטע קאַפּיטלען. דידאַקטיקע פּראָבלעם באַדאַרף מען נאָך גענוי דערלערנען, נאָר אַן אַלגעמיינע טענדענץ וואָלט מען געקענט דערווײַל אַזוי פאָרמולירן: „אַפן וועג״ צו נײַער שפּראַכלעכער קוואַליטעט באַזירט זיך דער סאָוועטישער יִדיש אַפן גרונט־עלעמענט (גערמאַניש) מיט דער טענדענץ ווי ווײַט מעגלעך צו דעהעברעיִזירן פון איין זײַט (נעמענדיק דערפון וואָס נייטיק איז), און פון דער אַנדער זײַט — אָרגאַניש אײַנצוזאַפּן אַלץ נײַע סלאַווישע (דערהויפּט רוסיש־סאָוועטישע) און לויט סלאַוויש־קאָנסטרויִרטע לעקסישע עלעמענטן; דערבײַ וואַקסט אַלץ מער די צאָל אינטערנאַציאָנאַליזמען און אַנדערע אויפיציר־מאָמענטן, אַלס גרונט־טענדענץ אין די שפּראַכן ביכלאַל.

XVI. איינציקע עלעמענטן סטיליסטישע גראַמאַטיק

גראַמאַטיק אין שול פאָדערט, געוויינטלעך, א ספּעציִעלע באַטראַכטונג. ס'איז ניט מעגלעך אײַנצושליסן עס אין דער סיסטעם פון וואָרט־קולטור ביכלאַל. דאָ ווילן מיר באַרירן אײַנקורצן בלויז א י י נ י ק ע וויכטיקערע גראַמאַטיש־סטיליסטישע און קאָמפּאָזיציִאָנעלע פּראָטים אַפּ וויפל ס'איז דירעקט שײַעך צום טאָך פון איצטיקן בוך (מיר באַרירן אַזעלכע פראַגעס אויך פריִער—אין „דאָס גענויע וואָרט״, „איבעריקע רייד״, אין „סינאָנימע״ א. א.

ווערב און סובּ־סטאַנטיוו.

אין דער לינגוויסטישער ליטעראַטור איז פון לאַנג אָן פאַראַנ א האַנאָכע, אַז די שפּראַך־עוואָלוציע איז ביכלאַל נויטע צו ו ע ר ב י ז א צ י ע. דידאַקטיקע האַנאָכע שטאַמט נאָך פון פּאָטע־בניען: „...די געשיכטע פון ווערב איז די געשיכטע פון אַרויסשטויסן דעם סובּ־סטאַנטיוו פון אומעטום, ווו דער ווערב קען אים פאַרבײַטן״. „...דער ווערב שטרעבט צו אַרויסשטויסן דעם סובּסטאַנטיוו אַפילע פונעם סוביעקט״ (אין אומפּערזענ־לעכן זאַץ).

פּאָטעבניא האָט אויך אויפגעוויזן די וויכטיקע סטיליסטיש־אָרגאַניזירנדיקע פונקציע פון ווערב לעגאַבע וואָרט־באַהעפט, לעגאַבע „גראַמאַטישער פּערספּעק־טיוו״ ביכלאַל: „ווען א זאַץ מיט ווייניק ווערב־עלעמענטן איז פול געוועזן מיט סובּסטאַנצן, האָט אין אים אויסגעפעלט די נייטיקע געבונדנקײַט און איינציקײַט״. „...ניט אַזוי איז די וועלט פון ווערביזירטן זאַץ. אַלץ איז דאָ איינציק אַפּ אויסדריקן אין קאָסמישן מאַסשטאַב די בעפיירעשע העגעמאָניע פון ווערב אין זאַץ״.

פּאָשעטער גערעדט, הייסט עס, אַז „די הויפּט־מײַלע פונעם ווערב איז זײַן פעיִקײַט צו באַהערשן, צו אויסשטעלן אַרום זיך א לאַנגע שערענגע פאַרשיידענע און אייגנע פון די צווייטע אָפּהענגיקע ווערטער און באַהעפטן, בעקיצער, צו שאַפן דאָס, וואָס פּאָטעבניא האָט אָנגערופן „סינטאַקסישע פּערספּעקטיוו״ (פּעשקאָווסקי).

אפ ווערב, ווי אפ אן אויסדרוק־מיטל, האָט מען זיך אויך שטארק גענומען אומקוקן די לעצטע צײַט, דערהויפט באַם אכטגעבן און דערלערנען די פרעסע און פובליציסטישן נוסעך, וואָס איז שטארק „פארסובסטאנטיווט" געוואָרן. אײנעם פון די ערשטע און גרינטלעכע ארטיקלען אפ דער טעמע האָבן מיר אין פעשקאָווסקיס „ווערבישקײַט אלס אויסדרוק־מיטל"[1]. פעשקאָווסקי ווײַזט דאָ אוּפ אפ א טענדענץ, וואָס איז גראָד דער הייפעך צו פאָטעבניאס האנאָכע, האגאם ער גיט צו, אז „ס'קען אויך זײַן א צופעליקע סטירע אין דעם פראט, וואָס די אָנגעמערקטע דערשײַנונג איז, מעגלעך, בלויז איינע פון די זײַטיקע קאָנטר־שטרעמונגען, וואָס שוואכן אָפּ, נאָר שאפן ניט אָפּ די גרונט־שטרעבונג צו ווערביזאציע".

די פאָטעבנישע האנאָכע מעקויעך אלגעמיינער ווערביזיר־טענדענץ אין רייד האָט מען נאָך ניט גענוג דערלערנט און ניט אופגעוויזן. נאָר ווי מע זאָל זיך דערצו ניט פארהאלטן, איז אָבער כאראקטעריסטיש דער דראנג „צום ווערב", „צוריק צום ווערב", וואָס מיר מערקן איצט אומעטום באַם פאָרשן און נאָרמירן דעם צײַטונג־לאָשן און ליטעראריש־פובליציסטישע רייד ביקלאל. אלס קלאל גילט דאָ די אלגעמיינע האנאָכע ווענגן דעם, אז דער סובסטאנטיוו איז סטאטיש, דער ווערב — דינאמיש. מע פארלאָזט זיך דאָ אויך, ווי אין א ריי אנדערע פאלן, אפ מאסן־לאָשן: „פאָלק"־רייד ווייסט קימאט ניט פון סובסטאנטיווישער קאָנסטרוקציע אפן כעשבן פון ווערב (א האנאָכע, וואָס ניט אלעמאָל קען עס זײַן א רײַע פאר ווײַטערדיקער וואָרטבילדונג און רייד־בארײַכערונג).

אנאליזירנדיק אסאך געבראכטע שפראך־פאקטן, דערין אויך די דערשײַנונג פון סובסטאנטיווירטן ווערב, קומט פעשקאָווסקי צום אויספיר, אז „...אופשטעלן דעם ווערב אין זײַנע רעכט ברענגט אלעמאָל צום אײַנפאכערן, קלערערן און שטארקערן אויסדרוק..."

דארף מען, ביקלאל גענומען, וואָס מערער ברויכן דעם ווערב, וואָס אָפטער אָרגאניזירן און קאָנסטרויִרן די רייד לויטן ווערב נאָך: די אלגעמיינע סעמאנטישע פונקציע פון ווערב איז די פונקציע פון טועדישער דערציילערישקײַט, פון מיטגעטיילטער האנדלונג, פון פראָצעס (טוּונג אָדער צושטאנד), און פון פראָצעס אין צײַט, בעשאס ניטווערב (סובסטאנטיוו און אנדערע) באצייכנט און נאָרמירט בלויז, אָפטמאָל אבסטראקט און ניט שײַעך צו צײַט־קאטעגאָריע. סובסטאנטיוו (און סובסטאנטיווירטער ווערב) מאכט שווערער, בלאסער די רייד, ווערב ברענגט צו מער לעבעדיקע, בייגעוודיקע און מעמיילע שוין צו קלערערע רייד.

מיסברויכן מיט סובסטאנטיוו־קאָנסטרוקציע (און סובסטאנטיווירטן ווערב) איז געוואָרן א פארשפרייטע דערשײַנונג אין רוסישן פובליציסטישן שטייגער און פרעסע. ס'איז דאָרט א רעזולטאט פון אלטן און נײַעם קאנצעלארישן נוסעך, פון אָפיציעלער פראָזע (רעזאָלוציעס, פראָטאָקאָלן, באשלוסן א. א.). אין צײַטונג־שפראך קומט עס טיילמאָל פון אײַליקײַט בא דער צײַטונג־ארבעט, אמאָל פון עצעם צײַטונג־מאטעריאל,

---

[1] А. М. Пешковский. Сборник статей, Л. М. 1925

ווי אינפאָרמאציע, טעלעגראַם־און ראַדיאָ־מיטיילונג ברענגט מיט די קורץ־סובסטאַנטיווישע, ניט אופגעוויקלטע קאָנסטרוקציע.

מע ווײַזט אוף, אז די סובסטאַנטיוון שטויסן ארויס 40% ווערבן אין דער צײַטונג־שפּראַך. און נאָך ווײַזט מען אוף, אז ווען מע שטעלט אוף דעם ווערב, מאַכט עס אף 90% פאַרשטענדלעכער די רייד.

די סובסטאַנטיוו־דערשײַנונג איז שוין געננג פארשפּרייט אויך אין יידיש אדאַנק דעם רוסישן־פּובליציסטישן שטייגער. און די לעצטע צײַט רעוואידירט מען אויך בא אונדז און מע פרעגט אָפּ אָט די דערשײַנונג, וואָס גיט בלויז „א ס י מ ע נ, א ווונק אף א טועכץ, א צושטאַנד", ברענגט מיט „אומקלאָרקײַט וועגן דער צײַט, וועגן סוביעקט און אָביעקט", ציט נאָך זיך „פון" אָפטמאָל אין שווערע קאָמבינאַציעס, „רויבט בא אונדז אוועק די מעגלעכקײַט צו מאַנעווירן מיט דער וואָרט־שטעלונג" א. א. וו.[1]).

דידאָזיקע סובסטאַנטיוויר־סיסטעם שטעקט אויך אָן אונדזערע שילער און סטודענטן. איר טרעפט עס בא זיי אף טריט און שריט. טיילווײַז איז עס די ווירקונג פון רוסיש, טיילווײַז די נייגונג צו בוך־נוסעך און צײַטונג־שאַבלאָן, וואָס זיי האָבן ביקלאַל ווייניק נאָך פארדייט און וואָס מאַכט נאָך דערווײַל קאַליע זייער היימישן נאַטירלעכן וואָרטבוי און זאַצבוי.

פאַר דעם א ר ײַ נ ג א נ ג פון די רויטע אַרמייער... (איידער די... זײַנען...) הײַנט וועט זײַן די א ר ו י ס ג ע ב ו נ ג פון ביכער פון ביבליאָטעק... (הײַנט גיט מען...) דאָס ז ײַ נ א טייל פון ראַטנפאַרבאַנד, דאָס ז ײַ נ אקטיווער בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס ד ע ר ה י י ב נ די יידישע שפּראַך צו א מעלוכע־שפּראַך — דאָס גיט באַנײַונג, באַרײַכערונג... (דאָס, וואָס זיי זײַנען... דאָס, וואָס די יידישע שפּראַך איז דערהייבן,—דאָס האָט באַנײַט, באַרײַכערט...).

באַדאַרף מען דערוף לייגן אכט, באַדאַרף מען אופציען די רעגילעס צו שפּירן און שטעלן די נאַטירלעכע ווערב־פאָרמע אָנשטאָט דער סובסטאַנטיווישער קאָנסטרוקציע דאָרט ווו סע קלינגט טאַקע האַמעטנע און פּרעמדלעך און גיט אָפטמאָל ניט איבער דאָס, וואָס מיר ווילן זאָגן (זעט ווײַטער די ערשטע אופגעבונג). מע טוט עס באַם פאַריכטן די שילערישע אַרבעטן, סע קענען זײַן אויך ספּעציעלע אופגעבונגען.

1) פאַרבײַט מיט ווערב־קאָנסטרוקציע און פאַרגלײַכט.

מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אָ ר ג א נ י ז א צ י ע פון קאָמיסיע... (מיט אָרגאַניזירן).
דער עלטערן-קאָמיטעט פאַרנעמט זיך מיט ה י ל פ פון די אָרעמע שילער... (מיט העלפן).
אין שול איז אַן אופלעבונג אדאַנק דער אײַנאָרדענונג פון יאָנטעוו.
ער גיט א ד ע ר ו ײַ ז ו נ ג פון דער טעאָרעמע.
סע גייט אַן איבערכאַזערונג פון די לימודים[2]) א. א. וו.

2) זוכט צו ענלעכע קאָנסטרוקציעס (אין „זײַ גרייט" א. א.) און פאַריכט זיי אויס.

פאַראַלגעמיינערטע פערזאָנפאָרמע.

פערזאָנפאָרמע האָט פאַרשיידנערליי סטיליסטישע מאָדיפיקאַציעס מיר ווילן איצט אופמערקזאַם מאַכן אף פ א ר א ל ג ע מ יי נ ע ר ו נ ג בא פערזאָנפאָרמע.

---

[1]) זעט וועגן דעם כ. שטיפס יידישע סטיליסטיק 1930 (ווערבאַלע זאַכווערטער און צײַטווערטער).

[2]) לויט שילערישע אַרבעטן. מע קען ברענגען אָן א שיר בײַשפּילן, דאָסזעלבע אין סטודענטישע אַרבעטן.

ביקלאל האָט דאָס פערזאָנוואָרט א באשטימטנ אדרעסאט (פערזאָנ), מע ברויכט עס אָבער אויכ אָנ דעמ אינדיװידועל־פערסאָנעלנ ניואנס.

שטארק פארשפרײט איז די פאראלגעמײנערטע צװײטע פערזאָנ. די פאראלגעמײנערטע צװײטע פערזאָנ קומט צו לאָזנ הערנ עמעצנ א זײַטיקנ, װי ער זאָל דערבײַ זײַנ בעשאסנ מיטײלנ, דערצײלנ. אזא צװײטע פערזאָנ פארמאָגט רײדשפראכלעכע אינטאָנאציע, מאכט לעבעדיקער, באװעגלעכער דעמ מאָנאָלאָג, דעמ פאָטענציעל־דיאלאָגישנ נוסעכ:

„מע שטארבט, הערט איר, אומעטומ מיט אלצ אײנ טויט, אונ מע לײגט ארײַנ, הערט איר, אומעטומ אינ אלצ אײנ ערד ארײַנ אונ מע קלאפט צו אומעטומ, הערט איר, מיט דער אײגענער לאָפעטע! — אזוי פלעג זאָגנ אלעמאָל מײַנ רעבע רעב ייסראָעל מאלכאמאָװעס אפ א סימכע דאפקע דעמאָלט, װענ ער איז געװענ רעכט פרײלעכ (ש״א).

מענדל דעמ שויכעטס קענט איר צי נײנ? קענט איר דאָכ מענדל דעמ שויכעטס דירע אװאדע ניט! א. א. װ.״ (ש״א).

„אונ דאָס אלצדינג האָט מענ באדארפט ארופפעקלענ אפנ שיפ. א גוטע ארבעט! איר מײנט מיט די הענט? כאס װעכאָלילע! װו װעט איר נעמענ אזויפיל הענט א. א.״ (ש״א).

אז איכ בינ געװענ א קלײנ ייִנגל, װײסט איר, װעמענ איכ האָב מעקאנע געװענ?... (ש״א).

איר מײנט עפשער, אז די גװורע שטעקט אינ דעמ, װאָס אונטערנ שטרײַמל? אָסער כאזער איר װײסט עפשער ניט װאָס דערונטער איז? איכ באָרעכאשעמ װײס! (פערעצ).

װענ לײענ איכ ביקלאל, פרעגט איר: פארטאָג (קיפניס). טשעפעט אימ ניט, ער איז פארנומענ! (קיפניס).

די צװײטע פערזאָנ קענ אויסדריקנ די שאטירונג פונ פילפערזאָניקײַט ביקלאל, זי קומט באצײכענענ אנ אלגעמײנע װענדונג. עס פארענטפערט דעמ פארלאנג צו טײלנ זיכ מיט א באקומענעמ אײַנדרוק, מיט אנ איבערלעבעניש, װאָס זאָל האָבנ ניט בלויז קײנ סוביעקטיװ־אינדיװידועלנ באטײַט, נאָר װאָס דערפונ דארפ מענ װיסנ ביקלאל. סע קומט בא א דערצײלערישנ נוסעכ, סע װײסט דערפונ דער לירישער ארט.

קענסטו די פעלדער כונ װאָליני? שאָענלאנג קענסטו פאָרנ, אײַנגעטיאָפעט צװישנ הויכע זאנגענ א. א. װ. (אש).

װוהינ דו זאָלסט ניט קומענ צו זעענ אונ צו הערנ
סע הילכנ קינדער פרישע, סע זינגענ פיאָנערנ! (פינינבערג).

פרעגסט מיכ, שטילער ברודער, פאר די טאָלנ בײנער,
װער װעט צאָלנ פאר די טײַכנ בלוט? (האָפשטײנ)

מיר האָבנ אינ די געבראכטע בײַשפילנ די פאראלגעמײנערטע צװײטע פערזאָנ, מעג אפילע די װענדונג גופע זײַנ פאָרמעל באשטימט, — „דו״, „שטילער ברודער״. ס׳איז „דו״ ביקלאל, װי דאָס סינעקדאָכישע „שטילער ברודער״ איז „ברידער״ ביקלאל.

די פאראלגעמײנערטע צװײטע פערזאָנ פאל ערשטנ פונ פאל (קלוימערשטער מיט־שמועסער, פאָטענציעלע דיאלאָגיזירונג) טרעפ איכ אויכ אינ קינדערשנ אופזאצ, איבערהויפט דאָרט, װו דאָס קינדערשע װאָרט פליסט נאטירלעכ אונ פרײַ:

אלעס װאָס איר װילט קענ ער. װילט איר קענ ער אזוי שײנ זינגענ... אונ איר טראכט זיכ דעמאָלט, אז װענ איכ זאָל אזוי שײנ זינגענ״ (6־טע גר.).

„...די ארבעט פונ וואָזשאטי געפעלט אויכ דערפאר, וואָס ביסט טאָמעד צווישנ גוטע קינדער, אונ טאָמער זײַנענ זיי ניט גוט, איז טאקע אפ דערפאר א וואָזשאטי, זאָלסט ווירקנ אפ זיי, זיי זאָלנ זײַנ גוט". (7־טער גר.).

די פאראלגעמיינערונג־שאטירונג פארמאָגט אָבער ניט בלויז די צווייטע פערזאָנ. מיר האָבנ עס אויכ בא דער ערשטער פערזאָנ:

מיר גייענ אינ דײַנע פאָרנטיקע רייענ (האָפשטיינ).
מיר שטאמענ פונ פעלזנ...

עס קענ געמאָלט זײַנ אינ דער דריטער פערזאָנ בא דער קאָנסטרוקציע מיט דעמ קוילעלדיקנ סוביעקט „מע", „מענ":

גייט זי דורכ די גאס
ווײַזט מענ מיט די פינגער.
קײַכט מענ אונ מע שפאסט... (כאריק)

אויכ די באפעלפאָרמ פארמאָגט די דיאַלאָגיזיר־פּאָטענצ אונ דעמ פאראלגעמיינטנ ניואנס,

גייט זײַט א באָווי אונ טרעפט, אז עס וועט זיכ טרעפנ אזא מינ אומגליק, אונ אונדזער געטראנק וועט ווערנ פאָסל, כאָטש נעמט אונ גיסט אימ ארויס אינ פאָמעניצע! הערט א מײַסע! (ש"א).
שאט, שוינ דאָ א בוכ (ש"א.) שאט, מיר פאָרנ קיינ אמעריקע! (ש"א).

אפ גיכ צומ פערד,
די האנט שטאָלנ (שווארצמאנ)

נאָכ ליגנ טראָפנס טוי ווי שווייס,
צעטרייסל אונ צעשפריצ זיי! (כאריק).

איז אראָפּט פונעמ געלעגער,
אונ ארויסט פונ הינטער פלויט (פעפער)

אינ שפּריכוואָרט האָבנ מיר אָפט די קאָנסטרוקציע פונ פאראלגעמיינערטער צווייטער פערזאָנ מיט דער באפעלפאָרמ צוזאמענ:

האָרעווע, מיידעלע, וועסטו האָבנ א קליידעלע. ליג ניט אָפ אפ מאָרגנ, וואָס דו קענסט הײַנט באזאָרגנ. גיי פאוואָלי, וועסטו גיכער קומענ. דריי ניט צופיל, וואָרעמ דו וועסט איבער־דרייענ. זאָג ניט „האָפּ", ביז דו ביסט ניט אריבערגעשפרונגענ די קלאָצ.

בא דער ארבעט אפנ וואָרט, אפנ קינדערשנ אופזאצ, אפ ליטעראטור דארפ מענ אלעמאָל אופמערקזאמ מאכנ אפ דער סטיליסטיש־קאָמפּאָזיציאָנעלער ראָל פונ דער פאראלגעמיינערטער פערזאָנפאָרמע. האָט זי דאָכ אָט די פאָרמע א וויכטיקנ סאָציאלנ ווערט,— זי באצייכנט, ווי ס'ציט צו א מיטשמועסער, ווי ס'ווילט זיכ טיילנ וועגנ וויכטיקער אכטגעבונג אונ שפּירונג מיט „אלעמענ".

מע קענ דאָ אויכ געבנ, אשטייגער, אזוינע ספּעציעלע אופגעבונגענ:

1) (פארברענגענ) וואָס מערער אפ דער פרײַער לופט. (אָנטונ) זיכ גרינג. (שפּילנ זיכ, לויפנ, ארבעטנ) אפ דער פרישער לופט. (שפּאצירנ) הינטערנ שטאָט, אינ וואלד (פארשרײַבנ, פארמאָלנ).

אומענדערנ די ווערטער אינ די קלאמערנ סע זאָל באצייכענענ א ווענדונג צו עמעצנ, א פארזאָרג פאר אלעמענ.

2) לופטערנ, וואשנ, וואשנ זיכ, שווענקענ, ניט שפּײַענ, רייניקנ.

צונויפשטעלנ פונ דידאָזיקע ווערטער פראזעס־קלאָלימ „פאר אלעמענ".

3) איבערארבעטנ א געוויסנ ארטיקל אינ צווייטער פערזאָנ, אינ באפעלפאָרמ, קעדיי צוגעבנ דערמיט א לעבעדיקע ווענדפאָרמ אונ פרײַ פאראלגעמיינערנ דעמ וואָרט־מאטעריאל.

מאָלערישע פּרעזאָנ-פאָרמע.

אין ריידן-סטיל און אין ליטעראַטור טרעפן מיר, ווי מע רוקט איבער פאָרמעל די ריאַלע ווערב-קאַטעגאָריע, מע פאַרבייט די צייט, דעם מאָדוס. דאָס האָט א געוויסע שילדערנדיקע, מאָלערישע פונקציע. באַזונדערס פאַרשפּרייט איז די מאָלערישע קעגנוואַרט אָדער ווי מע רופט עס לויטן אַלטן נאָמען „היסטאָרישע קעגנוואַרט“ (praesens historicum), — די אַלטע היסטאָריקער פלעגן אָפט אָנווענדן אָט די סטיל-פאָרם. מע טיילט מיט פון „געשעענעם און געוועזענעם“ אָט ווי ס'זאָל איצט פאָרקומען, — ס'איז אַזוי אַרום בעסער זיך פאָרצושטעלן און קלאָרער צו אויפנעמען די עצעם מיטיילונג. די פּרעזאָנפאָרמע, הייסט עס, איז דער הייפעך פון דער ריאַלער סיטואַציע בעשאַסן רעדן, אָבער דער אינהאַלט געווינט דערפון, ער ווערט דורך דעם אָנשוילעכער, לעבעדיקער, מאָלערישער.

מיר טרעפן עס אין געוויינלעכע רייד לויט אַזאַ נוסעך, אַשטייגער:

איך קום צו גיין נעכטן אין שול אַריין, טרעף איך א צערודערונג. וואָס איז? — פרעג איך. א קינד איז קראַנק געוואָרן אף סקאַרלאַטינע, ענטפערט מען מיר...

ס'איז אן אויסגעפּרוווט מיטל אף דערציילן מאָלערישער וועגן פריִער, פון „א מייַסע שעהאָיאָ“.

...טרעפט זיך א מייַסע, איך פאָר איינמאָל אַהיים פון בויבעריק... זיץ איך פאַרטראַכט, ווי דער שטייגער איז... זומער, די זון באַקט, די פליגן בייַסן, און די וועלט אַרום און אַרום איז א מעכייַע... דערווייַל איך טו א קוק, א באָכערל שפּאַנט זיך איבערן זאַמד, האַלט א פּעקל אונטערן אָרעם און שוויצט, פאָכעט מיט דער נעשאָמע... („טעוויע דער מילכיקער“).

„...ווייַהי האַיוים, איינמאָל פאַרנאַכט פאָר איך מיר אַזוי זומער-לעבן אין וואַלד. שטיל אַרום און אַרום; יעדער קלאַפּ פון דער בייַטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד. די זון זעצט זיך, דער טאָג גויסעט: די שאָטנס פון ביימער ציִען זיך אויס לאַנג. פאַרשיידענע געדאַנקען, מאַכשאָוועסן קריכן אין קאָפּ אַרייַן, אַלערליי געשטאַלטן פון מענטשן, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַקעגן, און דאָ דערמאָן איך די היים... („טעוויע דער מילכיקער“).

„...דער זיידע מוישע-יאָסי האָט געהאַט זייער אַסאַך צו דערציילן פון אַמאָליקע ייִדן... און אַמאָליקע פּריצים, לעהאַוודל, ווי זיי האָבן זיך באַגאַנגען מיט די ייִדן.

איין מייַסע אַזעלכע געדענקט זיך גאַנץ באַזונדער.

די מייַסע האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג, נאָך פאַר זייַן זיידן, אַלעוו האַשאָלעם, דעם אַלטן האַמאַרניק. פאַרוואָס האָט מען אים גערופן „האַמאַרניק“? ווייַל האַמאַרני האָט געהייסן דאָס דאָרף, וווּ ער איז געזעסן, געהאַלטן א מיל אין דער אַרענדע, אין דעמזעלביקן דאָרף איז געזעסן נאָך א ייִד, מיטן נאָמען נויעך, געהאַלטן די קרעטשמע...

קומט ער צו גיין איינמאָל צום פּאָריץ דינגען די אַרענדע און טרעפט א גוזמע געסט, א גאַנצע סודע. נאָך דער סודע קלייַבט מען זיך, ווי די מאָדע איז, בא-פּאָליעוואַניע, אף דער אָכאָטע, הייסט עס. עס שטייען שוין צוגעגרייט פערד און קאַרעטעס...“ (א. א. וו. אין קעגנוואַרט [1]).

„ווינטער אַמאָל, גאַנצפרי, אַז איך בין געלעגן אייַנגענורעט אונטער דער קאָלדרע, פאַרשלאָפן, נאָך בישט בעדייַע האָבנדיק אויפשטיין, גיין אין כיידער, דערפיל איך ווי מע וועקט מיך, טאָרעט מיך... איך טו מיך ניט טויט ניט לעבעדיק א כאַפּ-אויף און דערזע פאַר מיר מייַן שוועסטערל, א מיידל פון א יאָר צוועלף, דאָס פּענעמל שייַנט איר, די אייגעלעך פינקלען...

איך גיב א קוק — אוי, געוואַלד, א קעלבל!... (א. א. וו. אין קעגנוואַרט [1])

מע פאַרבייַט אויך אַנדערע פאָרמעס, אַשטייגער, קעגנוואַרט אָנשטאָט צוקונפט (ניואַנס פון דערוואַרטונג, אויך זיכערקייַט):

---

[1]) „פונעם יאַריד“ ש"א („א ייִד א פויגל“). [2]) מענדעלע, „דאָס קעלבל“.

איבעראיאָר ענדיק איך די שול. מאָרגן פּײַערן מיר דעם שול־יאָנטעוו. די ערד שטייט הויל און נאַקעט באַלד.

„און אַלערליי גוטע, זיסע מאכשאָווּעס קומען מיר אָפּ די געדאַנקען, און איך שטעל מיר שוין פאָר מײַן האָדלען, ווי זי פּאָרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים, און די וועלט איז מיר מעקאַנע, ניט אַזוי אָפּ דער קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אָפּ די טויוועס, וואָס איך טו דער וועלט דורך מײַן טאָכטער די נעגידעסטע, העלפּ אויס געפאַלענע"... („טעוויע דער מילכיקער").

צוליב מאָלערישקײַט פאַרבײַט מען אויך דעם מאָדוס; מע ברויכט, אַשטייגער, דעם דירעקטן מאָדוס אָנשטאָט דעם באַדינג־מאָדוס:

„ווען איך בין רויטשילד, — האָט זיך צעלאָזט אַ קאַסרילעווקער מעלאַמעד איינמאָל אין אַ דאָנער־שטיק, בעיס די רעבעצן האָט אים געמאָנט אָפּ שאַבעס און ער האָט ניט געהאַט — אוי, ווען איך זאָל זײַן רויטשילד! טרעפט, וואָס איך טו? ריישיס כאָכמע, פיר איך אײַן אַ מינהעג, אַז אַ ווײַב זאָל טאָמער האָבן אַ דרײַערל בא זיך... וועהאַשייניס, קויף איך אויס די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע... און קויף אוועק דידאָזיקע שטוב. הויב איך מיך אָן אַרומקוקן אַביסל אָפּ דער שטאָט..." (ש"א „ווען איך בין רויטשילד")

מע וואָלט געקענט פאָרזעצן צו אויסרעכענען און צו איליוסטרירן די פאַלן פון מאָלערישער פערזאָנפאָרמע און די קאָלערליי פאַרבײַט־מאָדיפיקאַציעס לעגאַבע צײַט און מאָדוס. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז אויך גענוג צו ווײַזן אָפּ אָט דער וויכטיקער סטיליסטיש־קאָמפּאָזיציאָנעלער דערשײַנונג. מע דאַרף אויך די קינדער, באַזונדערס די עלטערע שטופע, אופמערקזאַם מאַכן דערויף, איבערהויפּט אָפּ דער מאָלערישער קעגנוואַרט. מע קען אויך געבן אַ ספּעציעלע אַרבעט.

1) ענדערן דורך מאָלערישער קעגנוואַרט אַ באַשרײַבונג, דערציילונג וועגן פריער. פאַרגלײַכן. טון עס, אַשטייגער, מיט דער באַשרײַבונג פון „רויטן זונטיק" לויט ש"א פראַגמענט (פון „מאַבל"):

„... טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך אָנגעטון יאָנטעוודיק, מיטגענומען מיט זיך די ווײַבער און די קינדער... קאָזאַקן זײַנען אַרומגעפלויגן אָפּ די פערד... פונקט נײַן אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן צו ציִען אַ שנירל פון מענטשן..."

2) באַשרײַבן אַ פּאַסירונג, וואָס איר זײַנט בײַגעווען, אָט ווי זי קומט פאָר פאַר אײַערע אויגן.

דירעקטע און אינווער־סירטע וואָרטשטעלונג.

וואָרטשטעלונג איז פון די וויכטיקסטע גראַמאַטיש־סטיליסטישע דערשײַנונגען, אָפּ וואָס מע דאַרף לייגן גרויס אַכט בא דער אַרבעט אָפּ וואָרט־קולטור. אין ייִדיש, ווי באַוווּסט, האָבן מיר אַ מער געצאַמטע וואָרטשטעלונג, ווי אין רוסיש, אַשטייגער, ברענגט טאַקע דאָ אָפּטער די אומגעהעריקע וואָרטשטעלונג צו סטיליסטישער ניט־גלאַטיקײַט, צו פאַר־קריפּלען דעם געדאַנק. דאַרף מען געווינען צו אויסהאַלטן די וויכטיקערע געזעצן פון דירעקטן, נאָרמאַלן וואָרט־סיידער. ווידער דאַרף מען אופציִען דעם באַנעם און כוש פאַר אינווערסירטער וואָרטשטעלונג, איבערהויפּט אין פּאָעטיש־ליטעראַרישע רייד, ווו זיי האָבן אָפטמאָל אַ ספּעציעלע לאָגיש־אַקצענטירנדיקע און אויסדריקלעך־ריטמישע פונקציע.

מיט דירעקטער וואָרטשטעלונג מיינט מען די הערשנדיקע טענדענצן אין וואָרטשטעלונג בא געוויינלעכע רייד, בא רויִק־דערציילערישער פּראָזע. ביקלאַל האָט די שפּראַך אַ טענדענץ צו „צופּעסטיקן" געוויסע סינטאַגמעס אָפּ באַשטימטן אָרט אין

זאצ. ווען נאָענטע, שײַכעסדיקע סינטאגמעס קומען אַף אַן אָרט, שטעלן זיך אויס וואָס געבונדענער צווישן זיך, — מײַדט מען דאַן אויס אומקלאָרקײַט, צווייִדײַטיקײַט, האמעטנעקײַט און פּרעמדקײַט פון זאצבוי און וואָרטבאַהעפט. שײַעך איז עס צו באַזונדערע סינטאגמעס, עס קער זיך ווידער אָן צו א גאַנצער סינטאגמע־גרופּע, צום גאַנצן סוביעקט־טייל אָדער פּרעדיקאַט־טייל (ס'הייסט צום סוביעקט אָדער פּרעדיקאַט, וואָס ווענדעט זיך פון זיי, וואָס איז סובאָרדינירט צו דער ווערטער־גרופּע).

די יידישע וואָרטשטעלונג דערלערנט מען אַקאָרשט. מירן אופמערקזאַם מאַכן אַף איייניקע אַלגעמיינע האַנאָכעס:

1) דאָס פּערזאָנוואָרט קומט ביקלאַל אַפן צווייטן אָרט. אַפן ערשטן אָרט איז דאַן דער סוביעקט (צי סוביעקט־טייל). ביקלאַל איז דער סוביעקט ניט אַזוי געבונדן מיטן אָרט ווי דאָס פּערזאָנוואָרט. אַפן ערשטן אָרט קען דאַן אויך זײַן א וואָסער־ניט־איז אַנדער גרופּע. אַזוי איז עס בא איינפאַכן פּרעדיקאַט, אַזוי אויך בא קאָמבינירטן פּרעדיקאַט (הילפּ־ווערב מיט א באַטײַטיקן וואָרט), מעג די בינדונג (הילפּ־ווערב) זײַן, מעג זי ניט זײַן.

2) דער אָביעקט קומט נעענטער צום באַהערשוואָרט. דאָס באַהערשוואָרט איז דאָ איבערהויפּט א פּערזאָנפאָרמע. נאָרמאַל קומט, הייסט עס, דער אָביעקט אַפן דריטן אָרט.

3) דער אדווערב קומט נעענטער צום פּרעדיקאַט אָדער צו דער פּרעדיקאַט־גרופּע, סע הייסט גלײַך באַם פּרעדיקאַט (פריִער אָדער דערנאָך אָדער צווישן בא צונויפגעזעצטער פאָרם) אָדער נאָכן אָביעקט.

4) דער אדיעקטיוו קומט געוויינלעך פאַרן סובסטאַנטיוו (נאָכן ארטיקל).

„די גילדערנע זון האָט באַם אופגיין צעריסן, צעטריבן די גרויע וואָלקנס אין דער לופט (מענדעלע).

מע גייט אויך אָפּ, געוויינטלעך, פון אַזא וואָרטשטעלונג. עס קומט איבערהויפּט פאָר אין פּאָעטיש־ליטעראַרישע רייד. מיט א י נ וו ע ר ס י ע, מיט אָפּגיין פון דער נאָרמע מיינט מען מערקלעכער צו מאַכן דורך לאָגישן אַקצענט א געוויסע סינטאגמע (און דאַן קומט אָט די סינטאגמע ניט אַף איר געוויינלעכן אָרט), מע וויל דערמיט אויסדריקלעכער מאַכן די רייד.

דאָס קינסטלערישע וואָרט פאַרמאָגט ביקלאַל מערער פרײַקײַט, בייגעוודיקײַט אין בוי, סע האָט בא פאַרש־יידענע קינסטלער א געוויסן סינטאַקסישן אייגנאַרט, סטיליסטיש־אינווערסירטע דערהויבנקײַט, פײַערלעך־ריטמישן „גאַנג".

מע צעשטעלט און מע שטעלט טיילמאָל איבער די אינווערסירטע טיילן אָנהייב־און סאָף־פראַזע, ווערט דאַן די פראַזע סינטאַקסיש־אינטאָנאַציאָנעל צונויפגעשלאָסן, ריטמיש געקייטלט. שײַעך איז עס צו באַזונדערע סינטאגמעס און צו די סינטאַגמישע טיילן:

„...ווענן עפּעס האָבן זיי זיך שוין גאַנצע נעכט געסוידעט... סוידנדיק זיך איז מען אַזוי ביידע אין א באַזונדער כיידער די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן..." (בערגלסאָן).

„זײַנען אַפן וואַסער, אַף זײַן אויבערפלאַך א פּאָר נאָך שטיקער געבליבן" (ניסטער).

„אין טשיקאַגאָ האָט א טאַטע א לאַנג ניט געזעענער, אַביסל א פאַרפרעמדטער די מאַמע באַגעגנט" (קושנירעָוו).

„זייַנען אָבער געווען קינדערלעך פון קינדערהיימ אלע הוילקעפּיקע״ (קושניראָוו).

ווערן גרינגע קאָרנזאנגען
פון די בייטן אופגעגאנגען (מ. לייב).

לאָמיר ברענגען א פאָר קאָנקרעטע פאלן פון אינווערסיע לעגאבע פערזאָנוואָרט און אדיעקטיוו.

פרעדיקאט ניט אפן צווייטן אָרט (אָנשטאָט דעם קומט ס׳ראָוו אפ אָט דעם אָרט דער סוביעקט).

א) אפן ערשטן אָרט טרעפן מיר דעם פרעדיקאט, ווען ער באהויפּט וועגן עפּעס, וואָס ס׳איז פריִער געווען, ווען ער זעצט עפּעס פאָר, ווען ער פארבינדט ביקלאָל מיט א פריִערדיקער שטיק רייד [1].

האָבן מיר עס דענסטמאָל געטרונקען באמ טאטן טיי (קיפּניס). זייַנען מיר, הייסט עס, צו גאסט לעבן טאטנס שטוב (קיפּניס).

פאר די הענטלעך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:
„וואָלקן, וואָלקן גיב א רעגן,
פאר די קליינע קינדערס וועגן!

ווייַזט א וואָלקן זיך פונויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן
(א. א. וו. דאָס פערזאָנוואָרט צום
אָנהייב מ. לייב).

„...פּלוצלינג אין דער הייסער מינוט טאקע, כאפּט אייַזיק פונעמ העליש־פייַער ארויס מיט צוואנגען א גליִענדיק שטיק אייַזן און האלטנדיק עס אזוי אפ דער קאָוואדלע מיט איין האנט שלאָגט ער עס מיט דעמ האמער אין דער אנדערער האנט״ (מר״ס).

„...די דריטע אשמורע ניט באמערקט, געעפנט צולעצט א לאָדן און א פענצטער, און דערזעען: פון צאָפן־מיזרעכדיקן הימל־ווינקל קומט שטיל און טרויעריק דער טונקעלער אָנהייב פונעמ עלעלדיקן טאָג, רוקט זיך אהער פּאמעלעך־פּאמעלעך...״ (בערגעלסאָן) [2].

כאראקטעריסטיש, אז בא מאָלערישער פערזאָנפאָרמע קומט מייסטנס דער פרע־דיקאט גראָד אפן ערשטן אָרט (זע די בייַשפּילן בא מאָלערישער פערזאָנפאָרמע. מיר מערקן דאָ, עמעס, אויך וואריִירונג און אָרטבייַט בא פערזאָנפאָרמע):

„זיצ איך מיר אזוי איינמאָל אפ דער פריזבע בא מיין שטוב, פארטיפט אין מאכשאָוועס... אזוי ווי איך זיצ מיר פארטיפט אין ראַיוינעס, איך טו א קוק...״ (ש״א).

אפן ערשטן אָרט מערקן מיר אויך דעם פרעדיקאט נאָך דירעקטע רייד אָדער אין באמערקזאצ בא דירעקטע רייד, ווו סע ווערט אָנגעוויזן דער ריידער:

„זדראסטאָי, טעוול!״ „זדראסטאָיטע, וואשע בלאגאראָדיע!״ — ענטפער איך אָפּ... באָרוכאבע א גאסט, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס אפ דער גרויסער וועלט און וואָס וועסטו, זאָג איך, עפּעס זאָגן גוטס, אדוינִי פּאָרעצ?...״

דער פרעדיקאט טרעט אָפּ זייַן אָרט פאר אן אנדער סינטאגמע, וואָס מע אקצענ־טירט לאָגיש, סע קומט אויך פאָר אין ריטמיזיר־פאלן:

...פונפאָרנט טריקנט זיך זדיבעצע צום הייצן... ווייַטער־צו טריקנט זיך קאָרע פרישע (קיפּניס).

[1]) ווען אזא פארבינדונג איז ניִשטאָ, קומט דאָג די פערזאָנפאָרמע מיט ס״, עס (דריטע פערזאָן).

[2]) קלאָר, אז שייַעך איז עס אויך צו אזא אנאפאָריש־געקייטלטער רייד־קאָנסטרוקציע: „וואָרעמ ווי געשיקט זיך עס, אז א ייִד זאָל ניט האָבן קיין פיש אפ שאבעס? האָט ער ניט קיין פיש, האָט ער פלייש. האָט ער ניט קיין פלייש, האָט ער הערינג; האָט ער ניט קיין הערינג, האָט ער א כאלע; האָט ער ניט קיין כאלע, האָט ער א ברויט מיט א ציבעלע; האָט ער ניט קיין ברויט מיט ציבעלע, לייַט ער בא שאָכן. א. א. וו.״ (ש״א).

כאפט דעם געלן קאָטער, שלעפט דער מאמעס קליידל,
טוט אים אָן א בריל, מאכט זיך פרום און שטיל (קוויטקאָ).

ב) אפן דריטן אָרט און ווײַטער אין געוויינלעכן דערציילערישן זאַץ קומט דער פרעדיקאט גאָר זעלטן (מיר טרעפן אים דאָ אין פרעג־און אויסרוף־זאַץ). שפּורן דערפון האָבן מיר, אשטייגער, אין אזא רייד־שפּראכלעכן זאַצבוי קיפּניסעס:

אין קלויז די ייִדן כאפּן זייער... בא אווראָמען די ייִדן ווייסן נאָך אויך ניט, ווו וועלן זיי נעכטיקן...

אין ליד אָבער איז עס אן אָפטע דערשיינונג (ריטם־און גראם־מאָמענטן). מיר טרעפן עס אויך אין ריטמיש־אינווערסירטער פראָזע (באנאנד מיטן פארוקטן פרעדיקאט):

„אין קיִעוו, אפן פארברענטן באנהויף, צווישן אויסגעקרימטע און צעקאליעטשעטע באנווײַזערס, צווישן שפּענער פון צעבראָכענע וואגאָנעס, צווישן אָפּגעקילטע בארמינעס פון לאָקאָמאָטיוון, צווישן גאנצן, גאנצן כורבן און אָפּפאל, וואָס אלע מאכטן — אייגענע און פרעמדע — האָבן דאָ נאָך זיך איבער־געלאָזט אפ רעלסן צעשווומענע און צעפּאָרענע איז געשטאנען א לאנגער עשאלאָן מיט דײַטשישע רעפּאטריאנטן [1]).

אדיעקטיוו קומט ניט פארן סובסטאנטיוו.

דאָס איז ווידער אין פאלן פון לאָגיש אקצענטירן און ריטמיזירן די רייד. ווען דער אדיעקטיוו קומט נאָכן סובסטאנטיוו, כאַזוערט זיך איבער דער ארטיקל, פּרע־פּאָזיציע, בינדוואָרט.

באמי א מוירדישער פון גאָרער וועלט דאן אײן באגער:
אלאנד א גרויס, א לאנד א רויטס — פ. ס. ר. ר. (פיניגבערג)
געקומען מיט שווערדן מיט בלויזע טשעטשענצעס א מייע („)

„און איבערן גאנצן, גאנצן ווייטיק, א ווייטיק נאָך א שארפערן — א קינד א צעניאָריקס א פארלוי־רענס, א ווימעלע א געפאלנס" [1]).

„א ציגגל האָט לייזער געהאט א געשליפנס, זייער א געלויפיקס" (מענדעלע מו"ס).

מיט די געבראכטע איליוסטראציעס וועלן מיר זיך באנוגענען. ס'איז שוין אזוי אויך קלאָר, מיינען מיר, ווי וויכטיק דידאַקטישע פּראָבלעמע איז אפ אופציִען דעם כוש פאר פראזעבוי, פאר סטיל. אין דער ייִנגערער גרופּע דארף מען עס לאָזן שפּירן בעכוש און מערער בא געלעגנהײַט, אפ דער עלטערער שטופּע — מערער סיסטע־מאטיש און פאָרמולירט. סײַ דאָרט, סײַ דאָ דארף עס, געוויינלעך, זײַן פארבונדן נים בלויז מיט דעם אייגנטלעכן גראמאטישן לימעד, נאָר מיט דער טאָגטעגלעכער און פארשיידענער ארבעט אפ מינדלעכן און שריפטלעכן וואָרט. פאר די שילער דארף פון מאָל צו מאָל אלץ מערער קלאָר ווערן, אז מע דארף זיך ביקלאל האלטן בא א נאָרמאלן וואָרטסיידער לעגאבע די הויפּט־סינטאגמעס פון פראזע. אומגעהעריקע וואָרטשטעלונג קלינגט אָפּטמאָל גאָר מאָדנע, ענדערט טיילמאָל דעם באטײַט. ס'איז באזונדערס וויכטיק אין שריפט (אין מינדלעכע רייד קומט די אינטאָנאציע צו הילף). דערבײַ דארף מען, געוויינלעך, דערלערנען אויך געוויסע דערשיינונגען פון אינ־ווערסיע, אלס סטיליסטישע און ריטמיש־אינטאָנאציאָנאלע קאטעגאָריע (פארגלײַכן עס

[1]) א. קושנירעוו. קינדער פון איין פאָלק. אזויגע בײַשפּילן זײַנען דאָרט נאָך פאראן.

דירעקט און אינווערסירטערהייט א. א. וו.). ס'איז אויכ נייטיק ספּעציעל דורכצו־ארבעטנ א ריי פּונקטנ פונ וואָרט־סיידער, וואָס זײַנענ באזונדערס וויכטיק און וואָס דערופ ווערט מענ גראָד מערער געשטרויכלט, ווי אשטייגער:

א) ניט פארוקנ דאָס פּערזאָנוואָרט, ס'דרייט איבער מאָדנע דעם פּראזעבוי:

אינ יענעמ יאָר מײַנ מוטער איז געוועזנ ארבעטלאָז (6-טע גר.)

א רויטע נאָז וועלכע טאָמיד איז נאס (7־טע גר.)

ב) ניט אָפּרײַסנ קיינ נאָענטע סינטאגמעס, סע זאָל זיכ ניט באקומענ קיינ אומקלאָר־קײַט, קיינ צווײדײַטיקײַט, קיינ ניטייִדישער זאצבוי:

ער איז גלײַכ קומענדיק אינ שטאָט ארײַנגעגאנגענ (קומענדיק אינ שטאָט איז ער גלײַכ ארײַנגעגאנגענ).

האָט באמערקט די שוועסטער דאָס קינד (ווער ווּעמענ האָט באמערקט. קלאָרער: די שוועסטער האָט...).

וועלכע שווערקײַט קומט אויס צו באקעמפנ די איבערוואנדערער (...די איבערוואנדערער צו באקעמפנ).

אונדזער שול האָט באזוכט אנ ארבעטער־בריגאדע (אנ ארבעטער־בריגאדע האָט באזוכט).

מע גיט טאלאָנעס אפ עסנ אינ פּראָפּקאָמ. (אינ פּראָפּקאָמ גיט מענ...)

כאריק אינ זײַנ פּאָעמע „ברויט" שילדערט... שווארצמאנ אינ דער ליד „יוגנט" פארגלײַכט...

איכ, ניט וויסנדיק וואָס עס טוט זיכ דאָרט, בינ געשטאנענ און געקוקט (ניט וויסנדיק... בינ איכ...)

אָדער אזא פּראזעבוי (פּעדטעכניקומ), „זייער א גרויסע הילפ גיבנ דעמ לערער פונ דער ערשטער גרופּע, וועלכע סע קומט זייער אָפּט אויס צומ ערשטנ ארבעטנ אינ שול נאָכ דעמ, ווי ער האָט באקומענ א צוגרייטונג אפ קורצטערמיניקע קורסנ און ווייסט ניט, וויאזוי זיכ נעמענ צו דער ארבעט, די מעטאָדישע אָנווײַזונגענ..."

ג) ניט ארײַנשטעלנ קיינ ווערטער און גרופּעס ווערטער צווישנ אדיעקטיוו און סובסטאנטיוו. ס'איז דער רוסישער נוסעכ, וואָס קלינגט אינ ייִדיש פרעמד. בעסער שוינ אינ אזא פאל אָנקומענ צו א בײַזאצ. דערופ האָט נאָכ אנומלט אופמערקזאמ געמאכט אָלגינ[1]) מיט בײַשפּילנ פונ דער ליטעראטור:

„א ווײַסנ ווי א שניי פערד... אינ דערי ווײַסער פונ זײַדנס און בלומענ בעט לייגנ... רויטע ווי פײַער פונ ליכט אויגנ"... (אָנויכי).

דערופ מאכט מענ בא אונדז איצט אופמערקזאמ די גאנצע צײַט.

און אָט ווי אזוי כעוורע שרײַבנ:

די אײַנגענומענע פאר די קינדער שפּילנ. ארויסגעשטויסענע פונ לעבנ ייִדנ. א באריכט פונ די צוריק־געקומענע אינ שול קינדער. א. א. וו.

צו אזא וואָרטשטעלונג איז פאראַנ נאָר איינ אייצע — איבערבויענ דעמ זאצ: די שפּילנ, וואָס זײַנענ אײַנגענומענ פאר די קינדער... ייִדנ, וואָס זײַנענ ארויס־געשטויסנ פונ לעבנ א. אז. וו.

איינפאכער זאצ.

די ארבעט אפ איינפאכער, קורצער פּראזע דארפ מיטהעלפנ צו צעגלידערנ דעמ אייגענעמ געדאנק און זיכ אויסדריקנ קלאָר־דיפערענצירט. ס'איז יעדערנ באקאנט, ווי שווער די קינדער אייגענע טכילעס אָנ די זאצגלידערונג. זיי ווארפנ אָנ שטיקער רייד „אינ איינ אָטעמ", קייטלענ אָנ פּראזע אפ פּראזע, איבערפלעכטנדיק עס אינ די ייִנגערע גרופּעס מיט אָפּטנ „און", וואָס פארייִנארטיקט שטארק דעמ זאצבוי:

[1]) אינ באקאנטנ ארטיקל, געדרוקט אינ דער „ייִדישער וועלט", ווילנע, יאנואר, 1915 י.

„...אונ בא אונדז איז געווענ א פּאָזשאר, אונ לעבנ דער הילצערנער וואנט איז געשטאנענ אנ אײַזערנע פּליטקע, אונ די פּליטקע איז געוואָרנ רויט, אונ די הילצערנע וואנט האָט אָנגעהויבנ ברענענ, אונ איכ האָב געקוקט... אונ איכ בינ ארײַנגעגאנגענ אינ שטוב, אונ איכ האָב שוינ ניט געקענט ארײַנגייִנ אינ שטוב...“ (4־טע גר.). „...איכ בינ איינמאָל געגאנגענ אונ עס האָט א פור מיכ איבערגעפאָרנ, אונ איכ בינ געווענ שלאפ...“ (4־טע גר.).

„...אונ איצט אלס פּארטיי־ארבעטער, איבערבויענדיק דעמ דאָרפ אפ סאָציאַליסטישע רעלסנ דורכ קאָלעקטיווויזאציע, העלפט ער מיט דעמ דאָרפ גיכער דערפירנ צומ סאָציאַליזמ...“ (6־טע גר).

בײַשפּילנ אזוינע קענ מענ ברענגענ אָנ א שיר. ס׳קומט פונ קינדערשנ שווינדיקנ געדאנק, פונ אומבאהאָלפנקײַט צו אָרגאניזירנ אָפּטמאָל די אייגענע דענק־אונ אויסדריק־סטיכיע. דארפ מענ דאָ קומענ צו הילפ. דארפ מענ ט כ י ל ע ס אופציִענ אפ וואָס איינפאכערנ אונ קירצערנ זאצבוי, וואָס זאָל לײַכטער מאכנ דעמ גאנצנ גאנג פונ וואָרט אונ וואָרטבאהעפט[1].

מע קענ עס פריִער אילוסטרירנ מיט א קינסטלערישנ פראגמענט. טיילמאָל מאכט דאָ אזאַ איינפאכע קורצפראזע לײַכטער, דורכזיכטיקער דעמ גאנצנ ליטערארישנ געוועב.

„...דער באָסלעווער וואלד איז רײַכ אינ בארלעכ. די בארלעכ זײַנענ אפילע הארט ווי שטײנדלעכ אונ זויער־עסיק ! נאָר פאָרט בארלעכ. אונ קאָסטנ גאָרניט. איר קענט רײַסנ וויפל איר ווילט — העפקער ! מע באדארפ נאָר קענענ דערלאנגענ. וואלד־בארלעכ וואקסנ הויכ. אויסער בארלעכ זײַנענ אינ באָסלעווער וואלד פאראנ ניסלעכ אויכ. האָזענע ניסלעכ: זיי ווערנ שפּעט פארטיק אונ זײַנענ באוואקסנ מיט א מינ שאָלעכץ— ביטער־גאל. אונ קיינ יאָדערנ זײַנענ אינ די ניסלעכ ניטאָ. זיי וועלנ ערשט אמאָל זײַנ. נאָר עס מאכט ניט אויס. פאָרט ניס. מע קענ אָנלייגנ פולע קעשענעס. דאָס, וואָס מע רײַסט אליינ — איז אָנגעלייגט. אונ רײַסנ בארלעכ אונ טרייסלענ ניס באדארפ מענ קענענ. אוורעמל איז אפ אלצדינג א כוואט...“ (ש״א. „פונעמ יאריד“).

„...דאָ בינ איכ באלעבאָס. איכ אונ דער קאפּיטאנ. א מענטש א גיבער. גאָלדענע קנעפּ, אונ וואָנצנ מוירעדיקע. גראָבע, גרעבער ווי בערד. אינ מיטנ אויסגעגאָלט. אויגנ — מעכאיעדיקע. זיי שמייכלענ בא אימ שטענדיק, אפילע דעמאָלט, ווענ ער בייזערט זיכ. א דימענט פונ א קאפּיטאנ ! איכ האָב אימ ליב — סאקאָנעס ! איכ האָב אימ אָפּגעמאָלט מיט א בלײַערל אפ א שטיקל פּאפּיר, ווי ער שטייט אונ גייט. אפילע מיט די וואָנצנ. נאָר איכ האָב דאָס צעריסנ — עליע זאָל עס ניט דערזעענ. ער האָט פײַנט מענטשעלעכ...“ ש״א „מאָטל פּייסיס“[2]).

אופגעבונגענ קענענ דאָ זײַנ, אשטייגער, אזוינע.

1) א קינדערשע שריפטלעכע ארבעט אפ א געוויסער טעמע מיט אזוינע געבונדענע אָבער קורצע זאצנ. 2) פאנאנדערגלידערנ א קאָמבינירט־געקייטלטנ זאצ אפ איינפאכע זאצנ. מע קענ עס טונ אפ די קינדערשע ארבעטנ גופע, מע קענ עס טונ אפ א ליטערארישנ פראגמענט, אשטייגער:

„אויבנ, אפנ רוקנ פונ דעמ באשעפעניש, געפינט זיכ עפּעס א מינ רעדל, וואָס דרייט זיכ, אונ מיטנ קויעכ פונ אָט דעמ רעדל רירט זיכ אָט דאָס מעגושעמדיקע באשעפעניש איבערנ וואסער, פּאמעלעכנ, נאָר זיכער, אונ אלצ נעענטער אונ נעענטער צומ ברעג, ביז מע קענ שוינ זעענ דאָס באשעפעניש פונ דער נאָענט אונ באטראכטנ עס פונ אלע זײַטנ, אז דאָס איז ניט קיינ באשעפעניש, ניט קיינ לעבעדיקע זאכ, נאָר אזא מינ שיפ, א בארקע, אָדער א בערלינע, אונ אפ דער בערלינע שטייענ פורנ, פערד אונ מענטשנ— אונ אָט דאָס איז געווענ, אייגנטלעכ, דער „פּאראָמ“, וואָס כעוורע האָבנ אפ אימ אזוי לאנג ארויסגעקוקט, אונ אָט אפ דעמ פּאראָמ וועלנ זיי דאָס איצטער זיכ לאָזנ פאָרנ, אריבערפאָרנ דעמ דניעפּער“ („פונעמ יאריד“).

---

[1]) מיר מיינענ ניט, אז עס דארפ ווערנ א סיסטעמ איינמאָל אפ אלעמאָל. ב א ש ט ע נ ד י ק ־קורצער זאצ איז אויכ אנ אייגנארטיקע דערשײַנונג, אונ מע קענ זיכ ביקלאַל ניט באגייִנ אָנ דער קאָמבינירטער קאָנסטרוקציע.

[2]) מיר באריִרנ דאָ איצט ניט די אומפולע, אָפּגעהאקטע פראזע אונ קאָנסטרוקציִע אלס שילדערונגמיטל (האסטיקײַט, שפּאנונג, אָנשטרענגטקײַט, אויסדריקלעכקײַט).

אופזאצ אונ ליטעראַרישע שאַפונג

I. מעקויעכ אופזאצ ביקלאל

וואָס הייסט אופזאצ.

סע קומט נאָכ טיילמאָל אויס צו דערקלערנ דעם טײַטש פונ וואָרט אופזאצ, ניט בלויז דעם עצעמ באַגריפ. וו־ניט־ווו פרעגנ לערערס איבער — „וואָס מיינט איר עס מיט אופזאצ?"

מיט אופזאצ פלעג מענ אנומלט בעדייע האָבנ נאָר דאָס שריפטלעכע, איבערהויפט שילדערנדיקע ליטעראַרישע וואָרט. אנומלט — ווענ דאָס מינדלעכע וואָרט איז נאָכ ביקלאל א קליינער ייִכעס געווענ אינ שול (אונ אינ לעבנ), אונ מע האָט אויכ קנאַפ אכט געלייגט אפ פראַקטישער שפראַכ. איצט פארשטייט מענ שוינ גאַנצ אנדערש דעמדאָזיקנ באַגריפ. די אופזאצ־סיסטעמ קענ מענ אונ מע דארפ קולטיווירנ אויכ אינ מינדלעכנ וואָרט. דאָס מינדלעכ־פאָרמירטע, געוויינלעכע אונ שיינע וואָרט איז דאָ ניט ווייניקער נייטיק בא אונדזער אופגעריכטנ געזעלשאפטלעכ־אקטיוונ ארומ (פארשיידנערליי ארויסטריטנ, דערציילנ א. א. וו.). אופזאצ שליסט אינ זיכ אײַנ איצט אויכ די עלמענטנ פונ פראַקטישנ אונ פראָזאיש־וויסנשאפטלעכנ וואָרט, וואָס איז אזוי וויכטיק ווי דער ליטעראַריש־פיגוראַלער אונ שיינער געדאנקענ־אויסלייג. אופזאצ קענ אלזאָ קולעל זײַנ קימאַט יעטווידע מינדלעכע אונ שריפטלעכע וואָרט־אויספאָרמירונג פונ אונדזער געדאנק, צי איז עס פארשיידנערליי פראַקטישע מיטיילונג אונ פיקסאציע (פראָטאָקאָל, באריכט, בריוו, קאָרעספאָנדענצ, וויסנשאפטלעכע אכטגעבונג א. א. וו.), צי איז עס פרײַע אונ סטימולירטע ליטעראַרישע שאַפונג אונ פיגוראַלע שילדערונג.

שײַכעס צווישנ מינדלעכנ אונ שריפטלעכנ וואָרט־אויסדרוק.

אינ שול הערשט דאָס מינדלעכע וואָרט, איבערהויפט אפ דער ייִנגסטער שטופע. ווענ די קינדער באַהערשנ ווי ס'ניט איז די שרײַב־טעכניק, קומט אופ אויכ דאָס שריפטלעכע וואָרט. הייבט זיכ דאנ אָנ א נאַטירלעכער אונ קעגנזײַטיקער ווירק־פראָצעס. צווישנ מינדלעכנ אונ שריפטלעכנ וואָרט איז, עמעס, פאראַנ א גרונט־כילעק אינעמ ארט אויסדרוק, ס'איז אָבער דאָ נאָכ מערער פאראַנ שוטפישע אונ פאראלעל־געמיינזאמע מאָמענטנ.

אינ וואָס באַשטייט, אגעפ, דער גרונט־כילעק צווישנ מינדלעכנ אונ שריפטלעכנ אויסדרוק?

אינ מינדלעכע רייד פליסט דער געדאַנק, מעמיילע שוינ דער וואָרט־אויסדרוק, אײַליקער, „אָפגעכאפטער". אינ שרײַבנ — קומט עס פאָר לאַנגזאמער, מער נאָכגעקלערט,

און דעם עצעם פּראָצעס פאַרהאַלטנ דאָ נאָכ די טעכנישע און פיזיאָלאָגיש־ריטמישע שרייַב־מאָמענטנ. הייַנט האָט דאָכ דאָס מינדלעכע וואָרט אינטאָניר־מעגלעכקייַטנ און זשעסטיקוליר־מימישע באַהילפ־מיטלענ, — דערלאָזט עס געוויסע וואָרט־שפּאָרעוודיקייַט, עליפּטישקייַט, וואָס אינ שרייַבנ קענ עס גוירעמ זייַנ ניט־דערעדטקייַט און אומקלאָרקייַט [1]). ביקלאַל פאַלט ניט אַלעמאָל צונויפ די קאָנסטרוקציע פונ מינדלעכנ וואָרט מיטנ בוי פונ שריפטלעכנ וואָרט.

אויכ לעגאַבע ליטעראַרישער שפּראַכ איז מענ געווייִנט צו אונטערשיידנ די ליטעראַרישע אונטעררייִדעניש באַמ רייִדנ און די אייגנטלעכ־ליטעראַרישע רייִדעניש (Gemeinsprache און Schriftsprache לויט פּוילס טערמינאָלאָגיע). „ס'א גאַנצער טהאָמ צווישנ דער „צימער־ליטעראַרישער“ און דער אייגנטלעכ ליטעראַרישער שפּראַכ, וואָס פּאַקטיש רעדנ מיר אפ איר קיינמאָל ניט, נאָר מיר שרייַבנ און שטרעבנ צו רעדנ אפ איר. די אייגנטלעכ־ליטעראַרישע שפּראַכ שיידט זיכ אונטער פונ יעדער רייִד־שפּראַכ, דערינ אויכ פונ דער ליטעראַרישער רייִד־שפּראַכ. דער אונטערשייד איז דאָ אַזאַ: 1) סע פעלט אויס פאַר די רייִדער די שוטפישע היימישע אומגעבונג און געמיינזאַמע לעבנ־דערפאַרונג, וואָס פאַרגרינגערט אפ $^{9}/_{10}$ צו פאַרשטיינ איינער דעמ אַנדערנ אינ רייִדנ. 2) ס'איז דאָ ניט באַהילפּיק ניט קיינ זשעסטנ, ניט קיינ מימיק, ניט קיינ אינטאָנאַציע (די אינטאָנאַציע איז אפּילע פאַראַנ, זי קלינגט אָבער ניט, מע קענ זיכ עס בלויז פאָרשטעלנ, אי דאָס אפ א שטאַרק פאַראָרעמטנ סכעמאַטיש־סטאַנדאַרטיזירטנ אופנ). 3) א מאַקסימאַל פאַרוויקלטער סינטאַקס“ (פּעשקאָווסקי).

און דאָכ צעשטערט עס ניט די „בלוטיקע קרויוועשאַפט“, וואָס איז אינ טאָכ פאָרט פאַראַנ צווישנ אָט די ביידע רייִד־סטיכיעס.

דאָס מינדלעכע וואָרט אינ שול און די אַרבעט דערופּ איז אָרעוו פאַר דעמ געהעריקנ שריפטלעכנ וואָרט. ס'איז דאָ אויכ אַלעמאָל פאַראַנ די קעגנזייַטיקע באַפרוכפּערונג, אָנגעהויבנ פונ פיקסירנ אַנ ערשטע פראַזע אינ אַנ ערשטער גרופּע און אויסלאָזנדיק מיט די קאָמפּליצירטע קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע פאַרצייכענישנ און וואָרטשאַפנ אפ א ווייַטערדיקער שטופע.

II. קאָלעקטיווער און אינדיווידועלער אופזאַצ

אַלגעמיינע מאָמענטנ.

די קינדער קענענ נאָכ קנאַפּ שרייַבנ. פּראַקטיקירט מענ איבער־הויפּט דעמ אַזויגערופענעמ קאָלעקטיוונ אופזאַצ.

מע דאַרפ זאָגנ, אַז קאָלעקטיווע אופזאַצנ פונ דעמ מינ, ווענ דער לערער פירט אָנ מיט די קינדערשע ארויסזאָגונגענ, פאַרשרייַבט אַלייִנ אָדער ס'קינד שרייַבט אפנ טאָוול און די קינדער שרייַבנ דערנאָכ אָפּ, — אַזוינע קאָלעקטיווע אופזאַצנ זייַנענ געוויס א שריט פאָרויס אינ דער מאַסנ־שול, ווו ס'איז נאָכ, ליידער, שטאַרק פאַרשפּרייט צו אראָפּשרייַבנ און צו אָפּקאָפּירנ סטאַמ. קאָלעקטיווער אופזאַצ (און אפ דער ייִנגערער שטופע איבערהויפּט) איז ביקלאַל א צוועק־

[1]) די דערשייַנונג פונ עליפּסיס טרעפנ מיר אָפט אינ פאַלנ פונ אָנוווּקס, האַסט, אָנשטרענג, שלאָגיקייַט.

מעסיקע און באַרעכטיקטע שרײַבאַרבעט, אויב מע כאַפּט דאָ ניט איבער די מאָס, מע מאַכט ניט דערפון קיין איינזײַטיקע סיסטעם, און אויב די ראָל פון לערער איז דאָ אַזאַ, ווי זי דאַרף זײַן — אַ באַהילפיק־קאָריגירנדיקע, אַ סטימולירנדיקע, נישט מער. דער קאָלעקטיווער אופזאַץ האָט אַזוינע מעלעס:

1) עס איז ביקלאַל איינע פון די קאָלעקטיווע מינים אַרבעטן. מע זאָגט זיך דאָ אַלע אַרויס, מע גיט צו, מע בעסערט אויס צוליב געמיינזאַמען אופשרײַבן און אַראָפּשרײַבן.

2) עס העלפט מיט אַפּ אַ צוועקמעסיקן אויפן דער סטיליסטישער ווי אויך דער אָרטאָגראַפישער געניטקײַט דורך אַקטיוו „באַזיניקטן" צונויפשטעלן און אַראָפּשרײַבן.

3) עס דיסציפּלינירט און רעגולירט, איבערהויפּט אַפּ די ערשטע סטאַדיעס, דעם קינדערשן „געדאַנקענגאַנג" — עס געוויינט צו פּלאַן, צו נאָכאַנאַנדיקײַט אין צײַט און רוים, צו אײַנגלידערן דעם פּראַט אין גאַנצן אופזאַץ.

אַזאַ אַרבעט פאָדערט אָבער, ווי געזאָגט, „געזעצלעכ"־פּעדאַגאָגישע מיטהילף, אַ ריכטיקע אָנפירונג פון לערער, אַניט איז עס:

1) פאַר די פּאַסיווערע און שוואַכערע קינדער ניט קיין געניג פּראָדוקטיווע אַרבעט. עס שטויסט זיי דערצו, זיי זאָלן אַליין ווייניק־וואָס טון און אופּטונ נאָר פּאַסיוו און טעכניש אופנעמען און קאָפּירן דאָס, וואָס אַקטיווע כעוורע זאָגן אַרויס און וואָס דער לערער בעסערט אויס.

2) עס קען אויך פאַרווישן דאָס אינדיווידועלע, דאָס אייגנאַרטיקע פון יעדן קינד און שאַפן אַ שאַבלאָניקן, אַפּ אַלעמאָל גילטיקן נוסעכ פון קאָלעקטיווע אַראָפּ־שרײַבעכצן.

דאָס קאָלעקטיווע אופפאַסן און פאַרפאַסן טאָר ניט ניוועלירן די אינדיווידועלע אַרבעטן אין דעם פּראַט. אינדיווידועלע אַרבעטן דאַרפן שוין זײַן אַפּ דער סאַמע יינגסטער שטופע, — פון צווייטן שול־יאָר אָן, ווו מעגלעך אויך עטוואָס פריִער. מיר ווייסן גאַנץ גוט און פאַרגעסן קלאָל ניט ווי וויכטיק ס'איז אָרטאָגראַפישע איווערע־דיקײַט. אָרטאָגראַפיע איז אָבער פאָרט אַ טאָפּל לעגאַבע דעם איקער — מיטהעלפן צו האָבן און צו באַקומען שפּראַך און אייגענע קלאָרע און פאַרביקע שפּראַך. הײַנט לינדערן מיר דאָך די אָרטאָגראַפיע־פּראָבלעם דערמיט, וואָס אין די ערשטע שול־יאָרן קומען מיר אָפּטער אָן צום מינדלעכן אינדיווידועלן אופזאַץ (קינדערשע מיטיילונג, דערציילונג, באַריכט א. א. וו.). זאָגן דאַרף מען, אַז דער אָפּטמאָל איינ־ציק־גילטיקער אָרטאָגראַפישער קריטעריי באַ שרײַב־אַרבעטן (ביקלאַל אַ גאַנץ־שמאָלער קריטעריי) שטערט שוין צופיל צו פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע העכסט וויכטיקע מאָמענטן פון שול־אַרבעט, ווי פרײַער און סטימולירטער אינדיווידועלער אופזאַץ. איך ווייס פון היפּשע קולטור־צענטערן, ווו מע פאַרנעמט זיך קנאַפּ־וואָס אָדער מע פאַרנעמט זיך קלאָל ניט אין שול מיט דער אופזאַץ־אַרבעט (סע פעלט דאָ ביקלאַל אויס וואָסערע־ניט־איז סיסטעם פון שפּראַכקולטור). דער גרונט־מאָטיוו איז דאָ — אָרטאָגראַפיע, אָרטאָגראַפישע איוורעדיקײַט. מיר מיינען, אַז שולדיק איז דאָ בעיִקער די גאַנצע אײַנשטעלונג פון שול, ווו מע גיט נאָך ביקלאַל אָפּ ווייניק אָרט און צײַט אַפּ דער אינדיווידועל־שעפערישער און זעלבשטענדיק־אַקטיווער אַרבעט.

אָרטאָגראַפישע ניט־איוורעדיקײַט, מאָלט אײַך, איז פאראַן ניט בלויז דאָרט, וווּ מע לאָזט די קינדער פרײַער צו באגיין זיך מיטן אייגענעם שריפטלעכן וואָרט. פאראַן איז עס אויך דאָרטן, און אפילע נאָך מערער, ווו קיין אופזאצ־ארבעט פירט מען ביקלאַל ניט. די עצעם אָרטאָגראַפישע ניט־איוורעדיקײַט נעמט זיך פון א גאנצער ריי סיבעס, וואָס קערן זיך ווייניק־וואָס אָן מיט דער אופזאצ־פּראָבלעם. סע פעלט אונדז אדײַעם אויס א פול און געגוי אָרטאָגראַפיש ווערטערביכל אין שול. ביז אהער האָט אויך שטארק געשטערט די אָרטאָגראַפישע וואקלדיקײַט (טיילווײַז איז עס נאָך אדײַעם ניט אויסצומײַדן). סע האָט געפעלט א מעטאָדיש־דורכגעטראכטע סיסטעם בא דער ארבעט אפּ אויסלייג א. א. וו. און זאָל־זשע אָט דער „הייליקער אומרו" פאר אָרטאָגראַפיע פאָרט ניט פארשטעלן די אלגעמיינע פעדאגאָגיש־מעטאָדישע פערספעקטיוו לעגאבע שפּראכקולטור ביקלאַל און אופזאצ בעפראט.

אין ערשטן און אפילע אין צווייטן שול־יאָר פרעוואלירט נאָך דער קאָלעקטיווער אופזאצ. דער אינדיווידועלער אופזאצ איז דאָ ברייט פארטראָטן אין מינדלעכן וואָרט, אָבער אויך דאָ הייבט זיך שוין די אינדיווידועלע שרײַב־ארבעט פון אַן אונטערשריפט אונטער אַן אייגענעם געמעל, פון א פראזע אפּ דער טעמע, פון א קירצערער פארצייכעניש. פון 3־טן יאָר אָן מעג שוין דער שריפטלעכער אינדיווידועלער אופזאצ פארנעמען א בעקאָוועדיקן אָרט (בא דער נייטיקער אָרטאָגראַפישער באוואָרנטקײַט). און אין מעשעך פון דער ווײַטערדיקער לערן־ארבעט פלעכט זיך די גאנצע צײַט איבער דאָס קאָלעקטיווע מיטן אינדיווידועלן, איינס ציט דאָס צווייטע, צי ארבעט מען וואָס־ניט־איז דורכן פראָנטאל אָדער לויט קלענערע קאָלעקטיווע ברייגאדעס (פאָרלעך, דרײַלינגען), צי איז עס א זעלבשטענדיק־אינדיווידועלע דורכארבעטונג לויט דער פולמאכט פון קאָלעקטיוו אָדער קאָלעקטיוו־טייל.

ארטן קאָלעקטיווער אופזאצ.

לאָמיר אָנמערקן די וויכטיקערע ארטן קאָלעקטיווע אופזאצן.

1. קאָלעקטיווער אופזאצ לויט א שמועס. דאָס איז, אייגנטלעך, דער פארשפרייטסטער ארט קאָלעקטיווער אופזאצ אין דער ערשטער שול־שטופע. מע פירט א שמועס, א וואָרט־אויסטויש אפּ א געוויסער שול־טעמע. דער לערער טיילט מיט, די קינדער דערציילן, דערפרעגן זיך. מע קלײַבט אָפּ דאָס וויכטיקערע פון שמועס און לויטן שמועס. דער לערער פירט אָן. ער דריקט אָבער ניט און נאָגט ניט ארויס. דער לערער צי א קינד פארשרײַבט אפן טאָוול פראזע נאָך פראזע. די קינדער שרײַבן אראָפּ. אָדער די קינדער שרײַבן גלײַך די „רעזומע"־פראזעס אין די העפטן ארײַן, און דער לערער שרײַבט נאָר אוף א נײַ וואָרט, א הארבן אויסלייג, א מעגלעכן סטיליסטישן גרײַז, וואָס ער באמערקט בא א קינד א. א. וו.

מע דארף דאָ באזונדערס וואכ זײַן צו לעבעדיקע דערציילערישע מאָמענטן און פראָטים, וואָס קומען אוף בעשאַסן שמועס. מע דארף זען ניט אָפּטויטן מיט דער שריפטלעכער פאָרמוליר־פראזע די פרישע קינדערשע מיטיילונג (זע וועגן דעם אין קאפיטל „שמועס").

II. קאָלעקטיווער אופזאַץ לויט א פּלאַן. דעם פּלאַן גיט דער לערער (קעפּל־פּלאַן אָדער פראַגזאַצן). אָדער די קינדער שטעלן צו א פּלאַן (אַלע איינעם, ברי־גאַדעסווײַז). דער פּלאַן קען זײַן א גענויער פון לעקאַטכילע אָן, אָדער אַן אַלגעמיינ־אָריִענטירנדיקער (פּראָטים וועלן צוקומען בעשאַס דער אַרבעט). מע שטעלט אויף לויטן פּלאַן א קלאָר־געבונדענעם אופזאַץ. טוט עס דער גאַנצער קלאַס, טוען עס אייניקע בריגאַדעס לויט טײלן פון פּלאַן. דעם קאָלעקטיווע אופזאַץ לויטן פּלאַן פאַרשרײַבט מען, און מע שרײַבט אים אַראָפּ לויט דעם פריִער אָנגעוויזענעם סיידער (פּ. 1).

אזוינע קאָלעקטיווע פּלאַנירטע און קאָלעקטיוו צונויפגעשטעלטע אופזאַצן פּראַק־טיקירט מען לעגאַבע זאַכן און דערשײַנונגען, ווו די קינדער האָבן שוין א באַ־שטימטע דערפאַרונג אָדער, אַשטייגער, באַם גרייטן זיך אָפּ אַן עקסקורסיע, בא פּראָ־דוציר־פּראַקטיק, בא אָכטגעבן אָפּ דער נאַטור, באַם אויספאָרשן און קלאָר מאַכן א געוויסע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג א. א. וו. אַהער זײַנען אויך שײַעך די פאַר־שיידנערליי באַריכט־אופזאַצן, סײַ מינדלעכע, סײַ שריפטלעכע, לויט דעם אָנגענומענעם פּלאַן, לויט די אופגעבונגען פון גאַנצן קלאַס אָדער א טייל קלאַס. דער פאָרשטייער פון בריגאַדע טײלט מיט וועגן דער אופגעטאָנענער און אָפּגעטאָנענער אַרבעט לויטן אָנגעמערקטן פּלאַן, די איבעריקע אָנטיילנעמער דערגאַנצן. פון די בריגאַדע־באַריכטן באַקומט זיך דערנאָך א פאַרגאַנצטער פּלאַנירט־קאָלעקטיווער באַריכט־אופזאַץ.

אזוינע פּלאַנירט־קאָלעקטיווע אופזאַצן זײַנען מערער אָנגעמאָסטן פאַר זאַכלעכ־פּראָזאַישע מאָמענטן.

שווערער איז מיט בילדלעך־ליטעראַרישער שילדערונג. אָבער אויך אזוינע אופ־זאַצן נעמט אָפּ זיך א בריגאַדע און אפילו א גרעסערער קאָלעקטיוו.

אין קאָלעקטיוו־פּלאַנירטן אופזאַץ דאַרף מען אַלזאָ אונטערשיידן:

א) גרייטע פּלענער אָפּ אָנצופילן.

אונדזער שטעטל, שטאָט: לאַגע, אויסזען, ראַיאָנען לויט אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן, באַווינער און זייער אַרבעט, גאַסן, פּלעצער, הײַזער, וווילאײַנאָרדענונג, ראַטן־בויונג... (אַלגעמיינע פראַגעס און פאַר באַזונדערע בריגאַדעס לויט אויספאָרש־אופגאַבן).

אין דאָרף (בא אייגענער אַרבעט, אין בריוו). וויפל אַקער־ערד. וויאַזוי האַלט עס מיט קאָלעקטיוויזירן די ווירטשאַפט. וויאַזוי איז דאָס פעלד געטײלט צום באַאַרבעטן. וואָסערע טוווע זייט מען. לאַנדווירטשאַפטלעכער אינווענטאַר. ווען הייבט זיך אָן די פעלד־אַרבעט. אונדזערע בריגאַדעס פון שטאָט...

אָפּ דער אונטערנעמונג.

1) אָפּטיילונג, צעך (גיסערײַ, קוזניע, מעכאַנישער צעך, זאַמלצעך...) רוישטאָף, אויסאַרבעטונג.

2) אַרבעט־טאָג, אַרבעט־וואָך (פינפטאָג, קעסיידערדיקע), היגיענע, אַרבעטשוץ, אַרבעט־לוין.

3) וויאַזוי גייט די סאָצפאַרמעסטונג... וויאַזוי אַרבעטן די שלאָג־בריגאַדעס... וויאַזוי פילט מען אויס דעם אינדפינפּלאַן... אונדזער אָנטייל...

4) וועמען געהער די אונטערנעמונג, אַדמיניסטראַציע, פּריִער און איצט...

5) קולט־אַרבעט...

צו דער סטאַנציע:

1) וואָס דאַרפֿן מיר זען און באַטראַכטן. דער וועג.

2) וואָקזאַל: פֿורן, באַלעגאַזלעס, טרעגערס, פּראַכט, אין וואָקזאַל, אַף דער פּלאַט־פֿאָרם, צוגן־פּאַרקער...

3) לאָקאָמאָטיוו — גרונט־טיילן: הייצויוון, דאַמפּקעסל, צילינדער, באַוועגטייל, טענדער...

4) הייצער, מאַשיניסט, (פּאָרוויַזיַע סיסטעם), קאָנדוקטער...

ב) פֿעריקאָדישע פּאַרצייכעניש און טאָגבוך פֿון אכטגעבונג.

אַזאַ אַרט אופזאַץ וואַקסט אָן בעהאַדראָגע. די אָנטיילגעמער זיַינען איינצלנע קינדער, בריגאַדעס קינדער, וואָס פֿאַרצייכענען, שריַיבן צו בעהאַדראָגע אַף דער טעמע. יעדער פּאַרצייכעניש איז דאָ אַ טייל פֿון גאַנצן, דרינגט אַרויס פֿון פֿריַער און ברענגט־מיט די וויַיטערדיקע פֿאַרצייכעניש.

טאָגבוך פֿון שול־אַרבעט (באַ יעדער בריגאַדע: די פּאָרשטייענדיקע אַרבעט, פּלאַן, רעזולטאַטן...)

טאָגבוך פֿון אונדזער פּראָדוציר־פּראַקטיק.

בלעטערפֿאַל, — קאָלעקטיווע פֿאַרצייכעניש לויט אכטגעבונגען אַף דער קאָליר־ענדערונג באַ פֿאַרשיידענע ביימער.

—

פֿייגל־אָפּפֿלי, פֿייגל־אָנקום (טאָגבוך).

—

טאָגבוך פֿון פֿאַרזעצטע זוימען. (אָנווייק... פֿאַרן ווייקן און נאָכן ווייקן... דורכ־שפּראָצן... פּרווון: אַף דער קעלט... אין דער פֿינצטער... מיט און אָן באַגיסונג...)

—

אין שול־גאָרטן (טאָגבוך).

—

פֿראָש (רויג... אַנטוויקלונג: ערשטע באַוועגונג, עקל, לאַפּקעס... קאָפּעקל. האָדעוואַניע).

ג) באַריכטן און פּאָרטראַגן, ווו די איינצלנע און בריגאַדעס רעכענען זיך אָפּ, טיילן מיט פֿון זייער טייל אָפּגעטאָנענע אַרבעט און ווו די יעדיעס, מאַטעריאַלן פֿון איינצלנע און פֿון קלענערע בריגאַדעס פֿאָרמירט אויס דערנאָך דער גאַנצער קאָלעקטיוו (זעט, אַשטייגער, דעם „פּלענום" אין קאַפּיטל „שמועס").

III. קאָלעקטיוו־אָפּקליַיבערישער אופזאַץ.

מע באַאַרבעט קאָלעקטיוו אַ געוויסן טעקסט פֿון אַן אָפּמאַך, ווענדונג, פּלאַקאַט, לאָזונג, באַגריסונג, אופֿרוף, בריוו א. א. וו. די קינדער שטעלן אוף נאָכאַנאַנד פֿראַזעס און טיילן טעקסט, וואָס מע באַהאַנדלט קאָלעקטיוו, מע פֿאַריכט, מע קליַיבט אָפּ. ס'איז קעדיַי צו באַקענען פֿריַער די קינדער מיט די געהעריקע מוסטערן.

אַלע ראָטעס און בריגאַדעס פֿירט
אַפֿן פֿראָנט! דעם דורכבריַיס ליקווידירט!
נאָר פֿיַינט איז ניט אין אונדזער ריי!

אַלע קױכעס אַפן האַרבסט־פּאַרזײ!
קעגן שימל! קעגן זיטן װילדע!
אינעם מאַרש פאַר אַלגעמײנער בילדונג! (פּעפּער).

„אױב ניט אַריבערפירן דאָס לאַנד אױף אַן אַנדער טעכניק, אױף אַ העכערער טעכניק, אײדער פריִער, קען קײן רײד ניט זײַן פון אױפשטעלן די פאָלקװירטשאַפט און פון קאָמוניזם" (לענין).

„די באַלעגופים װײסן, אַז סע שלאָגט זײער לעצטע שאָ, — דער קעגנער טרעט אַרױס ניט בלױז מיט קײן רעדע, מיט װערטער און מיט פּראָזעס, נאָר ער אָרגאַניזירט די דאָרף־אָרעמקײַט" (לענין).

צונױפשטעלן ענלעכע פּלאַקאַטן אױף די געהעריקע טעמעס. קאָלעקטיװ באַטראַכטן און אָפּקלײַבן אױף אַרױסהענגען.

—

אָפּקלײַבן פּראָזעס אױף פּלאַקאַטן װעגן לעניִנען, אָקטיאַבער, ערשטער מײַ, רױטע אַרמײ, קאָלעקטיװיזאַציע, אינדוסטריאַליזאַציע „צו הילף דעם אינדפינפּלאַן", „צו הילף דעם קאָלװירט, דעם אַגראָקאָמבינאַט", קעגן פּראָגולן, באַרײַסערײַ, אומפּלײַערײַ, פאַרשפּעטיקונג א. א. װ.

—

צונױפשטעלן פּלאַקאַטן „אונדזערע פרײַנט" (באַלעכאַים), „אונדזערע פײַנט" (דאָסזעלבע), — בא דער טעמע „פּאַרזײ".

—

אונדזער באַגריסונג צו די קינדער פון אַן אַנדער שול, צו די אַרבעטער פון אַ באַקאַנטער אונטערנעמונג, צו די שעפן פון שול.

—

װיאַזױ מיר װעלן פײַערן דעם ערשטן מײַ, װיאַזױ מיר האָבן געקעמפט מיטן דורכרײַס אױף דער אונטערנעמונג (קאָלעקטיװע בריװ צו די קינדער פון אַן אַנדער שול.)

—

אױפשטעלן אַ פאָרם פאַר אַ סאָצאָפּמאַכ צװישן בריגאַדעס אין גרופּע, צװישן גרופּעס, צװישן צװײ שולן א. א.

סאָצאָפּמאַכ מיט די עלטערן

איך (נאָמען, פאַמיליע) רוף אַרױס דעם טאַטן, די מאַמע (נאָמען, פאַמיליע, אונטערנעמונג) אױף אַ סאָצאָפּמאַכ און נעם אױף זיך:

1. ניט פאַרשפּעטיקן אין שול און ניט דורכלאָזן קײן לערן־טעג אָן אַ סיבע.
2. העכערן מײַן אַרבעט־דיסציפּלין.
3. העכערן מײַנע דערגרײכונגען.
4. אַקטיװ זיך באַטײליקן אין דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון שול.
5. פירן אַ קאַמף מיט רעליגיע... א. א. װ.

איך, פאָטער, מוטער (נאָמען, פאַמיליע) פון שילער (נאָמען, פאַמיליע) נעם אָן דעם אַרױסרוף פון מײַן זון, טאָכטער. איך פאַרפליכט זיך:

1. ניט האָבן קײן אײן טאָג פּראָגולן פאַרן יאָר.
2. הײבן די אײכעס פון פּראָדוקציע צום (אָנװײַזן דעם טערמין) אױף... פּראָצענט.
3. באַזוכן אַלע פּראָדוציר־באַראַטונגען.
4. אַרײַנטרעטן אין טעכנישן קרײַז א. א. װ.

כסימעס:

IV. קאָלעקטיוו באארבעטן אופגעזאמלטע און אופגעקליבענע מאטעריאלן.

די קינדער זאמלען אופ מינדלעכע און געדרוקטע מאטעריאלן אפ געוויסע טעמעס. מע הערט אויס, מע באטראכט עס קאָלעקטיוו, מע בעסערט אויס, מע גיט צו, מע ווארפט אָפּ.

מע קען איבערגעבן א בריגאדע צי א קינד צונויפשטעלן א באריכט, א דערציילונג אפן גרונט פון אזוינע ארבעטן.

אופזאמלען מאטעריאל צו דער געשיכטע פון פאבריק, קאָלווירט (בא עלטערע ארבעטער, פויערים, אין די וואנטצייטונגען פון פריער א. א.)

פארשרייבן בא עלטערע, אייגענע און באקאנטע, וואָס זיי וויסן און געדענקען פון ארבעטער־קאמפּ: שטרייקן, אופשטאנדן, קאמפּ פון דער רויטער ארמיי, בירגער־קריג א. א. וו.

ערשטער מיי אמאָל (לויט דערינערונגען פון עלטערע ארבעטער און לויט געדרוקטע מאטעריאלן).

ביאָגראפיעס לויט מאטעריאלן: לענינס קינדער־יאָרן, לענין, סטעפענסאָן, עדיסאָן, פולטאָן, גאליליי א. א. וו.

לויט די אָקטיאבער־דערציילונגען און לידער אין אייערע לייענביכער ענטפערט אפ די פראגעס:

1) וויאזוי און פארוואָס האָבן די ארבעטער און פויערים געקעמפט פאר פרייהייט און רעכט?

2) ווער זיינען עס די אָקטיאבערלעך און יונגע לענינער (פיאָנערן)?

3) וואָס האָט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע געגעבן די ארבעטער און פויערים?

V. קאָלעקטיווער אופזאץ לויט געמעל (זע ווייטער).

ארטן אינדיווידועלער אופזאץ.

די אויבנגעבראכטע קאָלעקטיווע ארטן אופזאץ האָבן אין זיך אויך פיל אינדיווידועלע מאָמענטן. ביקלאל איז אין דער לעבעדיקער ארבעט פון שול אָפטמאָל שווער אזוי שטרענג פאנאנדערצוגרענעצן דאָס קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע, — ס'איז דאָ איבערגעפלאָכטן איינס מיט אנדערע, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן. די אלגעמיינע אויספירן לויט א שמועס שליסן, געווייכטלעך, ניט אויס די אינדיווידועלע און אייגנארטיקע צוגאָבן און איליוסטראציעס צום אלגעמיינעם שמועס. דער קאָלעקטיוו־פּלאנירטער אופזאץ און די פּלאנירט־פּעריאָדישע פארצייכעניש שליסט ווידער ניט אויס, נאָר שטויסט און רופט ארויס דאָס אינדיווידועלע. און די באזונדערע קוועלכעלעך זיינען דאָ נאטירלעך, ווי נאטירלעך ס'איז דער גאנצער לעבעדיקער קוואל, וואָס שלאָגט פון דער טיפ פון קינדערשן וועזן, ווען נאָר די ארבעט קומט פאָר אין דער נייטיקער פעדאגאָגיש־סטימולירנדיקער אטמאָספער.

אָט זיינען אייניקע ארטן פון ספעציעל־אינדיווידועלן אופזאץ און פון אינדיווידועלע מאָמענטן באם אלגעמיין־קאָלעקטיוון אופזאץ.

1) פערזענלעכע איבערלעבענישׁ פונ א שילער (מע קענ עס דערנאָכ קאָלעקטיוו באארבעטנ, דערגאנצנ).

2) דאָסזעלבע — אנ עפּיזאָד, א פאסירונג, וואָס איינ שילער טיילט מיט.

3) מע שרײַבט אפ אנ אלגעמיינער טעמע (זומער־ארבעט, צוגרייט צו ווינטער, אפ דער אונטערנעמונג, רעוואָליוציאָנערער יאָנטעוו א. א. וו.). יעדער קינד קלײַבט אויס אינ די ראמענ פונ דער טעמע א וואָסער־ניט־איז בילדל, מאָמענט, באארבעט עס זעלבשטענדיק. (א ווינטער־אָוונט בא אונדז אינ שטוב, דעמ ערשטנ מאָל מיטנ באנ, אונדזערע באלעכאים, באמ טאטנ אפ דער אונטערנעמונג, וויאזוי אונ מיט וואָס איכ העלפ אינ דערווירטשאפט).

4) ביקלאל פרײַע אינדיווידועלע טעמעס פונ קאָמפּלעקסישנ אונ אויסער־קאָמפּלעקסישנ כאראקטער: וואָס וואָלט איכ געוואָלט זײַנ אונ וויאזוי וועל איכ דערצו קומענ א. א. וו. (זע ווײַטער).

5) אינדיווידועלע טאָגביכער.

6) אינדיווידועלער אופזאצ לויטנ געמעל (זע ווײַטער).

III. פּראקטישער אונ בילדלעכער אופזאצ

אלגעמיינע מאָמענטנ.

אז דאָס פּראקטישע וואָרט, דער פּראָזאישער אופזאצ איז נייטיק פאר שול אונ לעבנ — באדארפ מענ שוינ איצט קיינ סאכ ניט ברײַענ. מע האָט עס שוינ פעסטגעשטעלט אינ דער אויסלענדי־שער מעטאָדישער ליטעראטור (Lebensvolle Sprachübungen לויטנ דײַטשישנ טערמינ), מע ווייסט שוינ גוט אויכ בא אונדז ווי נייטיק ס'איז אזא ארבעט.

מיט זאכלעכ־פּראָזאישער שפּראכ דארפ מענ אָבער ניט מיינענ בלויז די איינפאכע, פּרימיטיווע פאָרמעס פונ אנקעטע, מעלדונג א. א. וו., ווו ס'איז נייטיק ניט אזוי רייד־קולטור ביקלאל, נאָר געוויסע שריפטלעכע קענעוודיקײַט. שײַעכ איז אהער דער גאנצער סכומ מיטלענ אונ מעגלעכקײַטנ אפ האָבנ אונ אָנווענדנ דאָס קולטור־פּראָזאישע וואָרט אינ ברייטנ זינ, — די שפּראכ פונ אונדזער געזעלשאפטלעכנ געדאנק, דער פיאָנערישער, קאָמיוגישער באגריפ אונריידשטייגער, די וויסנשאפטלעכע פאָר־מולירונג, די שפּראכ פונ אונדזער פּרעסע א. א. וו. מע דארפ זיכ סיסטעמאטיש אָפּגעבנ מיט אָט דעמ פּראָזאישנ אונ האלב־פּראָזאישנ וואָרט, קעדיי ניט קומענ צו די אומפארשטייענישנ אונ אומגעלומפּערטקײַטנ פונ וואָרט־באנעמ אונ וואָרט־אָנווענד, וואָס מיר האָבנ דערופ אָנגעוויזנ אינ די פריערדיקע קאפּיטלענ. מע דארפ פונ שול אָנ אײַנפלאנצנ די געוווינשאפט צו פּראָטאָקאָלירנ, קאָרעספּאָנדירנ, פאָרמולירנ, נאָטירנ, רעפערירנ א. א. וו., וואָס ס'איז קיינ קאפּעלע ניט ווייניקער וויכטיק פונ אָנייגענענ דאָס בילדלעכ־עמאָציאָנעלע וואָרט.

אונ דערבײַ גייט, געוויינטלעכ, די ארבעט אפ שיינוואָרט. ס'איז העכסט נייטיק אפ הייבנ די וואָרט־קולטור ביקלאל. ס'איז צומ הארצנ דעמ קינד מיט דעמ קערנ

קאָנקרעטקײַט, אָנשוילעכקײַט. ס'איז וויכטיק אזוי אפ דורכנעמענ זיכ מיט דעמ קינסטלערישנ וואָרט ביקלאל, מיט דעמ ליטערארישנ פראגמענט אונ ווערק פונ קינסטלער.

אינ די ייִנגערע גרופּעס איז אָפּטמאָל שווער צו אָפּגרענעצנ דאָס זאכלעכע פונ בילדלעכנ, אזוי איז עס דאָ איבערגעמישט אינ דער גאנצער ארבעט, אזוי איז עס אויכ איבערגעפלאָכטנ אינ וואָרט־אויסדרוק.

פאראנ געגנשטאנדנ אונ טעמעס, ווו דאָס אייגנטלעכע אונ פיגוראלע קומענ אופ פאראלעל אונ ווערנ דאָ „סינקרעטיש" איבערגעקרייצט. דער נאטור־אופזאצ, אשטייגער. זאָל נאָר דאָס קינד געוויינט זײַנ צו נאטור אונ נאטור־אכטגעבונג, זאָל נאָר זײַנ באַנעמ שפּירעוודיק אונ וואכ זײַנ פאר געוויקס אונ לעבעדיק באשע־פעניש, פאר אופּטו אונ דערשײַנונג פונ טעכניק. דאָס קינד וועט דאנ ניט נאָר קענענ גענוי אונ וויסנשאפטלעכ־קלאָר פיקסירנ א נאטור־דערשײַנונג, מיט פלײַס פארצייכענענ א נאטור־געזועצ, עס וועט דאנ פארמאָגנ אויכ דיפערענצירטע אונ פײַנע עסטעטישע עמאָציעס, איידעלנ כוש פאר לעבעדיקער אונ ניט־לעבעדיקער נאטור אונ אינ שיינעמ אונ העלנ אויסדרוק אונ בילד עס איבערגעבנ. דערפונ זאָגנ איידעס די פארצייכענישנ פונ „יונגע נאטוראליסטנ", פונ קינדערשע טעכניקער־אופטוער, וואָס מוסטערנ דערפונ האָבנ מיר אויכ אינ ייִדיש.

ל. נ. טאָלסטאָי האָט בעשאטוי (1862) געווידמעט אינ זײַנע פּעדאגאָגישע אר־טיקלענ עטלעכע וווּנדערלעכע זײַטלעכ דעמ וואָרט־שאפנ פונ קינדער (דאָרפישע). ער האָט היפּשע שאָענ אונ טעג פארבראכט מיט די קינדער אינ זײַנ יאסנאָפּאָליאנער שול, מיט זײַנ געוויינלעכער ליידנשאפט אונ טעמפּעראמענט זיכ ארײַנגעטונ אינ שאפנ מיט די דאָרפישע קינדער (ארויסגעטיילט האָט זיכ באזונדער דאָס אויסגעצייכנט פאָרל פעדקע אונ סיאָמקע), דערנאָכ עס פארגעדענקט אפנ גאנצנ לעבנ (אונ בעשאס־מײַסע — „כ'האָב פארלאָזנ דעמ לימעד, ווײַל כ'בינ געווענ שטארק אופגערעגט"), אונ איז גרייט געווענ צו באהויפּטנ מיט דער פולער זיכערקײַט, אז „קיינ גלײַכנ האָב איכ ניט געטראָפנ אינ דער גאנצער רוסישער ליטעראטור..." „...א פויערש האלב־איור־רעדיק ייִנגל האָט ארויסגעוויזנ אזא באוווסטזיניקע קינסטלער־קראפט, וואָס בא דער גאנצער אומגעהייערער אנטוויקלונג־הייכ קענ עס קיינ געטע ניט דערגרייכנ..." „דער מאָס־געפיל איז בא אימ אזוי שטארק, ווי בא קיינ איינעמ ניט פונ די שרײַבער, וואָס איכ ווייס..." א. א. וו.

קלאָר, אז אפ אזוינע באהויפּטונגענ האָט געווירקט די אלגעמיינע פּעדאגאָגיש־טאָלסטאָישע פאלשע אײַנשטעלונג, אז „לערנענ אונ דערציִענ דאָס קינד טאָר מענ ניט אונ ס'איז אנ אומזינ מאכמעס דער פּאָשעטער סיבע, וואָס דאָס קינד שטייט נעענטער פונ מיר, נעענטער פונ יעדער דערוואָקסענעמ צו יענעמ אידעאל פונ הארמאָניע, עמעס, שיינקײַט אונ גוטסקײַט, צו וועלכנ איכ, מיט מײַנ גײַווע, וויל אימ ברענגענ"... מיר האָבנ דאָ אויכ געוויס א פאל פונ א געראָטענעמ אונ באשענקטנ סיאָמקע אונ פעדקע, וואָס זייער אָנרעגער אונ מיטשאפער איז געווענ ניט קיינ אנדערער ווי טאָלסטאָי אליינ. אײַנגעגלויבט אינ דער קינדערשער שעפערישער פרײַהײַט, ווייסט דאָכ טאָלסטאָי, אז דאָס קינד „דארפ פונ מיר האָבנ דעמ מאטעריאל, קעדיי צו

דערגאַנצן זיך האַרמאָניש און אַלזײַטיק"... אַז די הויפּט־קונסט פון לערער באַם אָנפירן מיט די אופזאַצן פון קינדער באַשטייט „אין פאַרגעבן טעמעס און ניט אַזוי אינעם פאַרגעבן, ווי אינעם לאָזן אַ גרויסן אויסוואַל, אין אָנווײַזן דעם פאַרנעם פון אופזאַץ, אין ווײַזן די ערשטע שרײַב־אויפאַנים".

„...פון די בילדער און געדאַנקען, וואָס זײַנען בא מיר אופגעקומען, האָב איך טכילעס אָפּגעקליבן דאָס, וואָס כ'האָב געהאַלטן פאַר בעסער, פאַרגעדענקט און אָנגעוויזן דאָס אָרט, און פאַרגלײַכט מיטן אָנגעשריבענעם, אָפּגעהאַלטן פון איבערכאַזערונגען, און אַליין געשריבן. דערנאָך האָב איך זיי אַליין געלאָזט אויסקלײַבן און פאַרגלײַכן מיטן אָנגעשריבענעם, און דערנאָך שוין (ווי בא Солдаткино житье) האָבן זיי שוין דעם פּראָצעס פון שרײַבן גענומען גופע אָפּ זיך".

און נאָך אַלעם זײַנען פּאָרט ראָמאַנטיש איבערגעטריבן די טאָלסטאָיִשע באַהויפּטונגען אין אָט דעם וווּנדערלעכן אַרטיקל, וואָס טראָגט אָפּן טאָלסטאָיִשן שטייגער דאָס פּאַראַדאָקסאַלע קעפּל: „ווער בא וועמען זאָל זיך לערנען שרײַבן: די פּויערשע קינדער בא אונדז, צי מיר בא די פּויערשע קינדער"[1].

דאָסדאָזיקע טאָלסטאָיִשע אַרטיקל קומט פונדעסטוועגן אַלעמאָל אָפּן געדאַנק, ווען דו טראַכסט פון דעם געזונטן קערן, וואָס דאַרף שפּײַזן די אַקטיוו־שעפערישע וואָרט־אַרבעט אין שול, און וואָס אין דעם פּראַט באַשטעטיקט זיך עס אָפּט, ווען דו לעבסט זיך אײַן מיט די בעסערע מוסטערן פון קינדער־שאַפונג און מיט קינדערשע אַרבעטן ביקלאַל, ווען מע האָט עס נאָר ריכטיק און אײַנגעטראַכט סטימולירט און קולטיווירט.

עטוואָס פריִער האָבן מיר שוין אין אַלגעמיין באַרירט אַ גאַנצע ריי מינים מינדלעכן און שריפטלעכן, קאָלעקטיווע און אינדיווידועלן אופזאַץ. מירן איצט פאַרגאַנצן אָט דעם צעטל לויט פּראַקטישן אָפּשניט און בילדלעכן און ברענגען דערבײַ נאָך אייניקע אײנפאַכע און קאָמפּליצירטע מוסטערן דערפון.

פּראַקטיש־פּראָזאַישע פאָרמ. מעלדונג. קיין באַזונדערס ספּעציִעלע געניטונגען קומען דאָ ניט פאָר. די אַרבעט אָפּ מעלדונג, ווי אָפּ אַנדערע אַרטן אָפּיציִעלע פּראָזע, קומט פאָר בא אַ געלעגנהײַט. אַ געלעגנהײַט אַזאַ וועט אַלעמאָל זײַן — באַם אָנגעבן אַ מעלדונג אָפּ אַן אונטערנעמונג, וווּ מע דאַרף אַרבעטן, באַם וועלן אָנקומען ערגעץ־ווּ א. א. וו. עס קומט אויס ניט בלויז מעלדן און ווענדן זיך, נאָר טאַקע מאָטיווירן און אופקלערן, נאָך וואָס מע ווענדעט זיך. מע דאַרף אויך שפּעטער באַקענען מיט דעם קאָמפּליצירטן אַרט מעלדונג מיט די נייטיקע יעדיִעס פון זיך — curriculum witae. אין אַזאַ מעלדונג קומען אַרײַן די הויפּטלעכע לעבן־פאַקטן (ס'איז אָבער ניט קיין לעבן־באַשרײַבונג מיט פאַלן און אומשטענדן פון פערזענלעכן לעבן, ווי אין אַ ביִאָגראַפיע): געבוירצײַט, געבוירט־אָרט, אָפּשטאַם, ווו געאַרבעט, געווען (נאָכאַנאַנד לויט די יאָרן נאָך) א. א. וו.

---

[1]) Кому у кого учиться писать: крестьянским ребятам у нас или нам у крестьянских ребят. Полное собр. сочин. Л. Н. Толстого, т. IV.

מע דאַרף אופמערקזאַם מאַכן אפ דער טעכניק פון שרײַבן אַ מעלדונג. גאָר אויבן, לעבגויס דער שורע — דער אַדרעסאַט, דערנאָך — דאָס קעפל, טעקסט פון דער מעלדונג, דאַטע, אונטערשריפט... אין די קאָמפּליצירטע מעלדונגען-ווענדונגען זיך האַלטן באַם אָנגענומענעם סײדער: אַ) די מעלדונג גופע, ב) קורצע פאַקטישע לעבנ-באַשרײַבונג, ג) צעטל דאָקומענטן און אָנווײַזונגען, ד) אַדרעס.

אַגעפּ און צו דער זאַך קען מען אַמאָל פּראַקטירן אַ ספּעציעלע אופגעבונג אַזאַ, ווי אַשטײַגער:

1) צונויפשטעלן אַ מעלדונג אין שולקאָם אַרײַן וועגן אַ געוויסער שול-אומנאָרמאַלקײַט.

2) צונויפשטעלן אַ מעלדונג אפ אָנקומענ אין פּראָפשול (מיט די נײטיקע ידיעות פון זיך).

מוידאָע. צו מוידאָע קומט אויס אָנקומען גאַנץ אָפט אין שול און אין אויסערשול. באַדאַרף מען געוויינען שרײַבן מוידאָעס צו דער זאַך, קורץ און קלאָר. מע קלײַבט זיך דאָ פאַנאַנדער באַ אַ געלעגנהײַט, מע אַנאַליזירט אַן אַרויסגעהאַנגענע געלונגענע אָדער אומגעלונגענע מוידאָע.

מען דאַרף לייגן אַכט אפ גראַפישער אויסדריקלעכקײַט: וויזן וואָס אַרויסטיילן אין מוידאָע, וואָס אונטערשטרײַכן, וואָס אָנשרײַבן מיט גרעסערן שריפט, וואָס מיט קלענערן שריפט א. א. וו.

מע קען געבן אַזוינע אופגעבונגען:

1) צונויפשטעלן אַ מוידאָע וועגן אופנעמ אין שול (אפ אַרויסהענגען אין ראַטנ-אַנשטאַלט, אין ווינקאָאָפּ).

2) מוידיע זײַן אין צײַטונג (וואַנט-צײַטונג) וועגן אַרויסלאָז-יאָנטעוו.

אַנקעטע. די אַנקעטע ברענגט מיט געוויסע אָפיציעלע אָנגאַבן און ידיעות. די אַנקעטע קומט אויך פאָר באַם אַכטגעבן, אויספאָרשן, באַם אופקלערן פאַרשיידנערליי פּראַקטישע און וויסנשאַפטלעכע דערשײַנונגען. אָט איז אַזאַ, אַשטייגער, קינדערשע „אַנקעטע צו אויספאָרשן דעם אײַזנבאַן מיט דער ליניע"[1].

1. ווי זעט אויס די ליניע?
2. וויפל איז די ברייט פון דער ליניע?
3. פון וואָס מאַכט מען אַ ליניע?
4. וויאַזוי מאַכט מען אַ ליניע?
5. וויפל צײַט קען זיך האַלטן אַ ליניע?
6. וויאַזוי איז די ליניע געבויט?
7. ווער היט אָפּ די ליניעס פון פאַרשיידענע שאָדנס?
8. וואָס לייגט מען אונטער אונטער דער ליניע, — האָלץ אָדער אײַזן, שטיינער א. א. וו.?
9. וויפל קאָסט אויסבויען אַ ליניע, וואָס האַלט אַ קילאָמעטער די לענג?
10. אפ וויפל ליניעס געפינט זיך איין פּאָמפּע און צו וואָס נוצט זי?
11. וויפל האַלט די ליניע פון מינסק ביז מאָסקווע?
12. וויפל ליניעס זײַנען דאָ פאַראַן אפן סטאַנציע?

---

[1]) ש. ראַוויג און וו. שאַצ. פּראַקטיק פון פּרוּושול. מינסק 1928 יאָר.

13. ווער איז פאראנטוואָרטלעכ דערפאר, אז דער צוג זאָל ניט אראָפגייג פונ ליניע ?
14. ווער היט אָפ דעמ סיגנאל דורכ דעמ סעמאפאָר ?
15. וואָס נאָכ פאר א סיגנאליזאציעס זײַנעג פאראנ אפנ באנ ?
16. ווי באוועגט זיכ דער סעמאפאָר ?
17. וויפל „סטרעלקעס“ זײַנעג פאראנ אפ יעדער ליניע און ווי ארבעטנ זיי ?
18. וויפל באקומט דער, וואָס ארבעט ארומ דער „סטרעלקע“ ? און וואָס פאר א ספעצ־קליידונג גיט מענ אימ ארויס ?
19. צי טרעפנ פאלנ, אז דער באנ פאָרט און עס צעשפאלט זיכ די ליניע ?
20. פארוואָס זײַנעג ניט בא אלע צוגנ און לאָקאָמאָטיווג די רעדער פונ אייג גרייס ?
21. וויפל וועגט א צוג, א וואגאָנ און א ראָד פונ א באנ ?
22. ווי באוועגט זיכ דער באנ ?
23. מיט וואָס באהייצט מענ אונדזערע באנענ און מיט וואָס ערגעצ אנדערש ?
24. צי איז די שנעלקײַט פונ באנ אָפהענגיק פונ דער באהייצונג ?
25. וויפל וועג־לויפט דורכ א צוג אינ א שאָ (שנעל־צוג, פאָסט־צוג, פאסאזשיר־צוג א. א. וו.) ?
26. וויפל פערד פארבײַט א לאָקאָמאָטיוו ?
27. וויפל באקומט א מאשינפירער א כוידעש ?
28. וויפל מענטשנ באדינענ א צוג ?
29. צי באקומענ די באנארבעטער ספעצ־קליידונג ?
30. וויפל סכוירע קענ פארפירנ א פראכטצוג ?
31. ווו לערנט מענ זיכ די ארבעט פונ א מאשיניסט א. א. וו. ?
32. ווי גיט איבער דער קאָנדוקטער פונ וועג, אז עס טרעפט אפנ צוג א צופאל ?
33. פונ וואָס איז דער צוג געבויט ?
34. ווו פאריכט מענ די וואגאָנעס ?
35. וויפל מאָל אינ יאָר פאריכט מענ א צוג ?
36. וויפל און וועלכע צוגנ גייענ דורכ בא אונדז אינ שטאָט יעדנ טאָג ?

דאָס איז אנ אנקעטע, וואָס קינדער האָבנ צונויפגעשטעלט, און ניט אלצ איז דאָ, געוויינטלעכ, גלאט, גוט און וויכטיק. ביקלאל אָבער איז אזא מינ אנקעטע — אנ אויסגעצייכנטער מאטעריאל צו געניטנ זיכ באמ פאָרמולירנ א פראגע, אנ אופ־גאבע. געדענקענ דערבײַ דארפ מענ אָט־וואָס:

1) ניט צעציִענ די אנקעטע. וואָס געפרעסטער. איבעריקע פראָטימ ווענדנ אָפ און שטערנ טיילמאָל צומ עצעמ.

2) די אנקעטע דארפ האָבנ א באשטימטנ ציל און אײַנשטעלונג. שטרענג זיכ האלטנ דערבײַ בעשאס פאָרמולירנ די אנקעטע.

3) לייגנ אכט אפ סיסטעמ און סיידער פונ די פראגעס און פונקטנ. זיי דארפנ זײַנ פאנאנדערגעגרענעצט, זיי מוזנ ארויסדרינגענ איינס פונס אנדערע.

פ ר אָ ט אָ ק אָ ל. דער פראָטאָקאָל דארפ פינקטלעכ אָפשפיגלענ דאָס וויכטיקערע, וואָס ס'איז פאָרגעקומענ אפ דער זיצונג, פארזאמלונג. ניט אלצ איז אלע מאָל דאָ און דארפ זײַנ אינ פראָטאָקאָל, דער קערנ אָבער מוז זײַנ. מע דארפ, אייגנטלעכ, אונטערשיידנ דעמ איינפאכנ, קירצערנ, ר ע ז אָ ל י ו ט י ו ו נ פראָטאָקאָל און דעמ ב א־ ר י כ ט־פראָטאָקאָל. אינעמ באריכט־פראָטאָקאָל איז אלצ וויכטיק, און בא וויכטיק־פרינציפיעלער באהאנדלונג דארפ מענ דאָ ברענגענ וואָס פולער דעמ מיינונג־אויסטויש, כילוקעדייעס א. א. וו.

פראָטאָקאָלירנ גוט הייסט קענענ הערנ אונ אופנעמענ דעמ עצעמ. עס פאָדערט טרענירטע אופמערקזאמקייט אונ די פעיִקייט צו פיקסירנ געפרעסט, אָבער גענוי אונ קלאָר. דארפ מענ באצייטנס געווייגענ דערצו אונ אכטונג געבנ דערופ אינ שול.

סיי אינ קירצערנ, סיי אינ פולערנ פראָטאָקאָל האָבנ מיר אנ אלציינעמ אויבער־טייל, קעפל: 1) פראָטאָקאָל. 2) איינריכטונג, וואָס צו איר איז שייעך די זיצונג, פארזאמלונג. 3) דאטע. 4) צעטל אָנטיילנעמער (אָדער די אלגעמיינע צאָל בא א גרויסער פארזאמלונג). 5) טאָג־אָרדענונג. דערנאָכ גייט דער אייגנטלעכער פראָטאָקאָל, פאנאנדערגעטיילט אפ צוויי גראפעס — רעכטס (ניט־יידיש — לינקס) — „באטראכט", לינקס (ניט־יידיש — רעכטס) — „אָנגענומענ". אינ קורצנ פראָטאָקאָל רעכנט מענ, געווייגלעכ, איבער אינ דער גראפע „באטראכט" דאָס צעטל באהאנדלטע פראגעס אונ די וויכטיקערע פאָרשלאגנ, אינ דער גראפע „אָנגענומענ" — די באשלוסנ. דעמ מער־גענויעמ פראָטאָקאָל שטעלט מענ טיילמאָל פאנאנדער אנדערש — אינ דער גלייכער שורע, ווי געווייגלעכנ טעקסט, אונ אינעמ פראָטאָקאָל גיט מענ אויכ קורצ דעמ טאָכ פונ דער באהאנדלטער פראגע מיט דעמ מיינונג־אויסטויש (אָנווייזנדיק די אָנטיילנעמער) אונ די ארגומענטאציע צומ אָנגענומענעמ באשלוס. צומ סאָפ שרייבנ זיכ אונטער דער פאָרזיצער אונ דער סעקרעטאר פונ דער פארזאמלונג (מע קענ עס אויכ טונ אינעמ אויבערטייל).

מע דארפ ווייזנ די שילער אנטשפרעכיקע מוסטערנ פונ איינפאכערנ פראָטאָקאָל (יינגערע שטופע) אונ פונ גענויערנ פראָטאָקאָל־באריכט (עלטערע שטופע). ספעציעל זיכ פארנעמענ מיט:

1) באטראכטנ א פראָטאָקאָל פונ א פאָרגעקומענער קלאס־זיצונג, שול־פארזאמלונג.

2) צונויפשטעלנ א קורצנ פראָטאָקאָל פונ א לימעד אינ גרופע, פונ פראָדוציר־באראטונג אפ דער אונטערנעמונג.

3) פארגלייכנ א שילערישנ פראָטאָקאָל מיט א מוסטער־פראָטאָקאָל.

קלאָלימ אונ טאקאָנעס. מע פאָרמולירט דאָ א ריי וויכטיקע אקציעס אונ באשלוסנ, וואָס האָבנ א באשטימטנ קלאָרנ ציל, אשטייגער:

1) קלאָלימ פארנ דעזשורער.

2) וויאזוי באגיסנ דעמ שול־גאָרטנ.

3) מיט וואָס אונ וויאזוי ארומשמירנ די ביימער[1]

4) טאקאָנעס (אוסטאוו, סטאטוט) פארנ שול־קאָאָפעראטיוו, פארנ קרייזל (יונגע נאטוראליסטנ, גאָרטקאָמ: ציל, באשטאנד, מיטלענ, אָנפירונג א. א. וו.)[2].

פלאקאט, לאָזונג, אופרופ. אינ לאָזונג, פלאקאט דריקט מענ קורצ אונ בולעט אויס א געוויסע פירנדיקע אידיי, א גרונט־געדאנק פונ וויכטיקנ געזעל־שאפטלעכנ, וויסנשאפטלעכנ ווערט. דער לאָזונג, פלאקאט דארפ זיינ שלאָגיק, קרעפטיק מיט וואָרט אונ אויסדרוק. דעמ פלאקאט, לאָזונג שטעלט מענ אופ צומ

[1] ביקלאל — פארצייכעניש פונ „רעצעפט": מע דארפ, אשטייגער, סאָפ ווינטער צוגרייטנ א פליסיקייט פאר די שטאמענ אונ צווייגנ פונ די ביימער אינ סאָד אונ א שמירעכצ פאר די אויסהוילנ אונ ווונדנ אפנ שטאמ. דערפרעגט מענ זיכ וועגנ דעמ (באמ אגראָנאָמ, גערטנער) אונ מע פארצייכנט עס ווי קלאָלימ.

[2] עס קומט זיכ אויס געווייגלעכ צו באקענענ אויכ מיט מוסטער־טאקאָנעס, אשטייגער, מיט מוסטער־סטאטוט פונ „לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל".

טאָג, צו באַשטימטער אַקציע, זיי קענען אויכ דויערדיקער זײַנ. פלאַקאַט און לאָזונג שאַפט מענ אַליינ, מע קלײַבט עס אויכ אָפ פונ גרייטנ, פונ אַ רעדע, אַרטיקל, קונסטווערק.

„די זאַכ פונ דער אַרבעטער־מאַכט וועט מענ נאָר דאַנ דערפירנ ביז אַ סאָפ, ווענ סע וועלנ דעריג אָנ־טיילנעמענ מיליאָנען און מיליאָנען אַרבעטערנס און פויערטעס״ (לענינ).

„אַלע אַרבעטנדיקע פונעמ ראַטנפאַרבאַנד זײַנען מעכויעוו זיכ לערנענ צו אָנפירנ מיט דער מעלוכע, זײַנען זיי שוינ אַוואַדע מעכויעוו צו זײַנ איווערדיק״ (לענינ).

דער אינהאַלט פונעמ לאָזונג איז, געוויינטלעכ, פאַרשיידנאַרטיק:

„זאָל לעבנ...״ — לאָזונג־באַגריסונג, „פראָלעטאַריער פונ אַלע לענדער, פאַראייניקט זיכ!״ — לאָזונג־רופ, „נידער מיט דער מילכאָמע!״ — לאָזונג־פּראָטעסט א. א. וו.

אופרופ איז אַ קורצער און אויסדריקלעכער ווענדרופ וועגנ אַנ אַקטועלער דער־שײַנונג. דער אופרופ דאַרפ פאַרמאָגנ אַ שטײַפ־ענערגישע פראַזע מיט באַפעלערישנ נוסעכ, טיילמאָל עמאָציאָנעל באַפאַרבט, — ער שטרעבט צו אופווירקנ, אַרײַנציִענ אָדער, פאַרקערט, צו אָפּווענדנ, אָפציִענ. אַלס עלעמענט פונ אופרופ קענ קומענ דער לאָזונג. די טעמאַטיק איז דאָ פאַרשיידנ, ווי פאַרשיידנ ס'איז דאָס לעבנ אינ שול און אויסער שול. מאָמענטנ פונ אַרבעט אָפ פלאַקאַט און לאָזונג האָבנ מיר שוינ פריִער געגעבנ, בא „קאָלעקטיוו־פלאַנירטנ אופזאַצ״. איינצע אַרבעטנ אָפ אופרופ:

1) צונויפשטעלנ אַנ אופרופ אָפ אַ טעמע: „פאַטערט ניט דאָס שול־פאַרמעגנ״, „פּילט אויס די באַשלוסנ פונ „סאַנקאָמ״, „צו הילפ די וואַלנ אינ ראַט!״, „קעגנ קלויסטער, קעגנ קלויז און דעמ קאָסטיאָל!״, „אינ די רייענ פונ „פּיאָנערנ!״[1]) א. א. וו.

2) צונויפשטעלנ אַנ אופרופ וועגנ אָנטייל פונ אײַער גרופע אינ וואַנט־צײַטונג, אינ שול־זשורנאַל.

באַריכט. אַ גאַנצ באַקאַנטע פאָרמ, וואָס גלידערט זיכ אײַנ אינ דער גאַנצער שול־אַרבעט און דרינגט פונ איר אַרויס. מיר האָבנ שוינ דערופ איינצע מאָל אָנ־געוויזנ אינ די פריִערדיקע קאַפּיטלענ. איצט — נאָכ אַ פאָר לעבעדיקע בײַשפּילנ — אויס־צוגנ לויט קינדערשע באַריכטנ.

פונ קינדערשע באַריכטנ בא אַנ „אויספאָרשונג פונ דאָרפ״[2])
(פראַגמענטנ).

„דער באַלעגופ, מוישע קאַהאַנ, פאַרמאָגט אַ שיינע, ווײַסע און אַרומגערייזעטע שטוב, אַ גוטנ שײַער, וואָס אַזעלכנ האָט קיינער ניט אינ קאָדלוביצ, אַ שטאַל, אַ קעלער, צוויי פערד, 18 כאַזירימ, צוויי בעהיימעס, אַ קעלבל, אַנ אַקער, צוויי באָראָנעס, אַ קולטיוואַטער און אַ שנײַדמאַשינ. ערד פאַרמאָגט ער 10 דעסיאַטינ. די מישפּאָכע באַשטייט פונ 5 מענטשנ. אַכוצ דעמ פאַרנעמט ער זיכ מיט האַנדל. שטײַערנ צאָלט ער 220 רובל.

[1]) מע קאָמבינירט נאָכ אַ רעמל־פלאַקאַט, צוגעגעבנ אַ קורצנ אופרופ.

נוצנ פונ וואַלד
1 ....
2 ....
3 ....

דערצו אַ ווענדונג וויאַזוי צו היטנ די ביימער.

[2]) אויספאָרשונג פונ דאָרפ. געלבמאַנ — ראָזענבערג. ראַטנבילדונג 12. 1929. די אויספאָרשונג־אַרבעט איז פאָרגעקומענ זומער 1928 יאָר אינ ייִדישנ דאָרפ קאָדלוביצע און אינ שכיינעסדיקנ אוקראַיִנישנ דאָרפ וועפּריק.

א מיטעלער פויער, מוישע שאפירא, פארמאגט אן ערגערע שטוב, א שטאל, א קעלער, צוויי פערד, צוויי בעהיימעס מיט א קעלבל, אן אקער, א קולטיוואטער. ערד פארמאגט ער 7,9 דעסיאטינ. די מישפאכע באשטייט פונ 4 מענטשנ. שטייערנ צאלט ער 130 רובל.

אנ ארעמער פויער, נאכעמ טארנאפאלסקי, פארמאגט א ניט פארענדיקטע שטוב, געדעקט מיט שטרוי, א קעלער, ניט קיינ פארענדיקטנ, פיר הינער און איינ דעסיאטינ ערד. די מישפאכע באשטייט פונ 2 מענטשנ. שטייערנ — 6 רובל.

„באמ ארעמענ פויער איז דא אנ אלטע בעט, פארשפרייט מיט א צעריסענער רערנע, און אפנ בעט עטלעכע אלטע קישעלעכ. די „באזשניצע“ און „מיסניק“ [1]) זיינענ זייער ארעמ, באמ מיטעלנ פויער איז די „באזשניצע“ פיל רייכער. אפ די פענצטער שטייענ וואזאנעס, די פאדלאגע און די ווענט זיינענ באדעקט מיט פויערשע טעפיכער.

באמ רייכנ פויער אינ שטוב איז זייער שיינ. איבער די איקאנעס הענגענ אסאכ שיינע אויסגענייטע האנטעכער. אינ „באזשניצע“ ברענט שטענדיק דאס לעמפל. אפ די פענצטער הענגענ פארהענגלעכ. דער טיש איז באדעקט מיט א טייערנ סערוועט. אפ דעמ בעט ליגנ קישנס מיט שיינע ציכלעכ“.

„די מאשינ־געזעלשאפט עקזיסטירט שוינ דריי יאר און ציילט 39 מיטגלידער, ארעמע און מיטעלע פויערימ.

די מאשינ־געזעלשאפט פארמאגט איינ טראקטער, איינ דרעשמאשינ און איינ אקער. דער צוועק פונ דער מאשינ־געזעלשאפט איז צעאקערנ און דרעשנ די טווע אינ דער ערשטער ריי בא אירע מיטגלידער און פארדינגענ די מאשינעס אנדערע ניט־מיטגלידער. אויסדרעשנ א שאק קארנ, ווייצ אדער האבער קאסט פאר א מיטגליד — 85 קאפעקעס, פאר ניט קיינ מיטגליד 95 ק., צעאקערנ א דעסיאטינ ערד בא א מיטגליד קאסט 7 רובל, בא ניט קיינ מיטגליד—8 רובל. מיט דער מאשינ־געזעלשאפט פירט אנ א פארוואלטונג פונ דריי מענטשנ. די פארוואלטונג דארפ זענ, אז די מאשינעס זאלנ זיינ אינ ארדענונג, מע זאל אפהיטנ די ריי באמ אקערנ און דרעשנ. די פארוואלטונג און די רעווידיר־קאמיסיע באקומענ קיינ געצאלטס ניט. די מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט זיינענ זייער צופרידנ. אייניקע רייכע פויערימ זיינענ ניט צופרידנ, ווייל מע אקערט זייערע פעלדער און מע דרעשט זייער טווע צומ לעצט און מע נעמט בא זיי טייערער“.

„אינ דארפ הערשט נאכ ביז איצט די אמאליקע איינרעדעניש וועגנ קישעפ און פארשיידענע אפ־שפרעכענונגענ. אייניקע פויערימ גלייבנ נאכ אינ „זנאכארקעס“. א פויערטע האט אונדז דערציילט, ווי בא איר איז שלאפ בעוואָרנ א קינד. די אלטע „זנאכארקע“ פונ דארפ האט אנגערופנ די שלאפקייט „סאָ־ביאשניק“. די „זנאכארקע“ האט אפגעריסנ א סאָניאשניק, אפגעקאכט אימ און געגאנגענ אינ קלויסטער, ווו דער גאלעכ האט אימ באשפריצט מיט הייליקער וואסער. די „זנאכארקע“ האט אפגעשפראכנ דאס קינד אזוי:

„А я тобі сонящняк заварю, де взялось, туди подінься. Всі святі, станьте в помічі я стою. Тьфу! Де ти взялось, туди подінься“.

בא די רעליגיעזע פויערימ איז פאראנ א מינעג, אז פרייטיק טאג מענ ניט וועבנ, ווייל ס׳איז א הייליקער טאג. האט זיכ געטראפנ איינמאל אינ דארפ, אז א פויערטע האט געוועבט פרייטיק. פארביי איז דורכגעגאנגענ א צווייטע פויערטע און זאגט איר:

— הייגט איז דאכ דער הייליקער פרייטיק, וואס־זשע וועבסטו?

— ווייל מע דארפ עסנ, — ענטפערט יענע.

— גיב מיר א שטיקל ברויט, — בעט די פארבייגייענדיקע פויערטע.

— שטעל זיכ צו דער ארבעט, וועסטו האבנ ברויט.

— וויאזוי־זשע וועל איכ ארבעטנ אינעמ הייליקנ טאג?

— טא זאל דיר דער הייליקער טאג געבנ ברויט“.

[1]) „באזשניצע“—איקאנעס־ווינקל. „מיסניק“ — געפעס־פאלעצעס.

מעבל־פאבריק.

די מעלוכישע מעבל־פאבריק ליגט צעוואָרפנ אפ א גרויסער טעריטאָריע, בא דער אײַזנבאנ־ליניע. שוינ פונדערווײַטנס זעט מענ די קליינע צעוואָרפענע הילצערנע באראקנ, — די צײַטווײַליקע געבײַדעס. פריִער איז דאָ געשטאנענ א גרויסע פאבריק, איז זי אָפגעברענט געוואָרנ — האָט מענ אפ גיכ צונויפגעקלאפט א געבײַדע פונ דיקט, אונ ס׳ארבעטנ דאָ איצט צוויי הונדערט ארבעטער. איז דאָ אָבער אזוי, אז זומער מאַ־טערט די היצ אונ ווינטער די קעלט, אונ גייט א רעגנ — באקומט מענ נאָכ אנ אומזיסטע באָד אויכ. ווענדנ זיכ די ארבעטער ווהינ מע דארפ, לויפנ אהינ, אהער אונ מע בויט א נײַע פאבריק.

אונדז באגלייט אונ ווײַזט אלצ אויס אנ עלטערער ארבעטער. אונ מיט גרויסקײַט דערציילט ער אונדז וועגנ דער נײַער פאבריק:

— ס׳וועט זײַנ א גרויסע, א שיינע, א ליכטיקע פאבריק!

מיר זײַנענ ארײַנ אינ פאבריק. געהאלטנ האָט מענ אינמיטנ. די ארבעט גייט דאָ זייער שנעל. אלצ מאכט מענ מיט מאשינעס, וואָס ארבעטנ מיט עלעקטרישער קראפט.

אָט פירט מענ אונדז ארײַנ אינ זעגערײַ. זעסט, ווי ס׳קריכט אהינ ארײַנ א גראָב קלעצל אונ אינ א ווײַלע ארומ ליגנ שוינ עטלעכע צעזעגטע ברעטער. וויפל קויכעס פלעגנ אמאָל פאטערנ די זעגערס, איידער זיי פלעגנ אזא קלעצל צעזעגנ!

אונ אָט איז די מאשינ־אָפטיילונג! ס׳ארבעטנ דאָ עלעקטרישע הובלעס, שנײַד־מעסערס אונ אנדערע מאכשירימ אפ עלעקטרע.

נאָכדעמ גייט די טאָקער־אָפטיילונג. דאָ געפינט זיכ אויכ די שלאָסערײַ, ווו מע ארבעט אויס שלעסלעכ אונ זאוויסקעס פאר מעבל. אינ סטאָליארנע ארײַנ קומענ שוינ אָנ גרייטע טיילנ, וואָס מע דארפ זיי בלויז איינס צומ אנדערנ צופאסנ. ווי גיכ עס וואקסט דאָ אויס א בופעט אנ אנטיקל, א שאפע — א שיינקײַט.

— יעדנ טאָג קענענ מיר אויסארבעטנ הונדערטער גאָר פײַנע בענקלעכ, — רעדט אונדזער באגלייטער — אונ דער אלטער איז שטארק צופרידנ פונ דער מאשינ, וואָס טוט אופ אזעלכע גרויסע זאכנ אונ ער רעדט ווײַטער:

— די ארבעטער אונדזערע האָבנ ליב די ארבעט, ליב די פאבריק. זיי זײַנענ שטארק צופרידנ, וואָס זיי בויענ א נײַע פאבריק. „דאָס איז אונדזער קינד", — זאָגנ די ארבעטער אונ ווארטנ שוינ שטארק, די זאָל גיכער פארטיק ווערנ:

— אונדזער יונגנ דאָר וועט שוינ גרינגער זײַנ פונ אונדז. אונדז איז אָנגעקומענ אביסל שווערלעכ נאָר ס׳מאכט ניט אויס. ס׳איז דאָכ אונדזער אייגנס.

צומ סאָפ ווײַזט ער אונדז אָנ אפנ פארוואלטער פונ פאבריק.

— אונדזער דירעקטער, געוועזנ אלייג א סטאָליער.

טאָגבוכ. מיר האָבנ שוינ אויבנ אָנגעוויזנ דערופ, ווי אפ אנ ארט „קאָלעקטיוו אופזאצ לויט א פלאנ". אונ איצט א פאָר קאָנקרעטע מוסטערנ דערפונ.

מע האָט געארבעט אפ „מאָפר"־פראָיעקט (געצילט צו פארווירקלעכנ די אופגאבנ פונ אינטערנאציאָנאלער דערציִונג). יעדער בריגאדע האָט דאָ געהאט איר „טאָגבוכ פונ ארבעט" (דעמ טעקסט אופגעשטעלט קאָלעקטיוו). אָט זײַנענ א פאָר „טעג" בא דער צווייטער גרופע.

4/12. מיר האָבנ באשלאָסנ ארײַנ אינ די רייענ פונ „מאָפר-פרײַנט". וועגנ „מאָפר" ווייסנ מיר נאָ ווייניק. וועלנ מיר בעטנ די עלטערע פיִאָנערנ זיי זאָלנ אונדז דערציילנ וועגנ דעמ. צונויפריידנ דאָר זיכ שורע.

5/12. הײַנט מאכנ די פיִאָנערנ א מאָפר־אָוונט בא אונדז אינ שול. אונדז האָבנ זיי אויכ אײַנגעלאָדן מיר זײַנענ שטארק צופרידנ. די גאנצע גרופע וועט זײַנ אפנ אָוונט.

6/12. נעכטנ אפנ אָוונט איז אזוי אינטערעסאנט געוועזנ. א באָלגאריש מיידעלע, ווערע פאוולאָווו האָט אונדז דערציילט, וויאזוי סע לעבנ די ארבעטער אונ זייערע קינדער אינ באָלגאריע אונ אינ דײַטש לאנד. זייער שלעכט לעבט זיכ די ארבעטער, וואָס קעמפנ קעגנ די בורזשויעס: מע גיט זיי קײנ ארבע

ביט, מע זעצט זיי איז טורמע, אסאך צעשיסט מענ. ווערעס פאָטער האָט מענ פארזעצט אינ טורמע אפ 15 יאָר. זייער שווער איז די קינדער פונ די ארבעטער. איז אָט די ארבעטער אונ זייערע קינדער קומט „מאָפר" צו הילפ. בא אונדז אינ לאנד ווערנ אסאך מיטגלידער פונ „מאָפר", אונ די קינדער פארשרייַבנ זיך ווי פרייַנט פונ „מאָפר". מיר האָבנ אָנגענומענ, אז די גאנצע גרופע זאָל זיך פארשרייַבנ. פאראנטוואָרטלעך (אפ פארשרייַבנ אונ זאמלענ געלט) וועט זייַנ לענע א. א. וו., א. א. וו.

אונ אָט זייַנענ א פאָר אנדערע מוסטערנ פונ דעמ מינ לויט א טאָגבוך פונ „יונגע נאטוראליסטנ".

11/5. הייַנט בינ איך געווענ אינ שטאָטישנ גאָרטנ. איך גיי אזוי פארבייַ א בוימ אונ זע, — סע זיצט א שפערל אונ צוויטשערט. איך האָב זיך אָפגעשטעלט אונ אָנגעהויבנ קוקנ, אכטונג געבנ, וואָס וועט עס טונ.

אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט דאָס שפערל אופגעהערט טשיריקענ אונ האָט א שפרונג געטונ אינ א שמאָלע לענגלעכע לאָך אינ בוימ. פונ דער לאָך, וווהינ ס'איז אריַינ דאָס שפערל, דער ער, איז ארויסגעלאָפנ א זי. איך האָב זיך באלד אָנגעשטויסנ, אז דאָרטנ איז זייער נעסט, אונ ס'האָט זיך מיר פארגלוסט ארייַנצוקוקנ אהינצו. ניט לאנג געטראכט בינ איך ארופ אפנ בוימ. דאָס שפערל איז באלד ארויסגעפלויגנ פונ דאָרטנ. צוגעקראָכנ צו דער לאָך, זע איך, אז דאָרט אינ דער טיפ איז אויסגעלייגט היי, אויסגעפלאָכטנ, ווי א נעסט. אפ דער היי—פעדערלעך, פארשיידענע שטיקלעך פוכ א. א. וו. אינעווייניק ליגנ פינפ אייעלעך פונ העל־גרויענ קאָליר מיט טונקל־גרויע פינטעלעך.

14/5 מיר האָט זיך פארגלוסט א קוק טונ אפ דעמ שפערל־נעסט. קריך איך צו צומ נעסט, דערהער איך א דינינק קוויטשעלע. כ'האָב ארייַנגעשטעקט די האנט אינ נעסט ארייַנ, אונ האָב ארויסגעשלעפט פונ דאָרט אנ אייפעלע. דער שנאָבל איז בא דעמ געווענ א גרויסער אונ א געלער. גיט קיינ פליגעלעך, צוויי דינינקע שטעקעלעך. דאָס קערפערל — א קליינס. דאָס בייַכל אָנגעשוואָלנ, אונ סע לייַכט זיך דורך וואָס אינעווייניק איז.

15/5. זיצ איך מיר אזוי אפנ פענצטער פונ קלוב. דערהער איך, ווי א גראק האָט פלוצלינג אָנגעהויבנ שטארק צו קארקענ. א קוק געטונ אפנ בוימ — זע איך, ווי ס'איז צוגעפלויגנ דער גראק צומ נעסטצו, אונ פונ דאָרטנ האָבנ ארויסגעשטעקט געלע שנאָבלענ — געלאָזט האָט זיך פונ זיי הערנ א דינג קארקענ. דער גראק האָט זיי געגומענ האָדעווענ. אונ איך האָב זיך דערוווּסט, אז די גראקנ האָבנ שוינ אויך אייפעלעך אינ נעסט.

פ ר אָ ש. 23/4. געבראכט רויג פונ פרעש. סע זעט אויס, ווי ווייַסל פונ איי, מיט שווארצינקע קייַלעכדיקע פינטעלעך. ארייַנגעלייגט אינ א גרויסנ טעלער, אונ אינ טעלער איז געווענ האָרנבלאָט, — אזא וואסער־געוויקס, וואָס פרישט אָפ דאָס וואסער.

28/4. די פינטעלעך האָבנ זיך אויסגעצויגנ. אייניקע האָבנ זיך אָפגעריסנ פונעמ ווייַסל. איבערגעמאָסטנ די טעמפעראטור פונעמ וואסער איגעמ סלוי אונ דערגאָסנ וואסער פונ אזא טעמפעראטור.

30/4. געקוקט אינ מיקראָסקאָפ אפ די פינטעלעך. געזעענ ברעקעלעך מיט א קעפל אונ אָנ א ווידעלע. זיי דרייענ זיך אלצ מיטנ פענעמל צומ ווייַסל.

4/5. ניטאָ שוינ קיינ פינטעלעך. געוואָרנ קליינע קאָפעקלעך, וואָס שווימענ פרייַ ארומ ארופ אונ אראָפ. א גרויס קעפל האָבנ זיי אונ א לאנג עקל, וואָס זיי דרייענ זיך אומ מיט דעמ אונ פילנ זיך ווי א פישל אינ וואסער. פונ ביידע זייַטנ קעפל דינע זשאבערעס צו אָטעמענ, א מויל מיט צוויי הארטע ליפעלעך. דאָס ווייַסל איז ניט געבליבנ, — ווייַזט אויס, שפייַז געווענ, וואָס די מוטער האָט אָנגעגרייט, האָבנ עס די ברעקעלעך אופגעגעסנ.

10/5. באמ בייַטנ די וואסער פונ טעלער איז צופעליק ארייַנגעפאלנ א קאָפעקל אינ אלטנ אקוואריומ (אהינ די וואסער איבערגעגאָסנ).

14/5. געשטאָרבנ צוויי קאָפעקלעך. ווייַזט אויס, זיי איז ענג געווענ אינ טעלער. צומ אָנהייב זייַנענ זיי וואָס א טאָג גרעסער געוואָקסנ, אונ איצט ניט אזוי. בא דעמ קאָפעקל אינ אקוואריומ איז גאָר אנדערש. אסאך אָרט, אונ סע וואקסט.

20/5. מע דארפ איבערנעמענ די קאָפעקלעך פונ טעלער אינ א בעסערנ אקוואריומ.

2/6. באַם קאָפּעקל אין אקוואריום האָבן זיך פון די צוויי קליינע געלכעלעך אויסגעשניטן הינטערשטע פיס. בא די קאָפּעקלעך אין טעלער ניט.

12/6. פאראן בא יענעם קאָפּעקל פעדערשטע פיס.

28/6. לאנג ניט פארשריבן. שוין אָפּגעפאלן באַם קאָפּעקל דאָס וויידעלע, ניטאָ די אויסווייניקסטע זשאברעס. סע ווערט א פרעשל ווי אלע פרעש.

20/7. דער פראָש האָט ליב צו זיצן אפן וואסער און שלינגען לופט אין די לונגען. נאָר אָט לאָזט ער זיך אראָפּ אין וואסער. זיינע לאנגע הינטערשטע פיס מיט דינע שווימהייטלעך ציִען זיך אויס און רודערן גיך. די פעדערשטע פיס האָבן ניט קיין שווימהייטלעך. די קיילעכיקע אויגן פארציִען זיך בא אים. מע האָט מיר געזאָגט, אז די נאָזלעכער האָבן אויך אזוינע נאָזהייטלעך, אז דאָס וואסער זאָל ניט אריינגיין אין די לונגען.

אין א קילן טאָג איז דער פראָש ניט רירעוודיק, אין א ווארעמען טאָג איז ער לעבעדיק.

ער עסט בא מיר פליגן און קליינע וואסער-כייעלעך. ער כאפּט עס קונציק מיט זיין לאנגן צונג, וואָס איז צוגעוואָקסן פונפאָרנט און ווארפט זיך ארויס פון מויל פון הינטן אפ פאָרנט.

ב ר י ו. די עפּיסטאָליארע פאָרם איז פארשפרייט און ווערט אָנגעווענדט אפ א פערזענלעך־אינטימען ליטעראַריש־קינסטלערישן אויפן, אָבער דאָ מיינען מיר דײַשיסקאָל יענעם ארט בריוו, וואָס מע ווענדט אָן אלס מעטאָד פון באַציִונג און ארבעט אין שול.

בריוו און קאָרעספּאָנדענץ־אויסטויש האָט מען בא אונדז נאָך פריִער אופגענומען פון דער אמעריקאנער שול, אָבער אין דער פאר־רעוואָליוציאָנערער שול איז עס ניט אָנגעגאנגען. אויב מע האָט ווען עס איז געשריבן אזוינס אין שול, האָט מען גע־שריבן סטאם, צו אויסגעטראכטע אדרעסאטן. ערשט נאָך דער רעוואָליוציע איז די בריוו־פאָרם געוואָרן א לעבעדיקע זאך, וואָס האלט זיך אפ נייטיקע לעבן־אינטערעסן. מיר האָבן איצט א גאָר לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן שול און שול, צווישן די קינדער פון פארבאנד און פון אויסלאנד.

וואָס סע קען געבן א לעבעדיקער בריוו־אויסטויש, וועלן מיר זען אפ א לענגערן אויסצוג פון פריִער אפילע[1]).

...די 42 שילער פון דער 4־טער גרופּע קוקן זיך אופמערקזאם איין. זיי זעען פאר זיך א נייע קארטע... די רעדלעך־שטעט ציִען באַזונדערס צו די שילער.

— און שטעט זאָל דאָס אלץ זיין? און מענטשן אין יעדער שטאָט? — פרעגט מיט אומצוטרוי וואָלאָדי.

— וואָס־זשע, — כייעס? — שפּאסט זויע.

די קינדער באטראכטן די קארטע. ס'א כידעש פאר זיי די פיל אייזנבאנען.

— און איבער אָט־די אלע ערטער יאָגן זיך איצט באנען?

— וואָס־זשע — זאָג איך — און ניט איין באן.

— און איבער די טייכן — דאמפּערס?

— וואָס־זשע — ענטפערן די כאוויירים.

— אין די שטעט יאָגן אום מענטשן איבער גאסן, איבער מאגאזינעס... די שול איז פול מיט קינדער!... און מענטשן אין די צוגן!... היינט אין די דאמפּערס!... אוי, וויפל מענטשן! — ארבעט די פאנטאזיע בא דער עקספּאנסיווער פאָלין.

— און אין דערלופטן פליִען אום אעראָפּלאנען! — גיט סאָליד צו מישע.

— אזוי פיל מענטשן! און איך האָב אין קיין איין שטאָט ניט קיין באקאנטע מענטשן!

— איך אויך!

---

1) В. Раут. География в письмах. Из опыта городской семилетки. М. Л. 1927.

— און איך אויך! — לאָזט זיך הערן פון אלע זייטן.
— ניט ריכטיק. איר האָט אלע א באקאנטן אין לעגינגראד.
— ווער? ניין, ביין!
— איר געדענקט, געווען בא אונדז א שילער ליאָני ס., איז ער אריבערגעפאָרן קיין לעבינגראד.
— יאָ, מיר געדענקען.
— ווער וועט צו אים געפינען דעם וועג?
א צענדליק הענט לאָזן זיך צו דער קארטע צו אופזוכן דעם וועג קיין לענינגראד.
— און אין מאָסקווע איז בא אייך פאראן א באקאנטער, פעטיע ט. איר קענט אים?
— יאָ, וואָס־זשע.
— און בא מיר וווינט א פעטער אין אָדעס! אָט־די שטאָט איז אויך פאראן אף דער קארטע?
— און מיין טאטע איז אין א קאָמאנדירונג אין סאמארע!
— און מיין מאמע איז אין קרים אין א סאנאטאָריע.
מיר געפינען אָט די אלע שטעט אף דער קארטע.
— ווייסט איר גאָר וואָס, לאָמיר אלע אָנשרייבן די פעטערס און טאטעס, אלעמען, אלעמען! זאָלן זיי אונדז אָנשרייבן, וואָס הערט זיך דאָרט איצט, צי ס׳איז דאָרטן ווארעם צי קאלט, וויאזוי לעבט מען דאָרט, וואָס טוט מען? — זאָגט פאָלי.
— עכ, ווען מיר אליין צעפאָרן זיך אלע איבער די פארשיידענע שטעט און יעדער שרייבט אָן, — פאנטאזירט באָרי.
— ווער־זשע וועט לייענען, אז מירן זיך אלע צעפאָרן?
דער קלאס שיסט אויס א הילכיקן געלעכטער.
— און צוליב וואָס ווילסטו עס צעשיקן אלעמען איבער פארשיידענע שטעט? — פרעג איך.
— ווייל די פעטערס מיט די טאטעס האָבן אונדז ניט אין זינען... זיי זיינען גרויסע... וועלן זיי ניט שרייבן.
— ווארט אויס — מאכט מיט די הענט ליאָליא — אָט וואָס: לאָמיר אָנשרייבן ליאָנין און פעטיען, וועלן מיר פון צוויי שטעט באקומען אן ענטפער.
— פון צוויי! — רייצט זי איבער אומצופרידן מישע — אויך מיר א זאך! פון אלע דארף מען!
— ווען מיר צעפאָרן זיך אפילע אלע וואָלטן מיר אויך ניט געהאט מער ווי 42 ענטפערס.
— נו איז פון 42. ס׳איז אינטערעסאנט. איינער וואָלט געשריבן פון יאַם, א צווייטער פון דער מידבער.
— אפן יאם איז קיין שטעט ניטאָ!
— און אין דער מידבער איז ניטאָ.
— הערט אויס, קינדער, וועגן וואָס אמפערט איר זיך — רייס איך איבער — וואָס איר האָט ניט אין פארשיידענע שטעט קיין באקאנטע קינדער?
— נו, יאָ.
— איר דארפט זיך באקענען אף שרייבן בריוו?
— יאָ.
— שרייבט אָן פריער — אָט וועט איר זיך באקענען!
— איז וועמען שרייבן?
— מירן אָנשרייבן די קינדער פון דער 4־טער גרופע — שרייט ליאָליע.
— און אן אדרעס? פאראן אסאך פערטע גרופעס.
— טאקע! ווי־זשע? — ווענדעט מען זיך צו מיר.
באדארפט אונטערזאָגן: די שולן באצייכנט מען בא אונדז מיט נאָמערן.
— פארשטייט זיך. מירן אָנשרייבן, אשטייגער, אין דער 5־טער אָדער אין דער 6־טער שול פון דער 1־טער שטופע.
— און עפשער איז אין שטאָט פאראן א 2, 3 שולן?
— טאָ לאָמיר אָנשרייבן אין דער ערשטער שול פון דער ערשטער שטופע. דאָס איז שוין געוויס אומעטום פאראן; — שרייט ווידער ליאָליע.

ווענדן זיך אַלע צו מיר: סע וועט עפּעס אַרויס?

— כ'מיין, אַז יאָ. פאַרוואָס זאָלן כעווערע פון אַנדערע שולן אונדז ניט ענטפערן? ווען מע שרײַבט אײַך אָן, וואָלט איר דען ניט געענטפערט?!

— נאָך אַ מין!!

— וועלן יענע קינדער, מיין איך, אויך ענטפערן.

— אוי וועט זײַן אינטערעסאַנט! — שרײַט פאַלי.

— פון וואָס־זשע ווילט איר זיי שרײַבן? — פרעג איך.

— מירן פרעגן וואָס לערנען זיי אָפּ געאָגראַפיע?

— ניין, וואָס עפּעס נאָר געאָגראַפיע? אָפּ אַלע לימודים!

— און וואָס פאַר אַ וועטער איז בא זיי?

— וווהין מאַכן זיי עקסקורסיעס?

— וויאַזוי פּירט מען דורך דעם יאָנטעוו פון אָקטיאַבער־רעוואָליוציע?

— וואָס זייט מען און וואָס זעצט מען בא זיי?

— וואָס גיט זייער קאַנט פ. ס. ר. ר.?

— צי קריגן זיך די יינגלעך מיט די מיידלעך?

— צי ס'זײַנען פאַראַן פּיאָנערן און וויפל זײַנען זיי אין דער 4־טער גרופּע — שלאָגן די קינדער איבער איינס דאָס אַנדערע.

— אַך וועט זײַן אינטערעסאַנט!

די גרופּע איז פול מיט אומגעדולד. סע האָט זיך געוואָלט גלײַך שרײַבן, וואָס גיכער אוועקשיקן און שוין באַקומען אַן ענטפער.

— ס'וועט נאָך זײַן אַמאָל אַזאַ ראַדיאָ, אַז איין שול וועט קענען קלינגען דער 2־טער: „דינ־דינג". „וואָס פאַר אַ וועטער בא אײַך? וואָס טוט איר?" און פון דאָרטן ענטפערט מען: „מיר פאָרן אָפּן יאַמ... ס'הייבט זיך אוף אַ שטאָרעם" — פאַנטאַזירט פאַלי.

— פאַלי, שווײַג, מע רעדט וועגן אַ זאַך, קומט זי אַרײַן מים נאַרישקייטן — באַרויגעזן זיך די כאַווײרים.

מע הייבט אָן באַטראַכטן וויאַזוי איז בעסער צו מאַכן. טיילן זיך אָפּ רינגען צי יעדער באַזונדער זאָל שרײַבן?

און עפּשער צונויפשטעלן אינייִנעם אַ טעקסט אָדער אָנמערקן פראַגעס און יעדער זאָל צוגעבן נאָך פראַגעס צו בריוו?

לעסאָף באַשליסט מען טאַקע אויסאַרבעטן פראַגעס, און יעדער זאָל זיי אינדערהיים איבערשרײַבן און אַרײַנלייגן אין אַ קאָנווערט. דעם אַדרעס באַשליסט מען אָנשרײַבן אָפּן צווייטן לימעד געאָגראַפיע, און ביז דעמאָלט אָנמערקן זיך אַ שטאָט, אַז קיין צוויי זאָלן ניט שיקן אין איין שטאָט אַרײַן. פון באַקוועמקייט וועגן האָט מען אַרויסגעהאַנגען נאָך אַ קאַרטע. עמעט, אַסאַך האָבן זיך גלײַך אָנגעמערקט די שטעט, נאָר זיי באַדאַרפן אויך די קאַרטע אָפּ ווײַזן די כאַווײרים זייער שטאָט, אַ קוק טון, ווי אַזוי וועט גיין אַהין די בריוו א. א. וו. די קאַרטע איז געוואָרן אַ לעבעדיקע, אַ אינטערעסאַנטע.

— איך נעם באַקו!

— איך — אַרכאַנגעלסק! ס'אַ גוטע שטאָט, האַ?

— איך האָב אויסגעקליבן די ווײַטסטע — וולאַדיוואָסטאָק.

און אָט האָט מען שוין די בריוו אָנגעשריבן און אַראָפּגעלאָזט אין 42 שטעט פון פ. ס. ר. ר. — אָפּ מיזרעך און מײַרעוו, אָפּ צאָפּן און דאָרעם.

איצט דאַרף מען נאָר וואַרטן.

די ערשטע טעג נאָכן אוועקשיקן זײַנען די שילער שטאַרק אומגעדולדיק געווען, געגאַן אָפּן פּאָסט דערוויסן זיך, ווען קען מען האָבן אַן ענטפער און זײַנען ניט געווען צופרידן, ווען זיי האָבן אַ טאָעס געהאַט אין כעשבן.

אוועק אַ וואָך, צוויי, און פּלוצים האָט זיך אַ פרייליכע כעווערע אַרײַנגעריכן צו מיר:

— אַ בריוו! אַ בריוו פון אַלופּקע! קוקט, אָט איז דער שטעמפּל: „אַ־לו־פּ־ק־אַ! הוראַ!

— יאָ, אַלופּקע ווער האָט געשיקט קיין אַלופּקע?

— פעדי ב. שוינ אוועק נאָכ אימ. קומט גיכער אינ קלאס אריינ!

אינ א מינוט ארומ זיינענ שוינ אלע דאָ. א שיינענדיקער אונ א גליקלעכער עפנט פעדי אופ דעמ בריוו. די גרופע ווערט גלייכ איינגעשטילט.

„אלופקע 28/10" — הייבט פעדי אָנ, מאכט א פויזע אונ גיט א קוק מיט אנ ערנסטער מינע אפ די כאוויירימ. "—„טייערע כאוויירימ. אייער בריוו האָבנ מיר באקומענ אונ זיינענ שטארק צופרידנ געווענ. איר פרעגט אונדז אָנ וועגנ אונדזער אָרט. אונדזער אלופקע ליגט אפנ דאָרעמדיקנ ברעג קרימ. פונ מיזרעכ אונ פונ צאָפנ באשיצנ זי די בערג פונ ווינטנ, אונ צו דאָרעמ אונ מיירעוו ציט זיכ אָנ ברעגיקער יאמ"— לייענט פעדי. „אונדזער שול איז אפ א בערגל, אונ מע זעט דאָ אי דעמ יאמ, אי די בערג, אונ איי־פעטרי. דער וועטער איז בא אונדז א ווארעמער, אונ כאָטש ס'איז סאָפ נאָיאבער, איז די טעמפעראטור אפ דער זונ 20° +. די ערד איז בא אונדז א ליימיקע, טויג ניט פאר קיינ ערדארבעט, דערפאר איז בא אונדז נאָר טאבאק אונ וויינטרויבנ-פלאנטאציעס..." דער אויטער שרייבט ווייטער פונ די ביימער־מינימ אינ אלופקע, באשרייבט דאָס לעבנ פונ דער גרופע, זאָגט צו ארויסשיקנ קאָלעקציעס אונ פארענדיקט: „איר אינטערעסירט זיכ מיט אונדזערע טשאסטושקעס, — איז די סאמע פריילעכע אזא... „זייט געזונט, קומט צו אונדז אפ זומער".

די גרופע איז פארכאפט, פארשטילט זיינענ די גרעסטע שטיפער. א מינוט שווייגנ — דערנאָכ שיסט מענ אויס מיט שטורמישער פרייד. „ווילע יאכנ די אלופקינער!" נאָכ דער ערשטער היספיילעס קערט מענ זיכ ווידער אומ צומ איגהאלט פונעמ בריוו.

— אונ ווי שרייבנ זיי עס — „אָנברעגיקער יאמ" — פארטראכט זיכ נינע. האָט טאקע דער יאמ ניט קיינ ברעג?

— די ערד איז א ליימיקע, קענ מענ קיינ ברויט ניט זייענ, פלאנצנ זיי וויינטרויבנ. וויינטרויבנ וואקסנ דענ נאָר אפ שלעכטער ערד? — פרעגט ליאָליע.

— אונ וואָס פאר א בארג איז עס „פעטרי"?

— איי־פעטרי — פאריכט פעדי.

כ'דערציילט זיי וועגנ יאילע, פונ דער אָבסערוואטאָריע.

אונ אפ מאָרגנ ווייזנ מיר אינ עפידיאָסקאָפ ניט נאָר אלופקע, נאָר דעמ גאנצנ קרימישנ ברעג־פאס (פעדי דעמאָנסטרירט).

קאמ פארטיק געוואָרנ מיט קרימ — א בריוו פונ כערסאָנ.

„אונדזער קאנט איז א סטעפישער — שרייבנ כעוורע פונ דער 4־טער גרופע פונ דער 1־טער כערסאָנער שול — ניטאָ ניט קיינ וועלדער, ניט קיינ בערג, פעלדער אָנ א שיר, סעדער, גערטענער".

אונ די קינדער זעענ שוינ פאר זיכ אנ אנדער בילד.

„אונדזער געגנט גיט פ. ס. ר. ר. ווייצ, גרינוואַרג, פרוכט. כערסאָנ שטייט אפנ הויכנ ברעג דניעפער. אינ פרילינג צעגיסט זיכ דער דניעפער אונ פארגיסט דעמ נידעריקנ לינקנ ברעג. די איינוווינער באמ ברעג קלייבנ זיכ דאנ אריבער אינ שטאָט ארייג. דער וועטער איז בא אונדז די גאנצע צייט א ווארעמער, 4° קעלט אינגאנצנ. אונ בא אייכ איז שוינ געוויס שניי אויסגעפאלנ..."

דערנאָכ דערציילט מענ אינ בריוו וועגנ דער זעלבסטפארוואלטונג, מע באשרייבט דעמ אָקטיאבער־יאָנטעוו, אונ ווידער די שטאָט...

— אָנ וואלד איז לאנגווייליק — רעדט וואָלאָדי, ליבהאָבער פונ וואלד.

— נאָר סטעפ אונ סטעפ, אָנ בערג, אָנ וואלד, אָנ וואסער — שטעלט זיכ פאָר דאָס בילד פונ סטעפ פאָלי.

— פארוואָס אָנ וואסער? אונ דער דניעפער?

דערווייל גייט אומ איבער די הענט די צייכענונג פונעמ דניעפער-ברעג, וואָס די שול האָט צוגעשיקט.

... אינ באקינער שול זיינענ דאָ צווי 4־טע גרופעס, אונ ביידע גרופעס האָבנ זיכ ניט נאָר אָפגערופנ, נאָר אדיינגעלייגט אויכ אינ בריוו אסאכ פאָטאָגראפיעס מיט די נאפט־ווישקעס, געביידעס מיט פלאכע דעכער א. א. דער בריוו—אינהאלטלעכ. באשריבנ די נאפט־אינדוסטריע אונ נאפט־ארויסבאקומ, א גענויע באשרייבונג פונ שטאָט.

„מיר ווארטנ אפ טשאסטושקעס אונ אפ פאָטאָגראפיעס פונ אייער שטאָט. מיר ווארטנ אפ אנ ענטפער אונ וואָס גיכער".

...דער בריוו פונ די פּאָלטאוור איז אָנגעקומענ מיט עטלעכע טעג פריִער ווי דער רינג „אוקראַינע" האָט באַדאַרפט ארויסטרעטנ. די פאָרטרעגער האָבנ פארבאַהאלטנ די זאכ. פונ פּאָלטאווע האָט מענ אויכ צוגעשיקט מיט א באַנדעראָל אויסגעצייכנטע געמעלנ (14 שטיק), ווו אוקראַינע ווערט געוויזנ אלזײַטיק.

באַם ענדיקנ דעמ פאָרטראג האָט דער רינג ארויסגענומענ דעמ בריוו — „און איצט הערט א גרוס פונ די כאַווײרימ — פּאָלטאווער".

דער בריוו איז געווענ אפ אוקראַיניש (צוגעלייגט אנ איבערזעצונג). כעוורע האָבנ אויסגעהערט מיט פארכאַפּטנ אָטעמ, ווי מע זאָל מוירע האָבנ דורכצולאָזנ א קלאנג. און דער גאַנצער בריוו איז געווענ אזוי בײַ אונ פארשטענדלעכ!...

— וויאזוי זיי רעדנ! מיר פארשטייענ אלצ! זיי מאכנ איבער אונדזערע ווערטער! (ס'איז דערנאָכ אויסגעקומענ זיכ אָפּשטעלנ אפ מאָמענטנ פונ וואָרטבילדונג און אפ שפּראַכ־אָפּצווײַגונג).

ווײַטער איז אינ בריוו געווענ אסאַכ לידער, רעטענישנ. און אז מע האָט דערנאָכ געוויזנ די געמעלנ, איז שוינ דער אײַנדרוק געווענ אומגעהייער. — —' —

דאָס איז א ספּעציִעלער פאל פונ בריוו־פאָרמ אפ א לימעד. אָבער אינ באַדינגונגענ פונ פּאָליטעכניזאציע און פּראָיעקט־מעטאָד איז בריוו־אויסטויש געוואָרנ א לעבעדיקער קוואל פונ פארבינדונג, מיטארבעט, „איבערופ" מיט דערפארונג און אופטו מעקויעכ קומענ צו הילפ דעמ אינדפינפלאנ, סאָצאָפּמאכ א. א.[1])

אנאָטאציע און קריטישע אָפּשאצונג.

אזא ארבעט קענ מענ פירנ אי מינדלעכ אי שריפטלעכ. אנאָטאציע געוויינט צו איבערגעבנ קורצ דעמ אינהאלט און אָפּמערקנ די אייגענע באַציִונג צום דורכגעלייענטנ. קריטישע אָפּשאצונג ציט אופ די פעיִקײַט צו אײַנטראכטנ זיכ אופמערקזאמ, צו אנאליזירנ דאָס געלייענטע, געזעענע, דורכגעמאכטע. מע דארפ אָנהייבנ פונ זאכנ נאָענטע, קאָנקרעטע, פונ שול־לעבנ, פונ אנאָטאציע אפ אנ אייגענער קלענערער שריפטלעכער ארבעט ביז א מער אויספירלעכער באַגרינדעטער קריטישער אָפּשאצונג פונ א קאָלעקטיוו־דורכגעמאכטער גרעסערער ארבעט, — וואנט־צײַטונג, שול־זשורנאל א. א.

אינ א קומענדיקער ארבעט וועלנ מיר גענויער רעדנ וועגנ ר ע צ ע נ ז י ע ווי וועגנ א ספּעציִעלנ מעטאָד פונ ארבעט (באַמ ליטעראַטור־לימעד, אשטייגער), אָנהייבנדיק פונ די קירצערע אָפּשאצונגענ אפ דער ייִנגערער שטופע (וואָס געפעלט מיר, וואָס געפעלט מיר ניט) ביז די ווײַטערדיקע היפּשערע און טיפערע אָפּהאנדלונגענ־אָפּשאצונגענ פונ דורכגעארבעטע ליטעראַרישע מאטעריאלנ (אינהאלט, גרונט־מאָטיוונ, קאָמפּאָנענטנ, סטיל א. א.). מיר האלטנ אָבער פאר נייטיק אויכ דאָ צו אײַנשליסנ א מוסטער פונ אנאָטאציע און רעצענזיע.

„ש ו ל־א ו נ פ י אָ נ ע ר נ ב י ב ל י אָ ט ע ק № 27, ד ז ש ע ק ל אָ נ ד אָ נ. פ א ר־ש ט ר ײַ ק ט. י י ד י ש ל. ר. 31 ז. פ ר. 15 ק.

א דערציילונג פונ אמעריקאַנישנ ארבעטער־ייִנגל דזשאָני. דזשאָני מוז ארבעטנ שווער אפ דער פאמיליע פונ זיבנ יאָר אָנ. סע נעמט באַ אימ ביסלעכווײַז אָפּ קינדערשע פרייד און לוסט. ער ווערט א מאשינ, קראנקערהייט כעזשבנט ער וועגנ דער אומגעהייערער צאָל באַוועגונגענ, וואָס סע קומט אימ אויס צו מאכנ טאָגטעגלעכ.

[1]) זעט, אשטייגער, אזוינע בריוו־מאטעריאלנ באַמ אײַנשטעלנ און שטויטנ די ארבעט, באַ דיסקאָנט אינ די זאמלונגענ На путях к методу проектов.

ער ווערט פסיכיש אַלצ מידער און דערשלאָגענער, ביז ער וואַרפט אַוועק די אַר־בעט — „פאַרשטרייקט“ — און לאָזט זיכ אינ דער וועלט אַריינ.

אַפ „פאַרשטרייקט“ זעט מענ גוט די לאַגע פונעמ אַרבעטער־קינד אינ באַדינגונגענ פונ קאַפּיטאַליזמ.

געוויס האָט דזשעק לאָנדאָנ געשאַפנ דאָס ביכל, דערמאָנענדיק זיכ אינ די אייגענע קינדעריאָרנ — ער האָט דאָכ אַליינ קליינוויינז געאַרבעט אַפ די אַמעריקאַנער זאַוואָדנ.

5. קוויטקאָ, רינג אינ רינג. מעלוכע־פאַרלאַג פונ אוקראַינע 1929.

עס איז ניט קיינ צופאַל, וואָס די קינדער־לידער פאַרנעמענ אינ קוויטקאָס שאַפנ אַזאַ וויכטיק אָרט. זיי זיינענ אַ וויכטיקער אָרגאַנישער טייל פונ קוויטקאָס שאַפנ. אינ אַ געוויסער מאָס באַשטימענ ערשט זיינע קינדער־לידער קלאָרע כאַראַקטעריסטישע שטריכנ אינ קוויטקאָס פּאָעזיע, וואָס באַשטייט פונ קינסטלעריש־אופגעהויבענער מאַסנטימלעכער סטיכיע.

זיינע לידער ווייזנ אַסאַכ מיילעס פונ מאַסנ־פּאָעזיע: פרישע אומיטלבאַרקייט, יאָדערדיקע נאַטירלעכקייט, געזונטע שפּראַכ, — אָבער אָנ די הויפּט־כעסרוינעס פונ דער פאָלק־פּאָעזיע: פּרימיטיווע אומבאַהאָלפנקייט, צעקראָכנקייט, צופעליקייט, אָרעמקייט אינ פאָרמ און אינ געדאַנקענ־אויסדרוק.

אַ וויכטיקער שטריכ פונ מאַסנדיק־קינסטלערישנ געמיט איז די נעטיע צו כיינעוודיקקינדערשער און ציכטיקער שפּילערישקייט. ניט אומזיסט פאַרנעמט דאָס קינדער־ליד אינעמ מאַסנליד אַזאַ וויכטיק אָרט.

די נאָענטע אָרגאַנישע שייכעס פונ קוויטקאָס קינדער־ליד צומ מאַסנליד ווערט קלאָר ניט בלויז פונ אַזעלכע ביילעטע מוסטערנ, ווי לעמאָשל „טיק־טאַק“ (ז. 81), „אַ מייסע“ (ז. 136) „מיינ מומע האָדל“ (ז. 164), „אַפנ גליטש“ (באַזונדערס דאָס לידל אינ דעמדאָזיקנ ליד — „שמידער“, ז. 109) א. א. וו. מע קענ עס זענ אויכ אינ אַלע אַנדערע לידער.

ס'זיינענ פאַראַנ שורעס און גאַנצע לידער אינ דעמ בוכ, פונ וועלכע מיר ווערנ אופגעציטערט אינ דער טיפ[1]), עס ווערט אינ זיי אָנגערירט די טיפע פּאָעזיע און כאָכמע פונ דער מאַסע, און דאַפקע מיט פּראָסטע ווערטער, וואָס האָבנ אַ קלאָר־פאַרשטענדלעכנ באַטייט און ווירקנ ערטערווייז אַליינ ווי אַ שטיק ליכטיקע שמעקעדיקע נאַטור.

קוויטקאָס שאַפנ שטאַמט פונ מאַסנדיקנ פילנ, אָבער די אידייִשע באַגייסטערונג, מיט וועלכער דאָס בוכ איז דורכגענומענ, גייט פונ דער רעוואָליוציע, פונ סאָציאַליסטישער בויונג. מע פילט: דאָס בוכ האָט געשריבנ אַ דיכטער, וואָס איז פאַרבונדנ

[1]) זע לעמאָשל: סעדער (ז. 126), הויז פונ פּראָפּאַרייבנ (ז. 115), רעגנלאָזע צייט (ז. 15), נעפּל (ז. 26), פונ זאַמד (ז. 75), ביסעלעכ (ז. 79), טיק־טאַק (ז. 81), פייפעלעכ (ז. 91), דאָס פידעלע (ז. 93), טייבעלע (ז. 95), שניי דעמ וואַלד (ז. 104), דאָס קאַווגדל (ז. 123), אַ מייסע (ז. 136), דאָס קעצעלע ז. 155), דאָס זשוקל (ז. 200) איצ דער וואַסערפּירער (ז. 191) א. א. וו.

מיט די ארבעטנדיקע מאסנ און מיט זייערע האָפענונגענ. עס איז פול מיט פרייד, ליכטיקייט, מונטערקייט. די גרעסטענע קינדער־לידער פונעם נייעם שטייגער, לעמאָשל: הויז פונ פראָפאריינענ (ז. 115), ברוקירער (ז. 52), א קאָלעקטיוו (ז. 81), טיק־טאק (ז. 81) א. א. וו. ס׳פילט זיכ אינ די לידער אנ אופריכטיק־טיפע באגייסטערונג פארנ שטייגער פונ דער נייער בויונג.

די יידישע ליריק איז ניט זייער רייכ אינ לידער מיט עכטע נאטור־טעמעס. אָט־די אָפּגעפרעמדקייט פונ דער נאטור איז א שלעכטע ירושע. דארפ מענ עס באזונדערס אונטערשטרייכנ, אז „רינג אינ רינג" איז אָנגעפילט מיט פרישער, מונטערער ליבע צו נאטור [1], צום לעבעדיקנ אונ ניטלעבעדיקנ ארום, צו ארבעט [2], שפיל [3] אונ באוועגונג, צו כייעס [4], צו שטאָט אונ דאָרפ [5].

אייגנארטיק אונ אָפטמאָל מייסטעריש איז דער אופבוי אונ די קאָמפּאָזיציע פונ די גרעסטענע לידער. מיט א געניטער האנט אנטוויקלט קוויטקאָ איינהייטלעכ א קורצנ מאָמענט. די גרעסטענע לידער — בא אזא גרויסער צאָל לידער איז פארשטענדלעכ, אז ניט אלע שטייענ אפ א גלייכער הייכ — זיינענ קיילעכיק פארענדיקט, פול מיט אומגעריכטע איינפאלנ, מיט דיכטערישער שפילערישקייט, אויסגעפורעמט מיט א זיכערנ געשמאק. באזונדערס בוילעט ווייזט זיכ די גרעסטנקייט פונ קאָמפּאָזיציע דאָרט, ווו דער סיוזשעט איז זייער א מאָגערער, א קליינינקייט, קימאט א גאָרנישט.

באלערעוודיק איז די קאָמפּאָזיציע פונ „הויז פונ פראָפאריינענ" (ז. 115). אפ א ציכטיקנ, איכ וואָלט געזאָגט אפ א מוזיקאלישנ אויפנ, ווערט דערציילט וועגנ א רייי ארבעט־פראָצעסנ, מער גאָרנישט. אָבער וויפל באגייסטערונג, מונטערע ליכטיקייט, כיינעוודיק בילדערישקייט אונ גוטע געזונטע שפילערישקייט פילט זיכ אינ דעם ליד. ס׳איז א הימנ פונ ארבעט אונ בויונג, אונ עס וואָלט געדארפט ווערנ א שפיל־אונ זינג־ליד אינ דער יידישער ראטנשול. דאָס אייגענע קענ מענ זאָגנ וועגנ „ברוקירער", „קאָלעקטיוו" א. א. וו.

די טעמע פונ א ליד ווי „דאָס פידעלע" (ז. 94) איז, דאכט זיכ, גאָר א נישטיקע. וואָס קענ מענ זיכ דאָ דיכטעריש אָנכאפנ? א קינד מאכט זיכ א פידעלע פונ א קעסטעלע אונ שטריק, אונ שפילט אפ דעם. אָבער וויפל כיינ,

---

[1]) זע לעמאָשל: פריי־יאָר (ז. 8), דאָס ריטשקעלע (ז. 11), רעגנלאָזע צייט (ז. 15), דאָס אויסגעצייכנטע ליד „נעפל" (ז. 26), פארנ רעגנ (ז. 16), הינדעלעכ (ז. 19), זומער (ז. 23), אָסיענ (ז. 37), דאָס קאוונדל (ז. 123), דאָס וווּנדערלעכע ליד „סעדער" (ז. 126 -- א הימנ דער רייפער געזעטיקטקייט פונ דער נאטור אינ הארבסט), טייבעלע (ז. 95) א. א. וו.

[2]) ברוקירער (ז. 52), הויז פונ פראָפאריינ (ז. 115), דאָס קאוונדל (ז. 123) א. א. וו.

[3]) זע די שיינע לידער: פייפעלעכ (ז. 91), דאָס פידעלע (ז. 93), ניסעלעכ (ז. 73), פונ זאמד (ז. 75), מיטנ שליטל (ז. 106) א. א. וו.

[4]) שוואלבנ (ז. 9), קאטשקע מיט קאטשקעלעכ (ז. 100), דער בוהיי (ז. 130), דאָס קעצעלע (ז. 155), דאָס זשוקל (ז. 200), בערטשיק (226) א. א. וו.

[5]) אווטאָמאָבילנ (ז. 96), טראמוויי (ז. 46), א קאָלעקטיוו (ז. 87), טיק־טאק (ז. 81), שטאָט אונ דאָרפ (ז. 28) א. א. וו.

פּאָעזיע און פריילעכקײַט טוט דער פּאָעט אַרײַן אין אָט דער קליינער טעמע. דאָס ליד „פּײַפּעלעך" (ז. 91), ווו סע ווערט סאַכאַקל דערציילט ווי מע מאַכט פּײַפּעלעך און וואָס סע געשעט, אַז מע שפּילט אַף דעם, געהער — אַכוץ דער ווייניקער געראָטענער, לויט מײַן מיינונג, איבעריקער לעצטער סטראָפע — צו די שענסטע מוסטערן פון שפּילערישן קינדערליד בכלל.

אייגנאַרטיק זײַנען די ליד־מײַסעס, ווי דאָס קאַוונדל (ז. 123) לעמל נאַשער (ז. 237), קיין פּעטרעשקע ניט ווערט (ז. 174).

באַוווּסטזיניק אויסגעהאַלטן אינעם פאָלקליד־טאָן זײַנען די שיינע לידער: טיק־טאַק (ז. 82), ניסעלעך (ז. 79), הינדעלעך (ז. 19) א. א. מיר דוכט, אַז די דאָזיקע לידער גייען נאָך נאָך אוקראַיִנישע פאָלקמאָטיוון, פּונקט ווי א ריי אַנדערע לידער (א מײַסע ז. 135, שמידער ז. 109 א. א.) גייען אַמאָל נאָך דעם ייִדישן פאָלקליד.

מיט אַן עכטן עפּישן טאָן זײַנען דורכגענומען די קליינע „דערציילונגען": אַמאָל איז געווען (ז. 182) איצט דער וואַסערפירער (ז. 191) — שאַרפע מיניאַטורן פון דער עלטערער פאַרגאַנגענקײַט אינעם שטעטל, „העלדנגעשיכטעס" וועגן אָרעמקײַט און נויט, אַרבעט און אונטערדריקונג, הונגער, קעלט און מענטשלעכע ליבלעכקײַט. ס'איז אַ שאָד, וואָס קוויטקאָ האָט ניט ווײַטער געפירט אָט די מיניאַטורן ביז צו דער צײַט פון דער רעוואָלוציע. ער וואָלט דאָ געקענט אַף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויסמאָלן דעם איבערגאַנג פון די „אַלטע מײַסעס" צו דער הײַנטיקער צײַט.

און פּונקט אַזוי ווי אין לעקסיק און קאָמפּאָזיציע, דערקענט מען אויך אין דער מעטריק פון קוויטקאָס קינדער־לידער דעם אָפּשטאַם פון פאָלקליד, אָבער די פּאָשעטע מעטריק פון פאָלקליד איז אין אָט די לידער שטרענגער דיסציפּלינירט, פאַריידלט און אַמאָל באַרײַכערט דורך פאַרשיידענע אומגעריכטע אָבער אויסגעהאַלטענע מעטרישע אײַנפאַלן. דורך אַ געראָטן איבערגייַן פון איין מעטער צום אַנדערן אין דעמזעלביקן ליד וואַקסט אַמאָל אָן די עמאָציאָנעלישקײַט פון אויסדרוק, אַן אַנדער מאָל אָבער פירט אַזאַ איבערגאַנג צו אַ דורכפאַל (זע, לעמאָשל, די לעצטע סטראָפע פון „פּײַפּעלעך" (ז. 92), וואָס פאַלט אינגאַנצן אַרויס פונעם ליד").

בײַ אַזאַ גרויסער צאָל לידער איז פאַרשטענדלעך, אַז ניט אַלע שטייען זיי אַף דער געהעריקער קינסטלערישער הייך. מע קען אויך ניט זאָגן, אַז אומעטום, ווו קוויטקאָ ברענגט רעוואָלוציאָנערע אָדער נײַשטייגערישע מאָטיוון, פאַלט שטענדיק צונויף די אידייִשע באַגײַסטערונג מיט דער געראָטנקײַט פון בילד און פאָרם. און אויב מיר האָבן אויבן פאַרצייכנט אַ ריי ווױלגעראָטענע לידער פון דעם מין, מוז מען אויך אָנמערקן אַ ריי אַנדערע לידער (לעמאָשל: קליינע יעטאַ, ז. 151, „בוצ" ז. 251 א. א. וו.), ווו די פּאָעזיע האָט ניט אײַנגענומען, ניט „פאַרדייעט" דעם אויבנאויפיקן מיין.

סטאַם שוואַך זײַנען די צוויי לאַנגע לידער: „אין וואַלד" (ז. 137) און „פויגל פּעטער" (ז. 203).

מע קען זאָגן, אַז פון די 15 בויגן לידער זײַנען פאַראַן עטלעכע בויגן איבעריקע. אַ שאָד, וואָס קוויטקאָ האָט דאָס ניט גענומען אין אַכט בעייסן צונויפשטעלן דאָס בוך.

ניט געראָטן איז, לויט מײַן מיינונג, דער אויפבוי פון בוך און זײַן גרופּירונג. ס'פילט זיך ניט דערין קיין באַגרינדעטער און אויסגעהאַלטענער פּרינציפּ. אַ ריי נאַטור־לידער איז אָפּגעזונדערט אין אַ באַזונדער גרופּע („אַ קײַלעכיק יאָר", ז. 1—68), אין די איבעריקע גרופּעס געפינען זיך אָבער אויך נאַטור־לידער, פּונקט ווי ס'געפינען זיך אויך אין דערדאָזיקער גרופּע אי „שפּילן", אי „מי", און דאָס דאַרף דאָך כאַראַקטעריזירן די אַנדערע גרופּעס.

געהעריק אָפּשאַצן קוויטקאָס קינדער־לידער האָט מען ניט געקענט, קאָלזמאַן זיי זײַנען געווען צעזייט און צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ביכלעך, זשורנאַלן און צײַטונגען. איז דאָס טאַקע אַ פאַרדינסט פונעם „מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע", וואָס ער האָט אונטערגעטראָגן דער שול, דעם קינדערשן און דערוואַקסענעם לייענער מיט אַ ברייטער האַנט אַ גרויסע זאַמלונג פון די בעסטע קינדער־לידער קוויטקאָס.

(פון מ. ווינער).

פאַרגלײַכט די אַנאָטאַציע מיט דער רעצענזיע. וואָס מערקט אָפּ די אַנאָטאַציע (אויסערלעכע זײַט, קורצער אינהאַלט, אַ פּראַט וועגן נוץ אָדער אומנוץ פון ווערק). מיט וואָס פאַרנעמט זיך די רעצענזיע (אויסערלעכע זײַט, ברייטע אָפּשאַצונג מיט גענויע אָנווײַזן פון אינהאַלט אין פאָרם).

ווײַזט אָן די הויפּט־מאָמענטן, וואָס אין זיי שטעלט זיך אָפּ די רעצענזיע אין קוויטקאָס לידער (געזונטע מאַסנטימלעכקײַט; מאַסנדיקער גרונט־טאָן, פרישע נײַשטייגערישע, רעוואָליוציאָנערע מאָטיוון; נאַטור; אַרבעט; שטאָט און דאָרף. בוי: פאַרענדיקטקײַט און אינעווייניקסטע גאַנצקײַט, טיילמאָל בײַ קלייניקער טעמע, שפּילעריש־מוזיקאַלישער גאַנג, מאַסנדיקע דערציילערישקײַט, פאַרשיידנאַרטיקע ריטמיק. ניטגעראָטענע מאָמענטן — ניט אײַנגעגעבענע און גאָר שוואַכע לידער, אומגעהעריקע מאַטעריאַל־אויסגרופּירונג אַ. אַ.).

שטעלט אַליין פעסט און רעווידירט איבער אַ פּאָר אָנגעגעבענע האַנאָכעס צו קוויטקאָס קינדער־בוך. אַ) אָרגאַנישע שײַכעס צום פאָלקליד, אַשטייגער, לויט „טיק־טאַק" (ז. 81) און „אַ מײַסע" (ז. 135). פאַרגלײַכט מיט אַנטשפּרעכיקע שטעלן פונעם פאָלקליד. ב) ווײַזט אָן אַ פּאָר שטעלן, וואָס אילוסטרירן „אידייִשע באַגײַסטערונג" אַשטייגער, לויט „הויז פון פּראָפאַריינער" (115 ז., „קאַדאַנס — „ווײַל מיר מאָלן..."), „ברוקירער" (52 ז. קאַדאַנס — „טרעטן פעסט..."), „קאַוונדל" (123 ז., קאַדאַנס — „אָ טײַער איז...") ג) מיט וואָס צייכנט זיך אויס די „מײַסע־ליד" און „דערציילונג" פון אַנדערע לידער (מיט פאַבולישקײַט, דערצייל־פּראָטים). אַנאָטירט אינקורצן „לעמל באַשער" (237), „קיין פּעטרעשקע ניט ווערט" (174), „אַמאָל איז געווען" (182 ז.). ד) ווײַזט־אָן מאָמענטן פון ריטם־בײַט און וויאַזוי מאַכט עס אָנוואַקסן די עמאָציאָנעלישקײַט (אַשטייגער „צוויטשי־צוויטשי" ז. 7, „אין גאָרטן" 24 ז., „אָרל און שוילקע" 54 ז. א. א. וו.).

שרײַבט אָן אייניקע אַנאָטאַציעס און אַ גענויערע רעצענזיע אַף וואָס־ניט־איז פון „שול־און פּיאָנערן־ביבליאָטעק", אַף אײַער וואַנטצײַטונג, שול־זשורנאַל אַ. אַ.

סטימוליר־אופזאַץ. מיר מיינען דערמיט דעם אַרט אופזאַץ, וואָס גיט די וואָרט־„קאַנווע”, — אַן אײַנטריט, אַ „סקעלעט”—אַפּ טכילעס אָנרעגן די עמאָציאָנעלע ספערע פון קינד, יוגנטלעכן (קלאָר, אַז אַזאַ אָנרעגער קען זײַן אויך מוזיק, אַ געמעל, וואָס מיר באַטראַכטן עס באַלד ספּעציעל).

דעמדאָזיקן סטימוליר־מעטאָד, אַגעפּ, ווענדט מען ברייט אָן באַם דערלערנען דאָס פרײַערע קינדערשע שאַפן. די פּעדאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן־עקספּערימענטאַטערס, וואָס האָבן אָנגעווענדעט אַזוינע אופזאַצן־פּרוון צוליב זייערע צילן, האָבן דערפאַר אייגענע נעמען—דערפינדונג־מעטאָד (Die Methode der Erfindung), אַשטייגער, ווי סע רופט עס Fischer Aloys, וואָס האָט אַנומלט פאָרגעלייגט צו סטימולירן מיט אַזאַ אָנהייב, לעמאָשל:

„ווען די מאַמע האָט אינדערפרי געוואָלט אופוועקן די קינדער — אוי, זײַנען די בעטן שוין פּוסט געווען...”

אָדער — דערציילן אַ געשיכטע ביז אַ געוויסן פּונקט און — זאָלן די קינדער אַליין אַרײַן אין טאָך פון דער געשיכטע, אָפּשאַצן די אָנטיילנעמער, פאָרלייגן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פאַר אַ געלונגענעם סאָף א. א.

די אופזאַצן, וואָס טאָלסטאָי האָט געשטעלט, זײַנען געווען סטימוליר־אופזאַצן. ער פלעג געבן אַ שפּריכוואָרט — אַ לעבן־סטימול — אַשטייגער Ложкой кормит, стеблем глаз колет. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, דאָס שפּריכוואָרט אַליין איז דאָך געווען אַן אַבסטראַקטע זאַך, האָט טאָלסטאָי ווײַטער סטימולירט און קאָנקרעטיזירט: „שטעל זיך, אַשטייגער, פאָר, אַז אַ פויער האָט צו זיך צוגענומען וואָסער ניט איז אָרעמאַן, און דערנאָך אים אַלץ פאָרגעוואָרפן וואָס ער האָלט אים באַ זיך, קומט אויס, אַז Ложкой кормит, стеблем глаз колет.

דעם סטימוליר־אופזאַץ האָט מען מיט פאַרשיידנערליי נעמען און אַפּ פאַרשיידענעם אופן געפּראַקטיקירט אין דער אויסלענדישער און אין דער רוסישער שול. וואָס קען מען דערפון נעמען פאַר אונדז איצט?

אַ פּאָר קאָנקרעטע מוסטערן.

קאָנסטרויִר־אופזאַץ.

מע גיט איינצלנע ווערטער און ווערטער־גרופּעס, וואָס מע דאַרף פאַרברייטערן און דערגאַנצן. ס'איז שטויס־ווערטער אַפּ וועקן אַסאָציאַציעס, אַפּ שעפערישן צו קאָמבינירן, קאָנסטרויִרן דעם געגעבענעם פאָר־מאַטעריאַל.

אין וואַלד, אַ גאַנצן טאָג אַזוי... פאַרבלאָנדזשעט... נאַכט... מיר זוכן אַ וועג...

אַן אַעראָפּלאַן! איך קוק זיך אײַן... אַ מענטשן־רעדל... מע שמועסט...

דורכן טעלעפאָן! אַן אומגליק־פאַל... גיכע הילף!... דורכן טעלעפאָן!...

אַ פּאָר בײַשפּילן פון קינדערשע אַרבעטן אַפּ באַשטימטע ווערטער.

1) ווינטער. פרילינג. וואַרעמט. שניי. ריטשקעס. גרעזל. ביימער. בלעטעלעך. גראַקן.

דער ווינטער אַוועק. אָנגעקומען דער ליכטיקער פרילינג. די זון וואַרעמט אַ מעכײַע. דער שניי איז שוואַרץ געוואָרן. ריטשקעס ציִען זיך, זאָגן אָן, אַז פרילינג איז דאָ. אַ גרעזעלע הייבט שוין אָן אַרויס־קוקן, אַ צאַרט גרעזעלע. די קנאָספּן אַפּ די ביימער פילן זיך אָן מיט לעבן. גאָר אינגיכן וועלן בלעטעלעך אַרויס. זעט די ערשטע געסט־גראַקן!

2) קינדער. טײַך. פישעלעך.

אינ א זומער־טאָג האָבנ זיכ די קינדער צוזאַמענגערעדט גייג כאַפּנ פיש. אינדערפרי. די זונ האָט זיכ ערשט באַוויזנ. די שטיינער אפנ גאַס זײַנעג נאָכ געווענ נאַס פונ דער קילקײַט פונ דער נאַכט. מיט קױשנ אונ מיט נעצנ זײַנעג די קינדער געגאַנגענ צום טײַכ. ווענ די קינדער זײַנעג געקומענ צום טײַכ, האָט די זונ באַגילט מיט שטראַלנ די שפּיגלדיקע וואַסער. די קינדער האָבנ אראָפּגעלאָזט די נעצנ אינ וואַסער אונ האָבנ געוואַרט. מיט אַמאָל א געשריי: געכאַפּט! געכאַפּט! באַלד האָבנ זיכ אינ קױשל אומ־געוואָרפנ לעבעדיקע פישעלעכ. צופרידענע זײַנעג די קינדער אוועק מיט די פיש אַהיימ [1]).

אופזאצ לויט אנ אָנהײב.

פּעטער שנײער. נאָר וואָס אופגעכאַפּט זיכ, איכ טו א קוק אינ פענצטער... פאָרזעצנ.

שפּעט האַרבסט. א הונגעריקע פייגעלע האָט ערגעצ ווו אָפּגעזוכט א ריאַבינע מיט יאַגעדעס.

פּיקט דאָס פייגעלע די יאַגעדעס.

ערגעצ נאָענט האָט עפּעס א רויש געטונ. דאָס פייגעלע האָט זיכ דערשראָקנ, א פלאַטער געטונ אונ אָפּפליִענדיק ווײַטער, פאַרלאָרנ דאָס יאַגעדקעלע.

ליגט דאָס יאַגעדקעלע אפ דער ערד...

פאָרזעצנ.

...1905. א שטעטל אינ ווילנער קאַנט... שטרײַקנ, דעמאָנסטראַציעס... האָט מענ אָפּגעשיקט קאָזאַקנ אפ אײַנשטילנ די רעוואָליוציִאָנערנ.

ווילנ די אַרבעטער געבנ צו פאַרשטיינ די קאָזאַקנ וויאַזוי די צאַרישע רעגירונג נאַרט זיי אונ נוצט זיי אויס, אונ אז זיי דאַרפנ אריבערגיינ אפ דער זײַט פונ די אַרבעטער. האָט מענ אָפּגעדרוקט ספּעציִעלע פּראָקלאַמאַציעס. וויאַזוי זשע גיט מענ זיי איבער? אַלע טאָג פאָרנ די קאָזאַקנ צום טײַכ אָנטרינקענ די פערד. האָבנ קליינע יאַטנ אָנגעטונ אפ זיכ רענצלעכ מיט פּראָקלאַמאַציעס...

אינ שטאָט איז געווענ א אומלעגאַלע דרוקערײַ. מע פלעג דאָ דרוקנ פּראָקלאַמאַציעס פאַרנ גאַנצנ ראַיאָנ.

אינ דרוקערײַ האָט געאַרבעט א טאַטע מיט א זונ, א קליינ יאַטל. דער טאַטע פלעג דרוקנ, דאָס יאַטל — פאַרשפּרייטנ פּראָקלאַמאַציעס. דאָס יאַטל פלעג האָבנ צוליב דעמ א פײַקל אַזא, וואָס אײנ דעקל פלעג מענ קענענ אראָפּנעמענ אונ אַרופּטונ צוריק.

אָנגעפּאַקט אײנמאָל דאָס פײַקל מיט פּראָקלאַמאַציעס, צוגעמאַכט דאָס דעקל, גייט דאָס יאַטל איבערנ גאַס אונ פײַקלט...

פאָרזעצנ.

---

[1]) גענומענ בא א. ר. צווײַג („מוטערשפּראַכ אינ שול”).

אגעפּ, צוליב שפּעריש־מעטאָדישע צילנ פלעג איכ אנומלט פּראַקטיקירנ אַזוינע אופזאַצנ מיט דער־וואַקסענע פעדטעכניקומצעס (אָדעסער פעדטעכניקומ). אָט איז אַזא פּאָר סטימוליר־טעמעס: אַשטייגער: א) האַרבסט. פרישע רעגנס. גרעטעניש. ב) נאַכט. יאַמ. שטורעמ. פּערעסיפּ. צווישנ אַנדערע האָב איכ די דערמאָנטע טעמעס געגעבנ צו צײַט אונ בא געוויסנ אײַנשטעל (настрой). די יוגנט — קאָלאָניסטישע, וואָס האָט, כוצ אַלעמענ, שטאַרק ארויסגעקוקט אפ א גערוס פונ דער היימ ווענ צושטאַנד אפנ פעלד — נאָכ אנ אומגערעטעניש־יאָר (1927). אונ „פּערעסיפּ” (באַברעגיקע אָדעסער פּאָרשטאָט) האָט אָקאָרשט א יאַמ־שטורעמ פאַרגאָסנ, כעוורע זײַנעג אינאָוונט בײַגעווענ אונ עס איבערגעלעבט.

כ׳וועל ברענגענ א פּאָר אופזאַצנ. אפ דער ערשטער טעמע — א גאַנצ געוויינלעכע, האַלב־פּראָזאִישע אַרבעט פונ א פעדשילערנ מיט א פּאָשעט־זאַכלעכנ לעבנ־באַנעמ אונ אָנ ליטעראַריש־עמאָציִאָנעלנ „גאַנג”. דער צווייטער אופזאַצ קער צו א שילער מיט ליריש־עמאָציִאָנעלער נאַטור אונ מיט וואָרט־אָפּווענדונגענ.

א) א בריוו פונ קאָלאָניע.

איכ באַקומ איצט בריוו, בריוועלעכ גאָר פריילעכע. אונ שרײַבנ שרײַבט מענ מיר, אז בא אונדז אינ דאָרפ איז גוט. עס גייענ אָפטער רעגנס, אונ ס׳איז א גוטער וועטער, עס וועט געראָטנ ווייצ אונ קאָרנ אפ געוויס. שוינ אופגעגאַנ די ברויטנ, אונ אויב סע וועט שטיינ פּאָגאָדע, אז וויל וועט זײַנ צו אונדז.

קאָאָפּעראַציע האָט ווייצ ארויסגעגעבנ — טייל אפ צו פאַרזייענ, טייל אפ צו פאַרלעבנ. מע העלפט אונדז אַלע איבערלעבנ ס׳שלעכטע שטיקל צײַט. יאָ, פאַרגעסנ דיר צו שרײַבנ — אינ דאָרפ אגראָנאָמענ

אופזאצ לויט א ווײַטערדיקער טייל

. . . .

באמ ברעג וואלד האָבנ זיכ די קינדער געטראָפֿנ מיט נאָכ אנדערע קינדער פונ דאָרפֿ, וואָס גייענ אויכ
קלײַבנ פארטריקנטע בלעטער . . . .
צוגעבנ אנ אָנהייב און א סאָפֿ. (שטעלנ א קעפל).

. . . . איינ איי איז געווענ א קליינ לעכעלע
אינמיטנ האָט עפעס געפישטשעט, אפדערנאכט . . . .
דאָסזעלבע.

. . . .

מאָרגנ פרימאָרגנ ווענ שטיל אלצ געשלאָפֿנ נאָכ האָט, זײַנענ פויערימ מיט שליטנס געפֿאָרנ איִנ
שטאָט, האָבנ פויערימ געפונענ דעמ מענטשנ פארווייט . . . .
דאָסזעלבע.

אופזאצ לויט געמעל. מע דארפ דאָ אונטערשיידנ דעמ מינדלעכנ און שריפֿטלעכנ ארט אופזאצ לויט געמעל. ביקלאל אָבער איז נאָכ די ארבעט לויט געמעל אינ א געוויסער מאָס א שטרײַטיקע. פאראנ דאָ אי פארבערענטע אָנהענגער, אי גרויסע קעגנער.

„מיט געמעל קומט ארײַנ לעבנ אינ קלאס, סע רײַסט זיכ ארײַנ פרישע לופט, וואָס איז אזוי נייטיק פארנ קינדער־עלטער... די אומיטלבארע באטראכט־שטימונג פליסט גיכ ארויס אינ א שטראָמ ווערטער, א רוישיקער, אומגעאָרדנטער שטראָמ וואָס איז אָבער העכסט טשיקאווע פארנ אכטגעבער" (שאבליאווסקי).

צוויי געקומענ, ווילנ אונדז אינ קאָלעקטיוו אָרגאניזירנ, זאָגנ צו דעמ קאָלעקטיוו באזאָרגנ מיט א טראקטער
און מיט זריִע און מיט ברויט. איז וואָס זאָגסטו? זאָל איכ זיכ פארשרײַבנ?
שרײַב־זשע אָנ און טאקע זע וואָס גיכער!
נו, זײַ געזונט, ענדיק דאָרטנ לערנענ, נאָר פארגעס ניט קומענ שנײַדנ ס'ברויט צו אונדז.
ס'גייענ אָפטע רעגנס, ס'איז א גוטער וועטער, עס וועט געראָטנ ברויט, געראָטנ אפ געוויס.

ב) הערט זיכ, קינדער, הערט זיכ צו,
וואָס איכ האָב געזעענ.
ס'איז א נאכט א פינצטערע
אינ יענעמ מאָל געווענ.

שטייענ הײַזלעכ, שטיבעלעכ,
שטייענ זיי אסאכ.
ווײַס זײַנענ די שטיבעלעכ
אינ א שווארצער נאכט.

קליינע, קליינע פײַערלעכ
שײַנענ פונ די שויבנ.
טאנצנ אינ זיי זעמדעלעכ
נאָר שווער איז זיי צו קלײַבנ,

טאנצנ זיי, די זעמדעלעכ
פינקלענ אינ די אויגנ.
און א בייזער ווינטעלע
האָט צווײַגעלעכ צעבויגנ.

און איר הערט, ניט ווײַט פונדאנענ
רוישט נאָכ איצט דער יאמ.
איז אמאָל אָט דאָרטנ ווײַט
א שיפעלע געגאנ.

איז שיפעלע געגאנ אזוי,
זיכ ניט געקענט צעיאָגנ,
איז א כוואליע אָנגעגאנ,
דאָס שיפעלע פארטראָגנ.

און פינצטער איז געוואָרנ גאָר,
צעלאָשנ זיכ די שײַנ.
דאָס שיפעלע, געזאָגט האָט מענ,
אינ וואסער איז ארײַנ.

„די בארימטע דערציילונגען לויט א געמעל קומען צונוצ, לויט מײַנ טיפער איבערצײַגונג, אפ אנטוויקלען טרוקענע רייד. נאָר זיי זײַנען בעפיירעש שעדלעכ דערמיט, וואָס זיי דערציִען פראזיערישקײַט בא די קינדער, נאָגן אויס זייער פאנטאזיע. ווי גוט ס׳זאָל ניט זײַנ, ווײַזט ניט קיינ געמעל די באַוועגונג פונ געשילדערטנ, שרײַט ניט, שמעקט ניט, רעגט דעריבער ניט ווי געהעריק אונדזערע שפירונגענ. לעבעדיקע ווירקלעכקײַט קריצט זיכ שארפער אײַנ און רעגט אונדזער נערוו" (פונ טאָפּאָראָוו אינ יארדאנסקיס א זאמלונג וועגנ אופזאצ).

אינ אלגעמיינ באשטייט דאָ דער „פאר" און „קעגנ" אָט אינ וואָס. פאר —

1) געמעל און א גוטער געמעל איז א נייטיקער צוגאָב צו דער ארבעט אפנ וואָרט, עס באַוועגט און רעגט דעמ געדאנק און פאָרשטעלונג, עס שטויסט און קאָנקרעטיזירט דאָס קינדערשע וואָרט.

2) איז עס א געמעל פונ נאָענטנ און באקאנטנ ארומ, העלפט עס מיט בוילעטער צו רעפּראָדוצירנ אינ באַוווסטזײַנ אָט דאָס באקאנטע, שטײַפער זיכ אײַנלעבנ דערמיט, און צו פארגעדענקענ עס. איז עס א געמעל אפ א ווײַטער אומבאקאנטער טעמע, באפרוכפערט עס דאנ די פאָרשטעלונג־מעגלעכקײַטנ, בארײַכערט עס מיט נײַע אײַנדרוקנ און יעדיִעס, און וואָס קינסטלערישער און אָנגעמאָסטענער ס׳איז דאָס געמעל, אלצ שטארקער ווירקט עס, אלצ קלאָרער לאָזט עס ווירקלעכע פאָרשטעלונגענ, אומיטלבארנ אײַנדרוק.

און קעגנ —

1) דאָס לעבעדיקע לעבנ גיט איבערגענוג פאר עמעסער און פולער אכטגעבונג און פאָרשטעלונג. דאָס געמעל, פארקערט, פארהאלט, צאמט, שטעלט אָנ נאָר אפ באשטימטנ אופנ. איז אפ רייד־אנטוויקלונג גאָר קיינ בעסערס ניטאָ ווי נעמענ בלויז פונ „לעבעדיקנ קוואל", פונ לעבנ, ניט פונ קיינ געמעל.

2) דאָס געמעל ציט אָפּטמאָל אָנ די פאנטאזיע פונ קינד, רעגט אָנ אפ א ניט געוווּנטשענעמ אופנ די שפּיל פונ קינדערשער פאנטאזיע, וואָס טראָגט זיכ אוועק ערגעצ ווײַט און ווײַטער פונעמ גאנצנ איניענ. דער וואָרטשטראָמ איז דערבײַ אומגעאָרדנט און כאאָטיש.

מע דארפ, געוויינלעכ, ניט איבערשאצנ די אופזאצ־ארבעט אפ געמעל, מע דארפ ניט וועלנ פארבײַטנ דאָס לעבנ מיט געמעלנ און אָפּטמאָל נאָכ מיט אומגעהעריקע קאָפּיעס־געמעלנ, ווי מע האָט עס פראקטיקירט און מע פראקטיקירט עס נאָכ טיילווײַז אדײַעמ. מיט מיסברויכנ קענ מענ דאָ פארוואנדלענ דאָס קינד אינ יענעמ העלד דיקענסעס, וואָס האָט „געזעענ די זאכנ פלאכ און איינזײַטיק, ווי א יִינגל, וואָס האָט א פאָרשטעלונג פונ דער וועלט לויט די געמעלנ אינ קינדערשנ לערנביכל. א בלאסע טונקעלע שײַנ איז געפאלנ אפ אלע זאכנ, — קיינ איינ העלנ קאָליר האָבנ זיי ניט פארמאָגט, קיינ הויכנ קאָל האָבנ זיי הערנ ניט געלאָזט".

מע טאָר אָבער אויכ ניט מינערנ דעמ ווערט פונ א געוויסער ארבעט אפ געמעלנ דאנ, ווענ אָט די ארבעט קענ בעפיירעש פּראָדוקטיוו און נוצלעכ זײַנ. און נוצלעכ און פּראָדוקטיוו איז אזא ארבעט ניט נאָר אלס „זאכ פאר זיכ" — לייענענ און באנעמענ א געמעל, פארשטיינ א מאָלעריש קונסט־ווערק, נאָר אויכ אלס סטימול

פאר פאָרשטעלונג און פאר וואָרטשאפונג ביקלאל. איבערהויפט איז דאָס וויכטיק, ווען סע גייט א רייד פון ווייטע דערשיינונגען, וואָס איז שווער און ניט מעגלעך גלייך צו זען און צו באטראכטן, און דאָס געמעל (סקולפּטאָריש ווערק) ברענגט דאָ אָפּטמאָל דעם נייטיקן מאטעריאל, גיט פאבול, רעפּראָדוצירט אָנשוילעך די נייטיקע פּראָטים.

געדענקען דארף מען נאָר אָט־וואָס: די געמעלן, וואָס מע נוצט אויס, דארפן זיין גראפיש איוורעדיק, קינסטלעריש צוגענגלעך און פארשטענדלעך פארן קינד פון דעם־יענעם עלטער, צוגעפּאסט צו זיין אנטוויקלונג, צו זיין דערפארונג און אינטערעס.

וואָסערע־זשע געמעלן זיינען דאָ צומיינסט אָנגעמאָסטן? אייניקע קאטעגאָריעס אזוינע.

1) געמעל־גרופּע. סכעמאטיש אפּילע, אָן דעטאלן. די געמעל־גרופּע איז דאָ פאר־בונדן מיט איין טעמע. עס געוויינט דאָס קינד, איבערהויפּט פון ייִנגסטן עלטער צו נאָכאנאנדיקן אויסלייגן געדאנקען, צו לאָגישער קעסיידערדיקייט, צו פלאנישקייט (געמעל 1 „אפן בערגל“).

2) „דאָ און איצט“, וואָס איז גלייך פאר די אויגן ניטאָ. פאר דאָרפישע קינדער אשטייגער, שטאָט־טעמעס, פאר שטאָטישע קינדער — דאָרף־טעמעס (זע געמ. 2, 3).

4) „דאָרט און דעמאָלט“. ווען ס'איז דאָ שווער צו קריגן געמעלן, קען מען אפּילע נעמען פאָטאָגראפיעס.

כ'האָב געזען קינדערשע ארבעטן אפן געמעל־טעמעס — געיעג אפן יאמהינט א. א. שייעך איז עס אויך צו געמעלן.

4) אפן רעוואָלוציאָנערע טעמעס „פון געוועזענעם און געשעענעם“ (געמ. 4).

מע דארף וויניקער פּראקטיקירן, איבערהויפּט פאר די ייִנגערע, פייזאזשן, סטא־טישע נאטור־בילדער אָן דעם מענטשן, אָן זיין ארבעט און קאמף אין דער נאטור.

דער געמעל קען אויסגענוצט ווערן אינדיווידועל און קאָלעקטיוו, מינדלעך און שריפטלעך. מע קען אים אויסנוצן צוליב פארשיידענע עלעמענטן און קאָמפּאָנענטן פון אופזאץ, איבערהויפּט אפן דער עלטערער שטופע: כאראקטעריסטיק, דיאלאָג („אופּ־שטעלן מיט די רייד פון די אָנטיילנעמער“), דראמאטיזיר־מאָמענטן א. א. (זעט ווייטער).

דאָס געמעל דארף געוויינלעך שייעך זיין צו דער טעמע, וואָס מע ארבעט דורך. מע גיט עס אָן שום אָנווייזונגען און מע קען דערביי שטעלן א ריי אָנשטויסיקע און אָנרעגיקע פראגעס. מע קען אויך שרייבן מעקויעכן געמעל, דערהויפּט לויט קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס: וואָס האָט געקענט פריער זיין, פאר דעם מאָמענט, וואָס ווערט געשילדערט אפן געמעל, וואָס שפּעטער, דערציילן אָדער שרייבן אפן אן ענלעכער טעמע, אפן א קאָנטראסט־טעמע א. א.

די ארבעט אפן געמעל, ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר, ווערט אין ייִדיש אומגע־הייער פארשווערט דערמיט, וואָס מיר האָבן נאָך ניט, ליידער, קימאט קיינע אויס־גאבן אזוינע פאר דער שול, קיינע צוגענגלעכע רעפּראָדוקציעס פון ייִדישע און ניט־ייִדישע קינסטלער.

פרייַער אופזאץ. מיט שעפעריש־פרייַען אופזאץ פארנעמט מען זיך בא אונדז ניט גענוג און ניט ווי געהעריק, וואָס מיר האָבן עס שוין פריִער אָנגעוויזן. מע איז ווייניק געווינט דערצו און מע האָט נאָך עפּעס אַלץ מוירע ס'זאָל ניט שאטן די אָרטאָגראפיש־גראפישע מאָמענטן. מע גלייבט אויך ווייניק אין אייגענע און אין קינדערשע מעגלעכקייַטן אפ צו טון אזא ארבעט. אָט האלט דאָך ריבניקאָווע, אז „ווען און אין וואָסער אויסזען מע זאָל ניט פארעפנטלעכן דעם מאטעריאל פון שילערישע לידער און פּראָזע, איז עס אלעמאָל נייטיק", ווייַל — „אייַנגעשפּארט גלייבן ניט די לערער, אז די קינדער קענען אָנשרייַבן עפּעס אייגנס, זיי זייַנען אופריכטיק פארכידעשט מיט אַזוינע ארבעטן".

ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, טרייַבן מיר ניט איבער די קינדערס שעפערישע מעגלעכקייַטן, מיר זייַנען ניט קאפאבל צו מיטשטימען, אלס קלאל, מיט דער טאָלסטאָיִשער מיינונג פון שוין ציטירטן ארטיקל וועגן די סיאָמקע־פעדקע שאפונגען: „איך האָב אָנגעהויבן די דערציילונג, וואָס איז געדרוקט אין 4־טן ביכל „יאסנאיא פּאָליאנא", און אָנגעשריבן דאָס ערשטע זייַטל... באם איבערלייענען דאָס ערשטע זייַטל, וואָס איך האָב געשריבן, און די ווייַטערדיקע זייַטלעך, וואָס די שילער האָבן געשריבן, וועט יעדער אונטערשיידן דאָסדאָזיקע זייַטל, ווי א פליג אין מילך. אזוי פאלש איז עס, קינצלעך און געשריבן מיט א שלעכטער שפּראך. אין טכילעסדיקן אויסזען איז עס נאָך געהארגעטער געווען, און אסאך איז דאָ פאריכט לויט דער אָנווייַזונג פון די שילער..."

בלעטערנדיק די קינדערשע שאפונג־פּראָדוקציע „אן מאס" קען מען גראָד אין א געוויסער מאָס מאסקים זייַן מיט דער אנומלטיקער באהויפּטונג פון פּראָפ. רעוועש [1]), אז די קינדערשע שריפטלעכע ארבעטן, איבערהויפּט פון ייִנגערן שול־פּעריִאָד, זייַנען „סייַ לויטן אינהאלט, סייַ טעכניש מיינסטנס פּרימיטיוו נאָכמאכיק און ווייַזן ניט ארויס קיין אינטענסיוויקייַט, וואָס פארשטארקט זיך בעהאדראָגע (אלץ אויסנאם—מוזיק, ווו דער טאלאנט ווייַזט זיך נאָך קינדווייַז ארויס אין א מער באַשטימטער פאָרם)".

נאָר וואָס פאר א מיינונג מיר זאָלן ניט האָבן וועגן דעם קינסטלערישאָביעקטיוון ווערט פון קינדער־שאפונג, מינערט עס אפ קיין האָר ניט דעם פּעדאגאָגיש־פּסיכאָלאָגישן און פּעדאגאָגיש־מעטאָדישן באטייַט פון אזא שול־ארבעט.

עס גייט ניט אין גרייטן שרייַבערס, האגאם, פארשטייט זיך, „די אופגאבע פון אונדזער סאָציִאלער פּעדאגאָגיק איז אופציִען מייַסטערס, ניט קיין שווארצארבעטער פון קולטור, ווי מע האָט אמאָל אופגעצויגן און געלערנט די קינדער פונעם ארבעטער־קלאס, אופציִען ניט קיין קנעכט פון דער לעבן־זאך, נאָר פרייַע שעפער און קינסטלער" [2]).

עס גייט רייִשיסקאָל אין מעטאָד פון ארבעט, וואָס דארפן געבן בעסערע און גרעסערע רעזולטאטן אפ ארויסבאווייַזן זיך אין וואָרט, ווי מעגלעך אייגנארטיק און אָן שאבלאָן, עס גייט אין אָנלאָדן מיט כוש פאר וואָרט און בילד און קונסטווערק־

---

[1]) זעט וועגן דעם Проф, Ревеш. Раннее проявление одаренности. М. 1924. (ראָסאָלימאָס פאָרוואָרט און רעדאקציע)

[2]) פון גאָרקיס אן ארטיקעלע אין „פּראוודא" צו דער פּראָבלעם פון קינדער־ליטעראטור.

און באזונדערס קענ עס געטונ ווערנ אפ פרייַענ עמאָציאָנעל־שיינעמ אופזאצ.

פרייַער אופזאצ הייסט ניט פרייַ, אינ דער וועלט אריַינ. פרייַ הייסט אויכ ניט אומגעגרייט, מיט „רועכ האקוידעש". פרייַע שאפונג הייסט פרייַער אויסוואל פונ טעמע, איז שילדערונג פונ אליינ דורכגעמאכטנ, פונ אייגענער דערפארונג און אכט־געבונג, וואָס איז אויכ אנ אלגעמיינע, געזעלשאפטלעכע איבערלעבעניש. אינ דעמ פרייַענ אופזאצ וועט אויכ זייַנ מערער אָרט פאר פאָרשטעלונג און אסאָציאציע, פאר שעפערישער אינטויציע, פאר קינדערשער „דיכטונג", וואָס קומט אופ און איז דעטערמינירט דורכ אונדזער ברויזיקער רעקאָנסטרוקטיווישער „ווארהייַט". אפ פרייַענ אופזאצ איז אָנגעמאָסטנ געווייִנענ צו קאָמפאָזיציע, צו סטיל־מאָמענטנ, צו ריטמ, צו וואָרט־שפיל און ווילקלאנג אלס פאָרמ־אויסדרוק פארנ סאָציאל־טעמאטישנ, פארנ נייַ־מאָטיווישנ.

דארפ מענ עס טונ, דארפ מענ עס קולטיווירנ פונ דער ייִנגסטער שטופע אָנ בעהאדראָגע און סיסטעמאטיש און מיט מערער גלויבנ אינ די קינדער, וואָס זעענ און הערנ און שפירנ און פארמאָגנ מעגלעכקייַטנ פונ אויסדרוק און שעפערישער אסאָציאציע.

דעמ בוי און די באשטאנד־טיילנ פונ פרייַענ אופזאצ באַרירנ מיר גענויער אינ פאָלגנדיקנ קאפיטל. מיר ברענגענ דאָרט אויכ אייניקע שילערישע ארבעטנ און די אנטשפרעכיקע אופגאבעס.

IV. וועגנ בוי און באשטאנד־טייל פונ אופזאצ

ס'איז ניטאָ קיינ גלייַכערער וועג ווי געווייִנענ צו סטיל, צו קאָמפאָזיציע פאר אלעמענ אפ די אייגענע קינדערשע אופזאצנ. איבערהויפט נאָכ אפ דער עלטערער שטופע, ווענ מע נעמט אופציִענ בא די שילער געוויסע ליטערארישע טעכניק. קלאָר, אז דאָס איז גוט, ווענ דער לערער גופע האָט געווייִנהייַט און כוש פאר אזא ארבעט, איז באקאנט מיט דער מעטאָדיק פונ שרייַב־אויפאנימ און בוי פונ ווערק. מיר קענענ זיכ דאָ איצט פארהאלטנ בלויז אפ אייניקע אלגעמיינע קאָמפאָזיציאָנעלע איקער־עלעמענטנ, וואָס קענענ, מייַנענ מיר, צונוצ קומענ דעמ לערער בא אזא ארבעט (גענויער — אינ דער אנטשפרעכיקער ליטערארישֿ־טעאָרעטישער און ליטערא־ריש־קריטישער ליטעראטור [1]).

טעמע. טאָלסטאָי האָט בעשאטע גערעדט (אינ אויבנ ציטירטנ ארטיקל): „פאָרלייגנ דעמ סאמע גרעסטנ און פארשיידנארטיקנ אויסוואל פונ טעמעס, ניט אויסטראכטנדיק זיי בלויז צוליב די קינדער, נאָר נעמענ די סאמע ערנסטע טעמע, וואָס אינטערעסירט דעמ לערער אויכ". בא ארבעט־מעטאָדנ, בא געזעלשאפט־פאָליטישער אייַנשטעלונג, בא קאָמפלעקס־סיסטעמ און פראָיעקט איז עס ניט שווער צו מעקייַעמ זייַנ. בא לעבעדיקער און פארשיידנארטיקער ארבעט

[1] גענויער וועל איכ עס אויכ נאָכ טונ אינ א קומענדיקער ארבעט וועגנ ליטעראטור אינ שול.

בא קאמפּ און זיג פאר „נײַעם זײַן” קען ניט זײַן קיין מעניִע אין קיין „סאמע ערנסטער” טעמע, און מע דאַרף אין דעם פּראַט ניט אויסטראַכטן און ניט „אַבסטראַקט” צוזוכן פון ערגעץ־ווו לויטן אמאָליקן נוסעך. און אויב די אופזאַצ־טעמע (און דער אופזאַצ גופע) פעלט (ניטאָ פון וואָס צו דערציילן, צו שרײַבן) הייסט עס, אַז נאָך עפּעס פעלט. הייסט עס, אַז מע דאַרף ערנסט אַ טראַכט טון וועגן דעם כאַראַקטער פון דער גאַנצער אַרבעט אין שול.

וואָס איז אַזוינס טעמע? וויאַזוי דאַרף מען געבן און פאָרמולירן אַ טעמע אין שול.

נאָר קוידעמקאָל אַ פּאָר אַלגעמיינע באַמערקונגען.

דער באַגריף טעמע ביקלאַל און לעגאַבע ליטעראַטור ביפּראַט ווערט נאָך ניט אומעטום און ניט אַלציינס פאָרמולירט. וועסעלאָווסקי האָט בעשאַטע גערעדט פון טעמע און סיוזשעט ווי פון איין זאַך: „מיט סיוזשעט מיין איך די טעמע, ווו סע ווערן אָנגעגעבן פאַרשיידענע לאַגעס־מאָטיוון”. איצט איז בא אונדז טעמע אַ באַזונדער זאַך, וואָס מיינט דעם איקערדיקן דענק־פּונקט, דעם קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פון ווערק, מעג דאָס ווערק האָבן אַ קאָנקרעטע סיוזשעט־קאַנווע אָדער ניט (ווי אין ריין־לירישע ווערק טיילמאָל, אין אַ פאַרצייכענונג). אומאָפּהענגיק פון בוי און קאָנסטרוקציע, צי איז עס אַ פאַרביק קונסטווערק אָדער אַ קינדערשער ליטעראַרישער פּרימיטיוו, — אַלעמאָל האָבן מיר דערין אַ געוויסן קאָנקרעטן און פאַראַלגעמיינטן טאַמצים, פונוואַנען סע נעמען זיך און וווהין סע ציִען זיך די פאַרשיידענע טיילן און טיילעכלעך. בא מער קאָמפּליצירטע און פאַנאַנדערגעאַרבעטע קונסטאַרטן קען זײַן אַ רייד ניט וועגן טעמע, נאָר וועגן טעמעס און אונטערטעמעס, וואָס זײַנען דאָך סובאָרדינירט צום צענטראַלן טעמע־פּונקט און קאָאָרדינירט צווישן זיך. די טעמע ציט נאָך זיך די אידיי פון ווערק און ווערט מיטגעצויגן פון אַט־דער אידיי. אויסוואַל און אינטערפּרעטאַציע פון טעמע דריקט אויס די גרונט־שטימונג, דעם קלאַסעווון געדאַנקענגאַנג פון אווטער, באַצייכנט זײַן פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע. ביקלאַל, הייסט עס, קען די טעמע זײַן ברייטער, פולער פונעם אייגנטלעכן און געגעבענעם אינהאַלט.

אין זאַכלעכן ווערק און אופזאַצ פאַלט מייסטנס צונויף די טעמע מיטן קעפּל. דאָס קעפּל פאָרמולירט דאָ איבערהויפּט קלאָר און דײַטלעך די עצעם טעמע, וואָס דערפון וועט אויסקומען גלײַך קלאָר און דײַטלעך צו זאָגן. אין קינסטלערישן אופזאַצ אָבער (אַמאָל אויך אין זאַכלעכן) גיט אָפּטמאָל דאָס קעפּל דאָ בלויז די אַלגעמיינע באַצייכענונג (און די פאַראַלגעמיינערטע קאָנסעקווענץ) פון טעמע, שטריכט אונטער נאָר אַ געוויסע אייגנקייט פון קאָמפּאָזיציאָנעלן טעמע־צענטער. אַלס קעפּל גילט דאָ אָפט אַן אַלגעמיין־עקספּרעסיווער פּראַט — אַ ווערטל, אַ טרעפיקער ריידאַרט, אַ פאַראַלגעמיינערטער אָנוווּנק.

ס'איז ביז גאָר וויכטיק בא דער אופזאַצ־אַרבעט געוויינען די קינדער צו פאָרמולירן און וויסן, רעדן און שרײַבן אף דער טעמע, וואָס איז ניט אַלעמאָל אין דער טעווע פון קינד, איבערהויפּט פון ייִנגסטן עלטער, וואָס דענקט שווינדיק און אָפּגעווענדט, איבערגעמישט און אָפּטמאָל גאָר ניט צו דער זאַך (זעט ווײַטער „מעקויעך דיסקאָנסירן און זאַמלען דעם קינדערשן אופזאַצ”). וויסן און געניי זיך

פאָרשטעלן די טעמע הייסט פראָדוקטיווער מאכן דאָס גרייטן זיכ צו דער טעמע, שטויסן צו אופזאמלען דעם געהעריקן מאטעריאל, געוויינען צו קאָמפּאָנירן דעם אופזאצ קאָנצענטרירטער און מער אײַנגעטראכט. דאָס קעפּל און אונטערקעפּל קען זײַן פרײַ, אָבער צונויפגעפּאסט מיט דעם עצעם.

לעגאבע אופגעבן טעמעס דארפ מען דאָ ביקלאל אָנמערקן אָט־וואָס:

1) פראקטיקירן בלויז לעבן־טעמעס, וואָס זײַנען קאָנקרעט און מאמאָשעסדיק פארן קינד, ניט דערלאָזן קיין אבסטראקציעס, קיינע סטאם־טעמעס, וואָס פארנעמען נאָכ לײדער אן אָרט אין שול (דערהויפּט אין העכערע און הויכע שול־שטופעס).

2) ווארייִרן און גלידערן איין אלגעמיינע גרעסערע טעמע אפ אונטערטײלן פאר איינצלנע קינדער און בריגאדעס קינדער.

3) אליין קלאָר פאָרמולירן און געוויינען די קינדער דײַטלעכ צו באצייכענען די טעמע און אונטערטעמע. אין זאכלעכן אופזאצ געוויינען צו פאָרמולירונגען קעפּלעכ, וואָס שטימען מיט דער טעמע, אין בילדלעכן אופזאצ אָנווענדן איבערהויפּט דאָס העלע און אויסדריקלעכע קעפּל, וואָס זאָל אָבער קלאָר זײַן און ניט אָפּווענדן פון דער טעמע. געבן באהעפט־געשלאָסענע קעפּלעכ, וואָס זײַנען לעבעדיקער און באוועגלעכער פון די אָפּגעהאקט־סובסטאנטיווישע און באהעפט־אָפענע: וויאזוי איכ האָב... וויאזוי מיר האָבן... ווי ארום קומט דאָס שטיינקוילעכל אין הרובע ארײַן... וויאזוי א העמדל איז אין פעלד אופגעוואָקסן... מיט וואָס איז אונדזער שלאָג־בריגאדע צו הילפ געקומען אין דאָרפ?

4) געוויינען צוצוטראכטן א קעפּל צו א באשטימטן ווערק און צו זײַנע טײלן. מיר האָבן אזוינע ארבעטן געגעבן אין „אונדזער וואָרט" 1—2. טון עס אפ איי־געגער שאפונג, אפ ליטערארישן מאטעריאל. ס'איז העכסט וויכטיק אפ אופנעמען און טרעפיק־קורצ פאָרמולירן דעם טאמציס פון אינהאלט, די טעמע.

דערציילערישער עלעמענט ביקלאל און שילערישע דערציילונג.

מירן דאָ באטראכטן באזונדער אייניקע גרונט־קאָמפּאָנענטן (דערציילערישער, באשרײַבערישער, דראמאטישער), האגאם מע קען זיי אָפּטמאָל ניט אָפּשיידן איינס פון ס'אנדערע אין איינ־אייניקן ווערק. דערהויפּט נאָכ אין שילעריש־אָנפאנגערישן אופזאצ.

מיט דערציילערישע עלעמענטן באצייכענען מיר די געשעעניש, עפּיזאָד לויט זײַנע דערצייל־איינצלען, לויט זײַנע מיטייל־מאָטיוון. אויב מאָטיוו זאָל הייסן דער געדריבלט־עלעמענטארער דערצייל־איינצל [1] וועט דערציילונג אָדער דערצייל־אָפּשניט ביקלאל זײַן די באהעפטע מאָטיוון־סיסטעם. די אייגנטלעכע דערציילונג באגייט זיכ געוויינלעכ זעלטן אָן באשרײַבערישע, דיאלאָגישע און אנדערע עלעמענטן, און נאָר פון באקוועמקײַט וועגן „אבסטראהירן" מיר דאָ און רעדן באזונדער פון דעם עצעם דערצייילשטאָפ. אגעפ, גראָד די אייגנטלעכע דערציילונג איז דער

[1] מע רעדט אויכ פון מאָטיוו אלס פראט־טעמע אין ליריק, אשטייגער, פרילינג־מאָטיוו, פרײַהײַט־מאָטיוו. מאָטיוו איז אָבער ביקלאל אן איינצל פון פאבול־אָדער סיוזשעט־ריי.

סאמע פארשפרייטער אופזאצ בא די קינדער, דערהויפּט נאָכ ווענ זיי הייבנ אָקאָרשט אָנ צו רעגולירנ אונ ארויסברענגענ ליטעראַריש זייער געדאנקענגאנג.

דער דערציילערישער עלעמענט געגומענ פאר זיכ פליסט אינ צײַט, האָט א געוויסע כראָנאָלאָגיש־קעסיידערדיקע, אזוי צו זאָגנ, פּראגמאטישע געבונדנקײַט דאנ, ווענ די אייגנטלעכ־באשרײַבערישע עלעמענטנ, אשטייגער, זײַנענ, געגומענ פאר זיכ, סטאטיש, דעסקריפּטיוויש אינ אײנצײַט, שאפנ דערהויפּט בלויז דעמ פאָנ פונ דער אייגנטלעכער דערציילונג.

אינ דער פּראָזאישער דערציילונג גייט אונדז פאר אלעס אינ ווירקלעכ געשעענעמ, אינ בעפיירעש געזעענעמ אונ אכטגעגעבענעמ, וואָס מע דארפ דערפונ דיכטיק איבערגעבנ. דער סיפּער־האמײַסע דארפ דאָ זײַנ פול אונ פאקטיש לויט באשטימטער בעהאדראָגיקײַט אינ צײַט אונ רוימ. די קינסטלערישע דערציילונג טיילט מיט ניט פונ אלצ, זי שיידט נאָר ארויס וואָס ס'איז כאראקטעריסטיש לויט טיפּיש־פּאראלגעמיינערטער בילדלעכקײַט אונ אָנשוילעכקײַט. פּראָטימ, וואָס זײַנענ פאר זיכ שוינ ניט אזוי וויכטיק אונ אפילע צופעליק, ווערנ העכסט נייטיק פאר דעמ אלגעמיינעמ בילד, פאר דער טיפּיש־אָפּגעקליבענער שילדערונג [1]. די בעהאדראָגיקײַט גופע, די מאָטיוונ־גרופּירונג (מאָטיווירונג) איז דאָ ווידער באַדינגט: מע הייבט אָנ דערציילנ אויכ „פונ סאָפ" אונ מע גייט בעהאדראָגע „אפּ צוריק" צומ אָנהייב.

אינ שול דארפנ די קינדער אָנייגענענ די עלעמענטארע רעגילעסנ פונ ליטעראַרישער דערציילונג, וואָס איז גאנצ פּרימיטיוו בא די ייִנגערע (אייגנטלעכ, אנ אייַנפאכע קורצינקע דערציילונג־מיטיילונג) אונ ווערט קאָמפּליצירטער בא די עלטערע קינדער אונ יוגנט, ווו זי דערנעענטערט זיכ שוינ אינ א געוויסנ גראד צו דער קורצער קינסטלערישער נאָוועלע מיט אירע פארשיידענע פונקציאָנעל־געבונדענע קאָמפּאָנענטנ—א מינ שילערישע „קליינע פאָרמ", א שילערישע נאָוועלע, וואָס אינ סאָציאַל־טעמאטישנ אספּעקט באדארפ דאָ דאָס גרעסטע אָרט האָבנ דאָס פּראָלעטאַריש־פּראָדוצירישע אונ קאָלווירטישע [2]), אזא ארבעט פאָדערט סיסטעמ, טרעניִרונג, עלעמענטארע באקאנטשאפט מיט געוויסע פּראָטימ לעגאבע דעמ בוי אונ טעכניק פונ ליטעראַרישער נאָוועלע.

1) פאבול. ס'איז די קאָנקרעטע דערצייל־קאנווע, די „מאטעריע", וואָס לויט איר דארפ מענ אופוויקלענ די טעמע,—אנ עפּיזאָד אָדער א סיסטעמ עפּיזאָדנ. די פאבול גיט די רעאלע נאָכאנאנדיקײַט פונ דערציילארט, די לאָגיש־קעסיידערדיקע צושטאנדנ אונ פארהעלטענישנ (סיטואציעס).

---

[1]) אשטייגער, זיוזיס אומקומענ אונ דער גאנצער עפּיזאָד פונ 9־טנ יאנוואר (אינ ש. א. „מאבל". מיר נעמענ דעמ עפּיזאָד, וואָס מע גיט אינ די לערנביכער פאר דער שול).

[2]) די אלטע קלאסיפיקאציע האָט דערהויפּט באצייכנט סטרוקטור־זשאנרענ (נאָוועלע, ראָמאנ א. א.) ס'איז דאָ אײַנגעלאָזנ געוואָרנ דאָס סאָציאַל־מאָטיווישע, דאָס קלאסעווע־טעמאטישע (פּראָדוצירישע, פויערשע א. א.) אונ באדארפט וואָלט מענ רעדנ פונ סאָציאַל־קלאסעווע אונ סטרוקטורישנ ווי וועגנ א זשאנרישער אײנהײַט.

אגעפּ. אינ קונסטווערק טרעפנ מיר, געוויינטלעכ, א גרונט־פאבול אונ א זײַטיקע פאבול (די „מײַסע בעסויכ מײַסע" לויט איר קלאסישער אונ מאָדערנער אינטערפּרעטאציע). סע קענ זײַנ א בוילעטע אורזאכלעכע פאַרבינדונג אינעם גאנצנ ווערק. די פאבול־טיילנ קענעג אויכ זײַנ געבונדנ צווישנ זיכ נאָר אפּ א אינעוויניקסטנ אויפנ, אונ דער אייגנטלעכער פאבולדיקער צענטער זאָל אויספעלנ [1].

2) סיוזשעט. ס'איז די אויספאָרמירונג אונ קאָנסטרויִרונג פונעם פאבול־מאטעריאל, די קאָמפּאָזיציאָנעלע אינטערפּרעטאציע. די פאבול ווי זי איז ווערט דאָ אָרגאניזירט לויט די אידעיִש־שעפערישע פּאָטענצנ פונ אווטער, לויט די אייגנקײַטנ פונ זײַנ שרײַב־סיסטעם. די פאבולדיקע אָביעקטיוו־רעאלע מאָמענטנ קענענ דאָ צע־שטערט זײַנ אָדער גאָר אנדערש קאָמפּאָנירט ווערנ. אינ פאבול האָבנ מיר איבערהויפּט צו טונ מיט דערצייל־שטאָפ, אינ סיוזשעט — מיט דעם גאנצנ סכום מאָטיוונ, דערציילערישע ווי דעסקריפּטיווע, סטאטישע אונ דינאמישע, וואָס זײַנענ קאָמפּאָנירט אייגנארטיק אונ ניט דאפקע אפּ א פּראגמאטיש־נאטירלעכנ אויפנ.

ביקלאל איז דער עכטער קערנ פונ סיוזשעטישער אויספאָרמירונג—קעגנזאצ פונ פאַרהעלטענישנ, קאמפּ פונ קאָלעקטיוו (אונ פונ „העלד" אינ קאָלעקטיוו) מיט שטע־רונגענ אונ דער דראנג צו ענדערנ, צו „איבערמאכנ" די סיטואציע, דיִאלעקטיש גריווער זײַנ די געגנזאצנ.

אינ סיוזשעט־בוי שיידנ מיר, געוויינלעכ, אונטער דעם אויסגאנג, וואָס הייבט אָנ די דערציילונג, וואָס באצייכנט די אויסגאנג־סיטואציע. פונעם אויסגאנג וואקסנ ארויס די ווײַטערדיקע סיטואציעס, וואָס קענענ ברענגענ צו שטײַגערונג (שפּאנונג, קולמינאציע),— ס'איז די מאָטיוונ־סיסטעם, ווו דער סיוזשעט דערגייט צו זײַנ גרעסטנ אָנשטרענג. דער ענדפונקט פונ דער דערציילערישער ליניע, די אויס־לאָז־סיטואציע איז די לייזונג. אינ דערדאָזיקער באוועג־„טריִאדע" זעט מענ נאָכ, געוויינלעכ, אײַנ אנ אײַנטריט אונ אקאדאנס. אויב מיט אויסגאנג מיינענ מיר דעם אָנהייב פאבל, מיינענ מיר מיט אײַנטריט דעם אָנהייב סיוזשעטישע אויספאָרמירונג [2]. דאָסזעלבע איז לייזונג די ענדע־פאבול אונ קאדאנס — דער שלוס־

[1]) אינ דער ליטעראטור קומט אזא אינעוויניקסטע געפלאָכטנקײַט לויט צײַט („טעוויע"), לויט אָרט (אשס „שטעטל") א. א. אז סע פעלט אויס די צענטראלע פאבולדיקע אקס, האָבנ מיר די „כראָניק" פונ קיפּניסעס „כאדאָשים אונ טעג", די „וועג־אײַנדרוקנ" פונ „בירא־בידזשאנ" אלבערטאָנס אונ אנדערע.

[2]) אינ דער ליטעראטור קענ אָט־דער אײַנטריט אופקומענ פאר אונדז ווי א גרעסערער אָדער קלענע־רער אָריענטירנדיקער ארײַנפיר, וואָס שאפט דעם טכילעסדיקנ גרונט־טאָנ פאר דער ווײַטערדיקער דערציילונג. דער אײַנטריט קענ קומענ דירעקט אונ גלײַכ אונ געבנ די אלגעמיינע אופנעם־אָנרעגונג: דער קורצער ארײַנפיר צו אשס „שטעטל", די אָנהייב שילדערונג אינ אשס „קוילער געסל" אָדער אינ בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאל", דאָס ערשטע קאפּיטל פונ אלבערטאָנס „בירא־בידזשאנ",— „נאָכ אינדערהיימ" מיט דעמ אונטערקעפּל „אָדער א האקדאָמע", אָדער דאָס ערשטע „אווערטיור"־קאפּיטל פונ מארקישעס „ברידער" אונ אנדערע. דער אײַנטריט קענ דאָקומענ אויכ אומדירעקט (ex abrupto, מיטאמאָל),— ס'קומט גלײַכ פאָר די האנדלונג אונ די אלגעמיינע אופגעבונג וועט ערשט ווײַטער „אופ־געקניפּט" ווערנ („מעשולעכ" פּערעצעס א. א.). דערבײַקענ דער אײַנטריט ביקלאל ניט קאָנצענטרירט זײַנ אפּ וואָסער־ניט־איז אייג אָרט: אינ גאנצע ערשטע צענ קאפּיטלענ „פישקע" ווערט וועגנ אייגנטלעכנ הויפּט־העלד ניט דערמאנט, אָדער שויג אינ אָנהייב דערווויסנ מיר זיכ פונ אלטערס פאמיליע־„דראמע", אונ דאָס הארבאטע מיידל, די ווײַטערדיקע ליבע פישקעס, איז מאקע אלטערס טאָכטער פונ דער ערשטער ווײַב.

אקאָרד פונ דער סיוזשעטישער אינטערפּרעטאציע. אינ קאדאנס זעט מענ קאָנ־צענטרירנ דעם אײַנדרוק פונ גאנצנ אופזאצ [1].

דער אײַנטריט קענ הארט צונויפאַלנ מיטנ קאדאנס [2].

קלאָר, אז די אָנגעמערקטע סיוזשעט־רײַ האָט געהאט, האָט אונ וועט האָבנ פאר־שיידנערליי מאָדיפיקאציעס אונ אָפּווײַכונגענ. דאָס וואָס מיר האָבנ דערמאנט, איז דערווײַל נאָר מער טיפּיש אונ פארשפּרייט אינ דער סיוזשעט־סטרוקטור. אונ זאָל עס דינענ בלויז אלס אָריענטיר־צוגאנג, ווי די ליטעראטור־בײַשפּילנ אינ די אָנמער־קונגענ פונוטנ דאָ אונ ווײַטער.

3) אלגעמיינע אײַנשטעלונג. וואָס פאר אנ אופזאצ זאָל עס זײַנ — א רעאלער עפּיזאָד, א צוגעקלערט בילדלעכע אופאסונג לויט פאקטישנ מאטעריאל (אפּ א טעמע פונ פּראָדוקציע, נאטור, געאָגראפיע, קולטור־געשיכטע א. א.), א הומאָריסטיש בילד א. א. וו. די קינסטלערישע אײַנשטעלונג נעמט זיכ, געוויינלעכ, פונ דער קינסטלע־רישער אידיי אונ באדינגט אויכ די סיוזשעטישע אויספאָרמירונג.

4) דערציילפאָרמ. מע קענ דערציילנ אינ ערשטער פּערזאָנ, ווו דער דער־ציילער איז דער קאָנקרעטער אָנטיילנעמער [3]. מע דערציילט ביקלאל,— דער אווטער דערציילט, טיילמאָל אינ אומבאשטימט־פּערזענלעכנ נוסעכ — „מע דערציילט”, „מע שמועסט”, „מע זאָגט”, „גיט מענ איבער”, א. א. סע קענ זײַנ איבערגעמישט עטלעכע דערצייל־נוסכאָעס [4].

---

1) אינ „קינדער פונ איינ פאָלק” קושניראָווס, אשטייגער, איז די לייזונג די קינדער־פארזאמלונג, וווּ סע שטייט אויכ די פראגע „וועגנ אנ ענטפער דעמ כאווער מאָטל מעכאניקס מאמע, וואָס רופט אימ אינ בורזשואזנ לאנד אמעריקע”. דער קאדאנס איז דאָ די שלוס־סצענקע בעשאסנ אָנעמענ די רעזאָליוציע.

„...— כאווירים, איכ לייג פאָר אזא רעזאָליוציע: מיר, יידישע קינדער פונ קינדערהיימ... איכ וויל זאָגנ: מיר, קינדער פונ יידישנ קינדערהיימ...

קארל אונ מיט אימ אנדערע האָבנ אומצופרידנ אופגעהויבנ די הענט...

האָט דער פּאָרזיצער איבערגעריסנ:

— שאט, כאווירימ; איכ לייג פאָר אזוי:

מיר, קינדער פונ איינ פאָלק. שאט, שלאָגט ניט איבער, כאווירימ, מיר, קינדער פונ דעמ פאָלק פונ ארבעטער אונ פויערימ...

— כאווירימ, צעגייט זיכ ניט. פאראנ נאָכ לויפנדע פראגנ: ווער ארבעט מאָרגנ אינ קיכ?..”

דער קאדאנס־אײַנדרוק איז טיילמאָל כידעשדיק אונ ווי אומגעריכט, האגאמ ער שטימט, געוויינטלעכ, מיט דער טעמע, ווי, אשטייגער, דער קאדאנס פונ „באָנצי שווײַג” פּערעצעס:

„... נעמ דיר וואָס דו ווילסט! אלעס איז דײַנ!

... טאקע?..

...— זיכער!..

...— וויל איכ טאקע אלע אינדערפרי א הייסע בולקע מיט פרישע פּוטער!..”

2) ווי אינ אשס שטעטל דער „וואגדערער”־מאָטיוו, דער „יונגע גווארדיע”־מאָטיוו אינ כאריקס „מיט לײַב אונ לעבנ”, האגאמ דער גרונט־פּאָנ איז אנדערש אינ אָנהייב אונ אפנ סאָפ.

3) די „איכ”־דערציילונג קענ וואריירט ווערנ צווישנ פארשיידענע „איכ”נ.

4) אינ ליטעראַרישנ ווערק קענ דערציילנ דער אווטער, עס דערציילט דער „העלד” סײַ מיט רייד, סײַ אינ בריוו, נאָטיצנ, עס דערציילנ זײַטיקע פּערסאָנאזשנ (מארקישעס „ברידער”, „בירע־בידזשאנ” אל־בערטאָנס, „הירשל שאמאי” („נאָטיצנ”) אבטשוקס א. א.).

5) באזונדערע קאָמפּאָנענטן: פּערסאָנאזש (דיאַלאָג, כאראקטעריסטיק, פּאָרטרעט), פּאָבּ (אָרט, צײַט, פּייזאזש) א. א., וואָס מיר שטעלן זיך באלד אָפּ דערויף אינקורצן.

באשרײַבערישער עלעמענט ביקלאל און שילערישע באשרײַבונג.

סע קענען דאָ זײַן א רייד פון באשרײַבונג פאר זיך, אלס זעלבשטענדיק איינצל, און פון באשרײַבערישן עלעמענט אין דער שילערישער נאָוועלע.

אין באשרײַבונג שיידן מיר ווידער אונטער די פּראקטישע און בּילדלעכע באשרײַבונג. די פּראקטיש־זאכלעכע באשרײַבונג רעגיסטרירט, ווי באוווּסט, גענוי און פּינקטלעך. סע גייט דאָ קוידעמקאָל אין ריכטיק־פאקטישן טאָכ אָן בילדלעכע „פּוצן". דאָ זײַנען נייטיק פארשיידנערליי פּראָטים, פאקטיש־פּראקטישע „קלייניקײַטן". אין בּילדלעכער באשרײַבונג אָבער האָט מען בעדייע צו איבערגעבן די טיפּיש־פאראלגעמיינערטע מאָמענטן, און ארויסקומען דארפן אָט־די מאָמענטן אָנשוילעך און העל, קעדיי צוציִען אומיטלבאר צו דער שילדערונג, קעדיי „אָנשטעלן" עמאָציאָנעל. דאָס שליסט, פארשטייט זיך, ניט אויס, אז די זאכלעכע באשרײַבונג זאָל האָבן געוויסע עלעמענטן פון קינסטלערישער באשרײַבונג און אז די קינסטלערישע באשרײַבונג זאָל אָנקומען צו אָביעקטיוו־גענויער פארצייכעניש.

אין שול־לעבן, בא דער לעבעדיקער אויסערשול־ארבעט טרעפן מיר פארשיידנערליי ארטן זאכלעכע און עמאָציאָנעלע באשרײַבונג. און די בּילדלעכע באשרײַבונג קען דאָ זײַן פארשיידנארטיק. סע ווענדעט זיך וואָס מע באשרײַבט,— דעם זאוואָד, דעם קאָלווירט, דעם באן, א מענטשן, א פארזאמלונג, א דעמאָנסטראציע, א באלכײַ, א נאטור־דערשײַנונג, א שטייגער־בּילדל. אפּ דער באשרײַבונג ווירקט, פארשטייט זיך, דער סאָציאָל־קלאסעווער ארום, די אומגעבונג, דאָס אָרט,— אין פּאָרשטאָט, אפּ דער צענטראַלער גאס, אפּ דער אונטערנעמונג, אין ארבעטער־קלוב, אין לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו. פיל האָט דאָ צו זאָגן אין וועמענס נאָמען סע גייט די באשרײַבונג,— צי סע באשרײַבט א קאָנקרעטער אָנטיילנעמער, א צושויער א. א. דער אויפן באשרײַבן קען זײַן פארשיידן לויט פאָרם און בוי. מע קען פארצייכענען פריער דאָס אלגעמיינע, דערנאָך די באזונדערע פּראָטים (אנאליטיש). מע קען עס טון פארקערט — מע גיט פריער די באזונדערע קאָנטורן, דערנאָך דאָס אלגעמיינע (סינטעטיש). טײלמאָל זײַנען אָט־די בּיידע ארטן איבערגעמישט אין דער באשרײַבונג. די בעהאדראָגעדיקײַט אין דער באשרײַבונג קען אויך זײַן פארשיידן. אמאָל איז דאָ נייטיק דער געוויינלעכער סיידער ווי די זאכן און דערשײַנונגען קומען פאָר אין דערווירקלעכקײַט, אמאָל איז וויכטיק אזוינס, וואָס איז כאראקטעריסטיש אין געגעבענעם מאָמענט און וואָס באַדינגט אויך דעם סיידער פון באשרײַבן די זאך און דערשײַנונג, נאָר בא אלע פאלן איז דאָ קעסיידער וויכטיק די אינערלעכע גאנצקײַט, די אייניקײַט פון באשרײַבונג, די צונויפפאסונג פון די איינצלנע שילדערנדיק־באשרײַבנדיקע עלעמענטן מיט דער באשרײַבונג אינגאנצן גענומען.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן א ווײַלע אפּ א פּאָר וויכטיקערע ארטן באשרײַבונג.

1) רוים און אומגעבונג. מע באשרײַבט דעם אינערלעכן און אויסערלעכן אויסזען פון א צימער, פאבריק, געבײַדע, דעם נאטור־ארום א. א. מע באצייכנט

דערמיט דעם פאָנ פאר באשריבענער געשעעניש, איבערלעבעניש, שטייגערישקייט. אזא באשרייבונג קענ קומענ אלס נייטיקע אינטראָדוקציע, אלס שלוס־טאָנ אָדער אפילע אלס פירנדיקע לייט־שטימונג. זייענדיק אינ עצעמ און פאר זיכ סטאטיש, ווערנ די באשריבענע עלעמענטנ אינ דער דערציילונג וויכטיקע דינאמישע קאָמפּאָנענטנ, וואָס באוועגנ די האנדלונג, שטויסנ די עצעמ דערציילונג.

אייניקע פּראָטימ וועגנ פּייזאזש.

אינ ליטעראטור מערקנ מיר די קורצע, די אגעפּדיקע נאטור־שילדערונג[1] און די גענויע נאטור־דעסקריפּציע[2]. נאָר די קירצערע ווי די ברייטערע פּייזאזשישקייט פילט אויס א וויכטיקע סיוזשעטישע פונקציע „בארעמלענדיק״, „אָרנאמענטירנדיק״ די גאנצע זאכ מיט אָרט־קאָלאָריט און מיט געוויסנ גרונט־טאָנ. אָפטמאָל ווערט דאָ פארביק איבערגעפלאָכטנ לעבעדיק באשעפעניש און מענטש און נאטור[3]. די נאטור־שילדערונג קומט צו מיטשטימענ מיט דער גאנצער שילדערונג, זי קענ ווידער קאָנטראסטירנ און קעגנגעשטעלט ווערנ[4].

קינדער שפּירנ נאטור און אומגעבונג און פּרימיטיוו. ווי כּייַנ טרעפנ מיר עס אינ זייערע ארבעטנ. א רייזע, אנ עקסקורסיע, באקאנטשאפט מיט א נייַ אָרט, אכטגעבונג אפנ אייגענעמ וווינאָרט, פאסירונג א. א. וו. — דאָס אלצ רופט בא זיי אָפט ארויס פאסיקע באשרייבערישע פּראָטימ.

[1]) ש. אל., אשטייגער. ניט דאָט פּייזאזשישע, ווי דאָס דעסקריפּטיווע ביקלאל איז בא אימ דער גרונט. דעריקער איז בא אימ דאָס דערציילערישע, וואָס ווערט מאָנאָלאָגיש צי דיאַלאָגיש אינטערפּרעטירט.

[2]) בא מענדעלענ, אשטייגער, בא אייניקע יונגע אינ דער ליטעראטור, — אינ אָרלאנדס „הרעבליעס״, אלבערטאָנס דעסקריפּציעס אינ „בירא־בידזשאנ״ (דער אויבנגעבראכטער וואלד אָדער די בייַקאל־שילדערונג), אָדער די ווינטער־פּייזשאזשנ אינ כאריקס „מיט לייב און לעבנ״, ווו גאנצע לידער אָטעמענ פריש מיט „ווייסנ געלעכטער פונ ווייַסע בוראנענ״.

[3]) „א גראָווער האָז איז ארויסגעשפּרונגענ גרויסנ פארטאָג פונעמ נוסנ־וועלדל און מיט רויטלעכ־בורשטינענע אויגנ געמאָסטנ דעמ וועג צו א ווייט דינ בערעזקעלע, וואָס האָט זיכ שטיל געוויגט צווישנ געלנ דאָרנ. געזעסנ איז דער האָז מיטנ ברודיקנ בייכל אפ די הינטערשטע פיסלעכ און ס׳רעכטע אויערל האָט בא אימ געציטערט: רעכמס ציט זיכ אָזעראנער שליאכ, און פונעמ שליאכ האָט געטראָגנ מיט טויבנ טופּע...״ א. א. וו. (אָרלאנדס „הרעבליעס״. זעט אויכ דעמ פראגמענט: „אזוי ווערט טאָג אינ כוטאָר: א הינקענדיקער וואָלף, וואָס האָט געהיט א גאנצע נאכט א רוקנ פונ א קלוביע, וואָס האָט א גאנצע נאכט געגראבלט מיט די געזונטע צוויי פעדערשטע פיס דאָס פעסטע צווייַגנ־געפלעכט פונ א כוטערשנ פלויט, ווערט פלוצימ אומרויק״ א. א. וו.).

[4]) אינ פערעצעס „באלעגאָלע״, אשטייגער, איז דער אייַנטריט, ווי דער גאנצער פּאָנ פארנ באלעגאָלעס מיטיילונג — „אויבנ און אונטנ אלצ גרוילעכ און שיטער״. מענדעלעס „פישקע״ איז פול מיט נאטוראליסטישע פּייזאזשנ („מייַסע סאָטנ איז זי, די נאטור, ווי הייסט מענ עס, געוועזנ וווּנדער־שיינ, גאָר א בילד״), וואָס קאָנטראסטירנ שארפ מיט דער גאנצער „מיליע״, מיט דער טרויעריקער אומגעבונג, וואָס ער פירט ארויס. מע דערפילט עס פונ „ער׳שטנ ארויספאָר״: „קוימ גיט א שייַנ די ליכטיקע זונ און זומער־לעב אינ דעמ לאנד, מענטשנ ווערנ ווי בייַגעבוירנ און דאָס הארצ פרייט זיכ זיי, קוקנדיק אפ גאָטס וועלט דער שיינער, דענסמאָל הייבט בא יידנ זיכ אָנ די רעכטע אומעטיקע צייַט, צו קלאָגנ און פארגיסנ טרערנ. עס גייט דאָס גאנצע צעטל טרויער: טאנייסימ, פּייַניקנ־זיכ, יאָמער און געוויינ פונ ספירע ביז העט אינ די גרויסע בלאָטעס און נאסע אָסיענדיקע קעלט...״.



געמעל 1 — אפנ בערגל.

געמעל 2. י. ריבאק.

טראכט צו א בילדל (שילדערנדיק די קינדער־פיגורן, זייער שמועס צווישן זיך א. א.).
גיט צו א העל קעפל.



געמעל 3. סטענבערג.

שטעלט אוס א בילדל, צוויי קעגנגעשטעלטע בילדלעך, נוצט אויס וואָס איר ווייסט פון „אַלט אין נייַ״ אין דאָרף.

געמעל 4. מאקסימאָווי

צ׳ וואָכער צײַט איז עס ע׳ײַעכ? גיט צו א קעפל, וואָס טוט, ווי זעט אויס דער ארבעטער? דער מאטראָס? שטעלט גופ אינקורצנ דאָס ווענדוואָרט פונ מאטראָס. שטעלט אופ א בילדל פונ „יענע יאָרנ“ אפ דער טעמע „רויטגווארדייער“.

מיטן באן קיין סלאוועטע (אויסצוג)[1]

ס׳איז געווען זומער, בין איך געפאָרן אפ אָפרו.

אז איך בין צוגעפאָרן צום וואָקזאל, האָב איך שוין געוואָלט וואָס גיכער ארופגיין אפן אײַזנבאן. ס׳איז זייער אינטערעסאנט מיט אים צו פאָרן — סע ווײַזט זיך אויס, אז די וועלט דרייט זיך, און די וועלט איז אזוי־ווי אן עמעס איי...

מע זעגנט זיך, מע קושט זיך, אייניקע וויינען...

ארײַן אין אײַזנבאן, האָב איך מוירע געהאט ארויפצוגיין, עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט — אָט הייבט ער אָן פאָרן, אָט הייבט ער אָן פאָרן, נאָר דער באן איז אזוי גיך ניט אָפגעפאָרן, איך האָב נאָך באוויזן דורכן פענצטער צו רעדן אסאך.

דער באן רירט, ס׳איז מיר געוואָרן פריילעך און אביסל אומעטיק אפן הארצן.

אז מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פון אָדעס, האָבן זיך באוויזן דאָרפישע שטיבלעך.

ס׳איז געוואָרן שפעט אפדערנאכט. מע זעט שוין קימאט גאָרניט, וואָס סע טוט זיך אפ דער וועלט. מע זעט נאָר הימל און ערד, און פון די דאָרפישע שטיבלעך דאָס ליכט. איך גיב א קוק אפן הימל ווי די לעוואָנע שפאנט נאָך מיר. איך האָב זיך איזש דערשראָקן און רעד צו זיך אליין: פארוואָס גייט די לעוואָנע נאָך נאָך מיר, פארוואָס ניט נאָך דער מאמען.

די מאמע רופט מיך שלאָפן.

איך בין אופגעשטאנען גלײַך מיט דער זון. ווי נאָר די זון האָט א קוק געטון אין פענצטער, אזוי האָב איך זיך אופגעכאפט. איך גיב א קוק אף די גרינע פעלדער מיט די געדיכטע וועלדער — א שיינקייט! מיט יענעם וועג, וואָס איך בין געפאָרן, איז וועראסטן געווען פעלדער און וועלדער. די פעלדער האָבן אויסגעזען ווי א גרינער יאם, און די וועלדער ווי א שווארצער יאם. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין די וועלדער, איז דורכגעלאָפן א בילד, וויאזוי מע גייט אין וואלד מיט קוישעקלעך נאָך טשערניקע, זעמליאניקע. און אָט איז דורכגעלאָפן א בילד וויאזוי קינדער באגעגענען דעם באן און זיי באגריסן אים מיט די היטלען... און נאָך אסאך לעבעדיקע בילדער.

3 אזייגער באטאָג זײַנען מיר אָנגעקומען קיין שעפעטאָווקע. אין שעפעטאָווקע זײַנען מיר אָפגעווען 3 שאָ. ס׳האָט זיך מיר ניט אזוי געגלוסט ארופצוגיין אפן באן ווי אין אָדעס, ווײַל דאָרט איז מיר אלץ געווען נײַ...

מע דארף, געוויינטלעך, ניט פארהאלטן זיך סטאם אפ „פייגעלעך" און „גרי־נינקעביימעלעך". פייזאזשיש־קרעפטיקע פראָטים דארפן פאר אלעמען באצייכענען דעם מענטשלעכן „זײַן", די ארבעט, דעם קאמף און זיג פון מענטשן אין דער נאטור.

2) פ ע ר ס אָ נ א ז ש. פאראן דאָ „סטאטישע" פארצייכעניש: מע גיט קורץ אָדער גענוי די כאראקטעריסטישע שטריכן פון פערזאָן. אָבער אפילע אָט די „סטאטישע" פארצייכעניש קאָנקרעטיזירט מען מײנסטנס אין גאנג פון דער באשרײַבונג, דערציי־לונג, ווו די פערזאָן טוט, דענקט, רעאגירט אפן ארום, רעדט. סע קען גאָר אינגאנצן אויספעלן אָט די „סטאטישע" באשרײַבונג: דער לעבעדיקער מענטש באקומט זיך ניט דורכן פארצייכענען זײַנע אויסערלעכן אויסזען, אָנטון, שטריכן פון געזיכט און קערפער, נאָר אינעם שילדערן די סיטואציע, די אינערלעכע צוזאמענשטויסן[1].

ווי אין באשרײַבונג ביקלאל קענען מיר אינעם „פאָרטרעט" האָבן די דעטאלע שילדערונג[2] אָדער די קורצע ליניעס, ווו מע באצייכנט און מע ווארייִרט אָפטמאָל נאָר איין פראט[3].

[1]) 3 גרופע. אָדעסער 52 שול.

[2]) כאריקס לערערן, אשטייגער, אין „מיט לײַב און לעבן".

[3]) מענדעלעס גענויער פאָרטרעט, אשטייגער.

[4]) די שאָלעם־אליינעמישע. „א ייִד מיט א גרינער שאל", „א ייִד מיט זעקס פינגער", „א הויכער ייִד מיט א לאנג פערדיש פּאָנעם און מיט וואטע אין די אויערן" אָדער „א הויכער ייִד, א גלײַכער, א טרו־קענער, אָנגעטון אין א לאנגער, הארטער, בלעכענער באקידקע, א בלעכענער פּאָנעם, א בלעכענע באָרד, און אפילע א קאָל אויך פון בלעך — א בלעכן קאָל" („מע הוליעט") א. א. וו.

אפ כאַראַקטעריזירנ די פערזאָנ דינט אויכ אַלע מאָל די קאָמוניקאַטיור־שפּראַכלעכע רייד־פאָרמ — מאָנאָלאָג, דיאַלאָג, בריוו 1), רייד, וואָס באַצייכענענ א באַשטימטע סאָציאַל־קלאַסעווע גרופּע א. א.

באַשרײַבונג פונ אומגעבונג אונ נאַטור, פונ פּערסאָנאַזש קענענ האָבנ אַנ אָרט אַלס זאַכ פאַר זיכ אונ נאָכ מער — אינ דער שילערישער נאָוועלע. אַזאַ אַרבעט קומט זעלבשטענדיק אָדער זי דרינגט אַרויס פונ דעמ ליטעראַטור־לימעד. מיר האַלטנ ניט אַמאָל פאַר איבעריק די ספּעציעלע אַרבעטנ „לויט אַכטגעבונג", וואָס סע דערציילט אונדז פונ זיי דער לערער טאַראַסאָוו (אינ יאָרדאַנסקיס א זאַמלונג וועגנ אופזאַצ). טאַראַסאָוו פלעג פירנ מיט די קינדער אַכטגעבונגענ־אופזאַצנ, פלעג גיינ מיט זיי אינ וואַלד אַרײַנ, אַשטייגער, אפ אָנצושרײַבנ אַנ אופזאַצ „ווינטער אינ וואַלד". מיט די בלײַערס אינ די הענט האָבנ די שילערס פאַרצייכנט די צונויפגעשטעלטע פּראָזעס, באַטראַכט ווי אַזוי בעסער אונ שענער צו באַשרײַבנ אונ פאַרשרײַבנ. דערנאָכ איז מענ אַריבער צו אַכטגעבנ אפ מענטשנ. פאַרגעבנ צו אָנשרײַבנ די כאַראַקטעריסטיק פונ פאָטער, מוטער, פונ אוועלכנ ס'איז פויער פונ דאָרפ. מע האָט באַדאַרפט זיכ צוקוקנ צו זייער אויסזעונ, אָנטונ, מאַנירנ, געוווינהײַטנ, אַרט רעדנ אונ האַלטנ זיכ א. א. טכילעס פלעג מענ נעמענ עמעצנ פונ די נאָענטע, וואָס איז גוט באַקאַנט געווענ די קינדער. באַשריבנ איינעמ, אויסגעבעסערט אונ אָפּגעקליבנ די פּאָרגעלייגטע פּראָזעס. אַז סע פלעג אַרויס געלונגענע אונ ריכטיק „האָבנ די קינדער געלאַכט פונ פאַרגעניגנ, ס'האָט זיי אונטערגעגעבנ כיישעק נאָכ אונ נאָכ צו שאַפנ; אונ איכ האָב דאָס אויסגענוצט אפ נאָכאַמאָל צו אונטערשטרײַכנ, אַז דערינענ באַשטייט טאַקע דער עצעמ אונ די פרייד פונ שאַפנ". מע פלעג דערנאָכ פאַרגלײַכנ דידאָזיקע אַכטגעבונגענ־אופזאַצנ מיט געהעריקע מוסטערנ פונ דער ליטעראַטור.

א פּאָר אויסצוגנ פונ געוויינלעכע קינדערשע אַרבעטנ.

ר ע ב ו ו ע ל ו ו ל 2)

„רעב וועלוול איז אַלט באַ די 50 יאָר. ער איז א נידעריקער, ניט דיק אונ ניט דאַר.

זײַנ שוואַרצ פּאָנעמ, ווי באַ א ציגײַנער, איז אינגאַנצנ פאַרוואָקסנ. באַלד דערזעט מענ אינ זײַנע ברייט־אופגעעפנטע, שוואַרצע אויגנ זײַנ קאַס.

זײַנ קליידונג איז פונ שוואַרצנ קאָליר. א גליק טאַקע וואָס שוואַרצ, ניט ליכטיק, זעט מענ ניט אָנ אַזוי דעמ שמוצ.

רעב וועלוול איז זייער רײַכ מיט ווערטער. אַז ער רעדט, איז ניט גערעדט, נאָר געשאָטנ. לייענענ, שרײַבנ — קיינ וואָרט ניט.

רעב וועלוול איז איינער פונ די, וואָס זײַנענ קעגנ דער ראַטנמאַכט.

— די שוועצקע וולאַשט איז ניט קיינ וולאַשט. זשי לאָשט ניט לעבנ. איבער דער וולאַשט בינ איכ אַלט, אָפּגעדרישנ, אָפּגעשלישנ, שוואַרצ. פאַרברענט זשאָל זשי ווערנ. — — —"

„א הויכער, א ברייטבײנערדיקער יונגאַטש, איר טוט א קוק אפ אימ, קענט איר באַלד דערזענ א פּאָר גרויסע וואָנציס, וואָס פאַרדעקנ די אייבערשטע ליפּ. א גרויסע, לאַנגע נאָז, וואָס טאָמיד איז זי נאַס. א פּאָר כיטרע אויגנ, וואָס ווינקענ צו א קוינע. א מויל א געמבע. זייער אָפּט גענעצט ער.

---

1) דערמיט איז פול אונ פול די אַלטע ווי די נײַע ליטעראַטור.

2) 7-טע גרופּע אָדעסער 15־טע שול.

ער זיצט בא דער סטויקע און רופט דאָס דינסטמיידל (וואָס רעדט נאָר דײַטש): „פראַנטשיסקאַ, ערלאַנגע מיר די טעע". פראַנציסקא באַווײַזט זיך מיט דער טיי און פרעגט: „וואס נאכ?" ענטפערט ער איר: מער ניכס", — —

— אָט נעמט ער ארויס פונ דער פאָלע א פלעשל בראָנפנ און גיסט ארײַנ. דאָס פּאָנעם באדעקט זיך מיט בלוט און ווערט רויטער פונ קארמאזינ 1) — —"

1

דראמאטישע פאָרם און שפיל־אינסצע־נירונג.

שפיל און דראמאטיזאציע־שפיל איז אנ אָנגעמאָסטענע פאָרם פונ ארבעט אינ שול. ס'איז אינ דער טעווע פונ קינד און סע העלפט שטארק מיט צו אנטפלעקנ און צו סטימולירנ די קינדערשע שעפערישע מעגלעכקײַטנ. דער וועג איז דאָ — פונ זעלב־

---

1) אגעפ שוינ — א פאָר געוויינלעכע אויסצוגנ בא דורכשניטלעכע פעדטעכניקומצעס (אפ מײַנער א טעמע: „כאראקטעריסטיק פונ א קינד".

„הייסנ הייסט זי סאָפע. די קינדער אינ הויפ רופנ זי סאָפקע. זעקס יאָר איז איר. א שלאַנק מיידעלע מיט נאקעטע בראָנדזענע שטײַפע פיסעלעכ, וואָס שטייענ קיינמאָל ניט אפ קיינ אָרט. די אויגנ די שווארצע ברענענ, באוועגנ זיכ, טאנצנ, און עס דאכט זיכ, אז אינ זיי טאנצט נאָכ א מיידעלע סאָפע. דאָס שטאָלצע קעפעלע טראָגט אפ זיכ א גרויסנ פראָפעלער־באַנט, וואָס איז שטענדיק גרייט אוועקטראָגנ סאָפקענ אינ־דערלופטנ. א קליינ רויט פיסקעלע איז האלב אָפנ אפ ארויסצובערענגענ כוצפעדיקע ווערטער, און זאָל ווער עס איז פרווונ א ריר טונ סאָפענ, דאנ פלעכטנ זיכ ארײַנ בראָנדזענע הענטעלעכ אינ האָר, אינ לײַב, און קיינ גאנצער וועט שוינ פונ אירע הענט קיינער ניט ארויס.

סאָפע זיצט קיינמאָל ניט אפ קיינ אָרט.

נאָר אָט האָט איר די מאמע געקויפט א נײַ ביכל מיט שיינע בילדלעכ. עס הייבנ אָנ ווערנ נײַגיריק די ברענענדיקע אייגלעכ. סאָפע שווײַגט און הערט, הערט די מײַסעלעכ. און אינ א רעגע ארומ טוט סאָפע א שפרונג: „Сарка, пой". און די שלאנקע פיסלעכ גייענ א טאנצ".

„א יאטל פונ צוויי יאָר. מיט דער האנט דערלאנגט ער דעמ טיש. דאָס קײַלעכדיקס קעפל איז באַדעקט מיט א טשאָפרענע בלאָנדע האָר. פונ אונטער דעמ שטערנ קוקנ ארויס א פאָר גרויסע בלויע אויגנ. א קליינ שפיצעכיק פאריסנ נעזל. ליפעלעכ רויטע ווי ווײַנשל. פונ דעמ שפעלטעלע גלאנצנ ארויס ווײַסע ציינדלעכ, ווי פערל.

ער פלאפלט אפ זײַנ קינדער־לאָשנ:

— שטי פאָשאָל פאטינע.

ס'הייסט, „צי גייסט אפ א פארזאמלונג". אזוי ווענדעט ער זיכ צו דער מוטער, וואָס גייט אוועק, און לאָזט זיכ לויפנ איבערנ הויפ.

באלד וואקסט אויס אינ זײַנע הענט א שטעקל. ער צילעוועט זיכ דערמיט אינ די קינדער, קלאפט דערמיט אינ דער ערד, טופעט מיט די פיס און זינגט: „ל־א־ז, ד־ור־א..."

א ווײַסע קאצ מיט שווארצע פלעקנ ליגט אפנ גראָז, ווארעמט אירע אלטע ביינער, ציט זיכ און מיוקעט. דאָס יאטל קענ עס ניט פארלײַדנ. די באָרוועסע פוכקע פיסלעכ פאטשנ איבער דעמ גרינעמ גראָז. צו דער קאצ צו. פונ זײַנע קוויטשערײַענ „הא־הא, הא־הא, פאָמאל" שרעקנ זיכ די קאטשקעס, וואָס, טרינקענ וואסער לעמ דער קאמער, הייבנ אופ א געפילדער און פאטשנ מיט די פליגל.

ניט דערגרייכט דעמ ציל, לויפט ער צומ גאָרטנ, ווו סע וואקסנ שמעקנדיקע בלומענ. די קינדער פונ הויפ שפירנ אימ נאָכ. זיי ווייסנ, אז מאריקאָ וועט ארויס פונ שטוב, וועט זי אפ דעמ קליינעמ שרײַענ. דאָס יאטל שרעקט זיכ ניט, שטעלט זיכ אקעגנ:

— הא־הא, פאפא מענע סאמ קופעט, טעבע פאהאנא...

און דערהײַל רוקט ער זיכ צו צו די קווייטנ, צופט אראָפ א רויטע רויז און ניטאָ מײַנער, אוועק... פארשוויצט, פארסאפעט לויפט ער אינ שטוב ארײַנ און בעט: „מאָקאָ, דוניע, מאָקאָ"...

רײַבט די אייגעלעכ, — א סיגנאל אפ שלאָפנ. ער גיט א געשמאקנ גענעצ און בעט זיכ: „פאטי".

שטענדיקער קינדערשער שפּיל צו אָרגאַניזירטער שפּיל, צו אימפּראָוויזאַציע און צו אייגענע סצענאַרי און פּיעסקע.

שפּילן, פאָרשטעלן, שילדערן וואָס עס איז און ווען עס איז אין לעבעדיקער באַוועגונג, איז ווי מאָלן, בויען, זינגען, מײַסטרעווען א נאַטירלעכער ארט קינדערשע זעלבסטעטיקײַט און לוסט — א „דראַמאַטישער אינסטינקט", וואָס מוז אן אויסגאַנג האָבן און באַפרוכפּערט ווערן. דאָס קינד זעט און הערט און שפּירט דעם ארום, אָפּטמאָל באַזונדערס שאַרף און דאָרשטיק שטרעבט ער די ערשטע און די יונגע אָרי̇ענטיר־יאָרן פון קינדערשן „זײַן" זיך קלאָר מאַכן אָנשוילעך די שײַכעס צווישן זאַך און זאַך, דערשײַנונג און דערשײַנונג, — שפּילט ער זיך און שפּילט, און יעדער שפּיל קימאַט איז דאָ אריי „סאָצי̇אַלע עטיודן פון אָרי̇ענטיר־כאַראַקטער".

ס'איז אן אָרגאַנישער קינדערשער „כאַלאַס", וואָס האָט אפילע אין אונדזער פאַרצײַטישער פאַרדומפּענער דערצי̇ונג־אַטמאָספער זײַן אייגנאַרטיקן י̇ידיש־קי̇נדערישן „טיקן" געפונען:

„איך נעם איבער א זאַך זייער גיך. אַז איך זע א מענטשן איין מאָל, מאַך איך אים נאָך מיט אַלע פּישטשעווקעס. איך האָב אַנומלטן נאָכגעמאַכט אונדזער כאַוער פּיני, ווי ער גייט מיט א טענצל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשן, האָט זיך מײַן שווענערן בראָכע געהאַלטן בא די זײַטן, און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהויבן וויינען פאַר געלעכטער..."[1]. „באַם גאַנצן הויזגעזינד כאַי̇מס, ווי איך בא פרעמדע אַרײַנגייערס צו אים אין שטוב, איז שלוימעלע געווען זייער באַליבט פאַר זײַן לעבעדיקײַט, פאַר זײַנע פאַלן אַמאָל אָפּ קלאָץ־קאַשעס, און נאָך מער — פאַר זײַנע אָנשטעלן. ס'איז אים געלעגן בעטעווע עפּעס אַזוינס אויפצוכאַפּן באַלד באַם ערשטן בליק יענעמס א מינע, א וואָרט, וואָס עפּעס נישט אַזוי, מעשונע ווי בא אַנדערע. ער פלעגן וווּנדער־שיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פאָסטעמקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי אַז מע פלעג זיך חאַלטן בא די זײַטן פאַר געלעכטער, זעענדיק און הערנדיק אים. באַזונדערס ליב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכן גיטל די זאָגערן, ווי זי קושט די מעזוזע באַם אַרײַנקומען אין שטוב, אָנגעטון אין דער יופּע אָפּ איין אַרבל, ווי זי פאַרציט די ליפּעלעך, זאָגט: „א גאָט העלפ" מיט כיין, ווי זי גיט א בייג דעם רוקן, ווי א קעצעלע, אַזוי אַז איין אַקסל קומט אויס נידעריקער, דער אַנדערער העכער, דאָס קעפּעלע אין דער זײַט, אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט און א פינגער אָפּ דער באַק, ווי זי קוייטשט דאָס פּענעמל, א סמאָרעמיטן נעזל, פאַרגלאָצט די אייגעלעך און רעדט מיט טכינע־לאָשן „געלויבט און געאַכפּערט דער אַלמעכטיקער „ברוך הו וברוך שמו" וואָס באַשירעמט זײַן פאָלק יי̇סראָעל!", אַרײַנוואַרפנדיק אינדערמיט שטיקלעך פון נאַכלאַס־צווי און ראַבייגו־בעכיי..."[2].

אויך אין פאַרצײַטישן לעבן פלעגן די קינדער „אָפּשפּילן" מאָדנע סצענקעס, „פאָרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן", שפּײַזנדיק דעם נאַטירלעכן „דראַמאַטישן אינסטינקט" מיט די אומנאַטירלעכע און ניטגעשטויגענע „מעכירעס־יאָסעפ", „יעצי̇עס־מי̇צראַי̇ם", „עסער מאַקעס", „מוישע ראַביינו מיט די לוכעס" און אינטערפּרעטירנדיק אייגנאַרטיק־סצעניש מיט שעפערישער קינדערשער פאַנטאַזיע, וואָס געזען און וואָס זיך אָנגעהערט.

די אַלטע שול האָט מייסטנס פאַרווענדעט גרייטן מאַטעריאַל, וואָס איז אין א היפּשער מאָס לויט זײַן עצעם ניט גאָר ווײַט אַוועק פון די אַלט־כיידערישע

---

1) ש. א. „מאָטל פּייסיס".

2) מענדעלע מ"ס. „שלוימע ר' כאַי̇מס".

„לוכעס״ און „עסער מאקעס״־פאָרשטעלונגען. די אויסערפארבאנדישע ייִדישע (ווי בית־ייִדישע) שול שפּײַזט נאָך אדײַעם די קינדערשע דראמאטישע נייגונגען דער־היפּט מיט „שרעטעלעך״־פאָרשטעלונגען און מיט דעם גאנצנ׳ נאציאָנאליסטיש־פאר־פרומטן רעפּערטואר, וואָס שטימט דאָרט מיט דער ג א נ צ ע ר שול־ארבעט [2]. מיר שאפן איצט נײַע פאָרמעס פון קינסטלעריש־רעוואָליוציאָנערער דערציִונג, ציִען מיר זיך אויך צו פריש־דראמאטישן וואָרטשטאָף, איז אונדזער קינדער־שפּיל און קינדער־אינסצענירונג קוידעמקאָל פון צאפּלדיק־פּיאָנערישער „זײַגרייטקײַט״, פון לעבעדיקער א ר ב ע ט־טעמע.

2

מיר ווייסן דעם גרויסן ווערט פון עכטן ליטעראטור־וואָרט אין שול. מיר ווייסן אָבער אויך די וויכטיקײַט פון אייגענער קינדערשער איניציאַטיוו און טעטיקײַט אין דעם פראט, און נאָך בא דראמאטיש־אופגעפאסטן וואָרט. די קינדער איז גרינגער ארויסצובאווײַזן זיך אין באוועגונג און דורך לעבעדיקער האנדלונג קומען צום וואָרט. האלטן מיר, אז שפּיל און דראמאטיזאציע בא דער א ר ב ע ט און א ל ס מ ע ט אָ ד פ ו ן א ר ב ע ט מיינט צוערשט סצעניש־רעאליזירטע ק י נ ד ע ר י ש ע דינאמישקײַט און אימיטירנדיקע אכטגעבונג און שפּירונג, מעג אפילע דער טעקסט און סיוזשעט נאָך זײַן פרימיטיוו און אָן געהעריקער פארגאנצטקײַט. דער דראמאטישער מעטאָד דארף צוגוצ קומען אפ נאָכאמאָל דורכטראכטן, רעפּראָדוצירן לעבעדיק דאָס דורכגעארבעטע אין וואָרט (און שוין מעמיילע אין זשעסט, מימיק, פּאָזע, גרופּירונג). ס׳איז אן אויסגעצייכנט מיטל אפ שטויסן דאָס קינדערישע וואָרט, אפ מיטווירקן דעם געדאנקען־אויסלייג אין ד ר א מ א ט י ז י ר ט ן ק י נ ד ע ר י ש ן א ו פ ז א צ, מ י נ ד ל ע כ ן ו ו י ש ר י פ ט ל ע כ ן.

1. א י מ פּ ר אָ ו ו י ז א צ י ע. דער טעקסט—פרײַ. די קינדער אָפּערירן דאָ מיט אייגענעם וואָרט, כוש, שטימונג, מעג די אופגעבונג זײַן א גרייטע. אזוינע אופזאצן־אופגעבונגען קומען פאָר מינדלעך, שריפטלעך (דאָס מינדלעכע וואָרט קאָריגירט מען קאָלעקטיוו און מע שרײַבט עס דערנאָך אופ). מירן נעמען א פּאָר בײַשפּילן פון פּראקטיק.

ד ר ײַ ש ו ס ט ע ר ס ב א ג ע ג ע נ ע ן ז י ך (צווייטע גרופּע) ס׳איז אנומלט געווען נאָכן באריכט פון די רינגען וועגן קוסטארן און קוסטארן־ארטעל. אויך נאָך א קאָלעקטיוון אופזאצ וועגן פאָרצוג פון דער לאגע פון אן ארטעל־ארבעטער אין פארגלײַך מיט א קוסטאר־יאָכיד. מע האָט שוין אויך עטוואָס געלייענט אפ דער טעמע. דורכגעפירט

1) „אין דער נײַ באארבעטער פּראָגראם 1929 פון ייִדיש־לימעד... געפינען מיר שוין פארן ערשטן קלאס שמועסן: שאבעס, געסט קומען, די מאמע באקט כאלע; ערעוו פּייסעך, דער טאטע האָט געקריגן ארבעט, פּייסעך, סוקעס, קאשטאנעס א. א. וו. אין די עלטערע קלאסן ווערט, פארשטייט זיך, דער יאָנטעוו־„קאָנצענטער״ פארגרעסערט. עס קומען צו די יאָנטויווים — כאנעקע, פורים, לעגבוימער, וואָס מע פּײַערט מיט שול־פארווײַלונגען, דעקלאמאציעס און אינסצענירונגען... די ווילנער ייִדישע שולן פּײַערן עפּנטלעך לעגבוימער מיט ניט קיין קלענערער פּאָמפּע ווי די העברעיִשע בעסופים־אוווימכוילעס: מיט שול־צוגן אין די גאסן, מיט אָרקעסטערס און טעאטער־פאָרשטעלונגען״ (א. פינטשוק. סאכאקל פון דעם ייִדישיסטיש־קלײַנבירגערלעכן שולוועזן אין פוילן. ראטנבילדונג 9, 1929).

אַזאַ שמועס: „ס'האָבנ זיכ באַגעגנט אינ גאַס דרײַ שוסטער־קוסטאַרנ, וואָס האָבנ זיכ שוינ אַ לאַנגע צײַט ניט געזעענ איינס מיטנ אַנדערנ. וואָס מיינט איר, וועגנ וואָס, אַשטייגער, האָבנ זיי אָנגעהויבנ רעדנ צווישנ זיכ?"

אײַנגעאָרדנט אַנ אינסצעניראונג. דרײַ לעבעדיקע יאַטלעכ — זיי דאַרפנ עס פאָר־שטעלנ די שוסטערס אונ זייער שמועס. די קינדער גייענ אַרויס אַפנ מיטנ קלאַס, רעדנ מיט אַנטשפּרעכיקער שטימ אונ טאָנ, זשעסטיקולירנ.

— גוט מאָרגנ, כאַווער!

— גוט מאָרגנ, גוט יאָר, וואָס מאַכסטו עפּעס?

— ניט אינ בעסטנ.

— וואָסי?

— ניטאָ קיינ באַשטעלער. אָנגעאַרבעט שוכוואַרג, פאַרקויפנ ניטאָ וועמענ. געטראָגנ אַפנ מאַרק, געפּרוּווירנ אַ גאַנצנ טאָג, קאַמ אַ פּאָר פאַרקויפט. אונ בײַ דיר וואָס הערט זיכ?

— בײַ מיר איז אַנ אַנדער צאָרע, באַשטעלערס גראָד פאַראַנ, איז קיינ סכוירע ניטאָ. די גאַנצע שטאָט אויסגעלאָפנ, — ניטאָ קיינ לעדער, ניטאָ מיט וואָס צו נייענ. נו, אונ דו וואָס טוסט?

— אויכ ניט גוט. קאַלי געוואָרנ דאָס גאַנצע געצײַג, די מעסערס טעמפּ, די נאָדלענ טויגנ ניט, קיינ געלט אַפּ קויפנ נײַע איז אויכ ניטאָ.

— איז אָט וואָס, כאַווײרימ, לאָמיר זיכ צונויפנעמענ, מאַכנ אַנ אַרטעל אונ העלפנ איינער דעמ אַנ־דערנ — וועט זײַנ רעכט!

— רעכט!

— געמאַכט!

אונ אַזוי אַ צווייט בילדל — „בײַמ שנײַדער", אַ דריט בילדל — „בײַמ שלאָסער". בײַ אינסצעניר דעמ אופזאַצ „בײַ דער נייטערנ" האָבנ די קינדער געוואָלט שאַפנ די געהעריקע אַרומשטעלונג[1]. די נייטערנ האָט זיכ געזעצט אַפנ שטול. פאַר איר — נאָכ אַ שטול אונ אַ קעסטל־דערופּ — די ניימאַשינ. דאָס קינד — די נייטערנ דרייט געשמאַק דאָס געדאַכטע הענטל פונ מאַשינ מיט דער רעכטער האַנט, אונ מיט דער לינקער פאַריכט זי ערנסט דאָס געניי, וואָס האָט געזאָלט זײַנ אַ נאָזטיכעלע. עטוואָס ווײַטער שטייט די העלפּערנ אינ לאַדעט אַ קלייד אַפנ מאַנעקענ (אַ צווייט קינד). אַ קלאַפּ אינ טיר. — אַרײַנ! — זאָגט די נייטערנ אונ גייט אַנטקעגנ — אַ באַשטעלערנ. מע גריסט זיכ. ס'קומט פאָר אַ לעבעדיקער שמועס מעקויעכ אַ באַשטעלונג. די באַשטע־לערנ פאָדערט אַסאַכ זאַכנ אונ וויל סע זאָל קאָסטנ וועלוועלער, די נייטערנ גיט נאָכ, וויל ניט אַרויסלאָזנ קיינ אַרבעט. די נייטערנ נעמט אַראָפּ אַ מאָס, די העלפּערנ פאַרצייכנט.

אינ פּאָסט (דריטע גרופּע). ס'איז אָ שלוס פונ אַ „פּלענומ" בײַ דער טעמע „פאַרקער אונ פאַרבינדונג־מיטלענ"[2]. „צו דער אַרבעט האָבנ מיר ניט געהאַט קיינ

1) אַזוינע שפּילנ אונ שפּיל־אימפּראָוויזאַציעס קומענ ביקלאַל פאָר, דערהויפּט אַפּ דער ייִנגערער שטופּע, אינ קלאַס, אַפּ דער נאַטור, אָנ אַ סצענע, אָנ אַ עסטראַדע, אָנ ספּעציעלער „סצענישער" אַרומ־שטעלונג. ס'איז אָבער טיילמאָל געווונטשנ עס צו האָבנ, — ס'געפעלט די קינדער אונ ס'גיט אַנ עכטע אילויזיע פונ דעמ, וואָס זיי שטעלנ פאָר. עס נוצנ דערצו, פאַרשטייט זיכ, גאַנצ איינפאַכע זאַכנ — טישנ, פּאַרטעס, בענקלעכ, טאָוול אונ אַנדער שול־אינווענטאַר, אויכ אַליינגעמאַכטע זאַכנ פונ האָלצ, קאַרטאָנ, וואָס באַצייכענענ נאָר אוואָסער־ניט־איז כאַראַקטעריסטישנ פּראַט.

2) ש. ראָזינ אונ וו. שאַצ. פּראַקטיק פונ פּרווו־שול. מינסק, 1928.

דיאלאָג פון ליטעראטור, פון אוועלכן עס איז קינסטלערישן מאטעריאל. עפשער טאקע צוליב דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געדארפט האָבן דעם מאקסימום איניציאטיוו פון די קינדער, האָבן זיי טאקע דאָ ארויסגעוויזן א שטארקן קויעך צו אימפּראָוויזירן.

פאר אונדזערע אויגן איז דער קלאס פארוואנדלט געוואָרן אין א פּאָסט: אפ פארשיידענע טישלעך בא די ווענט האָבן זיך באוויזן קליינע פענצטערלעך, ארויסגעשניטן פון קארטאָן.

אפ די פענצטערלעך, וואָס זײַנען צוגעפעסטיקט צו די טישן מיט קנאָפּקעס, זײַנען אופגעקלעפּט פארשיידענע אופשריפטן: וואָס אין וועלכן פענצטערל פארקויפט זיך. דורך אָט־די קארטאָנענע פענצטערלעך קוקן ארויס „ערנסטע" קינדערשע פּענעמלעך, וואָס בעטן זיך מע זאָל זיי געבן עפּעס צו לייזן... אפן טישל פאר יעדן פארקויפער ליגן פארשיידענע סכוירעס: געשטעמפּלטע, צעריבענע מארקעס, פארשריבענע קארטלעך א. א. וו. דורך איין פענצטערל זעט מען א „פּאָסט־באאמטן", וואָס האלט די רעכטע האנט באם אויער און רעדט ארײַן, ניין, ער רעדט ניט, נאָר שרײַט ארײַן אין דער לינקער האנט... דאָס רעדט ער אין טעלעפאָן. צוויי קינדער קריגן זיך פאר די וואָגשאָלן, וואָס מע האָט געבראכט פון פיזישן קאבינעט אפ אָפּצוועגן די „בריוו", „פּעקעלעך", וואָס מע שיקט איבער דורך דער „פּאָסט". יעדערער וויל, אז די וואָגשאָלן זאָלן שטיין נאָר אין זײַן פענצטערל. אָט די גאנצע „אײַנאָרדענונג פון דער פּאָסט" פאלט ארײַן בלויז צו די רינגען, וואָס האָבן דערציילט אפן פלענום וועגן פּאָסט, טעלעגראף און טעלעפאָן. די איבעריקע קינדער זײַנען זיי מעקאבע... קינדער שטייען בא פארשיידענע פענצטערלעך, יעדערער מיט זײַן אייסעק: ווער עס שרײַבט אן אדרעס, ווער עס שיקט אָפּ א פּעקל, ווער עס קלינגט אין טעלעפאָן א. א. וו. יעדערער צאָלט אָפּ געלט (באָנעס, קופּאָנעס א. א.), באקומט וואָס ער האָט געבעטן און גייט אוועק פון פענצטערל א צופרידענער. דערבײַ מאכט ער אן ערנסטן פּאָנעם און אײַלט זיך קלוימערשט צו א צווייטן איניען... די כעווירע, וואָס זיצן אפ יענער זײַט טישל און קוקן ארויס דורך די פענצטערלעך, האָבן פארגעסן, אז ס'איז ניט מער ווי א שפּיל... זיי זײַנען געוואָרן אפ דער מינוט שטרענגע באאמטע אין דער־יענער „פּאָסט־אָפּטיילונג". די גאנצע שפּיל האָט געדויערט א מינוט 20. ניט נאָר די קינדער, נאָר אפילע די לערער האָבן מינוטנווײַז פארגעסן, אז מע שפּילט זיך אין אזא מין שפּיל...".

וו. סצענארי. דעם סצענארי שטעלן אופ די קינדער. דער טעקסט, ווי געזאָגט, וועט דאָ ניט שטענדיק זײַן פון גרויסן קינסטלערישן ווערט, נאָר דאָס וועט אלע מאָל קאָמפּאָנסירט ווערן דערמיט, וואָס די גאנצע זאך ווערט אופגעשטעלט זעלבשטענדיק און פארגאנצט דורך שפּיל, באוועגונג, עמאָציעס.

דורך ארבעט אפ סצענארי וועלן די קינדער זיך געוווינען צו דיאלאָגישער און דראמאטישער פאָרם אין אייגענעם אופזאצ, צו דער סצעניש־דראמאטורגישער סטרוקטור פון א גרייט ווערק. די ארבעט אפ סצענארי גיט מען אופ א גרופּע קינדער, א בריגאדע באם באארבעטן א געוויסע טעמע. די קינדער שטעלן אופ דעם סצענארי לויט די אייגענע אכטגעבונגען, לויט מאטעריאלן (בוך, דאָקומענטן, דערציילונגען א. א.).

מע האָט אנומלט געאַרבעט אף דער טעמע „אָנטונ" (2־טע גרופּע). איינ רינג האָט געהאַט אף זיכ 6 אופגעבונגען, וואָס זײַנען באַשטאַנענע אינ דעם, אז די קינדער זאָלנ זיכ דערוויסנ און זיכ באַקענען, וויאַזוי מע מאַכט קאַלאָשנ (דערפרעגנ זיכ, לייענען אף דער טעמע). די לעצטע, די 6־טע אַרבעט איז געווען צו שאַפנ א סצענאַרי אף דער פאָרגעגעבענער טעמע (באַם אויספילנ די 5 אַרבעטנ האָבנ די קינדער זיכ שוינ געהאַט באַקענט מיטנ פּראָצעס פונ אויסאַרבעטנ קאַלאָשנ). די פּיעסקע האָט מענ אופגעפירט נאָכ אַלע באַריכטנ פונ די רינגען.

אליאָשעס קאַלאָשנ

ערשטער אַקט

אליאָשע און די מאַמע זיצנ אינ צימער. אליאָשע לייענט, די מאַמע נייט.

אליאָשע. מאַמע, קויפ מיר נײַע קאַלאָשנ, מײַנע קאַלאָשנ זײַנען שוינ הוילע לעכער. בּאַלד צוקילנ די פיס, קראַנק ווערנ.

מאַמע. ס'איז נאָכ דערווײַל נישקאָשע אינ די אַלטע קאַלאָשנ. ווו נעמט מענ געלט אף נײַע? אז דער טאַטע וועט באַקומען געהאַלט, וועל איכ דיר קויפנ נײַע קאַלאָשנ.

אליאָשע. ס'ט קויפנ? ווענ ס'טו קויפנ? מע קענ ניט אַרויסגיינ...

מאַמע. וווהינ איז אצינד דער גאַנג? נאַכט שוינ... צײַט שלאָפנ.

(אליאָשע לייגט זיכ, די מוטער גייט אַרויס. אליאָשע כאַלעמט זיכ)

אַלטער קאַלאָש (קומט צו צו אליאָשען). אליאָשע, זעצ זיכ אף מיר, מירנ אוועק קיינ אַמעריקע וועלנ מיר דאָרטנ קריגנ נײַע קאַלאָשנ.

אליאָשע. גוט, כ'זעצ זיכ!

(אליאָשע זעצט זיכ אף דעם קאַלאָש און פאָרט אוועק — הינטערנ כאָוול).

צווייטער אַקט

די „דעקאָראַציע" בײַט זיכ גלײַכ. לעבנ טאָוול שטעלט מענ אוועק דרײַ שטולנ. אף די שטולנ שטעלנ זיכ אויס 4 קינדער פונ פאַרשיידענעמ וווקס. זיי הייבנ אופ די הענט אַרופצו. דאָס איז קויטשוק־ביימער, די הענט—צווײַגנ. די צווײַגנ באַוועגנ זיכ לײַכט. לעבנ די ביימער—א אינדישע פאַמיליע: פרוי, זונ, פאָטער. דער זונ שפּילט אף אנ אלייג־געמאַכטנ דודעלע. דער פאָטער בויערט א לעכל אינ בוים. איינ לעכל איז שוינ דורכגע־בויערט. פליסט דערפונ זאַפט אינ אנ אונטערגעשטעלטנ עמער. אליאָשע פאָרט צו ריַיטנדיק אפנ קאַלאָש.

אליאָשע. גוט מאָרגנ!

אינדיאַנער. גוט מאָרגנ, גוט יאָר! ווער זענט איר און פונוואַנענ קומט איר?

אליאָשע. פונ פ. ס. ס. ר. זײַנען מיר געקומענ אהער.

זונ. צוליב וואָס־זשע?

אליאָשע. מע זאָגט, אז פונ די ביימער וואַקסנ בא אײַכ קאַלאָשנ. די מאַמע קויפט מיר ניט קיינ נײַע קאַלאָשנ, וויל איכ דאָ בא אײַכ אָפּרײַסנ!

אינדיאַנער. וואַקסנ וואַקסנ זיי ניט. פאַראַנ ביימער אזוינע, קויטשוק־ביימער. אָט שטייענ זיי. בויערנ מיר אויס א לאָכ אינ בוים,— פליסט זאַפט אינ עמער אַרײַנ. די ווײַב מײַנע נעמט דעמ זאַפט און גיסט אימ אויס אף הייסע סקאָוואָראָדעס, די וואַסער גייט אָפּ, באַקומט זיכ א גומי־פּלעצל. ווילסט, קענ איכ דיר געבנ א פּלעצעלע?!

אליאָשע (באַליידיקט). אף וואָס דאַרפ איכ פּלעצעלעכ, די מאַמע קענ מיר אינדערהיימ אויכ אָפּ־באַקנ אזוינס.

אינדזאנער. נעמ, ס'וועט דיר צונוצ קומענ!
אינדזאנערנ. נעמ אונ דאָרטנ אינדערהיימ וועט מענ פונ די פלעצלעכ מאכנ קאלאָשנ.
אליאָשע. א דאנק. כ'פאָר איצט אהיימ. זײַט געזונט! (פאָרט אָפּ).

דריטער אקט

אָפּטייל פונ פאבריק „רויטער קויטשוק". לעבנ טאָוול—צוויי שטולנ, איינער אפנ אנדערנ. דאָס איז א קעסל. אנ ארבעטער קאָכט גומי. פונ הינטערנ טאָוול פאָרט ארויס אליאָשע אפ דעמ קאלאָש רײַטנדיק.

אליאָשע. גוט מאָרגנ!

ארבעטער. גוט יאָר! יאטל, פונוואנענ ביסטו אונ וויאזוי הייסטו?

אליאָשע. כ'קומ אָנ פונ אמעריקע. מע רופט מיכ אליאָשע. כ'וויל זאָלסט מיר מאכנ נײַע קאלאָשנ.

ארבעטער. אליאָשע־קאלאָשע — ס'גראמט זיכ. פונ אמעריקע זאָגסטו? וואָס הערט זיכ עפּעס אינ אמעריקע?

אליאָשע. שטארק הייס דאָרטנ. קויטשוק־ביימער וואקסנ דאָרט. מע באקומט פונ זיי ארויס גומי. כ'האָב אָט די גומי געבראכט. דער אינדזאנער האָט מיר דאָס פלעצל געגעבנ. אונ אפנ זאוואָד מאכט מענ אויס פונ אָט די פלעצלעכ קאלאָשנ. איאָ?

ארבעטער. יאָ: אונ כ'האָב ניט געוווּסט, פונוואנענ סע נעמט זיכ. א דאנק וואָס דו האָסט דער־ציילט. וועל איכ דיר דערפאר מאכנ קאלאָשנ.

אליאָשע (דערפרייט). ס'ט מאכנ, יאָ? ווענ?

ארבעטער. קומ מאָרגנ צו פאָרנ. וועט פארטיק זײַנ.

אליאָשע. גוט, כ'וועל קומענ. זע־זשע! (פאָרט אוועק רײַטנדיק אפנ אלטנ קאלאָש).

פערטער אקט

דיזעלבע ארומשטעלונג. ארבעטער באמ קעסל. אליאָשע פאָרט ארײַנ.

אליאָשע. אָט בינ איכ דאָ. נו, פארטיק?

ארבעטער. געמאכט. נא דיר! (דערלאנגט נײַע קאלאָשנ).

אליאָשע. וויאזוי האָסטו עס געמאכט?

ארבעטער. אָט ווי אזוי. דעמ פלעצל דײַנעמ האָבנ מיר געקאָכט, דערנאָכ צעפלעצט, דערנאָכ צוגעשניטנ די קאלאָשנ, צוגעמאכט פארשיידענע טיילנ, מיט לאקיר באדעקט. בערגעלעכ זעסטו אפ דער פּאָדעשווע? וועסטו איצט ניט אומפאלנ! אוועקגעשטעלט א נומער, ס'זאָל זײַנ צו דער פוס. פאר־שטייסט? נא!

אליאָשע. א דאנק! איצט קענ מענ שוינ גיינ מיט די נײַע קאלאָשנ. זײַ געזונט! (פאָרט אָפּ).

פינפטער אקט

פרימאָרגנ. אליאָשע שלאָפט נאָכ. די מוטער איז געקומענ פונ גומי־טרעסט.

מוטער. נו, שטיי אופ, שטיי אופ, אליאָשע, שוינ געווענ אינ גומי־טרעסט אונ געבראכט דיר קא־לאָשנ. נא, טראָג געזונט!

אליאָשע (שטייט אופ, רײַבט די אויגנ). קאלאָשנ? כ'האָב דאָכ קאלאָשנ. געווענ אינ אמעריקע, געקריגנ דאָרטנ גומי, אונ דער ארבעטער האָט זיי מיר געמאכט.

מוטער. אינ אמעריקע? ס'איז נאָכ פרי פאר דיר צו פאָרנ קיינ אמעריקע. אונ דו שלאָפסט דאָכ גאָר די גאנצע צײַט. אונ דאָס האָב איכ דיר געבראכט פונ גומי־טרעסט. מעסט אָנ!

אליאָשע (אנטוישט). האָט זיכ עס מיר אלצ געכאָלעמט...

מוטער. נו, לאָמיר טרינקענ טיי, וועסטו דערנאָכ גיינ. די פיס וועסטו שוינ איצט ניט צוקילנ.

III. ד ר א מ א ט י ז א צ י ע־ד י ס ק אָ נ ט. דאָס אָקאָרשט געבראַכטע בילדל איז אויכ א דיסקאָנט־מאָמענט. מע פּראַקטיקירט אָבער אויכ א ס י ס ט ע ם פונ אזא דיסקאָנט ביקלאַל. אינ אייניקע בעסערע שולנ װענדעט מענ אָנ דראַמאַטיזאַציע אַלס מעטאָד פונ קאָלעקטיװנ דיסקאָנט,—א מינ דראַמאַטיזירטע באַריכט־אַרבעט. די פּראַקטיק װײַזט, אַז די גאַנצע אַרבעט (אויסער פאָרמעלע גענימקײַטנ — שרײַבנ, רעכענענ) לאָזט זיכ פרײַ דיסקאָנטירנ אַפ אזא אויפנ. ס'איז איבערהויפּט שײַעכ צו דער ייִנגערער שטופע.

מע דאַרפ אָנמערקנ אַזױנע מאָמענטנ:

1) דער דיסקאָנט קומט פאָר אַפ דורכגעאַרבעטנ מאַטעריאַל.

2) די דיסקאָנט־טעמע מערקנ אָנ די קינדער, אָפּטערס — דער לערער.

3) די ראָלנ שטעלנ אײַנ די קינדער, אָבער נאָר ערעװ דעם דיסקאָנט. דער לערער צעגיט די ראָלנ נאָר אינ טאָג פונ סאַכאַקל. אופשטעלנ דעם סצענאַרי (אָנמערקנ די ראָלנ, באַשטימענ דעם אינהאַלט) האָט גאָר־א װיכטיקנ לעבנ־אָרגאַניזירנדיקנ באַטײַט.

4) קײנע רעפּעטיציעס, קײנע פאָראַרבעטנ בא דער־יענער ראָל. ס'גײט דאָ אינ װיסנ, אינ מיטײלנ די באַקומענע ידיעס, ניט אינ דראַמאַטישער צוגעגרײטקײַט אונ דורכאַרבעטונג.

5) מיט דעם דראַמאַטיזאַציע־דיסקאָנט פירט דערהויפּט אָנ דער לערער: ער גיט װערטער, שטעלט אײַנ א פאַרבינדונג צװישנ באַזונדערע סצענקעס א. א. װ. מע קענ עס טײלװײַז איבערגעבנ א מער אַקטיװנ קינד.

אונ אָט זײַנענ אפאָר באַריכטנ פונ אזא מינ דראַמאַטיזאַציע־דיסקאָנט אינ אײנער אנ אָדעסער שול[1].

1. ש ט אָ ט   א ו נ   ד אָ ר פ (לויטנ באַריכט פונ דער אָנפירערנ מיט דער 3־טערגרופּע).

ע ר ש ט   ב י ל ד

פונ שטאָט פאָרנ אינ דאָרפ אַרײַנ אַפנ צונויפשלוס 3 אַרבעטער לעדערניקעס. מיט זײ — אנ אַגראָנאָם אונ א פויער פונ דער לאַנדװירטשאַפטלעכער קאָמונע, װאָס די אַרבעטער האָבנ זיכ מיט זײ געטראָפנ אַפנ װעג. די אַרבעטער טײלנ מיט דעם קוטשער (א פויער פונעם דאָרפ) װעגנ ציל פונ זײער נסיעה (שאַפנ א לייענשטיבל).

צ װ י י ט   ב י ל ד

דער „סכאָד” װאַרט אַפ די אָנגעקומענע אַרבעטער אונ אַגראָנאָם. מע זינגט אנ אַרבעטער־ליד. דער אָנגעקומענער אַגראָנאָם צעפרעגט זיכ װעגנ דער װירטשאַפט, פעלד־סיסטעם, לאַנדװירטשאַפטלעכע מאַשינעס, סעדערײַ, פיצוכט. באַזונדערע רינגעג ענטפערנ אַפ דידאַקטיקע פראַגעס לויט די אָפּטײלנ נאָכ. דער אַגראָנאָם רעדט װעגנ פאָרצוג פונ פינפ־פעלד, װעגנ פיצוכט אונ װיאַזוי אַרומגײנ אַרום באַלעכאַיִמ, װעגנ באַגיטיקונג. א פויער דערצײלט, װיאַזוי ס'איז אופגעקומענ די קאָמונע, װיאַזוי זײ האָבנ געװאָרפנ דרײַ־פעלד אונ אַריבער אַפ פילפעלד. אנ אַרבעטער דערצײלט, אַז ער איז געװענ אינ אויסלאַנד אונ האָט געזענ, װיאַזוי סע פירנ זײער װירטשאַפט די בעלגישע פויערימ (לויט דער דערצײלונג „צװײ דערפער אונ צװײ װירטשאַפטנ”). די פויערימ קלאָגנ זיכ, אַז סע לעבט זיכ זײ שװער, ס'קומט אויס צו פאַרנעמענ

1) פאַרעפנטלעכט אויך אינ Родной яз. в школе 1927, 5

זיך באַך מיט קוסטארערײַ: אויסארבעטן ליימענע געפּעס. אן ארבעטער צעפּרעגט זיך, צי העלפן די פּויערים איינס דאָס אנדערע. א פּויער טיילט מיט וועגן קאָמיטעט פון קעגנזײַטיקער הילף, וואָס זיי האָבן געשאפן.

אן ארבעטער טיילט מיט, אז זיי ווילן אָרגאניזירן אין דאָרף א ביבליאָטעק, א ליקפּונקט. א פּויער צעפּרעגט זיך וועגן הילף דער דאָרפישער שול. די ארבעטער זאָגן צו העלפן.

לעסאָף רעדט איינער וועגן דער נייטיקייט פון צונויפשלוס צווישן שטאָט און דאָרף. מע דעקלאמירט „סערפּ און האמער".

בעשאס דער האנדלונג און דעריקער בעשאס דער באהאנדלונג איז קלאָר געוואָרן, אז די קינדער פארמאָגן די נייטיקע ידיעס. די גאנצע ארבעט האָט פארנומען 5 שאָ: 2 אף פארטיילן די ראָלן, 1—אינסצענירונג, 2—אף באהאנדלען.

2. צוזאמענפאָר פון ראטן

אפן טאָגסיידער: נויטן און פעלערן פון פארשיידענע קאנטן פ. ס. ס. ר.

(אָפּרוף פון א שילער פון דער 4־טער גרופּע)

פון אונדזער טעמע או. ס. ס. ר. אין פארבינדונג מיט פ. ס. ס. ר. האָבן מיר דורכגעמאכט א סוב־טעמע: געאָגראפיע פון פ. ס. ס. ר. אף איבערעווידירן די דורכגעמאכטע אונטער־טעמע האָבן מיר באשלאָסן זי איבערכאזערן. אז דאָס איבערכאזערן זאָל זײַן לעבעדיק און אינטערעסאנט, האָבן מיר אופגעפירט אן אומגעריכטן ספּעקטאקל. מיר האָבן אָנגעשריבן א פּיעסע און געשטעלט זי טאקע באלד. מיר האָבן פאָרגעשטעלט אן אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר. מיר זײַנען געווען דעלעגאטן פון פארשיידענע ראיאָנען און שטעט. מיר האָבן צעשטעלט די פּארטעס אין האלבקרײַז, אויסגעוויילט א פּרעזידיום, און אונדזער צוזאמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן. די מיטגלידער פון צוזאמענפאָר האָבן נאָכאנאנד גערעדט וועגן די פעלערן און נויטן פון זייער קאנט לויט די געאָגראפישע באדינגונגען און האָבן אָנגעוויזן מיטלען, וויאזוי עס אויסצובעסערן. מיר האָבן דידאָזיקע פראגעס באהאנדלט און אָנגענומען באשלוסן. אונדזער אלפארבאנדישער צוזאמענפאָר איז אראָפּ זייער געלונגען און אינטערעסאנט, און דעריקער—מיר האָבן איבערגעכאזערט אלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעארבעט.

אופגעבונגען און טעמעס אף פרײַען אופזאץ און זײַנע באשטאנד־טיילן.

לויט דעם אויבן אָנגעוויזענעם לעגאבע פרײַען אופזאץ און זײַנע באשטאנד־טיילן וועלן מיר איצט ברענגען אייניקע מוסטער־טעמעס און אופגעבונגען.

א.

1) דערציילן, אופשרײַבן אן עפּיזאָד, צופאל פון זיך („וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפן אין . . . בא . . ."). מאכט קלאָר די טעמע, דיספּאָזיציע [1] (פּלאן־סכעמע).

---

1) א פּלאן פון אופזאץ דארף ביקלאל זײַן. מע וואַרפט דאָ אָן די גרונט־טיילן, דעם סיידער פון מאטעריאל. צום פּלאן קען שײַעך זײַן ספּעציעלער מאטעריאל, א ציטאט, פארנאָטירונג א. א., וואָס איז בעשאס „אינווענציע" (באַם פארטראכטן און אפריערדיקן גרייטן און אײַנשטעלן זיך) אופגעקומען ווי „רוי־מאטעריאל" און ווערט איצט, בעשאס דיספּאָזיציע (אויספלאַנירונג און פאָר־קאָמפּאָנירונג) באשטימט פאר דעם־יענעם טייל אופזאץ. פארשטייט זיך, אז ניט איינס און דאָסזעלביקע איז דער פּלאן בא א זאכלעכן אופזאץ, וואָס דעקט אוף די לאָגישע בעהאדראָגיקײַט, און בא א קינסטלערישן אופזאץ, וואָס מערקט אָן די געזעצמעסיקײַט פון בילד, פון סיטואציע. אין צווייטן פאל גייט ריישיסקאָל אין א פרײַערן אָריענטיר־פּלאן, וואָס קען אויך אָנוואקסן און ענדערן זיך באַם אויספאָרמירן און פארגאנצן דעם אופזאץ.

וואָסערע באשרײַבערישע, דיאַלאָגישע באשטאנד־טײלן זאָלן דאָ זײַן. אָנמערקן א געהעריקן אויסגאנג, אויסלאָז (קאדאנס). פאסט צו א קעפל.

2) א סרייפע. א געוויסער. א געוויטער.

שאפן א סכעמע־פּלאן אפ אזא מין טעמע מיט אן עפּיזאָד אָדער א פּאָר עפּיזאָדן. מערקט אָן א געהעריקן אײַנטריט־מאָמענט, שטײַגערונג און לייזונג.

3) עפּיזאָד פון בירגער־קריג (דאָסזעלבע),

4) אן אײַנגעלויף אין גאס. אומגליק־פּאַל בא א טראמוויי.

מיטיילן וועגן דעם פון פארשיידענע „שטאנדפונקטן": א) עס דערציילט אן אָנטיילנעמער, וואָס האָט ניט געליטן ב) א געליטענער ג) א צושויער.

5) פאנאנדערוויקלען די טעמעס: א) פון האנדל אפ ערד־ארבעט ב) פון קוסטארישן ווארשטאטל אין אַרטעל, אפ דער גרויסער פאבריק.

6) אונדזער שילערישע שלאָג־בריגאדע אין דאָרף (דאָסזעלבע אין שטאָט). וואָס מיר האָבן דאָרט געזען, באקעמפט און אופגעטון.

7) צונויפשטעלן א דערציילונג, אײַנשליסן זי אין פּייזאזש־ראַם, וואָס פאסט זיך צום אינהאַלט פון דער זאך לויט ענלעכקײַט אָדער קאָנטראסט.

8) פ ע ר ס פ ע ק ט י װ י ש ע דערציילונג. סע קען שײַעך זײַן צו פּראָדוצירישע טעמעס, צו סאָציאַל־געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגען. אין געוויסע טעמעס וועט זיך דאָס קינד אָפּוועגדן פון רעאלע סיטואציעס, וועט בײַטראָגן פון זײַן שעפערישער פאנטאזיע דאָס מ ע ג ל ע כ ע לויט דעם וואָס ס ע א י ז,— פאר הערשאַפט פון אונדזער קאמף, פאר דעם שוווּנג פון אונדזער בויונג איז אָנגעמאָסטן ניט בלויז דער שטרענג־רעאליסטישער נוסעך.

אונדזער דאָרף־קאָמונע אין א צײַט ארום.

אונדזער פאבריק אין א צײַט ארום.

מײַן אפאראט (א קינד מיט דערפינדערישע אייגנקײַטן טרוימט פון אן אפאראט, וואָס האָט א גרויסן טעכנישן באטײַט... שטעלט זיך אים פאָר, ווי זײַן אפאראט וועט שוין אָנגעווענדעט...).

וויאזוי איך שטעל זיך פאָר מײַן צוקונפט נאָכן ענדיקן די שול.

די רעאַל־צ ו ג ע ט ר א כ ט ע ש י ל ד ע ר ו נ ג קען מען גוט אָנווענדן בא קולטור־געשיכטלעכע, געאָגראפישע און אנדערע לויפיקע שול־טעמעס:

ווי איז די בריוו ניט אויסגעוועבן?

וואָס א טעלעגראַפ־סלופּ הודעט אויס.

אפן צאָפּן־פּאָל.

דאָס ערשטע פײַער (אפן שטייגער פון ד'ערווילס „פארהיסטאָריש יינגל").

ב.

1) באשרײַבן פון א באשטימטן פונקט א גאס, הינטער־גאס, פארק, טײַך, אן אנדער ווינקל אין שטאָט, דאָרף, שטעטל. איבערגעבן צוערשט דעם אלגעמיינעם

אײַנדרוק, די שטימונג, וואָס סע שאפט זיך, און לויט אָט דעם אָפּקלײַבן די ווײַטער־דיקע עלעמענטן פון דער באשרײַבונג און די געהעריקע שילדערונג־ווערטער (עפּי־טעט, פארגלײַכונג א. א.).

2) אפ דער אונטערנעמונג (בילדלעכע באשרײַבונג פון אויסזען, מאשינעס, ארבעט און ארבעטער־קאָלעקטיוו).

3) אין פרעזער־צעך, אין זאמלצעך, אין גוסצעך... (ארבעטער, ארבעט, מאשין; פארגלײַכן).

4) ערשטער ארויספאָר פון טראקטער, טראקטער־קאָלאָנע.

5) מע קלײַבט אין ראט (בילדלעך—באשרײַבונגען).

6) מע בויט א נײַ הויז (באשרײַבונג).

7) פּאָרטרעט און כאראקטעריסטיק פון אן ארבעטער, פויערש פון די שלאָגלער אין שול קינד.

8) פּאָרטרעט און כאראקטעריסטיק פון א באקאנטן ארבעטער (שמידער, פרע־זירער, גיסער א. א.), קאָלווירטניק, פּאָליט־טוער, קולטור־טוער.

9) די שלאָגלער פון זאוואָד.

10) דער „דרײַעק" אפ דער פאבריק (פּאָרטרעטן).

11) באשרײַבן אויסערלעכקײַט, אויסזען לויט געמעל (זע אין קאפיטל „אופזאצן לויט געמעל").

ג.

1) א י ן ו ו ע ג א ר ײַ ן. 1) אפן וואָקזאל (ס'קומען אָן פּאסאזשירן. טרעגער. לעבן קאסע. לעבן צײַטונג־קיאָסק). 2) אפן פעראָן (ווו איז דער צוג? קאָנדוקטער. לעבן באגאזש־וואגאָן). 3) אין וואגאָן (ווו איז אונדזער אָרט? צעזעצט זיך. מיר פאָרן? שכײנים. קאָנטראָל, אָן א בילעט...).

אופשטעלן שמועסן, דראמאטישע סצענקעס. אײַנטיילן די ראָלן און פּאָרשטעלן. דאָס בעסטערע פארשרײַבן.

2) אופשטעלן א דערציילונג, א בילדל, ווו ס'זאָל זײַן ברייט פארטראָטן די דיאלאָגישע פאָרם.

3) לויט ספעציעל־געזאמלטן מאטעריאל (און ספעציפישן ריידארט) אופשטעלן דיאלאָגן און שמועסן, וואָס ווײַזן די סאָציאל־שטייגערישע פיזיאָנאָמיע פון די רייד־דער (יונג און אלט, ארבעטער, פויער, קוסטאר... וועגן נײַעם דאָרף, אינדוסטריאליזאציע־האלוואָעס א. א.).

4) געזעלשאפטלעך־שטייגערישע סצענקעס (דיאלאָגיש געבויט): פּראָדוציר־בארא־טונג, ארבעטער־דיאלאָגן אפ פאבריק־טעמעס, זיצונג פון דאָרפראט, שול־פארזאמלונג, א שול־גרופּע באהאנדלט וויאזוי פארמעסטן זיך מיט א צווייטער שול א. א.

5) אופשטעלן א סצענארי צום „גערעטעניש־טאָג", „טאָג פון קאָאָפעראציע" א. א.

6) אופשטעלן א סצענארי, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם קאמף פון „אלט און נײַ", „יונג און אלט" א. א.

7) אמאָליקער מײַ (פּיעסקע): א) א פאַרזאמלונג אינ וואלד, ב) א רעדע פונ דער שווערער לאַגע פונ די ארבעטער אונ די ארבעטנדיקע, ג) אופרופ צום קאַמפ, ד) מע זינגט רעוואָליוציאָנערע לידער, ה) פּאָליציי. ארעסטנ.

8) דיאַלאָגנ, שמועסנ, לויט בילדער (זעט אינ קאַפּיטל „אופזאצנ לויט געמעל“).

ד.

טעמעס אפ ריטמ, גראמ, קלאַנגענמאָלערישקײַט. לידעלעכ אלס באַשטאַנד־טײלנ אינ די אויבנאָנגעמערקטע אופגעבונגענ. לידעלעכ אלס זעלבשטענדיקע שאַפונגענ: שאַפנ א לידעלע פונ ניימאשינ, פונ לאָקאָמאָטיוו, טראַקטער א. א. לידלעכ מיט נאָכמאַכ־ווערטער, וואָס שילדערנ דעמ קלאַנג פונ האַמער, מאָטאָר, וואלנ, קראַנענ א. א. („אפנ זאוואָד“), דעמ גערויש באַמ וואלד. ־האָבנ טוווע־שניט א. א.

V. וואַנטצײַטונג

דער שול־זשורנאַל, באַדינט איבערהויפּט די קעסיידערדיקע טאָגטעגלעכע לערנ־ארבעט. מע פאַרווענדט דאָ דעמ דורכגעארבעטנ מאַטעריאַל, מע קלײַבט אָפּ אונ מע סיסטעמאַטיזירט אהער דאָס וויכטיקערע, וואָס איז אופגעקומענ באַמ ארבעטנ אפ דעמ־יענעמ לערנ־אָפּשניט אינ גרופּע, אינ קרײַזל.

דער שול־זשורנאַל האָט ניט קיינ באַשטימטע שלאָגיקע טאָג־אופגאַבנ. דאָס טוט שוינ די וואַנטצײַטונג. די וואַנטצײַטונג איז דער אָרגאַנ פונ געזעלשאַפטלעכנ געדאַנק אינ שול, זי קומט צו רעגולירנ דאָס שטייגערלעבנ פונ די קינדער אינ שול אונ אויסער שול. ניט אלעמאָל, עמעס, זײַנענ אזוי אָפּגעגרענעצט די אופגאַבעס פונעמ שול־זשורנאַל, באַזונדערס דאָרטנ, ווו מע נעמט זיכ פאַר גרופּישער וואַנטצײַטונג,—אזוינע פּרוּווּנ טרעפנ מיר אינ א ריי שולנ, אָנגעהויבנ אפילע פונ די ערשטע גרופּעס: ערשטע ווערטער, פּראָזעס, פּרימיטיווע געמעלנ א. א.[1]).

די וואַנטצײַטונג איז א דערשײַנונג אנ אָקטיאַבערישע. זי קומט אופ איינעמ מיט פאַנאַנדערקלעפּנ אפ די ווענט די אָפיציעלע צײַטונגענ אונ ביולעטענענ, זי נעמט זיכ פונ די אָרטיקע געשריבענע צײַטונגענ אפ די ארבעטער־אונטערנעמונגענ, וואָס

---

[1]) אינ אייניקע אמעריקאַנישע שולנ פּראַקטיקירט מענ אזא ארט צײַטונג פאַר קלייַנוואַרג. דידאַזיקע צײַטונג דרוקט אָפּ אונ פאַרקויפט אנ עלטערע גרופּע (10־יאָריקע) פאַר די 7־יאָריקע וואָס לערנענ זיכ ערשט לייענענ אפ די ערשטע פּראָזעס. די צײַטונג איז צונויפגעשטעלט פונ פּרימיטיווע צוגענגלעכנ מאַטעריאַל, וואָס איז באַקענט די קלייַנינקע, אונ זיי לייענענ עס אלע כוידעש מיטנ גרעסטנ אינטערעס (די צײַטונג הענגט מענ ארויס כוידעשלעכ, פונ מאָל צו מאָל איז דער מאַטעריאַל אלצ מער קאָמפּליצירט). אָט איז אזא צײַטונג אפנ 1־טנ כוידעש איוורע־לערנענ:

— גוט מאָרגנ, מיידעלעכ.
— גוט מאָרגנ, יינגעלעכ.
— דאָ איז מערי?
— דאָ איז סאַרע?
— דאָ איז דאָראָטייע?

— דאָ איז זשעני?
— דאָ איז ראַדזשער?
— דאָ איז גרעס?
— בראַדזשער מאַכט א שול.
— זשעני מאַכט א פּאָסט.

גרעס מאַכט א טעאַטער.
פראַנציקס האָט א שיפל.
יעלענע האָט א פאַבריק.
גאָרדאָנ בויט א גאַראַזש
א. א. וו.

זייער מאסן־פארשפרייטונג הייבט זיך אנערעך אָן פון 1922 יאָר. די וואנטצײַטונג איז שוין קומט אוף עטוואָס שפעטער.

די וואנטצײַטונג איז א ווירקעוודיקער מיטל פון סטיליסטיש־ליטעראַרישער דער־ציִונג. זי איז פילסטיליק און זשאנריש פארשיידנארטיק. לויטן טאָכן און פאָרם איז זי אי פראקטיש־זאכלעך, אי בילדלעך־קינסטלעריש. העכסט וויכטיק איז דאָ אויך די קאָלעקטיוו־ליטעראַרישע צוזאַמענארבעט.

ניט אומעטום אָבער און ניט אלע מאָל באַרירט די וואנטצײַטונג וואָס אקטועל איז און אָנגעמאָסטן פאר דער שול. די וואנטצײַטונג ווײַזט זיך אָפט ניט פעריאָדיש, און כאפן כאפט מען זיך צו איר ערעוו א קאמפאניע, א יאָנטעוו. ס׳גילט דאָ אָפט דער שאבלאָן און שטאמפּ, אָנגעהויבן פון נאָמען און קעפּל און אויסגעלאָזן מיטן אינהאלט. מע לייגט ווייניק אכט אפן סטיל און קאָמפּאָזיציע, די וואנטצײַטונג איז טיילמאָל א „מאָנאָפּאָל״ פון דער רעדקאָלעגיע, ניט פון דער ברייטערער שול־„מאסע״.

און די וואנטצײַטונג קען דאָך זײַן און איז אין פיל שולן א אומגעהייער נייטיק ווערקצײַג פון שול־אַרבעט און שול־אָרגאניזאציע. די וואנטצײַטונג פארמאָגט אלע אייגנקייטן פון א געדרוקטער פעריאָדישער אויסגאבע און איז א פּאָליטיש־אָרגא־ניזירנדיקער פאקטער פון גאָר א גרויסן ווערט, אָפּגערעדט שוין וועגן דעם גרויסן ווערט פון אזא ארבעט אפ וואנטצײַטונג (און, אגעפ, לעבעדיקע צײַטונג) בא דער פאר־בינדונג מיט פאבריק, קאָלווירט, וועג כעוורע פילט זיך אלץ מערער ווי „טייל פון זאוואָד, שרײַפּל פון מאשין״, איז טרײַ באהעפט מיט דעם „פרײַנט דעם געשטעל, וואָס פרייט מיט זײַן געזאנג״ (פון קינדערשע ארבעטן).

איז וואָס־זשע באדארף מען דאָ אינזינען האָבן?

1) די וואנטצײַטונג דארף זײַן „צײַטמעסיק״, זי דארף זיך אָפּרופן און ענטפערן די קינדער „אפ דער הייסער מינוט״ און אפ זאכן, וואָס פארנעמען די קינדער. בלויז דאן וועט זי וועקן דעם באוווסטזײַן פון שול־קאָלעקטיוו, פלאנצן פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע געוווינהײַטן, אָרגאניזירן דעם שטייגערלעבן פון שילער.

2) זי דארף ארויס פעריאָדיש. מע דארף זי אופשטעלן לויט די פראגעס פון שול און לעבן, וואָס זאָלן שײַעך זײַן צו באשטימטן פעריאָד. דאָס שליסט, געוויינטלעך, ניט אויס ספּעציעלן נומער אפ אן אקטועלער פראגע.

3) די וואנטצײַטונג דארף זײַן לאָקאליש און בארירן דערהויפּט זאכן, וואָס זײַנען נעגייע די שול און דעם שול־ראיאָן. מע דארף זיך ניט פארנעמען מיט קיין אוני־ווערסאלע טעמעס פון דער גרויסער און געדרוקטער צײַטונג.

4) מע קלײַבט אָפּ א קוואליפיצירטן באשטאנד רעדקאָלעגיע (שרײַבער, מאָלער), עס נעמט אומבאדינגט אָנטייל א פּעדאגאָג־אָנפירער, אָבער די צײַטונג דארף זײַן א מאסנדיקע אקציע.

5) מע מוז אכט לייגן אפ אַרכיטעקטור — פון צײַטונג־קעפּל און קעפּלעך פון באזונדערע אָפּטיילן ביז די סטיליסטישע און קאָמפּאָזיציִשע עלעמענטן ביקלאל. מע דארף געווינען צו שרײַבן וואָס אייגפאכער, וואָס לעבעדיקער און ניט צעצויגן.

6) אכט אפן אויסזען פון צײַטונג: קסאוו, אופשריפטן, געמעלן א. א.

און דער בעערעכדיקער צייטונג־פּלאנ איז דאָ אזא.

ליטארטיקל — אפּ א וויכטיקער געשעעניש פונ שול־לעבנ (אָדער אָרטיקנ־פּראָ־דוצירישנ לעבנ ביקלאל), אָפּשאצונג פונ א פּאָרשטייענדיקער ארבעט, פונ א פּארענדיקטער ארבעט, א פּאָרשלאג־אופגאבע, וואָס סע רוקט ארויס דער שולקאָמ, די פּיאָנערנ־מאכנע א. א. דעמ ארטיקל דארפ מענ אופשטעלנ לאָגיש־זאכלעכ (ד. ה. ניט אז ס'טאָר דאָ ניט זיינ קיינ בילדלעכער עלעמענט), שלאָגיק און קורצ (א 30—40 שורעס).

פּארצייכעניש. א לעבעדיק בילדל, א צאפּלדיקער פאקט, א העלער עפּיזאָד פונ לערנענ און שטייגער, פונ פּראָדוציר־פּראקטיק, פונ פּאָליטיש־נוצלעכער ארבעט א. א.

פעליעטאָנ. לייכט, הומאָריסטיש, אפּ א שול־טעמע, אפּ אנ אָרטיקער דערשיינונג. דער פעליעטאָנ שטעלט זיכ אָפּ איבערהויפּט אפּ שעדלעכע, אומגעוווּנטשענע דערשיינונגענ, און מיט לייכט־אָנצינדיקער פאָרמ דארפ ער וועקנ די געהעריקע איראָניש־קאָמישע עמאָציעס. דער פעליעטאָנ קענ זיינ פּראָזאיש, האלב־בעלעטריסטיש, אינ ליד־פאָרמ. מע ווענדעט דאָ אָנ דעמ גאנצנ סכומ מיטלענ, וואָס סע פארמאָגט דאָס עמאָציאָנעל־קינסטלערישע וואָרט (קעגנשטעלונג, פארגלייכ, היפּערבל א. א.). מע דארפ לייגנ אכט, אז דער שול־פעליעטאָניסט זאָל זיכ נאָר ניט ארויפלאָזנ צו קיינ פלאכע נאָכגעקרימטע „כאָכמעס". דער פעליעטאָנ קענ גיינ אונטנ (אפּ 40—50 שורעס).

כראָניק פונ שול און פונ נאָענטנ ארומ (קורצ און קלאָר נאָטירט). נייסנ.

קינדער־שאפונג (לידל, פּראָדוציר־דערציילונג, געגראַמטע לאָזונגענ, עפּיגראמ א. א.)

א פריילעכ זייטל. שפּילנ, רעטעניש, רעבוס א. א.

ווינקל פאר קליינוואַרג.

מיר ענטפערנ (דייטלעכ, צוגעלאָזנ, כאווערישׂ).

בא דער געוויינלעכער שול־ארבעט בארירט מענ די פראגע פונ שול־צייטונג און צייטונג־זאכ ביקלאל. מע גיט אופּ א ריי פּאָרארבעטנ: אופשרייבנ א כראָניק־נאָטיצ, קאָרעספּאָנדענצ וועגנ דער פּאָליטעכניזאציע פונ שול, א פּראָדוציר־ישע פארצייכעניש, אנ ארטיקעלע, א קליינעמ פעליעטאָנ און אנדערע ארבעטנ, וואָס שטימענ ביקלאל מיט דער גאנצער סיסטעמ פונ אופזאצ. אפּ דער עלטערער שטופּע איז קעדיי צו פארנעמענ זיכ און אנאליזירנ אייניקע מוסטערנ פונ קינדערשער און יוגנטלעכער צייטונג („זיי גרייט", „יונגער פּיאָנער", „יונגע גווארדיע") אָדער פונ דער אל־געמיינער צייטונג (קאָרעספּאָנדענצ, בילדל א. א.) לויט דעמ ווי מיר ווייזנ באלד אָנ.

פאר זעלבסטקריטיק.

דאָס נייע לערניאָר איז שוינ אינ פולנ גאנג. שוינ אויסגעוויילט די שול־אָרגאניזאציע, אינ פּיאָנער־אָטריאד האָט זיכ אָנגעהויבנ די פראקטישע ארבעט.

קעדיי אונדזער ארבעט זאָל זיינ פרוכטבאר און זאָל געבנ די בייטיקע רעזולטאטנ, מוזנ מיר פונעמ ערשטנ טאָג אָנ אנטוויקלענ א ברייטע זעלבסטקריטיק. יעדער פּיאָנער, יעדער שילער דארפ זיינ פאראנט־וואָרטלעכ פאר דער ארבעט פונ שול און פונ אָטריאד. אויב דער שולקאָמ ארבעט שלעכט, איז אינ דעמ שולדיק יעדער שילער. אויב אינ אָטריאד איז אומעטיק און ניט אינטערעסאנט — איז עס די שולד פונ יעדנ פּיאָנער.

בא אונדז טרעפט, אז דער שולקאָמ טוט גאָרניט און אלע קינדער שווײַגנ, — מ'וואַרט ביז די איבערוואַלנ. ניט זעלטנ טוט דער אָטריאַד־עלטסטער גאָרניט, באַציט זיכ שלעכט צו זײַנ ארבעט, — זאָגט אימ קיינער קיינ וואָרט ניט.

אזוי טאָר אפ ווײַטער ניט זײַנ. אויב די ארבעט גייט שלעכט, אויב דער שולקאָמ טוט ניט גוט — איז דער כּיוון פונ יעדנ שילער צו אָנווײַזנ און מיטהעלפנ. דאָסזעלבע איז אויכ אינ דער געזעלשאפט־לעכער ארבעט.

וועלנ מיר אנטוויקלענ די זעלבסטקריטיק — וועט אונדזער ארבעט אינ שול און אינ אָטריאַד זײַנ אסאכ בעסער און אינהאַלטרײַכער.

גאָר א וויכטיקע ראָלע דארפ שפּילנ די וואַנטצײַטונג מיט אירע קינדקאָרנ. די וואַנטצײַטונג דארפ זיכ אָפּרופנ אפ יעדער געשעעניש אינ שול און אינ אָטריאַד. דורכ דער וואַנטצײַטונג דארפנ מיר אויס־בעסערנ אונדזער ארבעט, ארײַנציִענ נײַע קינדער אינ געזעלשאפטלעכנ לעבנ.

יעדער פעלער אינ אונדזער ארבעט דארפ ארנ יעדנ פונ אונדז. מיר דארפנ ניט נאָר קריטיקירנ, נאָר גלײַכ מיטהעלפנ פאריכטנ דעמ פעלער.

אונדזער ארבעט אינ שול און אינ אָטריאַד איז איצט אינ פולנ ברעג. לאָמיר קאָנטראָלירנ און קריטיקירנ די ארבעט. לאָמיר אלע העלפנ אינ דער ארבעט. (לויט „זײַ גרייט”).

די בעסטע אפנ צונויפלײ!

צי ווייסטו?

אז מע זאָל א פרעג טונ בא א פּראָסקוראָווער פּיִאָנער:

— זאָג נאָר, וויאזוי ארבעטנ די פּיִאָנערנ אינ באקו, וויאזוי העלפנ זיי דער סאָציאַליסטישער פארמעסטונג?

וועט ער געוויס אויסטאָרטשענ א פּאָר אויגנ און וועט ניט וויסנ וואָס צו ענטפערנ:

— ווי געפעלט אײַכ דער כאפּ: באקו און פּראָסקוראָוו. ווי קענ איכ וויסנ אזעלכע זאכנ?

וועט מענ אימ שטעלנ א צווייטע פראגע:

— טאָ ווייסטו כאָטש וויאזוי ס'ארבעטנ די פּיִאָנערנ אינ מעדזיבעזש, וויאזוי זיי האָבנ אָנטייל־גענומענ אינ דער איבערוואַל־קאמפּאניע פונ די ראטנ?

וועט ער קנייטשנ מיט די פּלייצעס און וועט אײַכ גאָרניט ענטפערנ: וואָס קענ ער ענטפערנ, אז מעד־זיבעזש איז א שטעטעלע אינ פּראָסקוראָווער קרײַז.

קיינער ווייס ניט, קיינער זעט ניט.

אזוי זײַנענ בעשפרייט פּיִאָנערנ איבערנ גאנצנ ראטנפארבאנד „פונ אוראלער בערג ביז מינסק מיט אירע בלאָטעס” (כאריק). אומעטומ ארבעטנ זיי, אומעטומ זײַנענ פאראנ קינדער מיט רויטע האַלדז־טיכלעכ. אינ איינ שטעטעלע האָבנ די פּיִאָנערנ זיכ גוט באוויזנ בא דער וואַל־קאמפּאניע, אינ א צווייטנ שטעטל אָדער דערפל זײַנענ זיי געשלאָפנ און גאָרניט געטונ. אינ איינ שטאָט איז אינ די אָטריאַדנ פרייליכ און אינטערעסאנט, אינ א צווייטער האָבנ די פּיִאָנערנ אפילע ניט געהערט וועגנ די נײַע מעטאָדנ פונ ארבעט. ארבעטנ זיי דערווײַל ווי פריִער און ס'איז אומעטיק.

און קיינער ווייס ניט און קיינער זעט ניט.

„וואָס טוענ זיי אינ אָטריאַד?”

— וואָס טוענ די פּיִאָנערנ אינ אָטריאַד?

אזא פראגע שטעלט צומאָל איינ ארבעטער דעמ צווייטנ.

— כ'ווייס וואָס זיי טוענ? ענטפערט אימ דער צווייטער.

און ווענ די פּיאָנערנ גייענ אינ גאס אפ א דעמאָנסטראַציע מיט א פּײַקל־קלאפּערײַ און פּרייליכנ געזאַנג, שטעלנ זיכ אלע אָפּ און קוקנ. די ארבעטער זײַנענ צופרידנ פונעם קליינוואַרג. אָבער ניט אלע ווייסנ וועגנ דער נוצלעכער ארבעט, וואָס די פּיאָנערנ טוענ אָפּ.

אפילע דײַנע עלטערנ ווייסנ ניט שטענדיק, וואָס דו טוסט אינ אָטריאַד.

מ י ר פ ל י ע נ ז י כ צ ו נ ו י פ.

איז אָט וועלנ מיר זיכ צונויפפליענ פונ אלע שטעט און שטעטלעכ, דערפער און כוטערס אינ כאַרקאָוו אפנ אלוקראַינישנ און אינ מאָסקווע אפ דעמ אלפאַרבאַנדישנ צונויפפלי. און ווי פאָסט־פייגעלעכ טראָגנ עדיעס אינ שנעבעלעכ און פליגעלעכ, אזוי וועלנ מיר מיט זיכ ברענגענ עקספּאָנאַטנ, מאַטעריאַלנ און יאָדעלנ — „יעדיעס" וועגנ אלצ, וואָס מיר טוענ.

זאָלנ אלע זעענ, וואָס מיר טוענ, ווי אזוי מיר ארבעטנ.

זאָלנ אלע ווייסנ וועגנ אונדז ארבעט ניט.

זאָלנ די פּיאָנערנ פונ איינ שטאָט לערנענ זיכ בא די פּיאָנערנ פונ דער צווייטער שטאָט.

ג ר ײ ט ז י כ !

דאַרפנ זיכ אלע גרייטנ צומ צונויפפלי. יעדעס שטעטעלע און דאָרפ דאַרפ שיקנ פריער אפנ ראַיאָנישנ און שפּעטער אפנ קרײַזישנ צונויפפלי דאָס בעסטע, וואָס די פּיאָנערנ האָבנ אופגעטונ. יעדער קרײַזישער צונויפפלי דאַרפ אויסקלײַבנ דאָס בעסטע אפנ אלוקראַינישנ און דערנאָכ אפנ אלפאַרבאַנדישנ צונויפפלי.

דער פּיאָנערנ־אַקטיוו דאַרפ זיכ שוינ נעמענ צו דער ארבעט, מ'דאַרפ שוינ דורכקוקנ, וואָס די פּיאָנערנ האָבנ אופגעטונ, צונויפקלײַבנ אלצ וואָס ס'איז פאַראַנ.

די אופטוער אינ טעכניק, די יונגע נאַטוראַליסטנ, די קינדקאָרנ, די מאָלער, די אַקטיוויסטנ פונ דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג — אלע דאַרפנ שיקנ עפּעס אפנ צונויפפלי.

דער צונויפפלי דאַרפ אלעמענ ווײַזנ אונדזער ארבעט, אונדזער קראַפט.

יעדער אָטריאַד דאַרפ זיכ סטאַרענ צו זײַנ אפנ צונויפפלי דער בעסטער.

טאָ ווײַז אהער דאָס בעסטע, וואָס דו האָסט! (לויט „זײַ גרייט").

אַנאַליזירט ביידע ארטיקלענ. פאַרגלײַכט זיי, לייגט אכט אָט אפ וואָס 1) טעמע פונ ארטיקל, 2) צי אנטשפּרעכט דאָס קעפּל פונ ארטיקל דער טעמע. פּרוווט געבנ אײַער קעפּל, 3) וואָס פאַר פאַקטנ ווערנ גענומענ אפ באַלײַכטנ די טעמע (אינ ערשטנ ארטיקל, אינ צווייטנ), 4) וויאַזוי ווערנ די פאַקטנ געבראַכט אינ ערשטנ, אינ צווייטנ ארטיקל (אינ ערשטנ—קורצ און אומדירעקט־באַהויפּטנדיק, אינ צווייטנ—ברייטער און דירעקטריידנדיק, וואָס מאַכט אָנשוילעכער און לעבעדיקער, 5) ווײַזט אָנ די גרונט־טיילנ פונ ערשטנ ארטיקל (I (אײַנטריט)—אָנהייב לערניאָר, II—נייטיקײַט פונ זעלבסטקריטיק, III—פּאַקטישע אָנווײַזנ, IV—ראָל פונ וואַנטצײַטונג, V (קאַדאַנס), פונ צווייטנ ארטיקל (I, II, III—ארגומענטירנדיקע ארײַנפיר־אָנווײַזנ, IV—נייטיקײַט פונ צונויפפלי, V—וועגנ גרייטנ זיכ, VI (קאַדאַנס), 6) צי זײַנענ נייטיק די אונטער־קעפּלעכ אינעמ צווייטנ ארטיקל? גיט דאָ אייגענע קעפּלעכ צו די באַזונדערע טיילנ, 7) וואָס פאַר א גרונט־טאָנ איז אינ ערשטנ ארטיקל (געוויינלעכ־אָרדנטלעכער), אינ צווייטנ ארטיקל (געהויבענער אויסעראָרדנטלעכער־אָנגעלאָדענער, 8) מיט וואָס דער־קלערנ דעמ גרונט־טאָנ פונעמ צווייטנ ארטיקל? צי זײַנענ דאָ באַרעכטיקט די שילדערונג־שטעלנ? ווײַזט זיי אָנ (ציטאַט, פאַרגלײַכונג, מאַסנדיק־לעבעדיקער ריידאַרט), 9) פאַרגלײַכט דעמ אײַנטריט און קאַדאַנס פונעמ ערשטנ ארטיקל, פונעמ צווייטנ

(אינ ערשטנ—דירעקטער אריַינטריט, אינ צווייטנ—אומדירעקט; קאדאנס פונ ערשטנ—געוויינלעכע ווענדונג, פונ צווייטנ—באפעלנדיק־עמאָציאָנעלער).

שרײַבט אָנ וואָסער־ניט־איז ארטיקל אפנ ארט פונ די געבראכטע.

— איכ וויל אָנקוקנ די שול אײַערע.

— אומעגלעכ איצט.

— פארוואָס?

— די שול איז אפ 7 טעג פארמאכט. די שילער האָבנ אפ איינער א פארזאמלונג באשלאָסנ אויס־בויענ א קיכ בא דער שול, פעלט צוויי טויזנט רובל, קעדיי די קיכ דערבויענ. זײַנענ די שילער אוועק אפ שווארצער ארבעט. דאָ ניט ווײַט, אינגאנצנ א וויאָרסט פונ שטאָט, בויט זיכ אנ עלעקטרישע סטאנציע—„טעטערבוי" — פאָדערנ זיכ דאָרט שווארצארבעטער. פאר די זיבנ טעג וועלנ די קינדער פארדינענ איבער צוויי טויזנט רובל אונ פאר דעם געלט פארענדיקנ בויענ די קיכ.

ציט איצט אהינ, צומ אָרט, ווו דרײַ הונדערט שילער פונ דער פראָפטעכנישער שול שלעפנ שטיינער, געהילצ, ציגל. דעמ שמאָל טײַכל „טעטעריוויקע" האָט זיכ מינאסטאמ קיינמאָל ניט געכאָלעמט, אז אינ 1929-טנ וועט מענ זײַנ שטילנ לויפנ אָפשטעלנ, פארצוימענ אימ דעמ וועג, אונ זײַנע קלאָרע וואסערנ אונ צע־מענטענע קעסלעכ, אינ עלעקטרישע פײַערנ איבערטרײַבנ.

קוקט א טײַכל אפ א הויכער, דיקער וואנט, וואָס איז פונ די טיפענישנ, פונ אונטער זײַנע וואסערנ אויסגעוואקסנ, הערט זיכ אײַנ אינ שטענדיקנ קלאפנ פונ א דינאמע־מאשינ, אונ קענ אלצ ניט פארשטיינ, וואָס מע האָט צו זײַנ שטילנ דרימלענ געהאט.

די שילער ארבעטנ אינ טאָל אונ אפ בערג.

איכ קומ ארופ אפנ בוי־פלאצ, קלינגט א גלאָק אונ זאָגט אָנ, אז עס איז געקומענ שוינ די צײַט פונ פופצנמינוטיקנ איבערײַס.

די שילער וואַרפנ אוועק די טאטשקעס, פורלעכ, לאָפעטעס, רינגלעכ אונ נעמענ זיכ צומ איבערבײַסנ. איכ שטיי אינ ארומרינגלונג פונ פערצניאָריקע, פופצניאָריקע בויער. די פענעמער פארברוינט פונ זונ, פארוויט פונ ווינט, די לײַבער שלאנק אונ בויגעוודיק. אינ די אויגנ — אנ ערנסטע זיכערקײַט. זיי קײַענ גיכ דעמ ברויט מיט וווּרשט, פארבײַסנ מיט א וויצ, געלעכטער אונ פראגעס.

אינ דערזײַט, אביסל אָפגערוקט פונ דער כעוורע, שטייט א נידעריק מיידעלע. שווארצע וויִעס פארשטעלנ די אויגנ. די אויגנ קוקנ אראָפ, אפנ זייגער:

— כאווײרימ. כאָכמעט זיכ וויַיניקער אונ עסט גיכער... ס'איז געבליבנ אינגאנצנ פינפ מינוט.

איכ פרעג בא איר:

— כאווערטע, וויפל יאָר איז אײַכ?

זי הייבט אופ אפ מיר א פאָר קינדערשע ערנסטע אויגנ אונ ענטפערט ניט גערנ:

— פופצנ.

— איר זײַט דער אופזעער?

— איכ בינ דער קאָמאנדיר פונ דער בריגאדע... איצט איז ניטאָ קיינ אופזעער.

בלויז מיטנ טאָנ גיט זי מיר צו פארשטיינ, אז זי פילט זיכ באליידיקט, וואָס איכ האָב איר אָנגערופנ מיט אנ אלטנ נאָמענ.

— איצט וועט די ערשטע גרופע גייִנ צו די שטיינער, די צווייטע — צומ זאמד, די דריטע — צומ געהילצ. נעכטנ האָבנ די מיידלעכ א גאנצינקנ טאָג געשלעפט די שטיינער אונ די יינגלעכ האָבנ זיכ ארויסגעדרייט... שיינע קאָמונארנ זײַט איר, ניטאָ וואָס צו ריידנ...

פונ אלע זײַטנ פליִענ צו מיר פראגעס.

אסאכ זאכנ ווילנ די כעוורע וויסנ:

„וועג בינ איכ געוואָרנ א שרײַבער?"

„וו בינ איכ געבאָרנ געוואָרנ ?״

„צו וועלכער ליטאָרגאַניזאַציע געהער איכ, אונ אויב ניט — איז פאַרוואָס ?״

...יע, ווענ די כעוורע וואָלטנ געהאַט מערער צײַט, וואָלט מענ געקענט דאָ, אפ די הורדעס שטיינער, מאַכנ א ליטעראַרישנ דיספּוט.

איז דער פּופּצניאָריקער קאָמבריג אָבער ערנסט אונ שטרענג, דערמאָנט אַלע ווײַלע, אַז די האַפּסאָקע איז פאַרענדיקט. די קינדער צעשיטנ זיכ אינ קופּקעס, אינ גרופּעס, אונ גייענ אוועק צו דער אַרבעט. איכ שטיי אפנ באַרג, קוק ווי די פּופּצניאָריקע, פערצניאָריקע בויער קײַקלענ אַרופּ אפ די שמאָלע טראָגוועגעלעכ שטיינער, ציגל, זאַמד, געהילצ, טראָגנ עס גרינג אונ ריטמיש אוועק אינ טאָל, דאָרט וואַרפנ זיי עס פלינק אַראָפּ אונ קערנ זיכ אום צוריק מיט געזאַנג אונ געלעכטער.

לעבנ מיר וואַקסט אויס דער קאָמבריג. איצט, ווענ די כעוורע זײַנענ אוועק צו דער אַרבעט, איז זי אסאַכ ווייכער אונ צוגעלאָזענער.

— איר זײַנט שוינ לאַנג אינ שול ?

— פונ די סאַמע ערשטע.

— אסאַכ מיידלעכ זײַנענ באַ אײַכ ?

— העלפט אפ העלפט.

— ווי אַרבעטנ זיי ?

— ניט ערגער פונ די יינגלעכ, אויב ניט בעסער...

— דאַניעל, קוקט זיכ צו, ווי מיר הייבנ דעמ סאָציאַליזמ — שרײַט פונ טאָל אַרויס א קורצ יאַטל, קײַקלט געשווינד אַרופּ א שטיינ אפ דער טאַטשקע אונ שטופּט אונטער דעמ צווייטנ, דעמ כאַווער זײַנעמ,— „טראָג דעמ פינפיאָריקנ פּלאַנ... מע דאַרפ פאַרגיכערנ דעמ טעמפּ...״

— ער באַווײַזט שוינ זײַנ „באַוווסטזיניקײַט״ — בלאָזט זיכ אָנ דער צווייטער, דערלאַנגט א שלעפּ די טאַטשקע צוריק. דער שטיינ טאַנצט א רעגע אפ איינ אָרט אונ שאַרט זיכ לאַנגזאַמ אַראָפּ אינ זאַמד. די ביידע כעוורע שפּרינגענ אָפּ אָנ א זײַט אונ בלײַבנ שטיינ פאַרשעמט. די איבעריקע כעוורע רייצנ זיכ:

— ס׳קומט! — ווענ מע אַרבעט, שפּילט מענ זיכ ניט...

— ס׳איז גאָרנישט, — פאַרענטפערט זיכ דער קאָמבריג, — מיר אַרבעטנ אויס די נאָרמע שפּילעוודיקערהייט... די שוואַרצאַרבעטער האָבנ די ערשטע טעג געקוקט אפ אונדז מיט כויזעק; ניט געגלויבט, אַז אַזוינע פּיזיקעס וועלנ מאַכנ די נאָרמע. אפנ דריטנ טאָג האָבנ מיר זיי אַריבערגעיאָגט... איצט זײַנענ זיי אפ אונדז א קאַפּעלע אינ קאַעס, בלאָזנ זיכ, אָבער כויזעקנ שוינ מער ניט...

איכ געזעגנ זיכ מיטנ פּופּצניאָריקנ קאָמבריג, שרײַ צו די כעוורע:

— קינדער, זײַט געזונט! אַרבעט גוט!

— אונ איר שרײַבט אָנ א גוט בוכ — טראָגט זיכ א ווונטש פונ טאָל אַרויס.

דער קאָמבריג באַגלייט מיכ צומ טויער אונ בעט עטוואָס פאַרשעמט:

— כאַווער דאַניעל, אויב איר וועט אָנשרײַבנ פונ אונדזער שול — שיקט צו, איכ וויל עס לייענענ.

איצט איז זי א נידעריק מיידעלע, מיט לאַנגע וויִעס אפ גרויסע ערנסטע אויגנ, מיט א געזונטע, פאַרברענטע הויט אפנ פּאָנעמ; די פּיס — אינ לײַכטע גימנאַסטישע טופליעס, אָנ זאָקנ, האָבנ רעמזעלדיקנ קאָליר, ווי דער נאַסער זאַמד אונטער איר. די הענט זײַנענ איר איבעריק... זי הייבט אָנ איבערבינדנ דאָס רויט טיכל אפ אירע קורצע שוואַרצע קרײַזלעכ.

איכ זאָג צו, איכ בינ גרייט צוזאָגנ א האַלבע וועלט. ס׳איז א קרעפּטיקער האַרבסטיקער טאָג. דאָס וואַסער אינ טײַכל איז לויטער אונ דורכזיכטיק-קלאָר. ביימער אפנ ברעג באָדנ זיכ אינ לעצטער האַרבסטיקער זונ, שיטנ העפקערדיק אונ מיט א פולער האַנט געלע אָפּגעלעבטע בלעטער. וואָס וועלנ זיי זשאַלעווענ? וואָס וועלנ זיי קאַרגנ? — זייערע טעג זײַנענ געציילטע... גאָר גיכ וועלנ זיי שאַרפע זעגנ באַפאַלנ אונ א שווערער מויער וועט זייער זייכער פאַרמעקנ.

פונוויַטנ זעענ די יונגע ביימער אויס, ווי א כאָפּטע בינענ, וואָס טראָגנ האָניק צו זייער נעסט. איכ גיי צו זיכ אינ האָטעל-צימער פאַרפּאַקנ מײַנע עטלעכע ביכלעכ אינ טשעמאָדאַנ, אונ מײַנ האַרצ איז איצט אויכ א וועג־טשעמאָדאַנ, ווו א האַרבסטיקער טאָג, ווו יונגע בויער האָבנ זייער פיל פרייד פאַרפּאַקט...

ב. דאַניעל.

וועגנ וואָסער א גרונט־פאקט ווערט איבערגעגעבנ אינ דערדאָזיקער פארצייכעניש? וויאזוי ווערט דאָ מיטגעטיילט? (לעבעדיק אונ בילדלעכ)? מיט וואָס שיידט זיכ אָפּ אזא פארצייכעניש פונ א דורכויס קינסטלעריש בילד (ס׳איז א לויפּיק קאָנדענסירטע שילדערונג וועגנ ווירקלעכנ פאקט אונ טאט. פארצייכעניש איז ביקלאל א פּובליציסטיש־בעלעטריסטישער זשאנר, וואָס האָט א צאפּלדיקנ טאָג־באטײַט. צו חײַנטיקנ טאָג פונ אונדזער האסטיקער בויונג אינ פארצייכעניש עפּשער די לעבעדיקסטע ליטערארישע פאָרמ, וואָס גיט גלײַכ פּינקטלעכע מיטיילונג אונ בילדלעכער אופּאסונג. אייגנטלעכ־קינסטלערישע סיוזשעטישקײַט אונ טיפערע פאראלגעמיינערונג איז דאָ ביקלאל פארטראָטנ). ווײַזט אָנ די שילדערנדיקע שטעלנ (נאטור, פּאָרטרעט, דעטאל) אונ פּראָטים (פּערזאָניפיצירונג, פארגלײַכונג א. א.).

מערקט אָפּ אינ ארײַנפיר־טייל די קעגנשטעלונג פונ פריער אונ איצט, אינ וואָס פאר א פאָרמ ווערט עס געגעבנ? וואָס פאר א גרונט־טיילנ נעמט דורכ די גאנצער פארצייכעניש? וויאזוי ווערט עס אויסגעדריקט אינ קאדאנס־שטעל? פונ וואָס זעט מענ, אז די פארצייכעניש האָט צו טונ מיט וועג־אײַנדרוקנ, (אגעפּ, א פארשפרייטער אָרט פארצייכעניש)? גלידערט די פארצייכעניש אָפּ באזונדערע טיילנ, גיט צו זיי קעפּלעכ, שטעלט אנ אלגעמיינ קעפּל.

שרײַבט אָנ פאר אײַער וואנטצײַטונג, שול־זשורנאל אזא בילדלעכע פארצייכעניש אָפּ א צאפּלדיקער שול־טעמע, וועגנ א פריידיקער געזעלשאפטלעכער דערשײַנונג.

שרײַבט אָנ פארצייכענישנ אָפּ דער טעמע: דער נײַער מענטש אונ די נײַע פּראָדוציר־באציִונגענ: אָרגאניזאטער אונ פירער פונ קאָמונע, ארטעל, א געזעלשאפט־לער־לערער א. א. וועגנ שטעטלשע ארבעטער, וואָס זײַנענ ניט לאנג אפּנ זאוואָד א. א.

60000 דורכפאלנ

ס׳קומענ פאָר בלוטיקע שלאכטנ איבערנ גאנצנ גרויסנ ראטנלאנד, דערהויפּט ווו די הויפּטשטעט זײַנענ אונ די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרענ.

ארומ אכציק טויזנט מענטשנ פונ פּריזיוו־עלטער באטייליקנ זיכ אינ שטרײַט, אטאקירנ מיט געדיכטע פאלאנגעס, האָבנ גרויסע פארלוסטנ, גרײַפנ אָנ, טרעטנ אָפּ אונ לאָזנ נאָכ זיכ אומצאָליקע קארבאנעס.

אָפּ רעכט פונ א מיליטער־קאָרעספּאָנדענט פאָרנ מיר אומ אָפּ די פּאָזיציעס. ס׳ארא שוידערלעכע מילכאָמע־בילדער! רויכ, קנאלנ, בלוט!... בלוט!...

וואָס שײַעכ בלוט — איז איבערגעכאפּט. אָבער א רויכ שטייט טאקע אזא, אז כאָטש טו אָנ א שוצ־מאסקע, בעשאסנ באוועגנ זיכ איבערנ קאָרידאָר. דער אײַנדרוק איז, ווי ס׳זאָלנ ברענענ מיטאמאָל אלע סאָוועטישע טאבאָק־טרעסטנ. דאָס קנאלנ קומט דאָ ניט צו קײנ עמעסנ הארמאטנ־קנאל. נאָר אָנ דעמ קענ זיכ ניט באגיינ קיינ איינ דורכגעפאלענער סטודענט קימאט באמ פארמאכנ נאָכ זיכ די טיר פונ עקזאמינירזאל.

אינ 1927 יאָר האָט זיכ א לאָז געטונ צו די טירנ פונ הויכשול א אומגעהייערע מענגע אוילעמ, אָפּ מאָסקווע — צוויי מאָל אזויפיל ווי פאראיאָרנ. יוגנט לאָזט זיכ מיט געדיכטנ שטראָמ אָנ שור, פארציט דעמ האָריזאָנט, פארפּלייצט ביז ארופצו די היפשע ביניאָנימ פונ די אוניווערסיטעטנ אונ אינסטיטוטנ. איז וואקסנ אופ בערג מיט „הארוגימ” בא די געוווּנטשענע פּאָדער־טירנ.

אונ ווי זאָלנ זיי ניט אופוואקסנ. די פארהעלטעניש צווישנ סכומ אָנגעגעבענע מעלדונגענ אינ דער צאָל פרײַע ערטער (לויט קאָמאנדירונגענ) — ס׳א שלימאזלדיקע פארהעלטעניש. אינ דורכשניט א פּראָפּאָרצ פונ אנבערעכ איינס צו צענ. איז אָפּ יעטווידנ צענדלינג — נײַנ אירע האָפּט גאָר ניט אפילע!

מאכמעס דער ביטערער פארהעלטעניש צווישנ נאָכפרעג אונ די מעגלעכקײַטנ קומט ארויס קלאָמערשט אנ אכזאָרישער צוגאנג בא די עקזאמענאטערס. מע דארפ ניט אנדערש האָבנ עפּעס גאָר באזונדערע אומ־

דערבאַרעמדיקע און ווילדע ראַצכימ אפ צו אַנוואַלגערנ אזא קאזבעק אמעראצימ. אז אפ אכציק טויזנט מעלדונגענ — איבערנ גאנצנ פארבאנד — נעמט זיך אַנ אכט טויזנט ערטער אינ די הויכשולנ. מאכט א כיכער, וועט בא אייַך דאָס בלוט פארקילט ווערנ אינ די אָדערנ.

דורכקריכנדיק צווישנ די לעכצנדיקע און זייער מאזל אויסגעפרווווטע, האָבנ מיר פאמעלינקע א בעט געטונ צו אָנוויַיזנ די באזונדערע ווילדע קוילער באמ עקזאמעניר־טיש.

גאָר באקומענ א נאָז. געריכט זיך, נאָר קיינ איינ דורכגעפאלענער האָט קיינ פאריבל ניט אפ די פראָפעסאָרנ. שוינ גיכער אפ זיך.

פאָשעט גערעדט — דער צוגאנג בא די עקזאמענאטערס, בא אזא אָנקומעניש אפילע, איז א מילדער, וואָס מילד הייסט. נאָר צוגעגרייט איז יוגנט — שוינ איינמאָל צוגעגרייט.

צווישנ גוט־צוגעגרייטע קענ מענ דורכגעפאלענע אָנציילנ קאמ איינציקע. די מערהייַט איז דורכגעפאלנ טאקע גאנצ געזעצלעכ.

דער ניוואָ פונ קענענ איז אָכ־און־וויי. ניט אפ געזעלשאפטוויסנ, ווי אינ פאָריקע יאָרנ, נאָר אפ שפראכ, מאטעמאטיק און פיזיק.

גאנצ כאראקטעריסטיש איז, וואָס ארבעטער זייַנענ אפנ ערשטנ אָרט, אָנגעשטעלטע און פויערימ — אפנ צווייטנ און אפנ דריטנ אָרט.

ארבעטער ענטפערנ גוט און צו דער זאכ אפ געוויינלעכע לעבנ־פראגנ, לייזנ גרינג רייַנ־זאכלעכע אופגאבנ. מיט טעאָריע האלט עס שוואכער.

די אָנגעשטעלטע דעמאָנסטרירנ אָפט היפשע און געשוואָלענע אָנגעכאפטקייַט פונ בוכ, פארלירנ זיך אָבער ווי מע שטעלט א פראגע פונ לערנבוכ פראקטיש, ניט ווי אינ ביכל שטייט. דער צעגריזשעטער גראניט ליגט בא זיי אינ מאָגנ ווי שווערע לאסט. איינעמ אזא האלט לאנג דער עקזאמענאטער, וועלנדיק ארויסצאפנ כאָטש א וואָרט מעקויעכ געזעצ פונ אינערצ:

— אז איר פאָרט אינ טראמווייַ און אפנ אָפשטעל פילט איר א שטויס — אָנ וואָס פאר א פיזיש געזעצ דערמאנט עס אייַכ?

דער עקזאמענירטער שמייכלט פארשעמט און קוקט מיט א זייַטל אפנ דיל־פארקעט. ער מאכט דעמ אָנשטעל, ווי מע שטויסט אימ אָנ אפ עפעס גאָר־גאָר לייַכטס, וועט ער פאר קיינ זאכ ניט נאָכגעבנ און וועט קיינ זאכ ניט ענטפערנ.

אנדערע מאכנ זיכ ניט, נאָר וויַיזנ פאָשעט ארויס א קאָשערע, ביז הייליקייַט רירנדיקע אמעראצעס. מע גייט זיכ עקזאמענירנ אפ פיזיק, און מע ווייסט ניט וואָס איז צעלזי־רעאָמיור־טערמאָמעטער. איבערגעצייַגט פארזיכערט מענ דעמ פראָפעסער, אז ווענ אפ צאָפנ־פאָל איז קאלט אפ הינט צו פארטרייַבנ, איז אפנ דאָרעמ־פאָל — הייס ביז צומ כאלעשנ...

א שוידערלעכנ אייַנדרוק מאכנ די שריפטלעכע ארבעטנ אפ שפראכ. אָרטאָגראפיע — מע זאָל באהיט זייַנ. פונ די שורעס ארויס קוקנ צעקריפלטע ווערטער מיט קלעמ, טארטשנדיק מיט אומגעלומפערטע גרייַזנ, ווי מיט אונטערגעשלאָגענע אויגנ. שיינ איז, וואָס די ערגסטע, די אמעראציששטע ארבעטנ קערנ צו די, וואָס האָבנ געהאלטנ אפ דער ליטעראַרישער אָפטיילונג.

גאָר אסאכ קריגער, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ בא די געווונטשענע טירנ, זייַנענ צוגעגאנגענ צו דער זאכ מיט אויבערקעפל. זיי האָבנ צעשטעלט ווענטקעס אפ עטלעכע ערטער מיטאמאָל: מע האלט אייַנציַיטיק אינ עטלעכע הויכשולנ. עפשער וועט ערגעצ־ווו ארויס. קלאָר, אז מע האָט זיכ דאָ ווי געהעריק צוגעגרייט. קלאָר איז, אז אזעלכע ראיעלע לייַט וועלנ זיכ שטארק צומ הארצנ ניט נעמענ פונ דורכפאלנ.

פאר דער גרעסטער מערהייַט אָבער, פאר יעטווידנ געליטענעמ איז עס געווענ א שווערע, טיילמאָל אפילע א דראמאטישע פאסירונג. אָט די זעכציק טויזנט, וואָס אזויפיל זייערע האָבנ זיך צומ ערשטנ מאָל געפרווונ — זיי ווילט זיכ א טרייסט וואָרט זאָגנ און דערמוטיקנ.

דער עקזאמענ איז ניט קיינ לאָטעריע, ס'א פאלשע אייַנריידעניש, אז אנ אמאָרעצ קענ קלוימערשט דורכשמוגלענ און א צוגעגרייטער זיכ אָפפארטיקנ, אויב אייַנעמ „גייט“ און דעמ אנדערנ „גייט ניט“. דעמ ריכטיקנ עמעס האָט מעקויעכ דעמ אופגעשריבנ אפ דער צווייטער זייַט עקזאמעניר־פאפיר איינ באשיידנ, נאָר מוטיק מענטשל, וואָס ווייסט די ווערט פונ זיכ און פונ יענעמ: „אָנ צוגרייטונג טויגסטו אפ גאָרניט! ניט געלייזט די ערשטע אופגאבע, איז ניטאָ וואָס צו שרייַבנ די צווייטע. סייַווי פארשלאָפנ. מיט כאווערשנ גערוס ביז קומענדיקנ יאָר. געהילפ־עלעקטראָמאָנטיאָר באָטשאראָוו“.

וואָלטנ אלע ביט צוגענומענע אזוי מוטיק אונ אקטיוו אוועק פונ עקזאמעניר־טיש, וואָלטנ מיר פארע־גיסטרירט ביט קייִנ זעכציק טויזנט דורכפאלנ, נאָר זעכציק טויזנט זיכערע קאנדידאטנ אינ אונדזערע הויכשולנ, וואָס וואקסנ פונ יאָר צו יאָר אונ נעמענ אלצ מערער אונ מערער אריינ. (פונ מיכאיל קאָלצאָוו)

וואָס פאר א דערשיינונג באליכט דער פעליעטאָנ? מיט וואָס צייכנט זיכ אויס דער אויפנ באלייכטנ א פאקט דאָ אונ אינ אנ ארטיקל (לייכטערער טאָנ אָדער לייכט געמישט מיט ערנסט, שילדערנדיקע פראָטימ, מאסנדיקער ריידארט)? מיט וואָס איז דאָ כאראקטעריסטיש דער איינטריט (אריינפיר־אנאלאָגיע, וואָס שטעלט אָנ מאכט נייגיריק. פאר פעליעטאָנענ איז ביקלאל כאראקטעריסטיש א שילדערנדיקער אריינ־טריט, וואָס שטעלט אָנ אונ פארינטריגירט טיילמאָל — בילדל, מייסע, גלייכוואָרט, קעגנשטעלונג אונ אנאלאָגיע א. א.). צי איז דאָ צופעליק די אנאלאָגיע מיט פראָנט („דריטער פראָנט")? וואָס פאר באווייזנ (סאמע שלאָגנדיקע) אונ דאָקומענטאלער מאָמענט (צומ סאָפ) ווערט דאָ אויסגענוצט? וואָס פאר א שילדערנדיקער גרונט־טאָנ הערשט דאָ (איראָניע, קאָמיזמ)? באטראכט די שילדערנדיקע פראָטימ: פארגלייכונג, היפערבל, מעטאפערישקייט (דערהויפט צוליב קאָמישנ עפעקט אונ צוליב אוטרירונג ווערנ געפאסט ווייטערע אסאָציאציעס). וואָס פאר א קאדאנס (באָטשאראָווס צושריפט אונ די ערנסט־שליסנדיקע לעצטע פראזע)?...

ארבעט איבער דעמ פעליעטאָנ אינ אנ ארטיקל (אָנ שילדערנדיקע עלעמענטנ אונ אָנ קאָמיש־איראָנישנ גרונט־טאָנ).

שטעלט אופ א פעליעטאָנ אפ א שלאָג־טעמע פונ שול־לעבנ, פונ אונטערנעמונג, ווו איר פראקטיקירט, פירט געזעלשאפטלעכ־פאָליטישע ארבעט.

VI. מעקויעכ זאמלענ אונ דיסקאָנטירנ דעמ קינדערשנ אופזאצ

מיט סיסטעמאטישנ זאמלענ אונ פאָרשנ דאָס קינדערשע ליטערארישע שאפנ פארנעמט מענ זיכ בא אונדז אינ פארבאנד ניט לאנג [1]. אינ אויסלאנד, איבערהויפט אינ דייטשלאנד (אינ דער דייטשישער שווייצ, אינ עסטרייכ), טוט מענ עס שוינ פונ לאנג. מע זאמלט דאָרט אינטענסיוו, מע באארבעט אונ מע אנאליזירט גענוי דעמ קינדערשנ אונ יוגנטלעכנ אופזאצ־מאטעריאל. צילנ זיינענ דאָ פאראנ פארשיידענע, האגאמ עס פרעוואלירט דער פעדאָלאָגיש־פסיכאָלאָגישער אינטערעס [2].

[1] פונ אמאָל זיינענ פאראנ א פאָר אָפגעזונדערטע „גימנאזיע"־אויסגאבנ אזוינע. אינ צווייטער העלפט XIX יר"ה (1862) ווייזט זיכ דער טאָלסטאָיִשער ארטיקל („ווער בא ווענמ"), וואָס האָט, אייגנטלעכ, דער ערשטער אזוי וווּנדערלעכ „אנטדעקט" אונ אייגנארטיק אָפגעשאצט דאָס קינדערשע שאפנ. מיט זיינ ארבעט האָט טאָלסטאָי דערנאָכ געשטויסנ צו א ריי אופטוענ אונ זאמלונגענ אזוינע, וואָס דערשיינענ שוינ דערהויפט אינ XX יר"ה. (אינ וואכטעריאווס, נעטשאיעווס, סאָלאָוויאָווס א. א. ארבעטנ). שוינ אינ דער רע־וואָליוציע־צייט וויקלט זיכ אופ א היפשע אונ סיסטעמאטישע ארבעט אפ דעמ געביט, ווו סע באטייליקנ זיכ פעדאָלאָגנ, קונסטקענער, שפראכלער־מעטאָדיסטנ: סאָלאָוויאָוו, טשיטעריג, ריבניקאָווע אונ פיל אנדערע.

[2] אינ די לאבאָראטאָריעס פונ אָנווענד־פסיכאָלאָגיע (angewandte Psychologie), צווישנ אנדערע שטרעבנ דאָ פסיכאָאנאליטיקער צו קלאָר מאכנ די שייכעס צווישנ יונגער וואָרט־ענערגיע אונ סעקסועלע ארויסווייזונגענ, סובלימיר־מאָמענטנ א. א.

די לעצטע צײַט ווערט באַ אונדז אַלץ שאַרפער אונ אַקטועלער די פראַגע פונ אופזאַצנ אונ דערלערנענ דאָס יונגע שאַפונגוואָרט. מע שאַפט ביסלעכווײַז די מעטאָדאָלאָגיע אונ מעטאָדיק פונ דיסקאָנטירנ אונ אַנאַליזירנ אַזאַ מאַטעריאַל אינ העסקעמ מיט דעמ גרויסנ אינטערעס צו פעדאָלאָגישע פראַגעס, צו דער פראָבלעמ פונ וואָרט־קולטור אינ שול. מע קענ דאָ שוינ פאַרצייכענענ אַ ריי אינטערעסאַנטע באַזונדערע אַרבעטנ אונ אַרטיקלענ. מע האַלט דאָ אָבער פאָרט אינ סאַמע אָנהייב. אַ לעצט דערשינענע פראַקטישע מעטאָדיק פונ רוסיש קלאָגט זיכ: „מיר ווייסנ נאָכ אַדהאָיאָמ ניט, וואָסערע טעמעס אינטערעסירנ מערער די קינדער פונ דעמ־יענעמ עלטער, וואָסערע ליטעראַרישע פאָרמעס זײַנענ מערער פאַרשפרײט אונ באַליבט, ווי גרויס איז די קינסטלערישע באַגאַבונג פונ די קינדער, דער קינדערשער ווערטערבוכ".

הײַנט וואָס זאָלנ מיר שוינ זאָגנ? אינ ייִדיש איז נאָכ דערפונ, ליידער, קיינ סימענ ניטאָ. אונ ווער ווייסט, וואָס ס'איז געוואָרנ אונ וואָס ס'ווערט מיט די פיל קינדערישע שריפטלעכע אַרבעטנ, וואָס האָבנ פונ זיכ, עפשער פונ קיינעמ ניט סטימולירט, אַ פלייצ געטונ אינ אונדזער יונגנ דערציִונג־אונ בילדונג־אַנשטאַלט פונ אָנהייב ־רעוואָליוציע אָנ אונ ביז הײַנטיקנ טאָג. צי היט עמעצער אופ די קינדערשע אַרבעטנ, צי ס'איז גענוג קלאָר פאַר אונדזערע בילדונג־טוער, וויאַזוי אַזוינע אַרבעטנ קענענ צונוצ קומענ פאַר אונדזער יונגנ פעדאָלאָגיש־פעדאַגאָגישנ געדאַנק, פאַר אונדזער שפּראַכלעכ־ליטעראַרישער אַרבעט, ווו מיר פלײַסנ זיכ פעסטצושטעלנ אונ אײַנשטעלנ וואָס איז ווירקלעכ צוועקמעסיק, פראַקטיש איבערגעריוידירט אונ וויסנ־שאַפטלעכ־טעאָרעטיש אויסגעקלאָרט. סע שטייט אונדז פאָר אַ גרויסע אונ פאַראַנט־וואָרטלעכע אופגאַבע אָנצוהייבנ זאַמלענ דעמ פאַרשיידנערלייִקנ קינדערשנ אונ יוגנטלעכנ וואָרט־מאַטעריאַל, וואָס טונ דאַרפ מענ עס אַפ אַ מ א ס נ ־ א ו י פ נ.

צײַט אַ קלער טונ צו שאַפנ אויכ אַ מ ו ז ײ פ ו נ י ִ ד י ש נ ק י נ ד ע ר ־ ש א פ נ, וווהינ מע זאָל דאָס אַלץ קאָנצענטרירנ אונ נעמענ אינ דער אַרבעט פאַר פעדאָלאָגישע אונ פעדאַגאָגיש־מעטאָדישע צילנ, פאַר וויסנשאַפטלעכער לינגוויסטיק אונ קונסטקענטעניש.

אונ איצט ווילנ מיר דאָ אָנוואַרפנ אַלגעמיינע ריכטליניעס מעקויעכנ דיסקאָנטירנ קינדערשע אַרבעטנ.

וויאַזוי מע דיסקאָנטירט קינדערשנ וואָרט־מאַטעריאַל.

פאַרשיידנ זײַנענ די אופגאַבעס, וואָס אינטערעסירנ די אויספאָר־שער פונ קינדערשנ וואָרט־שאַפנ. עס זײַנענ דעריבער פאַרשיידנ די מעטאָדנ אַפ דיסקאָנטי: אונ דערלערנענ אַזאַ מאַטעריאַל.

מ א ס נ ד י ק ־ ס ט א ט י ס ט י ש ע ר א ו י פ נ. נאָכ אינ 1914 יאָר האָט Geise [1] אָנגעווענדעט אַזאַ מעטאָד אַפ אַ גרויסנ מאַטעריאַל פונ קינדערשע אונ יוגנטלעכע שריפטלעכע אַרבעטנ. ער האָט דאַנ אָפּעריִרט מיט 3258 אַזוינע אַרבעטנ אינ עלטער פונ 5 ביז 20 יאָר. אָט די „מאַסנ־פראָדוקציע" האָט ער באַקומענ פונ

[1] Fritz Geise. Das freie literarische schaffen bei Kindern und Iugendlichen 1914.

דערמיט פאַרנעמט ער זיכ אויכ אינ אַנ אַרבעט פונ 1928.

געוויינלעכע שול־ארבעטנ און פונ באשטעלטע „Kleine Geschichte” ספאר פרעמיעס און האָנאָראר דורכ דער צײַטונג. די ארבעטנ זײַנענ, געוויינטלעכ, פארשיידנ לויט טאָכ און פאָרמ. פרווט זיכ דאָ גייזע צו דיסקאָנטירנ די טעמעס פונ די יונגע אויטערס, די פאָרמ, וואָס פרעוואלירט בא געוויסנ עלטער און געשלעכט א. א.

ביאָגראפישער אָדער אינדיווידועל־מאָנאָגראפישער אויפנ. מע דערלערנט ארבעטנ פונ איינ יונגנ אווטער, פונ אזוינעמ דערהויפט, וואָס וואָרטשאפנ איז בא אימ א נאטירלעכע באדערפעניש, א פרײַ־אומיטלבארער אויסדרוק פונ זײַנ יונג וועלטל, פונ זײַנע שעפערישע אייגנקײַטנ אינ דער סוויווע, ווו ער וואַקסט און אנטוויקלט זיכ. אויכ גייזע גיט אינ זײַנ דערמאָנטער ארבעט א קורצנ אנאליז פונ געוויסע אווטערס, וואָס זײַנענ בא אימ פארטראָטנ מיט אייניקע ארטנ שאפונג. צומ אינדיווידועלנ־מאָנאָגראפישנ מעטאָד קומענ, געוויינטלעכ, אָנ די פעדאָגאָגנ און פסיכאָלאָגנ אפ קלאָר מאכנ פארוויקלטע פראָצעסנ פונ „יונגנ גײַסט”, ווענ ער פאָרמירט זיכ אקאָרשט. אזא איז שטערנ, שטייגער, שײַעכ, לעצטע א ארבעט [1]), ווו ער אנאליזירט די עוואָליוציע פונ א יוגנטלעכנ לויט זײַנע טאָגבוכער און מיט די אייגענע שוינ שפעטערדיקע קאָרעקטיוו פונ דעמזעלבנ יונגנ אווטער, אָדער פראָפ. סאָקאָלאָוס ארבעט, ווו ער ברענגט און אנאליזירט די ליטערארישע שאפונג פונ צוויי קינדער פונ 6—11 און 11—13 יאָר [2]).

עלטער־פעריִאָדנ און וואָרט־אויסדרוק. לויט געוויסע און כאראקטעריסטישע אייגנקײַטנ פונ קינדערשער וואָרט־אויסדריקלעכקײַט קענ מענ אינ אלגעמיינ אײַנשטעלנ דרײַ עפּאָכעס פונ יונגנ וואָרטשאפנ.

1) פעריִאָד פונ מינדלעכנ וואָרטשאפנ. דערדאָזיקער פעריִאָד ציט זיכ פונ פריסטער קינדהײַט ($2-2^1/_2$) ביז אייגנטלעכנ שול־פעריִאָד (8—7 יאָר). ס׳איז די „גאָלדענע תקופה”, ווענ דאָס קינד הייבט אָנ צו ערשט באהערשנ דאָס וואָרט און אויספאָרמירנ עס אינטענסיוו לויט די אלע אינטערעסאנטע „געזעצנ”, וואָס מיר האָבנ פונ זיי גענוי געדערט אויבנ (קאפ. „ערשטע מינדלעכע רייד־אָנזאמלונג”). ס׳איז אנ ערשטער אָנגעשטרענגטער סאָציִאַל־שעפערישער פראָצעס, און דאָס קינד מאכט אימ דורכ מיט אלע זײַנע „קושיות”, מיט זשעסטיקוליאציע, מימישער באוועגונג, פארשיידנ־פארביקער אינטאָנאציע, מיט טרײַענ צווזוכנ און אייגנארטיקנ רעפּראָדוצירנ א וואָרט נאָכ א וואָרט לויט די ארומיקע רייד.

2) ייִנגערער שול־פעריִאָד. ס׳איז דער פעריִאָד פונ 13—12—8; בא מיידעלעכ—פריִער, בא ייִנגעלעכ—שפּעטער. די צאָל וואָרט־בילדער שטײַגנ דאָ אריבער די גראפישע מעגלעכקײַטנ פונ קינד, איז דאנ זײַנ שריפטלעכער לאָשנ פיל בלאסער פונ זײַנע מינדלעכע רייד.

פאראנ אפילע א געדאנק, אז דאָס איז ביקלאל דער עלטער פונ אָנבילדלעכער שריפטלעכער שפראכ. קוק איכ זיכ צו צומ גרעסטנ טייל ארבעטנ, וואָס כ׳האָב פונ

[1]) W. Stern. Anfänge der Reizeit.Ein Knabentagebuch in psichologischer Bearbeitung 1925.

[2]) Проф. И. М. Соловьев. Литературное творчество и язык детей школьного возраста. М.-Л. 1927.

אַט דעם עלטער, זײַנען זיי טאַקע מײַנסטנס אָנבילדלעך. מיר מערקן דאָ אָביעקטיוון פּיקסיד־טאָן, לאָגיש־דערציילערישע סכעמאַטיזירונג. מירן ברענגען א פּאָר כאַראַקטעריסטישע מוסטערן.

1. א דאַכלאָזער ווינטער אַפ דער גאַס (2־טע גרופּע).

א דאַכלאָזער האָט געוווינט ווינטער אַפ דער גאַס. ס׳איז אים געווען זייער שלעכט צו וווינען אַפ דער גאַס. ער איז געשלאָפן אין אַספאַלט־קעסטל. און דערנאָך האָט מען אים צוגענומען אין קינדערהיים. איז ער אַנטלאָפן פון דאָרט, און איז געגאַנגען איבער די הויפן זינגען און געדאַוועט בעטן.

2. וואָס ס׳האָט זיך מיט מיר געטראָפן.

א) (3־טע גרופּע). פאַראַיאָרן בין איך געווען אין 2־טן קלאַס. אז ס׳האָט זיך געענדיקט די לימודים, בין איך געקומען אַהיים. די מאַמע האָט אָנגעהייצט די הרובע, האָב איך זיך צוגעזעצט לעבן דער הרובע. זיץ איך לעבן הרובע און שפּיל אין לאַטאָ. דערנאָך גיי איך שלאָפן. שלאָף איך אָפּ א מינוט דריי שאָ. איך כאַפּ זיך אוף א טרונק טון, פיל איך, אז דער קאָפּ דרייט זיך מיר. גיב איך א פאַל אַפן טאַטנס בעט. פרעגט דער טאַטע: „ווער איז דאָס?״ איך קען ניט ענטפערן. נעמט דער טאַטע, דרייט מיך אַרום, לייגט מיך אַוועק אין הויף און הייבט מיר אָן קוועטשן די שלייפן. האָט ער מיך דערמינטערט. פון דעמאָלט אָן האָב איך פײַנט זיצן לעבן דער הרובע.

ב) (4־טע גרופּע). דאָס איז געווען זומער. איך בין אַרויס פון שטוב אין טרוסיקעס. האָט מײַן כאַווער און נאָך א יינגל גערופן פאָרן אַפ א שיפל. איך בין צוגעלאָפן צום ברעג און אַוועקגעזעצט זיך אַפן שיפל. מיר זײַנען פאַרשווומען ווײַט. און זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אז ווען מיר וועלן פאַרשווימען ווײַט, זאָל מען איבערקערן דאָס שיפל. איך קען ניט שווימען. און זיי האָבן טאַקע איבערגעקערט דאָס שיפל. איך בין געפאַלן אין וואַסער. זיי זײַנען אויך געפאַלן אין וואַסער. נאָר זיי האָבן געקענט שווימען און איך ניט. האָט איינער א כאַווער געזאָגט: „כאַפּ זיך פאַר דעם שיפל״. און איך האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם איבערגעקערטן שיפל. זײַנען מיר צוגעשווומען צום ברעג. בין איך אַוועקגעלאָפן אַהיים. און כעוורע האָבן געלאַכט: „האַא, גוט אָנגעשראָקן?״ און פון דערווײַטן האָב איך א געשריי געטון: „איך וועל שוין קיינמאָל ניט פאָרן אַפ קיין שיפל!״

אַזוי זײַנען אויך אַסאַך אַנדערע אַרבעטן פון צווייטער, דריטער, פערטער גרופּע. אַנדערע זײַנען גאָר פּראַטאָקאָלאַרטיק און שטאַרק אָרעם מיט וואָרט און אויסדרוק. עס דאָמינירן ווערבן און סובסטאַנטיוון, זעלטן־ווו געווייינלעכע אַדיעקטיוון. סע פעלט קימאַט אינגאַנצן אויס מעטאַפערישקייט, בילדלעכקייט.

זאָלן מיר עס האַלטן פאַר א נאָרמאַלע דערשײַנונג, ווי אייניקע האַלטן? זאָלן מיר עס באַטראַכטן ווי א באַשטימטע פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון קינד, וואָס מע דאַרף זיך אַפילע ניט פּרווון צו אופווירקן, ווײַל אַפ אָט דער עלטער־שטופע איז דאָס אינגאַנצן נאָרמאַל? מיר מיינען ניט אַזוי. און באַזונדערס ווערט עס אונדז קלאָר, ווען מיר פאַרגלײַכן די אַרבעטן פון דער מערהײַט שולן מיט דער מינדערהײַט גרופּעס, ווו מע פאַרנעמט זיך מער־ווייניק ערנסט מיט וואָרט־קולטור,

מיט ליטעראריש־שפּראכלעכער אכטגעבונג און מיט פרייַענ און פרייַערנ אופזאצ (זעט די אייניקע בייַשפּילנ אזוינע, וואָס מיר ברענגענ אינ גאנצנ אָפּשניט „אופזאצ“ און אפילע בא פּראָזאישער פאָרמ).

3) עלטערער שול־פעריאָד. דאָס אייגנטלעכע שריפטלעכע וואָרטשאפנ און וואָרט־קונסט פאלט איבערהויפּט צונויפ מיטנ פעריאָד פונ 13—15 יאָר. עס וואקסט דאנ און סע צעוואקסט זיכ דאָס קינדערשע עמאָציאָנעלע וועזנ. עס בּרייטערט זיכ זייַנ לעבנ־דערפארונג, עס ווערט פארטיפערט זייַנ לעבנ־אמפּינדונג. ווערט אויכ, צווישנ אנדערנ, שארפער דער אינטערעס צו וואָרטפאָרמ, צו בּילד־לעכקייַט און דיכטונג. עס הייבט זיכ אָנ וועלנ שרייַבנ און טאקע „אפ אנ עמעס“, שרייַבנ העל, קאָלאָריטיש. די אייגענע וואָרט־רעסורסנ זייַנענ אָבער נאָכ קליינע, ציט עס צו גרייטנ ליטערארישנ נוסעכ. איז איצט באזונדערס בּייטיק שפּראכלעכ־סטיליסטישע קולטור און ליטערארישע דערציִונג. אניט ברענגט עס אומפארמייַדלעכ צו נעפּלדיק־שטאמפּיקנ „הויכנ גאנג“, צו געקינצלטער מעליצע[1]. די ספּעציעל־שפּראכלעכע אויסדרוק־מיטלענ וואקסנ איצט שטארק אויס, נאָר אויכ סע פעלט אויס געהעריקע וואָרט־דערציִונג, באקומט זיכ מיינסטנ באנאלער ליטערארישער סטערעאָטיפ פונ אבסטראקטנ שניט. אפ דעמ ארט, ווי איכ טרעפ עס אינ פיל ארבעטנ פונ אָט דעמ פעריאָד: פורפור פונ שטראלנ, ...ווי נאָכ א קישעפ, ...ווי גרויזאמע ריזנ, ווי טויזנטער דימענטנ און בריליאנטנ (אי בא „שניי“ אי בא „אראָמאטע טויענדיקע געוויקסנ“) א. א. וו. א. א. וו.

טעמע און טאָכ. טאָלסטאָי איז געווענ פארגאפט מיט פעדקעס פעיִקייַט צו שאפנ אינערלעכ־פארגאנצט, געייניקט לויט אייַנדרוק און אויסדרוק.

„די הויפּט־אייגנשאפט אינ יעדער קונסט—כוש פאר מאָס — איז בא אים אומגעהייער אנטוויקלט. ס'האָט אים געארט פאר יעדנ איבעריקנ שטריכ, וואָס עמעצער פונ די יִנגלעכ האָט אים אונטערגעזאָגט“. סיאָמקע ווידער האָט עס שוינ ניט געקענט. און אזוי איז בא גאָר אסאכ קינדער, דערהויפּט פונ יִנגערנ שול־פעריאָד, ווענ סע פארכאפּט זיי עפּעס אנ אייגענע פאָרשטעלונג, דער אויסערלעכער בייַט פונ זאכנ און דערשייַנונגענ און, ווי בא טאָלסטאָיס סיאָמקע, שילדערנ די פּראָטימ בלויז א איצטיקע מינוט, אָנ שייַכעס צומ אלגעמיינעמ און צומ גאנצנ. דערפונ נעמט זיכ אויכ דאָס, וואָס דער יונגער ניט־אויסגעפּרווטער „שרייַבער“־אוילעמ שפּירט אָפּטמאָל ניט די נאָענטע שייַכעס צווישנ טאָכ און טעמע, לאָזט אייַנ די פלאנ־אייניקייַט.

1) ניט אפ דער טעמע. די טעמע איז „זומער אינ וואלד“. און קימאט די גאנצע גרופּע (3־טע) גיט קורצע יעדיִעס העגנ נוצנ פונ וואלד פארנ מענטשנ

---

[1] דיזעלביקע דערשייַנונג איז גאָר פארשפּרייט צווישנ דער יוגנט פונ אונדזער העכערנ טיפ שול פאר דערוואקסענע. די פעדטעכניקומצעס פונ די יִנגערע קורסנ פילנ טיילמאָל איבער זייערע ארבעטנ מיט אזוינע פראזעס ווי: „די צוויי הויפּט־העלדנ גייענ דורכ ווי א רויטער פאָדעמ איבערנ גאנצנ קערפּער פונ ווערק“ אָדער גאָר „שוואכער באגאזש פונ קענענ האָט רובינ געגומענ באמ קיזלשטיינ פונ וויסנ און באהאלטנ עס פארנ געגארטנ לערער“.

(יאַגעדעס, ווילדס, האָלץ, געהילצ), אפילע דעמ הייל־באַטייט פונ וואַלד („מיטנ בוימ קענ מענ היילנ קראַנקע", ווי איינער דריקט זיכ אויס) א. א.

די טעמע איז „אנ אינטערעסאַנטער פאַל, וואָס ס'האָט זיכ מיט מיר געטראָפנ". שרייבט פיל כעוורע פונ וואָס איר ווילט נאָר, אָבער גאָרניט פונ דעמ, וואָס „מיט מיר האָט זיכ געטראָפנ". ס'גייט אוועק א סעדרע גאָר געוויינלעכע זאכנ, וואָס ביי סע טרעפט זיכ עפעס אונ ניט ס'איז אינטערעסאַנט.

2) סע פעלט אויס פלאַנ־אייניקייט. מע קערט זיכ אָפטמאָל אומ אָפ צוריק, מע דערזאָגט ניט, מע הייבט אָנ אָפ דער טעמע אונ ווייטער רעדט מענ גאָר פונ עפעס אנדערש, מע פאַרבינדט ניט די טעמע־איינצלענ.

„זומער בינ איכ געווענ באַמ טייכ, אסאכ זיכ געבאָדנ, געקליבנ געוויקסנ, גע־שפרונגענ אינ וואַסער. די געוויקסנ געבראַכט אהיימ אונ געטריקנט זיי. אונ געזעענ די קאָפּעקלעכ אינ וואַסער" (3־טע גרופע).

אָפ דער פריערדיקער טעמע „זומער אינ וואַלד" הייבט איינער אָנ — „אינ וואַלד איז פאַראנ אסאכ כייעס", נאָר ווייטער דערמאָנט ער שוינ קיינ וואָרט ניט וועגנ דעמ אונ דערציילט פונ שוואָמענ אינ וואַלד.

אָפ דער דערמאָנטער טעמע, „וואָס מיט מיר האָט זיכ געטראָפנ":

„מיר זיינענ געגאַנגענ אָפ דער עקסקורסיע. בינ איכ אראָפּגעפאַלנ פונעמ באַרג אונ האָב זיכ דערלאַנגט אינ א פוס. האָב איכ זיכ אויסגעוויינט, אונ ס'איז מיר געוואָרנ גרינגער. דערנאָכ האָט מענ אונדז דערקלערט, וויאַזוי סע הייסט אָט די זייט, וואָס די זונ איז דאָ, וויאַזוי סע רופט זיכ אָנ די זייט, וואָס די זונ פאַרגייט, אונ ווו די זונ איז קיינמאָל ניטאָ. אונ אז מיר שטייענ פונדערווייטנ, איז ווייזט זיכ אויס, אז דער הימל מיטנ יאַמ גייט זיכ צונויפ אינגיינעמ. דערנאָכ האָט מענ אונדז געלייענט פונ דער געאָגראַפיע וועגנ דעמ האָריזאָנט. אונ מע האָט אונדז געוויזנ א קאָמפּאַס, וואָס מיט דעמ קאָמפּאַס קענ מענ קיינמאָל ניט פאַרבלאָנזשעט ווערנ" (3־טע גרופע).

„איכ האָב אויסגעכאָוועט א קעלבעלע. איז געוואָרנ א גרויסע קו. די קו, אז זי איז אַלט געוואָרנ 3 יאָר, האָט זי אופגעגעסנ א גרעזל אונ איז געשטאָרבנ. אונ מע האָט מיר געמאכט אנ אָפעראַציע אָפ אנ האַנט" (4־טע גרופע).

בעערעכדיקע אנאַליז־סכעמע.

שליסנדיק דערווייל די טעמע „אופזאץ אינ ליטעראַרישע שאַפונג"[1]) מאכנ מיר נאָכאמאָל אופמערקזאַמ אָפ דער נייטיקייט צו היטנ אונ צו זאַמלענ די פּראָדוקטנ פונ קינדערשנ אונ יוגנטלעכנ וואָרט־שאַפנ. ס'גייט דערצו, אז אויכ מיר זאָלנ זיכ דערמיט אָנהייבנ ערנסט פאַר־נעמענ צוליב פאַרשיידענע פעדאָלאָגיש־פעדאַגאָגישע אונ לינגוויסטיש־ליטעראַרישע צילנ.

דערצו קענ צונוצ קומענ אזא סכעמע.

[1]) כ'האָב בא זיכ איצט פיל פאַרשיידנערליי קינדערשע אונ יוגנטלעכע אַרבעטנ, וואָס א טייל האָב איכ אויסגענוצט פאַר דעמ איצטיקנ בוכ. פאַראַנ דאָ געוויינלעכע שול־אַרבעטנ (פונ 2 ביז 7 גר.) די מערהייט — פאַרגעבנ לויט מיינע אָנווייזונגענ. לויט אָט די אַרבעטנ וואָלט איכ געקענט ברענגענ נאָכ א גאַנצ צעטל פּראָבעס וואָס שייכ צו אופזאַצ. כ'טו עס איצט ניט, ווייל דער מאַטעריאַל איז דאָ ניט גענוג אָפ מאכנ שוינ גאָר גענויע אונ ענדגילטיקע אויספירנ.

בעערעכדיקע אנאליזסכעמע פונ קינדער־שאַפנ.

א. ווער איז דער אוטער (אווטערס).

1. גרופע (די שול) 2. אווטער (אווטערס) 3. עלטער 4. געשלעכט. 5. סאָציאַלע לאַגע פונ די עלטערנ, בילדונג.

ב. וויפל האָט געדויערט צו שרײַבנ די ארבעט.

ג. ציל אונ באדינגונגענ באמ שרײַבנ.

1. צי איז דאָס שרײַבנ געווענ געבונדנ מיט דער גאנצער שול־ארבעט אָדער אויפגעקומענ „פונ זיך". 2. וויאזוי האָט מענ געשריבנ די ארבעט: פראָנטאל, רינגענ־וויז, אינדיווידועל. 3. פלאנ (מיט אָדער אָנ א פלאנ). 4. דידאקטישער מאטעריאל (מעקוירימ, געמעלנ א. א.).

ד. אלגעמײנער אינהאלט.

1. טעמע (קעפל). לײַטמאָטיוו אונ בײַמאָטיוו. אפ דער טעמע אָדער ניט אפ דער טעמע. 2. פאורנעמ. וויפל פראזעס (זאצנ) אינ אויפזאצ. וויפל ווערטער אינ אויפזאצ.

ה. אלגעמײנע פאָרמ אונ קאָמפאָזיציע.

1. פאָרמ פונ ווערק: דערציילונג, ליד, בריוו א. א. 2. גרונט־טאָנ: הומאָריסטיש, סענטימענטאל, ראָמאנטיש א. א.

ו. אויסדרוק־מיטלענ.

1. בילדלעכקײַט. 2. ריטמיש־מעטרישע מאָמענטנ. קלאנגענמאָלערישקײַט, 3. וויפל אונ אוואָסערע מעטאפערעס, עפיטעטנ, פארגלײַכונגענ א. א. 4. נײַבילדונגענ, אָרטיקע ווערטער, פראָפעסיאָנאליזמענ א. א.

ז. גראמאטיש־סטיליסטישע מאָמענטנ.

1. וויפל טובסטאנטיווג, אדיעקטיווג, אדווערבנ, ווערבנ, פרעפאָזיציעס אונ בינד־ווערטער. 2. אומריכטיקע פאָרמעס אינ וואָרטבילדונג. 3. קאָנסטרוקציע פונ פראזע — קורצ, פעריאָדיש, אײַנפאכ צי צונויפגעזעצט. גרײַזנ אפ אײַנפאכע אונ צונויפגעזעצטע קאָנסטרוקציעס. 4. זאצנ־באהעפט (קאָניונקציעס, קאָניוקטיווג, אָנ באהעפט־וואָרט). וואָסערע פאלנ אָפטער. 5. מיטשטימונג. צעשטערטע מיטשטימונג. גרײַזנ אפ מיטשטימונג. 6. וואָרטשטעלונג. ווו נאָרמאל, ווו אינווערסירט. גרײַזנ אפ וואָרטשטעלונג [1].

---

[1] אגעפ. בלאָנסקי גיט, אשטייגער, אזעלכע דיסקאָנטיר־אָנגאבנ פארנ קינדערשנ אויפזאצ („גרונטנ פונ פעדאגאָגיק"): א) צאָל פראזעס (זאצנ) באצייכנט דעמ סכומ געדאנקענ. ב) דורכשניטלעכער סכומ ווערטער — אינהאלטלעכקײַט פונ געדאנק. ג) % אדיעקטיווג — מיפקײַט פונ אייגנשאפט-אנאליז. ד) מעריאָביקע אונ קעריקע פראָנאָמענ — סוביעקטיווקײַט. ה) % קעגנוואָרט־ווערבנ — קאָנצענטרירקײַט אפ קעגנוואָרט. % פארגאנגענהײַט־ווערבנ — רײַכקײַט פונ פריערדיקער דערפארונג אינ דעעינערונגענ. (% קאָאָרדיבירקע קינדווערטער — געבונדנקײַט פונ געדאנק (פונקציאָנעלער דענקענ) א. א. וו.

אָט־די סכעמע איז, געווײַנלעכ, צו אנ אלגעמײנע אונ קענ ביקלאל ניט אלעמאָל ביילאנ — ניט שטענדיק איז דער סכומ ווערטער א סימענ פונ אינהאלטלעכקײַט אונ אזא פונקט ווי „ה" איז קיינ רײַנע ניט, ווענ מע בעמט אינ אכט די דערשײַנונג פונ מאָלערישער פערזאָנפאָרמע (נע פריער).

נאָכוואָרט

ס'איז נייטיק אָפּמערקנ צומ סאָפ א פּאָר מאָמענטנ.

1) „שפּראַכקולטור" איז אָפּגעגעבנ צומ דרוק נאָכ פּאַראיאָרנ. פאַר אָט־דער צײַט איז מיר, געווייִנטלעכ, צוגעקומענ נײַער מאַטעריאַל, וואָס עטוואָס האָב איכ טאַקע צוגעגעבנ, אָפּ וויפל ס'איז נאָכ מעגלעכ געווענ שוינ בעשאַסנ דרוקנ. דער בוכ, מיינ איכ, איז איצט נייטיק אונ וויכטיק אויכ „אַזוי ווי ער איז".

2) אינ אָט־דער אַרבעט האָב איכ געשטרעבט צו זײַנ „אָפּ דער הייכ" פונ אונדזערע נײַסטע פאָדערונגענ. געוויס האָט זיכ עס מיר ניט אומעטומ אײַנגעגעבנ. איז דאָכ נאָכ גאַנצ יונג די מאַרקסיסטישע מעטאָדאָלאָגיע אונ מעטאָדיק אינ שפּראַכגעביט. פאָרמירנ מיר דאָכ אקאָרשט איצט דעמ טאַכ אונ פאַרנעמ, די סיסטעמ „שפּראַכקולטור" באַ פולער פּאָליטעכניזאַציע פונ אונדזער „שול אונ לעבנ".

3) כ'וויל גלײַכ אָפּמערקנ א גרונט־פעלער, וואָס האָט זיכ מיר געוואָרפנ אינ די אויגנ אינ ערשטנ אָפּגעדרוקטנ בויגנ. אינ ערשטנ קאַפּיטל („ערשטע קינדערשע רייד־אַנזאַמלונג") ווערט לעגאַבע די ערשטע רייד־עטאַפּנ דערמאַנט נאָכ וועגנ „רעפלעקסנ", רעפלעקטאָרישנ פּראָצעס", וואָס קענ צעשטערנ דעמ ריכטיקנ מיינ, וואָס איז אינ גאַנצנ קאַפּיטל פאַראַנ (דאָס סאָציאַל־קלאַסעווע, דאָס שפּראַכלעכ־באַוווסטזיניקע — „שפּראַכ איז פּראַקטישער באַוווסטזײַנ — „נעמט אַראָפּ" אינ גרונט אויכ דאָס ביאָלאָגיש־רעפלעקטאָרישע).

4) אינ בוכ זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, ניט אויסגעמיטנ קיינ דרוקפעלערנ. פאַראַנ א פּאָר צעקריפּלטע שטעלנ (אשטייגער, דער אָפּזאַצ „איז בעשאַס" ז. 25). די ציפער־שטעלונג — ניט אומעטומ אויסגעהאַלטנ: אָפּ ז. 19, אשטייגער, דאַרפ אינ דער קינדערשער לעקסיק דער „2" קומענ באַ „דער סאַמאָוואַר ווייִנט", אָפּ ז. 15 אונ 20 ווערט־„וואָרטבילדונג" אונ „וואָרטבאַהעפט" אָנגעגעבנ (מיט קעפּל, נומעראַציע) ווי באַזונדערע קאַפּיטלענ (II, III), האַגאַמ ס'איז אײַנגאַנצנ שײַעכ צומ קאַפּיטל וועגנ קינדערשע רייד, אונ דערפונ שוינ זײַנענ ווײַטער גרײַזיק נומערירט די קאַפּיטלענ שמועס, דערציילונג, טעכניק פונ מינדלעכע רייד (אַלזאָ, ניט IV, V, VI נאָר II, III, IV).

א. ספיוואק.

אָדעס, יולי 1931.